This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

2

1973

היימלאַנד

סאָוועטיש
היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

2

פעברואַר

1973

אינהאַלט

זײַט

אַרן ווערגעליס. בריוו פון אייראָפּע (אָקטיאָבער — נאָיאַבער 1972) 3
כאַיִם מעלאַמוד. קאַלטס און וואַרעמס (ראָמאַן. פאָר־זעצונג) . . . . , ... 22
אַווראָם גאָנטאַר. איך הער דאָס מיט דער רײַע (לידער) 74
יוסעף ראַבין. אַזוי איז עס געווען (דערציילונגען) 77
שלוימע רויטמאַן. דער פאַרקישעפטער טראָמפּייט. — נאָכן געוויטער (לידער) 98
הערש רעמעניק. שלוימע רויטמאַן (צו זײַן 60־טן געבוירנטאָג) 100
דאָרע כײַקינע. איך פּיל דעם פרילינג... (לידער) . 103
שירע גאָרשמאַן. נאָך דער מילכאָמע. — א יאַפּאַנישער שירעם. — אַזוי אומדערוואַרט (דערציילונגען) 105

אונדזערע פּובליקאַציעס

מאָטל גרוביאַן. צו דער צוקונפט (לידער) . . . 116
שמועל האַלקין. מײַן אויטאָביאָגראַפיע 122
שיקע דריז. לעבן זאָל עס... (לידער) 130

טריבונע פון לעבן

כאַיִם מאַלטינסקי. אין וועג 133

פּיניע פּלאָטקין. פון אַלטן העפט. — „מיר גייען שוין די צווייטע נאַכט...” (לידער) 151
אַף די שפּורן פון געשעענעס. ב. מאַסלאָוו. א מאָטאָנע־אויפשריפט אַף א בוך; י. קראָטשעק. ציליע איסײַעוועס לעבנס־געשיכטע; נ. נאַומאָוו. דער דרײַלינג 152
מאַקס פּאָליאַנאָווסקי. באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן 160
מענדל גאָלדמאַן. צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם סטאַלינגראַדער זיג (ליד); מיט די אויגן פון א ביאַליסטאָקער (אָפּרוף אַף א קאָמענטאַר פון רעדאַקציע) . 168

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע.
פראַגן פון קונסט

אַרן ראַסקין. א נייטיק בוך 171
פרידע ראַסקין. שוואַרץ און ווײַס (וועגן מ. גאָרשמאַנס ליטאָגראַפיעס „טעוויע דער מילכיקער”) . . . 175
אונדזערע מיטיילונגען. יִסראָעל קאָוועלמאַן. ביבלישע און אַפּאָקריטישע סוזשעטן אין דער רוסישער דראַמאַטורגיע 177
קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 181
פאַרשיידנס 182
י. גינעווסקי. פון אייביקן קוואַל (שפּריכווערטער וועגן פרײַנטשאַפט) 184
כראָניק 159, 170, 174, 180, 185
פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 186
נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 188
מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן יִדישער שפּראַך . 190
לאָמיר זינגען נײַע לידער. נאַרעלע. ווערטער פון אַווראָם גאָנטאַר, מוזיק פון לייב בירנאָוו 192

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נאָטע לוריע,
מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

ארן ווערגעליס

בריוו פון אייראָפּע

(אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1972)

ערשטער בריוו

אויב זיך באַגיין אָן די שוין דערעסן געוואָרענע רײַזע־ראָמאַנטיזירונגען, קאָן מען שילדערן די זאַך גאַנץ פּאַשעט.

האַלב אַכט אַזייגער אינדערפרי בין איך צוזאַמען מיט מײַן פרוי אַרויס פון אונדזער וווינונג אויף קראַסנאַיאַ פּרעסניאַ, אין מאָסקווע. מיר זײַנען צוגעפאָרן אין אַעראָפּאָרט שערעמעטיעוואָ, און נאָך דעם, ווי מיר האָבן דאָרט אויסגעטרונקען צו טעפּעלעך קאַווע, האָב איך ניט געײַלט פאַרנומען אָן אָרט אין אַן אַעראָפּלאַן „איל־62". דאָרט האָב איך, ווי טאָמיד אין דער צײַט, דורכגעבלעטערט אַ פּאָר צײַטונגען און אָפּגעגעסן פרישטיק. פאַרענדיקט עסן און נאָך ניט באַוויזן ווי עס געהער צו זײַן זיך דורכשמועסן מיט מײַן שאָכן וועגן די טאָג־נײַעס, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַעראָפּלאַן איז שוין אַריבערגעפלויגן פון מאָסקווע קיין זשענעווע און אַז אין דער שווייץ איז איצט אָן פינף מינוט עלף, מיט צוויי שאָ ווייניקער, איידער אין מאָסקווע. באַם אַרויסגאַנג פונעם אַעראָפּלאַן האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ כאַווער, מיט וועלכן איך האָב זיך באַפרײַנדעט בײַס מײַן פאָריקן באַזוך אין דער שווייץ, און פירנדיק מיך פונעם אַעראָפּאָרט קיין זשענעווע, האָט ער געזאָגט, אַז העיויס הײַנט איז שאַבעס ווען אין דער שווייץ, פּונקט ווי אומעטום, רוט מען, און ווײַל אַ צימער איז פאַר מיר שוין פאַרגרייט אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט באַ

דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, — וועט ער אַליין אָפּפירן אַהין מײַן טשעמאָדאַן, און איך, אויב איך האָב כיישעק, קאָן אָן שום מעניעס אַרויס פון דער מאַשין און זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן באַ דער זשענעווער אָזערע, אויף דער „ברעג־גאַס פונעם פּרעזידענט ווילסאָן".

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן, און איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס איך וואָלט אָט דעם בריוו מײַנעם געקאָנט אָנהייבן מיט די ווערטער:

אַרויסגעגאַנגען אין מאָסקווע אויף קראַסנאַיאַ פּרעסניאַ, בין איך אַוועק שפּאַצירן אין זשענעווע באַ דער זשענעווער אָזערע...

לאַנג האָב איך באַ דער אָזערע זיך ניט פאַרהאַלטן. מײַסע זשענעווער טוישעוו, האָב איך אָן אַ וועגווײַזער זיך אַוועקגעלאָזט „אַהיים". קוקנדיק מיט געמאַכטן גלײַכגילט אויף דעם ביז צום דעק דורכגעבלויטן וואַסער, וואָס האָט זיך שטיל און ברייט געצויגן אויף רעכטס פון מיר, בין איך פּאַמעלעכקע געגאַנגען פאַרבײַ וועלט־באַרימטע פּאַלאַצן: דעם „האָטעל פּרעזידענט" (אין 1919 האָט דער פּרעזידענט ווילסאָן אײַנגעשאַפן די דאָזיקע געבײַדע פאַר דער „פעלקער־ליגע"), דעם מײַסעדיק דעקאָרירטן קאַפעהויז „דער קאָטער אין שטיוול", דעם רעספּעקטאַבעלן „האָטעל דע ריוו" („ברעג־האָטעל"). צוקומענדיק צום אַלטן סקווער „מאָן רעפּאָ" („מײַן אָפּרו") האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, ניט זײַענדיק אימשטאַנד אים פאַרבײַצוגיין דערעכאַגעוודיק. פאַראַיאָרן, ווען איך בין געווען אין זשענעווע דאָס ערשטע מאָל, האָב איך געוווינט אין האָטעל מיטן זעלבן נאָמען — „מאָן רעפּאָ" — אַנטקעגנאיבער דעם סקווער. מײַנער אַ באַקאַנטער — ער איז אַ צײַט געווען איינער

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 4, 5, 6, 8 פאַרן 1971 יאָר.

פון די ראטגעבער פונעם זשענעווער מוניציפאַליטעט — האָט, זיצנדיק בא מיר אין צימער באם אָפענעם פענצטער, באוויזן מיט דער האנט אף די צעצווײַגטע פלאטאנען, וועלכע שאפן עטלעכע גוט־פארשאָטנטע אלייען בא דער סאָמע אָזערע, און דערציילט וועגן זײַנער א ניט־באפרידיקטער שטאדלאָנעס פאר דער שטאָט־פארוואלטונג וועגן אָנרופן דעם סקווער אף לעונינס נאָמען:

— לעונין האָט ליב געהאט ארומשפאצירן אין „מאָן־רעפאָ". לאָמיר אהין אראָפגיין... בא אײַך איז קימאט אין יעדער שטאָט פאראן א פארק פאר קולטור און אָפרו אף לעונינס נאָמען. בא אונדז וועט אויך קומען פאר דעם די צײַט!

גייענדיק ווײַטער, שנײַד איך דורך די רוישיקע ריו דע לאָזאן, קום ארויס אף אווענױ דע פראנס, ווו אפן ראָג טיילט זיך אויס דער געמיטלעכער, יאָמטעוודיק־פײַערלעכער (מיט פענער באם ארײַנגאנג) „רעזידאנס האָטעל דע פראנס" — א פאנסיאָנאט פאר פארמעגלעכע מישפאָכעס. אָפגעווײַטערט פון דער גאס, הינטער אקוראטע פלויטן, זעען זיך ארויס, איינער לעבן אנדערן, א זאוואָד און א פריוואטער קאָלעדזש. און אָט איז שוין פלאס דע נאסיאָן, און אף אים, פונקט אנטקעגן מיר — דער פאלאץ פון די נאציעס, וועלכן מע רופט דאָ היימיש פאלע. אין 1936 איז אהער אריבערגעפאָרן פונעם ווילסאָן־פאלאץ די „פעלקער־ליגע". איצט געפינט זיך אין פאלע די אייראָפעיִשע אָפטיילונג פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס. פונדאנען ביז דער רעזידענץ פון דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאפט איז שוין מיט דער האנט צו דערלאנגען. איך פארקערעווע אף לינקס פונעם פאלע, אף דער אווענױ דע ליא פע, און עס לויפט מיר אנטקעגן א מענטש.

— שאָלעם אלייכעם, איך האָב בא זיך געפויעלט, אז ס'איז בעסער צוווארטן אף אײַך בא דער פאָרטקע, איידער אין וועסטיביול באם דעזשורנע, ווײַל דורכגיין דורך דער קאליטקע מוז מען, און דעם דעזשורנע קאָן מען אויסמײַדן...

— איר האָט קיין טאָעס ניט? עפשער האָט איר מיך מיט עמעצן איבערגעפלאָנטערט?

— כאסוועכאָלילע! איך בין געקומען אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאפט מיקויעך א פלאן, וויאַזוי זיך דערשלאָגן, אז די ייִסראָעלמעדינע זאָל ווערן א ביסל לײַטישער, באדאכטער. איך גיי ארום און זוך, מיט וועמען זיך דורכצושמועסן, ערשט עס קומט מיר אנטקעגן א רוס מיט א טשעמאָדאנדל אין האנט. ווײַזט אויס, ערשט פון מאָסקווע. דערהערט, וועגן וואָס איך קלײַב זיך מיט אים ריידן, האָט ער מיר געזאָגט, אז וועגן אזעלכע זאכן איז בעסער זיך אָן אייצע האלטן מיט אײַך, און אז איר וועט אָן ערעך אין א שאָ ארום קומען פונעם אעראָפאָרט...

— ווער זײַנט איר, כאווער?

בא די דאָזיקע ווערטער מײַנע האָט דער ייִד מיטאמאָל זיך צעוויינט. דאָס האָט מיך געצווונגען א קוק טאָן אף אים אופמערקזאמער, און איך האָב דערזען א מיטלוווקסיקן ניט ראָזירטן, שטארק אויסגעמאטערטן מאנצבל מיט רויטע, פון ניט דערשלאָפן, אויגן, מיט טונקלגרויע זעקעלעך אונטער די אויגן. א שיוורעקיילע. אין זײַן הוילעך האָט זיך געפילט, אז ער האָט, ווי מע זאָגט, זיך אָפגעלאָזט, ווײַל אפילע ווען ער זאָל זײַן דער גרעסטער קאפצן, איז עס ניט קיין סיבע צו פארבינדן מיט א קורץ שטריקל די שטיבלעטן בלויז דורך די אייבערשטע לעכלעך, מע קאָן געפינען א לענגער שטריקל און ארײַנשנורעווען עס אין אלע לעכלעך; אויך צונייען א קנעפל, אויסשווענקען א העמדל קאָן דער גרעסטער אָרעמאן. באזונדערס בין איך געוואָרן נײַגעריק, ווען דער אומבאקאנטער האָט צעשפיליעט דעם פידזשאק אף ארויסצונעמען פון דער זײַט־קעשענע עפעס א פאפיר, און כ'האָב אפן אונטערשלאק דערזען די פאבריק־מארקע „באָלשעוויטשקא".

— ווער זײַנט איר, כאווער? — האָב איך נאָכאמאָל געפרעגט.

דער ייִד האָט מיר דערלאנגט דעם פאפיר און גענומען ריידן אף רוסיש, מיט א „מײַרעוודיקן אקצענט", גיך־גיך, פארכלינענדיק זיך אזש:

— דאָס ערשטע מאָל פאר אָט די זיבן כאדאָשים הער איך, מע זאָל מיך אָנרופן „כאווער". איינמאָל בין איך פארנאכטלעך, קיינער פון די ציִעניסטן זאָל ניט זען, ארײַנגעקומען אין דעם הויז, ווו עס קלײַבן זיך צונויף די קאָמוניסטן, און דאָרט, מיינט איר, האָט מען מיך אָנגענומען פאר א כאווער?

ער האָט מיר ארײַנגעשעפטשעט אין אויער ארײַן:

— איך אליין רוף זיך איצט אויך ניט אָן מיטן נאָמען „כאווער". גלאָמפ! — שרײַ איך צו זיך. — מענוול! דיעשאָווקע! ספעקוליאנט! פערעבעזשטשיק!

די זידלווערטער האָט ער וואָס ווײַטער אלץ מער גענומען אויסשרײַען, און מיט אזויפיל האַרץ, אז פארבײַגייער — אָנגעשטעלטע אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאפט — האָבן זיך פארהאלטן אף א מינוט, און אויך מײַן כאווער, וואָס האָט מיך באגעגנט אין אעראָפאָרט, איז ארויס זיך דערוויסן, צי דער אומבאקאנטער פאלט ניט אָן אף מיר. דערווײַל האָב איך אויסגעלייענט אינעם פאפיר, אז יאקאָוו יעווסייעוויטש ברוידע איז ארויסגעפאָרן פון ליטע קיין ייִסראָעל און ער פאלט איצט אף די קני פארן

סאָוועטישן לאנד, מע זאָל אים צוריק אַרײַנלאָזן. די באַקאָשע איז אַדרעסירט דעם פּאָרשטייער פון פסר בא דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס.

דער ייִד שטופּט פון זיך אָפּ דעם פּאַפּיר, וואָס איך וויל אים אומקערן:

— זאָגט מיר ניט אָפּ. א ליגנדיקן שלאָגט מען ניט...

— וואָס, ווילט איר, זאָל איך טאָן?

— גיט אָפּ דעם בריוו מיט אײַערע הענט און וואַרפט אַרײַן א פּאָר ווערטער. איך זאָג אײַך אָן שום גוזמע: איך אליין האָב שוין ניט די ווערט א מעשענעם פּיאַטאַק. אַלציינס וועל איך עס ניט איבערטראָגן. נאָר די קינדער... צוויי קינדער... דאָס ווײַב איז אין ייִסראָעל געשטאָרבן!..

— הערט אויף צו וויינען. אײַער בריוו וועט, נאַטירלעך, איבערגעגעבן ווערן. נאָר דער איניען נייטיקט זיך ניט אין ספּעציִעלער שטאַדלאָנעס. עס גייט אין פּרינציפּ: זײַענדיק באַם פולן זינען, האָט איר אָפּגעגעבן דעם סאָוועטישן פּאַס, באַליידיקט די ווירדע פון אונדזער לאַנד...

— יאָ, טויזנט מאָל גערעכט...

— איז וואָס אײַלט איר זיך אַזוי? פריִער האָט איר געשריגן: לאָזט מיך אַרויס! גיכער, גיכער! איצט שרײַט איר: גיכער! לאָזט מיך אַרײַן!.. וואָס אַזוינס איז געשען?

— טײַערער כאַווער, געשען איז דאָס, וואָס די אליִא איז אַרויס באָקאָם. א גרויסער בלאָף! מע דאַרף שרײַען גוואַלד! אַלע טויזנטער מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעפאָרן, ווילן צוריק זיך אומקערן...

— איר טרײַבט איבער. ניט ווייניק אַקלימאַטיזירן זיך דאָרטן.

— עס אַקלימאַטיזירן זיך די געקומענע צו קרויווים... און ניט אַלע. עס אַקלימאַטיזירן זיך, קלוימערשט, יענע, ווער עס האָט געשפּילט מיט דער סאָוועטנמאַכט א פינצטערן צולאָכעס, און איצט האָבן זיי קיין אַנדער ברײרע ניט... און בעמיילע, עס האַלט זיך פאַר אַקלימאַטיזירט אַזא בריִע, וואָס האָט שוין באַוויזן אַריבער צו די ציִעניסטן. די דאָזיקע קאַטעגאָריע וועט נאָך וויינען, וואַרט צו...

— אָט דאָס זאָג איך טאַקע: וואַרט צו. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעשוגאַס, האָט מען אײַך אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט איין מאָל געוואָרנט און געייצעט: אײַלט זיך ניט. און איצט דאַרף מען ווידער צוּוואַרטן: מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן...

— איר קאָנט וואַרטן, כאַווער. אָבער מײַן צײַט האָט זיך שוין פאַרענדיקט.

ער האָט דערציילט, אַז אין דער בורזשואַזער ליטע האָט ער זיך דערצויגן אין א ציִעניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און דעם אידעאַל וועגן ערעץ־ייִסראָעל האָט ער פאַרהיט... ביז קומען קיין ייִסראָעל. די לעבנס־דערפאַרונג האָט אים איצט אונטערגעזאָגט דעם פּלאַן, וויִאַזוי זיך דערשלאָגן, אַז ייִסראָעל „זאָל ווערן לײַטישער", מיט וועלכן ער איז הײַנט געקומען צו לויפן אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט בא דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס. עמעס, ער לייקנט ניט, אַז מיטן קומען אַהער האָט ער בעדייע דורכצופירן זײַן אייגענעם פּלאַן: זיך אומקערן צוריק אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער אויך דער אַלגעמיינער פּלאַן איז, זאָגט ער, א פּלאַן. —

די פּראַקטיק פאַר די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז א סאָוועטישער ייִד, וואָס לעבט אָפּ א געוויסע צײַט אין ייִסראָעל, „וועט פריִער אָדער שפּעטער ווערן געשטימט נאָך מער סאָוועטיש איידער ביזן אַרויספאָרן". דאָס, וואָס ער ווייסט שוין, וויִאַזוי עס לעבט זיך באַם סאָציִאַליזם, און אויך זײַן ביטערע דערפאַרונג פונעם קאַפּיטאַליסטישן אַרט לעבן, איבערהויפּט די אַנטוישונג אין די ציִעניסטישע פּאַראָנדקעס, — „דאָס אַלץ מאַכט פונעם געוועזענעם סאָוועטישן ייִדן א קעמפער פאַר א בעסער ייִסראָעל". צוזענדיק דאָס, איז דער אַמאָליקער יונגער ציִעניסט געקומען צום געדאַנק, אַז אויב קיין ייִסראָעל וועלן קומען נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט עמיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלן זיי ביסלעכווײַז „איבערמאַכן די מעדינע". ער האָט מיך געפרעגט מיט גרויס אופריכטיקײַט:

— זאָגט אליין, אויב א מענטש פאַרמאָגט אַזא פּלאַן, האָט דען ניט די ווערט אים דערלויבן זיך אומקערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי ער זאָל דעם פּלאַן ברענגען פאַר דער אָנפירונג? הא?

איך האָב געענטפערט:

— איך מיין, אַז אויב א מענטש האָט אַזא פּלאַן, דאַרף ער, לעכאָלהאָפּאָכעס, זײַענדיק שוין אין ייִסראָעל, באַווײַזן, וויִאַזוי דער פּלאַן ווערט פאַרווירקלעכט אין דער פּראַקטיק.

דער ייִד האָט א קוק געטאָן אַף מיר פּײַנטלעך:

— פּאָקאָרנאָ בלאַגאָדאַריו. איך בין אין ייִסראָעל שוין געוועזן. זאָלן איצט פאָרן אַנדערע.

...איך וועל אײַך ניט גיין דערציילן, וואָס ווײַטער איז צווישן מיר און דעם אימיגראַנט פאָרגעקומען, ס'איז אַזוי אויך קלאָר. איצט זיץ איך שוין אין צימער, ווו איך וועל וווינען עטלעכע טעג בייס מײַן דורכפאָרן זשענעווע אַפּן וועג קיין רוים. לעבן דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט, אַף א בערגל, בויט זיך א נײַע געבײַדע פאַר דער „צווישנפעלקערלעכער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט". און, זעט איר, האַגאַם

ס'איז שאַבעס, און אָפּרו־טאָג, ווערט דאָ די אַרבעט ניט איבערגעריסן. איך הער זיך צו, וויאַזוי באַ די הייב־קראַנען רופן זיך איבער די בויער. באַ מיר, אין ערשט־געקומענעם פון אַן אַנדער שפּראַך־סוויווע, קלינגען פונדערווײַטן די דיאַלאָגן אַזוי, פּונקט ווי דאָרט וואָלטן עטלעכע מענטשן דעקלאַמירט א פראַנצויזישן טעקסט.

צווייטער בריוו

פון דער אוועניו דע ליאַ פּע צום צענטער פון דער שטאָט קאָן מען גיין פאַרבײַ דעם באַטאַנישן סאָד — א גאַנײַדנדיק ווינקעלע מיט אומגלייבלעך צעוואַקסענע און אומגלייבלעך הויכע ביימער, אייניקע פון זיי האָבן בלעטער פון אומגלייבלעכע קאָלירן. אויף די אויסגעכאַליעטע העלגרינע לאָנקעס שטייען גרינע בענק, טונקעלרע איידער די לאָנקעס.

הײַנט האָב איך זיך צוגעזעצט אויף איינער אַזאַ באַנק לעבן א באַיאָרטן מאַן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען מײַן ייִדיש און אַליין גערעדט אַזאַ דײַטש, אַז איך האָב אים אויך גרינג פאַרשטאַנען. ער איז געקומען פון ציריך צו דער טאָכטער, וועלכע וווינט אין זשענעווע און איז איצט אין די הויכע כאַדאָשים. לעבן אַרײַנגאַנג אין באָטאַנישן סאָד שטייט זײַן אויטאָמאָביל. ער איז א באַאַמטער אין „שווייצאַרישן קרעדיט־באַנק”, איינעם פון די „פיר גרויסע”, — די זײַלן פון דער ביז גאָר אימפּאָזאַנטער שווייצאַרישער פינאַנץ־אימפּעריע. ס'איז אָנגענומען, אַז באַנק־באַאַמטע אין דער שווייץ מוזן זײַן שטאַרק אײַנגעהאַלטן אין די רייד, דאָס ווערטל „שווײַגן איז גאָלד” איז אָנגעמאָסטן פּונקט צו זיי. דער באַיאָרטער מאַן איז אָבער באַריידעוודיק. עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער איז איצט ניט אויף דער אַרבעט און געפינט זיך אַפילו אין אַן אַנדער שטאָט, דערבײַ איז דאָס געמיט באַ אים א ביסל צערודערט פון דערוואַרטונג — וואָס די קימפּעטאָרן וועט אים הײַנט־מאָרגן אונטערטראָגן. צי עפּשער שטאַמט זײַן באַריידעוודיקײַט פון דעם, וואָס אין דער פאַרגאַנגענהײַט איז ער א זשורנאַליסט, דערצו נאָך א מיטאַרבעטער פון א סאָציאַלער בלאַט מיט א סאָציאַליסטישן פּראָפיל, און אויך איצט האָט ער פאַרהיט די טעווע צו גריבלען זיך אין פּראָבלעמען, זוכן אַן ענטפער אויף טאָג־פראַגן.

אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר זיצנדיק מיט מיר אויף דער סאָד־באַנק, האָט דער באַיאָרטער מאַן מיר דערציילט א שלאַל ציקאַווע זאַכן. אין טאָך גענומען, האָט אין די רייד זײַנע זיך געפילט, אַז ער איז ניט נאָר א מייוון אויף דער פינאַנץ־אימפּעריע, ווו ער איז איינס פון די שרײַפּעלעך אין דער מאַשין, נאָר ער גלייבט אין דעם, אַז זי, אָט די אימפּעריע, איז מעכטיקער און העכער פונעם מאָנבלאַן אַליין. רעדנדיק וועגן דער שווייץ, האָט ער מאַמעש געשאָטן מיט עפּיטעטן. דאָס קליינע זאַטע לענדעלע רופט ער אָן „שפּאַר־פּושקע פון דער וועלט”, „הויפּט־מאַרק פון גאָלד”, „א לאַנד א ראַנטיע”. וועגן דער באַנהאָפשטראַסע אין ציריך, ווו עס שטייען די גרויסע בענק, זאָגט ער, אַז זי איז א „מיט גאָלד געפּלאַסטערטע גאַס”. איך, פון מײַן זײַט, האָב זיך דערמאָנט, וויאַזוי, קומענדיק דאָס ערשטע מאָל אויף דער באַנהאָפשטראַסע, בין איך געבליבן שטיין אַנטוישט, ווײַל כ'האָב ניט געפונען אַפילו קיין אָנדײַט אויף דער גרויזאַמער מאַיעסטעטישקײַט פון א סיטי אָדער וואָל־סטריט. אָנשטאָט וואָלקנקראַצערס מיט קאַלטן שטאָל־ און מאַרמאָר־גלאַנץ האָב איך דערזען צוגעקייטלטע איינער צום צווייטן מאַסיווע, שטרענגע מויערן פון א פּאָמפּעז־פּאַרעלטערטן סטיל. אין די נידעריקע שטאָקן זײַנען טיר־און־פענצטער הערמעטיש פאַרהאַנגען און פאַרפּראַפט. הינטער זיי, אין די שטילע קאַבינעטן, זיצן די „ציריכער גנאָמען” — אַזוי רופט מען אָן די אַדמיניסטראַטאָרן פון די בענק פאַר זייער געהיימען קויעך און פאַר דער אַנטשיידענער דייע, וואָס זיי האָבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, לעהייפעך דעם אָנשטעל פון אַסקעטישער באַשיידנקײַט.

ווי עס זעט אויס, איז דער באַיאָרטער מאַן, מײַן נײַער באַקאַנטער, פונדעסטוועגן ניט פון די לעצטע שרײַפּעלעך אין דער ציריכער באַנק־מאַשין. א סימען, אַז ער איז אַן אַרײַנגייער אין טיי־סאַלאָן שפּרינגלי, ווו צום „פײַף־אָ־קלאָק” טרעפט זיך „גאַנץ באַנהאָפשטראַסע”, די סמעטענע פון דער גאַס. ווען מע זאָגט אין ציריך וועגן א מענטשן, אַז ער טרינקט טיי באַ שפּרינגלי, באַטײַט עס, אַז ער איז ניט אַבי־וועד.

איך פרעג דעם באַיאָרטן מאַן, צי אויף באַנהאָפשטראַסע איז פאַראַן נאָך עפּעס, אויסער די בענק פּליוס שפּרינגלי. דער באַיאָרטער מאַן ענטפערט:

— אין דער דאָזיקער געגנט קאָסט יעדער קוואַדראַטער מעטער באָדן 30 טויזנט שווייצאַרישע פראַנק. וועט איר פרעגן: וויאַזוי האָבן זיך דאָ ביז איצט פאַרהיט עטלעכע געשעפטן און רעסטאָראַציעס, אויב אַפילו די אַלמעכטיקע פינאַנסיסטן מיט זייערע בענק פאַרנעמען דאָ אַלע צוזאַמען בלויז באַ אָנדערהאַלבן קילאָמעטער פון דער גאַס? איז אָבער וויכטיק צו וויסן אָט וואָס. אין בעיערס זייגער־געשעפט קאָסט א מאָדערנער זייגער גאַנצע 5 טויזנט שווייצאַ־

רישע פראנק! אינעם געשעפט פון שפּילצײַג נעמט מען פאר א ליאלקע 400 פראנק! די יאַטקע פון ענריקאָ קאַריערי פאַרקויפט פלייש אויסשליסלעך אַריסטאָקראַטן פון קיניגלעכן ראנג און „אויך" מיליאַרדערן... יאָ, אַזעלכע עטלעכע געשעפטן זײַנען אַף באַנהאָפשטראַסע פאַרבליבן...

— כ'האָב דאָרט אויך געזען א קירכע...

— די פריימינסטער? דאָס איז די קירכע, וווהין באַנהאָפשטראַסע, אַפּלייגנדיק אין א זײַט דאָס גאָלד, קומט אָפּצוריכטן א טפילע... דאָ שעפּטשעט מען זיך דורך מיט גאָט, אין באַנק — מיטן קליענט...

— וואָס פאַרא סוידעס קאָן מען האָבן מיט א מענטשן, וואָס ברענגט אַרײַן זײַן געלט, מע זאָל עס אָפּהיטן?

— איר פאַרגעסט, אז די שווייץ האָט איר קאַריערע אין דער וועלט אלס הויפּט־מארק פון גאָלד געמאַכט, אין א גרויסער מאָס, אַדאַנק דעם, וואָס די געלט־אָפּעראַציעס זײַנען דאָ פאַרוויקלט אין א געהיימען שלייער, און מע קאָן אַרײַנלייגן און אַרויסנעמען וויפל געלט מע וויל, אַזוי, אז קיין האָן זאָל ניט קרייען.

— צוליב וואָס נייטיקט זיך דער דעפּאָנענט אין א געהיימער אטמאָספער ארום זײַן געלט?

— איך זע, איר זײַנט נאַיוו אין די זאַכן! דעפּאָנענטן זײַנען פאראן פאַרשיידענע. אַמאָל, אין די ווײַטע צײַטן, זײַנען דאָס געווען, למשל, פאַרפאָלגטע הוגענאָטן, שפּעטער אדל־לײַט, אַנטלאָפענע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. מע זאָגט, אז ביז הײַנט געפינען זיך נאָך די קאַפּיטאַלן פון אָט די איכטיאָזאַווערן אין די קעלערס פון שווייצארישע בענק.

— וואָס האָבן דערפון די בענק?

— איר מיינט אוודאי, אז זיי קאָלעקציאָנירן פרעמדע פאַרמעגנס, פאַרבליבענע פון אַמאָליקע צײַטן? ניין! די אָנפאַרטרויטע קאַפּיטאַלן, דאָס גאָלד, צירונג, די ווערט־פּאַפּירן און גיטער, וועלכע זײַנען פאַרבליבן פון פאַרשוווּנדענע קלאַסן און קלאַנען, זײַנען טאָמיד אין אומגאַנג, און דאָס ברענגט אַרײַן קאָלאָסאַלע פּראָפיטן.

— פון שטוב איז, הייסט עס, פאַרטריבן געוואָרן דער פריערדיקער באַלעבאָס און באַם נײַעם איז דער קעלער מיט אַלע זײַנע שפּײַזן פאַרבליבן פאַר די מײַז...

— נו, אויך הײַנט זײַנען פאראן ניט ווייניק „שטיבער", פון וועלכע עס ווערן אַרויסגעטריבן די אַלטע באַלעבאָטים. נעמט כאָטשבי באַטיסטאַן פון קובא, פאַרוקן פון עגיפּטן. דיקטאַטאָרן, פעאָדאַלע הערשער באַהאַלטן זייערע קאַפּיטאַלן אין דער שווייץ. אויך פאַרשיידנערליי געהיימע אָרגאַניזאַציעס, אונטערוועלט־קאָרפּאָראַציעס — אַשטייגער, די אַמעריקאַנער מאַפיע...

— אָבער אַזעלכע, ווי מייער לאַנסקי, כאַפּן זיך סאָפּקאַלסאָף אַרײַן אין קאַפקאַן...

— פונוואַנען האָט איר עס גענומען? דער גאַנגסטער לאַנסקי איז אײנער פון די פאַרטרויטע מענטשן פונעם ציוניזם. קיין ישׂראל איז ער אַנטלאָפן, ווי צו זיך אהיים. און אײַנציִיק פאַרמאָגט ער גענוג פאַרבינדונגען אין די פאַרטונקלטע קאַבינעטן פון די שווייצארישע בענק. איר ווייסט, מיט וואָס מייער לאַנסקי איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער מאַפיע?

— אַדעראַבע, מיט וואָס?

— ער האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע אין דער אונטערוועלט פון פלאָרידע ווי אן אָנגעדונגענער מערדער, און אין דער זעלבער צײַט איז ער געווען א באַנקיר פון דער מאַפיע. נאָך אין יענע יאָרן האָט ער זיך דערטראַכט צום געדאַנק, ווי אַזוי צו רעפאָרמירן די אַמעריקאַנער מאַפיע. דאָס געלט, וואָס זי האָט אָנגעראַבעוועט, דאַרף פאַרזעצן צו צירקולירן אין דער פינאַנציעלער סיסטעם פון רעספּעקטאַבעלע טרעסטן, פירמעס, קאָמפּאַניעס. לאַנסקיס מענטשן זײַנען געוואָרן ביזנעסמענער. מייער לאַנסקי האָט געקאָשערט דאָס אָנגעראַבעוועטע געלט מיט דער הילף פון די שווייצארישע בענק.

— ער פלעגט זיי אונטערקויפן?

— ניין, אַפילו דאָס האָט ער פאַרשפּאָרט צו טאָן. ווען ער פלעגט איבערשיקן מיט אָנפאַרטרויטע קורירערן די גאַנגסטערישע מיליאָנען צו די פינאַנץ־מאַגנאַטן אין דער שווייץ, פלעגן אים צוניץ קומען די צוויי פעסטע קלאָלים פון דעם גרעסטן אין דער וועלט מארק פון גאָלד: ערשטנס, געלט שמעקט ניט; צווייטנס, שווײַגן איז גאָלד. נאָך דעם, ווי דאָס אָנגערויבטע געלט ליגט אָפּ א געוויסע צײַט אַף אן אַנאָנימען דעפּאָזיטיוו אין ציריך אָדער אין זשענעווע, קערט עס זיך אום קיין אַמעריקע, שוין אן אָפּגערייניקטס פון די בלוט־שפּורן — א געקאָשערטס.

— און צווינגען די פינאַנץ־מאַגנאַטן, זיי זאָלן ניט וואָגן אויסבאַהאַלטן געגאַנוועט געלט, — איז מעגלעך?

— אַנומלטן האָט דער אַוטאָר פון דזשיימס באָנד, דער שרײַבער פלעמינג, געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין געהיימען לעבן פון די שווייצארישע בענק, האָט מען אים פון דאָרט געגעבן דעם וועג... די געשיכטע מיט מייער לאַנסקין דערצייל איך אײַך דערפאַר, ווײַל א סאַך מענטשן פאַרשטייען ניט: א באַנדיט, א גאַנגסטער „אַנטלויפט" פון אַמעריקע קיין ישׂראל. אומעטום שרײַבט מען וועגן דעם. ערלעכע מענטשן פּראָטעסטירן, און — ווי אַרבעס אין וואַנט, לאַנסקי האָט א לאַנגע צײַט זיך פּאַשעט אויסגעלאַכט פון דער וועלט. פאַרוואָס? ווײַל צווישן די ציוניסטישע פּראַקטיקעס אין טעל־

אוויוו און די אָפּגעהיטע געהיימניסן אַף באַנהאָפשטראַסע אין ציריך איז פאַרפעסטיקט אַ קאַנאַט, איבער וועלכן דער גאַנגסטער מייער לאַנסקי גייט אַרום, ווי אַ צירק־אַקראַבאַט, ניט באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם פון דער עפנטלעכקייט. ער ווייסט, אַז אין ערגסטן פאַל איז אונטער אים אונטערגעהאַנגען אַן אַמאָרטיזירנדיקע נעץ, וועלכע האַלט זיך אַף די צוויי סטויפּעס: טעל־אוויוו און באַנהאָפשטראַסע.

איך האָב זיך דערמאָנט:

— פליִענדיק אַהער, האָב איך אין עראָפּלאַן געבלעטערט אַן אַלטן זשורנאַל, און דאָרט ווערט באַשריבן די רויב־אַקציע פון אַ באַנדע גאַנגסטערס אין ענגלאַנד, וועלכע האָט אוועקגענומען אַ פורגאָן מיט גאָלד, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן דער פירמע „ראָטשילד און די זין". ניט לאַנג צוריק איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אַ טייל פון אָט דעם גאָלד האָבן די גאַנגסטערס איבערגעפעקלט אין דער שווייץ...

— ס'איז אַ גאַנץ געוויינלעכער פאַל. נאָך איין בײַשפּיל, ווי אַזוי, קעדיי אַ קיצל טאָן דעם לייענער, טוען אָן די צײַטונגען אַ ראָמאַנטישן שלייער אַף דער אומלעגאַלער מאַפּיע. צום באַדויערן, שרײַבט מען קימאַט ניט וועגן דער לעגאַלער מאַפּיע. איך מיין די מיליאָנערסקע קנופּיעס אין פאַרשיידענע לענדער, וועלכע באַהאַלטן אויס אין די שווייצאַרישע בענק זייערע „קניפּלעך", נעבעך, און דאָס העלפט זיי אויסצודרייען זיך פון שטײַערן, אָדער אַ ספּעקולירטאָן ערעוו אַ דעוואַלוואַציע, אָדער ביכלאַל אויסמײַדן אַ בייז־אויג...

דער באַאַרטער מאַן האָט גערעדט מיט אַ מינע פון אַ זײַטיקן איידעס. זייער זעלטן האָט דאָס קאָל זײַנס באַקומען עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין איבעראַשט פון דעם, וואָס ער האָט מיר דאָ דערציילט, און איינצײַטיק כידעשט מיך, וואָס ער לאָזט זיך אַזוי פרײַ ריידן, זײַענדיק אַליין אַ מענטש פון דער ציריכער גאַס, ווו שווײַגן איז גאָלד, האָט ער געענטפערט:

— מעגלעך, אַז אַמאָל וועט זיך עס פאַר מיר שלעכט ענדיקן. איר וועט אָבער אַלץ פאַרשטיין, אויב איך וועל אײַך אופדעקן איינעם אַ פּראַט. אַלע מײַנע אייגענע, אויסער דער טאָכטער זײַנען אין אוישוויץ פאַרגאַזט געוואָרן. דער אַנשלוס האָט אונדז געטראָפן אין עסטרײַך. איצט, צוקוקנדיק זיך צו די פּאַראַנדקעס אַף דער באַנהאָפשטראַסע, סטאַרע איך זיך דערגרונטעווען צום וויכטיקסטן פאַר מיר, נעמלעך צו דער פראַגע, פאַרוואָס ביז הײַנטיקן טאָג איז דאָס אומרעכט אַזוי גרויס, אַז עס ליגן ניט גערירט אין די בענק־קעלערס די פּעטע, אומרייניקע מיליאַרדן, וועלכע עס האָבן אַהין אַרײַנגעטראָגן די היטלערישע באַנדיטן, די געסטאַפּאָ־לײַט, ווען זיי האָבן פאַרשפּילט די מילכאָמע. מאַפּיע איז מאַפּיע, אָבער ניט זי איז דאָס וויכטיקסטע...

דאָס פּאָנעם באַם באַאַרטן מאַן איז אין אָט דער רגע געווען ווי צעטיילט אָפּצווייען. אין דער צײַט, ווען דער אונטערשטער טייל האָט גערעדט און נערוועז זיך געצוקט, האָבן אין אייבערשטן טייל זיך אָפּגעשטעלט די אויגן און דער שטערן האָט זיך נאָך שטײַפער אין זיי אײַנגעשפּאַרט. מיטאַמאָל האָבן די צוויי טיילן, שטאַרק פאַרשיידענע, גענומען פּונקט ווי אײַבערגיסן זיך איינער אין דעם צווייטן און צווישן זיי האָט זיך דורכגעצויגן אַן אומזעבאַרע ליניע, וועלכע האָט זיי ווידער צונויפגענומען אין איין פּאָנעם, שוין אַ באַדאַכטן און פאַרזיכטיקן. דאָס פּאָנעם האָט אַ קוק געטאָן אַנדערש און אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב זיך צעפלאַפלט...

און גלײַך גענומען זיך באַרויִקן:

— נישקאָשע, איר זײַנט אַן אָנגעפּאַרענער, און איר האָט אײַערע אייגענע איניאָנים... די רוסן שטופּן ניט די נאָז אין פרעמדע געשעפטן.

איך האָב געקוקט אַף אים מיט מיטלײַד:

— געשיקט זיך, איז ניט מעגלעך עטוואָס אופהייבן דעם פאַרהאַנג, עפּענען כאָטש אַ שפּאַרונקעלע אין די הערמעטיש־פאַרפּאַפּטע פענצטער פון באַנהאָפשטראַסע? האָט דאָך אין אַמעריקע דער פּראָפעסאָר עלסבערג געפונען אין זיך געוואַגטקייט צו פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע די געהיימע דאָקומענטן פון פּענטאַגאָן...

דער באַאַרטער מאַן האָט אַ לאַך געטאָן:

— ניט לאַנג צוריק האָט געטראָפן אַ ציקאָווער צופאַל, וועלכער האָט שיִער ניט איבערגעקערט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. עפּשער איז אײַך אויסגעקומען צו לייענען וועגן אַדאָלף ווילמסן— ער האָט דאָס גאַנצע לעבן ביז אָט דעם צופאַל זיך פאַרנומען מיט אַרופּצײַען צײַג אַף דיוואַנען, פאָטעלן, שטולן, דערנאָך איז ער אַלפּי־נעס געוואָרן אַ מיליאָנער, און הײַנט זיצט ער מיט זײַן פראַו אין טורמע...

— דערציילט, איך בעט אײַך...

— ווילמסן האָט אָפּגעגליקט! ס'איז צופעליק אים באַוווּסט געוואָרן איינער פון די אַמערסטן אָפּגעהיטע סוידעס — דער קאָד און דער שליסל צו די נומערן פון די דעפּאָנענט־צעטלען אין שווייצאַרישן קאָרפּאָראַציע־באַנק. פאַרשטענדלעך, עס האָט זיך אופגעהויבן אַ טומל: ווילמס האָט געקאָנט יעדער רגע אופדעקן די פאַמיליעס פון די דעפּאָנענטן, וועלכע האָבן אין אַלגעמיין אַרײַנגעלייגט אין באַנק אַ סומע פון 370 מיליאָן שווייצאַרישע פראַנק! וואָס טוט מען?

דער באַאַרטער מאַן האָט שוין פון פריִער פאַרשטאַנען, אַז איך בין „נאָוו אין די זאַכן", דעריבער האָט ער ניט געוואַרט, איך זאָל ענטפערן אַף דער אוועקגעשטעלטער פראַגע.

— מע טוט צוויי זאכן, — האָט ער רויִק פאָרגעזעצט. — פריִער קויפט מען אונטער ווילמסן, קעדיי יענער זאָל זיך ניט כאפן עפעס צו טאָן. דערנאָך זעצט מען ווילמסן ארײַן אין טפיסע.

— גאָר פאָשעט?

— יאָ. פאָשעט. ווילמס האָט, פארשטייט זיך, אויסגעשנאָרעט ניט ווייניק געלט. לעמאָשל, א דעפאָנענט פון אמעריקע, וועלכער איז געווען אָנגעשראָקן, טאָמער דערוויסט מען זיך, אז ער באהאלט אויס פונעם שטײַערן־אמט זײַנע רעוואָכים, האָט ארײַנגערוקט ווילמסן אין יאד ארײַן א גאנצן מיליאָן פראנק! דערזען אזא זאך, האָט ווילמס זיך אײַנגעקלאמערט אין א צווייטן אמעריקאנער מולטימיליאָנער. ער וויל נאָך געלט, און שוין. ס'איז געבליבן, אז עס איז שוין צײַט אײַנזעצן אים אין טפיסע...

— מיט וואָסער אויסרייד?

— מע פארשפארט אים „פאָרלויפיק", קעדיי אויסקלאָרן, פארוואָס, ניט געקוקט אף דעם, וואָס די געשעפטן גייען בא אים שלעכט, באקומט ער פון אויסלאנד גרויסע סומעס געלט... בעשאס ער און זײַן פרוי זײַנען געזעסן אונטערן פאָרלויפיקן ארעסט, האָט די פאָליציי אונטערזוכט זייער הויז און געפונען דאָרט די פאָטאָ־קאָפיע פון די דעפאָנענט־כעזשבוינעס...

איבערגעכאפט א ווײַלע דעם אָטעם, האָט דער באיאָרטער מאן ווידער זיך צעלאכט:

— הא? וואָס וועט איר זאָגן אף דער פאסירונג אין דער שווייצארישער באנק־וועלט? איצט פארשטייט איר שוין, אז פאר וועלן מאכן א שפארונקעלע אין די הערמעטיש־פארפראָפטע פענצטער פון באנקהאָפשטראסע קאָן מען טײַער באצאָלן...

— אויב אזוי, פארשטיי איך ניט אן אנדער זאך. איר ווילט זיך דעביוועט צו די אומריינע מיליארדן, וואָס די נאציס האָבן ארײַנגעלייגט אין די באנק־קעלערן פון דער שווייץ, און אין דער זעלבער צײַט זעט איר ניט קיין אויסוועג...

— קאָן זײַן... קאָן זײַן... — האָט געשטאמלט דער באיאָרטער מאן, — און דערווײַל לאָמיר, ווי עס רעדט זיך, „וועקסלען דעם געשפרעך"...

איך האָב אף אים א קוק געטאָן און זיך שטארק פארוואונדערט, ווײַל אָנשטאָט אפאטיע, אפילע פארצווייפלונג, האָב איך אין זײַן אָנבליק דערשפירט געהיימע — יאָ, יאָ, געהיימע! — האָפענונג און דערמוטיקונג. ווײַטער האָבן מיר עטלעכע מינוט ניט געפירט קיין רעגלמעסיקן שמועס, ווי ביז איצט, נאָר זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער.

ע ר: בא אונדז אין ציריך איז פאראן א קראָם פון אײַז־קאסטנס, הייסט זי „סיביר". דער באלעבאָס פון „סיביר" איז א קאָמוניסט...

א י ך: בא אונדז אין רוסלאנד איז דער באלעבאָס פון סיביר אויך א קאָמוניסט...

אָדער —

ע ר: פון די איטאליענער, וואָס קומען אף ארבעט אין דער שווייץ, איז ניט אויסצוהאלטן.

א י ך: וואָס טוען זיי אזוינס?

ע ר: זיי ריידן הויך אין די טראמווײַען, שפײַען אין די גאסן, טשעפען זיך צו אונדזערע מיידלעך...

א י ך: און ווער רייניקט אין דער שווייץ די גאסן?

ע ר: די איטאליענישע אימיגראנטן, ווער דען? זיי באדינען אויך די האָטעלן, די רעסטאָראנען... אזעלכע איטאליענער, ווי מײַן איידעם, וועלכער האלט אליין א רעסטאָראן, זײַנען דאָ ווייניק...

א י ך: האָט איר, הייסט עס, אײַער טאָכטער ניט אויסגעהיט פון די איטאליענער?

ע ר: וואָס עפעס האָב איך זי געדארפט אויסהיטן? אנטאָניִאָ, כאָטש ער איז אן איטאליענער, פארדינט ניט ווייניקער פון א סאך שווייצארצעס...

אָדער —

א י ך: פאראיאָרן האָב איך געזען דעם מוזיי אין קאָפפע. דאָ ניט ווײַט, לעבן זשענעווע...

ע ר: איר דערציילט מיר, ווו קאָפפע שטייט... דער מוזיי איז דער איינציקער אין דער וועלט, וועלכער דערציילט וועגן בירגער פון דער שווייץ, וואָס האָבן זיך פארדונגען אין מיליטער פון פרעמדע מעדינעס. עקספאָרט פון בלוט...

א י ך: עקספאָרט פון בלוט... דער איצטיקער האלבער מיליאָן איטאליענישע ארבעטער אין דער שווייץ — דאָס איז עקספאָרט פון הענט, עקספאָרט פון פלייצעס, פון מוסקולן. דער מיליאָן אָנגעדונגענע שווייצארצעס, וועלכע האָבן אין די פארגאנגענע צײַטן אָפגעדינט אין מיליטער אונטער פרעמדע שטאנדארטן, — דאָס איז עקספאָרט פון בלוט. געשיקט זיך, פארשטייט איר ניט, אז די עמיגראציע פון הענט, ווען פון איטאליע קומען מאכנעס מענטשן אין די זאָוואָדן פון דער שווייץ, און די עמיגראציע פון בלוט, ווען פון דער שווייץ פלעגן מאכנעס מענטשן אוועקגיין אין די ארמייען פון פראנקרײַך, פרײַסן, עסטרײַך, — דאָס אלץ נעמט זיך פון איין און דער זעלבער סיבע?

ע ר: פון זוכן א פארדינסטל.

א י ך: די מענטשן האָבן ניט בא זיך אין דער היים פון וואָס צו לעבן. עס טרײַבט זיי די נויט. אין קאָפפע האָב איך געזען דעם אָריגינאל פון א קאָנטראקט, וואָס לוידאָוויק XIV האָט אונטערגעשריבן באם באקומען 100 טויזנט שווייצארישע לאנדקנעכט. די 100 טויזנט וועלן אים טרײַ דינען און פארגיסן פאר אים זייער בלוט, און ער וועט זיי עקיפירן ווי עס דארף צו זײַן און זיי געבן צו זאט עסן...

...מיטאמאָל, אינמיטן שמועס, האָב איך דער־פילט, אַז עמעצער שטייט הינטער אונדז, עטעמט מיר מאַמעש אין אויער אַרײַן. איך האָב זיך אויסגעקערעוועט און דערזען דעם נעכטיקן אימיגראַנט, וועלכער האָט פּאַרגעלייגט זײַן פּלאַן אַרויסצופירן קיין ייִשׂראל נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן „איבערמאַכן" די מדינה.

— וואָס טוט איר דאָ?! — האָב איך שטרענג אַ פֿרעג געטאָן.

— שאַט, שרעקט אײַך ניט, איך בין פֿון קיי־נעם ניט צוגעשיקט אײַך אונטערצוהערן. ווען איר זײַנט אַרויס פֿון טויער, האָב איך זיך אַ צי געטאָן אײַך נאָכגיין, ווידעראַמאָל זיך דורכ־צושמועסן — עפּשער וועט איר סאָפֿקאָלסאָף פֿאַרשטיין, וואָס עס טרײַבט מיך צו דער סאָוועט־טישער שטוב אין ושענעווע און פֿאַרוואָס עס איז מיר ליבער זיך אָפּוואַלגערן אַ נאַכט דאָ באַם פּלויט, איידער גיין צו פֿרעמדע פּלויטן...

ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן באַאַרטן מאַן. יענער האָט, ווײַזט אויס, אין קאָפּ באַ זיך בארעכנט, וואָס עס קאָן באַטײַטן אַזאַ צוזאַ־מענשטעל פֿון מענטשן — איינעם אַן ערשט־געקומענעם פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אַ צווייטן אַן אַרויסגעפֿאָרענעם פֿון דאָרט און איצט אַ געקומענעם שוין פֿון ייִשׂראל, — און ער האָט דאָס אַלץ פֿאַרבונדן מיטן פֿריִערדיקן שמועס אונדזערן:

— מיר רעדן דאָ וועגן עמיגראַנטן. איר זאָגט, אַז אויב מענטשן פֿאָרן אַרויס פֿון אַ לאַנד, איז עס דערפֿאַר, ווײַל עס טרײַבט זיי די נויט. אַזוי, צי ניט אַזוי?

— אַזוי, אַזוי.

— דערקלערט זשע מיר די סיבה, פֿאַרוואָס ייִדן פֿאָרן אַרויס פֿון רוסלאַנד. פֿון סאָוועטן־רוסלאַנד! עפּשער האָבן זיי ניט באַ זיך אין דער היים פֿון וואָס צו לעבן?

דער עמיגראַנט האָט ניט געלאָזט, איך זאָל ענטפֿערן. ער האָט אַרויסגערעדט מיט אימפּעט:

— אין דער היים האָט מײַן משפּחה געהאַט אַ דירה, וואָס אין ייִשׂראל וואָלט זי געקאָסט פֿאַר צוויי אַזעלכע משפּחות. איך מיטן ווײַב האָבן פֿאַרדינט דרײַ הונדערט פּרעציק רובל אַ חודש, נאָך מיט אַ סמיטשעקל. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין ייִשׂראל, האָבן מיר אַ טעלעוויזיע מיט אַן אײַז־קאַסטן, מיט ליוס־טרעס, מיט אַ מאַטעריאַליער פֿאַרן עלטערן ייִנגל ניט געדאַרפֿט קויפֿן, פֿאַרקערט — מיר האָבן דאָרט געמוזט דאָס אַלץ פֿאַרקויפֿן. וואָס רעדט איר, מענטש אייגענער! ווי־אַזוי עפּנט זיך באַ אײַך דאָס מויל צו זאָגן, אַז מיר האָבן באַ זיך אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד ניט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן?

— איז עפּשער האָט איר ניט געהאַט אין סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד אײַן ייִדיש לעבן?

— וואָס הייסט הײַנטיקע יאָרן אַ ייִדיש לעבן, איך בעט אײַך? אָט ווױנט איר אין שווייצאַריע, איז וואָס פֿאַר אַ ייִדיש לעבן האָט איר אין שווייצאַריע? איר רעדט ייִדיש? איר זינגט ייִדיש? איר טאַנצט ייִדיש? איר קאָכט ייִדישע מאכלים? איר פֿירט אײַערע געשעפֿטן אויף ייִדיש? די קינדער אײַערע האָבן כאַסענע אָפּן ייִדישן שטייגער? און צוריקגערעדט: אויב איר ווילט אַ ייִדיש לעבן, איז מאַכט, אַז אין אײַער לאַנד זאָל זײַן ייִדיש לעבן. מאַכט איר דאָך ניט. און פֿון שווייצאַריע פֿאָרט איר אויך ניט אַרויס. פֿאַרוואָס?

ער האָט ניט געלאָזט אַרײַנשטעלן קיין וואָרט — ניט מיך, ניט דעם באַאַרטן מאַן:

— איך וועל אײַך זאָגן, וואָס פֿאַר אַ ייִדיש לעבן איך האָב געפֿונען אין ייִשׂראל. די ציִע־ניסטן רעדן ניט אויף ייִדיש. יעדערער באַנוצט דאָס לשון פֿונעם לאַנד פֿון וועלכן ער איז געקומען. סאַבראַס זײַנען אײַנגעוואָרצלט אין איוורית. מיט די שוואַרצע ייִדן איז די מײַ־סע אַזוי: ווען איר פֿאַלט אַרײַן אין זייערן אַ געסל אָדער אויף אַ מאַרק, איז אַלציינס ווי איר וואָלט פֿון ווילנע אָדער קעשענעוו אַריבערגע־פֿאָרן קיין מאַראָקאָ אָדער קיין טיימען. יאָ, יאָ. וועגן וואָס פֿאַר אַ ייִדיש לעבן קאָן דאָ גיין אַ רייד? אויב איר מיינט, אַז ייִדיש לעבן הייסט דאַווענען אין קלויז, דאַרף מען צוליב דעם ניט פֿאָרן אין ייִשׂראל. באַ אונדז אין רוסלאַנד דאַוונט מען געשמאַקער, איידער דאָרטן. די זאַך איז נאָר אין דעם, וואָס אין סאָוועטנפֿאַר־באַנד דאַרפֿן מיר די סינאַגאָגעס ניט האָבן. אויסער די אַלטע לײַט, פֿאַרשטייט זיך...

איך האָב אים אויף אַ רעגע איבערגעשלאָגן די רייד:

— איר מאַכט אַלץ צונישט. אויב אין ייִש־ראל איז דאָס שטייגער־לעבן, די קולטור אײַ־בערגעגאַנגען אויף איוורית, הייסט עס ניט, אַז עס איז געוואָרן אויס ייִדיש לעבן...

— אָבער צו אַזאַ ייִדיש לעבן איז ניטאָ וואָס צו לויפֿן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד!

— דאָס איז ריכטיק. בעפֿיירעש.

דער באַאַרטער מאַן האָט איבערגעכאַזערט זײַן פֿראַגע:

— פֿונדעסטוועגן, פֿאַרוואָס פֿאָרן ייִדן אַרויס פֿון רוסלאַנד? עפּשער זוכן זיי אַריבערצוכאַפּן זיך פֿונעם סאָציאַליזם צוריק אין קאַפּיטאַליזם? דער רעזשים געפֿעלט זיי ניט...

— ווען דאָס וואָלט געווען אַזוי, — האָט געענטפֿערט דער אימיגראַנט, — וואָלט דער אײַ־ניען געווען פֿולשטענדיק געלייזט. ייִשׂראל איז דאָך הונדערטפּראָצענטיק קאַפּיטאַליסטיש. איר ווילט קאַפּיטאַליזם, האָט איר קאַפּיטאַליזם. פֿאַרוואָס זשע לויפֿט מען מאַסנווײַז צוריק זיך

איבערבעטן מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד? פאַרוואָס שטיי איך איצט באַ זײַן שוועל און בעט זיך ראַכמים: לאָז אַרײַן...

זײַנע אַקסל האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען, ער האָט מיט ביידע הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים. דער באַיאַרטער מאַן האָט אים געפרעגט, ווו עס איז איצט זײַן ווײַב מיט די קינדער, און ווען ער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט און איך האָב שטילערהייט דערציילט דעם באַיאַרטן מאַן, אַז דאָס ווײַב איז אין ייִסראָעל געשטאָרבן און די קינדער געפינען זיך ערגעץ דאָ אין זשענעווע, מיסטאָמע אַפּן וואָקזאַל, האָט דער באַיאַרטער מאַן אַרויסגענומען פונעם בײַטל אַן אַסיגנאַציע און אָפּגעגעבן זי דעם אימיגראַנט. דער אומגליקלעכער האָט גענומען די אַסיגנאַציע. די הענט זײַנע און די ליפּן האָבן געציטערט. „איך נעם עס פאַר די קינדער", — האָט ער אַרויסגעציטערט און איז אײַליק און דערנידעריקט אַוועק צום טויער. דער באַיאַרטער מאַן האָט נאָך אַלץ געפּאָדערט אַן ענטפער:

— נו, און ער, אָט דער־אָ, אויב ער האָט גוט געלעבט, און אויב ער האָט געוווּסט, אַז אין ייִסראָעל וועט ער פאַר זיך קיין קולטור אָף ייִדיש ניט געפינען — יעדנפאַלס ניט מערער איידער אין דער ליטע, און אויב דעם קאַפּיטאַליזם דאַרף ער אָף טויזנט קאַפּאָרעס, — איז פאַרוואָס, זאָגט מיר, האָט ער זיך אופגעהויבן פון אָרט און איז אַרויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד?

— ער האָט געזוכט זײַן „אַמאָליקן אידעאַל". ס'האָט אים גענאָגט די איליוזיע, וועלכע מע האָט אין אים פאַרזייט אין דער פאַרמילכאָמעדיקער קליינבירגערלעכער ייִדישער ליטע, דערפאַרפעסטעטער מיט ציִעניזם, בונדיזם, ייִדישיזם און דער רועך ווייסט מיט וואָס נאָך. ווען דער אידעאַל פון אַ ייִדיש לאַנד אָף קלאַסנלאָזע „ביבלישע" יעסוידעס איז מעגולגל געוואָרן אין דעם הײַנטצײַטיקן ייִסראָעל, — דאַן האָט זיך דער אימיגראַנט אײַנגעבראָכן.

— נאָר ווי קומט עס, אַז אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אין פינף און פופציק יאָר אַרום נאָך אײַער רעוואָליוציע, זאָלן זײַן אַזעלכע, ווי ער?

— פאַרוואָס רעכנט איר אַרײַן אין כעזשבן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע? ליטע איז געוואָרן אַ סאָוועטישע האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די רויטע אַרמיי האָט דעם יונגן ציִעניסט ניט פאַרטריבן און ניט געמאַכט פון אים אין איין אויגנבליק אַ קאָמוניסט. זײַענדיק פאַרשפּאַרט מילכאָמע־צײַט אין געטאָ, האָט ער ווידער אין אָט די טראַגישע אומשטענדן ניט אויסגעמיטן די האַשפּאָע פון ציִעניסטישע קאַדעש־זאָגער. ערשט אָנהייבנדיק פון די פופציקער יאָרן, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אָף צו אײַנפונדעווען ווידער דאָס לעבן, ערשט פון דעמלט דאַרף מען ציילן זײַנע סאָוועטישע יאָרן. אָבער אין אָט דער צײַט איז ער שוין געווען אַ מענטש אין מיטעלן עלטער, וועמענס נאַציאָנאַלער געפיל איז, מעגלעך, פאַרשאַרפט געוואָרן פון דער דורכגעלעבטער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס איצט, ווען די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט ווידער אים פאַרטשאַדעט, האָט ער פאַרלוירן דעם סייכל, און ס'האָט זיך געפּאָדערט דער ייִסראָעלדיקער קאָמפּרעס, קעדיי פונעם קאָפּ זײַנעם זאָל אַרויסגיין דער טשאַד סײַ פון אַמאָל, סײַ פון איצט...

דער באַיאַרטער מאַן איז ניט אָפּגעטראָטן. עס האָט זיך געפילט, אַז ער וויל ניט דורכלאָזן די געלעגנהײַט צו דערגיין דעם פולן עמעס.

— גוט, — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, — דאָס, וואָס איר זאָגט וועגן די ווילנער, לייגט זיך אָפּן סייכל. און מיסטאָמע האָט עס אַ שײַכעס אויך צו אַ גרויסער צאָל אַרויסגעפאָרענע ייִדן פון אַנדערע מײַרעוודיקע געביטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין די צײַטונגען אָבער שרײַבט מען, אַז עס זײַנען אַרויסגעפאָרן אויך ייִדן פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו...

— די צײַטונגען דערציילן ניט, ווער עס איז אַרויסגעפאָרן. איר וועט זיך ניט כידעשן, אויב אַ מענטש פאַרייניקט זיך צו זײַן מישפּאָכע, וואָס לעבט אין אַן אַנדער לאַנד, אָדער אויב אַ באַיאַרטער רעליגיעזער ייִד פאָרט אַוועק אין זײַן מעקאָ, אין ערעץ־ייִסראָעל, ווײַל ער וויל, אַז דאָס געביין זײַנס זאָל ליגן אין דער „הייליקער ערד". פאַרשטייט זיך, אַז ווען מע נעמט פאָרן, ציט זיך דאָס שטריקעלע ווײַטער: אַ זון מוז באַגלייטן אַן אַלטן טאַטן, אַ ווײַב — צי זי וויל יאָ צי זי וויל ניט, — פאָרט מיטן מאַן. און עס זײַנען ניט אויסגעשלאָסן אויך ספּעקוליאַציעס, און אָפּט מאַכט זיך, אַז אַ שלימאַזל אין דעם אָדער אין יענעם פאַך טראַכט זיך: עד, אַ פּרווו טאָן אין ייִסראָעל... אַן אומצופרידענער מיט עפּעס טוט אָפּ אַפּצולאָכעס און פאָרט אַוועק. אַ שאַכערמאַכערניק מיינט, אַז ער וועט שעפּן פולע דלאָניעס מיט גאָלד. פאַראַן אויך אָפּגענאַרטע, אַ סאַך אָפּגענאַרטע.

— און אָט די אַלע ווילן אַצינד זיך אומקערן אין סאָוועטן־רוסלאַנד?

— יאָ. די אויסניכטערונג קומט נאָכן טרונק...

אַזוי האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט, ביזוואַנען עס איז געקומען די צײַט זיך צעגיין יעדן צו זײַנע קאָפּדרייעניש, כאָטש וואָס איז שײַך מיר, האָב איך ניט, ווי איר ווייסט, קיין גרויסע דײַגעס אין זשענעווע, פאַרקערט, די עטלעכע טעג, וואָס איך לעב דאָ, איידער איך וועל אָפּפאָרן קיין איטאַליע, זײַנען „טוריסטישע

טעג״: קיין שום איניאַנים, בלויז קוקן אַף גאַטס וועלט, הערן, וואָס מענטשן רעדן צו דיר, און שעפּן פון אַלץ פאַרגעניגן.

דריטער בריוו

דער לײַנער „אַל־איטאַליא״ איז פאַר א שאָ צײַט איבערגעפלויגן פון זשענעווע קיין רוים. אין מעשעך פונעם גאַנצן וועג בין איך אָן אויפהער געשוועמען אין א נעפל פון אייגענע מאַכשאוועס, גוזגעגענענדיק זיך מיטן קליינעם לענדעלע, וואָס איז איבערגעפולט ביז איבער די ראַנדן מיט בערג און טאָלן, מיט זון און שניי, מיט ענגע שטעטלעך — א שטיין אַף א שטיין — און מיט צעשפרייטע פעלדער און וועלדער, מיט שפּיגלדיק־פאַרגליווערטע אָזערעס און שפּרודלדיק לויפנדיקע בארג־טײַכן.

האגאַם איך האָב זיך שוין שנעל געטראָגן איבערן יאַם־פלאַך, ניט איבער די שווייצארישע אַלפּן, זײַנען פאַר די אויגן נאָך אַלץ געשטאַנען די פעלדזן־בערג, פאַרפאַראַשעטע מיט אייביקן שניי, וואָס גלאַנצט אונטער דער זון און שטרײַכט אונטער די עקזאָטישע שיינקײַט פון די נידעריקע פּאַשע־ערטער, ווו סטאַדעס זאַטע קי זעען אויס ווי איליוסטראַציעס אין אידילישע מײַסע־ביכלעך. יעדע בעהיימע טראָגט אַרום האַלדז א בונטן לעדערנעם רימען, אַף וועלכן עס הוידען זיך היפּשע מעשענע גלעקלעך. אין די בערג זעען זיך אַרויס דאָ און דאָרט קליינע שאַלע — הילצערנע הײַזער מיט דרײַזײַטיק אָנגעבויגענע טשערעפּענע דעכער און מיט העלגעפאַרבטע לאָדנס. פלײַענדיק שוין איבער איטאַליע, האָב איך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָפּטרײַבן פון זיך דעם קישעף, וואָס עס פּילט א רײַזנדער, בייס ער קומט אַרײַן אין א שווייצאַריש דאָרף — אָט דעם קנײַלעכל לעבן אין די בערג אָדער אין א טאָל, — ווו ברוינע און גרויע שטיבער מיט רויטע דעכער און גרינע, געלע לאָדנס טאָפּטשען זיך אַרום דעם פאָנטאַן מיט טרינק־וואַסער אַפן פּלאַץ.

אַפילו ווען אין מײַן בענקשאַפט האָט זיך אַרײַנגעריסן א נײַע כוואַליע אײַנדרוקן און אָנהייבנדיק פונעם רוימער אַעראָפּאָרט לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי האָט אַף מיר א שפּאַר געטאָן עפּעס מעכטיקערס, — אַפילו דעמלט בין איך נאָך אַלץ ניט געווען אימשטאַנד „אַרויספאָרן״ פון דער שווייץ און „אַרײַנפאָרן״ אין איטאַליע. פאַר די אויגן האָבן זיך שוין געביטן, ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ, די גאַסן פון רוים, און איך בין נאָך אַלץ געווען אין זשענעווע. ווי עס געשעט אין אַזעלכע פאַלן, האָט א שטאַרקער טרייסל מיטגעהאָלפן, אַז מײַן הארץ זאָל פון דער זשענעווער צײַט זיך אַריבערפירן אַף דער רוימער.

— מיר פאָרן פאַרבײַ טיטוסעס טויער... — האָט א זאָג געטאָן דער שאָפער, און דאָס איז געווען דער „טרייסל״, נאָך וועלכן ס׳איז צו די טיפענישן פון מײַן באַוווסטזײַן דערגאַנגען, אַז איך בין שוין אין איטאַליע, און אין מײַן רײַזע הייבט זיך אָן עפּעס אַזוינס, אַף וואָס איך וואַרט מיט נעשאָמע־ציטער.

וואָס וועט איר זאָגן אַף דעם מענטשן, וועלכער טוט א מאַך צו אײַך אַזוי בעניי׳בײַ, אָן אָנדײַט אַפילו אַף עפּעס וויכטיקס, אַז די גרויע אַלטע זאַך, וואָס שטייט נאָענט צום אָנגעלאָף פון מויערן און מאַשינעס און פאַרלירט זיך קימאַט צווישן זיי, — דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי טיטוסעס טויער; מיט געוויינלעכע ווערטער טוט ער דאָס א זאָג, אָט דער מענטש, און ער דרייט דערבײַ די „באַראַנקע״ פונעם אווטאָמאָביל, און דאַכט זיך, אַז ער האָט אַפילו באַ די רייד א וויש געטאָן די נאָז.

מיר פאָרן פאַרבײַ טיטוסעס טויער...

איצט פעלט נאָך, אַז דער שאָפער זאָל מיטן זעלבן קאַלטן לונג־און־לעבער א זאָג טאָן וועגן דער קעגנבערדיקער גרויסער כורווע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט א צײַטווײַליקן פּלויט, אַז דאָס איז, לעמאָשל, דער קאָליזיי. און איך בלײַב מאַמעש זיצן א געפּלעפטער, ווען דאָס גלײַכגילטיקע קאָל גיט מיר צו וויסן:

— עטוואָס ווײַטער, פונקט אַנטקעגן אונדז, זעט איר דעם קאָליזיי...

דער שאָפער, א רוימער טוישעוו, פירט אָן אווטאָ פון דער פאַרשטייערשאַפט פון דער סאָוועטישער נײַס־אַגענטור „נאָוואָסטי״. לויט ווי איך האָב אויבן איבערגעגעבן זײַנע רייד, קאָן זיך דוכטן, אַז ער איז א מענטש מיט א פלעגמאַטישן כאַראַקטער, לאַכלוטן ניט קיין איטאַליענער. איך האָב זיך אָבער איבערצײַגט, אַז דאָס איז ניט אַזוי, ווען ער האָט גלײַך נאָכן דערמאָנען דעם קאָליזיי, מאַמעש אין איין אויגנבליק, אָפּגעטאָן פאַראַמאָל עטלעכע זאַכן: מיט איין האַנט א קערעווע געטאָן די מאַשין אַזוי, אַז זי זאָל אַרומגיין א צווייטע און זיך צושפּאַרן צום טראָטואַר, קעדיי דאָרטן זיך שפּעטער אָפּשטעלן; מיט דער צווייטער האַנט האָט ער דערלאַנגט פון אונטער די פיס א צײַטונג, און אין דער זעלבער צײַט מיט ביידע הענט צעעפנט די צײַטונג, א טיטשע געטאָן מיט דער נאָז אין אָן אָרט אַף דער דריטער זײַט און, רעדנדיק, געגומען אַזוי דרייען מיט אַלע צען פינגער באַם סאַמע פּאָנעם מײַנעם, אַז איך האָב אויך געגומען זיך דרייען און בין שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון דער מאַשין.

— פאַרמאַכט גוט דאָס טירל און פאַלט ניט אַרויס, איר וועט נאָך צוניץ קומען, — האָט ער

זיך אָפּגעווענדט פון דער טעמע, — כאָטש, פון
דער צווייטער זײַט, שטייען מיר דאָך שוין באַם
טראָטואַר, און אויב אומפּאַלן, וועט איר דאָס
באַלד, דאַכט זיך, טאָן פון געלעכטער...

לאַכנדיק הויך אַף א קאָל, האָט ער פאַרגע־לייענט א נאָטיץ אין דער צײַטונג (דאָס איז געווען „מעסאַדזשעראָ") וועגן דעם, אַז א געוויסער מיסטער טאָמאַס מעריקא, א קאַליפאָרניער פאַבריקאַנט פון גוטאַלין, האָט זיך אָנגעשלאָגן אַלס קוינע פון דעם רוימער קאָליזיי און ער איז גרייט באַצאָלן פאַר אים א מיליאָן דאָלאַרן.

און כאָטש דער שאָפער האָט פּאַשעט זיך אויסגעלאַכט פונעם קאַליפאָרניער אַזעספּאָנעם, און די גראַנדיעזע כורווע פונעם אוראַלטן סטאַדיאָן אַף 50 טויזנט ערטער מיט זײַן גלאַדיאַטאָרן־אַרענע איז רעאַל געשטאַנען גאָר־גאָר נאָענט לעבן מיר, — דאָך האָב איך, ווי א פּרישגעקומענער, אופגענומען קימאַט ערנסט און מיט גרויס אַנגסט די מיטיילונג וועגן אַזא קאַפּריז פון א פּרעכן אַמהאָרעץ. איך האָב באַ דער געלעגנהייט זיך דערמאָנט אין די סיסטעמאַטישע גנייוועס פון קונסט־ווערק, וועלכע מע פירט אַרויס שוין אַזויפיל יאָרן פון איטאַליע, דעם לוקסוס־סאַד פון אייראָפּע. אין זיכּאָרן האָט דורכגעשווינדלט א פּראַזע (שוין וויפל מאָל אָן איבערגעכאַזערטע אין דער פּרעסע), וואָס אַן ענגלישער מיניסטער האָט בעשײַטע געזאָגט צו טוריסטן, איידער זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט צו די אַפּעננינען: „אויב איר ווילט זען איטאַליע, דאַרפט איר זיך צוײַלן, אַנדערש וועט זײַן שפּעט, איר קאָנט שוין דאָרט גאָרנישט ניט געפינען..."

דער שאָפער האָט נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט:

— מיר שטייען באַ טיטוסעס טויער...

און צוגעגעבן:

— ...וועלכן די ייִדן פון רוים פלעגן טאָמיד אויסמײַדן. קעדיי ניט פאַרבײַגיין נאָענט לעבן אים, האָבן זיי אַפילע דורכגעלייגט זייערן א באַזונדערן וועג צום קאָליזיי. איצט איז דאָס אַלץ שוין פאַרגעסן.

איך האָב א שפּאַס געטאָן:

— לאָמיר זיך נעמען פאַר די הענט — איר, א רוימער, און איך, א ייִד, — און לאָמיר אַרײַנגיין אין רוים דורך טיטוסעס טויער...

אַגעוו, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אַליין טיטוס איז ניט געגאַנגען דורכן טויער, וועלכן וועספּאַסיאַן, דער פאָטער זײַנער, האָט אוועקגעשטעלט שוין נאָך זײַן טויט. דאָס איז געווען מיט טויזנט נײַן הונדערט יאָר צוריק.

שטייענדיק אונטערן דעכל פונעם טויער, האָב איך באַקוקט די באַרעליעף־בילדער און געהאַט דערבײַ א געפיל, פונקט ווי כ׳וואָלט, פאַרײַסנדיק דעם קאָפּ אַף אַרוף, געלייענט אַף די שטיינער א בלאַט געשיכטע. דער באַרעליעף שילדערט דעם מיליטערישן פּאַראַד־צוג פון די רוימער נאָך זייער אומקערן זיך אַלס זיגער פון דער מילכאָמע מיט יעהודע. איך קוק אַף די שטיינערנע פיגורן און דערמאָן זיך, וויאַזוי דעם פּאַראַד האָט באַשריבן זײַנער אַן אַנטיילנעמער יויסעף פלאַוויוס. אָט גייט דער סענאַט, און דאָס זײַנען די רוימישע פּריסטער, צווישן סענאַט און די פּריסטער טראָגט מען קיין רוים טראָפּייען. גלײַך נאָך די פּריסטערס שפּאַנען, פאַרקאָוועטע אין קייטן, די אָפּגעקליבענע צוליב אָט דעם צוועק געפאַנגענע. זיבן הונדערט זײַנען זיי געווען. צווישן די עטלעכע, וואָס א בילד קאָן אַרומכאַפּן, איז ניט שווער אויסצוטיילן די אָנפירער פון יעהודע. ווײַזט אויס, אַז אָט דער דאָזיקער איז שימען באַר גיורא, וועלכן די רוימער האָבן שפּעטער אַראָפּגעוואָרפן פון א הויכן פעלדז אין אַן אָפּגרונט. און אָט טראָגט מען די הייליקע זאַכן פונעם בייס־האַמיקדעש: די מענוירע, די סייפערטוירע, די גאָלדענע און זילבערנע בעכערס, די צוועלף ברויטן — א סימבאָל פון די צוועלף העברעיִשע שוואַטים — און נאָך כפּייצים און רעליקוויעס. באַם סאָף פון דער פּראָצעסיע, נאָך דער לעצטער גרופּע רוימער, זעט מען פאָרן טיטוסן אַליין.

האַקלאַל, טײַערע מײַנע, איך בין אַרײַנגעפאָרן אין רוים... באַם קאָליזיי האָב איך זיך ניט אָפּגעשטעלט — מע לאָזט אַהין ניט אַרײַן. לעצטנס זײַנען טוריסטן דאָ ניט זיכער מיטן לעבן. בלויז אין מעשעך פון א פּאָר וואָכן פאַרן פאַרמאַכן אים האָבן זיך פון זײַנע ווענט אָפּגעוואַלגערט דרײַסיק גרויסע שטיינערנע הליבעס. די סיבע: אַן אומופהערלעכע וויבראַציע פונעם באָדן, וואָס ווערט אַרויסגערופן פון די רעאַקטיווע עראָפּלאַנען אינדערלופטן, פון די אויטאָמאָבילן אַף דער ערד און פונעם מעטראָפּאָליטען, וועמעס צוגן עס גייען דורך באַם סאַמע פונדאַמענט פונעם קאָליזיי.

דעם בריוו שרײַב איך אײַך שוין אין „האָטעל ליוקס", אַף וויאַ גאַעטאַ — דער גאַס, ווו עס געפינט זיך אויך די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע. אין דאָזיקן האָטעל שטעלן זיך געווײַנלעך אָפּ פאַסאַזשירן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דער ווינדע איז צוגעקלאַפּט א שילדל אַף צוויי שפּראַכן:

Capienza 4 persone
Не более 3-х человек

עפּשער נאָך צושרײַבן אַף ייִדיש: „ניט מער ווי 2 מענטשן" און, אַשטייגער, אַף ענגליש: ,,No more than 1 person. . .''

דער פּרינציפּ: מער מיט א שפּראַך אַף דעם שילדל — ווייניקער מיט א מענטש אין דער ווינדע...

פון מײַן פענצטער, אַף יענער זײַט גאַס, זע איך א קליין גאלאנטעריי־געשעפטל מיט א גרויסן פארביקן רעקלאַמע־אויפשריפט: ,,Man and ladi'' די צוויי פארקויפערנס, יונגע מיידלעך, אויסגעסטראַצלטע ווי פּאַוועס, שטייען א גאנצע צײַט בײַ דער ארויסגאנג־טיר אַפן טראָטואר און פארפירן שמועסן מיט פארבײַגייער. קוקנדיק אַף זיי, האָט זיך מיר אויך פארגלוסט ארויסגיין אין גאס. וועל איך שוין פארכאַפּן מיט זיך דעם בריוו און אים אײַך אָפּשיקן. אין קאָנווערט לייג איך אויך ארײַן עטלעכע לידער, וועלכע כ'האָב ערשט ארויסגעשריבן פון מײַן שווייצאריש נאָטיץ־ביכל.

אַפן בארג יונגפראו

איך פיל זיך באגלײַך מיט געזאלבטע
אַף פּירקילאָמעטערשער הייך.
אדאנק די שווייצארישע אלפּן
צופוס כ'האָב דעם הימל דערגרייכט.

און, גלייבט מיר, איך האָב דאָ די זכיה—
אזוי ווי די יונגפראו שיין —
אנטקעגן דער שטיינערנער בריִע
מיט ווירדע מיט מענטשלעכער שטיין.

לעם מיר — מײַן באגלייטערן יעווא
(ניט כאווע, נאָר יעווא זי הייסט), —
א קינד פון די בערג, איז איר טעווע
אַף אָפּגעטער קוקן ניט דרייסט.

זי זעט, ווי נאָך העכער פון וועלדער
און העכער פון שטאָט־טורעמס אויך
די יונגפראו, ניט קיין פארשטעלטע,
זיך וויקלט אין כמאריקן רויך.

און קנײַען עס ווילט זיך איר, יעוועץ,
און טפילע טאָן שטיל און געהיים,
אַף זײַטיקע שטעגן פארקערעוועץ
און שעמעוודיק לויפן אהיים.

און שיין איר געשטאלט איז און ליכטיק,
און פריש איז איר פארכטיקע רו,
און כ'וויס ניט, צי שיקער, צי ניכטער —
„די יונגפראו", — כ'שעפטשע, — „ביסטו"...

די טײַכן ריין, אארע, ראָנע, סאארע

אָט דאָס טײַכעלע אארע,
וואָס פון ריין עס הייבט זיך אָן,
וועל איך רופן טײַכל ארן,
און די ראָנע — טײַך אראָן.

פון אארעס (ארנס) קלאָרע
קוואלן
סאארע זיך נעמט,
סאארע כ'וועל רופן סאָרע

און זי גלעטן מיט די הענט.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

אָט די שפּיל, אין קלאנג פארוויקלט,
האָט, פונדעסטוועגן, א מיין.
אין א טײַך דער מענטש זיך שפּיגלט —
סאארע...
אארע...
ריין...

אין בערן, דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ

אין סאמע צענטער פון דער שטאָט בערן איז פאראן א „בערן־גרוב", אין וועלכער מע האלט אוף א האלבן טוץ בערן...

ווו בערן, די שטאָט, איצטער רוישט,
גערוישט האָט די טײַגע, כ'מעג שווערן, —
אויב ניט, איז ווי קומט אינעם קויש
פון שטאָט
דאָס געזינד פון די בערן?

דער קויש פון דער שטאָט — איז א גרוב
כ'מעג שווערן, א טיפע בערלאָגע.

די גאס דאָ — א שטוב בא א שטוב —
מיט שטיין און מיט מארמאָר באלאָדן.

פון קראמגאסע קום איך צום טײַך
און האסטיק גיי דורך נידעגבריוקע.
היי, בערן! א יעגער צו אײַך
געקומען —
אַף צוואנג און פארצוקונג!

די גרוב איז אַף יענער זײַט בריק.
א קינד האָט געבראַכט אַהער מערן.
„די מאַמע — זי האָט מיך געשיקט
מעכאַבעד זײַן אונדזערע בערן.
זיי זײַנען באַ זיך אין דער היים
געווען דאָ אַמאָל, אין די וועלדער,
און איצטער, פאַרקלעמטע אין שטיין,
זיי בענקען, די בערלעך, עלנטע...״

דאָס קינד האָט מיט וואַרעמע הענט
געווישט זיך די וואַרעמע טרערן,
און איך — פאַרן קינד זיך פאַרשעמט
און אויך פאַר די בערן, כ'מעג שווערן.

שפּראַכן

צי רעד איך אַף שווייצאַריש?
ניטאָ אַזאַ מין שפּראַך.
די טעג כ'האָב זיך באַנאַרישט —
גאַנץ ציריך האָט געלאַכט, —
געפּרוּווט אין שטאָט געפינען
א שילד מיט שווייצער טײַטש,
אַרויסגעלאָזט פון זינען,
אַז דאָ מע רעדט אַף דײַטש.

אין גענף געזאָגט האָט פּאַשעט
א שאַכן לעם מײַן הויז:
ניט זוכט שווייצאַריש לאָשן,
דאָ זײַנט איר א פראַנצויז.
אין טעסין, לעם איטאַליע,
דאָרט איז מען א סיניאָר
(מע מאַכט בלויז עטוואָס קאַליע
דאָס איטאַליעניש וואָרט).

האַקיצער, באַ די שכיינים
עס נעמט די שווייץ אָן זאָרג
מיט דאָס־און־יענץ איניינעם
דאָס לאָשן אויך אַף באָרג.

א שײַלע כ'האָב א שטאָלצע,
און וועגן דעם איך טראַכט:
ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זײַן —
א לאַנד, און אָן א שפּראַך.
אָט נעמט, לעמאָשל, ייִדיש —
ניטאָ אַזאַ מין לאַנד,
און דאָך,
ס'איז ניט קיין כידעש,
וואָס כ'האָב אונטער דער האַנט
דאָס לאָשן ייִדיש טאָמיד —
איר פרעגט: מיט וואָסער מיין? —
ניין, ניט צוליב דעם קאָוועד,
נאָר צוליב זיך אַליין.

א רעקלאַמע די זייגערס „לאָנזשען״

Ф. С. Ларину

באַדאַכט,
מיט א טיקן,
אַזוי ווי דער שטייגער,
עס קלאַפּט זײַן טיקטאַק
דער שווייצאַרישער זייגער.

איך האָב אים געקויפט אין א דאָרף לעם קאַלוגע
באַם אַלטיטשקן פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטש לאַרין,
און קלאָל ניט געוווסט, אַז די זאַך אָט די קלוגע
וועט ווען־ניט־איז אומקערן זיך קיין שווייצאַריע.

ס'האָט פיאָדאָר סטעפּאַניטש דעם זייגער
אַליין נאָך
אין יאָר נײַנצן פיר באַ צוסימע פאַרהאַנדלט.
א סוואָרע, עס האָט קיין יאַפּאַניע אים איינער
א סויכער געבראַכט פון אווסטראַליער קאַנטן.

גאָר זעלטן די זייגערס „לאָנזשען״ ווערן קאַליע.
כ'וועל מײַנעם ניט אָפּגעבן דאָ צו פאַריכטן.
אוועקפירן כ'וועל אים מיט זיך קיין איטאַליע,
דערנאָך קיין קאַלוגע.
און זאָגן כ'וועל: — ריכטיק
די צײַט גייט, סטעפּאַניטש, —
אַזוי ווי דער שטייגער!
נאַ, נעם דיר צוריק דײַן שווייצאַרישן זייגער.

פּערטער בריוו

אין רוים שרײַבן די צײַטונגען וועגן טעראָר־אַקטן, — „אַלס ענטפער אַף מינכען", — וואָס די עקסטרעם־ציוניסטישע כעוורע פירן דורך אין אייניקע לענדער פון אייראָפּע. צוריק מיט אַ פּאָר כאַדאָשים, ווען אומפּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן פון דער פּאַלעסטינער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע „שוואַרצער סענטיאַבער" האָבן בײַס דער אַלוועלטלעכער אָלימפּיאַדע דערמאָרדעט אין מינכען עלף ייִסראָעלדיקע ספּאָרטסמענער, איז די וועלט־עפנטלעכקײַט גע־וואָרן דערשיטערט און אויפגעבראַכט. איצט הערט זיך פון טעל־אַוויוו דער רוף „טעראָר פאַר טע־ראָר", און פון די לעצטע געשעענישן איז צו זען, אַז די שטורעמאַוויקעס פון בעטאַר און פון הערוּט קאַהאַנעס „ליגע" זײַנען צוגעטראָטן צו פּאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אומזיניקן רוף.

הײַנט אינדערפרי איז באַוווּסט געוואָרן וועגן אַ מאָרד דאָ אין רוים, אַפן פּלאַץ אַניבאַליאַנאָ. דער אַראַבישער זשורנאַליסט אַבדעל זווײַטער, אַ סטודענט פונעם רוימישן אוניווערסיטעט, האָט זיך אומגעקערט פאַרנאַכט אַהיים, און לעם דער ווינדע האָבן אים דערשאָסן צוויי טעראָ־ריסטן.

איך האָב אָנגעקלונגען אַלבערטאָ מאָראַוויאַן, איינעם פון די גרעסטע איטאַליענישע שרײַבער, און אים געפרעגט, צי ס'איז עמעס דאָס, וואָס די צײַטונגען שרײַבן, אַז אַבדעל זווײַטער האָט אים מיט אַ צײַט צוריק באַגלייט אין זײַנער אַ רײַזע איבער די לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך. מאָראַוויאַ האָט געענטפערט, אַז זווײַטער איז בײַס דער רײַזע געווען זײַן איבערזעצער. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער אָקופּירטער מי־צאַד ייִסראָעל שטאָט נאַבלוס, זײַן טאַטע איז באַוווּסט אין די אַראַבישע ליטעראַרישע קרײַזן ווי דער איבערזעצער פון וואָלטערן און רוסאָ.

— ווי מיינט איר, — האָב איך זיך נאָכגע־פרעגט, — עפּשער האָט מען דערמאָרדעט אַב־דעל זווײַטערן פאַר זײַן עקסטרעמיזם?

מאָראַוויאַ האָט דערווידערט:

— גאָט זאָל אָפּהיטן! אַבדעל איז געווען אַן איבערצײַגטער אָנהענגער פון אַ פּאָליטישער לייזונג פון דעם ייִסראָעל־אַראַבישן קאָנ־פליקט. באַזונדערס שאַרף האָט ער געטאַדלט דעם טעראָר...

— איז עפּשער דערפאַר טאַקע האָבן אים די טעראָריסטן דערהאַרגעט?

מאָראַוויאַ, וועלכער שטרײַכט אונטער בײַ יעדער געלעגנהײַט, אַז אין די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָבלעמען איז ער נייטראַל, און ווי אַן אַסימילירטער ייִד איז ער אין זיי ספּעציעל ניט פּאַראינטערעסירט, — מאָראַוויאַ האָט אָן וואַקלונגען געזאָגט:

— אַבדעל זווײַטערן האָבן דערהאַרגעט די ציוניסטן, ווײַל ער האָט אין רוים אין די סטו־דענטישע און ליטעראַרישע קרײַזן מיט גרויס ווירדע אויפגעקלערט די געשאַפענע לאַגע, באַ־ווײַזנדיק, ווי אויסגאַנגלאָז עס איז דאָס אַרויס־טרײַבן די פּאַלעסטינער אַראַבער פון זייערע היימען.

ציוניסטן אין איטאַליע... ווער זײַנען זיי און וועלכע ייִדישע מאַסן שטעלן זיי פאָר? איך האָב זיך פאַרגעבן די דאָזיקע פראַגע, ווײַל, ווי מיר איז באַוווּסט, זײַנען שוין אין איטאַליע קיין ייִדן, ווי אַ כאַראַקטעריסטישע עטנישע גרופּע, ניטאָ. די הײַנטצײַטיקע 35 טויזנט איטאַליענישע ייִדן, מערסטנטייל ספּאַרדישע, זײַנען הונ־דערטפּראָצענטיק איטאַליאַניזירט. זיי רופן זיך ניט מיט קיין ייִדישע נעמען, אידענטיפיצירן זיך ניט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן אַלס ייִדן. קיין אייגענע שפּראַך אָדער אַ ספּעציפישן אי־טאַליענישן דיאַלעקט (אַמאָל האָט ער געהייסן דזשודעאָ־איטאַליאַנאָ) האָבן זיי ניט. ווי באַ אונדז דער עלטערער דאָר גרוזינישע ייִדן, האַלט זיך אויך דאָ דער עלטערער דאָר באַ „ייִדישקײַט" אַפן דינעם פאָדעם פון פאָרמעל־ריטועלער פרומקײַט: צוויי מאָל אין יאָר — אין שול אַרײַן (דער מאַכזער איז שוין אָפּטער פון אַלץ אָפּגעדרוקט אין איטאַליעניש) און מיטגלי־דערשאַפט אין דער אָרטיקער קעהילע. אין די באַדינגונגען פון נעאָנאַציסטישער אַקטיווקײַט זײַ־נען נאָך די איטאַליענישע ייִדן געיינקט אַנט־קעגן די אָפּטע אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם. און צולעצט, באַ דער פּילבאַרער דעמאָגראַפי־שער שקיִע, ווען דער ייִדישער ייִשעוו ווערט אַלץ מער אײַנגעשרומפּן פון דעם, וואָס עס שטאַרבט אָפּ דער אַלטער דאָר, און אויך פון די געמישטע כאַסענעס, — באַ דעם אַלעם איז איטאַליע דאָך דער נאָענטסטער שאָכן פון ייִס־ראָעל, און די ציוניסטישע שעליכים, וויזיטיאָרן, אַגענטן לאָזן ניט דעם אָפּשטאַמיקן פון ייִדן צו פאַרגעסן, ווער ער איז, פון וואָסער וואָרצל ער שטאַמט. זיי, די ציוניסטישע אַקטיוויסטן, האָבן זיך זייער אייגענעם צוועק: די פּושקע און, מעגלעך, עטוואָס אַליִאַ, אָבער אין לעצטן סאַכאַקל האָט דאָ די נאָענטקײַט צו ייִסראָעל, באַ די איצטיקע „ערד־ציטערנישן", וואָס לאָזן זיך פון דאָרט הערן, אויך אַן אײַנערלעך־נאַ־ציאָנאַלן אָפּקלאַנג.

די אָנגעפּאַרענע ציוניסטן דאַרפן מער ניט האָבן. זייער „באַזישער טעזיס" איז לעכאָלהאַ־פּאָכעס אַזאַ: „דו ביסט אַ ייִד. געדענקסט עס, אָדער ניט? איז אָט וואָס: אויב דו ביסט טאַקע אַ געטרײַער ייִד, דאַרפסטו עפּעס געבן פאַר ייִסראָעל, און דאַן וועלן מיר שוין אַלציינס דיך פאַרעכענען פאַר אַ ציוניסט..."

דער פּאַשעטער ייִד, וואָס זוכט אַן אַלטערנאַ־

טיוּו צו אָט דער ציוניסטישער נאַציאָנאַלער דעמאַגאָגיע, געפינט זי אין די גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען פון דער היינטצייטיקייט — אין אכרײַעספּולן פאַרן גורל פון גאַנץ איטאַליע קאַמף פון די קאָמוניסטן, אין דער טעטיקייט פון פילצאַליקע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער ס׳איז גענוג, אז דער ציוניסטישער וואָרעם זאָל זיך דורכשלאָגן א וועג צום נאַציאָנאַלן „יאָדערל״ פון דער נעשאָמע, און דאַן טרעפט, אז אפילע א פּראָגרעסיוו־דענקענדיקער, אין אַלגעמיין, ייִד הייבט אָן „הינקען אַף ציוניזם״.

אין אזא לאַנד, ווי איטאַליע, האָט ניט די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע קיין שום אַנדערע אויסזיכטן, אויסער די, וועגן וועלכע איך שרײַב דאָ. ציוניזם איז אין איטאַליע אַן אַרטיקל פון אידעאָלאָגישן אימפּאָרט. אין דעם האָב איך זיך איבערצײַגט בייס די טרעפונגען מיט געזעלשאַפטלעכע טוער, שרײַבער, זשורנאַליסטן שוין אין אָט די ערשטע עטלעכע טעג, וואָס איך געפין זיך אין רוים.

מיסטאָמע שטעלט איר זיך פאָר, ווי נײַגעריק איך בין געוואָרן, ווען מע האָט מיר געזאָגט, אז אין רוים גייט אַרויס א ייִדישער זשורנאַל. וויאַזוי האָב איך עס ניט געוווּסט? דער זשורנאַל טראָגט דעם נאָמען „שאַלאָם״. „שאַלאָם״ — שאָלעם. זייער ווויל! איך קלינג אין רעדאַקציע, מע בעט מיך קומען. און אָט בין איך שוין דאָרט, ווו עס ווערט רעדאַגירט די איטאַליענישע ייִדישע צײַטשריפט „שאַלאָם״.

— שאַלאָם! — רופט אויס, שמייכלענדיק צו מיר, א זשוואָוּער, דאַרלעכער סיניאָר מיט א ריין איטאַליענישן אויסדרוק. באַגעגענענדיק מיך באַם אַרײַנגאַנג, לייגט ער צונויף איינעם דרײַ פינגער פון דער רעכטער האַנט און הייבט אָן טעמפּעראַמענטפול אומפאַרשטענדלעכע פאַר מיר ווערטער, אַפן ריין־איטאַליענישן מאַניר.

— א גוטהעלף! — רוף איך זיך אָפּ, און, מאַכנדיק אזוי, פּונקט ווי כ׳וואָלט אַרײַנגעלייגט די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין אויסשניטן פון א קאַמזויל, וועלכן איך טראָג ניט, הייב איך אָן אויך טעמפּעראַמענטפול ריידן אומפאַרשטענדלעכע פאַר דעם סיניאָר ווערטער, אַפן ריין־ייִדישן מאַניר.

פון דער דאָזיקער סצענקע ווערט קלאָר, אז ניט געקוקט אַפן ברייטן באַגעגענונגס־„שאַלאָם״, טרעפן זיך דאָ ניט קיין צוויי ייִדן, נאָר אַן איטאַליענער מיט א ייִדן, און מע וועט דאַרפן אַרײַנפירן צווישן זיי א דריטן מענטשן — א ייִדישן איטאַליענער, אָדער אַן איטאַליענישן ייִדן, — קעדיי דאָס ניט אַלצײַנע דרייען מיט די פינגער בייסן דורכריידן זיך פון די צוויי זאָל געבן עפּעס מאַמאָשעסדיקס.

און טאַקע — פון אַן אַנדער צימער האָט זיך באַוויזן א יונגיטשקע פרוי, זי רעדט ייִדיש, זי איז געקומען קיין רוים פון ייִסראָעל אַף צו העלפן דעם סיניאָר טאַס (אזא פאַמיליע האָט ער) אַרויסצולאָזן דעם זשורנאַל „שאַלאָם״. אליין איז זי ניט קיין זשורנאַליסטקע, נאָר זי וועט אים יאַקאָס „העלפן״, זאָגט זי. סיניאָר טאַס איז א מיטאַרבעטער פון עטלעכע צײַטונגען אין רוים און פּראָווינץ, נאָר זײַן „הויפּט־זאָרג״ איז אָט דאָס־אָ ניט גרויסע זשורנאַלעכל פאַר די איטאַליענישע ייִדן. איך נעם אין האַנט א פינף־זעקס לעצטע נומערן פון „אָט דעם־אָ ניט גרויסן זשורנאַלעכל פאַר די איטאַליענישע ייִדן״ און בעט מײַנע גאַסטגעבער, זיי זאָלן מיר העלפן געפינען די מאַטעריאַלן וועגן ייִדישן לעבן אין איטאַליע, וועלכע זײַנען אין זיי פאַרעפנטלעכט. און דאָ גיט דער זשוואָוּער דאַרלעכער סיניאָר טאַס זיך א באַווײַז אין אזא שײַן, אז אפילע איך, וואָס כ׳האָב אין מײַנע אָפּטע רײַזעס איבער דער וועלט זיך שוין, דאַנקען גאָט, אָנגעזעען מיט אַלדאָס בייז, בין פון אומגעריכטקײַט געבליבן זיצן ווי געפּלעפט.

— הערט אויס, — האָט מיט א שטײַף קאָל געזאָגט טאַס, — מיר זײַנען ציוניסטן, און אין אונדזער זשורנאַל שרײַבן מיר פאַר די איטאַליענישע ייִדן וועגן דעם לעבן אין ייִסראָעל, ניט אין איטאַליע.

איך האָב דערווידערט:

— אין דער גאַנצער וועלט איז אָנגענומען, אז א צײַטשריפט, וואָס גייט אַרויס אין דעם אָדער יענעם יישעוו, דערציילט זײַנע לייענער קודעמקאָל און מערער פון אַלץ וועגן דעם, וואָס אָנבאַלאַנגט דעם דאָזיקן יישעוו...

צוראָקנדיק נעענטער צו מיר זײַן שטול, האָט טאַס אונטערגעטראָגן די דרײַ צונויפגעלייגטע פינגער אונטער דער סאַמע נאָז מײַנער, און די יונגיטשקע פרוי פון ייִסראָעל האָט איבערגעזעצט זײַנע רייד:

— איר זײַנט גערעכט, אזוי איז טאַקע אָנגענומען אין דער גאַנצער וועלט. אָבער מיר, ציוניסטן, מאַכן ניט נאָך דער וועלט. אויב מיר זיצן אין אַנדערע לענדער, איז דאָס בלויז, קעדיי אַרויסשלעפּן פון דאָרט די ייִדן, און צוליב דעם דאַרף מען אין א ייִדישן זשורנאַל — אומאָפּהענגיק, פון וועלכן גאָלעס ער קומט, — שרײַבן וועגן ייִסראָעל און נאַכאַמאָל וועגן ייִסראָעל...

איך האָב אַרויסגענומען מײַן נאָטיץ־ביכל און אָנגעהויבן אויסלייענען פון דאָרט אַף א קאָל דאָס צעטל פון אַנטיסעמיטישע אינצידענטן אין איטאַליע, וואָס כ׳האָב לעצטנס אַראָפּגעשריבן פון איטאַליענישע טעגלעכע צײַטונגען. אין דער שטאָט פּאַדואַ איז פּרײַטיקצונאַכטס, נאָכן דאַווענען, אויסגעבראָכן אין דער שול א סרייפע.

ווען דאָס פײַער איז פאַרלאָשן געוואָרן, האָט מען אַף דער וואַנט אַנטדעקט אַן אויפשריפט: „וויוואַ פּרעדאַ!” (פּרעדאַ איז דער אַרטיקער נעאָנאַציִשער פירער). אין אַ צווייטער שטאָט — גוריציאַ — האָבן כוליגאַנעס פאַרשוועכט די אַרטיקע סינאַגאָגע און אינגאַנצן פאַרניכטעט דעם בעסוילעם. אַ ריי ייִדן האָבן באַקומען דראָונגס־בריוו, אין וועלכע ס'איז, צווישן אַנדערס, געווען געשריבן: „דער פאַשיסטישער שטורעם־קויעך איז ניט געשטאָרבן. מיר וועלן זיך צוריקקערן און זיך אָפּרעכענען מיט אײַך”. אין מילאַן זײַנען אַף די ווענט פונעם הויז פון דער ייִדישער געמיינדע און אַף אַ קליניק, וועלכע געהערט צו אַ דאָקטער אַ ייִדן, אויפגעשריבן געוואָרן ראַסיסטישע לאָזונגען מיט האַקנקרייצן. אין רוים, אין דער סינאַגאָגע גאַריזיאַ, האָבן וואַנדאַלן צעשניטן מיט מעסערס די סייפער־טוירעס און סידורים און אויפגעבראָכן די אַלמערס פונעם אַרכיוו. די צענטראַלע קעהילע פון די ייִדן אין איטאַליע האָט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדע סטאַטיסטיק: אין לאַנד גייען אַרויס בא הונדערט צײַטונגען און ביולעטענען, וואָס זייער שפּראַך דערמאָנט די שטרײַכער־פּראָפּאַגאַנדע אין היטלערס צײַטן; אין משך פון צוויי כאַדאָשים זײַנען פאַררעגיסטרירט 18 אַנטיסעמיטישע אינצידענטן. דער פּאָרזיצער פון דער ייִדישער קעהילע אין רוים דר. סערדזשיאָ פּיפּערנאָ האָט אין אַ מעמאָראַנדום פאַר דער איטאַליענישער רעגירונג אָנגעוויזן אַף דער סאַקאָנע, וואָס דראָעט דעם ייִדישן ייִשעוו איבער דער פאַרשטאַרקטער טעטיקײַט פון די נעאָנאַציִשע עלעמענטן...

סיניאָר טאַס האָט מיך ניט געלאָזט דערלייענען ביזן סאָף:

— אומזיסט אײַער טירכע. איך ווייס וועגן די דאָזיקע פאַקטן אָן אײַך. די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס בלויז די קאָמוניסטן ווילן פאַרשענערן דאָס לעבן פון די ייִדן דאָ אין לאַנד. און אַזויאַרום זיי אויך אַף ווײַטער האַלטן אין דער פרעמד. די ציִעניסטן אַרט ניט דער אַנטיסעמיטיזם. אין גאָלעס מוז ער זײַן. עס וווּנדערט אונדז, וואָס פאַר די ייִדן, קעדיי זיי זאָלן אַוועק פונעם גאָלעס קיין ייִסראָעל, איז ווייניק, ווען מע מאָלט אָן אַף דער וואַנט פון אַ סינאַגאָגע אַ פאַשיסטישן צייכן, זיי דאַרפן צוליב דעם האָבן אַף זיך אַליין דעם פאַשיזם!

די יונגיטשקע פרוי האָט אַ קוק געטאָן אַפן סיניאָר טאַס, ווי איינער רעדט: „טיפּעש, נעם שוין אײַן שטומעניש”, און אַליין, פון איר זײַט, צוגעגעבן:

— איר ווייסט, אין דער צײַט, ווען מײַן קאָלעגע האָט דאָ אַזוי עמאָציִאָנעל (אַ ביסל איבערגעטריבן, איר וועט געוויס אים מויכל זײַן דעם דאָרעמדיקן טעמפּעראַמענט), באַשאַס ער האָט מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקײַט אָפּגעלייקנט די נויטווענדיקײַט צו וואָזגען זיך מיטן אַנטיסעמיטיזם אין גאָלעס אָנשטאָט ראַדיקאַל מיט אים צו פאַרענדיקן דורך אַריבערפירן די ייִדן קיין ייִסראָעל, — אין דער זעלבער צײַט האָב איך דערווײַל געבלעטערט די עטלעכע נומערן „שאַלאָם”, און איך האָב געפונען צענדליקער, עפּשער הונדערטער שורעס, ווו עס ווערט געטאַדלט דער אַנטיסעמיטיזם...

— דער אַנטיסעמיטיזם אין וועלכן לאַנד?

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס גייט אַ רייד וועגן אָפיציִעלן, מעלוכישן אַנטיסעמיטיזם.

— וועלכע פאַקטן ברענגט דער זשורנאַל?

— קיין פאַקטן ברענגט מען ניט. פונוואַנען זאָלן מיר דאָ וועגן זיי וויסן? מיר לעבן אין אַן אַנדער לאַנד. אָבער אומעטום רעדט מען דאָך וועגן דעם...

— אַנטשולדיקט. וועגן די פאַקטן פון אַנטיסעמיטיזם אין איטאַליע ווייסט איר, נאָר איר שרײַבט ניט וועגן זיי אין „שאַלאָם”, ווײַל עס לוינט ניט דעם ציִעניזם; פאַרקערט — קיין פאַקטן וועגן אַזויגערופענעם אָפיציִעלן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט איר ניט, נאָר איר שרײַבט אין „שאַלאָם”, אַז אַזוינס איז פאַראַן, ווײַל דאָס, ווידער, לוינט דעם ציִעניזם... אָבער אַזאַ ליניע אין דער זשורנאַליסטיק באַטײַט דאָך — אין איין פאַל פאַרשווײַגן די פאַקטן, אין אַ צווייטן פאַל פאַלסיפיצירן זיי...

טאַס האָט ניט געוווּסט, וועגן וואָס מיר ריידן, האָט ער מיטאַמאָל גענומען שפּילן די ראָל פון אַ „מײַן ווייניקײַט” און, דערלאַנגענדיק פון דער פּאָליצע אַ נומער „סאָוועטיש היימלאַנד”, האָט ער אים אַוועקגעלייגט (מיטן קאָפּ אַראָפּ...) אַפן טיש, און צו אים צוגעטוליעט, אַ פערטלדיקס לויטן פאָרמאַט און אַ פּיל דינערס, איינס פון די העפטלעך פון „שאַלאָם”.

— טוט אַ קוק אַף אונדזער „שאַלאָם”, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ שוואַך קאָל, — קיין ראָמאַן אָדער פּאָעמע וועסטו אַהער ניט אַרײַנשפּאַרן. ניטאָ קיין אָרט אַף צו שרײַבן וועגן אַלע לענדער און וועגן אַלע פראַגן...

— דעריבער שרײַבט איר בלויז וועגן צוויי לענדער: גוטס וועגן ייִסראָעל, שלעכטס וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד. איטאַליע, די איטאַליענישע ייִדן פאַלן ביכלאַל אַרויס פונעם כעזשבן...

ווײַטער איז דער שמועס אונדזערער געגאַנגען לויט אַ שוין באַוווּסטער סכעמע — פּונקט ווי אין אַנדערע אַזעלכע ערטער, וווּהין איך, אַ סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער, קום צו פאָרן, און, רופנדיק מיך צו זיך צוגאַסט, סטאַרען זיך די אָרטיקע אָפּטריניקע פונעם ייִדישן פאָלק און פון דער ייִדישער קולטור־זאָרג אַרײַנטרײַבן מיך אין אַ ווינקל מיט זייערע באַנאַליטעטן אין

דער פאָרם פון טאמעוואטע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע קלאָץ־קאשעס.

איך בין זיך מוידע: מיטן סיניאָר טאס האָב איך דאָ געשפּילט א געוויסע שפּיל. ער האָט נאָך ניט געוווּסט, אָבער איך האָב שוין יאָ געוווּסט, אז מאָרגן, אין דער צווייטער העלפט טאָג, איז אין צווישנפעלקערלעכן זשורנאליסטישן צענטער פארפלאנירט מײַנע א פרעסע־קאָנפערענץ. ווי עס איז שוין ניט איין מאָל געשען, קומען אף אזעלכע באגעגענישן עטלעכע זשורנאליסטן פונעם ציִעניסטישן כיידער, און זיי פּרוּוון מיט פּראָוואָקאציאָנעלע פראגעס און רעפּליקעס אראָפּשטופּן דעם שמועס פון זײַן נאָרמאלן גאנג: אָנשטאָט צו אינפאָרמירן די פאָרשטייער פון דער פרעסע וועגן די עמעסע פאקטן פונעם ייִדישן לעבן און וועגן די קולטור־אינטערעסן פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד, אָנשטאָט צו אופקלערן דעם עכטן זין פון די הײַנטיקע ענדערונגען אינעם מאצעוו פון דעם סאָוועטישן ייִדישן פאָלק, וואָלט איך געמוזט (ווען איך דערלאָז עס) פירן די פרעסע־קאָנפערענץ לויטן סצענאר פון די ציִעניסטן.

וועגן טאסן האָב איך זיך דערוווּסט אייניקע פּראָטים נאָך ביז אונדזער באגעגעניש. למאָשל, בייס איך האָב באזוכט אין איר וווינונג שולאמיס קאציזנע, די טאָכטער פונעם טאלאנטפולן ייִדישן שרײַבער, דעם קאָדעש אלטער קאציזנע (זי איז, דוכט זיך, דער איינציקער מענטש אין רוים, פון די שטענדיקע אײַנוווינער, מיט וועלכן מע קאָן רעדן מאמעלאָשן), האָט זי מיר צווישן אנדערס דערציילט, אז אן ערעך מיט א האלב יאָר צוריק איז אין רוים צונויפגערופן געוואָרן א „איטאליענישע" צונויפקומעניש פון דער סעריע „קאָנפערענצן וועגן די סאָוועטישע ייִדן", וועלכע די ציִעניסטן אינספּירירן אמאָל אין איין לאנד, אמאָל אין א צווייטן. וואָס איז שײַעך דער דאָזיקער „רוימישער קאָנפערענץ", דארף מען וויסן דעם דורכשניטלעכן איטאליענישן געזעלשאפטלעכן טוער, באזונדערס די קאטעגאָריע, וועלכע מע באצייכנט אלס אינטעלעקטואלן (די ציִעניסטן שלעפּן אף זייערע קאָנפערענצן הויפּטזאכלעך אינטעלעקטואלן, אפּעלירנדיק צו דער „בארעמהארציקײַט" און צום „הומאניסטישן געפיל"), — מע דארף וויסן אָט דעם סאָרט איטאליענער, קעדיי פארשטיין, אז אין זייער סוויווע איז א ציִעניסטישער אנטיסאָוועטישער באלאגאן ניט בעניִמצע. פּרוּווט, אדעראבע, אין רוים אָדער אין מילאן אָפּשטעלן אין גאס דרײַ־פיר צופעליקע פארבײַגייער, וועט זיכער איינער פון זיי זײַן א קאָמוניסט, און אין פיל פאלן וועט א צווייטער זיך ארויסווײַזן פאר אזא, וואָס נעמט אוף מיטן סייכל די ארגומענטאציע פון די קאָמוניסטן. אויב, אשטייגער, אן איטאליענער פילט מיט ייִסראָעל. הייסט עס אָבער ניט, אז ער וועט דערלויבן אויסצונוצן אָט דעם מיטגעפיל אין אנטיסאָוועטישע צילן. פארשטייט זיך, אז איך האָב דאָ ניט אין זינען עקסטרעם־רעכטע, צי, גאָט זאָל אָפּהיטן, אנארכיסטן אָדער נעאָפאשיסטן. וועגן זיי איז אין דעם פאל ניטאָ וואָס צו ריידן, ווײַל בא די ציִעניסטן קלעקט סייכל אף ניט באווײַזן זיך אין דער עפנטלעכקײַט אויסער ייִסראָעל אין קאָמפּאניע מיט אָט דעם אוילעם.

דערמאָנענדיק וועגן דער אנטיסאָוועטישער קאָנפערענץ אין רוים, האָט שולאמיס קאציזנע זי אָנגערופן „נעבעכדיקע". און האָט צוגעגעבן:

— דאָס אליין, וואָס דער אָרגאניזאטאָר פון דער קאָנפערענץ איז געווען אן אָרטיקער ייִסראָעל־אגענט — זײַן נאָמען איז טאס, — האָט אָפּגעשטויסן פון איר דעם סאָלידן פּאָליטיקער.

איצט, וויסנדיק שוין פון דער באגעגעניש אין דער רעדאקציע פון „שאלאָם", וואָס פאר א פויגל עס איז אָט דער טאס, האָב איך באשטימט אויסנוצן אונדזער שמועס אלס א מין ארײַנפיר צו דער מאָרגעדיקער פרעסע־קאָנפערענץ, קעדיי מאָרגן אוועקשטעלן א באריער פאר טאסן, ער זאָל ניט קאָנען טײַנען, אז ער האָט נאָך ניט באקומען קיין ענטפער אף זײַנע אָפּגעריבענע שטאמפּאָווע פראגעס. איך האָב אים געזאָגט:

— טאס, לאָמיר זיצן נאָך א שאָ, נאָך צוויי שאָ, נאָך דרײַ שאָ, איר זאָלט האָבן די מעגלעכקײַט ביזן סאָף, ביזן גרונט קלאָר מאכן פאר זיך אלץ, וואָס אײַך איז נאָך ניט קלאָר. צופרידנשטעלן וועל איך אײַך קיינמאָל ניט. איך און איר זײַנען דיִאמעטראל קעגנזעצלעכע מענטשן, אָבער ענטפערן אף אלע אײַערע פראגעס בין איך מעכוייעוו, און איך וויל עס טאָן איצט, בא אונדזער באגעגעניש אין דער רעדאקציע פון „שאלאָם".

דער סיניאָר טאס האָט זיך געשווירן:

— אף אלע פראגעס האָב איך שוין באקומען אן ענטפער.

— אן אויסשעפּלעכן?

— אן אויסשעפּלעכן.

— אונדזער שטאנדפּונקט, דאָס, וואָס מיר רופן אָן אונדזער עמעס, איז אײַך קלאָר?

— קלאָר, קלאָר.

— אויב מאָרגן באגעגענען מיר זיך ווידער, וועט איר ניט איבערכאזערן נאָכאמאָל די זעלבע פראגעס?

טאס האָט צוגעלייגט די האנט צום הארצן. מיר האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער. באקוקנדיק די פײַנע צוויי פארייניקטע צווישן זיך צימערן, ווו דער שמועס איז פאָרגעקומען, האָב איך געפרעגט טאסן:

— ווו נעמט איר געלט אף אויסצוהאלטן אײַער „שאלאָם"?

דעם סיניאָר האָט א צי געטאָן צו הומאָר. ער

האָט געענטפערט, איבערשטעלנדיק ביידע פיס פון די שפּיץ פינגער אַף די אָפּצאַסן:

— פּערציק פּראָצענט פון אונדזער בודזשעט דעקט ייִסראָעל, דער סאָכנוט. נו, און דאָס איבעריקע באַקומען מיר אין דאָלאַרן, פונעם צע־ער־אָו.

אויגנבליקלעך האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע. די יונגיטשקע פרוי פון ייִסראָעל, א בלאָס־געוואָרענע, האָט אַרײַנגעשטעקט איר דורכדרינגלעכן בליק אין דעם סיניאָרס פּאָנעם („טיפּעש, נעם שוין אײַן שטומעניש...״); דער סיניאָר האָט אַראָפּגעשלונגען דעם הומאָריסטישן שמייכל און איז רויט געוואָרן ווי א בורעק; איך האָב א קלאַפּ געטאָן דעם סיניאָר איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אײַ־אײַ־אײַ, צוליב וואָס דאַרפט איר אַזוינס אַף זיך אויסטראַכטן...

דער סיניאָר איז צוגעלאָפן צו א ביכערשראַנק און גענומען קלוימערשט זוכן אַף דער פּאָליצע.

איך האָב פאַרלאָזט די רעדאַקציע פון „שאַלאָם״. ס׳איז דורכגעגאַנגען א טאָג, און אַף מאָרגן נאָך מיטיק האָב איך ווידער, אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, דערזען דעם סיניאָר טאַס א זשוואַוון און דאַרלעכן, מיט א ריין־איטאַליענישן אויסזען. ער האָט געשמייכלט. אַלץ האָט איידעס געזאָגט, אַז ער איז, באַרעכהאַשעם, אין א גוטער פאָרם. אין א פּאָר מינוט אַרום נאָך דעם, ווי די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז אויך דער זיקאָרן איז בא אים אין אָרדענונג: ער געדענקט, אַז כ׳האָב ניט געוואָלט, ער זאָל אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ איבערכאַזערן נאָכאַמאָל די זעלבע פּראַגעס, אַף וועלכע ער האָט נעכטן באַקומען אַן אויסשעפּלעכן ענטפער, און דערבער האָט ער איינע נאָך דער אַנדערער מיר פאַרגעבן ווידער די פּראָוואָקאַציאָנעלע קלאָץ־קאַשעס.

דאָס זעלבע האָבן געטאָן נאָך צוויי זשורנאַליסטן, וועלכע זײַנען געזעסן לעבן טאַסן, איינער אַף לינקס פון אים, דער צווייטער אַף רעכטס. איך האָב שוין געמוזט ניט שאַנעווען די עקסעלענץ פון די דרײַ און, אָפּשטעלנדיק אַף א פּאָר מינוט די פּרעסע־קאָנפערענץ, האָב איך דערציילט דאָס, וועגן וואָס כ׳האָב דאָ אויבן אײַך געשריבן. איך האָב געפרעגט בא די זשורנאַליסטן אַן אייצע: צי גיין מיטן וועג, ווּוהין טאַס און זײַנע פרײַנטלעך וועלן פירן, צי דורכשמועסן זיך וועגן טאַכיקע זאַכן. דער ענטפער איז געווען אַזאַ: ווער עס ווייסט שוין אַלץ פון פריִער און די פּרעסע־קאָנפערענץ איז אים נייטיק צוליב אַנדערע צוועקן, קאָן זיך גיין פונדאַנען. די קאָרעספּאָנדענטן זײַנען געקומען אַהער, קעדיי באַקומען אינפאָרמאַציע פאַר זייערע צײַטונגען, און זיי בעטן, מע זאָל זיך דאָ פאַרנעמען מיט דעם און ניט מיט עפּעס אַנדערש. ווײַטער איז אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ נאָך איין מאָל אַרויסגעשוווּמען דער סיניאָר טאַס. ער האָט געפרעגט:

— מײַנע קאָלעגן, וואָס זיצן דאָ אין זאַל, האָבן זיך פון אײַער אָקאָרשטדיקער מיטיילונג דערוווּסט, אַז נעכטן זײַנט איר געווען צוגאַסט אין רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „שאַלאָם״ און אַז מיר האָבן אײַך גענוי באַקאַנט מיטן אינהאַלט און מיט דער ליניע פונעם זשורנאַל. אויך איר האָט אונדז דערציילט וועגן דער צײַטשריפט „סאָוועטיש היימלאַנד״, וואָס גייט אַרויס אין מאָסקווע. און דאָך איז אונדז פאַרבליבן ניט קלאָר, פאַרוואָס אַזאַ זשורנאַל, ווי „שאַלאָם״, קאָן ניט דערשײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך האָב געענטפערט:

— אין סאָוועטנפאַרבאַנד קאָן אַזאַ זשורנאַל, ווי „שאַלאָם״, ניט דערשײַנען. פאַרוואָס? „שאַלאָם״ העצט אונטער א געוויסע קאַטעגאָריע בירגער פונעם לאַנד, אין וועלכן ער גייט אַרויס, זיי זאָלן פאַרלאָזן אָט דאָס לאַנד און אַריבערפאָרן אין א צווייטן. „שאַלאָם״ טרײַבט אויך סיסטעמאַטיש רעקלעמעס אַף א דריט לאַנד, מיט וועלכן, אַגעוו, דאָס לאַנד, אין וועלכן ער דערשײַנט, האַלט אונטער נאָרמאַלע און אַפילע פרײַנטלעכע באַציִונגען. „שאַלאָם״ עקזיסטירט אַף געלט־מיטלען, וועלכע קומען אָן פון אויסלענדישע קוואַלן.

ווען די פּרעסע־קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט, איז צו מיר צוגעגאַנגען א קאָרעספּאָנדענט פון פראַנס־פּרעס און מיר דערציילט, אַז אין פּאַריזש, אַף בעלוויל, האָט די ציִוניסטיש־טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע „באַוועגונג פון אַקציע און פאַרטיידיקונג״ — „מאַסאַדע״ געמאַכט א באַמבע־אַטענטאַט קעגן א פּאַלעסטינער בוך־געשעפט. עס זײַנען דערבײַ פאַראַן פאַלגנדיקע איינצלהײַטן:

די ייִסראָעלדיקע צײַטונג „יעדיִאָט אַכראָנאָט״ האָט געשריבן, אַז די פּאַריזשער „מאַסאַדע״ איז א פיליִאַל פונעם ייִסראָעלדיקן „כיירוט״. אויך פראַנס־פּרעס האָט מיטגעטיילט: „די „באַוועגונג פון אַקציע און פאַרטיידיקונג — „מאַסאַדע״ דינט פּאַקטיש ווי א שירמע פאַר די מיטגלידער פון „בעטאַר״, א פאַשיזירנדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער ייִסראָעל־פּאַרטיי „כיירוט״. אין פּאַריזש און אין בעלגיע האָבן די צײַטונגען אונטערגעשטראָכן, אַז „מאַסאַדע״ ווערט באַוואָפנט מיט געווער פון אויסלאַנד. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אין ייִסראָעל, ווו די געשעעניש פון אָט דעם מין וויקלען זיך פאַנאַנדער גאַנץ שנעל. ס׳איז פעסטגעשטעלט, אַז די טעראָריסטישע גרופּעס אין אייניקע לענדער האָבן זייער־

רע באַזעס אין ייִסראָעל. לעצטנס האָט מייער קאַהאַנע, דער באָס פון דער „ליגע פאַר פאַרטיידיקן די ייִדן", זיך באַזעצט אין ייִסראָעל און איבערגעפירט אַהין די קאָמאַנדשאַפט מיט זײַנע שטורמאָוויקעס. אין ייִסראָעל האָט ער געעפנט אַן „אידעאָלאָגישע שול" מיט אַן אינטערנאַט, װוּ מע לערנט, ווי צו באַגיין זיך מיט האַנטגראַנאַטן, רעוואָלווערן, ווי׳אַזוי אונטערלייגן באָמבעס. אין ייִסראָעל איז שוין פון לאַנג טעטיק אַ באַנדע בעטאַריסטן — „יונגע וועלף", — וועלכע האָט עפנטלעך געמאָלדן, אַז זי וועט טעראָריזירן די „פאַרעטער פון פאָלק", וואָס טרעטן אַרויס קעגן שאַפן מיט קויעך, אַפן כעזשבן פונעם פּאַלעסטינישן און אַנדערע אַראַבישע פעלקער, אַ „גרויס ייִסראָעל".

מייער קאַהאַנע האָט ניט לאַנג צוריק געזאָגט, אַז די טעראָריסטישע „ליגע" וועט אויסשפּרייטן איר טעטיקײַט אַף די לענדער פון אייראָפּע און געוואָרנט, אַז זײַנע באַיאַנעס וועלן אָנווענדן אויך אַזאַ פאָרם פון טעראָר, ווי סעקרעסטרירן סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן. דערווײַל האָבן זיי מיט אַ פאָר טעג צוריק געפּרוּווט דורכשמוגלען דורכן לודער אַעראָפּאָרט אַן אומלעגאַלן וואָפנטראַנספּאָרט פון ייִסראָעל אין אַנדערע לענדער, אַרײַנגערעכנט פראַנקרײַך און איטאַליע, וווּ די ערשטע טעראָריסטישע אַקטן זײַנען שוין פאָרגעקומען.

אָט אַזוי קום איך ווידער צו די פראַגן, וועלכע איך האָב באַרירט אין אָנהייב פון אָט דעם בריוו: ווער האָט דערמאָרדעט אַבדעל זוויַיטערן? און — ווער זײַנען די ציִעניסטן אין איטאַליע?

די ציִעניסטן אין איטאַליע זײַנען ווילדפרעמד דעם איטאַליענישן ייִדנטום. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער געווער־קאָנטראַבאַנדע אין לוד — פּאַגלין — אַ געוועזענער אָנפירער פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „אירגון", וועלכע האָט פונקציִאָנירט אין די צײַטן פונעם בריטישן מאַנדאַט, האָט באַם אַרעסט געמאָלדן, אַז עס ווערן קאָמפּלעקטירט טעראָריסטישע גרופּעס, וואָס דאַרפן זײַן טעטיק אויסער ייִסראָעל. זאָל מיר מויכל זײַן דער זשורנאַליסטישער צעך, נאָר ס׳איז קיין צווייפל ניט, אַז אַזעלכע זשורנאַליסטן אין רוים, ווי טאַס, מיט זײַן „וואָפן" — דעם זשורנאַלעכל „שאַלאָם", — זײַנען אויך מיטן זעלבן וועג און מיט דעם זעלבן ציל אַרײַנגעשיקט קיין איטאַליע. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, די זשורנאַליסטישע אָפּטיילונג פון דער טעראָריסטישער גרופּע.

וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ גרופּע אין איטאַליע רעדט מען אָפן. אין הײַנטיקן נומער פון „קאָריערע דעלאַ סעראַ" האָב איך געלייענט, אַז, ווי מע האַלט, האָבן צום מאָרד אַפן פּלאַץ אַניבאַליאַנאָ צוגעלייגט אַ האַנט די אַלטע קאַדרען פון די ייִסראָעלדיקע אָרגאַניזאַציעס „אירגון" און „שטערן" און דעם ראָוו קאַהאַנעס „ליגע", און אַז פון דער דאָזיקער אַקציע ציט זיך אויך אַ פאָדעם צו דעם אופרײַס אין ביכער־געשעפט „פּאַלעסטינע" אין פּאַריזש.

ווען איך בין פון דער פּרעסע־קאָנפערענץ געפאָרן צוריק אַהיים, האָט אַ סאָוועטישער זשורנאַליסט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַף דער געבײַדע פון דער ענגלישער געזאַנדשאַפט און מיך געפרעגט, צי איך ווייס וועגן איינער אַ דיווערסיע, וואָס די ציִעניסטן האָבן דורכגעפירט טאַקע דאָ אין רוים?

— יאָ, דעם 31 אָקטיאַבער 1946 האָט „אירגון צוואי לעומי" אופגעריסן די געזאַנדשאַפט פון גרויסבריטאַניע.

— דער זעלבער „אירגון"...

די ענגלענדער האָבן אויסגעבויט פאַר זייער דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייערשאַפט אַ נײַע מאָדערנע געבײַדע. פונדערווײַטנס דוכט זיך אויס, אַז די טראַדיציִאָנעלע דורכויסיקע ווענט זײַנען דאָ פאַרביטן מיט אַראָפּהענגענדיקע — פונעם דאַך ביזן פונדאַמענט — לענגלעכע מראַמאָרנע פּליטעס. מײַן פרײַנט, דער סאָוועטישער זשורנאַליסט, דערקלערט עס מיט דעם, וואָס אופרײַסן אַ הויז פון אַזאַ אַרכיטעקטור איז שווערער, איידער אופרײַסן אַ הויז מיט קאָמפּאַקטע פאָרמען...

(פאָרזעצונג קומט)

פאַיִם מעלאמוד

קאַלטס און וואַרעמס



(ראָמאַן)

9

אוי האָט טאַקע געדאַרפט זײַן. אַלע פענצטער פונעם יִשעוו האָבן אײנס נאָכן אַנ־דערן צוגעמאַכט די אויגן און איבערגעלאָזט דער נאַכט זייער שוואַרצן גלאַנץ. בלויז די פענצטער פון יענטלס שטוב האָבן אַרויסגעלויכטן מיט אַ פריילעך פײַערל. זיצן, הייסט עס, בײַ יענטלען אירע שכײנים און מע פּילנעוועט כאַיִם־בערן: װער מיט אַ הייסער גלאָז טיי, װער מיט אַ פריש פּלעצעלע און װער מיט אַ פריילעכער געשיכטע. און יענטל אַליין, קאָן זײַן, איז נאָך אין דער הײם ניטאָ, זי פאָרעט זיך נאָך אַלץ אין שטאַל בײַ די טע־לעצעס. סײַװי װעל איך אַהין אַרײַנגיין. מע דאַרף זיך דערװיסן, װאָס מאַכט עפּעס כאַיִם־בער. און עס װילט זיך מיר זען אויך יענטלען אַליין. אויב זי איז נאָך ניטאָ, װעל איך צו־װאַרטן אויף איר. כאָטש איך װײס ניט װעגן װאָס זאָל איך הײַנט רעדן מיט איר און װיאַזוי ענטפערן אויף אירע פראַגן. זי רעדט זיי קײנמאָל ניט אַרויס, נאָר זיי ליגן שטענדיק אויף איר פאַרסמאַלעט פּאָנעם און אין אירע אָנגעכמורעטע אויגן.

זומער איז געװען אַ סאַך פראָסטער. מיר זײַנען, װי אַלע איבעריקע, געזעסן אויף די ברע־טער אַרום די באַראַקעס און איך האָב מיט איר געלערנט דעם אַלעפבייס, געװיזן, װיאַזוי מע קאָן פון באַזונדערע אויסיעס צונויפשטעלן פאַרשיידענע װערטער, אַלע װערטער, װאָס זײַנען נאָר פאַראַן אויף דער װעלט. זי איז געװען זייער אַ גוטע, אַ פלײַסיקע שילערן און מע האָט איר קײנמאָל ניט געדאַרפט איבערכאַזערן, װײַזן צװיי מאָל איין זאַך. און מיר איז ניט אײן

פאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָװעטיש היימלאַנד" נום. 1, 1973.

מאָל געקומען אפן געדאנק, אז דאָס אַלץ, וואָס איך ווײַז איר, וואָס איך לערן זי, האָט זי שוין אַמאָל געוווּסט, נאָר פאַרגעסן און עס ליגט טיף פאַרכאַסמעט אין איר מויעך. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט, צוקוקנדיק, ווי עס צעפלאַמט זיך איר קלײַנעדיק פּאָנעם און ווי פון אירע אויגן שטראַלט אַרויס אַזאַ הייסער דראַנג און פאַרלאַנג אַלץ באַנעמען און אַלץ פאַרגעדענקען. די לימודים יעדן פרײַען פאַרנאַכט זײַנען געווען פאַר אונדז ביידן אַ שטיקל יאָמטעוו. און אָפטמאָל האָבן מיר איניינעם געטרוימט. געטרוימט, ווי וועט אויסזען אונדזער ייִשעוו אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי יאָר אַרום, ווי וועט אויסזען דאָס לעבן אונדזערס און מיר אַליין. פון די לימודים און פון די טרוימען איז אונדז געוואָרן אַ סאַך היימלעכער, און מיר זײַנען געוואָרן אַ סאַך היימישער. און דאָס האָב איך עפשער ניט געטאָרט טאָן — טרוימען בעשוטפעס מיט יענטלען. נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן, צו וואָס דאָס וועט ברענגען? ווײַל עס קומט אויס, אַז איבער מיר איז יאַנקל איר געוואָרן פרעמד און דערווידער, אַז איבער מיר איז יאַנקל אינמיטן דער נאַכט אַוועק פון דער היים. בין איך שולדיק פאַר יענטלען און שולדיק פאַר יאַנקלען. ניין, פאַר יאַנקלען זײַנען מיר ביידע שולדיק. כאָטש מיר האָבן וועגן דעם ניט גערעדט און יענטלס געפיל איז מיר שווער צו באַשטימען, צי איז דאָס בלויז אַ געפיל פון ראַכמאָנעס, צי איז דאָס עכטע בענקעניש, צי איז דאָס אַלץ איניינעם, מיט אַ גרויסן ביילעק פון שולד אויך.

אַזוי גייט עס בײַ אונדז זינט יענער נאַכט, ווען יאַנקל איז אַוועק. ריכטיקער, זינט יענעם באַגינען. דער פײַערלעכער אָקטיאַבער־אָוונט, ווען מיר האָבן אויך אונדזער ייִשעוו אָנגערופן מיטן נאָמען פונעם יאָמטעוו, האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט און יעדערער האָט געהאַט רעכט שלאָפן אַ ביסל שפּעטער. נאָר דער שלאָף האָט גיך זיך אָפּגעטראָגן. שולדיק איז געווען דאָס פרעסטעלע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין שטוב אַרײַן דורך די ניט אָנגעגלאָזטע פענצטער. יאָ, די פענצטער זײַנען בײַ אונדז נאָך ניט געווען אָנגעגלאָזט, ווײַל דער איינציקער גלעזער אפן ייִשעוו איז פאַר זײַן גאַנץ לעבן ניט געווען אַזוי פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט. האָבן מיר דערווײַל פאַרהאַנגען די פענצטער מיט וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, נאָר די פרעסטלעך, וואָס קומען אַהער אַ ביסל צו פרי, האָבן זיך געמאַכט דערפון אַ קליינעם צימעס. דערפילט יענע אָפּפרישנדיקע און וועקנדיקע קעלט, בין איך אַראָפּ פונעם געלעגער און אַרויס אין דרויסן. יאָ, אַ ווײַס פרעסטעלע. ס'האָט אַרויסגעפינקלט פון צווישן דעם נאָך גרינעם גראָז, ווי יענע שניי־ווײַסע מאַרגאַריטקעלעך אינמיטן זומער. דער גאַנצער אַרום איז געווען ווי יאָמטעוודיק־צוגעפּוצט און אונטערגעפאַרבט. און די לופט אַליין, די פּראָסטיקפרישע און זיבערע לופט, וואָס האָט עטוואָס געשניטן אין האַלדז און געצוווּנגען אַ ביסל אונטערטאַנצן, האָט אויך אויסגעזען ווי באַזילבערט. כוץ אַלעמען, איז אַ ווײַס פרעסטעלע דער בעסטער סימען, אַז דער טאָג וועט זײַן אַ זוניקער און אַ וואַרעמער. וועלן מיר קאָנען פּראַווען דעם יאָמטעוו אַזוי, ווי מיר האָבן פּלאַנירט.

צי דערפאַר, וואָס איך בין געווען פאַרכאַפּט מיטן אומגעווייִנלעכן באַגינען, צי ווײַל איך האָב שטאַרק צוגעזשמורעט די אויגן קעגן דער זון און קעגן דער בלענדנדיקער באַזילבערטקײַט, נאָר איך האָב ניט גלײַך באַמערקט, אַז יענטל שטייט לעבן אונדזער שטוב, צוגעשפּאַרט צו די שיטערע ברעטלעך פון פּלויט.

— וואָס איז געשען, יענטל?

זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. בלויז אויסגעצויגן די האַנט און דערלאַנגט עפּעס אַ צעטעלע. איך האָב געלייענט און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווער האָט דאָס אָנגעשריבן און וואָס זאָל דאָס באַטײַטן. און ווען איך האָב ענדלעך אָנגעהויבן באַנעמען, אין וואָס דאָ גייט, האָב איך נאָך מערער ניט פאַרשטאַנען. ס'האָט זיך ניט געגלייבט: יאַנקל זאָל אַזוינס אָפּטאָן? און יאַנקל זאָל אַזוינס אָנשרײַבן?

„איך גיי אַוועק... איך וועל האָרעווען אָף די סאַמע שווערסטע אַרבעטן. איך וועל פאַרדינען אַ סאַך געלט, צו די בעסטע דאָקטוירים וועל איך גיין און אויסהיילן דעם קאָפּ. דערנאָך וועל איך קומען אַהיים... דאַן וועסטו מיר זאָגן...”

געלייענט און איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, ווי אַ גרויסע אַנטדעקונג, ריכטיקער, ווי אַ נײַעם סאָד, אַ רעטעניש, וואָס איך דאַרף ערשט טרעפן. און אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אָף יענטלען, גלײַך אין אירע פאַרוויינטע אויגן איז געווען אַן ענטפער אָף דער רעטעניש.

— ווי?אַזוי איז דאָס געשען?

— איך ווייס ניט. ווען איך בין אַרײַן אין שטוב, האָב איך אפן טיש געטראָפן דאָס צעטעלע. איך האָב געמיינט, איך וועל אים דעריאָגן, נאָר איך בין געלאָפן, געלאָפן...

— וווּהין זשע ביסטו געלאָפן?

זי האָט, אפּאָנעם, די גאַנצע צײַט געשטיקט אין זיך דאָס געוויין, געשלונגען די טרערן. נאָר מערער אײַנהאַלטן זיי שוין ניט געקענט. האָט זי זיך צעוויינט אַפן פולן קאָל. עפּעס גאָר, ווי אַ פּיצעלע קינד.

— אַז איך ווייס ניט... איך ווייס אַליין ניט!..

— נו, נו, נו... — דאָס האָט געדאַרפט הייסן: יענטל, מע דאַרף ניט וויינען, ס'וועט דען עפּעס העלפן?

זי איז געווען אַ גוטע שילערן און האָט מיך גלײַך פאַרשטאַנען. אפגיך אויסגעווישט די טרערן און געבליבן שטיין, ווי צוגעוואַקסן צום פּלויט. זײַנען מיר ביידע געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי די אופגעגאַנגענע זון הייבט אָן אויסלעקן דאָס ווײַסע פּרעסטעלע פון די דעכער, ווי עס פאַרשווינדן די ווײַסע מאַרגאַריטקעלעך צווישן גרינעם גראָז.

— ניט געזאָרגט, יענטל, — האָב איך זי געפּרוווט טרייסטן. — ער וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, דײַן יאַנקל. מיסטאָמע האָט ער אומיסטן צוגעטראַכט אַזאַ שפּאַס, דיך אָנשרעקן אַ ביסל. אָט וועסטו זען, אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער זיך אַ יאַווע טאָן. אויב ניט נאָך הײַנט...

אַוואַדע זײַנען בײַ מיר געווען די בעסטע קאַוואָנעס, נאָר יענטל האָט זיך באַליידיקט:

— און איך האָב געמיינט... אַ פאַרזיצער, פונדעסטוועגן.

אַרויסגערעדט און אַוועק. אַ באַרויגעזע, אַ באַליידיקטע און אַן אַנטוישטע. זי האָט אַפּאָ־נעמעסן געמיינט, אַז אַ פאַרזיצער קאָן און מוז באַהילפיק זײַן אין אַלע נויטן. לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט אַ טאָעס געהאַט.

ס'איז אַוועק אַ טאָג, אַ וואָך, אַ סאַך וואָכן... איז דאָס בריוועלע געווען ניט קיין שפּאַס. און די רעטעניש איז געבליבן אַ רעטעניש.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אין שטעטל יאַנקלען זעלטן ווען געזען און ווייניק געקענט. ער פלעגט זיך אַמאָל יאָ באַווײַזן אין אונדזער געסל, נאָר געווען איז דאָס ווער ווייסט ווען. איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס האָב איך פאַר אים אַזוי מוירע געהאַט. מיך האָט געשראָקן זײַן לאַנג אויסגעצויגן פּאָנעם, אַ גלאַנציק־שוואַרצס, ווי אויך דער הונגעריקער גלאַנץ אין זײַנע אויגן. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל אַרויסברענגען עפּעס אַ וואָרט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער קאָן ביכלאַל ניט רעדן.

געוויס האָט ער, ווי אַלע, אַמאָל געהאַט אַ טאַטע־מאַמע, עפּשער אויך ברידערלעך און שוועסטערלעך, נאָר קיינער האָט פון זיי ניט געוווּסט. מעגלעך, אַז בײַ אים אין זיקאָרן איז אויך גאָרנישט ניט פאַרבליבן פון יענער ווײַטער צײַט, ווען ער האָט געהאַט אַ היים. דער טעמפּער גלײַכגילט, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אַף אַלץ און אַף אַלעמען, כוץ אַף אַ שטיקל ברויט, האָט געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז ער איז נישט פייִק ניט עפּעס פאַרשטיין, ניט עפּעס פילן. בלויז ווען כעווורעניקעס האָבן אַ וואָרף געטאָן אין אים אַ שטיין, פלעגט ער זיך אַ ריס טאָן פון אָרט, ווי אַן אָפּגעבריטער, געלאָפן און דורכגענומען זײַנע פאַרפאָלגער מיט אַ בייזן, איבערגעשראָקענעם בליק.

לאָזט זיך אויס... ער קאָן פאַרשטיין און קאָן פילן. און די ווייטעקן זײַנע זײַנען ניט קיין קלענערע, ווי בײַ אַנדערע מענטשן. און עפּעס האָט זײַן זיקאָרן פאַרהיט פון יענע ווײַטע צײַטן. וואָס זשע האָט ער אַזוינס איבערגעלעבט, איבערגעטראַכט און איבערגעוויטעקט, אויב ער האָט אינמיטן דער נאַכט פאַרלאָזט זײַן אייגענע שטוב? די שטוב, וואָס האָט אים געקאָסט אַזויפיל מי, וואָס איז נאָך זײַן היימלאָזער קינדהײַט געווען דער איינציקער טרוים זײַנער? די שטוב און דעם סאַמע נאָענטסטן מענטשן... האָט אין אים, הייסט עס, אויך זיך דערוועקט עפּעס אַזוינס, צוליב וואָס אַ מענטש איז גרייט מאַקריוו זײַן מיט אַלץ!..

— יאַנקל, יאַנקל! — האָט ניט איין מאָל אַרויסגעשריגן פון מיר, פּונקט ווי יענטל האָט געשריגן יענע נאַכט. — ווו ביסטו ערגעץ און ווער ביסטו איצט, מענטש אונדזערער, יאַנקל?..

אָט אַזוי זײַנען מיר אַפּסנײַ געוואָרן שוטפים. נאָר דאָס איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש, ווי יענץ זומערדיקע. דאָס זומערדיקע איז געווען פאַרוקט, פאַרבאַהאַלטן זייער טיף. זי האָט זיך געסטאַרעט דאָס אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען, פון מיר און פון זיך אַליין אויך. אַלעמאָל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, איז אין איר בליק געווען בלויז איין פראַגע: צי ווייס איך ניט עפּעס וועגן יאַנקלען? פריִער איז געווען אַ האָפענונג, אַז עפּשער האָט עס אים פאַרטראָגן צוריק קיין כאַשטשעוואַטע, נאָר אַף אַלע מײַנע בריוו איז אָנגעקומען איינער און דער זעלבער ענטפער: ניין, אין כאַשטשעוואַטע האָט יאַנקל זיך ניט באַוויזן.

דער נעפּל האָט אײַנגעשלונגען דעם גאַנצן אַרום, נאָר דער וועג אַהיים איז מיר געווען גוט באַקאַנט. און פון יענער זײַט באַלקע, לענגויס דעם גאַנצן וועג האָט זיך געצויגן דער

אוקראַיִנישער כוטאָר בורלאַצק, און אַלעמאָל האָט אַן אַנדער פּיַערל אַ פאַרב געטאָן דעם נעפּל מיט רויטן, אַ לויכט געטאָן אַף ווײַזן מיר, אַז איך בלאָנדזשע ניט.

און אַזוי האָט עס טאַקע געדאַרפט זײַן. אַלע פענצטער פון אונדזער ישעיה האָבן איינס נאָכן אַנדערן צוגעמאַכט די אויגן, און בלויז די פענצטער פון יענטלס שטוב האָבן אַרויס־געלויכטן אין דער נאַכט אַרײַן מיט אַ פריילעך פּיַערל. בין איך אַרײַנגעגאַנגען צו יענטלען.

ס'איז שווער געווען צו זאָגן, ווען האָט דער אוילעם אַהער זיך צונויפגעקליבן. גיכער פון אַלץ איז מען דאָ אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג. דער ערדענער דיל איז געווען ווײַס פון דער שאָלעכץ, און אויפן טיש איז געשטאַנען אַ בעקעלע פול מיט נאַרוואַס אָפּגעפּראַזשעטע קערלעך, פון וועלכע ס'איז איבער דער גאַנצער שטוב זיך צעגאַנגען אַ געשמאַקער און רייצנדי־קער רייעך פון צוגעוואַרעמטן בוימל. איז דאָ, הייסט עס, אויך עפּעס ענלעך אַף אַ פאַר־זאַמלונג. מיסטאָמע האָט מען דאָ שוין באַוויזן באַרעדן די גאַנצע וועלט, נאָר ווען איך בין אַרײַנגעקומען, זײַנען אַלע אַנשוויגן געוואָרן און גענומען באַקוקן מיך, גלײַך זיי האָבן אָפּגע־נעמען זיך פאַרבענקט נאָך מיר. און מערער פון אַלץ האָט מיך איבעראַשט אַנשלס פראַגע:

— נו, וואָס הערט זיך? די דראַכווע איז קאָשער?

פאַר די פאָר טעג האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער דראַכווע און ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט אַנשל מיט זײַן פראַגע. נאָר לאָזן די קאַשע אָן אַן ענטפער האָב איך ניט געטאָרט. ווײַל אויב דו ביסט פאַרזיצער פון דאָרפּראַט, דאַרפסטו קאָנען פאַרענטפערן אַלע קאַשעס.

— קאָשער, — האָב איך אַרויסגעטראָגן מײַן אייגענעם פּסק. — די דראַכווע איז קאָשער.

— איז טאַקע אַן אַוויירע, — האָט זיך אָנגערופן לייבעש דער האַרבאַטע. — שוין גלײַכער, אַז מײַן כאַנע זאָל ניט וויסן. עס וועט זי נאָך מערער פאַרדריסן.

— פאַרוואָס?

— ניטאָ די דראַכווע. אוועקגעפלויגן... און מײַן כאַנע...

איך האָב צוערשט ניט באַמערקט, אַז פישל שוסטער איז אויך דאָ. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל אַף זײַן שוסטער־בענקעלע און געהאַלטן צווישן די קני כאַים־בערס אַ שטיוול, אָן אַרופגעצויגענעם אַף אַ הילצערנער קאָפּעטע. ער האָט געמײַסטרעוועט, פישל, צוגעקלאַפּט מיט פלעקלעך עפּעס אַ רובטשיק.

ער איז אַריבער מיט זײַן שוסטער־בענקעלע און מיט זײַן קלאַפּערגעצײַג צו יענטלען. ס'הייסט, ניט אַזוי צו יענטלען, ווי צו כאַים־בערן. און ניט אַזוי צוליב כאַים־בערן, ווי צוליב דעם איבעריקן אוילעם. אַלעמאָל קומט אָן אַנדערער מעוואַקער־כוילע זײַן, ברענגט כאַים־בערן עפּעס אַף דערקוויקן זיך, און אַז מע קומט אַרײַן, זיצט מען שוין אָפּ אַ פאָר שאָ. און אַז עס קומט אַרײַן איינער, קומט צו אַ צווייטער, אַ דריטער... וואָס זשע דאַרף ער טאַסקען כאַים־בערס שטיוול צו זיך, אַז אים איז גרינגער אַריבערקלײַבן זיך מיטן בענקעלע אַהער? און כאַים־בערס שטיוול וואַרטן שוין לאַנג, ער זאָל צו זיי צולייגן אַ האַנט. דאָס האָט ער באַמערקט נאָך פאַר דער זאַווערוכע.

— יאָ, אַוועקגעפלויגן, — האָט פישל זיך אָנגערופן. — און וווּהין איז זי אַוועקגעפלויגן?

— ווער ווייסט, דער סטעפּ איז גרויס, — האָט לייבעש אָפּגעענטפערט גאַנץ ערנסט.

כאַים־בער איז פאַר די פאָר טעג געקומען אַ ביסל צו־זיך. ער איז שוין ניט געלעגן מיט קיין צוגעמאַכטע אויגן, געזעסן אַפן געלעגער און נאָך יעדן הוסט, וואָס ער האָט שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן אין זיך, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַנטשולדיקט זיך דערפאַר, וואָס דאָס פילנעווען האָט אים דערווײַל ווייניק וואָס געהאָלפן.

— און פונוואַנען ווייסט מען, אַז דאָס איז געווען אַ דראַכווע?

כאַים־בערס פראַגע האָט איבעראַשט אַלעמען.

— וואָס הייסט, ניט קיין דראַכווע? — לייבעש האָט זיך אַזש באַליידיקט. — וואָס דען האָט דאָס געקאָנט זײַן, אויב ניט קיין דראַכווע?

— עפּשער גאָר אַ בושעל? — איז פישל געפאַלן אַף אַ סייכל. — איך האָב אַמאָל געזען אַ בושעל. גאַנץ ענלעך.

— אַ מאַשל־קאַפּאַשל, — האָט שׂימכע געלאָזט הערן זײַן הייזעריק קאָל, — אַ בושעל גאָר. אַ בושעל האָט אַזעלכע לאַנגע פיס... דאָס האָט גיכער געקאָנט זײַן אַ שוואָן, אַ לעבעד פון די ווײַסע לעבעדעס.

— עס קאָן זײַן, אַז דאָס איז גאָר אינגאַנצן קיין פויגל ניט געווען, — האָט לייבעש אַרויסגערעדט מיט אַ פּאַרטיקער שטים. — עס קאָן זײַן... עפּעס אַ פאַרשטעלטע בריִע, אַ זינדיקע נעשאָמע, פון יענע, וואָס בלאָנדזשען אַרום איבער דער וועלט...

נאָר וויבאַלד עס האַלט שוין בײַ פאַרשיידענע האַשאָרעס, אויסטראַכטענישן, פּיזמוינעס, איז פישל אַף די זאַכן אַ גרעסערער בעריִע.

— אַט וועל איך אײַך דערציילן אַ געשיכטע וועגן אַ פֿויגל. אַ שוואַרצן פֿויגל. איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין ייִנגעלע. נאָר מײַן טאַטע, אַלעווהאַשאָלעם...

— עס, פּוסטע געשיכטעס, — האָט זיך ווידער אַנגערופֿן אַנשל און זיך געווענדעט צו מיר: — דערציייל בעסער, וואָס שרײַבט עפּעס ווייצנפֿעלד?

ווייסט שוין יעדערער, וואָס ער מיינט דערמיט. אַזוי רופֿן אַלע אָן די צײַטונג „דער ייִדישער פֿויער". דער עמעסער נאָמען האָט אויסגעזען אַלעמען צו גרויס און אַ ביסל האַ־מעטנע. דערפֿאַר אָבער איז די פֿאַמיליע פֿונעם רעדאַקטאָר, ווייצנפֿעלד, געווען סײַ פֿאַר דער צײַטונג און סײַ פֿאַר אירע לייענער ווי אָנגעמאָסטן. ווײַל — ווי קאָן מען מעג אַזאַ צײַטונג האָבן אַ רעדאַקטאָר מיט אַן אַנדער פֿאַמיליע? ווייצנפֿעלד! ווייצענע פֿעלדער! אָט דאָס דאַרף דאָך טאַקע יעדער פֿויער! האָט שוין פֿישל אויסגעטײַטשט דעם איניען אַזוי. יעדער מענטש, וואָס האַלט פֿון זיך, אַ דאָקטער, אַ לערער, אַ בוכהאַלטער צי אַ בריוטרעגער, דאַרף האָבן אַ נאָמען און אַ פֿאַמיליע. און אַ צײַטונג איז דאָך אויך עפּעס אַ יעש, דאַרף זי אויך האָבן דאָס זעלבע. נאָר דער נאָמען האָט זיך עפּעס ניט געהאַלטן אין קאָפּ, דערפֿאַר אָבער די פֿאַמיליע — ווייצנפֿעלד...

— וואָס הערט זיך עפּעס בײַ ווייצנפֿעלדן?

— איר האָט שוין הײַנט געליינט ווייצנפֿעלדן?

און אויב די צײַטונג האָט איבער עפּעס זיך פֿאַרהאַלטן, האָבן שוין אַלע געבענקט נאָך איר.

— עפּעס זעט מען ניט ווייצנפֿעלדן?

דאָס מאָל האָט די צײַטונג געמוזט פֿאַרהאַלטן זיך, ווײַל ניט אַזוי גיך וועט מען דורכ־רייניקן די דרײַסיק קילאָמעטער פֿונעם ראַיאָן צו דער סטאַנציע און די וועגן צו אַלע דערפֿער און כוטאָרס. ווייס איך אַליין ניט, וואָס שרײַבט עפּעס ווייצנפֿעלד. נאָר יענעם ווינטער האָבן אַלע בײַסן זיך געטראָגן אינדערלופֿטן. אָט איז דאָך, כּוץ מיר, קיינער ניט געווען אין זע־ליאָנאָפּאָל אויף דער פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג. דער איינציקער קאָמוניסט אויף אונדזער ייִשעוו, יאָסל דרובעצקי, ליגט קראַנק און האָט אויף דער פֿאַרזאַמלונג קומען ניט געקאָנט. נאָר דאָ ווייסט מען שוין, לאָזט זיך אויס, וועגן דער פֿאַרזאַמלונג, מע ווייסט וועגן אַלץ, וואָס געווען און וואָס ניט געווען. און ווי ס'איז צו זען, האָט מען ביז מײַן קומען שוין באַוויזן אַרומרעדן אַלץ פֿון אַלע זײַטן. די פֿראַגע וועגן ווייצנפֿעלדן איז געווען ניט מערער, ווי אַן אַנשטעל, אַ בריקעלע, אויף אַריבערגיין צום איקער.

— איז וואָס האָט איר דאָרטן באַשטימט וועגן דער קאָמונע? — דאָס פֿרעגט ווידער אַנשל. און כאַים־בער גיט צו אַ פֿראַגע, וואָס מאַכט די ערשטע נאָך שווערער:

— איז דאָס טאַקע עמעס?

— וואָס איז עמעס? — פֿאַרשטיי איך ניט.

— אַז ס'איז אָנגעקומען אַ דירעקטיוו, מע זאָל ביז וועסנע פֿאַרענדיקן מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע.

בײַ מיר האָט זיך נאָך ניט אויסגעאַרבעט קיין קלאָרער ענטפֿער, מוז איך דערווײַל אויך אָפּקומען מיט אַ פֿראַגע.

— וואָס זשע קימערט עס אײַך? איר זײַט דאָך שוין אין קאָלווירט.

— יאָ, מיט זיך בין איך שוין פֿאַרטיק. אָבער וואָס וועט זײַן, אַז מײַן צירל וועט קומען?

— איך מיין אויך אַזוי, — הייבט אָן לייבעש דער האַרבאַטע, און זײַן ניט־אַרויסגעזאָגטער געדאַנק בלײַבט אַ סאָד פֿאַר אים אַליין. ווײַל ער ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס ער מיינט. נאָר פֿאַר אַנשלען איז דאָס אויך גענוג. ער האָט פֿון וואָס ציִען ווײַטער.

— איך מיין אַזוי. מיר האָבן זייער גוט געטאָן, וואָס מיר האָבן פֿאַרכאַפּט נאָך פֿאַראַיאָרן. איך האָב שטענדיק פֿײַנט צו יאָגן, פֿון אײַלעניש קאָן קיין גוטס ניט אַרויס. נאָר אַז ס'וועלן זיך אַ שיט טאָן מעלדונגען...

— דאַרף מען זיי גוט דורכזיפּן! — ווערט לייבעש מיטאַמאָל שטרענג.

— און ווהין וועסטו זיי אַהינטאָן? — פֿרעגט אַנשל בײַ זיך אַליין.

אָט ווען ס'איז געקומען די צײַט, אַז פֿישל זאָל אַרײַנפֿאָרן מיט זײַן כאָלעם. אַ מיצווע אויף זיי. זיי האָבן ניט געוואָלט אויסהערן די מײַסע וועגן פֿויגל, האָט ער איצט פֿאַר זיי אַזאַ כאָלעם:

— ווילט איר גלייבט, ווילט איר ניט, נאָר איך קאָן שווערן בײַ דער טוירע, וואָס וואָל־גערט זיך בײַ אײַזיקן. נעכטן האָב איך געזען אַזאַ כאָלעם... פּונקט דעם זעלבן כאָלעם, וואָס ס'האָט אַמאָל געזען פּאַרע דער מיילעך פֿון מיצראַיִם. נאָר געווען איז דאָס ניט בײַ עפּעס אַ טײַך, נאָר טאַקע דאָ, אויף אונדזער טאָלאָקע הינטער מײַן שטוב. כאָלעמט זיך מיר, ווי עס פּאַשען זיך זיבן קי, אַזעלכע פֿעטע קי מיט גרויסע פֿולע אײַטערס. דערנאָך זײַנען אַרויסגע־

קומען נאָך זיבן קי, נאָר שוין גאָר אנדערע!.. אזעלכע דארע, אזעלכע מאָגערע, הויט און ביין, און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן?.. די הערנער קיין הערנער ניט, און די אײַטערס!.. בא דער סאמע ערגסטער כאשטשעוואטער ציג איז דער אײַטער לײַטישער. דערנאָך זײַנען די זיבן מאָגערע קי צוגעקומען צו די זיבן פעטע...

און דאָ בלײַבט פישל שווײַגן, ער שווײַגט, שמייכלט אונטער, טוט א ציפּ זײַן א ביסל גראָוו געוואָרן בערדל, גלײַך ס׳האָט אים דאָרטן עפּעס א ביס געטאָן, און וואַרט. ער וואַרט, ביז עמעצער וועט פרעגן.

— נו, — האַלט לייבעש ניט אויס, — וואָס זשע האָבן געטאָן די זיבן מאָגערע קי?..

— איך ווייס ניט, — ענטפערט פישל מיט א שולדיקער מינע. — ערן־וואָרט, איך ווייס ניט. שולדיק איז מײַן עסטער. זי האָט פארגעסן פארקייטלען די טיר פון דער שטאַל, און אינמיטן דער נאכט, סאמע אינמיטן כאָלעם, איז דאָס קעלבל ארײַן אין שטוב ארײַן, פאר־טשעפּעט זיך פאר דער באַנק, זי איבערגעקערט און געמאכט אזא טראַסק, אז איך האָב זיך אופגעכאַפּט...

— אײַ, אײַ, אײַ, — כאַיִם־בער טוט אזש א סמאָצקע מיט די ליפּן, גלײַך ס׳איז אים אײַנ־דערעמעסן פארדראָסיק, וואָס דאָס קעלבל האָט איבערגעריסן אזא וויכטיקן, נעוויִעסדיקן כאָלעם...

בא לייבעשן קומט אויך אויס, אז איבער דעם, וואָס דאָס קעלבל האָט איבערגעקערט די באַנק, זײַנען געבליבן ניט אויסגעקלאָרט א סאך פראגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער קאָ־לעקטיוויזאציע.

— א שאָד, — טוט ער א זאָג, — בעפּיירעש א שאָד.

פילט זיך שוין פישל א ביסל שולדיק, און ער הייבט אָן פארענטפערן זיך:

— נאָר איך זאָג צו... איך וועל צושפּארן די טיר מיט אזא קלאָץ, אז אפילע אונדזער בוהײַ וועט אים ניט קענען רירן פון אָרט. איך מוז דערציִען דעם כאָלעם ביזן סאָף. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אז אין טויזנטער יאָרן ארום זאָל א כאָלעם זיך איבערכאַזערן פּינקטלעך פונעם אָנהייב ביזן סאָף...

— יאָ, עס קאָן ניט זײַן, — איז מאסקים לייבעש. — דאָ מוז זײַן עפּעס אנדערש.

— סײַווי, — רופט זיך אָן כאַיִם־בער, טוט אויס די ברילן און נעמט בלאָזן אף די גלעז־לעך, — ווו וועלן מיר קריגן אזא קלוגן יויסעף, ער זאָל אונדז פויסער־כאָלעם זײַן?

יענטל איז די גאנצע צײַט געזעסן לעבן דער טיר אף איר נידעריק בענקעלע, פעסט צוגעשפּארט די פּלייצע צו דער וואַנט. ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז פאר איר איז איצט ניטאָ קיין מער וויכטיקערע זאכן, ווי די רעטעניש מיט דער דראָכווע, פישלס כאַלוימעס, לייבעשעס פארדראָס און אנשלס ניט קלאָרע דײַגעס. זי איז געזעסן, אלעמאָל א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי אָפּטרײַבנדיק די מידקײַט און דעם שלאָף. און אלעמאָל א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צו דעם, וואָס האָט עפּעס דערציילט. איז אויסגעקומען, אז זי איז ביז גאָר צופרידן מיט דער גאנצער געשיכטע: וואָס כאַיִם־בער ליגט בא איר, וואָס מענטשן האַלטן אין איין ארײַנקומען, וואָס איר שטוב איז פול מיט מענערישע שטימען, מיט שאָלעכץ און מיט טוטין־רויך, און וואָס זי הערט זיך אָן מיט אָן א שיר געשיכטעס און מײַסע־לעך, וועלכע זי האָט אין לעבן ניט געהערט. בלויז ווען מע האָט אָנגעהויבן זיך פאנאנדער־גיין, האָט זי א קוק געטאָן אף מיר, גלײַך נאָרוואָס מיך דערזען. און אין אירע אויגן — דער זעלבער גרוילעך־פײַכטער אומעט, וואָס האָט אף קיין האָר זיך ניט געמינערט. און די זעלבע שטומע פראגע:

— און יאַנקל?.. ניטאָ גאָרנישט ניט וועגן יאַנקלען?

— ניטאָ, — האָב איך געענטפערט, ווי שטענדיק, בלויז א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

10

סאמע דאַן, ווען ס׳האָט געהאַלטן אין איין זאַווערוכעווען, ווען מע האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאכט, ווען ס׳איז שווער געווען אָנסמיקען א ביסל שטרוי און ארײַנברענגען אָן עמער וואסער, האָט אונדזער קו אָנגעהויבן גיין צו קימפּעט. אינמיטן אזא ניט טאָג, ניט נאכט האָט זי זיך צעמרוקעט ניט מיט איר קאָל, עפּעס גאָר ווי צערעוועט זיך, דערנאָך אָנגעהויבן שלוקערצן, ווי געוואָרגן זיך מיט עפּעס. דער טאַטע, וואָס האָט די לעצטע טעג ניט אופגעהערט נאָכקוקן נאָך דער קו, געהאַלטן אין איין כעזשבעגען, ווען דאַרף זי

זיך קעלבן, איז גלײַך ארויס אין שטאַל... די קו איז געלעגן פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אין א זײַט, שווער און הויך געסאָפּעט און מיט עפּעס א כּײַישער שרעק באַקוקט איר אופגעבלאָזענעם בויך. די אויגן אירע זײַנען געווען פול מיט בעהיימישע טרערן, זיי האָבן געהאלטן אין איין ארויסרינען, געקײַקלט זיך ביז גאָר פאַמעלעך, אלעמאָל פאַרטשעפּעט זיך בא עפּעס אַנדערש און ארום די ליפּן פאַרגליווערט געוואָרן אין די האַרטע שטשעטינעדיקע הערעלעך. זיי האָבן ארויסגעגלאַנצט, די טרערנדלעך־אײַזקעלעך, פּונקט ווי די אָנגעפּראָסטיקטע ווענט פון דער קאַלטער שטאַל, ווי די דרויסנדיקע טיר, וואָס איז נאָך אָנהייב ווינטער ווי געשוואָלן געוואָרן, א ביסל פאַרקרימט זיך און בעשום־אויפן זיך ניט געוואָלט צומאַכן.

ווי בא אלע קאָלווירטניקעס, איז אין אונדזער שטאַל מיטאמאָל געוואָרן אומגעוויינלעך געראַם. דאָס פערד און דאָס פאַראיאָריקע קעלבל האָבן מיר נאָך אין האַרבסט אוועקגעפירט אין קאָלווירט, און די קו איז געבליבן איינע אליין. איר איז די גאַנצע צײַט געווען א ביסל אומהיימלעך און ניט איבעריק ווארעם, כאָטש דער טאַטע, בא ווענען די קו איז געווען דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, אז איר זאָל זײַן ווארעם און טרוקן און זי זאָל האָבן דאָס, וואָס מע דאַרף. אפילע אין די זאַווערוכע־מעסלעסן האָט ער מיט פאַרקליאַקנעטע הענט געסמיקעט, געצופּט זשמעניעסווײַז שטרוי און צוגעטראָגן איר גלײַך אין מויל ארײַן. איצט האָט דער טאַטע זיך דערשראָקן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען, ווי א קו קעלבט זיך און קיינמאָל ניט געזען אזעלכע וויינענדיקע בעהיימישע אויגן. כּוץ דעם, האָט לויט זײַן כעזשבן אַלץ געדאַרפט פאָרקומען א ביסל שפּעטער, און ער האָט מוירע געהאַט, טאָמער וואַרפט זי אָפּ פאַר דער צײַט. מאַלע צו וואָס עס קען ברענגען אזאַ זאַווערוכע.

— ריווקע, — האָט ער א רוף געטאָן די שטיפמאַמע. — קום נאָר אַהער, ריווקע!

נאָר די מומע איז אויך געווען א קליינע ווייסערן אין אזעלכע זאַכן. און ווען נאָך א רוף צו טאָן איז ניט געווען. זײַנען זיי ביידע געשטאַנען איבערגעשראָקענע און איבערגע־פרוווירענע, פאַרבראָכן די הענט, געקנאַקט מיט די פינגער, און אלעמאָל, ווען די קו האָט ארויסגעצויגן פון זיך א לאַנגן פאַרדומפּענעם און היכצעדיקן מרוקע, האָבן זיי איר נאָכגע־זאָגט מיט א פאַרצווייפלטן „אוי". מערער, ווי אונטערויקען האָבן זיי גאָרנישט ניט געקאָנט. ביז דער מומען איז געקומען אפן געדאַנק:

— הערשל, מע דאַרף אָנעמען א סאַך שניי און צוגרייטן ווארעמע וואַסער.

— יאָ, יאָ, — איז דער טאַטע מאַסקים געווען. — א סאַך שניי... ווארעמע וואַסער. און א מישעלקע דאַרף מען צוגרייטן. א שיטערע מישעלקע. מיט קלײַען.

— אוואַדע מיט קלײַען, — האָט די מומע אָפּגעענטפערט, — מיט וואָס דען?

— א שיטערע מישעלקע מיט קלײַען, — האָט דער טאַטע איבערגעכאַזערט נאָך העכער, ארײַנקוקנדיק דער קו אין די ברייט צעעפנטע אויגן.

זיי זײַנען ביידע געווען זיכער, אז ווען די קימפּעטאָרן וועט דערהערן, אז מע גרייט פאַר איר ווארעמע וואַסער און א מישעלקע מיט קלײַען, וועט איר אויך ווערן א ביסל גרינגער. וועט זי זיך אָנעמען מיט קויעך און עס דורכמאַכן איינס און צוויי. סײַווי איז די איינציקע האָפענונג געווען אף דער קו אליין, וואָס ווייסט אין אירע איניאָנים א סאַך מערער פון זיי.

די זאַווערוכע איז דאַן נאָך געווען אין רעכטן ברען, און אָנסמיקען א פולע סאָפּעטקע שטרוי איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. האָט דער טאַטע שוין געהאַט ווען דורכשמועסן זיך מיטן צעבושעוועטן סטעפּ, מיט טאַראַס בולבען אליין, וואָס בלאָנדזעט ביז איצט דאָ ארום און טראַכט אלעמאָל צו פאַר אים אן אַנדער שפּיצל. איניינעם מיט טאַראַס בולבען און מיט די קלאָלעס האָט זיך א ביסל גרינגער אָנגענומען דער שניי, און ס'האָט זיך פריילעכער גע־צופּט די שטרוי. און ווען די הענט זײַנען שטאַרק פאַרקליאַקנעט געוואָרן, אָדער ער איז שטאַרק דערשוויצט געוואָרן און געמוזט אָפּרוען א ווײַלע, האָט ער פאַרהויבן דעם קאָפּ און כאָטש קיין הימל האָט מען ניט געזען, האָט ער זיך דערמאָנט, אז ס'איז דאָ א גאָט אף דער וועלט. ער האָט אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל אים ניט שטראָפן פאַר די רייד, פאַר טאַראַס בולבען און פאַר די קלאָלעס, און זאָל זיך מעראַכעם זײַן איבער דער קו, איבערן קעלבעלע און איבער אונדז אלעמען.

און ס'האָט זיך באַקומען אַלץ איניינעם. ווען דער טאַטע האָט זיך אָנגעהאָרעוועט און אָנגעשאָלטן, ווען די קו האָט זיך גוט אָנגערעוועט און די מומע גוט אָנגעקרעכצט, ווען פונעם שניי האָט זיך שוין אָנגעקליבן א פולע מאַקרעטע קויטיקלעכע וואַסער און מע האָט שוין געקאָנט צוגרייטן א שיטערע מישעלקע, איז אף דער וועלט ארויסגעשפּרונגען א קעלבעלע. פריִער האָט עס ארויסגערוקט דאָס קעפּעלע, גענומען ארומקוקן זיך, ווי זעט עפּעס אויס די וועלט ארום דעם, דערנאָך ארויסגערוקט די פאָדערשטע פיסלעך און מיטאמאָל ארויסגע־

שפרונגען. דער ערשטער שפּאַן אין דער וועלט איז באַם קעלבל בעפּיירעש געווען ניט קיין באַטראַכטער, און דער שפּרונג א ביסל א כּוצפּעדיקער. האָט עס גלײַך א פּאַל געטאָן, איבער־געקײַקלט זיך איבער דער אונטערגעבעטער שטרוי, נאָר טייקעף געקומען צו־זיך און זיך אופגעהויבן: פריִער אף די פאָדערשטע קני און דערנאָך אף אַלע פיר. ס'האָט זיך נאָך געהאַלטן גאָר שוואַך אף די דינינקע פיסעלעך, זיי האָבן די גאַנצע צײַט אונטערגעציטערט, נאָר פון דער ערשטער מינוט האָט דאָס קעלבעלע געוויזן, אַז דאָס איז א בריִע — אן אַקשן און ס'וועט טאָן נאָר דאָס, וואָס דעם געפעלט.

די קו איז געלעגן שטאַרק אָן אויסגעמאַטערטע, אָן אָפּגעשוואַכטע, די אויגן זײַנען געווען האַלב צוגעמאַכט. ס'האָט איר קוים געסטײַעט קויכעס א לעק טאָן דאָס קעלבעלע. נאָך דער טאַטע איז געשטאַנען לעבן איר מיט דער וואַרעמער מישעלקע אין די הענט און אַזוי געבעטן זיך, אַז זי האָט אים געמוזט א טויווע טאָן. האָט זי אויסגעזופּט דאָס ביסל וואַרעמס, שטיל, מענוכעדיק א מרוקע געטאָן און צוגעמאַכט די אויגן.

די מומע האָט טייקעף געמאַכט פאַרן קעלבעלע אן אָרט אין קיך לעבן אויוון. דער טאַטע האָט דאָס אַרײַנגעטראָגן אף די הענט, פאַרזיכטיק, ווי עפּעס אן עוונטאַוו, אַראָפּגעלאָזט אף דער שטרוי, און ערשט איצט האָבן זיי ביידע גענומען באַקוקן, וואָס איז דאָס פאַר א באַ־שעפעניש — א קעלבעלע צי א ביקל.

— א קעלבעלע, — האָט די מומע אַרויסגערעדט און א קוק געטאָן אפן טאַטן, וואָס וועט ער זאָגן.

— א קעלבעלע, — האָט דער טאַטע באַשטעטיקט.

דאָס קעלבעלע איז געווען פונקט אין דער מאַמען אירער געראָטן. א טונקל־רויטס אָן א מינדסטן פלעק. האָט שוין דער טאַטע זיך אָנגערופן, ווי א גרויסער מייוון, גלײַך ער האָט אַלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט קעלבעלעך:

— דאָס וועט זײַן א קו שוין איינמאָל א קו!..

— גאָ־טע־ניו! — האָט די מומע האַלב אַרויסגעזונגען, האַלב אַרויסגעזיפצט, אויסהאַקנדיק יעדער אָס באַזונדער. און ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, זי זאָל זיך פאַנאַנדערוויינען.

— דאָס וועט זײַן מאַניעס נאַדן!.. — האָט זי געזאָגט האַלב פרעגנדיק און האַלב בעטנדיק.

— מאַניעס נאַדן, — האָט דער טאַטע אויסגערופן אַזוי הויך און אַזוי פײַערלעך, גלײַך ער האָט געגעבן א ניידער.

וואָס זשע האָט מען געדאַרפט נאָך טראַכטן צוטראַכטן א נאָמען פאַרן קעלבעלע? ס'איז שוין דאָ א פאַרטיקער נאָמען:

— נאַדן!

— מע דאַרף אויסבעטן דעם נאַדן.

— מע דאַרף אָנפּאַיען דעם נאַדן.

— ווי פילט זיך עפּעס הײַנט אונדזער נאַדן?

נאַדן, נאַדן, נאַדן! די גאַנצע שטוב איז פול געווען מיטן נאַדן.

כּאָטש דאָס קעלבעלע איז אַרויסגעשפּרונגען אף דער וועלט גאָר ספּריטנע, האָט עס די ערשטע טעג גאַנץ שוואַך זיך געהאַלטן אף די פיס. געמאַכט א פּאָר שפּאַן און געמוזט אָפּ־שטעלן זיך, ווי שיקערלעך געוואַקלט זיך אף רעכטס און לינקס און א וואַלגער געטאָן זיך אף דער שטרוי. ס'האָט נאָך וויייניק וואָס פאַרשטאַנען, געשראָקן זיך פאַר יעדער קליינִיקײַט און געקוקט אף דער וועלט מיט א פּאָר טאַמעוואַטע קעלבערישע אויגן. נאָר דעם אייגענעם נאָמען האָט דאָס אויסגעכאַזערט און פאַרגעדענקט זייער גוט. מע האָט נאָר געדאַרפט אַרויס־רעדן דעם נאָמען, האָט עס גלײַך אויסגעדרייט דאָס קעפעלע, אַרויסגעשטעלט דאָס ראָזעווע צינגעלע און אָנגעהויבן באַלעקן זיך. און אויב מע האָט דעם ניט אַזוי גיך דערלאַנגט דאָס פלעשעלע מילך, האָט עס זיך אָפּגעקערעוועט און באַרויגעזלעך אונטערגעבורמקעט, ווי איינער רעדט: „אויב איר האָט פאַר מיר גאָרנישט ניט, וואָס זשע דולט איר מיר דעם קאָפּ?"

אַזוי איז אונדז צוגעקומען נאָך א בען־באַיִס, וואָס האָט געוווינט אין קיך לעבן אויוון. ס'האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גאָר א גרויסער מעיוכעס, און איז געווען באַ זיך שטאַרק טײַער. ס'האָט שוין געקענט אונדז אַלעמען און צו יעדערן פון אונדז אַרויסגעוויזן א באַ־זונדערע באַציִונג. פונעם טאַטן איז שוין אָפּגערעדט. דעם טאַטן האָט עס געפילט אף א מײַל און אומגעקוקט זיך ניט נאָר אף זײַן רוף, נאָר אויך אף זײַן הוסט, דערקענט אים לויט זײַן גאַנג, לויט דעם, ווי ער האָט אף א באַזונדערן אויפן אָן עפן געטאָן די טיר און א שקראַבע געטאָן מיט די שיך די שוועל. די קאַץ האָט אפילע אָנגעהויבן אייפערן דעם טאַטן צום קעל־בעלע. די קאַץ, וועלכע דער טאַטע האָט נאָך אין אָנהייב האַרבסט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַרײַן און געטרוימט זי אויסלערנען כאַפּן סוסליקעס. ווי נאָר דער טאַטע איז צוגעקומען צום

קעלבל און דאָס א גלעט געטאָן, האָט די קאַץ גענומען בייז וואָרטשען, אויסגעבויגן דעם רוקן אין א הויכן האָרב, און אזוי ארויסגעשטעקט די שטעכיקע הערעלעך פון אירע שיטערע וואָנצן, אז מע האָט געזען, אז זי איז גרייט אים דוירעס זייַן. געשטילט א ביסל דעם קאַס, איז זי ארופגעשפרונגען אפן אויוון, זיך פארוקט אין א ווינקעלע און צוגעמאכט די אויגן. זי וויל ניט, הייסט עס, און קאָן דאָס ניט צוקוקן.

פון דער מומען האָט דאָס קעלבעלע אויך געהאלטן א וועלט. באזונדערס, ווען זי האָט דעם אָפּגעגעבן די פאָרציע מילך, געררוקט דאָס פלעשל אין פיסקל אריַין און געזונגען דעם א לידעלע. דאַן האָט דאָס געקוקט אף דער מומען מיט פארליבטע אויגן, ארויסגעצויגן פונעם פלעשל ביזן לעצטן טראָפּן און דערנאָך, ווי באדאנקענדיק, גענומען ארומלעקן דער מומעס האנט און דער מומעס פארטעך, וואָס האָט געשמעקט מיט איבערגעשטאנענער סמעטענע.

שווער צו זאָגן, וויאזוי האָט דאָס קעלבעלע זיך באצויגן צו מאניען, ווען ס׳איז באַשטימט געוואָרן אלס נאדן. מאניע אליין האָט נאָך ניט געהאלטן צו ווערן א קאלע, זי איז ערשט געגאנגען אין זיבעטן קלאס און יעדן פארטאָג איינינעם מיט נאָך עטלעכע שילער און שילערנס געשפאנט קיין זעליאָנאָפּאָל. אוועקגעגאנגען פארטאָג און געקומען ערשט פארנאכט. זי האָט פּאָשעט קיין צייַט ניט געהאט האָבן צו טאָן מיט איר נאדן. זייַנען זיי ביידע געווען איינער צום אנדערן גלייַכגילטיק. צו טוליען האָט זיך עס באצויגן אויך א ביסל קילבלעך, אָפּטמאָל מיט אָפּענעם ביטל. נאָר מיט מיר איז דאָס געווען אף מעסער־שטעכן. האָט עס מיך נאָר דערזען, האָט עס גלייַך פארבויגן די פּאָדערשטע פיסלעך, אויסגעצויגן דעם האלדז און א שאָקל געטאָן מיטן קעפל אף צו בוצקען זיך. א גליק — די הערנערלעך האָבן ערשט געדארפט אויסוואקסן. וויפל איך האָב זיך ניט געלאשטשעט צו דעם, וויפל איך האָב דעם ניט אונטערגעטראָגן פון דעם סאמע שענסטן און בעסטן, האָט עס ניט געהאָלפן. וואָס האָט געקאָנט האָבן צו מיר דאָס קעלבעלע אונדזערס? צי דען האָט דאָס אזוינס איבערגעלייענט אף מייַן פּאָנעם, צי עפשער אזא פאָרגעפיל בא דעם געווען... צי דען איז פאראן בא אזא טאמעוואטער ברי׳ע עפעס ענלעכס אף א פאָרגעפיל?

דאָס ווארעמע ווינטל האָט זיך גוט אויסגערוט אין די זוניקע קאנטן, בא די ווארעמע יאמען, אָנגענומען זיך מיט קויעך און זיך אומגעקערט אהער, ווי נייַ־געבוירן. ס׳האָט גלייַך גענומען ארבעטן מייַסים. געריסן די כמארעס אף שטיקלעך, געפרעסן, מאמעש געשלונגען דעם שניי, און טאקע גלייַך גענומען קנעטן א טיפע, געדיכטע און ליימיקע בלאָטע. געווען איז דאָס ווינטל מונטער און יונג, פארמאָגט זייער א דין, בעניִמעסדיק קעלעכל און איז גרייט געווען א גאנצן טאָג זינגען און טאנצן, שפּילן זיך מיט דער גאנצער וועלט. ס׳האָט פריילעך ארומגעשפאצירט איבערן סטעפּ, ווען א גלעט געטאָן די באק, ווען א קיצל געטאָן צווישן די פינגער. דערנאָך האָט עס אָנגעהויבן אריַינכאפּן זיך אין די הייַזער, דורך די צעעפנטע טירן און פענצטער, און אריַינגעבראכט מיט זיך רעגנדיקע רייכעס פון עפעס גרינס, פון עפעס צוויטענדיקס.

נאָכן ווארעמען ווינטל האָבן אלע זיך פארבענקט, נאָכן פרילינג האָבן אלע מאמעש אויסגעהונגערט זיך, נאָר קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דער פרילינג קאָן קומען אזוי פרי, און געהאלטן, אז דאָס איז א נייַ שפּיצל פונעם סטעפּ. באזונדערס איז פול געווען מיט כשאד מייַן טאטע. ער האָט ניט געגלייבט דעם ווארעמען ווינטל, וואָס קאָן אין א שיינעם פרימאָרגן זיך איבערקערן אף דער אנדערער זייַט און אָנהייבן בלאָזן מיט קעלט, ער האָט ניט געגלייבט די צעריסענע שטיקער כמארעס, וואָס קאָנען אומגעריכט זיך צונויפשטוקעווען און אָנהייבן שיטן מיט שניי. ער האָט אפילע ניט געגלייבט דער זון, וואָס טוט זיך אלעמאָל א ווייַז פון צווישן די כמארעס, טוט א שייַן, טוט אמאָל אפילע א בלענד, גלייַך זי טוט דיר א גרויסע טויווע, און סטייַעט ווידער ניט...

אין שטעטל האָט דער טאטע געהאט א סאך אויסגעפרווטע סימאָנים און שטענדיק געווּסט, פונוואנען דער ווינט בלאָזט. אויב עס בלאָזט פון אוורא׳ם קאָלאָטוכע, איז דאָס א סימען אף א פראָסט. אויב עס בלאָזט פון יודעס־לייען, איז דאָס אף רעגן און בלאָטעס. דאָ איז ארום־און־ארום געווען סטעפּ, און ס׳איז אפילע שווער געווען זיך מעשאער זייַן, אף וועלכער זייַט דארף שטיין די סאלקאָווער גאס, ווו עס וווינט אווראָם קאָלאָטוכע, און אף וועלכער יודעס־לייע מיט איר באָד־גאס. האָט ער מיט כשאד געזשמורעט די אויגן צום הימל, באקוקט די צעריסענע כמארעס, די נאסע זון און גערעדט צו זיך אליין:

— מארציאָווע פלאנעטעס... עפּעס צו פרי...

מיט די ווערטער האָט ער שטענדיק באצייכנט די צווישנצייַט, ווען דער ווינטער איז שוין אוועק און דער פרילינג איז נאָך ניט געקומען. און עטלעכע מאָל פארן טאָג ווערט

זומער און ווינטער, — אָט שײַנט די זון און אָט גייט א רעגן. און מערער פאַר אַלץ א שניי מיט א רעגן אײנײנעם, אזא קאַלטער רעגן און א שניי, ווי א האָגל, וואָס שמײַסט אין פּאָנעם, שטעכט ווי מיט נאָדלען און נעמט דורך אַלע גלידער מיט אַן עסעריקער קעלט. איז דאָס אויסגעקומען, אַז דער זומער מיטן ווינטער זײַנען זיך שוין צונויפגעקומען ביז גאָר נאָענט. דאָס האָט באַם טאַטן געהייסן — מאַרציאָווע פּלאַנעטעס. מיסטאָמע קומט דאָס אַרויס פונעם כוידעש מאַרט...

האָט דער טאַטע געקוקט אַפן הימל, געוואָלט געפינען די סימאָנים פון די מאַרציאָווע פּלאַנעטעס און געפינען ניט געקאָנט.

געווען באַם טאַטן נאָך א סימען, ווען דער ווינטער באַגעגנט זיך מיטן זומער, ווען זיי הייבן אָן באַרען זיך, באַוואַרפן אײנער דעם אַנדערן מיט וואָס נאָר ער קאָן: דאָס זײַנען געווען די סעדרעס „וואַיאַקהייל" און „פּעקידיי". „וואַיאַקהייל" האָט באַם טאַטן געהייסן דער סאָף פונעם ווינטער, און „פּעקידיי" דער אָנהייב פונעם פרילינג. און די וואָך צווישן ביידע סעדרעס איז פאַרן טאַטן געווען יענץ שטיקל צווישנצײַט, ווען אַף דער וועלט טוט זיך אָן איבערקערעניש.

וואָסי שײַעך סימאָנים, האָט יעדער שטעטל געהאַט אירע באַזונדערע, וואָס האָבן ניט געשטימט מיטן טאַטנס. אין איין שטעטל איז דער גרעסטער סימען פון פרילינג געווען דער ערשטער דונער, אין א צווייטן — ווען עס הייבט אָן טרישטשען דאָס אײַז אַפן טײַך, און אין א דריטן — ווען פונעם וואַלד הייבט אָן שמעקן מיט שאַרפע רייכעס, וואָס איז פאַר אײנע ענלעך אַף דזעגעכץ, פאַר אַנדערע אַף שפּיגענאַר.

בלויז די קעלבעלעך האָבן ניט געוואָלט פאַרטראַכטן זיך, צי ס'איז שוין עמעסער פרי־לינג, צי נאָך ניט, צי ס'איז אָן איבעריאַר, צי ניין. זיי האָבן מיטן פולן צוטרוי און מיט יענער קעלבישער פאַרכאַפּונג אופגענומען דאָס וואַרעמע ווינטעלע, די שײַנענדיקע זון, אַרויס אַף די צעקוואַצעטע הויפן, זיך צעטאַנצט, צעשפּרונגען און פאַריסן אַרויף די דינע ווײדעלעך. אונדזער נאָדן איז אויך אַרויס אין דרויסן, אַרומגעשפּרונגען איבערן הויף, ווי צעדולט. אַלע־מאָל געכאַפּט אין מויל אַרײַן עפּעס אַנדערש, א קײַ געטאָן, אויסגעשפּיגן און גענומען זוכן עפּעס געשמאַקערס. און אַז ס'איז מער ניט געווען וואָס צו קײַען און וואָס צו הריזען, האָט עס זיך א נעם געטאָן פאַר די אָנגעוויקטע ברעטער פונעם נײַעם פּלויט.

אײנײנעם מיט די קעלבלעך זײַנען אַרויס עטלעכע לאָשעקלעך, יענע יונגינקע לאָשעקלעך, וואָס האָבן אויך ערשט ניט לאַנג זיך אויסגעלערנט גיין. קעלבלעך איז געווען א סאַך מערער, קימאַט אין יעדן הויף, האָבן די לאָשעקלעך זיך געפּילט, ווי גרויסע מעיוכאָסים. אַרויס פון די הויפן, זיך צעיאָגט איבער דער גאַס, אויסגעצויגן די דינע העלדזעלעך און געפּרווט די קעלעכלעך. באַ די לאָשעקלעך האָט זיך עס באַקומען א סאַך בעסער, ווי באַ די קעלבעלעך. ווויליונגעריש, כוצפּעדיק און א ביסעלע שיקערלעך. אונדזער קעלבל האָט אויך געוואָלט אַרויס אַף דער גאַס, א שפּיל טאָן זיך מיט די לאָשעקלעך. נאָר דער טאַטע, וואָס האַלט ביכלאַל ניט פון קיין פערד, האָט מוירע געהאַט, די לאָשעקלעך זאָלן ניט צעמאַזיקן דאָס קעלבל. האָט ער אויסגעשריגן:

— נאָדן!

איז דאָס קעלבעלע ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד, א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַף צוריק, ווי געבעטן זיך, כאָטש אַף איין מינוט, כאָטש א ביסעלע א שפּיל טאָן זיך, נאָר דערפילט אַף זיך דעם טאַטנס שטרענגן בליק, האָט עס האַכנאָעדיק א שפּאַן געטאָן צוריק און באַרויגעז־לעך, ווי אַן עמעסדיק באַסיעכידקעלע, צעבלאָזן די ברייטע, בלויליכע נאָזלעכער.

דאָס וואַרעמע ווינטעלע האָט זיך געטאָן זײַנס. ס'האָט באַ א סאַך מענטשן אוועקגערויבט דעם שלאָף, און יעדן גאַנצפרי, נאָך אזא שלאָפלאָזער נאַכט, איז אין דאָרף צוגעקומען א נײַער קאָלוירטניק. אײַזיק צאַפּ איז אויך ניט געשלאָפן. ער וואָלט עפּשער געקוונקלט זיך א ביסל לענגער, נאָר שימען דרייפוס האָט אים אונטערגעיאָגט:

— איר וואַרט, מע זאָל אײַך א בעט טאָן? איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך.

אין פערד־שטאַל איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער, און אַנשל האָט יעדן טאָג זיך געבראָכן דעם קאָפּ, איבערשטעלנדיק די פערד אין א נײַער אָרדענונג. מוישע וואַסערפירער האָט אויך אופגעהויבן א גוואַלד. מיט פּופּצן פערד האָט ער זיך ווי־ניט־איז ספּראַוועט, נאָר פּופּציק פערד איז ניט פאַר זײַנע קויכעס. מוז מען וואָקשטעלן כאָטש נאָך איין קאָניוך. די שול־געבײַדע, וואָס איז אַרײַן אין ווינטער ניט קיין פאַרענדיקטע, בלויז מיט א דאָך איבער די ווענט, האָט געמוזט ביז עפּעס וואָס נעמען אַף זיך די פליכטן פון א שפּײַכלער. אַהין האָט יעדערער אַרײַנגעפירט זײַן כיילעק זריִע, און פון גאַנצפרי ביזן אָוונט האָבן דאָ געהודעט צווי ווייעל־קעס מיט א טריִער. די ווייעלקעס האָבן געהודעט, כעוורע האָבן געדרייט די הענטלעך, מייד־

לעך האָבן געשאַרט מיט די לאַפּעטעס, און איניינעם מיטן געדיכטן שטויב האָט דורך די צעעפנטע טירן און נאָך ניט אַנגעגלאָזטע פענצטער זיך צעטראָגן איבערן ייִשעוו א הילכיקער געמיש פון געזאַנג און געלעכטער. נאָך די ווינטערדיקע אָוונטן פון פּאָליטישע לימודים און רעפּעטיציעס פון דראַמקרײַז האָט די יוגנט פונעם קאָלווירט, וואָס איז געוואַקסן, ווי אַף הייוון, דאָס ערשטע מאָל געפּרוווט איר שטים אַף דער געמיינזאַמער אַרבעט.

בלויז יאַנקעוו-לייזער מיט זײַן מישפּאָכע האָבן זיך געהאַלטן בא זייערן. זיי זײַנען אַליין א קאָלווירט, און פון קיין אַנדערן ווילן זיי ניט וויסן. אַלעמאָל, ווען עמעצער האָט אים געפרעגט, ווען וועט ער, ענדלעך, אַרײַנטראָגן א מעלדונג, האָט ער געענטפערט:

— צו אונדז איז דאָס ניט שײַעך.

און נאָך איינער איז דערווײַל געבליבן בא דער זײַט. מיכל ציבעלמאַן. נאָר וועגן אים האָבן אַלע געשוויגן, ער אַליין אויך. נאָך דעם, ווי ער האָט פונדעסטוועגן געמוזט אויספילן זײַן אינדיווידועלן פּלאַן פון ברויט-פאַרגרייטונג, האָט ער געהאַלטן, אַז קיינער קאָן צו אים איצט קיין טײַנעס ניט האָבן. האָט ער געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער זיצט און וואַרט אַף עפּעס.

דאָס יונגע ווינטעלע, דאָס וואַרעמע ווינטעלע... וואָס נאָך האָט עס געקאָנט ברענגען? אין איינעם א טאָג, ווען דער טאַטע איז געשטאַנען אפן הויף און צוגעקוקט, ווי דאָס קעלבעלע שפּרינגט אַרום איבערן הויף און טוט אַלעמאָל א וואָרף אַף צוריק די הינטערשטע פּיסלעך, איז צוגעקומען סימכע דער ליובאַשאָוקער, וואָס האָט זיך אַרײַנגערוקט מיט זײַן שטוב צווישן די כאַשטשעוואַטער.

— איר קלײַבט נאָכעס פונעם נאַדן?

אין זײַן הייזעריקלעכער שטים און אין זײַן שמייכעלע האָט דער טאַטע דערפילט א שטיקעלע לייצאָנעס.

— פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָט ער אָפּגעענטפערט.

— איך האָב מוירע, מיר זאָלן אינגאַנצן ניט דאַרפן זיך אָפּזעגענען מיט זיי.

— אַף מײַנע סאָנימס קעפּ, — האָט דער טאַטע זיך אויסגעזידלט, — פאַרוואָס עפּעס געזעגענען זיך?

— מע רעדט וועגן א קאָמונע.

— ווו האָט איר דאָס געהערט?

— וואָס הייסט ווו? בא דער מילך.

— עט, — האָט דער טאַטע א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — מאַלע וואָס מע פּלוידערט בא דער מילך...

און דאָס וואַרעמע ווינטעלע האָט זיך געטאָן זײַנס...

11

אַז מע הערט זיך גוט אײַן, כאַפּט דער אויער אויף אומקלאָרע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך ווער ווייסט פונוואַנען. אַמאָל פאַרדומפּענע, אַמאָל מערער רוישיקע, און אַמאָל גלײַך א ריטשקעלע וואָלט ערגעץ געמורמלט. נאָר — וואָס ריטשקעלע, וואָר טײַכעלע, ווי קומען זיי אַהער און פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען? פאַרפּלאָנטערטע און ניט קלאָרע קלאַנגען, ווי די קלאַנגען וועגן די קאָלווירטן און קאָמונעס, וואָס מע האָט פאַנאַנדערגעטראָגן יעדן גאַנצפרי און פאַרנאַכט צו דער מילך און פון דער מילך. זיי האָבן געגעבן א מעגלעכקײַט יעדערן האַנדלען לויט זײַן פאַרשטאַנד און לויט זײַן כאַראַקטער. ווער ס'איז אָפּגעקומען מיט א וויץ, און ווער ס'האָט געלייגט שטיינער אפן האַרצן. איין זאַך איז אויסמאָלן, ווי אַלע וועלן עסן בא איין טיש, פּראָווען די גאַנצע וואָך שאַלעשודעס, ווי דאָס האָט געטאָן פּישל שוסטער, און א צווייטע זאַך איז אויסשטעלן דעם אוילעם, ווי סאָלדאַטן מיט קעסעלעך אין די הענט אין דער ריי נאָך קאַשע, אָדער אויסבעטן אַלעמען אין איין גרויס בעט און צודעקן אַלעמען מיט איין קאָלדרע, ווי דאָס האָט געטאָן שימען דרייפוס. דערבײַ האָט פּישל צוגעטראַכט אַלעמאָל אַן אַנדער מײַכל פון די סאַמע בעסטע קאַרפּן און העכטן, און שימען האָט די גאַנצע צײַט געקאָכט קאַשע פון טוכלע הירזש.

כאָיִם־בערן האָט די קאָמונע געמאָלט זיך, ווי עפּעס נעוווּעדיקס, וואָס איז פאַרבונדן מיט מאָשיִעכס צײַטן. ער האָט, אַפּאַנעם, אַליין שוין געהאַט פאַרגעסן יענץ לידל, ווײַל פון אַנ־

פאַנג האָט ער געברומקעט שטילערהייט בלויז דאָס ניגנדל, און ערשט דערנאָך, אין א פּאָר טעג ארום, אָנגעהויבן זינגען מיט די ווערטער:

וואָס זשע וועט זײַן, אז מאַשינעך וועט קומען,
אז מאַשינעך וועט קומען, וועלן מיר פּראָווען א סודעניו...

די סודע פון כאַים־בערס לידעלע איז געווען פיל רײַכער פון פישלס שאלעשודעסן, ווײַל צוליב אָט דער סודע האָט מען געקוילעט דעם שויר־האַבויר מיטן ליוויאָסן און מע האָט גע־עפנט די פעסער מיטן יאַין־האַמשומער. האָט כאַים־בער געזונגען, די איבעריקע האָבן אונ־טערגעזונגען, און מע האָט געפּרוּווט אײַנרעדן איינער דעם אנדערן, אז זאָרגן איז ניטאָ וועגן וואָס, ווײַל דער שאָר־האַבאָר מיטן ליוויאָסן וועלן סטײַען אף א סאך יאָרן און דעם יאַין־האַמשומער וועט מען טרינקען און טרינקען און קיינמאָל ניט קענען אויסטרינקען.

פונקט אזוי האָבן אף א פארשיידענעם אויפן זיך פאָרגעשטעלט די קאָמונע הילעל פון בייס־שאַמײַ און עזרע פון בייס־הילעל. הילעל האָט אויך געהאלטן, אז די קאָמונע דאַרף זײַן ניט קיין שלעכטע זאך, וויבאלד קיינער דאַרף זיך וועגן גאָרנישט ניט זאָרגן. ער האָט נאָר מוירע געהאט, ס'זאָל קיין לעפל ניט סטײַען. ווײַל יעדערער וועט נאָכן מיטיק שטילער־הייט ארײַנרוקן דעם לעפל אין קעשענע. האָט עזרע דערווידערט הילעלן, אז, ערשטנס, טאָר מען ניט האלטן די גאנצע וועלט פאר קיין גאנאָווים, און צווייטנס, צוליב וואָס גאנווענען לעפל, אז אין דער היים וועלן קיין שיסלען ניט זײַן?

איבער דעם אלעמען, איבער די אלע שטרײַטן און וויצן, ספּייקעס און האָפענונגען האָט געבלאָזן איין מעכטיקער ווינט, וואָס האָט אופגערודערט דאָס גאנצע לאנד, יענער וואַרעמער ווינט, וואָס האָט געבראכט דעם פרילינג אינמיטן ווינטער און געגעבן אלעמען אָנצוהערן, אז דער פרילינג וועט זײַן ניט קיין געוויינלעכער.

געוויס האָט דאָס יעדער איינער אויסגעדריקט פאר זיך מיט גאָר אנדערע ווערטער, און יענער פרילינג איז פארבליבן אין זײַן זיקאָרן מיט דעם, וואָס אים אליין איז אויסגעקומען איבערלעבן. נאָר, אזוי אָדער אנדערש, איז דער טאָך פון יענע געשעענישן, פון יעדנס באַ־זונדערע איבערלעבונגען געווען אויסגעדריקט אין איינעם א קעפּל פון דער צײַטונג „פּראַוו־דא". א קעפּל מיט גרויסע אויסיעס איבער דער גאנצער זײַט:

В колхоз пошел середняк!

און אלעמאָל, ווען איך נעם דערמאָנען זיך אין יענע ווינטערדיקע טעג, אין יענעם פריִען און שווערן פרילינג, זע איך פאר זיך דאָס דאָזיקע קעפּל.

פון דער זיצונג פון ביוראָ פון ראַיקאָם, אף וועלכער מע האָט באהאנדלט זײַן ניט־פּאר־טייִשע אופירונג, האָט יאקאָוו כאָדאָס זיך אומגעקערט ביז גאָר אָן אופגעלייגטער. עפּעס איז פאָרגעקומען מיט יאקאָוון אזוינס, וואָס ס'איז אים אליין שווער געווען פעסטשטעלן. נאָר פאָרגעקומען איז עפּעס זייער וויכטיקס, וואָס האָט צערודעוועט בא אים אלץ אינווייניק, גע־מאכט דעם גאנג זײַנעם א ביסל גיכער, שמײַדיקער, און דאָס שמייכעלע מערער ברייטער און באשטענדיקער. ס'איז דעם געווען גוט אף זײַן פּאָנעם און ס'האָט ניט געוואָלט אראָפּ. אפילע ניט געוואָלט רעכענען זיך מיט דעם, וואָס די וואָנצן מוזן די גאנצע צײַט זײַן צעצויגן אין דער ברייט. ווען מע האָט אים געפרעגט, וואָס איז פאָרגעקומען אפן ראַיקאָם, האָט ער געענטפערט מיט א געמאכטן רויגעז:

— ס'איז געווען יענע באָד!..

נאָר די באָד איז אים, ווײַזט אויס, געווען צום הארצן, ווײַל געפילט האָט ער זיך נאָך איר אָפּגעפרישט, און אף זײַן קײַלעכיק פּאָנעם האָט א לענגערע צײַט זיך געהאלטן יענע רויטלעכע וואַרעמקײַט, גלײַך ער וואָלט אפאנעמעסן נאָרוואָס ארויס פון א שוויצבאָד.

און געווען איז יענע שוויצבאָד ווײַט ניט קיין גרינגע.

דער סעקרעטאר פון פּארטיי־קעמערל מישע אײַזנשטיין האָט דערציילט וועגן אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אף דער פארזאמלונג, דערציילט גאנץ רויִק, אָרנטלעך, אָביעקטיוו און גע־סטארעט זיך אפילע עטוואָס לינדערן די סיטואציע, אויסמײַדנדיק יענע זידלווערטער, מיט וועלכע מע האָט באשאָטן איינער דעם אנדערן. יאקאָוו איז אפילע געווען בייז אף אים דער־פאר, און ס'האָט אים מאמעש אונטערגעטראָגן איבערײַסן זײַן אינפאָרמאציע און פאָרוואַרפן אים, אז ער פרוּווט פארגלעטן די שאַרפע ווינקלען. ווײַל אויב דערציילן, דאַרף מען דער־ציילן פּינקטלעך אלץ, ווי דאָס איז געווען. נאָר נאָך אלעמען איז דער טאָך געבליבן דער זעלבער, און ווען מע האָט אים געגעבן א וואָרט, האָט ער אָנגעהויבן פון זייער ווײַט:

— דער גרויסער רוסישער זשורנאַליסט דראַטיעוויטש דערציילט וועגן איינעם אַ קאָ־טאָרזשניק קאַנדיבאַ, וואָס איז אָפּגעוועזן אויף קאַטאָרגע אין סאַכאַלין גאַנצע צען יאָר און קיינמאָל זיך ניט אונטערגעוואָרפן, ניט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ניט ריכטיק.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, דער כאָוער פּלאַטקין, ווי אַלע האָבן אים גערופן, איז געווען אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכן געדולד. ער האָט געקאָנט בלײַבן רויק באַ די סאַמע שאַרפסטע אומשטענדן. פאַרשטאַנען אָבער, אַז באַ יאַקאָוו וועט דויערן זייער לאַנג, ביז ער וועט זיך דערקלײַבן צום איקער, האָט ער אים איבערגעשלאָגן:

— איז האַלט איר זיך אויך פאַרן קאַטאָרזשניק קאַנדיבאַ?

דערפילט אין פּלאַטקינס פראַגע אַ ביסל איראָניע, האָט יאַקאָוו געענטפערט אַרויסרופעריש:

— קאַנדיבאַ איז מײַן אידעאַל!

זיי זײַנען ביידע געווען קימאַט אין איין עלטער, פּלאַטקין און כאַדאַס. ביידע זײַנען זיי אַרײַנגעטראָטן אין פּאַרטיי ערעוו דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, ביידע, אויף פאַרשיידענע פראָנטן און אויף אַ פאַרשיידענעם אופן דורכגעמאַכט דעם בירגערקריג, געשלאָגן זיך פאַר דער מאַכט פון די ראַטן, און ביידע געווען ניט גלײַכגילטיק צו ליטעראַטור, צו אירע גרויסע שעפער. דערפון האָט זיך געוויס גענומען זייער קעגנזײַטיקע אַכטונג און אויך דאָס, וואָס ווי שאַרף זייער שטרײַט זאָל ניט זײַן, האָבן ביידע אויסגעמיטן אַזוינס, וואָס זאָל זיי דערוויטערן.

— איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז איך האָב אויך ליב ליטעראַטור, — האָט אָפּגעענטפערט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. אין זײַן שטילן, באַרויִקנדיקן שמייכלען האָט כאַדאַס דערפילט עפּעס ענלעכס אויף מוסער. — און פאַראַן ניט ווייניק העלדן, וואָס זײַנען מײַן אידעאַל. נאָר לאָמיר הײַנט, ווי זאָגט מען עס, אָן בעלעטריסטיק. און אויב שוין ציטירן, האָבן מיר אויטאָרס, וואָס שטייען אַ סאַך נעענטער צו אונדזער איניען. ניט ריכטיק? נאָר לויטן פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג איז צו זען, אַז אין קיין ציטאַטן נייטיקט איר זיך ניט. אין וואָס זשע באַשטייט אײַער אַקשאָנעס?

געזאָגט איז דאָס געווען גלאַט אַזוי. נאָר גראָד דאָס וואָרט „אַקשאָנעס” האָט אַרויסגעפירט יאַקאָוו פון גלײַכגעוויכט. ווײַל איין זאַך איז הערן אַזוינס פון שײַקע כאַדאַס און אַ צווייטע זאַך, ווען דאָס זאָגט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— אין דער יוגנט־קאָמונע גיי איך ניט! — האָט יאַקאָוו קאַטעגאָריש געמאָלדן.

— איז וואָס זשע ווילט איר, אַז די יוגנט־קאָמונע זאָל קומען צו אײַך?

— ניט דאָס, ניט דאָס!

פּערעץ ביליאַוסקי, דער אַגיטפּראָפּ פון ראַיקאָם, איז לעהייפּעך דעם סעקרעטאַר געווען צו אַ היציקער, און דער שמועס צווישן פּלאַטקינען און כאַדאַסן האָט אים אָנגעהויבן אויסזען לאַנגווײַליק און ניט איבעריק פּרינציפּיעל. כאָטש וואָסי שײַעך ליטעראַטור, איז ער געווען אין איר פאַרליבט מיט אַ הייסער און פלאַמיקער ליבע.

— איך האָב אַ פאָרשלאָג, — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פונעם בענקל און אַ ביסל צו פאַרורטיילנדיק אַ קוק געטאָן אויף כאַדאַסן.

— וואָרט צו מיטן פאָרשלאָג, — האָט אים אָפּגעקילט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. — מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט דעם שמועס וועגן קינסטלערישער ליטעראַטור. ניט אָפּט האָבן מיר אַזאַ געלעגנהײַט.

מישע אײַזנשטיין איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. ער איז געווען גרייט נאָכאַמאָל אַרויסטרעטן, זאָגן דאָס, וואָס ער האָט ניט דערזאָגט אין זײַן אינפאָרמאַציע, דאָס, וואָס איז ניט דערזאָגט געוואָרן אויף יענער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. נאָר גראָד דאָס האָט אים געצווונגען אָפּזאָגן זיך נעמען אַ וואָרט. ווײַל אויב ער האָט ניט דערפירט די פאַרזאַמלונג ביז איר לאָגישן סאָף, איז דאָס זײַן שולד. און פאַריכטן איצט איז שוין אומעגלעך. און דאָס וואָלט געווען ניט אָרנטלעך פון זײַן זײַט.

— ניט דאָס, ניט דאָס, — האָט יאַקאָוו איבערגעכאַזערט. — נאָר איך בין זיכער, אַז מע טאָר ניט שלעפּן דאָס גאַנצע דאָרף אין דער יוגנט־קאָמונע, פאַרקערט...

— ליקווידירן די קאָמונע? — האָט מישע איבערגעכאַזערט שײַקעס צאָרנדיקן אויסרוף.

— ווער זאָגט דען ליקווידירן? מע קאָן שאַפן אַ באַזונדערן אַרטעל, אין וועלכן עס וועט אַרײַן דאָס גאַנצע דאָרף, און דערנאָך צונויפגיסן זיך.

— און דו וועסט ווערן פאָרזיצער פון אַזאַ אַרטעל?

— אויב מע וועט מיך אויסקלײַבן.

— און די בינשטאָקן?

— וועלכע בינשטאָקן?
— די בינשטאָקן, וואָס האַלטן דיר אַזוי באַ דײַן ווירטשאַפט.
— וואָס מיינט איר, אַז מע כאַזוערט איבער עמעצנס אַ נאַרישקייט, ווערט דערפון אַ כאַכמע?

פלאָטקין האָט אוואַדע רעכט געהאַט באַליידיקן זיך, נאָר ער האָט זיך געמאַכט, גלײַך ער האָט ניט געהערט יאַקאָווס ענטפער. ניט געהערט אָדער ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אַ פרעג געטאָן, ווי אונטערפירנדיק אַ סאַכאַקל דעם פאַרצויגענעם שמועס:

— איז וואָס זשע, פונדעסטוועגן, באַשטימען מיר?

— איך האָב נאָך איין פראַגע: ווו זײַנען די טראַקטאָרס...

יאַקאָוו האָט דאָס געפרעגט אַזוי, גלײַך עמעצער האָט אים צוגעזאָגט אָף הײַנט עטלעכע טראַקטאָרס, נאָר די טראַקטאָרס זײַנען נאָך ניטאָ.

— זיי גייען, — האָט רויק געענטפערט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. — אין אַ כוידעש אַרום וועלן זיי זײַן. צוואַנציק טראַקטאָרס. עס וועט געשאַפן ווערן אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. מיר האָבן שוין אפילע באַשטימט אַ דירעקטאָר.

— אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע? — האָט יאַקאָוו איבערגעפרעגט אַ דערשטוינטער. — וואָס זשע האָט איר פריִער ניט געזאָגט?

— איך האָב פײַנט צוזאָגן גאָלדענע בערג.

— נו, גאָלדענע בערג, — האָט יאַקאָוו זיך אָפּגעטרייסלט. — ווער דאַרף זיי האָבן? אָבער טראַקטאָרס! דאָס איז דאָך דער איקער. ווײַל אויב אַזוי...

— אגעוו...— געמאָלדן וועגן דעם, ווי וועגן אַ געוויינלעכן איניען, גלײַך גאַנץ זעליאָנאָ־פּאָל איז שוין אין קאָמונע און יאַקאָוו איז פּאָרזיצער. — איר דאַרפט צושיקן פינף כעווערע אָף קורסן פון טראַקטאָריסטן. די ראַזנאַריאַדקע פון ראַיערד־אָפּטייל וועט איר די טעג באַ־קומען.

— אין דעם וועט קיין מעניִע ניט זײַן, — האָט יאַקאָוו אָפּגעענטפערט אויך אַזוי, גלײַך אַלץ איז שוין געלייזט.

אין יענער נאַכט האָט זיך עס אָנגעהויבן. דער וועג פון ראַיקאָם אַהיים איז געווען אַ לאַנגער, די נאַכט — נאָך אַ ווינטערדיקע, און מע האָט געדאַרפט וועגן עפּעס ריידן אָף ניט אײַנשלאָפן און ווי־ניט־איז אַ סאָף מאַכן צו דער קריגערײַ, וואָס איז אופגעקומען אָף יענער פאַרזאַמלונג.

— איין זאַך פאַרשטיי איך ניט, — האָט מישע אײַזנשטיין זיך אָנגערופן, ווי צו זיך אַליין, — פאַרוואָס האָט איר אָף דער פאַרזאַמלונג ניט געזאָגט דאָס זעלבע?

— איך האָב געזאָגט גראָד דאָס זעלבע. איר האָט פּאָשעט ניט געוואָלט הערן.

— איז ווי זשע וועט איצט זײַן?

— גאַנץ פּאָשעט. מירן צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

— און איר זײַט זיכער?..

— צוואַנציק טראַקטאָרס! עפּעס אַ קלייניקייט? אוואַדע בין איך זיכער. און דערנאָך...

— וואָס דערנאָך?

— וועלן מיר צונויפגיסן אין איין קאָמונע אַלע אַרומיקע דערפער. זאָל נאָר זעליאָנאָפּאָל...

די פאַרזאַמלונג האָט מען צונויפגערופן דעם זעלבן גאַנצפרי, און געצויגן האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג. ווײַל, ערשטנס, האָט מען געדאַרפט אויסקלאָרן, ווער צו וועמען עס גייט: צי די אַלטע לײַט גייען אין דער יוגנט־קאָמונע, צי פאַרקערט — די יונגע פאַרייניקן זיך מיט די עלטערן. און קעדיי דער שידעך זאָל ניט צעשטערט ווערן, איז צוגעטראַכט געוואָרן זייער אַ קלוגער אויסוועג. קיינער גייט ניט צו קיינעם. עס ווערט געשאַפן אַ נײַע קאָמונע, מיט אַ באַזונדער נאָמען, און דערנאָך, טאַקע דעם זעלבן טאָג, גיסן זיי זיך צונויף אײַנײַנעם. סײַ די יונגע, סײַ די אַלטע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט מערער, ווי אַן אָנשטעל, נאָר ס'איז אַלעמען דערעסן דער רוגיז, דאָס רעדן אָף שטומלאָשן, די גליוועורדיקע שווײַגעניש, וואָס איז געהאַנגען אין אַ סאַך הײַזער. דערצו האָבן די כעווערע באַוויזן, אַז זיי קאָנען ניט נאָר שיין רעדן. פאַרן ווינטער האָבן זיי אופגעטאָן אַזויגס, אָף וואָס קיינער האָט זיך אפילע ניט געריכט.

די יונגע קאָמונאַרן זײַנען געזעסן אָף דער פאַרזאַמלונג, ווי געסט, זיך געסטאַרעט ניט אַרויסרעדן קיין וואָרט. דערפאַר האָבן טאַטע־מאַמעס זיך געהיצט און אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס באַ זיי איז געלעגן אָפן האַרצן. ווײַבער האָבן געגוואַלדעוועט, מענער האָבן געדראָעט, און מע האָט געקאָנט מיינען, אַז מע האַלט ערשט פון פאָרנט.

— די קישקעס וועל איך פון אײַך ארויסנעמען! — האָט געשריגן פריידלס טאַטע, מײַנענדיק סײַ די טאָכטער און סײַ דעם קומענדיקן איידעם ארקע כּאַדאָס.

— גאַטעניו, זאָלסט זיי נאָר אָפּצאָלן פאַר מײַנע טרערן, — האָט געטײַנעט איינע א פרוי, פאַריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע.

די קינדער, אַף וועמען ס'האָבן זיך געשאָטן אזויפיל קלאָלעס און דראָונגען, זײַנען געזעסן און געשמייכלט. אלץ, וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן, האָבן זיי שוין געזאָגט ניט איין מאָל. זאָלן איצט טאַטע־מאַמע זיך אָנרעדן. סײַווי אויסגעפּירט האָבן זיי, די יונגע.

דעם עמעס געזאָגט, האָט יאַקאָוו אליין זיך אויך ניט געריכט, אז אלץ וועט דורכגיין אזוי גלאַט און אזוי גרינג. ס'איז אים אפילע שווער געוועז באַנעמען זיך אליין. ערשט נעכטן איז ער געפאָרן אין ראַיקאָם פול מיט שווערע, ווידערשפּרעכלעכע געדאַנקען, און הײַנט איז ער שוין גאָר אַן אנדערער. האָט ער קוידעמקאָל געדאַרפט איבערצײַגן זיך אליין, אז קיינער האָט אַף אים ניט געדריקט, קיינער האָט אים ניט אָנגעבונדן זײַן מיינונג און געצוווּנגען זיך אונטערוואָרפן. ווײַל ווען דאָס זאָל זײַן אזוי, וואָלט ער געוויס געטאָן, ווי קאַנדיבאַ פון דאָראַטיעוויטשעס „סאָכאלין”. מיט וועמען זשע האָט ער זיך געשפּאַרט און געקריגט אַף דער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג און אין ראַיקאָם? טאַקע מיט זיך אליין, מיט די עטלעכע פאַרשיידענע כּאַדאָסעס, וואָס זיצן אין אים און לאָזן אים ניט רוען. דאָס, וואָס איין כּאַדאָס הייסט ארקע, א צוויייטער שײַקע, א דריטער זוסיע און דער פערטער איז אינגאַנצן קיין כּאַדאָס ניט, דאָס איז ניט וויכטיק און עס ענדערט אין טאָך גאָרנישט ניט. אינדערעמעסן האָט ער די גאַנצע צײַט זיך געקריגט מיט זיך אליין, ארויסגעשטעלט אלעמאָל לענינס א טעזיס, באַקוקט, באַטאַפּט און אויסגעפּאַרשט אים פון אלע זײַטן. נאָך אלעמען, האָט ער דאָך געמוזט ארויסזאָגן אין דער הייך דאָס, וואָס האָט אים די גאַנצע צײַט געהריזעט, געשניטן אין קאָפּ, געקלאַפּט אין די שלייפן און ארומגעיאָגט גאַנצע נעכט איבערן שמאָלן צימער פון זייער אלטער זעמליאַנקע.

קאָן ער טאַקע זאָגן, אז קיינער האָט אַף אים ניט געדריקט. און ער איז זייער צופרידן, וואָס די עטלעכע כּאַדאָסעס, וועלכע זיצן אין אים און האלטן זיך אין איין קריגן, זײַנען ענדלעך געקומען צו א העסקעם. איז עפשער טאַקע געקומען די צײַט, ווען ער וועט קאָנען ענטפערן אַף דער פראַגע, וואָס איז אופגעקומען בא אים אין דער ווײַטער קינדהײַט? ווער בין איך, וואָס בין איך, און וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעם איך אין דער וועלט, און צי איז פּייַיק דער מענטש איבערמאַכן, איבערמאַכן די וועלט אזוי, עס זאָלן ניט הערשן איבער איר קיין סוכאָווייען און קיין הונגער, קיין אָרעמקײַט און קיין נויט? און אז דאָס לעבן... יאָ, דאָס לעבן זאָל זײַן שטאַרקער פונעם טויט.

לעבן און טויט... לעבן און טויט... דאָס לעבן — די מאַמע מענוכע. דער טויט — טאַקע דער טויט אליין. דער טויט, וואָס האָט אלע יאָרן געלויערט איבער זייער שטוב, איבערן דאָרף, איבערן גאַנצן סטעפּ. זאָל זײַן, אז ערשט איצט? זאָל זײַן, אז די אלע מילכאָמעס און רעוואָליוציעס, אלע מענטשלעכע מאַטערנישן און זוכענישן האָבן געפירט און געמוזט ברענגען נאָר צו דעם, אַף דעם איין־און־איינציק מעגלעכן, איין־און־איינציק ריכטיקן וועג? נעמט ער, הייסט עס, בעטהאָוועגען און מאָצאַרטן, פּושקינען און שאָלעם־אלייכעמען און לאָזט זיך גיין. און לענינען... טאַקע אין דער ערשטער ריי לענינען. ווײַל דאָס האָט דאָך לענין געזאָגט!.. און אויב מאַכן פון אלע ארומיקע דערפער איין גרויסע קאָמונע, קאָן מען דאָך דעם טיפן יאַר, ווו סע גייען זיך צונויף די זעליאָנאָפּאָליער און נאַדיאָזשנער באַלקעס פאַרהאַטעוועון מיט א הויכער הרעבליע און מאַכן א סטאַוואָק — אַן עמעסן יאַם. און מע קאָן אונטער דעם זעליאָנאָפּאָליער פּלאַנטאַזש פאַרפּלאַנצן אזא ווײַנגאָרטן! און אין סלאַדקאָוואָדנע... יאָ, סלאַדקאָוואָדנע איז דאָס בעסטע אָרט פאַר א גרויסן סאָד! פאַרשטייט זיך, א יאַם... עס רעדט זיך אזוי, נאָר דאָ... אָבער טאַקע א יאַם. ער זאָל געבן וואַסער וויפל מע דאַרף. און פאַרטרײַבן די טריקעניש.

אָפּטמאָל האָט ער זיך אליין אָנגעהויבן שרעקן פאַר די אייגענע געדאַנקען. נאָך דער יאַם, די סעדער און ווײַנגערטנער האָבן פעסט באַזעצט זיך בא אים אין קאָפּ און געמאַכט אים טויזנטער כעזשבוינעס אַף צו דערווײַזן זייער רעאַלקײַט. און געהאַלטן אים אין איין אײַנרעדן, אז ער האָט ניט וואָס מוירע האָבן פאַר זיי, ער מעג טראַכטן, ער מעג זיי אפילע ארויסזאָגן אין דער הייך, ער מעג אפילע רעדן וועגן דעם אַף אלע פאַרזאַמלונגען. אָט, זאָל ער נאָר פּרוּוון.

קיינער האָט זיך ניט אויסגעלאַכט פון זײַנע פּלענער, כאָטש געגלייבט אין זיי האָבן אויך ווײַט ניט אלע. אזוי צי אזוי, נאָר מיט זיי, מיט יאַקאָווס פּלענער, איז געוועזן היימלעכער.

ווער ווייסט, ווען דאָס אַלץ וועט מעקויעם ווערן און ווער ווייסט, ווי דאָס אַלץ וועט אויסזען. האָט יעדערער געקאָנט צולייגן צו אים אַלץ, וואָס ער אַליין באַגערט. זײַנען יאַקאָוווס פּלענער אַרומגעוואַקסן געוואָרן מיט מילך־פאַבריקן און עלעקטראָסטאַנציעס, מיט דרײַגאָרנדיקע מויערן און אַספאַלטירטע גאַסן, מיט גרויסע וועלדער און קליינע וועלדעלעך, ווײַל — אויב טאַקע צונויפגיסן זיך אין איין גרויסער קאָמונע, זאָל זײַן צוליב וואָס. און וואָס איז דער כילעק, יאַקאָוו כאַדאָסעס יאַמען צי פּישלס שאַלעשודעסן... האָבן אַ סאַך נאָכגעזונגען כאַים־בערס לידעלע, אין וועלכן ס'איז געווען אויסגעמישט אַלץ: גלויבן מיט אומגלויבן, האָפענונג און פאַשעטער ביטל:

וואָס זשע וועט זײַן, אַז מאָשיעך וועט קומען...
אַז מאָשיעך וועט קומען, וועלן מיר פּראַווען אַ סודעניו!

12

אויב די סלאַדקאָוואָדנער האָבן באַטראַכט דעם אייגענעם דאָרפּראַט, ווי עפּעס ניט אַן ערנסטן איניען, האָבן די פּערעצדאָרפער זיך באַצויגן צום דאָרפּראַט מיט אָפענער גרינגשעצונג. און ניט אַזוי צום דאָרפּראַט, ווי צום פּאָרזיצער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אויב דער פּאָרזיצער האָט געמוזט זײַן אַן איבערוואַנדערער, איז די כאַזאַקע געקומען זיי. ערשטנס, דערפאַר, וואָס צווישן אַלע דרײַ איבערוואַנדערשע ייִשוּווים איז פּערעצדאָרף דער סאַמע באַלעבאַטישער, צווייטנס, האָבן זיי געקענט אַרויסשטעלן ניט איין פּאָרזיצער, נאָר אַ גאַנץ צענדליק און יעדערער פון זיי וואָלט געווען אַ סאַך בעסער פון מיר. נעמען אַפילו זייער באַפּולמעכטיקטן פון דאָרפּראַט זעליק שאָרין, וועמען אַלע רופן דאָרט זינאָווי איסאַקאָוויטש. ס'איז דען צו פאַרגלײַכן? שאָרין איז אַ מענטש אַן אינטעליגענטער, רעדט פרײַ רוסיש און איז קימאַט אַ בוכהאַלטער. ס'איז גלײַך צו זען, אַז דאָס איז אַ מענטש, אויף וועלכן מע קאָן זיך פאַרלאָזן. די פּערעצדאָרפער איז געפעלן שאָרינס הויכער וווּקס, זײַן טונקל־גרויער אָנצוג אָן איין לאַטקעלע, זײַן מעסיקע שטרענגקייט און זײַן אַ ביסל קאַלטלעכער בליק פון אַ מענטשן, באַ וועמען אַ וואָרט איז מיט גאָלד גלײַך.

זײַנען די פּערעצדאָרפער געקומען אין דאָרפּראַט זייער זעלטן. מיך האָט אַהין אויך ניט געצויגן. אַזוי האָט דער ייִשעוו אויסגעדונגען פאַר זיך אַ שטיקעלע אווטאָנאָמיע אַפן סמאָך פון אַ שטומען אָפּמאַך. אַלע מעלוכישע פליכטן פילן זיי אויס פּינקטלעך, צו דער צײַט, און מערער זאָל איך אין זייערע איניאָנים זיך ניט מישן... דעם קאָלווירט האָבן זיי אויך געשאַפן אָן דער הילף פונעם דאָרפּראַט און דערוויזן, אַז זיי קאָנען זיך ביכלאַל באַגיין אָן אים. נאָר אַז מע האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער קאָמונע, וועגן צונויפגיסן זיך, האָבן זיי קאַטעגאָריש געמאָלדן: אין קאָמונע גייען זיי ניט, און וועגן צונויפגיסן זיך ווילן זיי אַפילו ניט הערן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיטן שאַפן אַ קאָלווירט האָבן זיי שוין מעקײַעם געווען אַלץ, וואָס מע דאַרף, און די קאָמונע איז ניט אָבליגאַטאָריש.

פאַרשטייט זיך, מע האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן זיי. וועט אין דער קאָמונע זײַן ניט קיין זיבן דערפער, נאָר זעקס. פּערעצדאָרף איז אָבער געלעגן סאַמע אינדערמיט און האָט איבערגעשניטן דעם מאַסיוו פון דער קומענדיקער קאָמונע אויף צוויי באַזונדערע טיילן. וועט דאָך צעשמעטערט ווערן דער איינהײַטלעכער זיי־פּאַרקער! דער איקער איז אָבער באַשטאַנען ניט אין דעם. סאַמע אויף די ערדן פונעם ייִשעוו זײַנען זיך צונויפגעקומען ביידע באַלקעס, זעליאָנאָפּאָליער און נאָדיאָזשנער, געשאַפן אַ ברייטן און טיפן יאַר מיט הויכע ברעגן פון ביידע זײַטן. אָט דאָ האָט עס יאַקאָוו פּלאַנירט אויפשטעלן אַ הרעבליע און שאַפן אַזאַ סטאַוואָק, וואָס זאָל ענלעך זײַן אויף אַ יאַם. וועט אַרום דעם יאַם אויפקומען אַ באַגיס־גאָרטן פון אַ פּופציקזעכציק העקטאַר, אַ גאָרטן, וואָס וועט באַזאָרגן אַלע נאָענטע שטעט מיט אוגערקעס און פּאָמידאָרן, באַקלאַזשאַנעס און פעפערלעך. ווי זשע קאָן מען עס דערלאָזן, אַז פּערעצדאָרף זאָל בלײַבן אויסער דער קאָמונע?

אַ גאַנצע וואָך האָבן אין אַלע ייִשוּווים זיך געצויגן פאַרזאַמלונגען. מענער האָבן געוואָרפן די היטלען אויף דער ערד, ווײַבער האָבן אַראָפּגעריסן פון זיך די קאָפּטיכלעך, מע האָט געוויינט און געלאַכט, געקלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין דער ברוסט, געריסן אויף זיך דאָס העמד. און נאָך אַלעמען האָט זיך אַלץ געענדיקט, וואָס בעסער דאַרף מען ניט:

— מע גייט, מע גייט אין קאָמונע.

אין פערעצדאָרף האָט זיך אויך געצויגן די זעלבע פּאַרזאַמלונג. דאָ האָט דער אוילעם זיך גראָד געהאַלטן רויִקער, ווייניקער געגוואַלדעוועט, קיינער האָט אַף זיך דאָס העמד ניט גע־ריסן, נאָר געענדיקט האָט זיך אַלעמאָל מיט דעם זעלבן:

— אין קאָמונע גייען זיי ניט.

אַ גאַנצע וואָך בין איך ניט געווען אין דער היים, און כ׳האָב זיך טאַקע שוין פאַרבענקט נאָך מײַן אייגענעם געלעגער, אַפּן קירצלעכן קאַסטן, נאָך דער מומעס געשמאַק ברויט און באַזונדערס נאָך די קאַרטאָפל. זי גיט זיי אַ רוק אַרײַן אין אויוון אַרײַן, גיט זיי אַ פּרעגל צו גאַנצערהייט אין אַ קליין טעפּעלע, און גיט זיי אַ שיט אַרויס אין טעלער, איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן. זיי גלאַנצן און רויטלען זיך, שמעקן מיט אַלע רייצנדיקע רייכעס און צעגייען זיך אין מויל. און אַף וויפל ס׳איז געווען שאַבעס, האָט מיר שוין וואָס גיכער זיך געוואָלט זײַן אין דער היים. מע קוקט שוין געוויס אַרויס אַף מיר. כ׳האָב געסטאַרטעט זיך מאַכן אַלץ בעקי־צער, און ווען איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פאַרטיק, איז צוגעפאָרן יאַקאָוו כאַדאַס אַף זײַן בעדאַרקעלע און זיך אָנגערופן קאַטעגאַריש:

— מיר פאָרן קיין פערעצדאָרף.

באַמערקט, אָפּאָנעם, ווי איך האָב זיך פאַרקרימט, האָט ער צוגעגעבן:

— מע מוז... די לעצטע פּאַרזאַמלונג. און די צײַט שטייט ניט.

אַז מע מוז, איז דאָך ניט שײַעך. ווײַל איך מוזן פאָרן אַפּן יישעוו, וועלכן איך סטאַרע זיך די גאַנצע צײַט אויסמײַדן. איך פיל זיך דאָרטן שלעכט. שטענדיק פיל איך אַף זיך די ביטלדיקע בליקן פונעם דאָרטיקן אוילעם, איך ווער גלײַך ווי געפּענטעט, און עס נעמט באַ מיר אַפּ דאָס לאַשן. באַזונדערס נאָך דערפאַר, וואָס כאָטש אַלע פערעצדאָרפער האָבן גוט גע־קענט יידיש, האָבן זיי צווישן זיך גערעדט נאָר רוסיש. באַזונדערס אין מײַן אָנוועזנהײַט. זיי זײַנען געווען זיכער, אַז רוסיש פאַרשטיי איך ניט, ווײַל רעדן רוסיש האָב איך דאַן לאַכלוטן ניט געקענט.

די פערעצדאָרפער זײַנען געווען פאַר מיר אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך. ווי עפּעס אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער שייוועט. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי האָבן עס די יידן פון פּאָלטאַווע, ניעזשין און פּרילוקי אויסגעאַרבעט אין זיך אַזוינס, וואָס שיידט זיי אינגאַנצן אונטער פון די כאַשטשעוואַטער און ליובאַשאָווקער, מינקאָוויצער און נײַ־אושיצער. עפּעס גאָר אַן אַנדער גאַנג, אַן אַנדער האַלטן זיך, אַן אַנדער אַרט רעדן. אין אַלץ האָט זיך געפילט אַ מענטש אַ טאַקיף, אַ מענטש, וואָס שפּאַנט פעסט איבער דער וועלט און וואָס פאַרמאָגט עפּעס אין קעשענע. מיט איין וואָרט — יידן, וועמען עס פעלט אַ ביסל יידישקײַט. די בערד זייערע זײַנען געווען ניט קיין געקרײַזלטע, ניט קיין צעשויבערטע און ניט אַזעלכע, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער, ווי אַ ווייער. אַלע אַזעלכע גלאַטע, פאַרקײַלעכיקטע אָדער פּילקאַנטיקע, ווי אויסגעהאַקטע פון אַ שטיין. די פאַמיליעס זייערע האָבן אויך געקלונגען אַנדערש, ווי באַ די יידן פון די פּאָדאָליער שטעטלעך. ניט ראָזנבערג, ניט טראַכטנבערג און אַפילע ניט רויט־מאַן. קורצע און אָפּגעהאַקטע פאַמיליעס, וואָס קלינגען מערער רוסיש, ווי יידיש. שאַרין און באַרין, שוועצאָוו און ראַדלאָוו אָדער גאָר ראַכלענקאָ, וואָס קלינגט ריין אוקראַיִניש. די פרויען האָבן מיר אויסגעזען אַ ביסל צו פריציש. זיי האָבן גאַדלעסדיק געשנורעוועט די ליפּן, גע־קוקט אַף מיר אַ ביסל פון דער זײַט, און איך האָב געפילט, ווי זיי טײַטלען אַף מיר מיט די פינגער. איך בין זיי ניט אָנגעשטאַנען פאַר קיין פּאַרזיצער. און מיר האָט פּאַשעט געשניטן די אויערן, וויאַזוי זיי האָבן זיך געווענדט איינע צו דער אַנדערער:

— מאַדאַם שאַרינאַ!

— מאַדאַם שעוועצאָוואַ!

— מאַדאַם ראַכלענקאָ!

איז טאַקע שווער געווען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן זייער יישעוו פערעצדאָרף. ווער איז דאָ, צווישן אָט די יידן געווען אַזעלכער, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם גײַסט פון ייִצכאָק־לייבוש פערעץ, מיט זײַן כסידישער פאָלקסטימלעכקײַט און אַנטיקלע־ריקאַלער פּשאַרעסלאָזיקײַט און וויאַזוי האָט זיך עס אים אײַנגעגעבן אײַנרעדן אָט דעם אוי־לעם, אַז פערעצדאָרף איז פאַר זיי דער סאַמע צוגעפּאַסטער נאָמען.

אַ באַפּולמעכטיקטער איז שאַרין געווען אַן אויסגעצייכנטער, און די דיסציפּלין אַפּן יישעוו איז געווען אַף מעקאַנע צו זײַן. ווי נאָר די צעטעלעך־מעלדונגען זײַנען אָוועק איבערן יישעוו, האָט דער אוילעם אָנגעהויבן צונויפקומען זיך אינעם ניט גרויסן קלוב. דאָס, וואָס שאַרין האָט געעפנט די פּאַרזאַמלונג אַף רוסיש, איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך. דאָס ווײַטערדיקע האָט אויסגעזען, ווי אונטערגעשטעלט, ווי עפּעס אַ פּרווו אַראָפּרײַסן די פּאַרזאַמלונג. ווי נאָר שאַרין האָט געגעבן אַ וואָרט כאַדאַסן, האָבן עטלעכע פרויען אויסגעשריגן:

— פּאַ רוסקי!

— פּראָסים פּאַ רוסקי!

אַז איך בין שטומפּיק אױף רוסיש, האָבן זײ געװוּסט. זײַנען זײ געװען זיכער, אַז יאַקאָװ דאַרף אַװדאי קײן װאָרט רוסיש ניט קענען. װעט זײַן פֿון װאָס זיך אױסלאַכן און מיט דעם װעט מען אָפּקומען. איך האָב אַ קוק געטאָן אױף יאַקאָװן אַ דערשראָקענער. איך האָב אױך ניט געװוּסט, צי קען ער אַ ביסל רוסיש, און איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס שמײכלט ער. ער שמײכלט צום אוילעם אַזױ װאַרעם, אַזױ ליב און האָט אַלײן דערפֿון האַנאָע. די װאָנצן ציִען זיך אױס אין דער ברײט און דאָס פּנים װערט אַ ביסל קײַלעכיקער. די אױגן נעמען אױך אָפּ זײער כײלעק פֿונעם שמײכל, הײבן אָן גלאַנצן מיט אַ העלן גלאַנץ, גלײַך ס׳האָט מיטאַמאָל אַ שײַן געטאָן אַ פֿרײלעך פֿײַערל. איז שױן געװען צו באַמערקן, אַז פֿאַר דער לעצטער װאָך איז זײַן פּנים שטאַרק אײַנגעפֿאַלן, און די אױגן זײַנען רױטלעך אונטערגע־בראָטן. ער איז געשטאַנען און געשמײכלט אַ ביסל לענגער װי מע דאַרף און געלאָזט דעם אוילעם אױסטײַטשן דאָס, װי ער װיל. איך האָב אױך געמײנט, אַז דאָס שמײכלט ער אָפּ אױסבאַהאַלטן זײַן פֿאַרלאָרנקײַט. נאָר גאָר אײַגיכן איז געשען דאָס, װאָס האָט אַלעמען איבעראַשט. אױף אַ װײַלע האָט ער צוגעזשמורעט די אױגן, װי געסטאַרעט זיך עפּעס דער־מאָנען, און אָנגעהױבן... אױף רוסיש. אַזױ שטיל, מיט עפּעס אַן אינערלעכן פֿלאַטער, װאָס האָט געװױס זיך איבערגעגעבן דעם גאַנצן אוילעם:

Последняя туча рассеянной бури,
Одна ты несешься по ясной лазури,
Одна ты наводишь унылую тень,
Одна ты печалишь ликующий день...

קײנער פֿון די, װאָס זײַנען געזעסן אױף דער פֿאַרזאַמלונג, האָבן אַזאַ יאַקאָװן ניט געקענט. איך האָב אים אױך אַנטפּלעקט פֿאַר זיך פֿיל שפּעטער. האָב איך, װי אַלע איבעריקע, געקוקט אױף אים און גאָרניש ניט פֿאַרשטאַנען. װאָס מײנט ער דערמיט, װאָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט צו הײַנטיקער פֿאַרזאַמלונג פּושקין, און װאָס װיל ער זאָגן מיט אָט די פּושקינישע שורעס? געלײענט האָט יאַקאָװ פּאַמעלעך, אױסצײַענדיק און אױסזינגענדיק יעדער װאָרט, און מע האָט געקענט מײנען, אַז געקומען איז ער אַהער בלױז צוליב דעם, קעדײ דעקלאַמירן פּוש־קינען. מע האָט אױך געקאָנט מײנען, אַז ער זעט פֿאַר זיך קײנעם ניט און גאָרנישט ניט, װײַל געלײענט האָט ער שטיל, זײער שטיל, װי פֿאַר זיך אַלײן, און אײַנגעטראַכט זיך, אײַנגע־הערט זיך אין יעדער װאָרט, אין יעדער שורע, װי געפּרוּװט דערפֿילן אױף זיך דעם שאָטן פֿונעם לעצטן כמאַרעלע, װאָס טראָגט מיט זיך אַ ביסל אומעט, אַ ביסעלע טרױער. דער אױ־לעם איז אױך געבליבן שטיל, װי דערפֿילט אױף זיך דעם קישעף פֿון די פּושקינישע שורעס. די צופֿיל פֿאַרצױגענע פּאַוזע, װאָס איז געבליבן הענגען איבערן קלוב, האָט אױך אױסגעזען אַלעמען װי אָנגעמאָסטן. גלײַך אַלע זײַנען געקומען אַהער אױך בלױז צוליב פּושקינען. אַזױ האָט געדױערט, ביז יאַקאָװ האָט זיך אָנגענומען מיט קױעך, אָראָפּגעטרײסלט פֿון זיך דעם אופֿגעקומענעם אומעט, געװאָרן מיטאַמאָל קריגעריש און אָנגעהױבן שפּאָרן זיך. טאַקע מיט פּושקינען.

— איך האָב אים זײער ליב, פּושקינען, — האָט ער אָנגעהױבן און װידער אַרױסגעפּאָ־דערט זײַן שמײכעלע. — ניט װײניקער פֿון שאָלעם־אַלײכעמען. נאָר דאָ בין איך מיט אים ניט מאַסקים. אַ כמאַרע איבערן סטעפּ איז באַ מיר דער גרעסטער יאָמטעװ.

און ער האָט זיך צערעדט... װעגן סטעפּ און װעגן זײַנע סוכאָװײען. װעגן דעם פֿאַרגלי־װערטן הימל פֿון אײן־און־צװאַנציקסטן יאָר, װעגן דעם שרעקלעכן הונגער און װעגן פֿיל לעבנס, װאָס דער הונגער האָט אװעקגעטראָגן. װעגן דעם, װי ער האָט אַלעמאָל געפּרוּװט מיט עפּעס ענדערן דעם סטעפּ. ביז ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אומעגלעך, קאָלזמאַן די ערד איז צעטײלט, צעקלאַפּט אױף באַזונדערע נאַכלעס, באַזונדערע שטיקלעך. אַז נאָר דאַן, װען אַלע װעלן זיך פֿאַראײניקן, װען עס װעלן אופֿקומען גרױסע, דורכױסיקע מאַסיװן, װעט מען קאָנען עפּעס אופֿטאָן. מע װעט קאָנען מאַכן נײַע אָזערעס, טײַכן און אַפֿילע גאַנצע יאַמען. דאַן װעט קומען אַ צײַט, װען די טריקעניש װעט אינגאַנצן פֿאַרשװינדן, דער סטעפּ װעט געבן אַזעלכע גערעטענישן, װעלכע ס׳איז איצט אַפֿילע שװער פֿאָרשטעלן זיך. אָט, אַשטײ־גער, די טיפֿע, ברײטע באַלקע מיט די הױכע ברעגן צװישן פֿערעצדאָרף און נאַדיאָזשנע.

צי דערפֿאַר, װײַל ער האָט אָנגעהױבן פֿון פּושקינען, צי װײַל ער האָט זײער פֿײַן גע־רעדט אױף רוסיש, נאָר קײנער האָט ניט איבערגעריסן זײַן זײער לאַנגע רעדע. דאָס בילד, װאָס ער האָט אָנגעמאָלט, האָט אַלעמען פֿאַרקישעפֿט. און כאָטש דאָס האָט געקלונגען, װי אַ

שיינער, וויַטער טרוים, האָט אַלץ אויסגעזען אַזוי וואָרהאַפטיק און אַזוי אָנשוילעך, אַז ס׳איז שווער געווען צו טראַכטן, אַז עס קאָן זײַן אַנדערש.

ווען וואָס זשע האָבן זיי געטראַכט, די ייִדן פון פערעצדאָרף? צי געשפּאַרט זיך מיט זיך אַליין, צי געפּרוּווט אַריבערפירן יאַקאָווס רעדע אויף מער פּראַקטישע רעלסן, צי פאַרגעזעצט אין די געדאַנקען אַ ניט־פאַרענדיקטן וויקועך מיט אַ שאָכן אָדער אַן אָקאָרשט צעפלאַקערטע קריג מיט דער אייגענער פרוי?.. אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר קיינער האָט ניט געפונען מיט וואָס זיך קעגנשטעלן כאַדאָסן. און לאַנג נאָך זײַן רעדע איז מען געזעסן און געשוויגן. ווי אַפּסנײַ איבערגעקײַט דאָס, וואָס זיי האָבן נאַרוואָס געהערט. ערשט אַ ביסעלע שפּעטער האָט זיך אויפֿגעהויבן פון זײַן אָרט איינער אַ ביסל אַ פעמפּיקעוואַטע מאַן מיט אַ ברומענדיקער שטים. זײַן פאַמיליע איז געווען ראַכלענקאָ און געהייסן האָט ער לאַזאַר. ניט לייזער, נאָר לאַזאַר.

— און באָדן וועט מען זיך מעגן אין יענע אָזערעס? — האָט ער געפרעגט בא יאַקאָוון.

— פאַרשטייט זיך, — האָט יאַקאָוו אָפּגעענטפערט אַ ביסל אַ פאַרוווּנדערטער.

— פאַרוואָס זשע האָט איר גלײַך ניט געזאָגט?

גלײַך אַפּאַנעמעסן איז אין דעם געווען די גאַנצע מענ׳ע, צי וועט מען זיך קאָנען באָדן אין יענע אָזערעס, צי ניין. נאָר דאָס איז געווען געַנוג, אַז די אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס האָט דאָ געהערשט, זינט יאַקאָוו האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע, זאָל אופרײַסן, אויסברעכן מיט אַ פאַר־טויבנדיקן געלעכטער.

געוויס איז אַלץ געווען ניט אַזוי פּאָשעט, און ווער ווייסט, וועלכע כעזשבוינעס ס׳האָט יעדערער פאַר דער וואָך געמאַכט פאַר זיך אַליין, וויפל מאָל גערעכנט און איבערגערעכנט. ווײַל יעדערער האָט דאָך געמוזט פאָרשטעלן זיך, וואָס וועט געשען, אויב אַלע אַרומיקע דער־פער וועלן אַרײַן אין קאָמונע. און זיי, זײַענדיק אין דער מיט, וועלן בלײַבן פון דרויסן. און וואָס איז, אייגנטלעך, דער כילעק — אַ קליין קאָלווירטל, צי אַ גרויסע קאָמונע? סײַווי ווייסט קיינער ניט, וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויס. מע וועט לעבן, וועט מען זען. נאָר אויסגע־קומען איז, אַז גראָד די קומענדיקע אָזערע, אין וועלכער אַלע וועלן קאָנען פרײַ זיך באָדן, האָט געלייזט דעם איניען.

ערשט נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווען מיר האָבן זיך געקליבן אין וועג, איז צוגעקומען דאָס פּאָרל, שוניע מיט מוניען, וואָס האָבן פאַר דער גאַנצער צײַט מערער ניט געלאָזט הערן וועגן זיך. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, ווי קליינע קינדער, און גערעדט מיט אַזאַ מינע, גלײַך זיי זײַנען זיכער, אַז די גאַנצע צײַט האַלט איך אין איין טראַכטן וועגן זיי.

— און ווי וועט זײַן מיט אונדזער ציגז? — האָט פאַר ביידן געפרעגט מוניע.

— וואָס דאַרף דען זײַן מיט איר?

— מע וועט זי נעמען אין קאָמונע?

איך האָב געקוקט אויף זיי און געטראַכט, אַז זיי דאַרפן זיך פילן זייער אומהיימלעך צווישן אָט דעם אוילעם. זיי וואָלטן געוויס זיך געפילט בעסער אין קיפערפעלד אָדער אויף אונדזער ייִשעוו. נאָר אין דעם וועלן זיי זיך ניט מודיע זײַן. נאָך מערער, זיי וועלן מיט אַלע קויכעס זיך סטאַרען נאָכריידן זייערע פּאַלטאַוער שכיינים אויף רוסיש.

— זאָרגט זיך ניט, — האָב איך זיי באַרויקט, — מיר וועלן זיך אַן אייצע געבן.

און ס׳איז מיר געוואָרן ביז גאָר גוט אויפן האַרצן, וואָס אָט דאָס פּאָרל מיט זייער פראַגע האָט ווידער אַרויסגערופן בא מיר זיכרוינעס און בילדער פון די לאַנג פאַרגאַנגענע צײַטן. ציגן מײַנע, ציגן!

פרי׳ער איז כאָטש דער וועג געווען מײַנער. די שאָען, ווען איך האָב אַרומגעשפּאַנט פון דאָרף צו דאָרף. די פיס האָבן געקנאָטן די בלאָטע, געדראַפּעט זיך צווישן די פאַרפרוירענע הרודעס, פאַרזונקען אין שניי, און איך אַליין בין געווען גאָר ערגעץ אַנדערש: אַמאָל באַם הופּאַלאָוער סטאַוואָק, אַמאָל לעבן פּלויט אַרום נײַ־זלאַטאָפּאָליער דאַרפּראַט און אַמאָל גאָר — באַם סאַמע אָנהייב, בא יענעם פרײלינגדיקן פאַרנאַכט אין הוליײַפּאָליע, ווען מיר זײַנען אַרומ־געגאַנגען איבער דער אומבאַקאַנטער גאַס, געקוקט אויפן אומבאַקאַנטן, נאָך פרעמדן פאַרנאַכ־טיקן הימל און ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן.

די לעצטע וואָכן איז דער וועג שוין אויך ניט מײַנער. די קאָמונע האָט אים אוועקגע־רויבט. די געדאַנקען האָבן ניט געקאָנט באַפרײַען זיך, אָפּרײַסן זיך פון די פּילצאַליקע פאַר־זאַמלונגען, פון די הייסע דיסקוסיעס, פון דעם אַלעמען, וועגן וואָס ס׳האָט זיך גערעדט אַרום דער קאָמונע. ווען מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן די זעליאַנאָפּאָלער באַלקע און אַרופגעפאָרן אויף די ערדן פון אונדזער ייִשעוו, האָט עס שוין געהייסן, אַז איך בין אין דער היים. כאָטש צום ייִשעוו איז נאָך געווען גוטע פיר קילאָמעטער, האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט יאַקאָוון און

אוועק. און אפסנײַ איבערגעכאַזערט פאר זיך די גאנצע פאַרזאמלונג, וואָס האָט זיך אזוי אויסגעטײלט פון פיל אנדערע. מערער פאר אלץ דערמיט, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען פאר זיך גאָר אַן אנדער יאַקאָון, א יאַקאָון, וואָס האָט זיך אינגאנצן ניט געקלעפּט מיט יענעם, א ביסל אַפּגעלאָזטן, אויסערלעך צו רויִקן און קאַלטבלוטיקן, וועלכן איך בין גע־ווינט געווען צו זען די גאנצע צײַט. וואָס זשע איז נייטיק דערצו, אז א מענטש זאָל פּלוצעם אנטפּלעקן פאר דער וועלט דאָס טיף פאַרבאָרגענע, דאָס, וואָס ער טראָגט אין זיך די גאנצע צײַט, וואָס לאָזט אים ניט רוען, וואָס רײַסט אים אלעמאָל אויף פּונעם געלעגער?

Последняя тучка рассеянной бури,
Одна ты несешься по ясной лазури...

איך האָב געשפּאַנט איבערן באַנאַכטיקן סטעפּ און שטיל איבערגעכאַזערט די פּושקינישע שורעס, וואָס האָבן א קלונג געטאָן אף דער פאַרזאמלונג מיט אַן אומדערוואַרטער איבעראַ־שונג. מיר האָט געקלונגען אין די אויערן יאַקאָווס שטים, אין וועלכער ס'איז אויך געווען פיל אומדערוואַרטס און איבעראַשנדיקס. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי איך וועל דערציילן וועגן הײַנטיקער פאַרזאמלונג אונדזערע כעווירע. פּושקינס שורעס וועל איך קענען איבערכאַזערן, נאָר ווי מאָלט מען אָן יאַקאָווס אויסזען, ווי גיט מען איבער זײַן אינערלעכן פלאַטער?

אין דער היים האָט געוואַרט אף מיר א נײַס, וואָס איז געווען פאר מיר ערגער פון עט־לעכע אראָפּגעריסענע פאַרזאמלונגען.

— ווי געפעלט דיר אונדזער יענטל? — האָט טוליע מיר אַרײַנגערעדט אין אויער, ווי נאָר מיר האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט אף אונדזער געלעגער לעבן אויוון, אף דעם א ביסל קירצ־לעכן קאַסטן.

— וואָס איז געשען מיט יענטלען?

— א מיניען באַ זיך אין שטוב געמאַכט, די טוירע פון אײַזיקן צו זיך אין שטוב אריבער־געטראָגן.

— יענטל? די טוירע? אריבערגעטראָגן?

— ס'הייסט, ניט יענטל אליין, אריבערגעטראָגן האָט זי לייבעש. אײַזיק האָט זיך דאַפקע אײַנגעשפּאַרט און זי ניט געוואָלט געבן, נאָר לייבעש האָט געטײַנעט, אז די טוירע איז זײַנע, ווײַל ער האָט זי געבראַכט און ער האָט רעכט. און אף וויפל כאָים־בער איז קראַנק און ליגט באַ יענטלען, און אף וויפל אים קומט א מאַפטיר...

— פאַרוואָס קומט אים א מאַפטיר? — האָב איך געפרעגט א ביסל אופגערעגט, גלײַך דער גאנצער איניען איז באַשטאַנען בלויז אין דעם.

— נו, דאָס דאַרף מען פרעגן באַ לייבעשן.

— און איר?

— ווער מיר?

— דאָס קאַמערל, מײַן איך.

— וואָס זשע, גיין זיך רײַסן מיט זיי איבער דער טוירע? נאָך דאָס פעלט אונדז.

פאַר טוליען איז דאָס שוין געווען ניט קיין נײַס, האָט ער דאָס אויסדערציילט און גלײַך אנשלאָפן געוואָרן. איך בין שוין א גאנצע נאַכט ניט געשלאָפן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, ווי האָט אזוינס געקאָנט געשען. באַ יענטלען אין שטוב א מיניען? אלץ, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיט יענטלען, האָט זיך מיר געמאָלט גאָר אנדערש און געווען אויסגעמאָסטן מיט גאָר אַן אנדער מאָס. יענטל איז געווען פאר מיר א פּרוי, וואָס האָט געפונען אין זיך מוט צע־רײַסן די קייטן פון קנעכטשאַפט און ארויס אף דער פרײַער וועלט. כוץ דעם, איז זי געווען אזא, פאר וועמען איך טראָג א באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון יענער א ביסל אומגעלומפּערטער רויטער כאַסענע, וואָס מיר האָבן אײַנגעאָרדנט פאַרן ארויספאָרן. געצויגן האָט זיך דאָס אין יענע פאַרנאַכטן, ווען איך האָב זי געלערנט לייענען און שרײַבן, און אויסגעפּורעמט זיך אין ערנסטע, כאָטש ניט אינגאנצן קלאָרע פליכטן, ווען יאַנקל האָט ניט געסטײַעט. וואָס זשע טוט זיך עס מיט יענטלען? גראַד איצט! זאָל זײַן, אז דאָס איז באַ איר אויך עפּעס א מין צולאָכעס דער וועלט? פאר אלץ, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן מיט איר? אָבער יענטל! ווען איך האָב געפּרוווט פאָרשטעלן זיך, ווי מענטשן וועלן ארבעטן אין דער קאָמונע, האָב איך דאָס געמאָסטן לויט יענטלען, ווײַל יענטל... זי איז פרײַ פון קליינ־לעכע אייגנטימערישע געפילן, פון פאַרשיידענע אלטע פאָרורטיילן. פאַרשטיי איך, הייסט עס, גאָרנישט ניט? האָבן דאָס בלויז מײַנע נאַיווע געדאַנקען אָנגעמאָלט א געשטאַלט, וואָס איז ניט מערער, ווי מײַן אייגענע אויסטראַכטעניש?

א גאנצע נאכט געהאלטן אין איין קריגן זיך מיט זיך אליין, געפרוווט פארטיידיקן זיך פון יענעם עמעצן, וואָס האָט ניט אופגעהערט לאכן פון מיר, געפרוווט פארטיידיקן יענטלען אליין און ניט אופגעהערט צו שרײַען אין זיך: „יענטל, יענטל, וואָס איז מיט דיר, יענטל?" אראָפּ פונעם געלעגער, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל, אפגיך זיך אַנגעטאָן און אוועק. איך מוז זי שוין זען. איצט, ווען זי גייט אף דער ארבעט, צו אירע קעלבלעך. איך מוז הערן פון איר עפּעס אזוינס, וואָס זאָל מיך א ביסל בארויִקן אָדער כאָטש עפּעס דערקלערן.

איך האָב אפילע פארגעסן אָפּגעבן איר א גוט־מאָרגן.

— יענטל, ס׳איז עמעס? — האָב איך געפרעגט, ווי נאָר איך האָב זי דערזען.

— וואָס איז עמעס?

— וועגן מיניען...

— נו, איז וואָס?

מיר זײַנען געגאנגען באנאנד, ווי צוויי מענטשן, וואָס גייען אף דער ארבעט זייער פרי און זײַנען נאָך ניט אינגאנצן ארויס פונעם שלאָף. איך ענטפער האָט מיר אויסגעזען א ביסל כוצפּעדיק, און איך האָב ניט געוווּסט וועגן וואָס ווײַטער צו פרעגן. ווײַל טאקע — נו, איז וואָס? איך האָב אָנגעוווירן די פייקײַט צו טראכטן, און מיר האָט זיך געדוכט, אז בא מיר אין קאָפּ בויטעט זיך עפּעס א נעפּלדיקע שיטעריציע. איך האָב גאָר ניט פארשטאנען, פונוואנען האָט זי זיך גענומען און פארוואָס דארף פון איר דער קאָפּ זײַן אזוי שווער? יענטל איז גראָד געווען מונטער, ווי נאָך א פעסטן און טיפן שלאָף, געשפּאנט מיט איר מענערישן שפּאן און געקוקט אף מיר מיט צו א פריילעכן בליק, אין וועלכן ס׳איז געווען א ביסל כויזעק.

— דו ווייסט, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, און איך האָב פארשטאנען, אז מײַנע פראגן זײַנען צו איר ניט דערגאנגען. ניט מײַנע פראגן, ניט מײַן אופגעבראכטקײַט. — דו ווייסט, איך האָב נעכטן דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי מע דאַוונט. איך בין קיינמאָל ניט געווען אין שול. און דאָס איז אזוי, עפּעס אזוי... הײַנט לייבעש! ער האָט זיך אזוי צוגעכאַפּט צו דער טוירע, ווען ער קאָן, שלינגט ער זי אײַן.

— אָבער וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

זי האָט ווידער ניט פארשטאנען, אָדער געמאכט זיך, אז צו איר דערגייט ניט מײַן אופגעבראכטקײַט.

— איך? איך בין געזעסן אין קיך, ארײַנגעקוקט דורך דער אָפענער טיר און געוויינט.

— געוויינט? וואָס האָסטו געדארפט וויינען?

— איך ווייס אליין ניט. זיי זײַנען אלע געשטאנען אין די טאלייסים, געשאָקלט זיך, עפּעס שטיל געשעפּטשעט, עפּעס אונטערגעזונגען, האָב איך זיך דערמאָנט...

— און וואָס האָסטו זיך דערמאָנט?

— וואָס זשע, כ׳האָב ניט וועמען צו דערמאָנען? די מאַמע מײַנע דערמאָנט, יאַנקלען... האָט זיך מיר געוואָלט א ביסל אויסוויינען.

איך האָב געפילט, אז מײַן אופגעבראַכטקײַט הייבט אָן אויסרינען. און זי, שוין גאָר, ווי א ייִדענע:

— דו ווייסט, אז מע וויינט זיך אויס, ווערט א ביסל גרינגער אפן הארצן.

איך ווייס אליין ניט, פארוואָס האָב איך פלוצלינג געפרעגט:

— און אײַזיק איז אויך געווען?

— אָט דאָס איז דאָס דאָך, געקומען!

זי האָט דאָס ארויסגערעדט מיט אזא שטאָלץ, מיט אזא אָפענער פרייד, גלײַך דאָס איז געווען פאר איר א לאַנג געגאַרטער, א לאַנג דערוואַרטער זיג.

— יאָ, געקומען! אוועקגעזעצט זיך אין א ווינקעלע, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די גאַנצע צײַט אים מוירע געהאַט אופצוהייבן. איך האָב זייער געוואָלט, ער זאָל אופהייבן דעם קאָפּ, איך האָב געוואָלט זען, מיט וואָס פאר א פּאָנעם וועט ער א קוק טאָן אף מיר. נאָר ער האָט אים ניט אופגעהויבן. אָבער סײַווי, ער איז געקומען צו מיר!

איז מיר ווידער שווער געווען פארשטיין. איז, הייסט עס, דער מיניען געווען ניט נאָר לײַבעשעס אינטערעס, נאָר יענטלס אויך? וואָס זשע איז ער איר אזוי געגאַנגען אין לעבן אריַין, דער מיניען? קיין אנדער מיטל אף ארײַנברענגען אײַזיקן צו זיך אין שטוב אריַין האָט זי ניט געקאָנט, און וואָס האָט זי געוואָלט דערמיט דערווײַזן אײַזיקן? וואָס האָט זי בּיכלאַל דערמיט געמיינט?

יענטל האָט ניט געקאָנט וויסן, וועגן וואָס איך טראַכט. פאר איר איז דער מיניען געווען עפּעס גאָר א נײַס, און זי האָט דערציילט וועגן אים מיט עכטער פארכאַפּונג.

— און דערנאָך האָבן זיי געזונגען. אָנגעהויבן האָט כאַיִם־בער.

און זי האָט מיך מאַמעש איבעראַשט מיט דעם, וואָס זי מאַכט נאָך כאַיִם־בערן:

Заграй мені, козаченько,
На дуду, на дуду...
По хаси-идському.

און דערנאָך, ווי אנטדעקט פאר מיר א גרויסן סאָד:

— פארשטייסט, ער איז געווען א כאָסיד פונעם טאַלנער רעבן...

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— וואָס?

— אָט די אלע זאַכן?

— וואָס הייסט? איך בין דאָך צווישן מענטשן!

צווישן מענטשן... יאָ, אָט דאָס איז דאָס דאָך, וואָס צווישן מענטשן, די מענטשן זײַנען ניט נאָר אונדזערע ייִנגלעך און מיידלעך מיט די קאָמיוגישע לידער, מיט דער פּאָליטשול און מיטן דראַמקרײַז. דאָס איז אויך כאַיִם־בער, דער געוועזענער ציִ עפּשער אויך דער איצטיקער כאָסיד, לײַבעשע דער האָרבאַטע, וואָס איז א גאַנצער פּאַניבראַט מיטן אייבערשטן, די ווײַבער, וואָס טראָגן צוניף און טראָגן פאַנאַנדער אלע נײַעס אינאיינעם מיט דער מילך. זאָל זײַן, אז נאָך אלעמען הייבן מיר אָן פארלירן אונדזער יענטלען? אז זי געפינט פאר זיך צווישן די עלטערע מענטשן א סאַך בעסערס, ווי צווישן אונדז? וואָס זשע האָבן מיר פארזען אזוינס, עפּעס זייער וויכטיקס?

אייגנטלעך, איז מיר אליין שווער געווען דערקלערן, פארוואָס און אף וועלכן סמאַך קאָ־נען מיר האָבן צו יענטלען מער טײַנעס, ווי צו אנדערע? נאָר מיר האָט זיך געדוכט... מיר האָט זיך געדוכט, אז איך האָב א שטיקל כיילעק אין איר. מיט די אויסיִעס, וואָס איך האָב איר געוויזן, מיט דער וועלט, וואָס מיר האָבן פאר איר געעפנט, מיט די געפילן, וואָס איך האָב בא איר ארויסגערופן... און מיט די טרוימען, מיט אונדזערע שוטפעסדיקע טרוימען. און אפילע מיט די ווייטעקן, וואָס איך האָב איר פארשאַפן. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, ווי ס׳איז ניט געשען, זײַנען מיר דאָך שטיקלעך קרויווים. און זי האָט ניט געטאַרט!.. ווײַל מיר האָט זיך געדוכט, איך בין געווען זיכער, אז זי איז פונקט ווי איך אומבעשאָלעמדיק צו אײַזיקן. צו אײַזיקס גאַט און צו אײַזיקס טוירע...

— און דײַן טאַטע האָט אויך געזונגען. אוי, האָט ער געזונגען! די פענצטער האָבן גע־קלונגען. כ׳האָב קיינמאָל אזוינס ניט געהערט. אויך עפּעס א כסידישס. א ניגן אָן ווערטער:

לאַמפּימפּודערל לאַ־בים־באָם,
רימבאָם בימבאָם
אוי־אַ טודי־רודיראָם...

מײַן טאַטע איז קײנמאָל קײן כאָסיד ניט געװען, נאָר געװוּסט זײער א סאַך כסידישע לידלעך. און זײער פֿײַן זײ געזונגען. אין א יאָר צען ארום נאָך יענעם פֿרילינג, װען צװײ באַװוּסטע קיִעװער פֿאָלקלאָר־זאַמלער לױצקער און בערעגאַװסקי זײַנען אַרומגעפֿאָרן איבער די קאָלװירטן פֿון אונדזער ראַיאָן, זײַנען זײ געװען אױך אין אונדזער קאָלװירט און מײַן טאַטע האָט אַרײַנגעזונגען אין זײער מאַשינעריע אָט דאָס „לאַמפּימפּודערל". איך װאָלט איצט באַצאָלט װער װײסט װיפֿל, איך זאָל קריגן יענעם ראָליק און דערהערן מײַן טאַטנס לעבעדיק קאָל. נאָר דאַן בין איך געװען אױסער־זיך. װאָס איז דאָס פֿאַר א „לאַמפּימפּודערל" אינמיטנ־דערינען, װאָס פֿאַרא „דודו"? אין דער צײַט... יאָ, אין דער צײַט, װען די װעלט גײט כּאַדראַאָם?

— און מערער האָבן זײ גאָרנישט ניט געזונגען? — האָב איך געפֿרעגט װידער אַן אױפֿ־געבראַכטער.

— װאָס הײסט ניט? אַלע האָבן געזונגען. זײ האָבן, װי קלײנע קינדער, געשפּילט אין כײדער. כאָים־בער איז געװען דער מעלאַמעד, אַלע איבעריקע — זײַנע טאַלמידים, און כאָים־בער האָט מיט זײ אײַנגעטײַנעט:

אי פּאַיכאַװ — און ער איז אַװעקגעפֿאָרן.
און ליסי — אין װאַלד אַרײַן.
אי נאַרובאַװ — און ער האָט אָנגעהאַקט.
דראַװ — האַלץ, דראַװ — האַלץ...

מערער פֿאַר אַלץ האָב איך געשטױנט דערפֿון, װאָס יענטל שפּילט אָפּסנײַ איבער אַלץ, װאָס זי האָט נעכטן געהערט און געזען. מיט אַלע קנײטשעלעך, מיט אַלע טנועלעך. טאַקע אַזױ, װי דער רעבע כאַזערט אײַן מיט זײַנע טאַלמידים, טוט אַלעמאָל א כאַפּ דעם קאַנטשיק און טוט מיט אים א פּאַכע איבערן קאָפּ פֿון עפּעס א טאַלמיד, װאָס האָט זיך פֿאַרקוקט אין א זײַט. װאָס זשע פֿאַר א שפּיל אַזאַ אינמיטנדערינען? צי מאַכן זײ כױזעק פֿון זיך אַלײן, צי דאָס האָט אױך א שײַכעס צו יענע כסידישע לידלעך, כסידישע שטיק, װוּ פּסוקים פֿונעם כומעש זײַנען איבערגעמישט מיט אוקראַיִנישע פֿאָלקס־װערטער, װען זײער כסידישע כעדװע דערגײט צו אַזאַ גראַד, גלײַך זײ האָבן אױסגעטרונקען צו עטלעכע קעלישקעלעך בראַנפֿן. איך װײס ניט, פֿאַרװאָס דאָס אַלץ האָט מיך אַזױ צערײצט און איך האָב אָנגעשריגן אױף יענטלען:

— האָסט ניט געטאָרט!

— װאָס האָב איך ניט געטאָרט? — האָט זי געפֿרעגט אױך אַן אױפֿגערעגטע.

— געדענק זשע, יענטל, אױב דו װעסט נאָך אײן מאָל!..

און אױף מערער האָט מיר קײן אָטעם ניט געשטײַעט. סײַװי האָב איך מערער ניט געװוּסט, װאָס צו זאָגן. װײַל װאָס װעט זײַן, אױב זי װעט נאָך אײן מאָל אַרײַנעמען צו זיך אין שטוב דעם מיניען? און װאָס פֿאַר א רעכט האָב איך ביכלאַל צו דראָען איר? זי איז אױך געװאָרן באַרױגעז און געװאָלט מיר זאָגן עפּעס אַזױנס, עס זאָל מיך א שטאָך טאָן, האָט זי קײן בעסערס צוטראַכטן ניט געקאָנט:

— און דאָס װײסטו? אַדאַמאָ איז ערד, און סוס איז א פֿערד!

א זאָג געטאָן און אַװעק מיט איר ברײטן שפּאַן. געשפּאַנט גיך, װי אַנטלאָפֿן פֿון מיר, געבנדיק אָנצוהערן, אַז מערער האָט זי מיט מיר ניט װאָס צו רעדן. בין איך געבליבן שטײן, װי צוגעזאָטן צו דער ערד, א ביסל א דערשראָקענער פֿונעם געדאַנק, אַז דאָס האָב איך זיך אָפּאַנעמעסן צעקריגט מיט יענטלען. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט. איך בין געשטאַנען און איבערגעכאַזערט דאָס, װאָס זי האָט נאַרװאָס געזאָגט.

— אַדאַמאָ איז ערד, און סוס איז א פֿערד...

װאָס האָט זי געמײנט דערמיט?

13

איז געװען אַמאָל אַן אַלטער בעסוילעם הינטערן שטעטל... א קלײן שטיבעלע מיט א מײסים־בעטל לעבן דער טיר, און א גלעגער פֿון אַלטער פֿאַרשװאַרצטער און טוכלער שטרוי, אױף װעלכער ער איז אָפּגעלעגן פֿיל הונדערטער הונגעריקע און שלאָפֿלאָזע נעכט... און די גאַנצע װעלט זײַנע — א װעלט פֿון הילצערנע מאַצײװעס און שטײנערנע צאַמען. מאַצײװעס נײַע, אונטער װעלכע עס זײַנען געלעגן פֿרישע מײסים, צו װעמען מע איז אָפּט געקומען אױף

קייווער־אָוועס, און צאַמען ביז גאָר לאַנגאַניקע, איַינגעבויגענע און איַינגעהויקערטע, צו וועמען קיינער איז שוין ניט געקומען. זיי האָבן אַליין ביסלעכוויַיז אָנגעהויבן אַריַינוואַקסן אין דער ערד, ווי געצויגן זיך צו די, וועמען זיי האָבן צוגעדעקט. פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ גערדיכטן מאָך. ער האָט געשמעקט, דער מאָך, מיט יענעם עסעריקן שימל, ווי די פאַרצווי־טעטע סעכערעס, וואָס מע פלעגט אים אָפּט ברענגען פון די שטעטלשע היַיזער.

ווען איז דאָס געווען, ווען?

און אַ טאַטע איז באַ אים אויך געווען?.. יאָ, געווען, געווען... אַ טאַטע אַ בעטלער, וועלכן ער האָט געזען זייער זעלטן. בלויז צוויי מאָל אין יאָר. אָף פּייסעך און אָף ראָשעשאָנע, און ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, פונוואַנען טוט ער זיך אַ יאַווע און ווּהין סטיַיעט ער ניט. און ער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, צי האָט ער טאַקע אַפּאַנעמעסן געזען דעם טאַטן, צי ס׳האָט זיך אים בלויז געכאָלעמט. די מאַמע געדענקט ער בעסער. אַ נידעריטשקע, אַ דאַרינקע, שטענדיק אין פעדערן פון קאָפּ ביז די פיס. זומער און ווינטער האָט זי געפּליקט פעדערן. און זייער שטאַרק געהוסט. זומער און ווינטער. און שטענדיק זיַינען באַ איר געשטאַנען די טרערן אין די אויגן. טאַקע איבער אָט דעם הוסט.

ווען זשע איז דאָס געווען, ווען?

דער טאַטע, די מאַמע, דער בעסוילעם, די איַינגעבויגענע צאַמען און דער פאַרצוויטעטער שימל. ניין, ניט אַזוי. פריִער האָט זיך באַוויזן לייע, דערנאָך דער בעסוילעם. און אַז לייע האָט זיך באַוויזן, האָט דער טאַטע ניט געסטיַיעט. דער טאַטע און די מאַמע. זיי זיַינען אַוועק, אינגאַנצן אַוועק פון זיַינע אויגן, פון זיַין זיקאָרן, און ער ווייסט ניט, צי האָבן זיי נאָך געלעבט ערגעץ, צי ניין. און לייע? ווער איז געווען איר טאַטע, ווער איז געווען איר מאַמע? און צי לעבן זיי ערגעץ?

ער האָט זי קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן דעם, און זי האָט אים ניט דערציילט. זיי האָבן קיין איין מאָל ניט דערמאָנט זייערע עלטערן. זיי האָבן ביכלאל זייער ווייניק גערעדט. אַז אַרום־און־אַרום זיַינען אַזויפיל צאַמען און מאַצייוועס... אַרום־און־אַרום אַזאַ טויטע שטיל־קיַיט. ווי זשע האָט מען געמעגט רעדן וועגן זיַיטיקע זאַכן?

דערנאָך איז געקומען אַ זוניקער, פרילינגדיקער טאָג, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט זייערע מייסים, מיט די אַלטע און ניַיע מאַצייוועס, מיטן שטיבל אָפן בעסוילעם, פאַרפּאַקעוועט דאָס גוטס זייערס אין לייעס אַלטער שאַל און אַוועק.

— ווען זשע איז דאָס געווען, ווען? — האָט אורציע ניט אופגעהערט אויסרעכענען. — ערשט מיט אַ יאָר צוריק? אינגאַנצן איין יאָר? עס קאָן ניט זיַין! עס לייגט זיך ניט אָפן סייכל! ווען זיַין לייע האָט געזאָגט, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראַגן, האָט אורציע געמיינט, אַז דאָס וויַיזט זיך איר אויס. פופצן יאָר האָבן זיי אָפּגעלעבט אָפן בעסוילעם, און קיין איין מאָל אַפילע קיין סימען ניט געווען פון דעם. איז דען מעגלעך, אַז מיטאַמאָל?.. צוערשט איז איר אָפּטמאָל געוואָרן מלאָסנע, דערנאָך האָט איר אינמיטנדערינען זיך אָנגעהויבן פאַרדרייען דער קאָפּ, דערנאָך האָט מען שוין אינגאַנצן קיין סימאָנים ניט געדאַרפט. געטראָגן האָט לייע רויִק, גלַיַיך ס׳איז פאַר איר אַ געוויינלעכע זאַך, נאָר אורציע האָט ניט געקאָנט באַפריַיען זיך פון עפּעס אַ דריקנדיקער מוירע, וואָס איז געוואַקסן אין אים טאָג נאָך טאָג. און געטראָגן אין זיך אַ טיף פאַרבאָרגענעם ווייטעק דערפון, וואָס לייעס פּאָנעם ווערט פון טאָג צו טאָג מערער איַינגעפאַלן, און וואָס באַנאַכט קרעכצט זי פון שלאָף מיט אַ שטילן, פאַרדומפּענעם קרעכץ. וויַיבער האָבן אים באַרויִקט, געזאָגט, אַז אַזוי גייט עס באַ אַלעמען. פאַר אורציען איז דאָס געווען געוווּנג אָף באַרויִקן לייען. נאָר אים אַליין איז דערפון לינדער ניט געוואָרן.

לייע האָט זיך אויך געשראָקן. און אויך אויסבאַהאַלטן די שרעק פון אורציען. און ווען איר איז אַמאָל געוואָרן טאַקע גאָר ניט גוט, און זי האָט געמוזט זיך אָנכאַפּן מיט די הענט פאַרן טיש, אָדער פאַר דער טיר, האָט זי געפּרוּווט פאַרדעקן איַר שרעק, איר בלייכקיַיט און אויך די טרערן, וואָס האָבן פון זיך אַליין אַ שפּריץ געטאָן פון די אויגן, מיט אַ שמייכעלע. איר שמייכעלע איז געווען ניט אויסגעאַרבעט און ניט אויסגעשליַיפט, וויַיל פאַר אַלע אירע יאָרן איז איר זעלטן אויסגעקומען אַ שמייכל טאָן. פאַריקן זומער האָט זי זיך אויסגעלערנט אַ סאַך זאַכן: פּאָליען קאַרטאָפל, צוזופלייגן קאַפּיצעס, באַקן ברויט און מעלקן די קו, נאָר שמייכלען ווי געהעריק האָט זי ניט באַוויזן אויסלערנען זיך. באַקומט זיך באַ איר דאָס שמייכעלע אַ ביסל רוילעך, ווי ניט דערבאַקן, און ניט אַזוי גלאַט־קיַילעכיק, ווי באַ אַנדערע. נאָר אורציע האָט דערפאַר צו איר קיין טיַינעס ניט. וויַיל נאָך אַלעמען איז דאָס דער גרעס־טער קישעף. ביז איצט האָט ער קיינמאָל ניט געזען, אַז זיַין לייע זאָל שמייכלען, און איצט, ווען זי טוט אַ שמייכל, זעט ער פאַר זיך גאָר אַן אַנדער לייע. און עס איז אים שווער צו פאַרשטיין, ווי קאָן עס אַ מענטש אַזוי ענדערן זיך אין איין אויגנבליק. לאָזט זיך אויס, אַז זיַין

לייע פאַרמאַגט צוויי שײַנענדיקע כּיינגריבלעך ארום די ליפּן. און די אויגן אירע... ווי נאָר זי הייבט אָן שמייכלען, ווערן אירע אויגן א סאך גרעסער, און עפּעס גיט זיך אין זיי א צינד אָן אזוינס, וואָס ער קאָן אפילע ניט אָנרופן. ער מעג שווערן — לאַמטערנדלעך אזעלכע, וואָס לויכטן, ווי גרויסע גווירישע שאַבעסדיקע ליכט.

לייע ווייסט דעם קישעף פון איר ניט דערבאַקן שמייכעלע און באַנוצט זיך מיט דעם אלעמאָל, ווען זי דאַרף אויסבאַהאַלטן פון אורציען איר קאָפּדרייעניש. דערפאַר אָבער, ווען זי בלײַבט אליין, דערלויבט זי זיך אזוינס, וואָס זי וואָלט אין אורציעס אָנוועזנהײַט זיך קיינ־מאָל ניט דערלויבט. זי וויינט. פאַרוואָס וויינט זי, ווייסט זי אליין ניט. נאָר עפּעס וויינט זיך אזוי געשמאַק, אזוי שטיל און אזוי גרינג, אז ס'איז איר פּאַשעט א שאָד ניט אויסוויינען זיך. וויינט זי און זאָגט א טפילע:

— גאָט פון אוורהאָם, פון יִיצכאָק און פון יאַנקעוו, אז דער ליבער שאַבעסקוידעש גייט אוועק...

וואָס דאַרף מען זאָגן ווײַטער, ווייסט זי ניט. און קיין אנדער טפילע ווייסט זי אויך ניט. זי קאָן אפילע ניט זאָגן, ווי קומט צו איר דאָס דאָזיקע שטיקל טפילע. עפּעס ווי א כאָלעם... אמאָל, אמאָל... ווען זשע איז דאָס געווען? אוי, ווען איז דאָס געווען? ווײ, ווײ, וויפל יאָרן זײַנען אוועק! געדענקט זי ניט, צי דאָס האָט דער טאַטע געזאָגט, צי די מאַמע. נאָר דאָס געדענקט זי גוט, געווען איז דאָס שאַבייסענאַכטס. וואָס זשע זאָל זי טאָן, אז קיין אנדערע טפילעס ווייסט זי ניט, און פון דער אויך נאָר א שטיקעלע? נאָר אויב ער איז דאָ, דער גאָט, און אויב ער איז א ליַטישער מענטש, וועט ער פאַרשטיין, וואָס זי מיינט און וואָס זי בעט בא אים. נאָר אורציע טאָר דערפון ניט וויסן. ניט פון איר וויינען און ניט פון איר טפילע, ער וועט זי אויסלאַכן.

נאָך אלעמען, נאָך אָט דעם שווערן און אומגעוויינלעכן ווינטער, איז דאָס טראָגן בא לייען געווען ניט צו פאַרזינדיקן. אזוי האָט פאַרזיכערט פייגע די אנשעליכע, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר א וויסערן אין אזעלכע זאַכן.

די לעצטע טעג האָט לייע ניט אופגעהערט צו קרעכצן, און אורציע איז פול געווען מיט שרעק פאַר דעם, וואָס דאַרף פאָרקומען, פאַר אָט דעם אומבאַוווסטן און סוידעספולן, לעבן וועלכן ער איז קיינמאָל אפילע נאָענט ניט געשטאַנען. אין שטעטל האָבן קימפּעטאָרנס זיך געשראָקן פאַר אים, ווי פאַרן מאַלעכהאַמאָוועס. האָט ער אלץ נאָכגעפרעגט זיך בא לייען, ווי האַלט עס און וואָס דאַרף מען טאָן. נאָר לייע איז אָפּגעקומען מיט איר רוי שמייכעלע. זי האָט אויך ניט געוווּסט. זי האָט גערעכנט און איבערגערעכנט, און ס'איז בא איר אויסגע־קומען, אז ס'איז נאָך צו פרי. און דאָס האָט ביידן א ביסל באַרויִקט.

זינט ער לעבט, איז אורציע ניט געווען אזוי פאַרנומען, אזוי פאַריאָגט. צו די איניאָנים פונעם ניט גרויסן קאָלווירט איז ער שוין געווען געוווינט. די נאָרוואָס אופגעקומענע קאָמונע איז געווען פאַר אים, ווי פאַר פיל אנדערע, אינגאַנצן נײַ און אומבאַגרײַפלעך. און ס'איז אים אפילע שווער געווען פאַרשטעלן זיך איר גרייס און פאַרנעם. איר גרויסקײַט און ברעגלאָזי־קײַט האָט אים אינגאַנצן צעטומלט, און פאַר וואָס ער זאָל זיך ניט געווען נעמען, וואָס ער זאָל ניט געווען טאָן, האָט ער ניט געוווּסט, ווו איז דער אָנהייב און ווו איז דער סאָף. ער האָט אפילע ניט געקאָנט קלאָר זאָגן, ווער איז איצט ער אליין און וויאַזוי רופט זיך דער פּאָסט, וואָס ער פאַרנעמט. פריִער איז אנשל געווען פאָרזיצער און ער זאַווכאָז. איצט איז אנשל באַפולמעכטיקטער פון קאָמונע. און וואָס איז ער? נאָר ווי מע זאָל אים איצט ניט רופן, דאַרף מען סײַווי זאַמלען זריִע, דורכווייען זי און רייניקן אפּן טריִער, מע דאַרף יעדן טאָג זאָרגן וועגן פוראַזש פאַר די פערד און וועגן גרייטן דעם אינווענטאַר צום פאַרזיי, וועגן רעמאָנטירן דעם געשפּאַן און אײַנשאַפן נײַעס, און מע דאַרף זיך יעדן טאָג קריגן מיט עמעצן, און באַזונדערס מיט בעניע שטריקלדרייער. שלייעס, פּאָסטראָמקעס און פּאַשעט שטריק דאַרף מען איצט האָבן אָן א שיר, און ער, בעניע, טײַנעט, אז ער איז ניט מעכויִעוו. זאָל מען אים קריגן א ראָד, זאָל מען ברענגען קליאָטשע, וועט ער זיך אוועקשטעלן צו דער ארבעט. איז אויב יעדערער וועט וועלן אָן אָפּגעשיילט איי אין מויל ארײַן, וואָס זשע איז דאָס פאַר א קאָמונע?

געווען שאָען, ווען ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן לייען און אין אירע קרעכצן. נאָר דער לעצטער קרעכץ... ניט קיין קרעכץ, נאָר עפּעס א היכץ, א מין וויגעשריי, גאָר ניט מיט איר קאָל. ער וואָלט אין לעבן ניט געזאָגט, אז זײַן לייע קאָן אזוי שרײַען. זי האָט זיך א נעם געטאָן פאַרן בויך, פאַרבויגן די פיס, און ווען אורציע האָט א קוק געטאָן אף איר, האָט ער זי ניט דערקענט. גאָר ניט זײַן לייע! עפּעס אָן אומבאַקאַנטע פרוי, מיט א פּאָנעם, ווי קרײַד, און מיט צוויי גרויסע אויגן, פול מיט ווייטעק, מיט שרעק און מיט טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, לייע? לייע, לייע!

ער האָט געפּרעגט, געשריגן, געמינטערט זי, ווײַל ער איז געווען זיכער, אַז זי כאַלעשט. לייע האָט געפּרוווט אַרויסרופן, אַרויסקנייטשן יענץ רוי שמייכעלע, נאָר ס'האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. קוים אַרויסגערעדט:

— גיי, רוף עמעצן. די אַנשעליכע.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען געקומען צו לויפן אַלע כאַשטשעוואַטער, און פּייגע די אַנשעליכע האָט מײַסע פּאַרזיצערן אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיט אַלעמען:

— שטרוי, שטרוי טראָגט אַרײַן, מע דאַרף אָנהייצן דעם אויוון.

— און שיסלען, שיסלען ברענגט אַרײַן, מע דאַרף וואַרעמען וואַסער...

— און וואַסער, וואַסער, וואַסער!

זי האָט אַ קוק געטאָן אַף אָרציען מיט אַ שטרענגן בליק, פון איר אַנשלען געיאַרשנט, און ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן הויך און אַ ביסל בייזלעך:

— און דו, אָרציע, האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן. שפּאַן אײַן אַ בעדאַרקע און הײַדאַ אין כוטאָר, נאָך דער אַקושאָרקע.

אַפּאַנעם, אַז אַף אָרציעס פּאָנעם האָט מען איצט געקאָנט איבערלייענען זייער אַ סאַך. אפילע מערער, ווי מע דאַרף. און דאָס האָט געצוווּנגען אַנשלען און מוישען, זיי זאָלן אַליין אָפּגיך אײַנשפּאַנען די בעדאַרקע, צושפּאַנען אַ צווייט פּערד בײַ דער זײַט און אָנלייגן אַ פּולע בעדאַרקע מיט שטרוי. אַנשל האָט צוערשט געוואָלט הייסן אָרציען אומקערן זיך אַהיים און אַליין אַ יאָג טאָן אין כוטאָר אַרײַן, נאָר גלײַך פאַרשטאַנען, זיך באַטראַכט און דערלאַנגט אים די בײַטש און זיך אָנגערופן:

— אויב די אַקושאָרקע וועט זיך פאַראַרטאַטשען, זאָלסטו אַרײַנגיין צו מיקאָלען, דעם פּאַרזיצער פון דאָרפּראַט. ער וועט שוין טאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף. נו, יאָג, יאָג, זשאַלעווע ניט די פּערד.

דער וועג האָט שוין לאַנג אופגעהערט זײַן אַ וועג. דער גאַנצער סטעפּ — איין געדיכטער, בלאָטיקער אויסגוס, אָן איבערגעקנאָטענער און אַ צעפּאַסעוועטער פון אָן אַ שיר רעדער און פּערדישע טלאָען. אָרציע האָט געשמיסן די פּערד, געיאָגט און ניט באַמערקט, ווי די בלאָטע האַלט אים אין איין נאָכיאָגן. זי רײַסט זיך אַרויס פון אונטער די רעדער, וואַרפט אים נאָך גרויסע, געדיכטע שטיקער אין דער פּלייצע, אין האַלדז אַרײַן, באַקלעפּט מיט בלאָטיקע פּינטלעך דאָס ניט געגאָלטע פּאָנעם און דעם פאַרשוויצטן שטערן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז וויבאַלד אַנשל אַליין האָט געהייסן ניט זשאַלעווען די פּערד, איז דאָס אַ סימען, אַז יעדער מינוט איז טײַער. כאָטש יאָגן אַזוי קומט אים אויס דאָס ערשטע מאָל, און ער ווייסט ניט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ מינוט, ווי גרויס איז זי און ווי טײַער איז זי. ער ווייסט ביכלאַל גאָרנישט ניט, ווײַל צו וואָס ער זאָל זיך איצט ניט נעמען, נעמט ער זיך צום ערשטן מאָל, און ער ווייסט ניט, וויאַזוי דאַרף דאָס געטאָן ווערן. און ער אַליין דאַך... יאָ, טאַקע ער אַליין איז אַזויפיל יאָרן אָפּגעזעסן באַם סאַמע סאָף, באַם סאָף פון מענטשלעכן לעבן, און איצט האָט עס אים מיטאַמאָל אַריבערגעוואָרפן צום סאַמע אָנהייב. אָן אָנהייב, פול מיט שטורעמס, גוסרעגנס און זאַווערוכעס, פול מיט גרימענישן און ווייען. זאָל זײַן טאַקע, אַז אָן דעם קאָן זיך ניט אָנהייבן קיין שום אָנהייב, אַז אָן דעם קאָן קיין מענטש ניט געבוירן ווערן? און זײַן לייע... ווען ער קאָן איר העלפן אַ ביסל מיט זײַנע אייגענע ווייגעשרייען!

ער האָט געשמיסן די פּערד, געיאָגט צו דער באַלקע און צום ערשטן מאָל זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס איז אים שוין לאַנג אַרויס פונעם קאָפּ. יענער גוסרעגן, ווען ער, דערזען, ווי דער אוילעם האָט זיך פאַרלוירן, האָט מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ לאָפּעטע און אַ רוף געטאָן אַלע איבעריקע נאָך זיך. און מע האָט אים געפאָלגט. און ס'האָט זיך באַקומען גאָר ניט שלעכט. כאָטש מיטן גוסרעגן האָט ער זיך אויך געטראָפן צום ערשטן מאָל און ניט געוווּסט, ווי מע דאַרף זיך מיט אים נויהעג זײַן. וואָס זשע האָט אים דאַן אונטערגעזאָגט, וואָס מע דאַרף טאָן, און וואָס האָט אים צוגעגעבן מוט, דרייסטקײַט און זיכערקײַט? הייסט עס, אַז מיט דער קאָמונע האָט זיך אויך באַקומען גוט, וויבאַלד געלערנטע מענטשן רופן צו איר מיט אַזאַ פעסטקײַט און מיט אַזאַ זיכערקײַט. און מיט לייען וועט אויך זײַן גוט. כאָטש ער ווייסט ניט, וויאַזוי דאַרף דאָס פאַרקומען מיט דער קאָמונע און וויאַזוי דאַרף דאָס פאַר־קומען מיט לייען.

די באַלקע איז שוין געווען פול מיט וואַסער, גערוישט, געפּינעט זיך און געמאַכט די ערשטע פּרווון אַרויס פון די ברעגן. אָרציע האָט דאָס באַמערקט ערשט דאַן, ווען די פּערד האָבן געגעבן אַ פּליוכע אַרײַן אין דער באַלקע און דאָס וואַסער האָט פאַרגאָסן די בעדאַרקע, פאַרשפּריצט דאָס פאַרבלאָטיקטע און פאַרוואַקסענע פּאָנעם.

— איז דאָך ווידער גוט, — האָט ער זיך געטרייסט און אונטערגעמונטערט. — אזא באַלקע אריבערגעשווומען. אַרײַן און ארויס.

די אַקושאָרקע האָט אפילו ניט געפּרוווט קווענקלען זיך. זי האָט נאָר געגעבעטן פאַרבײַטן די אויסגענעצטע שטרוי. צוריק האָט אורציע געיאָגט נאָך שטאַרקער און אריבערגעפאָרן די פאַרגאָסענע באַלקע, נאָך איידער די אַקושאָרקע האָט באַוויזן אַ קוויטשע טאָן. נאָר ווען ער איז צוגעפאָרן צו דער שטוב, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די אַקושאָרקע איז שוין ניט נייטיק. עטלעכע ווײַבער האָבן ארויסגעקוקט אף אים, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּשטעלן די צעהיצטע פערד, האָט ער דערהערט פּייגעס מענערישע שטים:

— מאַזלטאָוו דיר, אורציע, ביסט שוין מיט גאָטס הילף אַ טאַטע.

כאַנע האָט צוגעגעבן, ניט וואַרטנדיק אף אורציעס פראַגע:

— אַ מיידעלע, אַ מיידעלע!

פאַר אורציען איז געווען אַלצײנס — אַ ייִנגעלע צי אַ מיידעלע. פאַר אים איז דעריקער שווער געווען צו באַגרײַפן דעם וווּנדער, דעם נעס, וואָס איז נאָרוואָס געשען, דער נעס פון געבוירן. אים איז שווער געווען באַנעמען דאָס, וואָס ס'איז פאַר די לעצטע פאַר שאָ פאָרגע־קומען מיט זײַן לייען. אים איז שווער געווען פאַרשטיין זײַן לייען, דאָס נאָרוואָס געבוירענע מיידעלע און זיך אַליין. ווײַל ער איז שוין אויך ניט דער, וואָס איז געווען נעכטן, אייערנעכטן, מיט עטלעכע מינוט צוריק. ער איז געוואָרן אַ טאַטע! ער האָט געפּרוווט אין געדאַנק ארויס־ברענגען אָט דאָס וואָרט, האָט זיך עס צעקלונגען, צעזונגען אין אים, גלײַך אָט דאָס וואָרט אַליין איז אויך ערשט נאָרוואָס געבוירן געוואָרן.

געווען באַ אורציען אַ באָרד, ניט ווי באַ לײַטן. זי איז ניט געוואַקסן. ביכלאַל, גאָר ניט קיין באָרד אינגאַנצן, בלויז אַ געדיכטע פאַרוואַקסן פּאָנעם, פול מיט געדיכטע און נידעריקע הערעלעך־גרעזעלעך, אַ גוט ערטעלע פאַר שטויב און בלאָטע. ער איז געווען געוווינט צו זײַן באָרד, ווי צו פיל אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן אַ סאַך יאָרן אים אויסגעטיילט פון אַלע ארומיקע. איצט האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט, ווי די באָרד איז געוואָרן עפּעס שווער־לעך. ער האָט ניט באַמערקט, אַז דעם גאַנצן וועג אהין און צוריק זײַנען אים געפלויגן אין פּאָנעם שטיקלעך בלאָטע און איינס צום אַנדערן, ווי אײַנגעמויערט געוואָרן אין זײַן פאַר־וואַקסן פּאָנעם. האָט ער אָנגעהויבן ארומטאַפּן דאָס פּאָנעם און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ווערט די בלאָטע אָפּן פּאָנעם וואָס אַמאָל נאַסער. קוים זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מוז זײַן טרערן. טרערן גאָר? פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען אינמיטנדערינען? ווער האָט זיי געבעטן? נאָר זיי זײַנען געקומען ניט קיין געבעטענע, שטיל ארויסגעגלאַנצט, נאָך שטילער אראָפּגע־רונען און פאַרשטעלט פאַר אים אַלץ דאָס ארומיקע. האָט ער שוין געזען פאַר זיך גאָר עפּעס אַנדערש: יענעם פרילינגדיקן טאָג, ווען ער איז ארופגעקומען צו זיך אָפּן געדרשטן, וואָס האָט לאַנג ניט געוואָלט אופגיין, און צום ערשטן מאָל דערזען, ווי עס קריכן ארויס פון דער ערד דינינקע, גרינינקע גרעזעלעך. אַלץ ארום האָט דאַן באַקומען אַ גרינעם קאָליר — דער הימל, די ערד, די ווײַטע באַראַקעס. און פון די אויגן האָבן שטיל גערונען אף דער ערד וואַרעמע, גרינע טרערן.

אין שטוב איז געווען אומגעוויינלעך טומלדיק, און דאָס איז פאַר אורציען אויך געווען נײַ. ער האָט אפילו ניט באַליידיקט זיך, ווען די ווײַבער, אָפּגעשטעקט אים דעם מאַזלטאָוו, האָבן גלײַך פאַרגעסן אין אים און ווידער פאַרנומען זיך מיט דער געווינערן און מיטן פּיצעלע. דאָס מיידעלע איז טאַקע געווען ביז גאָר אַ פּיצעלע, אַ מענטשעלע — אַ זשמענקעלע, מיט אַ ברעקעלע פּענעמל און מיט אַ שוואַך, ביז גאָר שוואַך קעלעכל. אורציע איז געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי מע וויקלט איבער דאָס קינד, ווי מע בעט איבער דער געווינערן, און ווידער ניט געקאָנט פאַרשטיין: פונוואַנען האָבן זיך גענומען די ווײַסע לײַלעכער, די ריינע וויקעלעך, די שיסלען מיט וואַרעמער וואַסער. ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען נאָענט לעבן אַ קימפּעט־טאָרן און האָט ניט געוווּסט, צי דאַרף דאָס טאַקע זײַן אַזוי, צי עפּשער אַ ביסל אַנדערש? לייע איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַ שרעקלעך אויסגעמאַטערטע פון דער שווערער אַרבעט, פון די נאָרוואָס איבערגעטראָגענע כוואַליי־ליידע. זי איז געלעגן שטאַרק אויסגעצויגן די פיס און האָט דעריבער אויסגעזען אורציען אַ סאַך לענגער, ווי געוויינלעך. זי האָט אים ביכלאַל אויסגעזען אינגאַנצן אַן אַנדערע. אף איר אָפּגעצויגן פּאָנעם האָבן זיך צעשפּילט ראָזעווע פאַרבן, וואָס האָבן זי געמאַכט אַ סאַך ייִנגער, שענער און, דעריקער, טאַקע — נײַער. זי איז געלעגן, הויך און אַ ביסעלע שווער געעטעמט און אַלעמאָל אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אף אַ זײַט, ווי ווידער געוואָלט זיך איבערצײַגן אין דעם נעס, וואָס איז געשען. דערזען לעבן זיך דאָס מענטשעלע־זשמענקעלע, האָט זי ווידער צוגעמאַכט די אויגן, און אף איר פּאָנעם האָט אַ שײַן געטאָן עפּעס נאַכעסרויעכדיקס. פון צײַט צו צײַט האָט זי עפּעס געשעפּטשעט,

ווי גערעדט צו זיך אליין, און איין מאָל, ווען זי האָט זיך אײנגאַנצן פֿאַרגעסן... מעגלעך, אַז דאָס האָט זי גערעדט פֿון שלאָף, צי עפּשער פֿון היץ, נאָר זי האָט גאַנץ דײַטלעך אַרויסגעדעדט איר שטיקעלע טפֿילע:

— גאָט פֿון אַוורהאָם, פֿון ייִצכאָק און פֿון יאַנקעוו, אַז דער ליבער שאַבעסקוידעש גייט אַוועק...

א באַלסימכע איז אָרציע אויך געווען צום ערשטן מאָל. האָט ער געמיינט, אַז אַזוי דאַרף דאָס טאַקע זײַן, כאָטש געווען איז דאָס אַ ביסל אַנדערש, ווי געוויינלעך. טאַקע אַ סאַך אַנדערש. ווײַל ניט נאָר אָרציע איז געווען דער באַלסימכע, נאָר דער גאַנצער ייִשעוו. מע האָט ניט געדאַרפֿט אַ סאַך טײַטשן אַף אויסטײַטשן, אַז דאָס איז ניט נאָר אָרציעס ערשטלינג, נאָר דער ערשטלינג פֿונעם גאַנצן ייִשעוו. איז דאָס אַ סימען... יאָ, דאָס איז טאַקע דער בעסטער סימען, אַז דער ייִשעוו האָט זיך פֿעסט אײַנגעוואָרצלט אין סטעפּ און הייבט שוין אָן אַרויסוואַקסן. אַזוי האָט געזאָגט כאַים־בער און אַפֿילע צוגעקליבן דערצו זייער אַ פּאַסיק פּונעם כומעש, יענעם באַוווסטן „פּרו אורווּ" און דערגלײַכן. פּישל, וואָס איז אין דער איוורע אַ ביסל שטומפּיק, האָט געוווּסט אַ סאַך אַנדערע שיינע זאַכן. ער האָט גלײַך אָפּן אָרט דערמאָנט זיך אין עפּעס אַ מײַסעלע וועגן באַלשעם און פּאַר אַ נויט גלײַך גענומען פּויסער־כאַלעם זײַן אַ כאַלעם, וואָס האָט ערשט געדאַרפֿט קומען. לייבעש האָט געפּרוּווט צופּאַסן די געשעעניש צו דער אָרדנטלעכער סעדרע, און כאָטש ס׳האָט דערפֿון זיך גאָרנישט ניט באַקומען, האָט ער דערוויזן, אַז דאָס מיידעלע איז געבוירן געוואָרן אין זייער אַ גוטער צײַט. ווײַל עס גייט צו פֿרילינג, צו שפּראָצונג, און גאָר אײַנגיכן וועט מען איבערגיין פֿון „געשעם" צו „טאַל־אומאָטאָר". אַנשל האָט געפּאַסקנט אַ סאַך פּאָשעטער און קאַטעגאָרישער. אין קאָמונע איז צוגעקומען אַ נײַע קאָמונאַרקע, און זי דאַרף אָפּגענומען ווערן אָפּן סאַמע פֿײַערלעכסטן אויפֿן.

האָבן מענער זיך געאַמפּערט, און ווײַבער האָבן געקאָכט און געבאַקן, ווער פֿון וואָס ס׳האָט געהאַט, און ווער וואָס ס׳האָט געקאָנט. פּישל האָט באַפֿוילן זײַן עסטערן, זי זאָל אונטער דער ערד קריגן אַ ביסל הרעטשן־מעל און אָנבאַקן אַ סאַך הרעטשענע לאַטקעס. פֿאַרוואָס גראָד הרעטשענע לאַטקעס? ווײַל יעדער גוטער כאַלעם מוז מעקוים ווערן. און אויב כאַים־בערן האָט אין יענע זאַווערוכעדיקע מעסלעסן, ווען ער האָט געהאַלטן באַם פֿאַרפֿרוירן ווערן, זיך געכאַלעמט, אַז זײַן צירל האָט אים געבאַקן הרעטשענע לאַטקעס, איז זאָל ער זיי פֿאַרזוכן אַף דער איצטיקער בריסיצע... פֿייגע די אַנשעליכע האָט געקוילעט און אָפּגעבראָטן סאַמע די גרעסטע גאָנדז, ס׳זאָל הייסן, אַז בא אָרציען אַף דער סימכע זײַנען געווען געבראָטענע קאַטשקעס. כאַנע לייבעשעס איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט געבראַכט פֿון דער היים איר באַרימטע קאַטשעלקע מיטן לאָקשנברעט, האָט זי געמאַכט עטלעכע בלעטלעך לאָקשן און אָפּגעבאַקן אַ קוגל אַף כאַריפּעס. מײַן מומע האָט לויט דעם טאַטנס באַשטעלונג אָפּגעבאַקן קעזניקעס, און כײַוועד די רימערקע האָט צוגעגרייט אַ גרויסן קאָרענעם לעקעך. יענטל האָט אָנגעבאַקן אַ סאַך פּלעצעלעך. וועגן אַנדערע געקעכצן האָט זי ניט געוווּסט, נאָר שאַבעסדיקע פּלעצעלעך אַף בוימל און צוקער האָט זי געבאַקן ניט ערגער פֿון אַנדערע.

מע האָט געדאַרפֿט האָבן ניט נאָר וואָס אַוועקצושטעלן, נאָר אויך אַף וואָס. מע האָט אויך געדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן, אַף וואָס באַזעצן דעם עולעם. ווײַל כאָטש אַ קליין טישעלע מיט אַ פּאָר אַלטע צעפּאָרענע בענקלעך, איז בא אָרציען אין שטוב גאָרנישט ניט געווען. און כאָטש אָרציע איז געווען זאַווכאָז און געמוזט וויסן, ווי מע דאַרף באַזאָרגן פֿאַרשיידענע פֿײַערונגען מיט אַלץ דעם נייטיקן, האָט ער פֿאַר דער אייגענער סימכע ניט געוווּסט וואָס צוצוטראַכטן. איז געבליבן אַ סאָד, ווי־אַזוי צום קליינעם טישעלע זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן דרײַ לאַנגע טישן, ווי־אַזוי זיי זײַנען באַדעקט געוואָרן מיט פֿאַרשיידענע טישטעכער, און ווי־אַזוי ס׳האָבן זיך באַוויזן אַף זיי די הרעטשענע לאַטקעס, די געבראָטענע קאַטשקעס, דער קוגל, די קנישעס און די פּלעצעלעך. און עטלעכע פֿלעשלעך בראַנפֿן אויך. נאָך אַלע אַמ־פֿערנישן, ווי־אַזוי די סימכע דאַרף הייסן, איז מען געקומען צום באַשלוס, אַז זי דאַרף הייסן, ווי בא ייִדן פֿירט זיך, ווען עס ווערט געבוירן אַ מיידעלע, — אַ לעקעך־און־בראַנפֿן. ווי זשע קאָן מען פֿראַווען אַ לעקעך־און־בראַנפֿן אָן בראַנפֿן? האָט שוין אַנשל גענומען דעם בראַנפֿן אַף זיך. דאָס הייסט, אָפּן כעזשבן פֿון דער קאָמונע. מיט כאַדאָסעס האַסקאָמע, פֿאַרשטייט זיך.

אָרציען האָט ניט געקימערט, וואָס דאָס אַלץ איז ניט זײַנס. ער האָט אַפֿילע ניט געהאַט ווען אַ טראַכט טאָן וועגן דעם. ער איז געווען פֿאַרטומלט, פֿאַריאָגט, און די גאַנצע זאָרג זײַנע איז געווען, אַז אַלץ זאָל זײַן אויסגעשטעלט אַזוי, אַז זײַן לייע, וואָס קאָן נאָך דערווײַל

ניט אראָפּ פונעם בעט, זאָל זען אַלץ און אַלעמען און זאָל האָנאָע האָבן פון די אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ביז איצט בא זיך אין שטוב ניט געהערט און ניט געזען.

קיין יאָמטעוודיק רעקל האָט אורציע ניט פאַרמאָגט. זײַן איינציק רעקל איז געווען בא אים אַף אינדערוואָכן, אַף שאַבעס און אַף אַלע יאָמטױוױם. ניט מערער, ערעוו עפּעס א יאָמ־טעוו האָט זײַן לייע דאָס גוט אויסגעבערשטלט, אַרויסגעטרייסלט פון דעם שטויב, אויס־געריבן די פלעקן און ווו מע דאַרף פאַרנייט, פאַרצירעוועט אָדער צוגעלייגט א לאַטקעלע. איצט האָט דאָס געמוזט טאָן יענטל, וואָס האָט פונעם ערשטן טאָג פון לייעס קימפּעט איבער־גענומען אַף זיך אַלע אַרבעטן אין שטוב, אין קיך און אין שטאַל. דאָס האָט אורציע אויך געהאַלטן פאַר געוויינלעך. ווער דען, אויב ניט יענטל?

אָט אַזאַ, א פאַרטומלטער, א פאַרפּאַרעטער, א שטאַרק פאַרזאָרגטער און אַן עכט־יאָמ־טעוודיקער, מיט א ריין אויסגעבערשטלט און פאַרלאַטעט רעקל און מיט אַן אָפּגעגאָלט פּאָ־נעם, וואָס האָט אים געמאַכט ניט צו דערקענען פאַר זיך אַליין, האָט אורציע פאַרנומען דעם אויבנאָן באַם סאַמע עקסטן טיש, וואָס באַם פענצטער און באַם צוקאָפּנס פון לייעס גע־לעגער, און א זאָג געטאָן, ווי אויסגערופן:

— ראַבויסײַ...

לויטן גלאַנץ פון זײַנע אויגן און לויט דעם, ווי די ליפּן האָבן זיך א קנייטש געטאָן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז געשטימט שמייכלדיק און איז שוין א ביסל אונטערן גלעזל. נאָר דאָס איז געווען א גענאַרטע זאַך. אַרויסגעזאָגט דעם „ראַבויסײַ", איז ער מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן, גלײַך ס'האָט אים עפּעס זיך געשטעלט אין האַלדז. ער איז געשטאַנען, מיט אַלע קויכעס אײַנגעהאַלטן אַפן פּאָנעם דאָס שמייכלעלע און געפּרווט צוטראַכטן אַזוינס, דער אוילעם זאָל ניט באַמערקן, ווי דער גלאַנץ אין די אויגן ווערט וואָס אַמאָל פײַכטער. לייע איז געזעסן צוגעשפּאַרט צום קישן, ווי אַף א העסבעט, און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר אורציען. זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזען זײַן פּאָנעם ניט קיין פּאַרוואָקסנס, און ער האָט איר אויסגעזען גאָר אַן אַנדערער. איר אויסגעצערט פּאָנעם האָט זיך צעפלאַמט, געמאַכט זי ביז גאָר כיינעוודיק, באַשיינט מיט יענער זעלטענער שיינקײַט פון א פרוי, וואָס טראָגט אין זיך דאָס לאַנג געגאַרטע גליק פון א מוטער. געכאַפּט א קוק אַף לייען און ווידער דערזען זי אַזאַ, ווי ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען, איז אורציע א ביסל געקומען צו־זיך און ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— ראַבויסײַ... איך... מײַן לייע...

נאָר דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר אים. און ווי ער האָט זיך ניט געסטאַרעט, האָט ער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די טרערן. און לייע — אוואַדע. אַף די זאַכן איז זי געווען א גרעסערע בעריע. די גאַנצע סימכע האָט געהאַלטן באַם אַראָפּגעריסן ווערן, ווען ניט אַנשל. ער האָט א קלאַפּ געטאָן אין טיש און גאָר ניט, ווי א פאַרזיצער, נאָר ווי אַן עכטער באַלע־גאָלע אויסגעשריגן:

— וואָס איז דאָס פאַר א פּאַריאַדעק, ראַבויסײַ? מיך וואָרגט אין גאָרגל אַף ניט אויס־צוהאַלטן. לעכאַים, ראַבויסײַ!

און די סימכע איז געוואָרן א סימכע.

אויסגעטרונקען זײַן קעלישעקל, פאַרביסן מיט א שטיקל לעקעך, דערנאָך פאַרזוכט זײַן עסטערס הרעטשענע לאַטקעס און א ווונק געטאָן צו פייגעס געבראָטענע קאַטשקעס, האָט פישל באַשטימט בא זיך, אַז די גענדז־קאַטשקעס קאָנען צוווארטן, אַז פאַר אַלעמען, באַזונ־דערס פאַר אורציען, איז וויכטיקער דאָס, וואָס ער דאַרף דערציילן, — האָט ער זיך אָפּגעג־קערעוועט פונעם קוגל, וואָס האָט אים אַלץ געצויגן צו זיך, און אָנגעהויבן:

— הערט איר, לאָם איך אַזוי לעבן, דאָס האָט מײַן טאַטע אָלעוואַשאָלעם דערציילט, מיר זאָלן אַזוי זען עפּעס גוטס אין דער קאָמונע און נאָכעס אין אונדזערע קינדער. געקומען צו אים איינער א פּאַרעץ באַשטעלן פאַר זיך א פּאָר שטיוול, און בא יענעם פּאַרעץ איז געווען א מאַזאָליע אַפן מינדסטן פינגער פונעם רעכטן פוס. א מאַזאָליע, ווי א ניסל די גרייס. וויפל מע האָט אים ניט געניית שטיוול, האָט ער זיי ניט געקאָנט טראָגן, ווײַל זיי האָבן אים מוירעדיק געקוועטשט. האָט ער צוגעזאָגט דעם טאַטן א מאַיאָנטעק, אויב ער וועט אים אופּ־נייען אַזעלכע שטיוול, וואָס וועלן אים ניט קוועטשן. זייער גוט, זאָגט מײַן טאַטע, נאָר איך מוז פריִער אַראָפּנעמען די מאָס פון אײַער מאַזאָליע. ווײַל בא אײַך, אַדוינע פּאַרעץ, איז דער איקער ניט אַזוי די פיס, ווי, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, די מאַזאָליע. איז דער פּאַרעץ געוואָרן אויסער־זיך: וואָס הייסט, ער, דער שוסטער, דער פּאַלגע, האָט געוואָגט באַליידיקן זײַנע פּריציִשע פיס! אויב אַזוי, זאָגט דער טאַטע, אויב אײַער מאַזאָליע איז אײַך ליבער פון

אײַערע פּיס... יאָ, אקעגן וואָס דערצייל איך דאָס? עט, כאַפּט זיי דער רועך, די פּריצים מיט זייערע מאַזאָליעס! לאָמיר אויסטרינקען פאר אונדזער ייִנגסטער קאָמונאַרקע!

כאַיִם־בער, וואָס איז צוליב הײַנטיקער סימכע דאָס ערשטע מאָל ארויס אף דער גאַס, האָט געהאלטן, אז ס'איז צײַט א טראַכט טאָן וועגן א נאָמען.

— מע דאַרף א נאָמען געבן נאָך דער קאָמונע, — האָט זיך אָנגערופן בעניע שטריקלדרייער.

— א נאָמען גיט מען נאָך א טויטן! — איז אורציע אופגעשפרונגען. — און די קאָמונע!..

— ניין, ניין, — האָט בעניע זיך פאַרענטפערט, — איך מיין לעקאָוועד דער קאָמונע!

— אָ, דאָס איז גאָר עפּעס אנדערש, — האָט אנשל געגעבן די האַסקאָמע, — און אזויווי די קאָמונע הייסט „עמעס”...

— וועט דאָס מיידעלע הייסן עמעסל, — האָט פישל גלײַך געפּאַסקנט.

נאָר דאָ האָבן זיך ארײַנגעמישט די ווײַבער און מע האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען, וויאזוי זאָל מען דאָס רופן, ס'זאָל בלײַבן טאַקע א שטיקעלע פונעם עמעס, נאָר ס'זאָל קלינגען א ביסל מערער מענטשלעך.

— עמע! — האָט אויסגערופן איינע.

— עמעלע! — האָט געפאָדערט א צווייטע.

— עמעניו! — האָט דאָס גלײַך איבערגעדרייט אף איר אויפן א דריטע, און ס'איז אלעמען געפעלן געוואָרן.

און ווען לייע האָט א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צום מענטשעלע־זשמענקעלע און שטיל ארויסגעבראַכט אף די ליפּן דעם נאָמען „עמעניו”, האָבן אלע פאַרשטאַנען, אז דער נאָמען איז איר אויך געפעלן. האָט שוין אנשל זיך אָנגערופן צו מיר:

— דו הערסט? אזוי זאָלסטו זי פאַרשרײַבן אין די ביכער. עמעניו — און ניט אנדערש.

יענטל האָט ארומגעיאָגט איבער דער שטוב מיט אזא פלינקײַט און מיט אזא זיכערקײַט, גלײַך זי האָט אלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט כאַסענעס און בריסן. אירע אויגן האָבן ארומגעשוועבט פון טיש צו טיש, נאָכגעשפּירט, וועמען דאַרף מען צולייגן א שטיקל קוגל אָדער א פלעצעלע, וועמען דאַרף מען ארײַנגיסן אין קעלישקעלע, אָדער דערמאָנען, ער זאָל אליין דערגיסן. זי האָט זיך געפילט גוט צווישן די כאַשטשעוואַטער און ליובאַשאָווקער, צווישן די טולטשינער און הײַסינער, און אפילע די ניעזשינער, מיט זייערע געבראָכענעם יידיש, זײַנען איר הײַנט געווען אזוי קרויוויש־נאָענט, ווי גלײַך זי איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי. איר איז געווען גוט און גרינג, און אין יעדן שפּאַן אירן איז געווען צו זען, אז זי איז הײַנט אפן זיבעטן הימל, אז זי טרינקט די הײַנטיקע סימכע מיט א באַזונדערן דאַרשט, סטאַרעט זיך מיט אלע קויכעס שטילן איר נײַגער נאָך דעם, וואָס זי האָט ביז איצט קיינמאָל ניט געזען: א פולע שטוב מיט יאָמטעוודיק־אופגעלעבטע מענטשן, פריילעכע פּענעמער, שיקערלעך־גלאַנצנדיקע אויגן, דאָס אלץ, וואָס הייסט יאָמטעוו און וואָס טרעפט ניט אזוי אָפט אין מענטשלעכן לעבן. מיסטאַמע האָט זי, ווי פיל אנדערע, געוואָלט כאַטש א ביסעלע דעקן מיט דעם די שווערע ווינטערדיקע טעג און נעכט. איר פּאָנעם איז געווען א ביסל ענלעך אף לייעס. די זעלבע פאַרפלאַמטקײַט, בייס וועלכער עס פאַרשווינדן אינגאַנצן די קלײַענדלעך, און די עטלעכע, וואָס בלײַבן, זעען אויס, ווי כיינפינטעלעך, וואָס מאַכן זי פיל שענער...

איך האָב די גאַנצע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך יענטלען. איך האָב אויך געכאַפּט אף זיך אלעמאָל איר פרעגנדיקן און צוזיִענדיקן בליק. אָט אזוי, שטומערהייט, האָט זי געפירט מיט מיר א גאַנצן וויקועך, ווי פאַרזעצנדיק די קריג, וואָס איך האָב ניט לאַנג געהאַט מיט איר פאַרן מיניען. זי האָט ווי געלאַשטשעט זיך צו מיר, געבעטן מעכילע און אײַנצײַטיק געפּרווט דערווײַזן, אז זי האָט מיט גאָרנישט ניט געזינדיקט. ווײַל ניט דעם מיניען האָט זי געמיינט, ניט די טוירע און ניט די טפילעס, נאָר פּאָשעט די מענטשן, די מענטשן, נאָך וועמען זי בענקט די גאַנצע צײַט, די מענטשן, וואָס זי האָט זייער ווייניק געזען און ווייניק געקענט, און זי וויל זיי איצט זען ניט נאָר אין פעלד און אין די שטאַלן, נאָר אויך ווען זיי קומען זיך צונויף אף א יאָמטעוו. ווײַל פאַר איר גאַנץ לעבן האָט זי קיין עמעסן יאָמטעוו, קיין עמעסע סימכע ניט געזען.

און עפּשער האָט זיך מיר דאָס בלויז אויסגעוויזן? איך האָב געהאַלטן אין איין קוקן אף יענטלען און, ווי אורציע, אָנגעהויבן אויסרעכענען: ווען זשע איז דאָס געווען? ווען האָב איך זי דערזען צום ערשטן מאָל בא מאַלקע דער טוקערן אין שטוב? ווען איז זי געווען, יענע נאַכט, ווען נאָך דער אומגעלומפּערטער כופּע און נאָך דער ניט ווייניקער אומגעלומפּערטער רויטער כאַסענע האָט דאָס יונגע פאָרפאָלק, יענטל מיט יאַנקלען, ניט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן? וויפל זשע יאָרן זײַנען אוועק זינט יענער נאַכט? לאָזט זיך אויס — אינגאַנצן איין יאָר! און פאַר אָט דעם יאָר האָבן מיר באַוויזן אזויפיל איבעראַרבעטן, איבערלעבן און

איבערוויטעקן! און פאַר אָט דעם איינעם יאָר איז מיט יעדערן פון אונדז פּאַרגעקומען אַזויפיל אומגעוויינלעכס, וואָס האָט אונדז געענדערט אַף ניט צו דערקענען? יאָ, יאָ, אונדז אַלעמען! ווײַל מיר אַלע, וואָס זיצן איצט אַרום די צונויפגעטראָגענע טישן און טישטעכער און לעקן די פינגער פון די צונויפגעטראָגענע מאַכאָלים, אַלע, אַלע, אורציע און לייע, יענטל און פישל, כאַים־בער און סימכע, דער טאַטע און די מאַמע־מומע, לייבעש און זײַן כאַנע, און אַפילע יאַנקעוו־לייזער זײַנען שוין ניט די, וועלכע זײַנען פאַראַיאָרן פרילינג געקומען אַהער. און איך אויך.

אַנשל, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אויך אַף סימכעס איז זײַן כויוו נאָכקוקן, אַז אַלץ זאָל פּאַרקומען ווי עס דאַרף צו זײַן, האָט איבערגעריסן מײַנע גערדאַנקען.

— זאָג עפּעס אַ רעדע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר, — דו קענסט דאָך!

זיי האָבן אַלע מיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן רעדנער. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך דאָן אַליין נאָך ניט אויפגעהערט גלייבן אין דער קראַפט און אין דער ווירקונג פון מײַנע רעדעס, עמעס, שוין ניט אַזוי, ווי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין כאַשטשעוואַטע. נאָר אַפילע אָן אַנשלס ביטע האָט זיך מיר געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן הײַנטיקער סימכע און וועגן דעם באַלסימכע אַליין, וועגן אורציען און וועגן לייען. מערער פאַר אַלץ האָט זיך מיר געוואָלט זאָגן וועגן דער סאַמע ייִנגסטער קאָמונאַרקע, וועגן דעם ערשטלינג פון אונדזער ייִשעוו, וועמען מע האָט הײַנט, לעקאָוועד דער קאָמונע, אַ נאָמען געגעבן עמעלע. ווי וועט אויסזען איר לעבן אין דער קאָמונע? ווי וועט אויסזען די קאָמונע אַליין, ווען זי, עמעלע, וועט אויס־וואַקסן, אָנהייבן גיין אין שול, און דערנאָך, ווען זי וועט די שול ענדיקן?.. פון די אַלע רעדעס, וואָס איך האָב געהערט פון יאַקאָוו כאַדאָסן, פון כאַים שלאַכטער, פון מישע אײַזנ־שטיין, פון די רעדעס, וואָס איך אַליין האָב געהאַלטן אַף פיל פאַרזאַמלונגען, האָב איך געקאָנט אָנמאָלן אַ קלאָר און שיין בילד פון יענעם לעבן, וואָס וואַרט אַף אונדזער עמעלען און אַף אונדז אַליין... גאָר אַ נײַ לעבן, אַ סאַך אַ בעסערס, אַ שענערס, אַ גליקלעכערס.

ווייס איך ניט, פאַרוואָס האָט מײַן רעדע געדאַרפט אַזוי ווירקן אַף יענטלען, זי זאָל מיטאַמאָל אָנווערן איר פאַרפלאַמטקײַט און כיינעוודיקײַט, זי זאָל צופאַלן צו לייען, וואָס איז געזעסן אַף איר געלעגער, ווי אַף אַ העסעבעט, און זיך צעוויינען. אַזוי אומפאַרשעמט צע־רעווען זיך אָפן פולן קאָל.

— יענטל, וואָס איז מיט דיר? — האָט לייע אַ דערשראָקענע זי אַ נעם געטאָן פאַר די אַקסלען, — באַרויִק זיך, יענטל, וואָס פאַר אַ וויינען אינמיטנדערינען?

— וואָס רעדסטו? — האָט יענע גערעדט כליפּענדיק צו לייען, גלײַך זיי זײַנען געווען איינע אַליין אין שטוב. — באַ מיר האָט שוין אויך געקאָנט זײַן אַ מיידעלע. ס'וואָלט שוין אַלט געווען קימאַט אַ האַלב יאָר...

הייסט עס, אַז יענטל האָט אויך געהאַלטן אין איין אויסרעכענען און אין איין דערמאָנען: איר כופּע און איר רויטע כאַסענע, דעם שווערן זומער אין די באַראַקעס, דעם צופאַל אין די זעליאָנאָפּאָליער זאַמדגריבער, פונוואַנען זי איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקע, און די קאַלטע, עסעריקע נאַכט נאָכן גוסרעגן באַ אײַזיקן אָפן בוידעם, ווען זי האָט מאַפּל געווען. און געוויס דערמאָנט אויך איר יאַנקלען, וואָס בלאָנדזעט ערגעץ אַרום אַף דער וועלט, יאַנקל, וואָס האָט פאַרפולט איר האַרץ מיט אַזויפיל ווידערשפּרעכלעכע געפילן.

ס'האָט געהאַלטן ניט ווײַט, אַז איניינעם מיט יענטלען זאָלן זיך צעוויינען נאָך עטלעכע ווײַבער, נאָר אַנשל איז געווען אַף דער וואַך.

— אַנו, רעב הערשל, — האָט ער זיך אָנגערופן צום טאַטן, — עפּעס אַזוינס, אַ פריילעכס!

מײַן טאַטע איז געווען ניט קיין גרויסער טרינקער. פון איין קעלישעקל בראָנפן האָט ער געקאָנט ווערן שיקער, ס'הייסט, ניט טאַקע שיקער, נאָר אַ ביסל שיקערלעך. די אויגן הייבן אָן באַ אים גלאַנצן, און דאָס גאַנצע פּאָנעם זײַנס שמייכלט, שמעלצט זיך פאַר טײַנעג. זינגען האָט דער טאַטע ליב געהאַט, און לאַנג בעטן האָט מען אים ניט גדאַרפט. האָט ער אַ הוסט געטאָן, ווי דורכגערייניקט דעם גאַרגל, אַ פינטל געטאָן מיט זײַנע שמייכלענדיק־שיקערלעכע אויגן און אָנגעהויבן זײַן באַליבט לידעלע:

לאַמפּיפּודערל לאַ־בים־באָם,
רים־באָם בים־באָם,
אוי — אַ טאָדי־רודיראָם...

14

איז געקומען א צײַט, ווען די באַלקע אַליין האָט געוואָלט דערווײַזן, אַז זי קאָן אַמאָל ווערן א יאַם. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק איז די וואַסער געפּלאָסן אונטערן שנײ, ווי אונטער א בריק, און אַפילו ניט כּישעד געווען, אַז דאָס איז שוין בכלל קיין שנײ ניט, בלויז א דין גלאָזיק הײַטעלע, וואָס איז ערטערווײַז א ביסל מאַטעווע און ערטערווײַז אײַנגאַנצן דורכזיכטיק. הײַנט האָט זי מיט איין שפּרונג אַראָפּגעריסן דאָס דינע הײַטעלע, געבראָכן עס אויף שטיקלעך און אַוועקגעטראָגן מיט זיך. די וואַסער האָט זיך צעשפּילט, צעבושעוועט, ווי עפּעס רעכטס, מיט אַלע קויכעס געפּרוּווט נאָכמאַכן, נאָכטאַנצן די עמעסדיקע טײַכן. זי האָט אַלעמאָל זיך א ריס געטאָן, ווי אַן אָפּגעבריטע, און א שלײַדער געגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס עטלעכע בײַז־צעפּינטעטע און גאַדלעסדיק־אָנגעבלאָזענע כוואַליעס. פון מאָל צו מאָל האָבן זײ זיך צונױפגעבוצקעט, אַרויסגעשטעלט איינע דער אַנדערער זייערע מוטנע הויקערס און מיטאַמאָל, ווי א שפּײַ געטאָן איינער אויף דער אַנדערער, אַרויסגעפּליעסקעט זיך און פאַרגאָסן די דערבײַיִקע גערטנער. אויסער דער באַלקע האָט די וואַסער מיטאַמאָל אָנגעווירן דעם גאַנצן גאַדלעס און דעם גאַנצן קאָס. גלײַך געוואָרן א שטיל און שוואַך באַשעפעניש, וואָס זוכט פאַר זיך עפּעס א ריטשקעלע אָדער א גריבעלע, זי זאָל קאָנען רויִק ליגן אין א קאַליוזשקעלע און זיך וואַרעמען אויף דער זון.

— אַלץ קומט אַרויף, ווי בוימל אויפן וואַסער, — האָט א זאָג געטאָן פישל שוסטער, צו־קוקנדיק, ווי עס שפּילן, און פינען די וואַסערן אונטער זײַן שטוב אין דער בורלאַצקער באַלקע.

א זאָג געטאָן און אַרומגעקוקט זיך, צי קיינער שטייט ניט לעבן אים. און איז געווען זייער צופרידן, וואָס קיינער האָט ניט געהערט. ווײַל ווען עמעצער פרעגט אים, וואָס ער מיינט מיט דעם מאָשל, וואָלט ער ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. און אַזוינס טרעפט זיך מיט פישלען זייער זעלטן: ווען דער מאָשל איז שוין דאָ און דער נימשל קלײַבט זיך ערשט אין וועג אַרײַן. ווײַל אויב צוגלײַכן די וואַסער צום בוימל, וואָס איז אַרופגעשווומען, איז וואָס זשע איז די וואַסער? און אויב זאָגן, אַז די וואַסער איז גאָר קיין וואַסער ניט, ווו זשע איז דער סייכל האַיאָשער?

זיך פאַרפּלאָנטערט אין זײַנע מעשאָלים, האָט ער א טראַכט געטאָן וועגן זײַן עסטערן און געסטאַרעט זיך אײַנרעדן, אַז ער איז ניט באַרויִגעז אויף איר. ניט מערער, ער איז א בײַ־סעלע באַליידיקט. ווײַל טאַקע איבער איר האָט זיך באַ אים אין קאָפּ אַלץ איבערגעפּלאָנטערט אַזוי, אַז ער ווייסט ניט, ווו ענדיקט זיך דער מאָשל און ווו הייבט זיך אָן דער נימשל. נאָר אויב גוט באַטראַכטן, איז זײַן עסטער אויך ניט שולדיק. איר איז בלויז שווער צו פאַרשטיין, וויאַזוי וועט עס זײַן אין דער קאָמונע. ווײַל אויב אוועקפירן אַהין די קו מיטן קעלבעלע, ווו זשע וועלן זײ נעמען א גלעזל מילך, פון וואָס וועט זי קאָנען מאַכן א שטיקל קעז און מיט וואָס וועלן ווײַבער גיין יעדן גאַנצפרי און פאַרנאַכט צום סעפּאַראַטאָר?

פונעם ווינטער איז זײַן עסטער אַרויס נאָך שוואַכער, ווי פונעם זומער. אין אירע אויגן ליגט אַזאַ מידקײַט, אַזאַ פאַרהאַרעוועטקײַט, אַז זײ זעען די גאַנצע צײַט אויס ווי ניט אויס־געשלאָפן. איז אים טאַקע א ראַכמאָנעס אויף זײַן עסטערן. פּרוּווט ער זי טרייסטן:

— נאַרעלע, מיר וועלן פּאַטער ווערן פון דער קו, וועסטו ניט דאַרפן אויפשטיין אַזוי פרי. און מילך? וואָס הייסט? אַז די גאַנצע וועלט גייט אין קאָמונע, איז דאָך ניט שײַעדן!

— און ווי וועט זײַן מיט ברויט? — זי וויל שוין, הייסט עס, ניט קיין מילך, זײ זײַנען א גאַנץ לעבן זיך באַגאַנגען אָן איר, וועלן זײ זיך אויך ווײַטער באַגיין. אָבער ברויט? דאָס פּיסנע שטיקעלע ברויט!..

— אײַ, וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן, — און פישל סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס, אַז עסטער זאָל כאָלילע ניט מיינען, אַז ער בייזערט זיך. — אַז דו שטעלסט אַלעמאָל קלאָצקאַ־שעס. א זאָג געטאָן: ברויט. אַז די גאַנצע וועלט!..

גײ דערצייל א יידענע, אַז אים אַליין איז נאָך אויך ניט אײַנגאַנצן קלאָר, אַז אים אַליין טוט אויך אָפּטמאָל א גרים אײַנוויינִיק. נאָר וואָס, די וועלט איז דאָך ניט מעשוגע?

עס הוליעט, עס בושעוועט די וואַסער אין דער בורלאַצקער באַלקע און מאַכט אָן אַזאַ ראַש, מע זאָל מיינען אַפּאַנעמעסן — טײַכן צעגיסן זיך! דוכט זיך טאַקע פישלען, אַז ער שטייט באַם בוג, קוקט נאָך, ווי דאָס אײַז איז אַוועק, ווי גרויסע שטיקער אײַז שפּרינגען אָן איי־נער אויפן אַנדערן, ברעכן איינער דעם אַנדערן די ביינער, און אַרום קנאַלט און טראַסקעט, דונערט מיט ניט קיין הימלשן דונער, נאָר אַזוי, ווי מע וואָלט ערגעץ געשאָסן פון האַרמאַטן.

— נישקאָשע, — רופֿט זיך אָן פּישל צו זיך אַליין. — אַלץ וועט אַרויף, ווי בוימל אויפֿן וואַסער...

אָ, אָט איז דאָס דאָך! פּישל איז אַליין איבעראַשט, ווײַל ס'האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן, אַז דער מאָשל אַליין זאָל ווערן דער נימשל. און אויב אַזוי, איז דאָך אַוואַדע גוט. און ס'איז ניטאָ וואָס צו דײַגענען. און גלײַך זײַן עסטער וואָלט געשטאַנען דערבײַ, נעמט ער איר אײַנרעדן:

— עס וועט אײַנגיכן קומען אַ צײַט, ווען מילך וועט זיך גיסן, ווי אָט די וואַסער אין דער באַלקע. און יעדער קווייטעלע וועט בליִען ניט גלאַט אַזוי, ווי אַ צירונג אין סטעפּ, נאָר עס וועט שפּײַזן די בינען. די קווייטעלעך וועלן האָדעווען די בינען, און די בינען וועלן געבן האָניק. יעדער קווייטעלע — אַ טראָפּן, יעדער בין — אַ לעפֿעלע. הײַנט קענסטו זיך שוין פֿאָרשטעלן?!

וואָס נאָך איז געבליבן פּישלען, ווי דעקן אַלע ספּייקעס מיט די אייגענע טרוימען און מיט דעם, וועגן וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון כאַדאָסן, און פֿאַרענטפֿערן אַלע ניט קלאָרע פֿראַגן מיט הייסן גלויבן?

דער סטעפּ איז געלעגן אָן איבערגעשווענקטער, אַ צעקוואָסעטער און מיט יעדן טאָג אַלץ געקנאָטן און איבערגעקנאָטן זיך אַליין, ביז פֿון דער שיטערער ראָשטשינע איז געוואָרן אַ געדיכטע, ליימיקע בלאָטע. האָבן מיר געשפּאַנט, געמאַכט זי נאָך געדיכטער און געשפּילט זיך מיט איר אין טשעפּערלעך און וואַרפּערלעך. אַלעמאָל האָט זי זיך צוגעטשעפּעט צו די שטיוול, אָנגעקלעפּט זיך און אָנגעוואַקסן אַזוי, אַז ס'איז שווער געווען זיי אָפּרײַסן פֿון דער ערד. דערנאָך, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז דו האָסט זיך שוין צוגעוווינט צו דעם בלאָטיקן געשווילעכץ און צו דער שווערער וואָג, האָט זי מיטאַמאָל זיך אָפּגעריסן און דו האָסט אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען פֿון דער פּלוצעם אופֿגעקומענער אָנוואָגיקײַט. אָט אַזוי האָט זי זיך געטשעפּעט צו אונדז, די ליימיקע בלאָטע, אויף אַלע וועגן, פּונקט ווי די רויגעזן אונדזערע, ווי די אַלע קריגערײַען, ספּייקעס און האָפֿענונגען.

יענעם אָוונט האָט אין דער היים, ווי שטענדיק, געוואַרט אויף מיר אַ וואַרעמע גלאָז מילך, מיט אַ פֿריש שטיקל ברויט. נאָר אומדערוואַרט איז געווען פֿאַר מיר דער קאַלטער, אַלטגעבאַקענער רויגעז, וואָס שטייט שוין דאָ געוויס עטלעכע טעג, די אַלע טעג, וואָס איך האָב אין דער היים ניט געגעכטיקט. די מומע האָט דערלאַנגט די וועטשערע, און פֿון טוליעס שטומען בליק האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז גלײַכער פֿון אַלץ איז שווײַגן. אַז די אַלע רייד וועגן טײַכן מילך און פּודן האָניק זײַנען שוין עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט געוואָרן און אַז איך קאָן דאָ גאָרנישט ניט צוגעבן. דער טאַטע, וואָס האָט געהאַט אַ טעווע אויספֿרעגן בײַ מיר אַלע נײַסן, ווי נאָר איך האָב זיך אַ יאָווע געטאָן אַהיים, איז דאָס מאָל געזעסן, ווי אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער. מיט נײַסן איז ער שוין געווען זאַט. בלויז די מומע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט באַם טיש און באַם אויוון, האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפֿן זיפֿץ, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דין קוויטשעלע. האָט ער באַטײַט פֿיל מערער פֿון אַנדערע ווערטער. ער האָט געבעטן ראַכמים, דער זיפֿץ, ריר זיך נאָר צו צו אים, וועט ער אַריבערוואַקסן אין אַ געוויין, אַרויסרײַסן זיך מיט אַ גוואַלד איבער דער גאַס. האָבן מיר שטיל געזופּט די וואַרעמע מילך, אָן איבעריקן כיישעק געקײַט דאָס ברויט און געסטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס ניט פֿאַרטשעפּען, ניט אָנרירן מיט עפּעס דער מומעס זיפֿץ.

דאָס קעלבעלע, דער נאַדן, איז שוין אַלט געווען אַריבער אַ כוידעש, און ס'האָט שוין געקאָנט זיך אַריבערקלײַבן אין שטאַל. נאָר די מומע האָט עס געהאַלטן לעבן זיך אין קיך. איז דאָס געלעגן אין זײַן ווינקל, באַלעקט מיט דער צונג די אייגענע ליפּן און נאָכגעשפּירט מיט די קעלבערשע אויגן נאָך דער מומען. איז די מומע צוגעקומען צום טיש, האָבן דעם קעלבלס אויגן אויך געקוקט צום טיש; איז די מומע אַוועק צום אויוון, האָט דאָס קעלבל פֿאַרקערעוועט די אויגן אַהין. און אַלעמאָל, ווען די מומע האָט אַרויסגעלאָזט איר לאַנגן און טיפֿן זיפֿץ, האָט דאָס קעלבעלע אויך אַ זיפֿץ געטאָן.

סיאָמעלע, דער מיזיניק, איז שוין געשלאָפֿן אין אַלקערל, נאָר מאַניע איז אין דער היים נאָך ניט געווען.

— ווו איז מאַניע, — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן, — זי איז הײַנט געגאַנגען אין שול?

— וואָס פֿאַר אַ שול, — האָט די מומע אָפּגעענטפֿערט, — מע קאָן דען אַריבער די זעליאָנאָפּאָליער באַלקע? זי איז אַוועקגעגאַנגען צו אירער אַ כאַווערטע.

— אַוועקגעלאָפֿן, — האָט טוליע פֿאַרפֿינקטלעכט.

— טוליע! — האָט דער טאַטע אויסגעשריגן און אַ הייב געטאָן די האַנט.

— פעטער... — האָט טוליע שטיל אַרויסגערעדט, פּרוּווּנדיק שטילן דעם טאַטנס קאַס. — מע דאַרף ניט.

איך האָב שוין כּמעט געהאַט פאַר מײַן פּראַגע. איבער איר האָבן מיר די וועטשערע ניט פאַרענדיקט. טוליע האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם בענקל און זיך אָנגערופן צו מיר:

— גייען מיר?

— יאָ, מע דאַרף גיין.

— פאַרוואָס איז מאַניע אַוועקגעלאָפן? — האָב איך געפרעגט, ווען מיר זײַנען אַרויס אין דרויסן.

— ווייסט ניט? די מאַמע! זי האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן קעלבל, האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט. געדאַרפט בעסער אָפּשווײַגן, זאָל שוין מאָרגן זײַן אַלץ איניינעם.

— יאָ, מאָרגן וועט זײַן פריילעך. — האָב איך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין, פּרוּווּנדיק פאָרשטעלן זיך דעם מאָרגעדיקן טאָג. ווײַל מאָרגן איז, אייגנטלעך, דער ערשטער טאָג, ווען די קאָמונע דאַרף אָפּנעמען געבוירן ווערן. ביז איצט זײַנען געווען בלויז פאַרזאַמלונגען, קריגערײַען און טרוימען, נאָר בא יעדן אין שטוב און אין שטאַל איז געבליבן ווי געווען. מאָרגן דאַרף זיך אַלץ ענדערן, אַלץ ברעכן זיך און אַלץ אָנהייבן אָפּסנײַ. ווי וועט אויסזען דער ביז גאָר שווערער מאָרגעדיקער טאָג?

וועגן די שפּעטערדיקע צײַטן, וועגן כּדאָשים און יאָרן האָט זיך ניט געטראַכט, פאַר זיי האָבן מיר זיך ניט געשראָקן. די יאָרן האָבן זיך געמאָלט אַזעלכע, ווי מיר אַליין האָבן זיי אויסגעטרוימט, און זאָרגן פאַר זיי איז, הייסט עס, ניט געווען וואָס. אַלץ וועט קומען מיט דער צײַט. אָט איז געקומען די צײַט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ שטאַל, האָט מען שוין צוגעטראַכט.

— און כּאַצקעלעס שטוב, — האָט זיך אָנגערופן טוליע, ווי אונטערגעהערט מײַנע געדאַנקען. — אַ נײַער גילגל...

יאָ, ווען כּאַצקעלע זאָל וויסן, וויפל גילגולים האָט דורכגעמאַכט זײַן ניט דערבויט שטיבל! אין הארבסט, ווען דער אוילעם האָט זיך איבערגעקליבן פון די באַראַקעס יעדערער אין זײַן שטוב, האָט זייער געפעלט אַ קלוב. איז כּאַצקעלעס שטוב געווען ווי געפונען. מע האָט נאָר געדאַרפט צוזאַלגערן די איבערייניקסטע ווענטלעך. האָבן מיר זיי צעוואָלגערט איינס און צוויי, די גרויסע פיר ווענט אויסגעווײַסט, אָפּגעשמירט די ערד, באַשיט מיט זאַמד און אַוועקגעשטעלט אַ לאַנגן טיש מיט עטלעכע בענק. ס'האָט אַפילו געשטײַעט אָרט פאַר ניט קיין גרויסער סצענע, אויף וועלכער אונדזער דראַמקרײַז האָט פאַרן ווינטער געשטעלט אַ האַלב צענדליק פּיעסן. ווען אַ ביסל שפּעטער איז געקומען אַ לערערקע, האָט מען דעם קלוב געמוזט צופּאַסן אויך פאַר אַן אָנפאַנג־שול. קיין סך אַרבעט איז ניט געווען, מ'האָט נאָר געדאַרפט אַריבערטראָגן דעם לאַנגן טיש אויף דער מיט פונעם גרויסן צימער און אַרומשטעלן אים מיט די זעלבע בענק. איז דאָס באַטאָג געווען אַ שול און אין אָוונט אַ קלוב.

איצט איז כּאַצקעלעס שטוב באַשערט געווען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאַל פאַר די טעלעצעס און יונגע קעלבלעך. דאַרף מען מאַכן אַ הילצערנעם דיל, דורכגראָבן די ריוּוטשאַקעלעך, און צוקלאַפּן צו די ווענט עטלעכע לייטערלעך, ס'זאָל זײַן וווּהין אָנוואַרפן דאָס ביסל באַדיליעס. איז געבליבן נאָר איין זאַך: וווּהין מאַסטעט מען אײַן דעם קלוב און וווּהין פירט מען אַריבער די שול? נאָר בא אַלעמען איז אויסגעקומען, אַז אין אַזאַ צײַט קאָן מען אַ פּאָר כּדאָשים זיך באַגיין אָן אַ קלוב, און די שול וועט מען אײַנשטאָטן בא עמעצן אין שטוב. דערפאַר אָבער, ווען די ניט־דערבויטע שול וועט פרײַ ווערן פון דער זריִע, און מע וועט זי דערבויען ביזן סאָף, וועט שוין זײַן אַ גוטע שול און אַ קלוב אויך.

אין כּאַצקעלעס שטוב, וואָס איז הײַנטיקע נאַכט געוואָרן אויס שול און אויס קלוב, האָבן געברענט עטלעכע גרויסע לעמפּ, און אַפילו אין דרויסן, איבער די צעעפנטע טירן, זײַנען געהאַנגען צוויי לאַמטערנעס. אַן אוילעם האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפּשער, און ווען מיר זײַנען אַהין צוגעקומען, האָבן שוין געקלאַפּט האַמערס, געהאַקט העק, און הובלען מיט זעגן האָבן זיי שטיל אונטערגעזונגען. אנשל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ האַק אין דער האַנט און אַלעמאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט איר אין אַן אַנדער אָרט, פּרוּווּנדיק, צי די ברעט איז גוט צוגעקלאַפּט, צי וועט זי מאָרגן ניט אָנהייבן קרימען זיך און בלאָזן זיך. אורציע האָט געפירט מיט דער זעג מיט אַזאַ געניטקײַט, גלײַך ער האָט אַלע יאָרן פאַנאַנדערגעזעגט ברעטער.

— וואָס מאַכט עפּעס אונדזער עמעלע? — האָב איך געפרעגט בא אים.

— זי וואַקסט, אונדזער עמעלע! — פאַר אורציען ענטפערט אָפּ יענטל. קאָן מען פאַרשטיין, אַז פאַר דער וואָך זײַנען צו אַלע אירע אַרבעטן און דײַגעס צוגעקומען נאָך איינע, און אַז די פרײַע שאָען טיילט זי צווישן כּאַים־בערן און לייען.

יענטל ארבעט מיט דער לאָפּעטע. זי גראָבט דאָס ריוושאַקל און שיט אונטער דעם דיל אַזוי, ער זאָל זײַן אַ ביסל קאָסעוואַטע. זי טוט זיך אָן אַ ווײַלע אַ גלײַך אויס, שטעקט וווּליוונ־גריש אַרײַן די לאָפּעטע אין דער ערד און גייט זיך דורך מיט דער האַנט איבערן פאַר־שוויצטן שטערן.

— זי וואַקסט, מײַן פּלעמעניצע! — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ דערמיט, וואָס זי איז אַזוי אומגעריכט געוואָרן אַ מומע.

נאָר ווי קומט עס, אַז לייבעש זאָל אויך קומען אָף דער באַנאַכטיקער סמענע? דאַרף דאָס געוויס זײַן יענטלס אַרבעט, ווײַל יענטל וועט דאָך בלײַבן אין דער אַלטער שטאַל און ווערן אַ מעלקערן, און לייבעש וועט אַריבער אַהער איינינעם מיט די טעלעצעס. דאַרף ער זען, אַז אַלץ זאָל געמאַכט ווערן ווי געהעריק, און אַליין אויך צולייגן אַ האַנט.

— פאַרוואָס זשע זינגען מיר ניט? — האָט יענטל זיך אָנגערופן, גלײַך לויט אַלע קלאַ־לים קומט הײַנטיקע נאַכט ניט בלויז אַרבעטן, ניט בלויז טרוימען, נאָר אויך זינגען.

זי איז צוגעקומען אַ ביסל נענטער צו מיר און אַ ווונק געטאָן, ווי אײַנלאַדנדיק מיך, איך זאָל מיטזינגען, אָנגעהויבן:

פריילינגס אָוונט באַ אַ טײַכל
פּאַשעט גענדזעלעך אַ מיידעלע אַ שיינס,
רויטע בעקלעך, דאָס פּאָנעם אין שמייכלען,
זינגט זי אַ לידעלע אָף אַהיים צו גיין.

זי האָט געזונגען און אַלץ געקוקט אָף מיר. און איך האָב געדאַרפט זיך אָנשטויסן, אַז זי וויל ניט נאָר זינגען מיט מיר, נאָר אויך זיך דורכריידן, זיך אַ ביסל אויסרעדן דאָס האַרץ, אַז זי האָט מיר צו זאָגן עפּעס זייער און זייער וויכטיקס. און אַז זי וויל זייער, אַז איך זאָל ניט זײַן באַרויגעט אָף איר. זי איז מער ניט באַרויגעט אָף מיר און זי וויל, אַז איך אויך...

זי האָט געזונגען, און אירע אויגן האָבן געהאַלטן אין איין קוקן אָף מיר, געקוויינדלט זיך אַזוי, ווי זי האָט דאָס קיינמאָל פריִער ניט געטאָן. און פון איר קוק, פון איר לאַשטשען זיך האָט מיך עפּעס אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן, און איך האָב גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראַכטן אָף אײַנעמען די קלעמעניש. איך האָב ניט געקאָנט אַראָפּנעמען פון איר דאָס אויג און גע־לייענט ווײַטער... דאָס אַלץ, וואָס זי האָט מיר געוואָלט זאָגן: אַז זי קאָן זינגען ניט נאָר די כּסידישע לידלעך, וואָס כאָים־בער האָט געזונגען יענעם שאַבעס, און ניט נאָר נאָכמאַכן דעם טאַטנס „לאַמפּימפּודערל", נאָר זי האָט פאַרגעדענקט אויך יענע לידער, וואָס די מומע האָט געזונגען אין די זומערדיקע נעכט באַם לאַמפּאַטש:

הילײַ, הילײַ, הילײַ, הילײַ,
גייט זשע, גענדזעלעך, אַהיים, אַהיים, אַהיים.

פאַרוואָס זשע איז מיר אַזוי שווער געווען אָפּן האַרצן? מעגלעך דערפֿאַר, וואָס דאָס לידעלע האָט מיר דערמאָנט אין דער מומען. און איך האָב זי דערזען, ווי זי שטייט באַם אויוון און לאָזט אַלעמאָל אַרויס אַזאַ לאַנגן און טיפֿן זיפֿץ, וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ קוויטשיקל. און ריר זיך נאָר צו צו דעם, וועט עס גלײַך אויפֿרײַסן מיט אַ געוויין, מיט אַ גוואַלד איבער דער גאַנצער גאַס.

צו נאַכט־צו איז די וואַסער אין דער באַלקע אַ ביסל אָפּגעפֿאַלן, און זי האָט געמוזט אָפּציִען צו זיך אויך די וואַסער פֿון די דערבײַיִקע גערטנער. נאָר גערוישט האָט זי ניט ווייניקער, ווי באַטאָג, און איר אַ ביסל פֿאַרדומפּענע שטים האָט געהילכט איבערן באַנאַכטיקן סטעפּ, איבער די פֿאַרנעפּלטע דערפֿער. זי האָט עפּעס אַרײַנגעשושקעט דורך די פֿענצטער אין פֿיל הײַזער, ווו בײַ דער אויסגעלאָשענער שײַן זײַנען מענטשן געלעגן אויף זייערע געלעגערס און ניט געשלאָפֿן. ערגעץ האָט געטליִעט אַ שטילע קריגערײַ, ערגעץ האָט עמעצער געכליפּעט אין זיך, ערגעץ האָט מען געוויינט אָפּן קאָל און ערגעץ בלויז אַרויסגעלאָזט אַ טיפֿן און לאַנגן זיפֿץ, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ דין קוויטשיקל.

15

דאָס פֿרישע ווינטעלע האָט געבראַכט אַ קליין פּרעסטעלע, האָט פֿאַרצויגן די ערד מיט אַ דין הײַטעלע. דערפֿון איז די בלאָטע געוואָרן נאָך קלעפּיקער און דאָס אײַז אין די קאַליר־זשעס האָט געפּלאַצט אונטער די פֿיס. אָפּן הימל האָט דאָס ווינטעלע באַוויזן אָפּטאָן עטוואָס מערער: פֿאַרטריבן אין דער וועלט אַרײַן אַלע בלאָנדזנדע כמאַרעס, צעווייעט דעם נעפּל און צו באַגינען־צו געמאַכט דעם הימל ריין צוגעקעמט, ווי אינמיטן זומער. אייגנטלעך, איז צום באַגינען געווען נאָך ווײַט, ווײַל די לעוואָנע, וואָס איז געהאַנגען אָפּן מיזרעך־ראַנד, איז געווען אַ פֿלאַמיק־רויטע, ווי אינמיטן דער נאַכט. אַזאַ גרויסע און רויטע לעוואָנע האָבן מיר ניט געזען פֿאַרן גאַנצן ווינטער, און דאָס וואָלט געווען געוווּנג, אַז יעדערער זאָל אויף אַ פֿאַר־שיידענעם אופֿן אויסדריקן זײַן אַנציקונג, ווען ניט די זאָרג פֿאַרן אָנקומענדיקן טאָג. אַלע האָבן געוואָלט איין זאַך: מיר זאָלן אַזוי אַ גאַנצן טאָג זיך פֿאָרען בײַ כאַצקעלעס שטוב, עפּעס אוועקשטעלן און עפּעס איבערשטעלן, עפּעס אָפּסנײַ איבערגראָבן און איבערקלאַפּן, אַבי זײַן אַלע אינײינעם. נאָר יעדערער האָט געמוזט אוועק צו זיך אַהיים און פֿאַרענדיקן הײַנטיקע נאַכט מיטן סאַמע שווערסטן — אַרויספֿירן פֿון דער שטאַל די קו מיטן קעלבל.

— מיר וועלן דאָס מאַכן בישטיקע, — האָט טוליע זיך אָנגערופֿן, — מיסטאָמע שלאָפֿט מען נאָך בײַ אונדז.

נאָר הײַנטיקע נאַכט איז מען, אַפּאָנעם, אין ערגעץ ניט געשלאָפֿן. ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט די מומע שוין געמאָלקן די קו און דער טאַטע האָט געפּאָיעט דאָס קעלבל.

קיינער האָט ניט געפֿרעגט, ווו מיר זײַנען געווען, און מיר האָבן גאָרנישט ניט דער־ציילט. דער טאַטע האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף אונדז און אַ גלעט געטאָן דאָס קעלבעלע איבערן האַלדז. דערנאָך האָט ער אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם אָרט, ווו עס האָבן אָנגעהויבן זיך אויספֿיקן הערנערלעך. קיין הערנערלעך זײַנען נאָך ניט געווען, בלויז עפּעס ענלעכס אויף אַ געשווילעכץ, ווי אָנגעשוואָלענע קנאָספּן אויף דיביימער אין פֿריִען פֿרי־לינג. נאָר דעם טאַטן האָבן זיך שוין קלאָר געמאָלט יענע גלײַכע און שפּיציקע הערנערלעך, ווי בײַ אונדזער קו.

— דאָס וועט זײַן פּונקט אין דער מאַמען געראָטן, — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און מיט אַלע קויכעס פֿאַרהאַלטן דעם זיפֿץ, וואָס האָט זיך געריסן פֿון אינווייניק. האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט מיט די אַרויסגעזאָגטע ווערטער און מיט דעם פֿאַרהאַלטענעם זיפֿץ. אַז באַם קעלבעלע וועלן, הייסט עס, זײַן פּונקט אַזעלכע הערנער, ווי בײַ איר מאַמען, און פּונקט אַזאַ לאַנגער און שוואַר־אַראָפּגעלאָזטער אײַטער. עס וועט פֿון דעם ווערן אַ קו, וואָס גיט דרײַ עמער מילך אַ טאָג. ווי זשע נעמט מען, גאַזלאָנים, און מע פֿירט אוועק אַזאַ קעלבעלע אויף קידעשהאַשעם?

די מומע איז אַרײַנגעקומען מיטן פֿולן עמער מילך, אוועקגעשטעלט אים אויפֿן נידעריקן בענקעלע לעבן אויוון, געבראַכט צום טיש דאָס ברויט און גענומען אָנגיסן אונדז אַלעמען מילך אין די גלעזער. מאַניע איז שוין אויך געווען אויפֿגעשטאַנען, און דאָס איז געווען פֿון די זעלטענע פֿרישטיקן, ווען מיר זײַנען אַלע געזעסן באַם טיש. נאָר דער פֿרישטיק איז געווען

ניט קיין פריילעכער. מיר זײַנען געזעסן, פּאַמעלעך און שווײַגנדיק געזופּט די מילך, געזופּט און מיט אַן איבעריקער פּאַרטראַכטקייט זיך אײַנגעקוקט אין די פּאַרוויַסטע ווענטלעך פון דער גלאָז, גלײַך יעדערער האָט געפּרוּווט דערקונדיקן זיך צו עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אים די גאַנצע צײַט געמוטשעט. כאָטש די מומע האָט נאָך ניט באַוויזן אײַנהייצן ניט דעם אויוון, ניט די הרובע, נאָר אין קיכל איז מיטאַמאָל געוואָרן הייס און אַזוי דושנע, אַז ס'איז געוואָרן שווער צו עטעמען.

— נו, מע דאַרף גיין, — האָט טוליע זיך אָנגערופן, און מיר האָבן ביידע זיך אַ הייב געטאָן פונעם טיש.

— איך וועל נעמען די קו, — האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן צו טוליען און אַ ווײַז געטאָן אויפן קעלבל. ס'הייסט, דאָס קעלבל זאָל נעמען ער. און זאָל ער אַליין האָבן צו טאָן מיט דער מאַמען.

— איך וועל ניט געבן! — האָט די מומע אַ קוויטשע געטאָן ניט מיט איר קאָל, — דאָס קעלבל וועל איך ניט געבן! ס'איז מאַניעס נאַדן!

אַ קוק טאָן דער מומען אין פּנים אַרײַן האָט מען ניט געטאָרט. ס'האָבן גלײַך געקענט זיך אַראָפּלאָזן די הענט. האָט טוליע זיך אויסגעדרייט צו דער מאַמען מיט דער פּלייצע, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קעלבל אויף די הענט און איז אַרויס אין דרויסן.

אַזוי זײַנען מיר אַלע אַרויס פון אונדזער הויף. איך מיט דער קו פאָרן שטריק און טוליע מיטן קעלבל אויף די הענט אין איין ריי. דער טאַטע מיט דער מומען — גלײַך נאָך אונדז, און הינטער זיי, אַ ביסל באַ דער זײַט — מאַניע. אָפּטמאָל האָט די אָרדענונג זיך געענדערט, ווײַל די מומע איז אַרויסגעלאָפן פאָרויס, געפּרוּווט פאַרשטעלן אונדז דעם וועג.

אין מײַן זײַט האָט די מומע אַפילו ניט געקוקט. יענעם אינדערפרי בין איך געווען פאַר איר דער סאַמע ערגסטער און דער סאַמע פרעמדסטער מענטש אין דער וועלט. און אַזאַ מערדער, באַ וועמען בעטן ראַכמים איז אַן אומזיסטע טירכע. אָבער טוליען!.. צו אים האָט זי אויסגעלאָזט איר האַרץ:

— גאַזלען איינער, וואָס טוסטו? די אייגענע מאַמע באַראַבעוועץ, די אייגענע שוועסטער! מאַניעס נאַדן!..

אין מײַנע אויגן איז מאַניע געווען נאָך אַ קינד, עפּשער דערפאַר וואָס זי איז נאָך געגאַנגען אין שול. זיך האָב איך געהאַלטן פאַר אַן אַלטן באָכער, כאָטש איך בין געווען עלטער פון איר אויף אַ יאָר פיר־פינף. געווען באַ מאַניען אַ ברוין, מאַטעווע פּענעמל, זומער און ווינטער פון איין קאָליר. ענדערן האָבן דאָס ניט געקאָנט ניט די זון, ניט די ווינטן. און אַ קעלבל איז געווען באַ איר, פּונקט ווי באַ דער מאַמען. ס'איז געווען סאַמע דאָס, וואָס מע דאַרף, ווען דער טאַטע האָט אַ ברום געטאָן מיט זײַן מעכטיקן באַריטאָן, די מומע האָט גענומען אויסציִען דעם ניגון מיט איר ווײַנענדיק קעלכל און איך מיט טוליען — מיט דעם, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן. ס'איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פאַמיליען־כאָר, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער פּרעטענדירט אויף פּריזן און פּרעמיעס אויף אַלע ראַיאָנישע אָלימפּיִאַדעס פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט. נאָר אַז מאַניע זאָל אַזוי קוויטשען, האָבן מיר געהערט צום ערשטן מאָל:

— מאַמע, איך דאַרף ניט קיין נאַדן, מאַ־מע!..

און דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען, ווי מאַניעס מאַטעווע פּענעמל האָט זיך צעפלאַמט, געוואָרן אַזוי רויט, ווי הײַנטיקע לעוואָנע פאַרן באַגינען.

די לעוואָנע אַליין האָט שוין ניט געסטײַעט, זיך פאַרוקט ערגעץ אין אַ ווינקעלע. ס'איז ניט פאַר איר ווייכן כאַראַקטער צוקוקן אַזעלכע אופגעבראַזטע באַגינענס. דערפאַר אָבער די זון... זי איז הײַנט אַרויס פריִער ווי שטענדיק, גלײַך מוירע געהאַט דורכלאָזן עפּעס זייער וויכטיקס. ווי אויך אַ ביסל צוגעכאַפּט מיטן פּרעסטעלע, האָט זי אויסגעזען ווי אָנגעגלאָזט, און געלויכטן, אַרויסגעשטראַלט אַזוי בלענדנדיק, אַז אַפילו ניט קוקנדיק אויף איר, האָט מען געדאַרפט אַ ביסל זשמורען די אויגן. די אומגעווייינלעך העלע שײַן האָט דורכגעלויכטן אַלץ אַרום, און מע האָט געקאָנט זען אויף יעדערן דאָס סאַמע מינדסטע, דאָס סאַמע אומבאַמערקטסטע פּינטעלע. מעגלעך, דערפאַר האָט מיך אַזוי אַ שטאָך געטאָן, ווען איך האָב דערזען די מומע אַן אַרומגעלויכטענע פון אַלע זײַטן. דער זומער האָט זי געקאָסט זייער אַ סאַך, דער ווינטער — ניט ווייניקער. איר פּנים האָט אײַנגאַנצן אָנגעוווירן יענע לויטערקײַט, וואָס האָט די ערשטע צײַט באַ מיר אַרויסגערופן אַזאַ צווייענדיקן, אָפּטמאָל ניט קלאָרן, ווייטעקדיקן געפיל. איצט איז פון יענער לויטערקײַט קיין סימען ניט געבליבן. אַ קליין, אײַנגעשרומפּן פּנים, ביז גאָר פאַרשפּיצט באַם געוועזענעם גוידערל. געווען איז אין דעם פּנים אַזויפיל צאָרן, אַזויפיל שרײַענדיקער ווייטעק, אַז ס'איז שוין געווען אַ כידעש, וואָס זי שרײַט אַזוי

ווייניק. זי איז ווידער ארויסגעלאָפן פאַרויס, אַראָפּגעריסן דאָס טיכל פונעם קאָפּ און אַרײַנגע־גראָבן זיך מיט די פינגער אין די צעשויבערטע האָר, וואָס האָבן א גלאַנץ געטאָן קעגן דער זון מיט זייער ערשטער דערשיטערנדיקער גראָווקייט.

— הערשל, וואָס שווײַגסטו? — איז זי אָנגעפאַלן אָפּן טאַטן. — דעם לעצטן ביסן! די קו! און דאָס קעלבל! א גאַנצן ווינטער! גוואַלד וועל איך שרײַען!

דער טאַטע האָט געשוויגן. ער האָט אַלעמאָל געוואָרפן אָף מיר א בייזן קוק, א בליק פול מיט פאַרוואורף, מיט עפּעס א שטומער קלאָלע, און געשוויגן. איך האָב נאָר געזען, ווי זײַן באָרד הייבט אָן אונטערציטערן און די רעכטע האַנט רײַסט זיך אַרוף. עפּעס וויל זי זיך אופהייבן און אַראָפּלאָזן זיך צוריק מיט א שטאַרקן, שווערן קלאַפּ, מיט עפּעס א זעץ אין טיש, צי אין אָט דער צעקוואַסעטער ערד, אָף וועלכער דאָס פרעסטעלע האָט שוין אײַנגאַנצן ניט געסטײַעט. אַלץ אין אים איז געווען אַזוי ענלעך, ווי אין יענעם ערעוו־יאָמקיפּער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל זיך אָפּגעזאָגט גיין אין שול אַרײַן... און עפּשער... עפּשער איז דאָס געווען פאַר אים נאָך ערגער. ער האָט דאָך אַזויפיל האָפענונגען אַרופגעלייגט פרײַער אָף טוליען, דערנאָך אָף דער קו, דערנאָך אָפּן קעלבעלע. האָט ער מיטאמאָל אָנגעווירן זיי אַלע. אַלע זײַנע האָ־פענונגען, אַלע זײַנע טרוימען, אַלע זײַנע רײַכע כעזשבוינעס.

ווי האָב איך אַליין אויסגעזען יענעם גאַנצפרי, איז מיר שווער צו זאָגן. נאָר געפּילט האָב איך, אַז דאָס פּאָנעם מײַנס פלאַמט. עס פלאַמט און בראָט פון דרויסן און פון אינווייניק, ציט צונויף די באַקן, און אין מויל איז אַזאַ ענגשאַפט, ניט מיט די ציין א קריץ צו טאָן, ניט מיט דער צונג א דריי טאָן. כוץ אַלעמען, איז מיר געווען א ביזאָיען. איך, דער פּאַרזיצער פון דאָרפּראַט, וואָס האָט געדאַרפט באַזאָרגן, אַז אין אַלע דערפער זאָל אַלץ דורכגיין אין פולער אָרדענונג, האָב ניט געקאָנט רעכט אָן ארבעט טאָן מיט די אייגענע עלטערן.

ווער ווייסט, וואָס וואָלט געשען ווײַטער, ווען פון דער צווייטער שטוב זאָל ניט געווען אַרויס דער עלטערער ברודער מײַנער וועלוול, אויך מיט זײַן קו און קעלבל, און נאָך אים דאָס ווײַב זײַנס, די שווערגערן מײַנע פּײַע, מיט אירע דרײַ קינדער. זיי האָבן זיך באַזעצט באַ אונדז אָפּן יישעוו צו האַרבסט־צו און אַרײַן אין א פּאַרטיקער שטוב, וואָס א צווייטער האָט אויסגעבויט און איבערגעלאָזט. פּײַע איז אַרויס, אָפּאָנעם אָף א ווײַלע, אַרײַנגעשטעקט די באָרוועסע פּיס אין א פּאָר אַלטע גאַלאָשן. די קינדער זײַנען אויך אַרויס גאַנץ זומערדיק. די פּראַסטיקע לופט האָט זיי גלײַך דורכגענומען, און זיי האָבן אַלע זיך אײַנגעניורעט אין דער מאַמעס פּאַרטעך, אַרומגענומען זי מיט זעקס קינדערישע הענטלעך.

— מומע, — האָט זיך אָנגערופן וועלוול, — צו וואָס די גוואַלדן? איר זעט דאָך...

וואָס צו זען, איז געווען. די גאַנצע ברייטע גאַס איז געווען פול מיט קי, מיט קעלבלעך און מיט אופגערודערטע מענטשן. זיי האָבן געקנאָטן די בלאָטע, געשפּאַנט צו די באַראַקעס, וואָס האָבן פּאַרהיט אין זיך אַזויפיל שטילע ליידן פונעם שווערן זומער. איז גוט, וואָס פּישל איז אויך דעם גאַנצפרי באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. דערזען פאַר זיך א גרויסן אוילעם, האָט ער פריילעך אויסגערופן:

— מאַזלטאָוו אײַך, יידן! ווי זאָגט מען עס, פאַרפאַלן די קו מיטן שטריק.

— מאָשיעכס צײַטן! — האָט אים אונטערגעהאַלטן כאַים־בער.

ער האָט אויך געפירט זײַן קו, וואָס איז שוין לאַנג געווען ניט זײַנע. נאָך אין האַרבסט האָט ער זי אַנטלױען סימכען אָפּן ווינטער און גענומען פאַר זיך יעדן טאָג בלויז א פּאָר גלע־זער מילך. וואָס זשע איז דער כילעק? וועט זײַן קו שטיין גלײַך מיט אַלע אין דער קאָמונאַ־רישער שטאַל, און ער וועט יעדן טאָג באַקומען זײַן כיילעק.

דער יונגער קאָלווירטישער הויף, וועלכן מע האָט פאַרן ווינטער ניט באַוויזן אפילע אַרומצוימען, האָט אויסגעזען, ווי אַן עמעסע טאַרהאָוויצע, אָף וועלכער מע קויפט און מע פאַרקויפט פערד און לאָשעקעס, קי און קעלבלעך. די זון האָט שוין טאַקע פײַן אונטערגע־וואַרעמט, נאָר נאָך ניט אַזוי, אַז אַנשל זאָל דאַרפן אַראָפּוואַרפן דאָס פּוטערנע זשיליעטל און בלײַבן אין איין העמד. נאָר קאַלט איז הײַנט אַנשלען ניט געווען. ער האָט אפילע צע־כראָסטעט דאָס העמד און פון צו מאָל א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער האָרי־קער ברוסט. מיט יעדערן האָט ער זיך געדונגען אַזוי, גלײַך אָט די אַלע היפּש אויסגעמאָ־גערטע קי קויפט ער פאַר זיך און צאָלט יעדערן מעזומענס פון דער אייגענער קעשענע.

דער הויף, אָף וועלכן די בלאָטע איז געווען פּיל מאָל אויסגעקנאָטן און איבערגעקנאָטן, האָט געראַשט, געטומלט, געשפּאַסט און געזיפצט. אַלץ איז געווען איבערגעמישט אײנײנעם: פריילעכס און טרויעריקס, זיס און ביטערס, זוניקס און נעפּלדיקס.

— פּוסט, פּוסט געוואָרן אין שטאַל, — האָט זיך געקלאָגט כאַנע לייבעשעס.

— גאָטעניו, — האָט גיטל פאַרבראָכן די הענט, — ווי אַ מעס פון דער שטאָל אַרויסגע־טראָגן.

— און וואָס וועל איך איצט טאָן מיט די קריגלעך, מיט דער מאַסניטשקע? — האָט גע־טײַנעט גאָלדע.

געוויס איז דאָס געווען אַ פאַרזעצונג פון די באַנאַכטיקע אַמפּערנישן, ווײַל סימכע האָט ווײַטער זי רעדן ניט געלאָזט:

— גאָלדע, זינדיק ניט. פיר גלעזער אַף אַ נעפעש! וועסט האָבן אַריבער דרײַסיק גלעזער. וואָס נאָך דאַרפסטו?

— דאָס קעלבעלע דאַרף איך, — האָט גאָלדע געטײַנעט אירס. — ס'איז געווען ווי אַ קינד אין שטוב.

— נו, אָ, ווײַבער, גענוג סקאַוווטשען! — האָט אויסגעשריגן שימען דרייפוס. — זאָגט דער מעלוכע אַ דאַנק דערפאַר. מאָרגן וועט דער גאַנצער ראַיאָן ווערן איין קאָמונע. און אַזוי וועט עס גיין וואָס אַמאָל ווײַטער.

מיר איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס שימען טרייסט די ווײַבער, וואָס ער שטעלט זיך אײַן פאַר דער קאָמונע. נאָר ס'האָט זיך ניט געוואָלט פאַרפירן אַ נײַע קריג. איז זאָל דער אוילעם זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. כאָים־בער האָט פלוצעם זיך דערמאָנט אין פישלס כאַלעם און געוואָלט דערוויסן זיך, צי ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן דערקוקן דעם כאַלעם ביזן סאָף.

— וואָס פאַר אַ כאַלעם? — האָט פישל געמאַכט זיך ניט וויסנדיק.

— וועגן די זיבן פעטע קי און וועגן די זיבן מאָגערע קי.

אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן אין יענעם כאַלעם, פישל אַליין אויך. נאָר נאָך דעם, ווי כאָים־בער האָט דערמאָנט אין אים, האָט ער אַלעמען אויסגעזען ביז גאָר וויכטיק. נאָר פישל האָט זיי געמוזט אַנטווישן.

— ניין, — האָט ער זיך אָפּגעשאָקלט פונעם נאַרישן כאַלעם. — ווי אַפּצולאָכעס, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָט אַ כאַלעם זיך אַזוי אײַנגעשפּאַרט, כאָטש האַק אים און בראָק אים, וויל ער מער ניט קומען.

אַלץ איז געגאַנגען, ווי ס'האָט געדאַרפט גיין. אַנשל האָט זיך געדונגען מיט יעדערן פאַר אַ צענערל, אורציע מיט יענטלען האָבן אָוועקגעפירט די קי אַף זייערע נײַע ערטער, לייבעש האָט צוגעבונדן די קעלבעלעך צו וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, און די פינף ווײַבער מעלקערנס האָבן שוין אַפילו אָנגעהויבן קריגן זיך, יעדערע האָט געוואָלט אָפּקלײַבן פאַר זיך די בע־סערע בעהיימעס. דער מומעס גוואַלדן איבער מאַניעס נאַדן וואָלטן געבליבן די איינציקע, מיט וואָס ס'וואָלט זיך פאַרגעדענקט הײַנטיקער פּרימאַרגן. נאָר ס'איז געווען באַשערט... ווען אײַ־זיק האָט צוגעפירט זײַן קו אָן דעם קעלבעלע, האָט יענטל די ערשטע אַ פרעג געטאָן:

— און דאָס קעלבעלע ווו איז?

אײַזיק האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און געכאַפּט אַ קוק אַף זײַן פעסיען, זי זאָל אים עפּעס אונטערזאָגן.

— דאָס קעלבעלע... ס'איז קראַנק געוואָרן...

וואָלט שוין בעסער געווען בלײַבן באַ דעם טערעץ, נאָר לייבעש... ער קאָן קיין אוילעס ניט פאַרלײַדן און קיין ליגן ניט אויסבאַהאַלטן.

— דאָס קעלבעלע האָבן מיר געקוילעט, — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, ווי געוואָלט, אַז נאָר יענטל זאָל דאָס הערן.

— ווער איז דער מיר?

— איך האָב עס געקוילעט, — האָט לייבעש דערקלערט.

— איר, איר האָט געקוילעט? איר האָט געקוילעט אַ לעבעדיק קעלבעלע? — האָט יענטל אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל.

— איך האָב מײַנס אויך געקוילעט.

דאָס איז שוין שווער געווען צו פאַרשטיין. לייבעש? לייבעש, וואָס האָט אַ גאַנצן ווינטער אינײנעם מיט יענטלען געכאַוועט, געקעכלט די קאַלווירטישע קעלבעלעך? לייבעש, וואָס האָט נעכטן ביז האַלבער נאַכט אָפּגעהאַרעוועט אינײנעם מיט אונדז אין כאַצקעלעס שטוב?

— און אַ דערלויבעניש האָט איר באַקומען? — האָב איך געפרעגט. — אַ דערלויבעניש פון דאַרפראַט?

— אַ דערלויבעניש? — האָט לייבעש איבערגעפרעגט אַ ביסל אַ פאַרלוירענער. — איך האָב ניט געוווּסט. איך האָב ביז איצט...

ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ביז איצט האָט ער מיט שכיטע זיך ניט פאַרנומען און האָט ניט געוווּסט, צי מע דאַרף האָבן אַ דערלויבעניש. נאָר פעסיע האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן.

— וואָס פאַר א דערלויבעניש? — האָט זי זיך צעגוואַלדעוועט. — ווי גשפעלט ער אײַך, דער פּאַרעץ אונדזערער? א דערלויבעניש גאָר באַ אים נעמען! אַז מע זיצט א גאַנצן ווינטער אָן א שטיקל פלייש!

פאַרן גאַנצן ווינטער האָט דער ווײַבערשער אוילעם דאָס ערשטע מאָל געזען איינע די אַנדערע אױף דער ליכטיקער שײַן. און געוויס באַמערקט, אַז פאַרן ווינטער זײַנען זיי אַלע געוואָרן שטאַרק ענלעך איינע אױף דער אַנדערער. אַלע אויסגעמאָגערטע, מיט אײַנגעפאַלענע, פאַרקוילטע פּנעמער, אַלע אונטערגעגאַרטלט די קירצערע און לענגערע סעקעלעך מיט גראָ־בע קליאַטשעווע שטריק. אױף אָט דעם הוילעך זייערן, אױף זייערע אײַנגעפאַלענע פּנעמער האָט עס, פּעסיע, אפּאָנעם, אויסגערעכנט, ווען זי האָט זיך צעיאָמערט:

— א גאַנצן ווינטער אָן א שטיקל פלייש! האָבן מיר געמיינט, מירן קוילען דאָס קעלבעלע, איבערלאָזן זיך א ביסל, דאָס איבעריקע פאַרטיילן צווישן די שכיינים. וועלן מיר דאָך האָבן אין אַלעמען א מיצווע!

— פון טרייפער שכיטע?

ס׳איז אפילע שווער געווען צו גלייבן, אַז גראָד פּישל זאָל פרעגן אַזא שײַלע.

— ס׳איז ניט טרייף, — האָט אײַזיק זיך אײַנגעשטעלט פאַר זײַן סכוירע. — ס׳איז קאַ־שער. לייבעש האָט סמיכעס. און געקוילעט האָט ער מיט א כאַלעף. זאָג, לייבעש, ס׳איז עמעס?

— עמעס, מיט א כאַלעף, — האָט לייבעש קוים אַרויסגערעדט.

— סײַווי טרייף, — האָט עמעצער אויסגעשריגן. — ערגער פון טרייף!

— קאָשער! — האָט געטײַנעט פּעסיע.

— טרייף! — האָט געפּאַסקנט פּישל.

טרייף־קאָשער, קאָשער־טרייף... איבערן גאַנצן הויף האָבן פּאַרטייִבנדיק געהודעט די צוויי ווערטער, געפלויגן איינס קעגן אַנדערן, ווי געשלײַדערטע שטיינדעלעך. און ס׳איז אויסגעקומען, אַז קיינעם גייט איצט מערער גאָרנישט ניט אָן, ווי פעסטשטעלן, צי איז לייבע־שעס שכיטע קאָשער, צי טרייף.

— שאַט, שאַט, — האָט סימכע געלאָזט הערן זײַן הייזעריקלעכע שטים. — לאָמיר פרעגן בא כאַיִם־בערן, ער פאַרשטייט דאָך אין די קליינע אויסיִעלעך.

כאַיִם־בער איז געשטאַנען א ביסל אָן א זײַט און געהאַלטן אין איין קנעטן מיט די שטיוול די צעקוואַסעטע בלאָטע. ער האָט ניט לאַנג אָנגעהויבן אַרויסגיין אין דרויסן, און די אָפּגעפרוי־רענע פיס האָבן שטאַרק געליטן פון קעלט. איז ער געשטאַנען, אונטערגעטאַנצט מיט א דריב־נע טענצעלע און ניט אופגעהערט רײַבן די אויגן, וואָס האָבן ניט געקאָנט צוגעווינען זיך צו דער העלער שײַן. און ווער ווייסט, וועגן וואָס האָט ער עס געטראַכט אין אָט דעם טומלדיקן פרימאָרגן. געוויס דערמאָנט זיך אין זײַן צירלען. אַז ס׳וואָלט אוואַדע געווען בעסער, זײַן צירל זאָל אויך זײַן דערבײַ, און זאָל אַליין געווען אוועקפירן די קו. וואָלט זי איצט אַלע טאָג באַקומען אַכט גלעזער מילך. און ס׳וואָלט אָן שום דולעניש געסטײַעט אױף אַלץ. די שײַ־לע, מיט וועלכער מע האָט זיך געווענדט צו אים, האָט אים א ביסל פאַרווײַלט און א ביסל געשראָקן. קיין דײַען איז ער קיינמאָל ניט געווען, און ווי׳אַזוי צו פּאַסקענען ניט געוווסט. איז ער געשטאַנען, געטראַכט, און קעדיי בלײַבן א ווײַלע מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם יִשעווו־האַדאַס, האָט ער אויסגעטאָן די ברילן, ער זאָל קיינעם פאַר זיך ניט זען. די אויגן האָבן בלינדלעך געפינטלט, און כאַיִם־בער האָט אַקשאָנעסדיק געטראַכט, געסטאַרעט זיך אַרויסטראָגן א ריכטיקן פּסאַק. און ווער ווייסט... עפשער האָט ער זיך אויך פאַרבענקט נאָך א שטיקעלע פלייש, א זאַך, וואָס ער האָט שוין לאַנג אפילע אין כאָלעם ניט געזען.

— האַקויל שויכטים, — האָט ער אַרויסגערעדט מיט א צעצויגן ניגנדל און אָנגעטאָן די ברילן. — אושכיטאָסאָן קשיירא...

— קאָשער, קאָשער! — האָבן אויסגערופן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

— טרייף, טרייף, טרייף! — האָט דרײַ מאָל אויסגעשריגן יענטל, בייז א קוק געטאָן אױף כאַיִם־בערן און נאָך בייזער אױף אײַזיקן.

נאָר אײַזיק איז געווען בא זיך פעסט. וויבאַלד כאַיִם־בער האָט אַזוי געפּאַסקנט, איז וואָס פאַר א ווערט האָט יענטלס אויסגעשריי און יענטלס בייזער בליק. האָט ער בלויז ביטלדיק א קרים געטאָן דאָס פּאָנעם און זיגעריש א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זײַן לאַנגער, צאַפּענער באָרד. נאָר דאָס איז, אפּאָנעם, געווען פאַר אים ווייניק. עפּעס האָט געקויקלט בא אים אינווייניק אַזוינס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט האַלטן אין זיך. אומדערוואַרט איז ער צו־געקומען צו מיר און א וויִז געטאָן מיט דער האַנט אױף יענער זײַט פון דער צעשפּילטער באַלקע.

— יאָ, יאָ, האַקויל שויכטים, טײַערער פֿאַרעץ אונדזערער, — האָט ער אַרויסגערעדט, און ס'איז מאַמעש געוווען צו זען, ווי די סינע האָט זיך צעזאָטן אין אים. — אַלע קוילען! אין בורלאַצק האָט מען פֿאַר די עטלעכע טעג געקוילעט בא צוואַנציק שטיק פֿי. און איר האָט געמאַכט אַ גוואַלד איבער עפּעס אַ קעלבל!

ווען אײַזיק זאָל ניט געווען נעמען אויסטײַטשן אַף זײַן אויפֿן דעם „האַקויל שויכטים", וואָלטן עפּשער אַ סאַך געבליבן באַם געדאַנק, אַז ער מיט זײַן פּעסיען האָבן געמיינט ניט מערער, ווי פֿאַרדינען אַ מיצווע. איצט האָט פֿאַר אַלע זיך אַנטפּלעקט דער פֿאַרבאַרגענער מיין פֿון אײַזיקס שכיטע, און דאָס האָט אַלעמען דערשיטערט. דאָס האָט זיך געפֿילט אין דער אומגעווײנלעכער שטילקײַט, וואָס איז מיטאַמאָל געבליבן הענגען איבערן נאַרוואַס טומלדיקן הויף, אַ שטילקײַט, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס שרעקלעכס, דראָענדיקס, גלײַך ס'האָט אַלעמען מיטאַמאָל אָפּגענומען דאָס לאָשן, פֿאַרשלאָגן דעם אָטעם און יעדערער מוז מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג אַף קומען אַ ביסל צו־זיך. דאָס האָט זיך געפֿילט אין דעם, ווי אַ סאַך האָבן גענומען באַקוקן אײַזיקן, גלײַך זיי זעען אים צום ערשטן מאָל, און פֿאַר זיי איז אַ גרויס כאַריפּעס זײַן אָפּגעריבענער, וואַכעדיק־געוואָרענער שאַבעסדיקער מאַלבעש און זײַן פּרומלעך־לאַנגע צאַפּענע באָרד.

אײַזיק האָט זיך אויך דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, דערפֿילט מיטאַמאָל יענע גרויליקע פּוסטקײַט אַרום זיך, דערפֿילט אַף זיך די שטומע, פֿאַרורטיילנדיקע בליקן, וואָס זײַנען אָפּטמאָל ערגער פֿון דעם סאַמע שרעקלעכסטן אורטייל.

דער ערשטער האָט באַקומען לאָשן פּישל:

— הערט איר, ייִדן, ווען מע צאָלט מיר צו, ווען מע גילט מיך אָפּ, איך זאָל נעמען אַפּי־לע אַ ביינדל פֿון אײַזיקס קעלבל!

און קעדײַ דער אוילעם זאָל באַנעמען די גאַנצע טיפֿקײַט פֿון זײַן פֿאַראַכטונג צו דעם אַלעמען, האָט ער דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן:

— טפֿו, טפֿו, טפֿו.

ערשט איצט, נאָך אַלעמען, האָבן פֿון יענטלס אויגן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן:

— גאַזלאָנים... יונגע קעלבעלעך!

און זיך צעוויינט. פֿרײַער געוויינט הויך, געיאָמערט, ווי באַוויינענדיק די אומשולדיקע קאָרבאָנעס, און דערנאָך אָנגעהויבן אונטערכליפּען, גלײַך ס'האָט זי עפּעס אָנגעהויבן וואָרגן. און דאָס איז געווען פֿאַר אַלעמען ניט ווײניקער אומדערוואַרט. מעגלעך, אַז יענטל אַליין האָט אויך ניט געוווסט, פֿונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען, די טרערן. נאָר אָפּשטעלן זיי איז זי ניט געווען בעקויעך.

פּעסיע האָט, אַפּאָנעם, אַ גאַנצן ווינטער געוואָרט אַף אַזאַ געלעגנהײַט, זי זאָל זיך אָפּרעכע־נען מיט יענטלען פֿאַר אַלץ, פֿאַר דעם, וואָס זי האָט זי אײַנמיטן זומער איבערגעלאָזט אָן אַ דינסט און געצוווּנגען זי אַליין זיך אויסלערנען מעלקן די קו, פֿאַר דעם, וואָס דאָס נעבעכיקע כאַשטשעוואַטער דינסטמיידל איז דאָ געוואָרן אַ גאַנצער יכעס. פֿאַר דעם אַלעמען, וואָס איר איז אויסגעקומען איבערלעבן, זינט איר אײַזיקן איז אַרײַן דאָס מעשוגאַס פּאַרן אַף דער ערד. יאָ, ניט אומזיסט פֿלעגט מען זאָגן בא אונדז אין כאַשטשעוואַטע: גאָט זאָל אָפּהיטן אַרײַנ־פֿאַלן צו פּעסיען אין מויל אַרײַן.

אָנגעהויבן האָט זי פֿון איר אײַזיקן:

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? זיך געיאָגט אַף דער ערד. געמיינט דאָ שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס. געיאָגט, געיאָגט און אַרײַן גלײַך אין דער קאָמונע. אַ מעשוגענעם אַרויס־שרײַבן און דיך אַרײַנשרײַבן.

אַ ווײַז געטאָן אַף אים מיט דער האַנט, ווי אַף גאָר עפּעס אַ פֿרעמדן, און אויסגעקווי־טשעט:

— פֿאַרשרײַבט אים, פֿאַרשרײַבט אים, מײַן אַלטן צאַפּ, אין אײַער ציגענער קאָמונע!

איצט האָט בא אײַזיקן אָפּגענומען דאָס לאָשן. אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען זײַן בייזן, וואָ־רענענדיקן בליק, אַלע האָבן געהערט, ווי ער האָט טיף אַ סאָפּע געטאָן, ווי אָנעמענדיק זיך מיט מוט אַף אָפּענטפֿערן איר, נאָר גלײַך אַרײַנגעשלעפּט אַלץ צוריק. ער איז שוין געוווינט געווען צו דעם, אַז פּעסיע זאָל אים פֿאַר יעדער קליינקײַט אויסכרענצלען, אַמאָל האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט, אַמאָל אָפּגעקומען מיט אַ שווײַגנדיקן רויגעז, נאָר אַז פּעסיע זאָל אים מאַכן מיט דער בלאָטע פֿאַר אַזאַ גרויסן אוילעם, אַזוינס האָט אײַזיק אַפּילע פֿאַרשטעלן זיך ניט געקאָנט. האָט עס אים ווי געפּלעפּט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיטאַמאָל ווי נידערי־קער געוואָרן, און דערפֿאַר האָט די באָרד איצט אויסגעזען ווי ניט צו דער מאָס. די לופֿט,

וואָס ער האָט אַזוי הילכיק אַרײַנגעטעמט אין זיך, האָט אַליין אָנגעהויבן אַרויסבלאָזן זיך מיט אַ לאַנגן, פײַפנדיק זיפץ.

נאָר פעסיע האָט געהאַלטן ערשט פון פאַרנט.

— פליאַסקעדריגעס מיִעסע! — דאָס איז זי פון אײַזיקן אַריבער אַף אַלע איבעריקע. — מע שטייט און מע הירזשעט. אַ גאַנצער יאָמטעוו פורים אַף זיי. איר וועט נאָך וויינען, מיט ביטערע טרערן וועט איר וויינען אין דער קאָמונע!

— פעסיע! — האָט אײַזיק ענדלעך באַקומען דאָס לאָשן.

האָט שוין פעסיע מערער ניט באַדאַרפט.

— וואָס פעסיע, ווער פעסיע? טו אַ קוק אַף דער שלאַנג, וואָס מיר האָבן אויסגעהאָדעוועט! אַף דײַן טײַערער יענטלען...

און ווידער — שוין ניט צו אײַזיקן, נאָר צום גאַנצן אוילעם:

— וואָס זאָגט איר נאָר אַף דער שטרויענער אַלמאָנע? איר איז קאַרג געווען איין יאַנקל, האָט זי אים פאַרטריבן אין אויסערײַסעניש און אַרײַנגענומען זיך אַ נײַעם קאַוואַליער. און שאַ — שטיל. און מע זאָגט נאָך — אַן ערלעכער ייִד, אַ געוועזענער מעלאַמעד. ווי איז אײַך קיין ביזאָיען ניט? און אײַער צירל!..

דעם גאַנצפרי זײַנען אורציען צוגעקומען הונדערטער נײַע דײַגעס און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומיאָגן איבערן הויף. אָט איז ער געווען אין שטאַל און אָט האָט מען אים שוין געזען לעבן דער סקירדע שטרוי. איין אַרבע אײַנגעשפאַנט, אַ צווייטע אויסגעשפאַנט אָדער גאָר זיך אַליין אײַנגעשפאַנט אין אַ פלוג, וואָס איז געשטאַנען ניט אַף זײַן אָרט, און אוועקגעשלעפט אים אין אַ זײַט. האָט מען אַפילע ניט באַמערקט, ווי־אַזוי איז דאָס אורציע פלוצעם אויסגעוואַקסן לעבן פעסיען. ער האָט צוגעשטעלט האַרט צו איר פּאָנעם אַ פעסט צונויפגעדריקטן פויסט, און אין זײַנע אויגן האָט מען געזען, אַז דאָס איז ניט קיין אָנשטעל, אַז אין דער מינוט איז דער פויסט גרייט אַף אַלץ.

— פעסיע... זאָג נאָך איין וואָרט!

— וואָס זשע וועט זײַן? מיינסט, איך האָב מוירע פאַר דיר? טוט נאָר אַ קוק, מיט קולעקעס גאָר!

אַף אַ ווײַלע איז פעסיע אַנשוויגן געוואָרן. אָבער טאַקע נאָר אַף אַ ווײַלע. ווײַל ווען וועט זי נאָך האָבן אַזוי נאָענט פאַר זיך אורציען?

— קוקט אים נאָר אָן, דעם קנאַקער. געבראַכט אַן אייפעלע אַף דער וועלט און מיינט, אַז קיין גלײַכן איז צו אים ניטאָ. עס וועט לעבן דאָס אייפעלע, ניט מערער, ווי די קאָמונע. יאָ, יאָ, באַ מיר אַזאַ מויל. איך, אַז איך פאַרשטעלט!..

מעגלעך, אַז אורציעס פויסט וואָלט געווען אָפּגעטאָן זײַנס. און ווער ווייסט, וואָס וואָלט געשען דערנאָך. נאָר אײַזיק איז צוגעשפרונגען און דורכגערוקט זיך צווישן אורציען און זײַן ווײַב:

— פעסיע, נעם אײַן אַ שטומעניש!

ווי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ווייניק סײַ פאַר פעסיען, סײַ פאַר די, וואָס שטייען אַרום זיי, האָט ער צוגעגעבן:

— פאַרמאַך דײַן פיסק דײַן טרייפענעם!

און מיט דער רעכטער האַנט פאַרדעקט איר מויל.

אַ ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען ביידע, ווי צוגעוואַקסן איינער צום אַנדערן, און ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז אײַזיקס האַנט האָט זיך צוגעקלעפט צו פעסיעס מויל, אַף ניט אָפצורײַסן. דערנאָך האָט פעסיע געמאַכט אַ ניט זיכערן שפאַן אַף צוריק. זי האָט אַליין ניט געגלייבט, אַז זי איז שוין פרײַ. ס'איז פרײַ באַ איר דאָס מויל, און די הענט זײַנען אויך פרײַ. נאָר וואָס אַרויסברענגען מיטן מויל האָט זי ניט געוווּסט. וואָס טאָן מיט די הענט — אויך ניט. האָט זי פלוצעם פאַנאַנדערגעבונדן דעם שטריק, מיט וועלכן זי איז געווען אַרומגעגאַרטלט, און אַלע האָבן דערזען, אַז אַף איר פליושענעם סעקל פעלן אויס אַלע קנעפלעך. און דאָס האָט איבעראַשט אַלעמען ניט ווייניקער פון אַלע איבעריקע געשעענישן פון הײַנטיקן פרימאָרגן. האָבן באַ פעסיען, הייסט עס, אויך זיך אָפגעריסן אַלע קנעפלעך! פעסיע האָט צונויפגעלייגט איר שטריקענעם גאַרטל אײַנצווייען און אַ פאַטש געטאָן מיט אים אינדערלופטן:

— ייִדן, זאָלט איר וויסן, איך גיי זיך הענגען!

די זון איז שוין געווען ווײַט פון דער ערד. אַ ווײַס כמאַרעלע האָט זי איבערגעצויגן מיט אַ דינן הײַטעלע, און זי האָט שוין ניט אַזוי געבלענדט. נאָר געוואַרעמט האָט זי זומערדיק. די וואַסער אין דער באַלקע האָט ווידער אָנגעהויבן צוקומען, זיך צעשפילט, צעברויזט מיט עפעס

אווילדער צעיושעטקײט, געשפּריצט, געפּינעט און געסיפּעט, ווי א פאַריאָגטע בריִע. פּלוצ־לינג האָט די וואַסער אָנגעהויבן כאַרכלען, ווי געוואָרגן זיך מיט עפּעס, און דערנאָך אויסגע־שפּיגן פון זיך עפּעס ניט קיין פרישס, פּעגירעדיקס און א שלײַדער געטאָן דאָס העט־ווײַט פון אירע אלץ מערער און מערער צעגאָסענע ברעגן.

כאַיִם־בער האָט דער ערשטער פאַרלאָזט דעם הויף און איז אוועק אהיים. ער האָט גע־וואָלט וואָס גיכער פאַרנעמען זײַנע זאכן און אריבערפּעקלען זיך אין זײַן אייגענער שטוב, און דאָס אלץ האָט ער געדאַרפט אָפּטאָן, איידער יענטל וועט זיך אומקערן פון דער אַרבעט. ווײַל אויב זי וועט אים טרעפן, וועט זי אים אָנהייבן אײַנרעדן, איבערעדן, און ער וועט זיך מוזן אונטערגעבן און בלײַבן. און מערער זײַן בא יענטלען האָט ער ניט געוואָלט און ניט געטאָרט. און באליידיקן זי האָט ער אוודע ניט געוואָלט. האָט ער זיך געסטאַרעט אָפּטאָן אלץ וואָס גיכער, אז ווען יענטל וועט אהיים קומען, זאָל זי אים שוין ניט טרעפן. דעמלט וועט שוין זײַן א פאַרפאַלענע זאַך.

און נאָך איבער איין זאַך האָט כאַיִם־בער זיך שטאַרק געײַלט. ער האָט מוירע געהאַט פאַר זיך אליין. ער האָט מוירע געהאַט, ער זאָל ניט איבערקלערן. ווײַל איבערקלײַבן זיך פון אזא וואַרעם שטיבל, ווו עס וואַרט אָף אים שטענדיק א פרישע מאַמעליגע, א גלאָז הייסע קאַווע און א שעלעכל סמעטענע, צו זיך אינעם פּוסטן און קאַלטן קיכל איז ניט פון די גרינ־גע זאכן. נאָר נאָך דעם, ווי פּעסיע האָט אים מיט יענטלען אזוי אויסגעזידלט, אזוי געשענדעט פאַרן גאנצן אוילעם, קאָן ער דאָ קיין איין מינוט ניט בלײַבן. און ער וויל ניט אויך. ער וויל ניט, אז יענטל זאָל לײַדן ביזאָיען איבער אים. ער ווייסט גאָר ניט, ווי וועט ער איצט קאָנען קוקן יענטלען אין די אויגן אַרײַן. יענטל, אזא אישע צנוע, אזא צאדייקעס... פּעסיע מיט איר טרייפענעם מויל האָט ניט די ווערט איר מינדסטן פינגער.

געוועזן דערבײַ נאָך א סיבע, נאָר זי איז כאַיִם־בערן אליין געוועזן ניט קלאָר, און ער האָט ניט געוווּסט, ווי־אזוי דאָס אויסטײַטשן. אז מע וויל, קאָן דאָס הייסן, אז ער האָט זײַנט זיך צעקריגט מיט יענטלען. ווײַל ער האָט געפּאַסקנט קאָשער און זי האָט געשריגן — טרייף. און שרעקלעך בייז א קוק געטאָן אָף אים. פאַרוואָס זשע קומט יענטלען אזא אגמעסנעפּעש? אָט דאָס צאָלט ער איר אזוי אָפּ פאַר דעם גוטס, וואָס זי האָט אים געטאָן? און ס׳האָט אים ניט אופגעהערט מוטשען א געדאַנק: ווער זשע האָט ריכטיק געפּאַסקנט: ער צי יענטל? ווײַל אויב נעמען דעם „האקויל שויכטים״ פון איין זײַט, איז דער פּשאט אזא, נאָר אויב צוגיין צו דעם פון אן אנדער זײַט!...

ער האָט אפגיך צונויפגענומען די קישן מיטן איבערבעט, געמאַכט פון דעם א שטיקל קלומעק, אַרײַנגערוקט אהין דעם טאַלעס־און־טפילן, דעם כומעש מיטן סידער און אָן עפן געטאָן די טיר. די האַנט האָט אליין זיך א הייב געטאָן צו דעם אָרט, ווו עס דאַרף זײַן א מעזוזע, און ערשט איצט באמערקט, אז קיין מעזוזע איז ניטאָ. צוגעמאַכט דאָס טירל, אַרויס אין דרויסן מיטן ניט שווערן קלומעק אָף די פּלייצעס און זיך אָפּגעשטעלט.

אלע יאָרן האָט כאַיִם־בער זיך געהאַלטן פאַר א מענטשן, אָף וועמען עס קאָן ניט פאַלן עפּעס א כשאַד פון ניט־ערלעכקײַט, ניט־אָרנטלעכקײַט אָדער גלאַט אזוי פון ניט־אָנשטענדי־קײַט. ס׳וואָלט טאַקע קיינעם ניט געקומען אפן זינען אים כוישעד זײַן אין מיִעסע דראָכים, באַזונדערס, ראַכמאָנאַ־ליצלאָן, אין אזעלכע זאכן... נאָר גיי שרײַ כײַ־וועקײַעם...

אזוי איז ער געגאַנגען מיטן קלומעקל אָף די פּלייצעס, טיף פאַרטאָן אין זײַנע ניט פריילעכע מאַכשאָוועס. און כאָטש דאָס קלומעקל איז געוועזן ניט קיין שווערס, האָט זיך אים געדוכט, אז דאָס וועגט א פּוד צען. דערצו האָט ער זיך געסטאַרעט וואָס גיכער דורכמאַכן דאָס שטיקל וועג אזוי, ער זאָל קיינעם ניט באַגעגענען און מיט קיינעם זיך ניט אָפּשטעלן.

קוים דערקליבן זיך צו זײַן שטיבל, אַרײַן אין קיכל, א וואָרף געטאָן דאָס קלומעקל אפן הילצערנעם סאָפּעקעלע און אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך. יאָ, די זעלבע געלע ווענט. כאָטש אין דרויסן האָט זיך שוין צעשפּילט דער פרילינג, נאָר די ווענט זײַנען געווען פאַרצוויטעט, ווי אינמיטן ווינטער. ווי עמעצער וואָלט אָפּגעמעסן פאַרפלאַנצט אָף זיי פאַרשיידענע קווייטן און זיי האָבן זיך צעבליט מיט זייערע בונטע פאַרבן: ווײַסע, בלויע און גאָר זילבערנע. זילבערנע קווייטן! זיי האָבן געבלישטשעט, געמינעט זיך, אַרויסגעשײַנט מיט א קאַלטער, פּראַסטיקער שײַן און געעטעמט מיט אזא פײַכטער, עסעריקער קעלט, אז ס׳איז אים גלײַך דורך א גרויל איבערן לײַב.

— יאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין, — מיר וועלן נאָך האָבן קאַלטס און וואַרעמס...

כוץ דעם זילבערנעם צוויט אָף די ווענט, איז אין קיכל גאָרנישט ניט געווען. בלויז אין ווינקעלע צווישן אויוון און סאָפּקעלע איז געווען אַ קליין קופּקעלע דריבנע קאַרטאָפל, אין וועלכע ס'האָט זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט דער פראָסט.

— נישקאָשע, — האָט ער אָנגעהויבן טרייסטן זיך, פּרוּוונדיק אײַנשטילן דעם שנײַדנדיקן ווייטעק אין די ציין. — אָט וועלן מיר אַרויס אָפן הויף, אָנצופּן אַ ביסל שטרוי, אײַנהייצן דעם אויוון און אופּזידן אַ ביסל אָקרעפּ. און ווי נאָר מיר וועלן אויסטרינקען אַ גלאָז אָקרעפּ, וועט אונדז שוין ווערן וואַרעמער. און אַז מיר וועלן זיך אָנוואַרעמען... יאָ, יאָ, אַבי מירן זיך נאָר אָנוואַרעמען...

נאָר אַרויס אָפן הויף און אָנצופּן אַ ביסל שטרוי האָט ער קיין קויעך ניט געהאַט. מיטאַמאָל דערפילט, ווי אין די פאַרבלאָווטע הענט האָבן אָנגעהויבן פאַרגיין זאַשפּערעס און אין די פיס, לעבן די פּיאַטעס האָט אָנגעהויבן שטעכן, ווי מיט נאָדלען. די קעלט פון די פאַרצוויטעטע ווענט האָט אים דורכגענומען אָף דורך און דורך. און דער יעיצערהאָרע האָט אים אָנגעהויבן אײַנרעדן, אַז סאַמע דאָס בעסטע וואָלט געווען, ער זאָל טאַקע שוין זיך אויסבעטן און אַרײַנקריכן אונטערן איבערבעט. האָט ער אָנגעהויבן דערוויַזן זיך אַליין, אַז דאָס איז ביכלאַל פון די קליינע אווייִרעס, און ער קאָן זיך באַגיין אָן דעם יעיצערהאָרע. ווײַל וועמען גייט עס אָן, מיט וואָס און ווי'אַזוי ער וועט אַרויסטרײַבן פון זיך די קעלט: מיטן הייסן אָקרעפּ צי מיטן גראָבן איבערבעט. ס'וואָלט גאָר ניט אויסגעמאַכט, ס'זאָל זײַן ווו אַ ביסל אָנוואַרעמען דאָס איבערבעט אַליין. נאָר דאָס איז שוין אַ קלייניקײַט, מע דאַרף נאָר איבערטערפּען די ערשטע פּאָר מינוט.

אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אָפּגעציטערט, אָפּגעקנאַקט מיט די ציין עטלעכע געציילטע מינוטן, האָט ער דערפילט, ווי ס'הייבט אים אָן ווערן וואָס אַמאָל וואַרעמער. האָט ער שוין געקאָנט פּרײַ, אָן אַ זײַטיקן גרויל באַקוקן זײַן פּוסט קיכל און דערמאָנען זיך, ווי גוט ס'איז אים געווען בײַ יענטלען. וויפל זשע איז ער אָפּגעווען בײַ איר? קימאַט אַ כוידעש! אַ כוידעש צי עפּשער מערער ווי אַ כוידעש? וויי, וויי, אַ גאַנצן כוידעש! ווי אַ כאָלעם דורכגעפלויגן. אַ שיינער און זיסער כאָלעם. ווי צירלס הרעטשענע לאַטקעס. און צירל... טאַקע אָן אוולע פון איר זײַט. ווען זי זאָל ניט געווען אַנטלויפן נאָכן גוסרעגן, וואָלטן זיי געלעבט, ווי אַלע מענטשן. וואָלט אים ניט אויסגעקומען אָפּפירן אַ ווינטער, און דער אָגער זײַנער וואָלט עפּשער אויך געבליבן לעבן. און מע וואָלט אים ניט געווען געדאַרפט אַ האַלב־פאַרפרוירע־נעם אַריבערטראָגן צו יענטלען, און ער וואָלט ניט אַרײַנגעפאַלן צו פּעסיען אין מויל אַרײַן. און איצט... אָפן גאַנצן לעבן אַ ביזאָיען. ווײַל ווי דערווײַזט מען עס יעדערן, אַז סאַכאַקל איז יענטל אָן עמעסע צאַדייקעס. אַז אויב ס'איז דאָ אָף דער וועלט אַ סאָרע באָס טויווים, וואָס ווערט אַלע מאָל מעגולגל אין אַן אַנדער פרוי, האָט איצט יענע הייליקע נעשאָמע זיך באַזעצט בײַ יענטלען.

ער קאָן שווערן, כאָים־בער, אַז ווען ער האָט אַרויסגערעדט צי נאָר אַרויסגעבראַכט אין די געדאַנקען דעם „איישעס כאַיל מי אימצאָ", האָט ער געמיינט יענטלען. נאָר דאָ האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר, ער ווייסט שוין אַפילע ניט, צי די דרויסנדיקע, צי די אינווייניקסטע, און ס'איז אַרײַנגעקומען זײַן צירל. געגאַנגען איז זי אין אַ פּאָר גרויסע פּוישטן און געווען אײַנגעוויקלט פון קאָפּ ביז די פיס אין אַ וואָלענער שאַל. מע האָט נאָר אַרויסגעזען דאָס קליינע פּענעמל אירס, וואָס האָט אויך געצוויטעט, ווי די געלע ווענט.

— דו ביסט גאָר דאָ? — איז זי אָנגעפאַלן אָף אים. — און איך בין אויסגעווען אַ וועלט, דיך זוכנדיק. אַ מענטש גייט עס אוועק אָף עטלעכע מינוט און סטײַעט ניט. מיינסט, איך ווייס ניט?

— ס'איז אַ ליגן! — האָט כאָים־בער אויסגעשריגן. — און ס'איז אַלץ איבער דיר. ווען דו זאָלסט ניט געווען אוועקפאָרן, וואָלט דער אָגער ניט געווען פאַרפרוירן געוואָרן. און איך אויך... ווען ניט יענטל...

— איך ווייס, איך ווייס, דײַן יענטל.

— טשעפּע ניט יענטלען! — איז כאָים־בער געוואָרן נאָך בייזער. — זי איז אַ צאַדייקעס, יענטל! און אויב דו ווילסט וויסן, קאָן זי פּאַסקענען שײַלעס בעסער פון מיר. ווײַל פון איין זײַט איז אײַזיקס קעלבל קאָשער, נאָר פון דער אַנדערער זײַט איז דאָס טאַקע טרייף!

ס'האָט געהאַלטן בײַ אַן עמעסן מאַכלויקעס צווישן מאַן און ווײַב און ווער ווייסט, צו וואָס דאָס וואָלט געבראַכט, ווען ניט... ווידער טאַקע יענטל...

...א גאנצן טאָג האָט יענטל אַרומגעבלאָנדזעט איבערן הויף, ווי אין א כאַלעם. זי איז טאַקע געווען שטאַרק מיד פון דער נאַכט, קוים זיך געהאַלטן אַף די פיס און אַלעמאָל געמוזט זיך ערגעץ צוזעצן. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז דאָס אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אַפּן הויף, גייט איר איצט ניט אָן, אז זי האָט צו דעם קיין שום שײַכעס ניט. כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, און זי אַליין אוודאי, אַז פון הײַנט אָן איז זי דאָ די ערשטע באַלעבאָסטע, די עלטסטע מעל־קערן, און אַלץ וועט אָפּהענגען פון דעם, וואָס זי וועט זאָגן און וואָס זי וועט טאָן. דערווײַל אָבער איז זי געווען זייער ווײַט פון דעם, ניט עפּעס צו זאָגן און ניט עפּעס טאָן. שולדיק אין דעם איז געווען פּעסיע.

אַפּן הויף איז געוואָרן א ביסל פרײַער. די ווײַבער, אָפּגעטומלט און אָנגעשריגן זיך, אָפּגעגעבן אײַזיקן מיט פּעסיען זייער גאָב, זײַנען איינע נאָך דער אַנדערער אַוועק אַהיים גרייטן עפּעס אַף מיטיק און אָנגיסן די קריגלעך מיט דער מילך, וואָס זיי האָבן דאָס לעצטע מאָל אָנגעמאָלקן פון זייערע קי... געבליבן זײַנען בלויז די טעלעכע פרויען, וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן פאַר מעלקערנס, און די מענער, וואָס האָבן ביכלאַל מערער ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער היים. בלויז יאַנקעוו־לייזער, דער איינציקער, דער איינציקער, וואָס איז געקומען אַפּן הויף אָן דער קו, האָט נאָך דעם, ווי פּעסיע האָט פאַרוואָרפן אַף זיך דעם שטריק, זיך אָנגעג־רופן צו זײַנע צוויי איידעמס:

— קומט, קומט פונדאַנען. צו אונדז איז דאָס ניט שײַעך, צו אונדז איז דאָס ניט שײַעך.

מײַן טאַטע, געקומען א ביסל צו־זיך, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער קו און מיטן קעלבל, האָט, צוקוקנדיק די קריג אַרום אײַזיקס שכיטע, א זאָג געטאָן:

— מאַרציאָווע פּלאַנעטעס...

וואָס האָט דער טאַטע געמיינט דערמיט, איז שווער צו זאָגן, נאָר מיסטאָמע האָט ער געפרוווט טרייסטן זיך דערמיט, אז דאָס אַלץ איז נאָך דערווײַל ניט מערער, ווי דער קאַפּריזער וועטער סאָף ווינטער. און ווען ס'וועט אָנקומען דער עמעסער פרילינג, איז נאָך שווער צו וויסן.

לייבעש האָט געוואָלט מיט עפּעס דעקן זײַנע באַנאַכטיקע אווירעס, האָט ער זיך געכאַפּט אַלעמאָל פאַר אַן אַנדער אַרבעט. כאָטש דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, איז אַריבערקלײַבן זיך אין כאַצקעלעס שטוב און פאַרנעמען זיך מיט זײַנע טעלעצעס. נאָר גראָד דאָס האָט ער ניט געוואָלט טאָן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרלאָזן דעם אוילעם, ביז ער וועט ניט אויסבעטן בא זיי כאָטש א שטיקעלע מעכילע, אין דער ערשטער ריי בא יענטלען.

— דו ווייסט דאָך, — האָט ער זיך געבעטן בא איר, — בא מיר איז געווען א ביקל, ניט קיין קעלבל.

— און אז א ביקל, איז וואָס? — האָט יענטל אָפּגעענטפערט.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט פּישל אונטערגעכאַפּט. — א ביקל צי א קעלבל. סײַווי איז דאָס טרייף. טרייף און שוין.

פאַר יענטלען איז דאָס אַלץ געווען שוין ניט וויכטיק. א ביקל צי א קעלבל, קאָשער צי טרייף. זי האָט אַרומגעבלאָנדזעט, ווי ניט קיין היגע, אָדער געזעסן, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט דאָס פאַרווייַנטע פּאָנעם. געזעסן, ווי אײַנגעשלאָפן, און מיטאַמאָל זיך א ריס געטאָן פון אָרט און אַוועקגעשפּאַנט, ווי אַנטלאָפן פון עמעצן. איר האָט אַלץ געקלונגען אין די אויערן פּעסיעס זידלערײַען און קלאָלעס, און זי האָט איצט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, זי האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי וועט זי נאָך דעם קאָנען לעבן אַף דער וועלט.

פייגע די אַנשעליכע, וואָס האָט פון הײַנט אָן געדאַרפט ווערן יענטלס צווייטע האַנט, איז איר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט און ניט געקאָנט צוטראַכטן עפּעס אַף אונטערמונטערן זי.

— נאַרעלע, — זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר אַף א קלאָץ און אָנגעהויבן אײַנטײַנען מיט איר, — וואָס דאַרפסטו זיך נעמען אַזוי צום האַרצן? מע ווייסט ניט, ווער פּעסיע איז? עלעהיי א הונט האַוקעט.

אורציע האָט נאָך לאַנג ניט געקאָנט אײַנשטילן דאָס פריקרע ציטערל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין מאָרדעווען מיט אים און ניט געלאָזט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— אי־אי־איך, — האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט, — איך וועל איר דאָס קיינמאָל... קע־קע־קיינמאָל ניט מויכל זײַן!

מײַן טאַטע האָט נאָך לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, אַרײַנגעקוקט יעדן קעלבל אין די אויגן אַרײַן, גלײַך געוואָלט דערוויסן זיך, וואָס טראַכטן זיי אַליין וועגן דעם אַלעמען. עפּעס האָט אים ניט אופגעהערט הריזען. מעגלעך, א פּאַשעטע בענקעניש נאָכן קעלבל צי עפּשער האָט ער פּאַשעט ניט געוואָלט איבערגעבן דעם „נאַדן” אין פרעמדע הענט. פרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן איז דאָך ניט שײַעך.

— שטעלט מיך אוועק צו די קעלבלעך, איך בעט אײַך...

ארויסגערעדט דאָס צו אנשלען אזוי שטיל, גלײַך ער האָט מוירע געהאַט, עמעצער אַנ־דערש זאָל ניט אויסכאַפּן בא אים אָט די שטעלע.

— אָ, דאָס איז גאָר אנדערע דיבורים, — האָט אנשל אָפּגעענטפערט א ביסל גראָבלעך, נאָר ס'איז געווען צו זען, אז ער איז זייער צופרידן. — און איך קוק אף אײַך די גאנצע צײַט, עפּעס דרייט איר זיך ארום, ווי ניט קיין געדאַוונטער. איז נעמט זיך מיט לייבעשן צו דער ארבעט.

אייגנטלעך, האָב איך דאָ מערער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. די בעריעשאַפט מײַנע האָב איך שוין אלעמען באוויזן, און ס'וואָלט שוין גלײַכער געווען, איך זאָל הײַנטיקן פרימאָרגן געווען זײַן אף אן אנדער יִישעוו. וואָלט איך כאָטש ניט געליטן אזא ביזאָיען איבער מײַנע עלטערן. נאָר — א פאַרפאַלענע זאַך. איצט האָב איך פאַשעט ניט געקאָנט אוועק פונעם הויף און איבערלאָזן יענטלען אין אזא צושטאנד. איך מוז איר כאָטש זאָגן עפּעס א וואָרט. פאַר די פאַר שאָ האָט זי זיך אינגאנצן געענדערט. קיין סימען ניט געבליבן פון דער באַנאַכטיקער יענטלען, וואָס האָט אזוי מיידלש־זאַרגלאָז געזונגען וועגן די גענדזעלעך. איך האָב ניט געוווּסט, וואָס איך וועל איר זאָגן און וואָס דאַרף איך איר זאָגן. איך האָב נאָר געוואָלט, זי זאָל הערן מײַן שטים. מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס דאַרף א ביסל לינדערן איר געמיט. איך בין צוגעגאַנגען און שטיל זיך אָנגערופן:

— יענטל...

וואָס זשע האָב איך געטאָן עפּעס אזוינס אומבאַטראַכטס? פאַרוואָס איז זי געוואָרן אזוי בייז אף מיר? און דער בליק אירער... איך האָב קיינמאָל ניט געזען אין אירע אויגן אזא געמיש פון פײַן און פון האַס.

— איר, איר אלעו!.. — איז זי אף מיר אָנגעפאַלן. — גייט אײַך, אלע, אלע!

איך האָב ניט געוווּסט, צי דאַרף איך מיט עפּעס פאַרענטפערן זיך, ווײַל אזא בליק האָב איך ניט פאַרדינט. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף זי מיך האַסן. און פאַר־וואָס בין איך עס דער מענטש, וועמען זי וויל איצט ניט און קאָן איצט ניט זען. זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיטן שאַלעכל און אוועקגעלאָפן. בין איך געבליבן שטיין, ווו איך בין געשטאַנען. סײַווי האָב איך ניט געוווּסט, וואָס איר צו זאָגן און מיט וואָס צו טרייסטן.

יאָסל איז צוגעקומען צו מיר און מיך א נעם געטאָן פאַר דער האַנט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אן עלטערן און דערפאַרענעם, פאַר אזא, וואָס האָט רעכט צו געבן אייצעס.

— טשעפּע זי ניט... ווייסט דאָך... לאָז זי צורו...

בין איך גאָר, הייסט עס, דער שולדיקער. אין אלץ בין איך שולדיק... דערפאַר, וואָס די מומע האָט זיך אזוי צעגוואַלדעוועט, וואָס מע נעמט צו בא איר דעם „נאַדן", דערפאַר, וואָס באַם טאַטן האָט אזוי געצעטערט די באָרד, דערפאַר, וואָס אײַזיק האָט געקוילעט דאָס קעלבל און פעסיע האָט באַשאָטן די גאנצע וועלט מיט קלאָלעס. און ווער ווייסט אין וואָס נאָך בין איך הײַנט שולדיק, אין וואָס וועל איך זײַן שולדיק מאָרגן, איבערמאָרגן.

ערשט מיט א פאַר שאָ צוריק האָבן די קומענדיקע מעלקערנס זיך געקריגט, ווער וועלכע בעהיימעס וועט נעמען, און ס'האָט געהאַלטן בא שלעפּן קניפּלעך. האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, פאַרוואָס זײַנען זיי מיטאַמאָל אזוי גוט געוואָרן.

— יענטל, אָ, יענטל...

דאָס איז צוגעקומען צו איר הינדע בעניע דעם שטריקלדרייערס, וואָס איז אויך באַשטימט געוואָרן פאַר א מעלקערן. מיט ביידע הענט ארומגענומען יענטלען פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן איר אײַנרעדן:

— יענטל, אָ, יענטל, גיי, קלײַב דיר אָפּ דײַנע קי.

— מיר איז אלצייגס, — האָט יענטל אָפּגעענטפערט. — מיר איז שוין אלצייגס.

נאָר דאָס איז געזאָגט געוואָרן, איידער זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, און איידער זי האָט א קוק געטאָן הינדען אין די אויגן ארײַן. און געוויס איבערגעלייגט פאַר זיך אזוינס, וואָס קאָן קיינמאָל ניט ארויסגעבראַכט ווערן מיטן מויל און ניט אופגעשריבן ווערן מיט קיין אויסיעס. גאָר א באַזונדער שפּראַך, וואָס בלויז פרויען פאַרשטייען זי.

יענטל האָט זיך א הייב געטאָן פון איר אָרט, א שפּאַן געטאָן מיט איר פעסטן, מענערישן שפּאַן, צוגעקומען צו די קי, וואָס האָבן באַקוקט איינע די אנדערע, וואַרטנדיק אף זייערע נײַע באַלעבאַטים. און זיך אָנגערופן:

— וואָס זשע שטייען מיר? מע דאַרף פריִער אופראַמען די שטאַל. און דערנאָך... דערנאָך וועלן מיר זען...

יאָ, יענטל איז שוין געווען אַן עכטע פּיציכטלערן און האָט מערער פון אַנדערע פאַר־שטאַנען פון וואָס מע דאַרף אָנהייבן.

איז אַלץ אַוועק, ווי געוויינלעך, גלײַך ס'איז גאָר אַזוינס ניט געשען. די טעלעצעס מיט די יונגע קעלבלעך האָט מען אַריבערגעפירט צו כאַצקעלעס שטוב, וואָס איז פאַר דער נאַכט מעגוּלגל געוואָרן אין אַ קעלבער־שטאַל, פינף פרויען־מעלקערנס האָבן אָנגעהויבן ברענגען אין אָרדענונג זייער נײַע ווירטשאַפט, און עטלעכע כעוורע האָבן זיך געפּאַרעט באַם אַרטע־זיאַנישן ברונעם, אײַנגעמאַסטעט די קאַרעטעס אַף פּאַיען די פּי.

ווען יענטל איז פאַרנאַכט אַרײַנגעקומען צו זיך אין שטוב און ניט געטראָפן כאַים־בערן, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן. זי האָט צוערשט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן, און אַ צושטאַנד איז באַ איר געווען אַזאַ, ווי יענעם אָוונט, ווען איר יאַנקל האָט ניט געסטײַעט. זי האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך, ווי געזוכט עפּעס אין אַלע ווינקעלעך. די דערמאָנונג וועגן יאַנקלען איז געווען באַ איר אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אין דער הייך אַ פרעג געטאָן:

— יאַנקל, ווו ביסטו?

און ערשט דערנאָך געכאַפּט זיך, אַז זי זוכט ניט יאַנקלען, נאָר כאַים־בערן. איז איר געוואָרן פאַרדראָסיק אַף זיך אַליין דערפאַר, וואָס זי האָט די לעצטע צײַט אַזוי ווייניק געטראַכט וועגן אים. זי איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט, פאַריאָגט, פאַרטראָגן מיט דער קאָמונע, מיט לייען, מיט עמעלען און מיט פיל אַנדערע זאַכן, אַז זי האָט אײַנגאַנצן פאַרגעסן אין יאַנקלען. זי איז געווען זיכער, אַז דערפון, וואָס זי טראַכט וועגן אים, באַאומרויִקט זיך, ווערט אים אַ ביסעלע גרינגער. פונקט ווי איר ווערט אַ ביסעלע גרינגער אַפן האַרצן, ווען זי הייבט אים אָן דערמאָנען, און דערפילט יענעם ניט קלאָרן געמיש פון טרויער און אומרו, פון בענקעניש און עלנטקײַט און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זי ווייסט ניט, ווי מע רופט זיי אָן. הייבט איר אָן פון דעם אַלעמען קלעמען, פּרעסן און אַ ביסעלע בראָטן באַם האַרצן, און אָפּטמאָל גיט עס אַפילע מיט עפּעס אַ שטאָך. פאַרן שטאָך האָט זי שטענדיק מוירע, און דאָך וואַרט זי אַף אים. ווײַל אָן אָט דער שטעכעניש דוכט זיך איר, אַז זי האָט ווייניק געטראַכט וועגן אים, ווייניק געטרויערט און ס'האָט זי ווייניק געקלעמט. דערפאַר וואַרט איר נאָך דעם שטאָך אַזוי גרינג אַפן האַרצן, גלײַך זי איז אָפּגעזעסן און אָפּגעשוויגן באַנאַנד מיט יאַנקלען אַ גוטע שאָ. אַזוי גרינג, אַז ס'ווילט זיך אַזש וויינען. און אָט... שוין דורך ווער ווייסט וויפל, אַז זי האָט ניט געהאַט ווען אַ טראַכט טאָן וועגן אים. האָט זי זיך געפילט אַ באַלכויוו פאַר יאַנקלען.

איר איז די גאַנצע צײַט געווען שווער פאַרשטעלן זיך, ווי זעט ער איצט אויס, איר יאַנקל. זי איז ניט געוווינט געווען צו טראַכטן וועגן מענטשן, וואָס לעבן ערגעץ אַנדערש. זי האָט אין ערגעץ ניט געהאַט קיין באַקאַנטע, קיין קרוויוים, וועלכע זי האָט געדאַרפט דער־מאָנען, וועגן וועלכע זי האָט געדאַרפט טראַכטן, נאָר נאָך דעם, ווי פּעסיע האָט פאַר אַלעמען אין די אויגן זי אַזוי באַשמוצט, האָט זי דערפילט יאַנקלען מאַמאָשעסדיק נאָענט, און איר האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט איר נאָך פוסטריט און טרייסט זי מיט די זעלבע ווערטער, וואָס אַלע היגע ווײַבער:

— נאַרעלע, קענסט ניט פּעסיען?

אָנגעגאָסן אין קריגל אַ פּאָר גלעזער מילך, אָפּגעשניטן אַ האַלב לעבל ברויט און אַוועק. אין קיכל איז שוין געווען טונקל, און זי האָט קוים באַמערקט כאַים־בערן. ער איז געלעגן אַן איבערגעדעקטער מיטן איבערבעט, און מע האָט בלויז אַרויסגעזען דעם שטערן און די צוגעשלאָסענע אויגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז ער עטעמט ניט. איז זי צוגעפאַלן מיט ביידע הענט צום איבערבעט און אָנגעהויבן טרייסלען:

— כאַים־בער, שטייט אוף, כאַים־בער!

כאַים־בער האָט פּאַמעלעך געעפנט די האַלב־בלינדע אויגן, געגומען אַרומקוקן זיך, נאָר ניט געקאָנט באַנעמען, ווו ער איז.

— צירל? — האָט ער ניט זיכער אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז איך, יענטל.

— יענטל? ווי קומסטו אַהער?

— וואָס הייסט? איר האָט דאָך הײַנט ניט געגעסן!

— געגעסן? הײַנט?

ער איז נאָך אַלץ ניט אַרויס פונעם שלאָף, און דער הײַנט איז געווען באַ אים אַ ווײַטער באַגריף.

— נו, יאָ, הײַנט... איבער מיר...

— איבער דיר? פאַרוואָס עפּעס איבער דיר?

דערקלערן, פאַרוואָס איבער איר, איז יענטלען געווען שווער, און דאָס האָט געדאַרפט דויערן צו לאַנג.

— איך וועל פּרוּוון אַריינברענגען אַ ביסל שטרוי, אײַנהייצן דעם אויוון און אָפּזידן די מילך. גוט?

און ניט וואַרטנדיק אַף זײַן האַסקאָמע, איז זי אַרויס אין דרויסן און גאָר אײַנגיכן אַרײַן מיט אַ פולער סאַפּעטקע שטרוי.

— גלעלע ווענט, — האָט זי זיך אָנגערופן, ווען דאָס פײַער אין אויוון האָט זיך צעפלאַקערט און אין קיך איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער, — ווי קאָן מען עס ווײַנען מיט גלעלע ווענט? בא מיר איז דאָ אַ ביסל ווײַסע ליים, וועל איך מאָרגן אויסווײַסן.

כאָים־בער איז נאָך אַלץ געלעגן אונטערן איבערבעט און צוגעקוקט, ווי יענטל באַלעבאַטעוועט. די שטרוי האָט פריילעך געטראַסקעט אין אויוון, אַלעמאָל האָט אַ רויטער פלאַם אַ לעק געטאָן דעם פּריפּעטשעק, באַשײַנט אַף אַ ווײַלע די צעצוויטעטע ווענט, און דאָס, וואָס האָט באַטאָג אויסגעזען זילבערדיק, האָט איצט אַרויסגעגלאַנצט ווי ריין גאָלד.

— סאָרע באַס טויווים... — האָט ער געריעדט צו זיך אַליין. — טאַקע נאָר אַזאַ קאָן אָפּהאַרעווען אַזאַ שווערן טאָג און זיך נאָך האַלטן אַף די פיס. און נאָך דעם, וואָס פעסיע האָט זי אַזוי געמאַכט מיט דער בלאָטע, קומען אַהער אײַנהייצן דעם אויוון... סאָרע באַס טויווים.

— וואָס, וואָס? — האָט יענטל איבערגעפרעגט.

— איך זאָג עס אַקעגן דעם... אויסווײַסן... זעסט דען ניט, ווי די ווענט זײַנען פאַרצוויטעט? זאָל פּרוּוער אַרויס פון זיי דער פראָסט.

— דער פראָסט? ווי זשע מעגט איר דאָ זײַן?

זי האָט אים דערלאַנגט אַ קווערטל זידנדיקע מילך און שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי עס ציטערן בא אים די הענט, ווי ער טוט אַלעמאָל אַ ברי דאָס מויל און בײַסט צו די ליפּן. און ווי עס שטעלן אים זיך אַלעמאָל טרערן אין די אויגן.

— אָט וואָס, — האָט זי אַרויסגערעדט אַנטשיידן. — מיר וועלן באַלד נעמען אײַער געלעגער, און איר וועט ווידער אַוועק צו מיר. דאָ טאָרט איר ניט זײַן.

— פאַרוואָס טאָר איך ניט?

— איר וועט זיך צוקילן! וואָס וועל איך דערנאָך זאָגן אײַער צירלען?

כאָים־בער האָט צונויפגעקוועטשט דאָס קווערטל מיטביידע הענט, ווײַל אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט פאַלט עס אַרויס. געקוקט אַף יענטלען און עפּעס ניט געקאָנט פאַרשטיין. יאָ, ער קאָן טאַקע ניט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ מויעך איז בא אָט דעם ווײַבל און וויאַזוי אַרבעט ער. זאָל זײַן, אַז די שרײַפעלעך דרייען זיך דאָרטן פונקט קאַפּויר און זי נעמט אויך אַלץ ניט אַזוי, ווי אַנדערע מענטשן? ווײַל נאָך אַזאַ פרימאָרגן, נאָך אַזאַ טאָג!..

— ניין, ניין, יענטל, — ער האָט טאַקע שוין זיך דערוואָרעמט אַ ביסל און געקאָנט אַפילע אַ שפּאַס טאָן. — ווי קאָן איך גיין צו דיר? איך האָב ערשט הײַנט באַמערקט, אַז בא דיר איז אַפילע קיין מעזוזע ניטאָ.

— אַ מעציע אַ גרויסע, — האָט יענטל שוין אויך געשפּאַסט. — וועל איך דערווײַל בא אײַך אַנטלײַען.

— ניין, ניין, וויפל איז דער שיר? און נאָך הײַנטיקן פרימאָרגן...

— פאַר פעסיעס מויל זיך דערשראָקן?

— ניין, ניט דאָס. נאָר אַז איך גיב אַ טראַכט.. אָט בין איך געלעגן און געטראַכט... וואָס זשע איז קאָשער און וואָס איז טרייף? ניין, ניט אַזוי, ווער איז פאַר דער קאָמונע און ווער איז קעגן איר... ווײַסטו מיך נעמען צו זיך אַף אַרבעט?

— וואָס זשע וועט איר טאָן אַף דער פערמע?

— איך וועל פירן די מילך קיין סלאַדקאָוואָדנע.

— אוי, ווי גוט! — האָט יענטל אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט. — טאַקע זייער גוט.

— איז רעד זיך דורך מיט אײַער אַנשלען. זאָג אים, אַז איך וועל גוט אָפּהיטן די פערד.

— גוט, גוט, איך וועל אים נאָך הײַנט זאָגן.

— איז גיי שוין אַהיים, טאָכטערוניע. איך האָב דאַפקע געוואָלט דיר דערציילן וועגן סאָרע באַס טויווים, נאָר כ'וועל עס שוין אָפּלייגן אַף אַן אַנדערס מאָל. האָסט הײַנט געהאַט אַ שווערן טאָג, איז האָב אַ גוטע נאַכט...

טוליע, טוליע... ליבער שטיפברודער מײַנער! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַט דאָס שטיקל צולאָג צום וואָרט „ברודערל" איז געווען אינגאַנצן איבעריק. מיר זײַנען געווען אַפּאַנעמעסן אייגענע, מערער, ווי לײַבלעך־אייגענע. כאָטש מיר האָבן קיינמאָל ניט גערעדט וועגן דעם. און איצט... איצט איז שוין שפּעט. דיר איז באַשערט געווען אומקומען אין די ערשטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע, אין האַרבסט איין־און־פערציקסטן, אונטער פּאָלטאַווע.

...ער איז געווען ווי איבערגעלאָדן מיטן אימפּעט פון יענער צײַט, מיט אירע טרוימען און מיט איר שווונג, געווען פאַרכאַפּט מיט איר ברויז און קריגערישקײַט און מיט איר אומבעשאָלעמדיקײַט צו יעדער מין אָפּווײַכונג, צו יעדער מין וואַקלונג. שוין אָפּגערעדט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס מע האָט געקאָנט אָנרופן אָפּנייג. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָן אים קאָן ניט אָפּגעטאָן ווערן קיין שום זאַך, אַז אומעטום מוז ער אונטערשטעלן זײַנע פּלייצעס און טאַסקען אַף זיך דאָס שווערסטע. פאַר די ווינטער־דיקע טעג האָט ער היפּש צוגעשוויצט און שטענדיק געווען אַ ביסל צוגעקילט. די מומע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראַכטן אַף שטילן זײַן היציקײַט, האָט זי געוואָלט כאָטש מיט עפּעס היילן זײַן צוקילעכץ. יעדן אָוונט האָט זי אים געצוווּנגען אויסטרינקען גאַנצע צוויי גלעזער הייסע מילך. דאָס קריגל מילך האָט געוואַרט אַף אים אויך יענעם אָוונט. ווײַל ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איז דאָס איר טוליע, איר אומגליק, און אויב, כאָלילע, פאַרלאָזן דאָס צוקילעכץ...

נאָר טוליע איז יענעם אָוונט אַהיים ניט געקומען. ער האָט ניט געקאָנט פאָרשטעלן זיך, ווי וועט ער נאָך הײַנטיקן פרימאָרגן ארײַנקומען אין שטוב ארײַן און ווי וועט ער זיך זעצן צום טיש... מיטן טאַטן וואָלט ער נאָך דורכגעקומען, נאָר מיט דער מאַמען...

דער טאָג איז פאַר אונדז אַלעמען געווען ניט קיין גרינגער, און די צײַט פון מיטיק איז דורך אומבאַמערקט. זיך געכאַפּט, ווען די זון האָט זיך שוין געקליבן פאַרגיין, און דערפילט, אַז מיר זײַנען שטאַרק מיד און שטאַרק הונגעריק.

— יאָ, אַ טאָג הײַנט, — האָט זיך אָנגערופן טוליע, ווען מיר האָבן גענומען אַראָפּטרייסלען פון זיך די שטרוי, די פּאָלאָווע און דעם שטויב.

— אַ טאָג, ווי אַלע טעג, — האָב איך אָפּגעענטפערט, געוויס מיינענדיק דערמיט גאָר עפּעס אַנדערש.

— זאָג ניט אַזוי, — האָט ער גענומען דערווידערן. — הײַנטיקער טאָג וועט זיך פאַרגע־דענקען אַף לאַנג.

ער איז אַוודע געווען גערעכט, ער האָט זיך טאַקע פאַרגעדענקט. און איצט, אופשטעלנ־דיק אין זיקאָרן די געשעענישן פון יענעם פרילינג, איז מיר זייער פאַרדריסלעך, וואָס יענעם טאָג האָב איך ניט געפּונען פאַר זיך דאָס נייטיקע אָרט און געטאָן עפּשער ניט דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט טאָן. אַזוי טרעפט ניט איין מאָל. דיר דוכט זיך, אַז דו פירסט אָן מיט די געשעענישן, נאָר אינדערעמעסן איז דאָס ניט אַזוי. די געשעענישן זײַנען שטאַרקער פון דיר און ווילן זיך ניט האַלטן אין קיין באַשטימטע ברעגן, צעבושעווען זיי זיך, ווי די וואַסערן אין דער באַלקע, פאַרפלייצן אַלץ אַרום און דיך אויך, און דו הייבסט אָן פאַרכלינען זיך.

ווען דער טאַטע האָט אויסגעדונגען פאַר זיך די שטעלע פון אַ קעלבערציכטלער, האָב איך מיט טוליען גענומען העלפן דעם טאַטן און לייבעשן אײַנאָרדענען די קעלבלעך אַף זייער נײַעם אָרט. דער טאַטע האָט אַלעמאָל געכאַפּט אַ קוק אַף אונדז. געוואַרט, מיר זאָלן עפּעס זאָגן, און לייבעש האָט ניט אופגעהערט פאַרענטפערן זיך:

— אַז באַ מיר איז געווען אַ ביקל, ניט קיין קעלבל. זאָג איך איר, און זי...

צו פאַרנאַכט־צו איז מיטאַמאָל געוואָרן פּראָסטיק. איז שוין טאַקע צײַט געווען שטילן דעם הונגער און דעם הוסט מיט אַ הייסער גלאָז מילך. נאָר אַף האַלב וועג האָט טוליע זיך אָנגערופן:

— מירן ארײַנגיין צו וועלוולען. אָפּגערעדט?

— אָפּגערעדט, — האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט.

די שוועגערן פײַע איז געווען שטאַרק פאַרפאָרעט. מאָרגן פאַרטאָג האָט וועלוול געדאַרפט אוועקפאָרן אַף די קורסן פון טראַקטאָריסטן, און זי האָט אים געגרייט אין וועג ארײַן. נאָר ווען מיר זײַנען ארײַנגעקומען, האָט זי גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מיר זײַנען ארײַן ניט אַף אַ ווײַלע. איר מיטגעפיל האָט זי אַרויסגעוויזן גאַנץ אָפן, דעם פאָרוווּרף האָט זי באַהאַלטן אין זיך. זי האָט געוווּסט, אַז דער טאָג איז פאַר אונדז געווען ניט קיין לײַכטער.

— וואָס באַקוקסטו זיי אַזוי? — האָט וועלוול זיך אָנגערופן. — הייסע מילך האָסטו?

— ווי דען?.. צי עפּשער מאַכן אַ פרעזשעניצע?..

אין מײַנע אויגן איז פּײַע געווען שוין ניט קיין יונגע. א מוטער פון דרײַ קינדער. אינדערעמעסן איז זי דאן געווען נאָך זייער יונג, אפילו ניט אלט געווען קיין דרײַסיק יאָר. און צוויי כיינגריבלעך האָט זי פארמאָגט, וועלכע האָבן זי געמאכט נאָך פיל יינגער. כאָטש דאָס פּאָנעם האָט פארן זומער זיך שטארק געענדערט. פריִער איז דאָס געווען שטארק איבערגעסארפּעט, דערנאָך זיך אָנגעהויבן שיילן, און איצט באדעקט זיך גאָר מיט א נײַער הויט. זי האָט אף א ווײַלע זיך פארטראכט, ווי מעיאשעוו געווען זיך מיט זיך אליין: צי וועט לײַטיש זײַן פון איר זײַט פארהאלטן אונדז אף א גאנצער וועטשערע, צי ניין. דערנאָך, ווי עפּעס באשטימט און איבערגעפרעגט מיט יענעם שמייכעלע, פון וועלכן עס קומען ארויס די כיינגריבלעך:

— איאָ, א פרעזשעניצע?

די כעוורע האָבן געוויס באמערקט, ווויהין מיר האָבן פארקערעוועט. מיר האָבן ניט באוויזן זיך אָפּפארטיקן מיט דער וועטשערע, ווי מע האָט אָנגעהויבן צונויפקומען זיך. אנדערש האָט, אייגנטלעך, ניט געקאָנט זײַן. נאָך הײַנטיקן פרימאָרגן, נאָך הײַנטיקן טאָג האָט מען געמוזט צונויפקומען זיך און ארומרעדן די געשעענישן פון טאָג. ס'איז געווען איינע פון יענע קאָמיוגישע פארזאמלונגען, וואָס קיינער האָט זיי ניט צונויפגערופן און וועלכע האָבן קיין פּראָטאָקאָלן פון זיך ניט איבערגעלאָזט.

— אנטבאַלעגופּעווען דארף מען אים, — האָט טוליע זיך אָנגערופן, און ס'איז אלעמען געווען קלאָר, וועמען ער מיינט.

— וואָס הייסט אנטבאַלעגופּעווען? — האָב איך געפרוווט אים דערקלערן. — בא אײַזיקן איז דאָך אלץ, ווי בא אונדז. באקומען אין קרעדיט פון דער מעלוכע.

נאָר די כעוורע האָבן אונטערגעהאלטן ניט מיך, נאָר טוליען.

— מע דארף ניט זײַן קיין ביוראָקראטן, — האָט יאשע זיך געהיצט. — ניט אין דעם פארמעגן גייט עס.

— אין וואָס זשע דען?

— ער ספּעקולירט מיט ברויט.

— דאָס דארף מען ערשט דערווײַזן, — האָט זיך אָנגערופן טאָליע, דער סעקרעטאר פונעם קאָמיוגישן קעמערל.

ווען ניט די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געמוזט ארויסזאָגן, וואָלט ער אָפּגעשוויגן א גאנצן אָוונט. מיטאמאָל האָט זיך ארופגעוואלגערט אף אים די מידקײַט פון פיל מעסלעסן און דער שלאָף האָט אים ניט געלאָזט עפּענען די אויגן. קוים זיי אופגעריסן, א זאָג געטאָן עטלעכע ווערטער און ווידער זיי געמוזט צומאכן.

אין טאָליע געווען אף מײַן זײַט. נאָר טוליע האָט געטײַנעט זײַנס:

— ניט אין דעם פארמעגן גייט עס, נאָר אין דער פסיכאָלאָגיע. די פסיכאָלאָגיע איז בא זיי א באַלעבאָטישע.

— ווי זשע קאָן מען אנטבאַלעגופּעווען די פסיכאָלאָגיע? דאָס איז דאָך זייער א שווערער און לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס — באפרײַען דעם פויער פון דעם קליין־אייגנטימערישן, ריין־באַלעבאָטישן, ריין־אינדיווידואַליסטישן...

איך האָב געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס אף פארענדיקן מײַן געדאנק, נאָר יאשע האָט מיך איבערגעשלאָגן:

— וואָס ריין, ווער ריין, אז דאָס איז אינגאנצן אומריין! און מע דארף וואָס גיכער אויס־קערן אָט די אומריינקײַט.

— מיט אן אײַזערנעם בעזעם! — האָט טוליע אויסגעשריגן און זיך פארהוסט.

ניכטערער פון אלע איז געווען יאָסל. ניכטערער און פּראַקטישער.

— אנטבאַלעגופּעווען — דאָס איז אזא איניען... זייער אן ערנסטער. נאָר מיר דארפן אין זינען האָבן אנדערע זאכן. דאָס פּי האָט מען צונויפגעפירט. און ווי אָפּהיטן דאָס?

— זאָלן זיי נאָר פּרוּוון! — האָט אויסגעשריגן יאשע.

— ניט זיי, נאָר מיר. — יאָסלען זײַנען אויך ניט גרינג אָנגעקומען זײַנע ווערטער, און ער האָט אויך זייער מוירע געהאַט פארן הוסט. זײַנער איז געווען א פיל ערגערער. — איך מיין, וויאַזוי וועלן מיר באַלעבאָטעווען אין דער קאָמונע. מע דארף דאָך וויסן...

— זעט איר דאָך. זי איז הײַנט אפילו אף דער גאס ניט ארויס, — האָט טוליע א זאָג געטאָן און גלײַך רויט געוואָרן.

— ווער איז די זי? — האָט יאָסל איבערגעפרעגט.

— דאָס טעכטערל זייערס, מירל. זי האָט מוירע די נאָז ארויסצושטעקן.

פֿאַריקן פּרילינג, ווען מיר זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אויף ערד, האָט פּעסיע אויסגעדונגען בײַ אײַזיקן, אַז מירל בלײַבט אין כאַשטשעוואַטע. זי וועט ענדיקן די שול און פֿאָרן ווײַטער זיך לערנען. קיינער האָט ניט געוווּסט, פֿאַרוואָס איז מירל אין קיין הויכשול ניט אָנגעקומען און פֿאַרוואָס האָט זי געמוזט אין האַרבסט קומען אַהער. זי האָט זעלטן זיך באַוויזן צווישן דער היגער יוגנט און זעלטן ווער ס'האָט גערעדט מיט איר. נאָר קיין סינע צו מירלען איז בײַ קיינעם ניט געווען. האָט אַלעמען פֿאַרוווּנדערט טוליעס בייזקײַט און דאָס, וואָס ער איז אַזוי רויט געוואָרן.

— הער נאָר, באַכער, — האָט יאָסל זיך אָנגערופֿן. — דו ביסט, כאַלילע, ניט פֿאַרליבט אין אָט דער מירלען?

יאָסלס ווערטער האָבן אָפּסנײַ איבערגעפֿאַרבט טוליעס פּנים, געמאַכט דאָס צונטער־רויט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וואָרגט זיך מיט עפּעס.

— הערט נאָר... פֿאַר אַזעלכע זאַכן!

וואָס האָט ער ווײַטער געוואָלט זאָגן, איז געבליבן אומבאַוווּסט, ווײַל ס'איז אַרײַנגעקומען די מומע.

גלײַך ס'איז הײַנט גאָרנישט ניט געשען, איז זי אָנגעפֿאַלן אויף טוליען און אויף אונדז אַלעמען:

— ווי געפֿעלט עס אײַך? דער טאָג איז זיי קאַרג! טוליע, די מילך ווערט אויסגעקילט.

פֿאַרן טאָג האָט זי באַוויזן גענוג אָנווייגען זיך, און איצט איז זי גרייט געווען שאַלעם מאַכן מיט אונדז. גאַנץ מעגלעך, ווען ניט די געשיכטע מיט מירלען, וואָלט טוליע אויך ניט געווען אַזוי אומבעשאַלעמדיק.

— איך וויל ניט קיין מילך, — האָט ער אָפּגעענטפֿערט און באַרויגעזלעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— טוליע! — איז די מומע שוין געוואָרן בייז.

— האָט קיין יעסורים ניט, מומע, — האָט זיך אָנגערופֿן די שוועגערן. — מילך האָבן זיי געטרונקען און זיי וועלן אינגיכן אַהיימקומען.

— יאָ, יאָ, מומע, — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר פּײַעס ווערטער. — מיר וועלן אינגיכן קומען.

נאָר אַהיים בין איך אַוועק אָן טוליען.

ס'איז שוין געווען שפּעטלעך און איך האָב געמיינט, אַז אַלע שלאָפֿן שוין, נאָר דער טאַטע מיט דער מומען זײַנען ניט געשלאָפֿן. דער טאַטע איז געזעסן לעבן טיש, און די מומע איז געזעסן אויף דער ערד, אויף דער קופּע שטרוי, אויף וועלכער ס'האָט די גאַנצע צײַט געגנעכטיקט דאָס קעלבעלע. ס'איז אויסגעקומען, ווי זי זיצט שיווע. מיך האָבן זיי באַגעגנט מיט אַן אָנגעבראָיגעזטן בליק און מיט אַ שטומער פֿראַגע: ווּ איז טוליע? איך האָב זיי געענטפֿערט אויף דעם זעלבן אופֿן. מיר איז פּאַשעט שווער געווען אויסרעדן אַ וואָרט. אין זייערע בליקן איז שוין ניט געווען ניט קיין צאָרן, ניט קיין קלאָלעס, נאָר אַזויפֿיל ווייטעק, אַז בײַ מיר האָט מיטאַמאָל אָפּגענומען דאָס לאָשן. און פּונעם פּריפּעטשעק האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט די קאַץ מיט אַ זיגערישן בליק. די קאַץ איז געווען גליקלעך. זי איז איצט געווען אין שטוב דער איינציקער באַלעבײַ און האָט געהאַט צו וועמען צו אייפֿערן.

— דיר געבן אַ גלאָז מילך? — האָט די מומע געפֿרעגט.

— מע דאַרף ניט. מיר האָבן שוין געטרונקען.

— וואָס זשע, בײַ פּײַען איז די מילך געשמאַקער? — האָט די מומע זיך באַליידיקט.

— יאָ, ס'האָט טאַקע געלוינט, — האָט דער טאַטע שטיל אַ זיפֿץ געטאָן.

— אַלץ קעדײַ, אַבי לעבן בלײַבן, — האָט צוגעגעבן די מומע.

— זיך צעוואַיעוועט, ווי טאַראַס בולבאַ! — האָט דער טאַטע אויסגערעדט שוין אַ סאַך העכער און אַ קוק געטאָן אויף מיר. און ווי שטענדיק, האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט ער דערמיט געמיינט. נאָר דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער טאַטע האָט אין דער מינוט געקאָנט זאָגן. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און צוגעקומען צו דער מומען.

— נו, גענוג שוין קלאָגן. וואָסי, אַ קינד, כאַלילע, געשטאָרבן?

— אוי, הערשל! — ערשט איצט האָט די מומע ניט אויסגעהאַלטן און ווידער זיך צעכלי־פּעט. — אַזוי פּוסט!.. מיטאַמאָל זאָל אין שטוב ווערן אַזוי פּוסט!

איך האָב געוואָלט זאָגן עפּעס טרייסטנדיקס, נאָר ניט געקאָנט צוקלײַבן קיין ווערטער. מיר אַליין איז אויך געווען שווער. ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס מיר איז שווער געווען עפּעס זאָגן און שווער געווען דאָס שווײַגן. שווער געווען קוקן אין זייערע פֿאַרטרויערטע, פֿאַרומערטע פּנעמער. כײַ וואָלטן זיי מיך אויסגעזידלט, וואָלט איך שוין געוווּסט, וואָס צו

ענטפערן, איך וואָלט זיי דערקלערט... יאָ, איך וואָלט זיי אלץ דערקלערט ווי עס דארף צו זײַן, און ס׳וואָלט אונדז אלעמען געוואָרן גרינגער. נאָר זיי האָבן געשוויגן. און דאָס לעמפּעלע... ס׳האָט געהאלטן אין איין רייכערן און פינטלען. און דאָס לאנגע רויטע פלעמעלע האָט זיך געריסן ארויספליִען פונעם פארייכערטן גלעזל.

איך בין ארויס אַף דער גאס. די באלקע האָט הײַנט אויך גוט א האָרעווע געטאָן, און איצט, ווי איבערגעמאטערט, איז זי געווען א סאך שטילער. די וואסער, ווי אין גאָר א לײַטיש ריטשקעלע, האָט שלעפעריק געמורמלט, ווי אײַנגעוויגט זיך אליין. נאָר מיט קיין פרעסטל האָט ניט געשמעקט. בלויז יענע פײַכטע קעלט, וואָס גייט פונעם פארנעפּלטן הימל און פון דער צעקוואסעטער ערד. מערער פון דער ערד, וואָס ליגט א דורכגעווייקטע אַף דורך און דורך, האָט ניט מיט וואָס אײַנדעקן זיך און ס׳איז איר אליין זייער קאלט און זייער,

זייער אומהיימלעך. מיך האָט זייער געצויגן ארײַנגיין צו יענטלען. אוודע וואָלט איך איצט געדארפט ארײַנקומען צו איר, דערוויסן זיך, ווי פילט זי זיך נאָך הײַנטיקן טאָג, און זאָגן איר עטלעכע טרייסטנדיקע, דערמונטערנדיקע ווערטער. נאָר אין יענטלס שטוב, ווי אין דער מערהײַט הײַזער, איז די שײַן שוין געווען אויסגעלאָשן. בלויז אורציעס פענצטער האָבן ארויסגעלויכטן אין דער נאכט ארײַן. און דורך די פענצטער האָב איך דערזען זיי אלעמען. אורציען, לייען און יענטלען. זיי האָבן, אפּאָנעם, נאָרוואָס געהאט אויסגעבאָדן עמעלען, און איצט האָבן זיי מיט אלגעמיינע קויכעס זי איבערגעוויקלט. עפּעס האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, געסמאָצקעט צום פּיצעלע, נאָר אופכאפּן עפּעס א וואָרט איז געווען אומעגלעך.

(סאָף קומט)

איך הער דאָס מיט דער ריִע

1. קאָן זײַן

אלע טאָג פאַרגייט די זון
און אלע טאָג פאַרשיידן.
עס קאָן זיך דאכטן,
אלץ איז שטום,
נאָר אלע זאכן ריידן.

און יעדער וואָרט
איז פול מיט שײַן —
מיט גינען און מיט שקיִע.
קאָן זײַן,
קאָן זײַן,
עס קאָן גאָר זײַן —
איך הער דאָס
מיט דער ריִע.

2. מיט א באזונדער זכיִע

איך ווייס געוויס: די צווײַגן,
וואָס דרעמלען קלוימערשט, שווײַגן —
לײַגן!

איך הער דאָך, ווי עס רינען
אין אָדערלעך אין דינע
זאפטן לויטער־גרינע.

פאַרקלעמט איך האָב די אפּלען,
נאָר כ׳זע — די זאפטן צאפּלען
און הער — זיי ריזלען, פּלאפּלען.

איך הער ניט מיטן אויער,
איך זע — ניט מיט דער ריִע —
מיט א באזונדער זכיִע.

וואָס־און־ווען

...און לויט דער פאַרב אפן געזיכט,
לויט דעם, ווי ס׳ברענט
אין אויג דאָס ליכט,
איך ווייס שוין,
איך דערקען —
כ׳פאַרשטיי שוין וואָס־און־ווען.

און ס׳ווערט מיר הייס,
און ס׳ווערט מיר קאַלט,
און ס׳דוכט מיר,
אז דער הימל פאַלט,
אז עפּעס שרעקלעכס
איז געשען...
און כ׳ווייס שוין ניט
ניט וואָס, ניט ווען...

אויך לויט די ווינקלען פונעם מויל
און לויט דעם קנייטש פון ברעם
פאַרשטיי איך
וואָס־און־ווען.

פאַר יעדער קנייטשעלע,
וואָס לייגט זיך אף דײַן שטערן,
כ׳וואָלט גערן
אײַנלייגן א בארג א שווערן.

צוגאסט

דער גנילאָפּיאט פאמעלעכן עס פּלוישט,
ווו די בערעזעס־סעדעכעס זיך סוידען,
אָט דאָרטן, ווו מײַן שטילע קינדהײַט רוישט,
וועט מײַן געלעכטער לאנג די צווײַגן הוידען.

א זיסע בענקעניש פארנארט מיך גרינג אהין.
איך פאל אנידער אין דער טיף פון די בוריאנען.
נישקאָשע, זאָל די קראָפּעווע זיך בריִען —
עס טוט דען ווי דער פּאטש,
וואָס ס׳טוט א מאמע?

עס האָבן אלע סטעזשקעס מיך דערקענט,
זיי לויפן פונעם ווענדל מיר אנטקעגן.

קאָן זײַן, דו ווייסט גאָר ניט,
אז ס׳איז אין דיר געווענדט,
וואָס כ׳האָב געלאָזט זיך
אָף די אויסגעבענקטע וועגן.

איך גיי פאמעלעכן
און קוק זיך אום צוריק,
צי ברענט קיין פײַערל אין דײַנע שויבן.
עס ברענט!
עס ברענט! —
ס׳איז גאנץ צו דיר די בריק...
איך גיי צוגאסט,
איך וועל א קוק טאָן בלויז
דער קינדהײַט אין די אויגן.

דער דריטער

אפילע ווען דו ביסט מיט מיר,
איך ווייס — עס האָט אָף דיר קיין שליטע
די הויכע צוגעמאכטע טיר,
וואָס דארף דעם וועג פארצוימען פאר א דריטן.
כ׳וועל באלד שוין אייפערן צו יענער באנק
בא דײַן צערויבטן שטיבל.
פאר דײַנע אויגן איז זי,
אין דײַן געדאנק —
זי איז ווי א מאצייווע שטיין געבליבן.

איך ווייס, אז אָפּטרעטן פון וועג,
פארמעקן כאָטש א פּינטל אין זיקאָרן —
ווער רעדט פון וואָכן צי פון טעג,
דערויף עס קלעקן ניט קיין יאָרן.

מיר דוכט — ס׳איז מער ניטאָ אזא מין גליק,
א בענקעניש ניטאָ אזא מין זיסע.

ווי אָף א רעגע כאָטש זיך אומקערן צוריק
ניט נאָר אהיים, אפילע צו א טפיסע.
דער גרויער שטיין,
וואָס ליגט באם שליאך
אין שטויב,
דער סאָסנע־צווילינג,
ווי א קאמערטאָן געבויגן...
זיי שטייען, ווי א קישעף פאר די אויגן —
אזא מין אויצער קאָן מען דען בארויבן?

אפילע ווען איך האלט דײַן דינע האנט,
ווען כ׳שלינג די ווארעמקײַט
פון דײַן געצוימטן אָטעם,
אפילע דאן, מיסטאמע,
זעסטו אָף דער באנק
דעם דריטן,
וואָס פארפּאָלגט אונדז, ווי א שאָטן.

שווארצע אויגן

שווארצע קעפּלעך קוטשעראווע,
שווארצע פלוימען־אויגן זשוואווע,
אך, ווי ליב איר זײַט און טײַער!
פאר דעם בליק,
וואָס בריט, ווי פײַער,
מיר זאָל זײַן פאר אײַך.

שווארצע צעפּ
פארדרייט ווי שלאנגען.
צארטע לויטערע געזאנגען,
שוין פון לאנג האָט איר געפאנגען
אין א נעץ מײַן הארץ.

אָף די פּיסקעס,
בא דײַן גאנעק
כ׳שטיי פארטײַעט,
ווי א גאנעוו,
און איך ווארט.

עפּשער וועסטו,
כ׳זאָל ניט הערן,
עפּעס זאָגן
צו די שטערן
וועגן מיר דער נאכט.

עפּשער אויסזינגען א ניגון,
מיט דער וועלט
זיך הייס צעקריגן,
צי דעם טרוים מײַנעם פארוויגן
שטיל אזוי און צארט.

שווארצע אויגן,
שווארצע ברעמען,
כ׳וועל פאר קיינעם זיך ניט שעמען
און אײַך אויסקושן די טרערן,
כ׳זאָל אײַך וויינען מער ניט הערן.

איך וואָלט געשווירן

„קאָן זײַן, ער איז גערעכט,
און וואָס איז שײַ'ך כאַראָטע,
אויב ס'איז אזוי באשערט,
איז אלץ דאָך בלאָטע.

פאר אָט אזא מין שײַן,
פאר אָט אזעלכע פארבן
א טאָג — גענוג וואָלט זײַן,
און נאָכדעם קאָן מען שטארבן..."

אזוי האָב איך געטראכט
אין וואלד אין הארבסטיק־בונטן,
וואָס שטייט אין גאָלד געפארבט,
אין פײַער אָנגעצונדן.

איך וואָלט, ווי אָט דער דעמב,
איך קאָן דאָס הייליק שווערן,
אין אָסיען־פלאם געברענט,
ווען ווי דער גוואר כ'וואָלט ווערן
אין פרילינגדיקן שוים
באדעקט מיט יונגע בליטן...

. . . .

עס שיט מיט גאָלד דער בוים,
אָט וועט ער מיך פארשיטן.

אן אומפארשטענדלעך לאָשן

פון טונקלער הייך
עס ווינקט צו מיר א שטערן,
ער מינעט זיך
מיט טליִענדיקן גאָלד.

מיר דוכט,
איך קאָן אפילע שווערן,
אז עפעס האָט ער זאָגן מיר געוואָלט.

קאָן זײַן, דערציילן מיר —
ער איז שוין לאנג פארלאָשן,
זײַן קאלטע שײַן
קאָן בלויז צו מיר דערגיין...
עס טרעפט, אז איך פארשטיי
אן אומפארשטענדלעך לאָשן,
מע דארף נאָר ווען, כ'זאָל פארשטיין.

עס דאכט זיך בלויז

דאָס מענטשעלע איז קליין,
דער בארג איז הויך,
נאָר פונעם בארג־שטיבל
עס ציט א רויך.

דאָס מענטשעלע איז קליין,
דער בארג איז גרויס,
נאָר עפשער דאכט זיך בלויז?!

א שטראל פון שקיִע

אין שויב האָט א שטראל זיך פארשטאָכן,
מיט בלוטיקן גאָלד זי פארשמירט.
אף שטיקלעך אליין זיך צעבראָכן —
אף פראָסטיקע שפליטערס פון ליכט.

קיין כאשכעס ער האָט ניט צעטריבן,
קיין שײַן אף דער ערד ניט פארזייט.
און דאָך איז אף לאנג נאָך פארבליבן
אין הארצן א ליכטיקע פרייד.

יוסעף ראַבין *

אַזוי איז עס געווען

די שטוב

1

ערעוו פרילינג האָט זיך פרומע שערעשעווסקע צוזאַמען מיט אירע שכיינים אומגעקערט צוריק פון דער עוואַקואַציע און געטראָפן איר שטוב גאַנץ, מיט אַלע טירן, לאָדן און פענצטער. אַפילע האָלץ אַ ביסל איז פאַרבליבן אין שטאַל.

אָנגעקומען אַף דער אייגענער גאַס, איז מען געבליבן שטיין מידע, איבעראַשטע און ניט געגלייבט, וואָס די פאַרטרערטע אויגן זעען. אין איין זײַט פון דער שטוב האָט געסטאַרטשעט אַ קוימען, אין אַ צווייטער — איז געלעגן אַ קופּע מיסט, צוגעדעקט מיט אַ פאַרזשאַווערט ווענטל פון אַן אַלטער אײַזערנער בעט. ס'איז אויסגעקומען ניט אַנדערש, ווי צומאַכן די אויגן, קעדיי די אַלטע געוווינהײַט זאָל פירן צום אָרט פון די געוועזענע הײַזער. יעדער איינער האָט אָוועקגעלייגט זײַן קלומעקל און זיך צוגעזעצט.

ערעוו פרילינג. אין וואַלד ליגט נאָך שניי. דער פאַרנאַכט קומט אָן מיט אַ גרינלעכן אומרויִקן הימל, וואָס ברענגט אַ נאַגנדיקע בענקשאַפט. דער אָוונט לאָזט דערשפירן, ווי די קאָרע פון דיביימער נעמט אוף דעם אָנקום פון פרילינג. פרומע שערעשעווסקע קאָן אים דערקענען, דעם פרילינג, אַפילע לויט די צוויי איבערגעפרוירענע פאַרזשאַווערט־צעקנייטשטע בלעטלעך, וואָס הענגען נאָך פון פאַראיאָרן אַף אַ צווײַג פונעם קליאָן אַנטקעגן איר שטוב. אָט די צוויי בלעטלעך, וואָס זײַנען אַ גאַנצן ווינטער געהאַנגען אַף דער צווײַג, באַקומען איצט אַ יאָסעמדיקן אויסזען.

פרומע שערעשעווסקע האָט ליב דעם פרילינג. און דערצו... זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים. סאָוועטישע סאָלדאַטן שלאָגן דעם סוינע אַף זײַן טעריטאָריע. בריוו פונעם פראָנט באַקומט זי — פונעם מאַן און פונעם זון. קאָן זי דען זײַן ניט־צופרידן? נאָר עפּעס קומט זי ניט, די צופרידנקײַט, צו איר. נאָך מער, איר דוכט, אַז מע קוקט אַף איר שלעכט. אינדערעמעסן... מיט אירע שכיינים איז זי געווען אין אַ ווײַטער סאָוועטישער שטאָט, צוזאַמען געזאָרגט, אינייינעם געאַרבעט. צוזאַמען געטרוימט קומען אין אייגענעם ווײַסרוסלאַנד. און צוריקגעפאָרן איז מען ווי שוועסטער. האָבן אַלע געטראָפן שטויב און אַש. זי איינע — אַ שטוב, און זיי מוזן וווינען בא איר אין שכיינעס.

2

פרומע שערעשעווסקע איז אַלט אַ יאָר פערציק. צוליב איר מיידלשער פיגור און שוואַרצע האָר זעט זי אויס ייִנגער. אַ מידע בלאַסקײַט באַדעקט איר פּאָנעם. זי פאַרמאָגט אַ לײַכטע באַוועגלעכקײַט, אַ גרינגקײַט אין דער אַרבעט און אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער געזעלשאַפט. דער דאָזיקער געפיל איז איר געבליבן פון די קאָמיוגישע יאָרן: זי דאַרף זײַן אַ בײַשפּיל, זי קאָן ניט פאַרלײַדן קיין אוולע, זי פילט פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן צושטאַנד פון מענטשן. כאַווײרים, שכיינים, פרײַנט פילן עס אין איר. און מע לאָזט זי זײַן די ערשטע. פרומע שערעשעווסקע פאַרמאָגט אויך די גוטע קלוגשאַפט צו באַנעמען, אַז צוויי מאָל לעבט ניט אַ מענטש, און דאָס איינציקע מאָל דאַרף מען דורכלעבן שיין. און אָט איצט... איצט איז זי ניט די ערשטע, זי פילט זיך געדריקט, זי קאָן ניט באַגעגענען דעם פרילינג מיט אַ פולן און טיפן אָטעם.

מיט יעדן טאָג קומען אַף דער גאַס נײַע שכיינים, און זיי וואַרפט זיך גלײַך אין די אויגן די איינציקע שטוב. זי זעט זיך אָן פון אַלע

זײַטן. און ווער עס זאָל ניט קומען — ציט עס
אים צו דער שטוב. פרומע הערט אָפט דאָס
וואָרט „מאַזל". און אין אָט דעם גוטן וואָרט
דערפילט זי פארדראָס און ווייטעק.

עס מאכט זיך אפילע, אז זי שלאָפט שלעכט
באנאכט. אין דער פינצטערניש הערט זי, ווי
אומרויִק מע אָטעמט. זי כאַפּט אויף ברעקלעך
אויסגעשרייען פון שלאָף. זי האָט דען איר שטוב
אָפּגעהיט און יענעמס ניט? פארוואָס איז איר
שלעכט?

אין וואלד ליגט נאָך דער שניי. זײַן קילער
און קלאָרער אָטעם הויכט אָף די שטאַמען פון
די ביימער, נאָר די קרוינען זייערע וואָרעמען
זיך אָף דער זון. די הוילע צווײַגן פונעם קליאַן
אנטקעגן שערעשעווסקעס שטוב וועלן באלד
נעמען ריידן פון פרילינג. אין שטוב קלײַבן זיך
אלע צו דער ארבעט. דורכן פענצטער דערזעט
מען אָבער, אז דער בריווטרעגער גייט. צו ווע־
מען קאָן ער עס גיין? אלע בריוו פון דער גאס
טראָגט מען צו פרומעס שטוב — בריוו צו
מענטשן פון די כאַרעווע הײַזער, בריוו צו נאָך
ניט אומגעקערטע פון דער עוואקואציע, בריוו
צו פארלאָרענע קרוווים. פאר אלע אדרעסן
האָט די גאס איין טיר — פרומעס טיר. אלע
פאלן צו צו די פענצטער. דערנאָך לויפט מען
צו דער טיר באגעגענען.

די ערשטע שטייט עטל די זאָקנמאכערן — א
ברייטפלייציקע, א פולע, א שווערלעכע אין
טראָט. איר פּאָנעם איז פארפלאָמט. די אויגן
לויכטן מיט א פיבערדיקער דערוואַרטונג: עפּ־
שער א בריוו פון איר מאַן. קימאַט פיר כאַדאָ־
שים, אז זי האָט ניט קיין אײַנגעטונקטע פּען
פון פראָנט.

לעבן עטלען שטייט שיפרע, מוישע דעם מע־
כאניקערס ווײַב, א יונגע, א זשוואווע, נאָר א
טרויעריקע. מיט א האלב יאָר צוריק האָט זי
באקומען א ידיעה „העלדיש אומגעקומען". זי
האָט אים שוין באוויינט, דעם מאַן, נאָר מעיאַעש
געווען האָט זי זיך ניט. עפּשער? וויפל מאָל
האָט געטראָפן... צי ברענגט איצט ניט דער
בריווטרעגער די גוטע ידיעה פון אים.

די אלטע כיִענע וואַרט אָף א בריוו אָדער פאר־
נעם זון אָדער פון דער טאָכטער. שוין לאַנג, ווי
זי ווייסט וועגן זיי גאָרניט.

עס עפנט זיך די טיר. אין שטוב איז אזוי
שטיל, אז מע קאָן הערן, ווי עס גייען די מאכ־
שאָווים בא מענטשן. דער בריווטרעגער קומט
ארײַן.

— וועמען א בריוו?

— שערעשעווסקע.

פרומע כאַפּט דעם בריוו. נאָר פארוואָס פילט
זי זיך אזוי? וואָסי, עמעצער פארגינט איר דען
ניט דעם בריוו פון מאַן? ער איז דאָך אָפּן
פראָנט. דער איינציקער זון איז אויך אָפּן פראָנט,
און פון אים האָט זי אצינד גאָרנישט ניט בא־
קומען. מע קאָן מיינען, אז זי האָט עמעצן בא־
רויבט, צוגענומען אלץ פאר זיך: א שטוב, א
מאַן, א בריוו, מאַזל... דאָס גאַנצע מאַזל צוגע־
נומען.

3

די שנײַדער־פאבריק האָט זיך ביז דער מיל־
כאָמע געפונען אין א דרײַשטאָקיקן רויטן מויער
מיט א סאך פענצטער, מיט א סאָד אין הויף,
מיט א קלוב. איצט איז די פאבריק אין א לאנ־
גער הילצערנער געבײַדע, ווי א באראק, וואָס
איז אפגיך אופגעשטעלט געוואָרן. מע נייט דאָ
הויזן און גימנאַסטיאָרקעס פארן פראָנט. פרו־
מע איז א צושנײַדערן. דאָס עלעקטרישע צו־
שנײַד־מעסער אין אירע הענט גייט לײַכט און
געהאָרכזאַם. די אויסגעשניטענע ארבל, פלייצעס
און קליאַשן בלײַבן ליגן אָפּן ברייטן שווערן
טיש, ווי גרויסע געשניטענע טאָרטן. די ניי־
מאשינעס רוישן און פילן אָן די געבײַדע מיט
א לעבעדיקער, דריבנער טראַסקערײַ.

הײַנט האָט פרומע אויסגעפילט דרײַ נאָרמעס.
סאָף ארבעטסטאָג קומען ארײַן דער דירעקטאָר
פון דער פאבריק און דער סעקרעטאר פון פאר־
טיי־קאָמיטעט. דער דירעקטאָר מאלקע איסאַ־
קאָוונע — א דרײַסיקיאָריקע בלאָנדע פרוי מיט
גוטסקײַט אין די כיינגריבעלעך — איז א ברייט־
לעכע, א פולע, מיט א זיכערן טראָט און מיט א
באלעבאַטישן בליק, וואָס דערזעט און דערקענט
אלץ. מיט ווירדע און געפיל טראָגט זי אָף זיך
די גרויסע זאָרג. דער סעקרעטאר פון פארטקאָם
יעקאַטערינאַ מיכײַלאָוונא איז אויך א דרײַסיק־
יאָריקע, א הויכע אין וווּקס און א לײַכטע.
דאָס מאטע פּאָנעם איז ווי אויסגעשניצט, אלע
שטריכן זײַנען דין און פול מיט טאקט און מאָס.
אין דער שווארצער שטײַפקײַט פון די ברעמען
ליגט א סאך שטרענגקײַט, וואָס ווערט אָפּגע־
לייקנט פון די באכיינטע מויל־ווינקלען.

דער דירעקטאָר דריקט פרומען די האנט. דער
סעקרעטאר זאָגט, אז זי, פרומע, פילט אויס
איר כויוו פארן לאנד.

וויפל גוטע ווינטשעוואניעס עס גייען צו איר
פון אלע זײַטן! פרומע פילט זיך, ווי אין אן ער־
שטן מײַ, ווען מ'האָט זי אויסגערופן אלס סטאַ־
כאנאָווקע אין פרעזידיום און דער גאנצער זאל
האָט אפלאָדירט.

יעקאַטערינאַ מיכײַלאָוונא פרעגט:

— באקומען א בריוו?

אָנשטאָט אן ענטפער דערלאנגט איר פרומע
דעם בריוו. יעקאַטערינאַ מיכײַלאָוונא נעמט אים
אין אירע הענט, גלײַך ווי זי וואָלט אים בא־
קומען פון איר אייגענעם מאַן, דעם קאפּיטאַן.

בא איר רײַסט זיך ארויס א זיפץ. אָבער זי טוט אפּגיך א פרעג:

— און פונעם זון האָסטו גאָרניט?

ווען פרומע שערעשעווסקע גייט אהיים, נעמט שוין טונקל ווערן. די לופט איז פול מיט אומרו פון דערוואַרטונג. ערגעץ פונדערווײַטן אריבער הײַזער זעט זיך א פאַס הימל פון ווײַנשל־קאַליר, אָן אָפּגלאַנץ פון דער זון, וואָס גליווערט ערגעץ אין דער פארנאכטיקער קילקײַט. אַף איינעם א ראָג פארקויפט מען בלומען. זיי שמעקן ניט, נאָר האָבן דעם רייעך פון וואלד. פרומע אײַלט מיט די בלומען אין דער האנט און וויל וואָס גיכער דערטראָגן אהיים איר יאָמטעוודיקן „גוטן־אָוונט".

4

פרומע גייט צו צום קליאָן, וואָס וואקסט אנטקעגן הויז. ארום איז שטיל און רויִק. זי פילט, אז ניט נאָר יעדעס וואָרט — יעדע מאכשאָווע קאָן זיך לײַכט און פרײַ אופהייבן אין דער לופט און דערלאנגען צום הימל. איר מאכשאָווע וועגן זיך אליין איז אָבער ניט קיין גוטע. זי לויפט אהיים מיט יאָמטעוו, מיט בלומען... און מענטשן פעלט א דאך, מענטשן פארלירן זייערע נאָענטסטע. זי ציטערט אוף, ווי ס'וואָלטן אַף איר פלוצעם גענומען פאלן טראָפּנס רעגן פונעם קליאָן מיט די הוילע צווײַגן. אונטערן זעלבן בוים איז זי העכער צוואנציק יאָר צוריק, מיידלווײַז, געשטאנען מיט איר מאן. אין הייסע טעג איז זי דאָ מיטן קינד געזעסן אין שאָטן. איצט איז זי אליין.

זי האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אז מע קאָן איינע אליין שטיין אונטער א בוים. אליין און מיט בלומען. זי ווארפט אוועק די בלומען. אַף דער האנט בלײַבט בלויז דער וואלד־רייעך, און זי אָטעמט אים אין זיך ארײַן.

אין דער טיר באגעגענען זי די שכיינים.

— ס'איז עפּעס געשען?

— גאָרנישט? — זאָגט עטל די זאָקנמאַכערן. — אלעמאָל קומט איר צו דער צײַט, און הײַנט זיך עפּעס אזוי פארהאלטן?

אלע ציִען זיך צו איר, ווי אינדערפרי צום בריווטרעגער... זי דערפילט די הארציקײַט פון די שכיינים, און איר פארדראָס צעגייט.

זיי פירן זי ארײַן אין איר צימער. אפן טיש שטייט א גרויסער בוקעט בלומען, וועלכע שמעקן ניט, נאָר זיי האָבן א וואלד־רייעך.

דערנאָך האָט מען זיך דערמאָנט, אז א זײַטיקער מענטש איז דאָ אין שטוב, א פרוי. אין שטוב איז ווארעם, נאָר די פרוי זיצט אין א ווינקל אין מאנטל. ווען זי איז ארויס פון ווינקל צום פײַער, איז געוואָרן קענטיק, אז, ווארטנדיק אַף פרומען, האָט זי געדרעמלט. איין באק איז בא איר געווען רויט פון זיצן אָנגעשפּארט אַף א האנט. די פרוי איז אָנגעטאָן אין א שינעל, אין שטיוול, אין א מיליטעריש ווינטער־היטל. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט:

— מײַן פאמיליע איז גאָנטשאראָווא. אינזשעניער־בויער. וועגן אײַך האָב איך א סאך רעקאָמענדאציעס, אז איר זײַט א ווילער מענטש. וועט איר פרעגן, וואָס זשע וויל איך פון אײַך נאָך אזא פאָרעדע? די טעג וועט מען אַף אײַער גאס אָנהייבן ברענגען אין אָרדענונג די וואסערלייטונג, אופשטעלן די בריק. אָן דעם וועט מען ניט קאָנען פארבויען די גאס. צי וועט איר ניט דערלויבן, אז אַף אײַער אדרעס זאָלן אָנקומען בריוו פאר ארבעטער, פאר דער בויונג, — אײַער שטוב איז דאָך דאָ די איינציקע.

— ביטע, אדעראבע, פארוואָס ניט?

— איך דערין בין איך, דעם עמעס געזאָגט, געווען זיכער. אָבער צי וועט איר ניט דערלויבן צײַטווײַליק אין א ווינקל פון אײַער שטוב, אין א קליין ווינקעלע, שטעלן א טישל פאר דער קאָנטאָר, באטאָג, ווען קיינער איז דאָ ניטאָ? אין אָוונט וועט קיין סימען ניט בלײַבן. ס'איז די איינציקע שטוב...

פרומע האָט געכאפּט א קוק צו אירע שכיינים, ווי זי וואָלט געבעטן אָן אייצע. דערנאָך א טראכט געטאָן פאר זיך און אנטשיידן געענטפערט:

— אײַנשטימיק.

— א גרויסן דאנק, איצט איז אלץ.

נאָר געהערט האָט זיך אין די רייד: זי איז פון וועג, זי איז מיד. ווען זי איז בא זיך אין שטוב, וואָלט זי שוין לאנג געשלאָפן, נאָר אזוי־ווי זי איז בא פרעמדע, מוז מען זיך האלטן.

— אָט דאָס איז אלץ, — האָט זי נאָכאמאָל איבערגעכאזערט, און ס'איז גראָד קלאָר געוואָרן, אז דאָס איז נאָך ווײַט ניט אלץ.

— און איר אליין? — האָט פרומע א פרעג געטאָן. — איר אליין האָט שוין ווו צו זײַן?

— דערווײַל ניט.

— ווּהין זשע וועט איר גיין אזוי שפּעט? בלײַבט. טיי וועט איר טרינקען?

— א דאנק. ווּהין וואָלט איך טאקע איצט געגאנגען! בעטן אײַך האָב איך זיך געשעמט.

מע האָט זיך געזעצט טרינקען טיי. באם טייטרינקען איז מען געוויר געוואָרן, אז גאָנטשאראָווא איז א לענינגראדערן, איר מאן איז אויך אן אינזשעניער. קיין יאָר ניט אריבער נאָך זייער כאסענע, ווי דער מאן איז אוועק אפן פראָנט. זי ארבעט באם אופשטעלן כאָרעווע שטעט.

פארן גיין שלאָפן האָט זי געזאָגט פרומען:

— עפּשער וועט אײַער אדרעס זײַן מאזלדיקער... לאנג פונעם מאן קיין בריוו ניט באקומען.

5

פארטאָג, אז מע עפנט אויף די אויגן, הערט מען, ווי פון אלע זײַטן טעסעט מען קלעצער. צו די פענצטער דערגייט, ווי די פלינקע העק רופן זיך אָפּ אף די דערבײַיִקע גאסן. און כאָטש קיין נײַע הײַזער זײַנען נאָך ניט פאראַן און ארום איז פול מיט אלטן ברוך, פילט מען אָבער, אז מער שטייט שוין ניט די שטוב צווישן פּוסטקעס. מע נעמט אפילע פארגעסן, אז די שטוב געהערט עמעצן. א געקומענער פרעגט ניט מער אפן מאזלדיקן באלעבאָס. ער זאָגט:

— די קאָנטאָר איז געבליבן? אויך גוט...

פארנאכטלעך, ווען אין הויף האָט זיך שוין אין אלע ווינקעלעך באוויזן רויך פון שײַטערס, ארום וועלכע עס זיצן ארבעטער און גיבן אכטונג, ווי עס קאָכט זיך אין די קעסעלעך זייער וועטשערע, ווערט בא פרומען אין שטוב שטיל. די קאָנטאָר האָט זיך געשלאָסן, און עס הייבט זיך אָן א געוויינלעך שטוביק לעבן. עטל און שיפרע זײַנען שוין געקומען פון דער ארבעט. גאָנטשאראָווא האָט צוגעגרייט א געקעכץ און וואַרט אף פרומען, זיי זאָלן צוזאמען עסן. פרומע האָט נאָך ניט באוויזן ארומצוקוקן זיך, איז געקומען יעקאטערינא מיכײַלאָוונא. שוין א לענגערע צײַט האָט דער סעקרעטאר פונעם פארטיי־קאָמיטעט געוואַרט אף אָט דעם פרײַערן אָוונט. זי איז אהער געקומען זיך טיילן מיט אירע געדאנקען און אראָפּריידן זיך א ביסל פונעם הארצן. איצט אָבער ווילט זיך איר ניט ריידן. זי שטייט באַם פענצטער און קוקט ארויס צו די שײַטערס ארום שטוב, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען קיין וויכטיקערס אף דער וועלט — נאָר באטראכטן, ווי דער רויך שפּארט צום הימל. עס דערגייט צו איר דער טאַם פון קארטאָפל און דער רייעך פון ציבעלע. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא ווייסט, אז אלע אין שטוב ווילן פון איר הערן א טרייסט־וואָרט: „בריוו פון די מענער באקומט מען ניט צוליב א צופאל". אזוי טראכט עטל, אזוי האָפט שיפרע, וועגן דעם כאָלעמט גאָנטשאראָווא, מיט דעם לעבט פרומע. און זי אליין טראכט דען ניט אזוי?.. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא דערזעט פאר זיך א גאנצע שטוב פרויען אָן מענער. די מענער זײַנען אפן פראָנט. די פרויען ארבעטן פארן פראָנט. זיי ווייסן, אז א מילכאָמע קאָסט בלוט. צי איז דאָ ניט קיין שטוב מיט אלמאָנעס? זי אליין, עפשער, אויך. דאָס גאנצע וועזן אירס נעמט פּראָטעסטירן קעגן אזוינע געדאנקען. איר פארדריסט אף דער שטילקײַט.

דער פרילינגדיקער פארנאכט האָט זיך צוגעטוליעט צו אלע פענצטער. ס'קאָן זיך דוכטן, אז, אויסער פרילינג, איז אף דער וועלט גאָרנישט פאראַן.

דעם נײַנטן מײַ האָט אין דער שנײַדער־פאבריק יעקאטערינא מיכײַלאָוונא געהאלטן א פארטראג. אף דער אימפּראָוויזירטער בינע אינעם נײַ־צעך איז זי געשטאנען א יאָמטעוודיקע, אין א שווארצן קלייד, א שטאלטנע, מיט שטײַפער שטרענגקײַט אין פּנים, וועלכע ווערט אָפּגעלייקנט פון די באקיינטע מויל־ווינקעלען. פון אירע אויגן האָט ארויסגעשײַנט פרייד.

דערנאָך האָט מען געטאנצט. מאלקע איסאַקאָוונע, דער דירעקטאָר, און יעקאטערינא מיכײַלאָוונא זײַנען געווען די ערשטע פּאָר, און זיי האָבן נאָך זיך געפירט די טאנצנדיקע קייט צווישן די אויסגעשטעלטע רייען נײַ־מאשינעס.

באגעגענענדיק זיך אין טאנץ מיט פרומען, וואַרפט יעקאטערינא מיכײַלאָוונא זיך איבער מיט איר מיט א וואָרט.

— פונעם זון גאָרניט באקומען?

— גאָרניט.

— איך אויך ניט. כאָטש איין גרוס, אז מע לעבט.

6

ארום און ארום לייגן זיך פונדאמענטן און עס וואקסן ווענט פון פרישן געהילץ, וואָס שמעקט מיט סמאָלע אף דער זון. די ציגל עטעמען נאָך מיטן פײַער פון די זאוואָד־אויוונס. דער געלער זאמד שײַנט מיט קינדערשער פרייִלעכקײַט. אין דעם ערשטן נײַ־אויסגעבויטן צווייִשטאָקיקן הויז, וואָס שטייט פונקט אנטקעגן פרומעס שטוב, לויכטן ארויס די גרויסע פענצטער, ווי געוואַשענע שפּיגלען.

פרומעס שטוב איז געוואָרן נידעריקער. די דאכלקעס האָבן ווי פארלאָרן זייער פארב. דוכט זיך, קיינער האָט זיך צו דער שטוב ניט צוגערירט, און דאָך איז זי ווי איבערגעביטן געוואָרן. מע רופט זי: די אלטע שטוב. מע גיט אפילע אייצעס: קעדיי ניט שטערן דעם אויסזען פון דער גאס — איבערבויען.

דאָס ארט ניט פרומען. א גאנצע גאס איז מער פון א שטוב. ערגער איז, וואָס אין דער שטוב בלײַבט זי אליין.

שיפרע האָט די ערשטע באקומען א דירע און איז אוועק פון פרומען. עטל האָט זיך שוין אויך אריבערגעצויגן אין א באזונדער וווינונג. גאָנטשאראָווא האָט זיך אויסגעבויט א קאָנטאָר. דערווײַל איז בא פרומען געבליבן די אלטע כיִענע. פרומע וויל זי ניט אָפּלאָזן.

עס טרעפט, אז פרומע קומט פון דער ארבעט און בלײַבט שטיין בא דער שוועל. צופיל שטילקײַט גייט דאָרט פון אינווייניק, פון די כאַדאָרים. אינמיטן זומער האָט פון דער שטוב

גענומען ציִען מיט א קעלט. פרומע שטעלט זיך ווידער אונטערן קליאָן, נאָר איצט האָט זי נישט אין זינען ניט זײַנע אלטע צווײַגן, ניט זײַן שאָטן, ניט דאָס שורשען פון די גרויסע פילשפּיציקע בלעטער.

אין אָוונט קומען צו פרומען אירע געוועזענע שכיינים צוגאסט. זאָל זי ניט פילן, אז זי איז אליין. אלע קומען אהער מיט האָפענונגען. שיפרע האָפט, אז איר מאן וועט אינגיכן קומען. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא קומט צו פרומען אינעם שווארצן יאָמטעוודיקן קלייד, אָבער איצט זעט זי אויס אומגעדולדיקער. גאָנטשאראָווא בענקט נאָך איר אלטער קאָנטאָר אין פרומעס ווינקל. זי איז זיכער, אז א גוטע בסורע פונעם מאן וועט זי באקומען אף פרומעס אדרעס.

— זאָל שוין איין מאן מאכן אן אָנהייב, — זאָגט זי, — איינער וועט קומען, וועלן די איבעריקע זיך באווײַזן.

— זיי קאָנען קומען אלע מיטאמאָל, — זאָגט שיפרע.

— אלע? — פרעגט כיִענע, און זי דערפילט, אז זי קאָן מער אין שטוב ניט אײַנזיצן. זי גייט ארויס, זי דרייט זיך ארום צווישן די נײַע הײַזער. לאנג ארומגיין קאָן זי אויך ניט. ווײַל... קאָן זײַן, אז דאָרט, בא פרומען אין שטוב,ווארטן שוין אף איר אירע קינדער.

אין איינעם אזא אָוונט האָט כיִענע דערזען, ווי א סאָלדאט שטייט לעבן פרומעס שטוב. יענער באקוקט, באטראכט, געפינט, אפּאָנעם, ניט דאָס, וואָס ער זוכט. ווער זאָל עס זײַן?

— ווער ביסטו, סאָלדאט?

אָנשטאָט ענטפערן פרעגט ער:

— א סוואָרע, אז איך האָב א טאָעס?.. ניט מײַן שטוב. ארום־און־ארום איז אלץ נײַ. אפן אָרט פון מײַן הויז שטייט אן אלטע שטוב. זי איז דען געווען אזא אלטע?

— וועמען דארפט איר, יונגערמאן?

אָבער נאָך איידער ער באווײַזט צו ענטפערן, ווייסט זי שוין, זי האָט דערקענט. זי פארגעסט זיך גריסן מיט אים און לויפט אין שטוב. זי קאָן קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם, איר בלײַבט קויכעס נאָר אף אויסצושרײַען:

— פרומע, דער מאן איז געקומען.

טאָכטער, האָב אים ליב

1

אנגעהויבן האָט זיך עס אין יענע טעג, ווען פון נאָכעמען האָבן אופגעהערט אָנקומען בריוו פון פראָנט. זי האָט געוווּסט, אז בא דער קלענסטער געלעגנהײַט שרײַבט נאָכעם. אמאָל פארנעמט א בריוו ניט מער ווי דרײַ שורעס. אין די דרײַ שורעס זײַנען אָבער פאראן די דרײַ וויכטיקסטע זאכן: ער האָט ליב סאָניען, ער שלאָגט דעם דײַטש, ער לעבט. צי קאָן סאָניע ניט לייענען דאָס בריוועלע גאנצע טעג, טראָגן באם הארצן און ארויסלײַכטן מיט גליקלעכע פארליבטע מיידלשע אויגן?

נאָכעם לייטעס האָט אופגעהערט שרײַבן. ניט זי אליין באקומט קיין אײַנגעטונקטע פען, ניט זײַנע עלטערן. סאָניע וויל זײַן זיכער, אז ער לעבט און איז געזונט, אפן פראָנט מאכן זיך פארשיידענע צופאלן. עפשער האָט ער ניט קיין מעגלעכקײַט צו שרײַבן, און עפשער שרײַבט ער און די פּאָטשט האָט זיך פארהאלטן, דערנאָך וועט מיטאמאָל אָנקומען א גאנצער פּאק בריוו. אף באשטעטיקן איר זיכערקײַט וויל זי אויספּרוּוון א מיטל, צו וועלכן זי איז שוין ניט איין מאָל אָנגעקומען. דוכט זיך, גאָר ניט לאנג איז עס געווען, א יאָר פאר דער מילכאָמע, דאן, אז זי האָט זיך געדארפט דערוויסן, צי וועט ער קומען, צי האָט ער זי ליב, — פלעגט זי אופמישן א בוך און מיטן פינגער אָנווײַזן אף א שורע: וואָס וועט זי אויסלייענען?

דעמלט איז אין דעם געלעגן נײַגער און מיידלש כיינדלען זיך. זי איז דאָך געווען פאָרויס זיכער, אז ער וועט קומען, אז ער האָט זי ליב. און איצט?

איצט ציטערט זי מיטן גאנצן גוף, זי האָט מוירע פאר א שלעכטן סימען.

אין גרעסטן טייל פאלט אויס צום גוטן. אמאָל לייגט זיך אויס צום שלעכטן, ווערט זי צעטומלט, דערשראָקן, אלץ פאלט פון די הענט. זי געפינט אויס, אז זי איז אויוועך געווען אף עפּעס א וויכטיקן קלאל, און דעריבער האָט זי רעכט איבערצומישן. דאָס מאָל באקומט זיך גוט, און זי ווערט ווידער פריילעך.

זי שרײַבט צו אים, זי שרײַבט אָפט. ער איז אף מילכאָמע, א מענטש אף מילכאָמע דארף מער ליבע...

אָבער קיין בריוו פון אים קומען אלץ ניט אָן. ניט צו איר, ניט צו זײַנע עלטערן. זײַן ייִנגערער ברודער איז אויך אפן פראָנט — שרײַבט

ער. נאָכעם שרײַבט ניט — צי איז טאַקע אײנ־דערעמעסן מיט אים עפּעס ניט געשען.

א סאַך כאַדאָשים זײַנען אַוועק.

סאָניען האָבן אירע כאַווערטעס גערופן „נאַר־מע" — א ווערקיקע, א שטאָלטנע, א לײַכטע. זי האָט אַף אַלץ גיך רעאַגירט. זי האָט גאָרניט געקענט אויסבאַהאַלטן. נאָכעמען האָט זי ליב באַקומען פון דער ערשטער באַגעגעניש.

הײַנט איז זי אויפגעשטאַנען מיט א גליקלעך פאַרגעפיל: אָדער א גרוס וועט זײַן, אָדער ער אַליין וועט אינגיכן קומען. א גאַנצן טאָג איז זי געווען פריילעך, עס האָט זיך איר אַלץ גע־וואָלט זינגען. אין אָוונט האָט זי זיך געלייגט א צופרידענע אין בעט אַרײַן. ווי נאָר זי האָט אײַנגעאָטעמט דעם ערשטן שלאָף, איז אין צי־מער צו איר אַרײַן א זומערדיקער הימל מיט א פערלמוטערנעם לעוואָנע־סערפּ. אין צימער איז אַרײַנגעקומען א ווינקל שטאָט־פּאַרק, די זײַטי־קע אַליי און די באַנק אונטערן צעצווײַגטן קאַ־שטאַן־בוים. וויפל אָוונטן איז זי דאָ מיט נאָכע־מען אָפּגעזעסן? אָט זיצט זי ווידער אַף דער באַנק און קוקט אין אַלע זײַטן, צי קומט ער ניט אָן. זי איז געקומען פריִער, און ער וועט געוויס קומען פּינקטלעך, צו דער מינוט. פאַר־וואָס קומט ער ניט פריִער? זי האָט ליב — קומט זי באַצײַטנס. און ער? זי איז אומצופרידן, וואָס זי דאַרף זיצן אײנע אַליין. זי וועט אַוועקגיין. זי וועט נאָר איבערציילן ביז צען. זי ציילט ביז צען, ביז פופצן, דערנאָך ביז צוואַנציק, זי גייט ניט אַוועק. זי וועט זיך דערוואַרטן, ביז ער וועט קומען. דעמלט וועט זי אים אויסזידלען און אַוועקגיין.

אָט שטייט ער פאַר איר, נאָכעם. די קאַרע אויגן לײַכטן אַרויס מיט פאַרשטאַנד, די געדיכ־טע האָר זײַנען פאַרקעמט אַף אַרויף. ער שטייט קעגן איר, קוקט אַף איר, שמייכלט. ער לייגט אַרויף א האַנט אַף איר קאָפּ און גלעט די האָר.

— ווייסט, איך האָב פאַר דיר א נײַס! — זאָגט ער.

— א נײַס?

— יאָ. איך האָב דיך ליב. שטאַרק ליב!

און קעדיי איר פאַרלויפן דעם וועג, ווײַל זי וועט דאָך פרעגן: פאַרוואָס האָסטו מיך ליב, טײַערינקער? — זאָגט ער, דריקנדיק אירע הענט:

— כ'האָב דיך ליב, ווײַל איך האָב דיך ליב, אָן קיינע „פאַרוואָסן".

אין זומערדיקן נאַכט־הימל איבער זיי — א פערלמוטערנער סערפּ. זיי זיצן אַף א באַנק אונטער א צעצווײַגטן קאַשטאַן־בוים, און ווע־מען איז נאָך אַזוי גוט, ווי זיי?

וויפל דויערט אָבער א גוטער כאַלעם?

זי כאַפּט זיך אויף. ניט קיין הימל, ניט קיין לעוואָנע־סערפּ. די פּעענצטער פאַרהאַנגען. ווי שטענדיק. נאָר זי איז גליקלעך. נאָכעם איז מיט איר.

— טײַערינקער...

נאָכעם איז ניטאָ. ניט נאָר דער הימל איז א כאַלעם. נאָכעם איז א כאַלעם. זי זוכט אים, ווײַל זי פילט אים נאָך, זי פילט זײַנע האָר אַף איר פּאָנעם, זײַן אָטעם אַפן האַלדז, זײַנע ליפּן אַף די אויגן.

— נאָכעם! — שרײַט זי אויס. — נאָכעם...

זי ווייסט, אַז ער איז דאָ ניטאָ, נאָר זי רופט אים צוהילף, ער זאָל זיך באַווײַזן, ער זאָל שיקן א בריוו. איבערגעבן א גרוס.

— נאָכעם, דו לעבסט? דו לעבסט! געוויס!

זי נעמט זיך אַליין באַרויִקן. וויפל פאַלן זײַ־נען געווען, ווען פון פראָנט האָט מען לאַנג ניט געשריבן, וויפל מאָל האָט מען שוין אַזוינע באַ־קלאָגט און באַווײנט. נאָכדעם לאָזט זיך אויס...

זי מוז טייקעף אָנקלינגען צו זײַנע עלטערן. זי טוט זיך אָן. גוט וואָלט געווען, ווען צום טעלעפאָן זאָל צוגיין זײַן מאַמע. זי ווײנט אָפט, נאָר זי פאַרלירט ניט די האָפענונג, זי טרייסט זיך און זי טרייסט סאָניען. דער טאַטע שווײַגט. זינט פון נאָכעמען האָבן אויפגעהערט אָנקומען בריוו, שווײַגט ער און וויל וועגן קיין זאַך ניט הערן און ניט ריידן. מע זעט, אַז אינווייניק איז בא אים אַלץ פאַרקילט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט. אינווייניק האָט דאָס לעבן גע־פּלאַצט, ער קלאָגט זיך ניט, אָבער טרייסטן קען ער אַוודע ניט. און זי, סאָניען, דאַרף מען טרייסטן, זי, סאָניע, האָט זייער מוירע פאַר זײַן שווײַגן, ווײַל זי, אַז צום טעלעפאָן זאָל צוגיין די מאַמע.

צום טעלעפאָן איז טאַקע צוגעגאַנגען די מאַ־מע.

סאָניע האָט אַרײַנגעשריִען:

— איך, איך, סאָניע!

— סאָניע... — און סאָניען דוכט זיך, אַז די שטים אין טעלעפאָן־טרײַבל ענדערט זיך, עס רעדט די מאַמע, נאָר ס'איז געוואָרן ניט איר שטים.

— איך, איך, סאָניע! — האָט זי אַרײַנגע־שריִען און געוואָלט ווידער דערהערן די באַקאַנ־טע שטים פון נאָכעמס מאַמען. נאָר אָנשטאָט ווערטער האָט זי דערהערט א כליפּ, א געוויין....

סאָניע האָט געלאָזט הענגען דאָס טרײַבל אַפן שנור און איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס. זי איז גע־לאָפן צו נאָכעמס עלטערן. וואָס איז דאָרט גע־שען? ווער איז קראַנק? מיט וועמען איז אַן אומ־גליק? זי האָט געפילט, אַז אַן אומגליק איז גע־שען, נאָר ניט געקענט פאַרשטיין מיט וועמען און וואָס.

די טיר האָט געעפנט א שאָכנטע. סאָניע איז אַרײַנגעלאָפן אין שטוב. אין צימער איז געזעסן נאָכעמס טאַטע, א בלאַסער, א צעבראָכענער.

לעבן אים איז געשטאַנען נאָכעמס מאַמע און אים געטרייסט.

— וואָס איז געשען? — האָט סאָניע אויסגעשריִען.

דער טאַטע האָט גאָרניט געענטפערט.

די מאַמע איז שטיל צו איר צוגעגאַנגען, געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— קענסט מיר זײַן א טאָכטער... קיין שנור...

סאָניע האָט געוואָלט א געשריי טאָן און ניט באַוויזן. זי האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן, שאַרנדיק מיט די הענט איבער דער מאַמעס קלייד.

2

עטלעכע טעג איז זי אָפּגעלעגן צו בעט בא נאָכעמס עלטערן. אז זי איז געקומען צו־זיך, געקענט צונויפנעמען אירע געדאנקען און פאַרשטיין, וואָס זי וויל, איז איינער פון אירע פארלאנגען געוועזן בלײַבן דאָ אין שטוב, זי קען ניט זײַן קיין שנור, זאָל זי כאָטש זײַן א טאָכטער, איר פּערזענלעך לעבן איז סײַווי געענדיקט. זאָל זי כאָטש קומען צוניץ נאָכעמס עלטערן, זי איז דאָך איינע אליין, איינע אליין אף א גאַנצער וועלט.

נאָכעמס טאַטע איז ענלעך אף אַן אָפּגעלעבטן, די איינציקע סימאָנים, אז ער לעבט — זײַן לײַדן און שווײַגן. אז מע קוקט אף אים און אף זײַן ווײַב, דערמאָנט מען זיך אינעם ווערטל: „א שאַרבן לעבט איבער א טאָפּ״.

א גאַנץ לעבן איז דער בוכהאַלטער מוישע לייטעס געוועזן דער געזונטער, דער מונטערער, דער, וואָס האָט זיך פון קיין זאַך צום האַרצן ניט גענומען און אָפּט געשפּאַסט פון זײַן פרוי ראָכל, וואָס נעמט זיך דאַפקע פון אַלץ צום האַרצן, וואָס פילט זיך אָפּט שוואַך, האָט פאַר אַלץ מוירע און לאָזט אַן איבעריקע טרער. אז זיי פלעגן אַרויסגיין אין גאַס שפּאַצירן, האָבן באַקאַנטע, וואָס האָבן זיי באַגעגנט, אָפּט געטראַכט: אָט האָט איר א נאַפּקעמינע צווישן א מאַן און א פרוי. דער זעלבער עלטער קימאַט בא זיי, איז זי שוין אָפּגעלעבט, שוואַך און אַפּילע אײַנגעשרומפּן געוואָרן, ער האָט קיין איין גראָווע האָר ניט, איז א פעסטער, א געזעצטער, מיט לעבעדיקע אויגן.

איצט האָט מען געזען, ווי ער ווערט מיט יעדן טאָג גראָוער. ער איז געוואָרן א שווײַגער, האָט געפּאָלגט, וואָס ראָכל הייסט, און זי, ראָכל, האָט אים געטרייסט, געגעבן האָפענונג, זי האָט אויך געטרייסט סאָניען, אַרומגעגאַנגען אַרום איר, ווי אַרום א קינד. סאָניען האָט זיך אַפילע געדוכט, אז זי לעבט איבער א סאַך מער נאָכעמס אומקום, ווי זײַן מאַמע. די מאַמע זײַנע זוכט פאַר אַנדערע האָפענונגען און טרייסט. פאַר איר, פאַר סאָניען, איז קיין טרייסט ניטאָ.

באַנאַכט איז סאָניע שווער געשלאָפן. איינמאָל האָט זי זיך אופגעכאַפּט, געעפנט די אויגן און זיך דערשראָקן. אף דעם אַנטקעגנדיקן בעט איז געזעסן ראָכל. זי איז געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער קאָפּ אין ווײַסן טיכל האָט זיך אופגעהויבן, און צוזאַמען מיט אים — א שאָטן אף דער וואַנט. א שטילער, א טיפער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן בא ראָכלען, און דער קאָפּ איז ווידער געפאַלן אף דער ברוסט. סאָניען איז געוואָרן קאַלט. ראָכל האָט גענומען ברעכן די פינגער און שטיל וויינען. סאָניען האָט זיך גענומען דוכטן, אז זי פילט, ווי דער מאַמעס שטילע טרערן פאַלן אף אירע הענט.

— מאַמע, וואָס איז מיט אײַך? אײַך איז ניט גוט?

ראָכל האָט לאַנגזאַם אויסגעקערט צו איר דעם קאָפּ און געענטפערט:

— ניין, מײַן טאָכטער, מיר איז גוט!

דער „מיר איז גוט!״ — האָט סאָניען א שניט געטאָן, ווי א מעסער. איר גאַנצער קערפּער האָט א צאַפּל געטאָן.

סאָניע איז אַרײַן צו דער מאַמען אין בעט און זי אַרומגענומען.

פון דעמלט אָן איז שוין סאָניע געשלאָפן מיט ראָכלען. זי האָט זיך שוין דאָ געפילט אײַנגאַנצן היימיש און האָט גענומען אָנפירן מיט דער באַלעבאַטישקײַט. זי קומט נאָך דער אַרבעט אַהיים און פרעגט אויס, וואָס פאַרן טאָג איז געשען, וואָס דער טאַטע מאַכט, ווי די מאַמע פילט זיך.

איינמאָל פאַרן שלאָף האָט זי אף זיך א קוק געטאָן אין שפּיגל. זי איז געוועזן אין איין העמד. איר האָט פאַרדראָסן, וואָס זי איז נאָך שיין. זי איז אַוועק פון שפּיגל, ווי פון א סוינע. באַנאַכט האָט זי, ווי שטענדיק, גערעדט מיט ראָכלען.

— מאַמע, — האָט זי געזאָגט, — פאַרוואָס בין איך ניט געוועזן זײַן ווײַב? פאַרוואָס האָב איך פון אים קיין קינד ניט? פאַרוואָס טראָג איך ניט זײַן נאָמען? מאַמע, א מיידל איז נאַריש, זי ווייסט ניט, אז דאָס גליק קאָן פון איר אַוועקגיין, ווי נאָכעם פון מיר...

די מאַמע, זינט זי שלאָפט מיט סאָניען, וויינט זי ניט באַנאַכט, זיצט ניט אין בעט מיט קיין פאַרבראָכענע הענט. אף צו באַקלאָגן און באַוויינען איר זון זוכט זי אויס א ווינקל, ווו קיינער שטערט ניט, א שאַ, ווען זי איז אַליין.

— טאָכטערקע, — זאָגט די מאַמע, — קינד מײַנס, ביסט נאָך יונג...

— מאַמע, רייד ניט, רייד ניט אזוי!

— טײַערינקע, ביסט מיר אַן אייגן קינד. דו פאַרבײַטסט מיר נאָכעמען.

— מאמע! — שרײַט סאָניע אויס און זעצט זיך אויף. די מאמע זעצט זיך אויך אויף.

סאָניע וויינט.

פון יענער נאכט אָן פלעגט זיך סאָניע לייגן שלאָפן מיט א שווער געמיט. ווען ראָכלען וואָלט עס ניט באלײדיקט, וואָלט זי ווידער געשלאָפן באזונדער. די מאמע וויל צונעמען נאָכעמען אינגאַנצן פאר זיך. זי פארשטייט, וואָס די מאמע טראכט, ווען זי זעט זי אין איין העמד. די מאמע טראכט: אזא לײַב, אזוינע פיס, אזוינע אויגן קענען ניט בלײַבן ווארטן, ביז די ווערעם אין קייווער וועלן פון דעם האנאָע האָבן. מענטשן וועלן עס ניט דערלאָזן. לעבן בלײַבט לעבן. זי איז בא דער מאמען א טאָכטער, נאָר קיין שנור איז זי ניט. דעם אָנדענק און דאָס בענקען נאָך נאָכעמען וויל זי נעמען נאָר זיך. זי, סאָניע, וועט עס ניט דערלאָזן. די מאמע באהאלט אפילע אויס אירע טרערן נאָכן זון, סאָניע איז א פרעמדע, — זי טאָר זיי ניט זען.

ווי פריִער, נעמט די מאמע זי אין בעט ארום. נאָר סאָניע קען זי מער ניט ארומנעמען. סאָניע קען אירע געפילן ניט אויסבאהאלטן, זי קען ניט.

3

סאָניע גייט אהיים פון דער ארבעט. ס'איז הארבסט, ס'איז אָוונט, א רעגן זיפּט. די רעגן־טראָפּנס אײַלן ניט, זיי פאלן לאנגזאם, זיי האָבן גענוג צײַט. אָף דער גאס איז פינצטער. די פענצטער זײַנען פארהאנגען, פארשטעלט, די עלעקטרישע לאָמפּן זײַנען אײַנגעהילט, און עס דוכט, זיי באשײַנען נאָר זייער אייגן אינגעווייד. די פארעס פון די מאשינעס ווארפן שמאָלע פּאסיקלעך ליכט אונטער די פאָדערשטע רעדער, די טראמוויַען זײַנען שפּאָרזאם באלויכטן און קלינגען אָן אופהער. אין די קליינע געסלעך איז כּוישעך, מע טאפּט מיט די הענט די פינצטערניש. די גרויסע פלעצער זעען אויס, ווי פארנעפּלט, ווי פארשאָטן, פארטרונקען מיט טונקלעניש, די הויכע פילגאָרנדיקע מויערן שטייען מיט בלינדע פענצטער. און נאָר ווען־ניט־ווען שארט זיך פון אונטער א פאָרהאנג צופעליק ארויס א שטראל ליכט, ווי א בליק פון אָן אופגעעפנט אויג. בא די טראמוויַ־סטאנציעס איז פול מיט מענטשן. איבער דער גאס מארשירט א מיליטער־טייל, פאָרויס באלײַכט מען דעם וועג מיט א לאָמטערן. אָפט עפנט זיך א טיר אין א קראָם, און דער פינצטערער טראָטואר ווערט אָף א ווײַלע באלויכטן, די פאלנדיקע רעגן־טראָפּנס גלאנצן דעמלט אינעם פאס שײַן. מע דארף זיך גוט אײַנקוקן און זיך גוט צוגעוווינען, קעדיי דערזען און דערפילן, אז אין דער פינצטערניש לעבט די שטאָט.

סאָניע איז שוין צוגעוווינט צו די פינצטערע גאסן, די פיס זײַנען צוגעוווינט ניט זיכער אָנצוטאפּן די ערד אונטער זיך. זי איז מיד. זי וועט קומען אהיים און זיך גלײַך ארײַנלייגן אין בעט. א העלפט וועג איז שוין דורכגעמאכט. סאָניע גיט א ציטער, פון דאך האָט אָף איר א שפּריץ געטאָן הינטערן קאָלנער, איר ווארעמער האלדז האָט דערפילט א פרעמדן קאלטן טראָפּן. זי האָט עפּעס וואָס צו באטראכטן. נאָר זי ווייסט, אז מע טאָר ניט כאָלעמען אין גאס. באם צווייטן ראָג האָט זי אין זינען אויסצומײַדן, אז פון דאך זאָל זי ווידער ניט באגיסן, נאָר כאָטש זי האָט עס אין זינען, דערפילט זי ווידער גלײַטשיקע טראָפּנס אפן האלדז. זי בלײַבט אָבער שטיין. ערגעץ פון א דאך דערטראָגן זיך באקענטע ראַדיִאָ־סיגנאלן. ערגעץ אָף א דאך זאָגט דער הויכריידער עפּעס אָן. עס פליט אָבער פארבײַ א וויניק באלויכטענער טראמוויַ, רוישט און קלינגט, קלינגט אָן א סאָף. סאָניע ווערט בארויגעז, דער טראמוויַ רייצט זיך מיט איר, זי וויל הערן, זי וויל וויסן, וואָס זאָגן אָן די ראַדיִאָ־סיגנאלן. אפן ראָג איז זי שוין ניט אליין. פארבײַגייער שטעלן זיך אָפּ. מענטשן ווערט אלץ מער און מער. די קלאנגען הערן ניט אויף. די זעלבע קלאנגען, וואָס האָבן אויסגעזען מיט עטלעכע רעגעס צוריק אזוי אָנגענעם, ווערן איצט סאָניען דערווידער. נו, וויפל איז דער שיר? שוין צײַט דערציילן וויכטיקע נײַעס.

— בא־פעל!..

פאר וועמען גיסט איצט דער רעגן? מענטשן לייגן אָף אים קיין שום אכט ניט. מע האָט גאָר אָן אים פארגעסן. אלע זײַנען פארנומען נאָר מיט איינס: הערן! אלע הערן די פײַערלעכע שטים פון דיקטאָר, וואָס לייענט דעם באפעל. די שטאָט, וואָס איז באפרײַט געוואָרן, איז שוין באוווּסט, מע רופט אויס די נעמען פון גענעראלן און פאָלקאָווניקעס. א טייל מענטשן גייען אוועק. אנדערע קומען אָן און פרעגן:

— וואָס גענומען? וועלכע שטאָט?

מע דערוויסט זיך און מע גייט ווײַטער. סאָניע קען נאָך ניט אַוועקגיין, פאר סאָניען פארמאָגט יעדער באפעל נאָך א שורע, וואָס איז ווי ספּעציעל פאר־אירטוועגן: אייביקער אָנדענק די געפאלענע... זי פילט דעמלט, אז זי האָט א כיילעק אין דער באפרײַונג פון דער שטאָט, צוזאמען מיט די גענעראלן און פאָלקאָווניקעס קומט אויף נאָכעם. ער ווערט דערמאָנט אין אלע באפעלן. זי שטייט דעמלט מיט אָן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

איצט קען זי פאָרזעצן דעם וועג. זי גייט, און פאר די אויגן שטייט די מאמע. ווען די מאמע

דערהערט די ווערטער „אייביקער אָנדענק די געפאַלענע...", קוקט זי אַרײַן אין ראַדיאָ־רופּאַר, איר דוכט, אז באלד וועט מען אָנרופן נאָכעמס נאָמען. אירע ליפּן פליסטערן, שעפּטשען, די אויגן זײַנען פול מיט טרויער און ווייטעק.

פאַרוואָס איז זי אַנגעשטויסן אָף דער מאַמען? צי האָט ניט די מאַמע קיין רעכט באַדויערן דעם אומקום פון איר זון? צי דען איז אָף דער וועלט פאַראַנען אַזוי ווינציק טרויער, אַז פאַר איר, סאָניען, וועט שוין ניט קלעקן? סאָניע איז מער ניט באַרויגט. פלוצלינג האָבן אַ זעץ געטאָן אַרטילעריע־שאָסן. דער הימל איז געוואָרן באַלויכטן, דער לאַנגזאַמער רעגן האָט אופגעהעלט פון די פילקאָלירקע פײַערן, ביז שטוב האָבן די פײַערן באַלויכטן סאָניען דעם וועג. אַז ס'איז געוואָרן ווידער פינצטער, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: כאָטש איין גרוס, איין גרוס, אַז ער לעבט...

4

פון נאָכעמס יינגערן ברודער, כאַימען, האָבן אופגעהערט אָנקומען בריוו.

דער טאַטע קען מער ניט זיצן און שווײַגן, די געפלאַצטע מאַשין אין אים האָט ווידער גענומען אַרבעטן, ער האָט גענומען נערוועז אַרומלויפן איבערן צימער, שאַענווײַז שטיין אָף דער גאַס בא דער טיר און וואַרטן אָפן בריוו־טרעגער. ער האָט געהאַט טײַנעס צו די שטוביקע און ווידער גענומען זאָגן דייעס ווי אַמאָל. ראָכל האָט די ערשטע טעג אים געטרייסט. דערנאָך האָט זי זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט.

— איבער מײַנע קויכעס, — האָט זי געזאָגט, — וויפל קען איך זיך האַלטן נאָר מיטן אימפּעט?

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי אַראָפּ פון בעט. נאָר אָף איין שאָ צײַט — האָט זי געזאָגט. אָן איר, דוכט זיך איר, גייט אַלץ קאַפּויר. מער האָט זי זיך ניט געלייגט.

די שטוב האָט געלעבט מיט כאַימען. כאַים האָט אַרויסגעשטופּט נאָכעמען, און זי, סאָניע, האָט איצט אויך געלעבט מיט איין געדאַנק: זאָל כאָטש כאַים לעבן, זײַן ברודער, איר ברודער. און קיין בריוו זײַנען אַלץ ניט אָנגעקומען.

ביז סאָפּקאָלסאָף איז אָנגעקומען אַ קליין בריוועלע. מאַמעש טעלעכע שורעס, ער לעבט, ער איז געזונט, ער איז אין אַ שפּיטאָל. אין צווייטן בריוו וועט ער אַלץ באַשרײַבן.

סאָניע איז אין אַ ווינטער־אָוונט געקומען פון דער אַרבעט און האָט גלײַך דערפילט, אַז אַפילע די ווענט אין שטוב זײַנען פרייִלעכער געוואָרן.

— אַ בריוו? — האָט זי אויסגעשריִען.

— אַ בריוו!

דער בריוו איז געווען באַם טאַטן, ער האָט דאָס קליינע בריוול פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט. ניט גרינג איז סאָניען אָנגעקומען נעמען בא אים דאָס בריוול.

אין שטוב איז געווען פרייִלעך, און סאָניען איז געווען פרייִלעך.

פון כאַימען איז טאַקע אָנגעקומען אַ גרויסער בריוו מיט אַ גאַנצער באַשרײַבונג. פון אָנהייב גייט: „טײַערע מאַמע, טײַערער טאַטע..." דערנאָך: „שטעלט אײַך פאָר... איך געפין זיך מיט מײַן קאָמאַנדיר באַם סוינע אין הינטערלאַנד אָף אויסשפּירונג, עס נעמט גיסן אַ שלאַקסרעגן. מיר זעען ניט קיין וועג, קיין שטעג. מיר טאַפּן אָן יעדן טראָט ווי בלינדע. דער ערשטער געדאַנק: צי איז עס ניט פון אונדזער מאַזל וועגן? קיינער זאָל אונדז ניט באַמערקן.

דער רעגן גיסט, ווי דער הימל וואָלט פון זינען אַראָפּ, ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז איך מיט מײַן קאָמאַנדיר האָבן אַ וויכטיקע אופגאַבע. מיר זײַנען דורכגעווייקט און דורכגענעצט ביז אַ לעצטן פאָדעם, די ערד איז ווייך און בלאָטיק, די פיס גליטשן זיך, עס ווערט אַלץ שווערער און שווערער צו גיין. און דעריקער — ווו זײַנען מיר? מיר ווייסן ניט, ווו מיר זײַנען.

אין געדיכטן גוסרעגן גיט פון צײַט צו צײַט אַ שווינדל דורך אַ בליץ, וואָס מאַכט אונדז אָף אַ ווײַלע בלינד, באַלד דערנאָך נעמט דונערן מיט אַזאַ ליאַרעם און טראַסקערײַ, ווי אַלע בערג וואָלטן פליִען אינדערלופטן און צעשאָטן ווערן איבער אונדזערע קעפּ. אַז עס ווערט שטיל, הערט מען דײַטלעכער, ווי עס רוישט דער רעגן. דאָ נאָענט, קען זײַן, איז פאַראַן ווו זיך אויסבאַהאַלטן — מיר זעען עס ניט. צוויי טריט פון אונדז איז עפּשער דער סוינע, און מיר ווייסן ניט, ווו ער איז. דער רעגן האָט אַלץ צוגעדעקט און אײַנגעהילט אין נאַסער פינצטערניש. צי איז עס ניט קיין מאַבל?

אומגעריכט און אומדערוואַרט האָט דער רעגן אופגעהערט, ווי מע וואָלט אים איבערגעריסן. עס האָט גענומען ליכטיק ווערן פון אַלע זײַטן. די זון האָט אַ שײַן געטאָן און גענומען וואַרעמען, פון אונדז האָט גענומען זעצן אַ פּאַרע. איידער נאָך מיר מאַכן קלאָר, ווו מיר זײַנען, דערזעען מיר דײַטשן, מיר נעמען זיך פּאַרזיכטיק רוקן אָף צוריק. זיי באַמערקן ניט, ווי מיר גייען פון פעלד אין וואַלד אַרײַן. אַז מיר זײַנען אַרײַן אין וואַלד, האָבן זיי אונדז דערזען און גענומען באַשיסן. מיר אײַלן אין דער וואַלד־געדיכטעניש, אין וואַלד האָבן מיר אַ האָפענונג זיך צו ראַטעווען. דער וואַלד איז אַ טאַטע. פלוצלינג בלײַבט דער קאָמאַנדיר שטיין, ער כאַפּט זיך פאַר אַ פוס, זײַן פּאָנעם איז איבערגעקרימט פון ווייטעק.

— ווײַטער! — זאָגט ער און שלעפּט קוים דעם פוס. אים איז שווער צו גיין. דער שטיוול איז שוין פול מיט בלוט.

אָפּשטיין איז געגליכן צו טויט. איך פיר אים, עס ווערט אים אַלץ שווערער און שווערער צו גיין. מיר מוזן זיך אָפּשטעלן. איך צי אַראָפּ דעם שטיוול און בינד אים איבער די ווּנד. די שיסערײַ ווערט שטילער. אויב אַזוי, וועלן מיר זיך דערקלײַבן צו אונדזעריקע.

דער קאָמאַנדיר זאָגט:

— צי וועט זיך אונדז ניט אײַנגעבן אָפּנאַרן די ערשטע קויל, זי זאָל קיין צווייטע ניט רופן...

אָפּנאַרן האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן. די צווייטע קויל איז געקומען, דער קאָמאַנדיר איז געפאַלן. איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער און צעטומלטער. מיר האָט זיך גענומען דוכטן, אַז טויזנטער אויגן קוקן אַף מיר, טויזנטער העמערלעך קלאַפּן אין מיר, און מײַן איינציק האַרץ איז שטיין געבליבן.

איך בין צוגעפאַלן צום קאָמאַנדיר. פאַרוואָס האָט ער מיך געלאָזט אַליין? איך האָב צו אים אַ טײַנע, פאַרוואָס ער האָט מיך געלאָזט אַליין.

דער קאָמאַנדיר האָט אַ קרעכץ געטאָן.

ער לעבט!״

דערנאָך האָט חיים באַשריבן, ווי מע האָט אים אַליין פאַרווּנדעט.

5

דעם בריוו האָט מען געלייענט אַ סאַך מאָל, פריִער יעדערער באַזונדער, דערנאָך האָט סאָניע געלייענט פאַר אַלעמען.

פאַר דער מילחמה האָט סאָניע איין מאָל אָדער צוויי מאָל געזען חיימען. ער איז נאָך דעמלט געווען אַ יונג בחורל, אָנהייב מילחמה האָט ער פאַרענדיקט די מיטלשול און איז אַוועק פרײַוויליק אַפן פראָנט. זי וויל זיך פאָרשטעלן, ווי ער זעט איצט אויס. טאַטע־מאַמע, אַז זיי האָבן געלייענט דעם בריוו, האָבן זיי געזען און געפילט, אַז ס׳איז זייער זון חיים. ווי איז זײַן געזונט? צי איז זײַן פוס ניט אין געפאַר? סאָניע האָט אים דורכן בריוו געדאַרפט ערשט דערקענען. זי האָט זיך אים געדאַרפט אויסמאָלן. טאַטע־מאַמע האָבן געלייענט אַ בריוו פון חיימען, זי האָט געלייענט דעם זעלבן בריוו פון נאָכעמען. זי האָט שטאַרק גענומען אַרויסקוקן אַף בריוו.

בריוו האָבן גענומען אָנקומען אַלץ אָפטער און אָפטער. די בריוו זײַנען געווען מונטערע. ער היילט זיך, זײַן געזונט ווערט בעסער. ער האָפט אפילו אינגיכן קומען צוגאַסט אַהיים.

אין שטוב האָט מען זיך גענומען גרייטן צו זײַן קומען.

חיים איז געקומען מיט ניט קיין פאַרהיילטן פוס, אָנגעלענט אַף אַ שטעקל.

צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע איז אים סאָניע אַרופגעפאַלן קושן. צוזאַמען מיט זיי האָט זי זיך באַמיט ניט באַמערקן זײַן שטעקל. זי האָט געוואָלט הערן, וואָס ער זאָגט, ווי ער רעדט, ווי ער פילט זיך. ער איז געווען אַ גאַסט, ער איז געווען בײַ טאַטע־מאַמע אַ זון און בײַ איר אַ ברודער. אַלע זײַנען געזעסן בײַם טיש, דער טיש איז געווען ליכטיק און אויסגעפּוצט. ווײַן, פלייש און פיש. די מאַמע האָט אָנגעבאַקן געבעקס: שטרודלען, דריידלעך און לעקעכלעך. קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז נאָכעמס אָרט, וואָס איז ביז איצט געווען ליידיק, האָט פאַרנומען חיים, די גאָפּל־מעסער, וואָס זײַנען ביז איצט געלעגן ניט גערירט, האָט גענוצט חיים. אַנטקעגן, ווי שטענדיק, איז געזעסן סאָניע, אין שטוב איז געווען פריילעך, לאַנג איז מען געזעסן, דערנאָך איז חיים אַוועק שלאָפן. ער איז מיד פון וועג. די עלטערן האָבן אים באַגלייט צום בעט און לאַנג פון אים ניט אָפּגעטראָטן. סאָניע האָט גענומען אויפראַמען פון טיש. דערנאָך האָט זי זיך געלייגט שלאָפן, די מאַמע האָט זיך לאַנג ניט אומגעקערט פון חיימען. סאָניען איז געוואָרן אומעטיק אַליין.

פון יענעם טאָג אָן האָט סאָניע גענומען באַמערקן, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען סוידען זיך אָפּט. זיי האָבן אויפגעלעבט, זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן אַרײַנגעלייגט אין חיימען, זי האָט אויך גענומען באַמערקן, אַז דער טאַטע האָט גענומען אָפּט אַף איר קוקן, שמייכלען צו איר, אפילו גלעטן איבערן קאָפּ, פרעגן, צי דאַרף זי ניט קיין געלט, צי וויל זי עפּעס ניט קויפן.

— טאָכטערקע, ביסט אונדז אַן אייגענע. זײַ אַן אייגענע מיט אַלץ, שעם זיך ניט.

— וואָס איך דאַרף — וועט מער ניט קומען. מער דאַרף איך גאָרניט.

— רייד ניט אַזוי, טאָכטער. מע קאָן קיינמאָל גאָרניט וויסן פאָרויס.

אין דעם טאַטנס רייד האָט זי געפילט וואַרעמקײַט און האַרציקײַט.

6

פאַר די יאָרן מילחמה האָט זיך חיים געענדערט. אויסערלעך איז ער שוין מער ניט קיין יונג בחורל, נאָר אַ מאַנצבל. זײַן יונג, קימאַט ייִנגלש פּאָנעם איז געוואָרן מענעריש, אָפּגעברענט, פאַרהאַרטעוועט, זײַנע אויגן, וואָס האָבן פריִער געוואָלט אַלץ אָנקוקן, זען, באַמערקן, זײַנען געוואָרן רויִקער. זיי קוקן ניט אַף אַלץ מיטאַמאָל, זיי לויפן ניט אַרום אין אַלע ווינקלען, דערפאַר אויב זיי קוקן שוין אַף עפּעס.

דוכט זיך, אַז זיי זעען עס אַף דורך און דורך. אויך זײַנע באַוועגונגען זײַנען געוואָרן מער צילגעווענדט. זײַנע הענט האָבן פריִער פאַר־מאָגט די זעלבע קוועקזילבערדיקע יוגנטלעכע אומרויִקײַט, ווי זײַנע אויגן, צוליב איין נייטי־קער באַוועגונג האָבן זײַנע הענט געקענט מאַכן צען איבעריקע. איצט באַוועגן זיך די הענט אויסגערעכנט. פריִער האָט ער אַלץ געוואָלט און אַלץ געזוכט, נאָר ניט געקענט זאָגן, וואָס וויל ער און וואָס זוכט ער, איצט זעט מען, אַז אויב ער זוכט, ווייסט ער וואָס און קען עס אָנרופן באַם נאָמען.

טאַטע־מאַמע האָבן עס באַמערקט און גע־פילט. נאָר וועגן וואָס טראַכט זייער זון, וואָס לעבט ער איבער און וואָס טראַכט ער וועגן לעבן, האָבן זיי ניט געוווּסט. טאַטע־מאַמע האָבן שוין ניט איין מאָל געפרוווט מיט אים פאַרפירן אַ שמועס, מוישע אַף זײַן אופן — ווי אַ מאַנזבל מיט אַ מאַנזבל, אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן. ראָכל אַף איר אופן, ווי אַ מאַמע מיט אַ דערפאַרענעם זון, באַ וועלכן מע פרעגט אָן אייצע. כאַיִם לאָזט זיך ניט אַרײַן אין קיין געשפרעכן וועגן זיך אַליין. ער קומט אַלץ אָפּ מיט אַ שפּאַס, מיט אַ ווערטל, מיט זײַטיקע זאַכן. און אַפילו סאָניען, צו וועלכער ער באַציט זיך מיט גרויס רעספּעקט, ווי צו אַ קאַלע פון זײַן אומגעקומענעם ברודער, אַפילו סאָניען, ווען זי בעט באַם טיש דערציילן וועגן דער מילכאָמע, — ענטפערט ער אויך אָפּ מיט אַ ווערטל:

— מילכאָמע, שוועסטער, איז ניט קיין מײַסע אַף דערציילן.

אויסערלעך האָט זיך כאַיִם געענדערט, אינער־לעך האָט ער זיך ניט אַזוי געענדערט, ווי גע־קומען צו־זיך. ער האָט זיך אַליין דערפילט און זיך אַליין פאַרשטאַנען. אין נאָרמאַלע באַדינ־גונגען וואָלט עס געקומען אַ סאַך שפּעטער, אין יאָרן פון מילכאָמע איז כאַיִם גיך אופגע־גאַנגען און גיך רײַף געוואָרן. דערפאַר אָבער איז אומבאַמערקט דורכגעלאָפן, קימאַט ווי איי־בערגעשפרונגען געוואָרן, דער יוגנטלעכער רייץ פון האָבן אַ טאָעס און נאָכדעם כאַראָטע האָבן, פון טאָן אַ זאַך מיט געפיל און ערשט דערנאָך באַזיניקן זי. ער איז אַריבערגעשפרונגען אַ טרעפּ אינעם לייטער, אַ טרעפּ, וואָס רופט זיך יוגנט, וועלכע מעג זיך באַנאַרישן, זען איין פאַרב אָנשטאָט אַ צווייטער, מעג צופיל טרויען און אַ סאַך טרוימען, מעג זיך אַנטוישן. ער האָט, קאָן זײַן, צו פרי גענומען זען אַלץ אין דער עמעסער שײַן. ער האָט שוין געוווּסט די פרײַז פון כאַווערשאַפט, געוווּסט, ווו מע קאָן טרויען און ווו — ניט. פאַר אים איז גיך אַוועק די צײַט פון איבעראַשט ווערן, פאַרווונדערט ווערן, מעקאַנע זײַן און נאָכמאַכן, כאַיִם איז צו גיך געוואָרן כאַיִם.

אין שטוב האָט מען אופגעהערט צו דער־מאָנען נאָכעמס נאָמען אין סאָניעס אָנוועזנהײַט. ס'איז געווען ווי אָפּגערעדט צווישן זיך, כאָטש מע האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט גערעדט.

אַז טאַטע־מאַמע סוידען זיך, אַז זיי ריידן דאַפקע דעמלט, ווען ניט ער און ניט סאָניע זײַנען דערבײַ, האָט ער נאָך דערווײַל ניט באַ־מערקט אָדער עס האָט אים פּאַשעט ניט געאַרט. קאָלזמאַן ער האָט זיך געדאַרפט אָנשפּאַרן אָפּן שטעקל, איז ער קימאַט קעסיידער געזעסן אין שטוב. עס האָט אים ביכלאַל אין ערגעץ ניט געצויגן.

אַז דער פוס איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן און כאַיִם האָט גענומען גיין אָן אַ שטעקן, האָט ער דערפילט, אַז ניט נאָר ער שטייט אַף צוויי פיס, נאָר די הענט זײַנען באַ אים פרײַ געוואָרן. די פרײַע הענט האָבן אַרויסגערופן אַ פאַרלאַנג זיך באַוועגן און עפּעס נעמען טאָן.

ער האָט גענומען אַרומגיין איבערן צימער, און סאָניע האָט געזאָגט מעווינעס אַף זײַן גאַנג. זי האָט אים געלערנט, ווי שטעלן דעם טראָט, זי האָט זיך געפרייט.

די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען געשטאַנען דער־בײַ, די פּנעמער זייערע האָבן געשײַנט, די מאַמע האָט אַפילו געלאָזט אַ טרער, אין דער מינוט איז זי געווען ענלעך אַף דער מאַמען פון פאַר דער מילכאָמע.

7

די לעצטע טעג, אַז סאָניע פלעגט זיך אומ־קערן אַהיים, איז באַ איר געווען איין געדאַנק און איין פאַרלאַנג: עפענען די טיר און טייקעף אַ קוק טאָן אַף כאַיִמען. צי וועט זי אים ניט דערזען נאָכעמען? און אַלעמאָל האָט זי אין דער ערשטער מינוט דערזען נאָכעמען אין כאַיִמען. ענלעך, זייער ענלעך! און זי האָט אַליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס זי איז צופרידן: צי פון דעם, וואָס זי זעט נאָכעמען, וואָס ער שטייט איר אַ ווײַלע פאַר די אויגן און איר ווילט זיך וואַרפן זיך צו אים, צי פון דעם, וואָס אין כאַיִמען קאָן מען דערזען נאָכעמען? לאַנג דויערט אָבער ניט דער ערשטער אײַנדרוק, דעמלט דערזעט זי, וואָס אין די ברידער איז ענלעך און וואָס ניט.

הײַנט, זי איז נאָר געקומען פון דער אַרבעט און האָט נאָך ניט באַוויזן די טיר צומאַכן, האָבן זי מוישע און ראָכל באַגעגנט:

— פאַראַן בילעטן אין טעאַטער.

— אין טעאַטער? — איר האָט אין דער מינוט זיך געדוכט, אַז דאָס וויל מען זי אויספּרווון. מע וויל וויסן, צי זי האָט פאַרגעסן נאָכעמען און צי וועט זי זיך גלײַך אָן דעם אָנכאַפּן. — אין טעאַטער? — האָט זי איבערגעפרעגט. — איך בין שוין אַזוי לאַנג ניט געווען אין טעאַטער, אַז עס ציט מיך ניט.

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט גיין?

זי האָט באַשלאָסן ניט צו גיין. דאָס הייסט ניט, אַז זי וועט מער קיינמאָל אין ערגעץ ניט אַרויסגיין, ניט זײַן אין טעאַטער. זי איז אַ לעבעדיקער מענטש, דערווײַל ציט זי ניט, און באַזונדערס, ווײַל מוישע מיט ראָכלען, וועלכע סוידען זיך אַזויפיל, זײַנען פאַרינטערעסירט, אַז זי זאָל יאָ גיין.

— סאָניע, — האָט געזאָגט כּאַים, — איך האָב בילעטן אין טעאַטער. אַליין גיין מיט צוויי בילעטן איז אַי אומעטיק אַי נאַריש. קומט מיט מיר. אָדער פּאַשעט — באַגלייט מיך.

זי האָט אויף אים געקוקט און קימאַט ניט גע־זען אין אים נאָכעמען. זי זעט נאָר כּאַימען. זי איז אומצופרידן, אָבער ניט באַגלייטן צום טעאַטער — ווי קען זי? דאָס וואָלט הייסן באַ־ליידיקן אַ מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז זי וועט באַגלייטן, נאָר אַז נאָכעמס ברודער, וואָס איז געקומען פון פראָנט אַ פאַרווונדעטער, בעט אָדער גיין אין טעאַטער אָדער באַגלייטן, און זי קלײַבט אויס באַגלייטן — צי איז עס ניט קיין באַליידיקונג? פאַרוואָס קומט כּאַימען באַליידיקן?

כּאַים מיט סאָניען זײַנען אוועק אין טעאַטער.

אין דרויסן איז געווען וואַרעם און ליכטיק. סאָניע האָט געפירט כּאַימען אונטער דער האַנט, אָפט געכאַפּט אַ בליק, ווי זעט אויס כּאַימס גאַנג.

ביזן טעאַטער האָבן זיי געשוויגן. אין טעאַ־טער האָבן זיי פאַרנומען זייערע ערטער. דער פאָרהאַנג האָט זיך אופגעהויבן. סאָניע האָט גע־קוקט אויף דער סצענע, די האַנט האָט זי גע־האַלטן אויף דער פּאָרענטשע פון שטול. פּלוצלינג האָט זי דערפילט, אַז אויף איר האַנט ליגט כּאַימס האַנט, אַ הייסע און אַ ציטערנדיקע. אַ האַנט, וואָס פרעגט און וואָס זוכט אַן ענטפער. זי האָט איר האַנט צוגענומען, זי האָט זיך אָפּגערוקט צום ברעג שטול. אַז עס איז געוואָרן ליכטיק, האָבן זיי ניט געקענט קוקן איינער אויפן אַנ־דערן. כּאַים האָט זיך געפילט שלעכט און שול־דיק. ער האָט עס גאָר פריִער אין זינען ניט געהאַט. ווי־אַזוי האָט זיך עס באַקומען? אין אַזוי־נע זאַכן איז ער נאָך אַ ייִנגל. און ער האָט געמיינט, אַלץ ווייסט ער, אַלץ פאַרשטייט ער, ניטאָ אים מיט וואָס צו איבעראַשן. שווײַגן איצט איז פּונקט אַזוי ייִנגלש און נאַריש.

— סאָניע, — האָט ער געזאָגט, — ווען האָט איר באַקומען דעם לעצטן בריוו פון נאָכעמען?

עס האָט גענומען טונקל ווערן אין זאַל. כּאַים האָט זיך צו איר אָנגעבויגן און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, סאָניע.

פון יענעם אָוונט האָבן זיך סאָניע און כּאַים געפילט געענגט אין איין שטוב. ביידן האָט זיך גענומען דוכטן, אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איצט איין פאַרלאַנג: זיי כּאַסענע מאַכן. דער־פאַר סוידען זיי זיך אַזויפיל. סאָניע שלאָפט אַמאָל ניט באַנאַכט, זי טראַכט, זי זאָל ווען זײַן אָביעקטיוו, קאָן זי פאַרשטיין אַזאַ פאַר־לאַנג. ווען זי זאָל זיך קאָנען שטעלן פון דער זײַט און באַטראַכטן זיך און כּאַימען, ווי זײַטיקע מענטשן, וואָלט זי געקאָנט זאָגן, אַז אַזאַ פאַר־לאַנג פון עלטערן איז עפּשער ניט קיין אומ־גערעכטער. נאָר כּוץ דעם, וואָס זי וועט אויף אַזוינס ניט אײַנגיין, פאַרדריסט איר די קלוג־שאַפט פון דער מאַמען, וואָס וויל זי איבערקליגן און מיינט זי אַזוי ביסלעכווײַז צוגעווינען צו כּאַימען. איר וואָלט צום הארצן געווען, ווען מע זאָגט איר פּראָסט און פּאַשעט: נאָכעם איז אומגעקומען און וועט צו דיר מער ניט קומען. אייביק אַ מיידל וועסטו ניט פאַרבלײַבן. דאָס איז קעגן דער נאַטור. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר... נאָכעם וועט פאַרגעסן ווערן, אַן אַנדערער וועט קומען, צי איז ניט גלײַכער, אַז דאָס זאָל זײַן נאָכעמס ברודער...

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נאַריש צו מיינען, אַז זי, סאָניע, קאָן אויף אַזוינס אײַנגיין. נאָר פאַרוואָס וויל די מאַמע זי איבערקליגן, עפּעס ווי אָפּנאַרן? פריִער צוגעווינען און דערנאָך אײַנריידן. וואָס איז זי, אַ קינד? זי פילט אַ פאַר־דראָס אויף דער מאַמען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן צו איר אָנגע־קלונגען עטלעכע כאַווערטעס. צו זיי איז דער־גאַנגען, האָבן זיי געזאָגט, אַז נאָכעם איז געקו־מען, זיי ווייסן, אַז זי איז שוין מיט אים געווען אין טעאַטער, זיי באַגריסן זי.

— ביסט אַ מאַזלדיקע, סאָניע, אַ מאַזלדיקע!

אין יענעם טאָג איז סאָניע אַריבער צוריק צו זיך אין צימער.

8

טאַטע־מאַמע האָבן אָפט געטראַכט וועגן כּאַימען און סאָניען. ווען זיי האָבן כּאַסענע... איז אָט ווי ביידע זין וואָלטן געבליבן. דעמלט וואָלט נאָך געווען אַ לעבן און אַ האָפענונג.

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז סאָניען קאָן אַזוינס באַליידיקן. סאָניע איז אַ מיידל מיט כאַראַקטער, די מאַמע פאַרשטייט אָבער אויך, אַז אייביק וועט סאָניע ניט בלײַבן אַליין, דער איבערבראָך קאָן אָנקומען פּלוצלינג, אומדער־

וואָרט, און עס וועט זײַן שפּעט. די מאַמע פּילט, אַז מיט סאָניען בלײַבט איר שטוב ווי געווען, ווי אַמאָל.

צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד איז סאָניע ניט געקומען. אין שטוב זײַנען אַלע אַרומגעגאַנגען אומצופֿרידענע, ווי באַרויִגעזע איינער אויפֿן אַנדערן. פֿאַרוואָס איז זי אַוועק, ווער איז שולדיק?

גיין צו איר וועט אָבער קיינער ניט, און ווי אַלעמאָל, ווען מע איז אומצופֿרידן, זוכט מען אויף וועמען די אומצופֿרידנקייט אַרויפֿוואַרפֿן, האָט מען אַלץ אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף סאָניען. אַ נאַריש מיידל, וואָס איז איר אָנשטעל? זי איז אַ שיינע — נו, איז וואָס?

נאָכדעם איז דער פֿאַרדראָס געוואָרן גרעסער, דעריבער האָט מען געפֿילט די נייטיקייט טראַכטן וועגן איר ערגער. זי איז אַוועק — זי וויל כאַסענע האָבן, אַזוי גיך פֿאַרגעסן נאָכעמען...

קיינער וועט צו איר ניט גיין, זאָל זי אַליין קומען. און דאָך איז די מאַמע אַוועק צו סאָניען. סאָניע האָט זי אַרומגעכאַפּט קושן, זי האָט זיך געפֿילט שולדיק. זי האָט אַפֿילו ניט געהאַט מיט וואָס פֿאַרענטפֿערן איר אַוועקגיין. כאַווערטעס האָבן געקלונגען און באַגריסט — אַ נאַרישקײַט. איצט דוכט זיך איר, אַז אַפֿילו פֿאַר זיך אַליין איז עס קיין ענטפֿער ניט. אָדער עפּשער דערפֿאַר, ווײַל כאַיִם האָט איר האַנט אָנגענומען? זי פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין. דאָס הייסט געדענקען נאָכעמען? זי שטייט פֿאַר דער מאַמען, ווי אַ שולדיק קינד, וואָס רויטלט זיך און קאָן גאָרניט זאָגן. די מאַמע האָט אַפֿילו מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט און ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי איז אומצופֿרידן, אַז איר פֿאַרדריסט. זי האָט נאָר געזאָגט:

— טאָכטערקע, איך האָב זיך פֿאַרבענקט.

זי האָט גענומען אויספֿרעגן, וואָס סאָניע מאַכט, ווי זי פֿילט זיך.

— כ'ווייס אַליין ניט, מאַמע, ווי איך פֿיל זיך. איך האָב אויך שטאַרק געבענקט.

— דו טוסט אַזוי... קעדיי בענקען, ביסטו פֿונדערווײַטן.

— מאַמע, איך קאָן איצט אַנדערש ניט, איך קאָן ניט...

סאָניע איז צו די עלטערן אַלץ ניט געקומען. אַמאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז זי טוט עס, ווײַל זי שעמט זיך איצט באַווײַזן. זי וועט ניט וויסן מיט וואָס פֿאַרענטפֿערן איר ניט קומען, איר האָט זיך געדוכט, אַז כאַיִם וועט זיך פֿילן ניט גוט, אויב זי וועט קומען. נאָר אָפּטער פֿון אַלץ האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט פּאָשעט מורא צו קומען, פֿאַר עפּעס שרעקט זי זיך.

דערווײַל האָט זיך כאַיִם ווידער געגרייט אין וועג אַרײַן. ער איז געזונט און פֿאָרט ווידער אויפֿן פֿראָנט. סאָניע האָט געפֿילט, אַז זי מוז אַרײַנגיין. זי האָט אָפּגעלייגט פֿון טאָג צו טאָג, ביז כאַיִם איז אַליין געקומען. ער האָט געשפּאַסט:

— איך האָב ניט געוווּסט, סאָניע, אַז מײַן האַנט קאָן אײַך אַזוי איבערשרעקן. איך בין זיך געקומען געזעגענען...

סאָניע האָט געפֿילט, אַז די רויִקײַט און דאָס שפּאַסן גייט זיך אים ניט גרינג, ער האָט געוויס גאַנצע טעג געטראַכט, ווי ער זאָל זיך מיט איר האַלטן און וואָס זאָגן. ער האָט געוויס לאַנג געטראַכט, צי ער זאָל ביכלאַל קומען צו איר.

זי האָט זיך געפֿילט ניט גוט מיט כאַיִמען.

— סאָניע, טאַטע־מאַמע בלײַבן אַליין, איצט, אַז איך וועל ניט זײַן, וועט איר געוויס צו זיי אַרײַנקומען, זיי זײַנען אײַנגאַנצן אַליין.

זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער איקער אין זײַנע רייד איז ניט, אַז זי זאָל אַרײַנקומען צו זײַנע עלטערן, דער איקער איז דאָס, וואָס אַז ער וועט ניט זײַן, וועט זי קענען אַרײַנקומען... זי האָט געוואָלט זיך מאַכן ניט פֿאַרשטייענדיק, זי האָט געזאָגט:

— געוויס וועל איך קומען, אָפֿט קומען. — זי קאָן אָבער ניט אויסבאַהאַלטן. וואָס זי מיינט, זאָגט זי. — אַנטשולדיקט, כאַיִם, איר דאַרפֿט זיך אויף מיר ניט באַליידיקן. איר פֿאַרשטייט... איר זײַט אָפֿט ענלעך אויף נאָכעמען, איך קאָן ניט...

— איך בין אַלעמאָל ענלעך אויף זיך אַליין.

— עס ווענדט זיך פֿאַר וועמען.

— פֿאַר אײַך?

— ניין.

זיי זײַנען אײַנגיכן צוזאַמען אַוועק צו די עלטערן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי באַגלייט כאַיִמען צום צוג. זי האָט זיך מיט אים געזעגנט, געקושט.

9

ס'איז געווען האַרבסט. אַלע טאָג איז סאָניע מיט די בולוואַרן געגאַנגען צו די עלטערן און אַלע טאָג געוואַרט אויף בריוו. סאָניע האָט ליב דעם האַרבסט, ווען ער איז נאָך זוניק, ווען די לופֿט איז דורכגעזאַפּט מיט רײַפֿקײַט, ווען די בלעטער אויפֿן בוים זײַנען שוין באַצוימט מיט געל. זי האָט ליב אויך, ווען אַ געלער בלאַט נעמט זיך דרייען אין דער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט און לייגט זיך איר צו די פֿיס, זי זעצט זיך אויף אַ באַנק און וויל טרעפֿן: צי וועט כאַיִם שרײַבן איר באַזונדער. געוויס ניט, זי

האָט מיט קיין זאַך ניט פאַרדינט, ער זאָל איר שרייַבן.

עס האָבן גענומען אָנקומען פון כאַיִמען בריוו פון וועג. פאַר איר איז אין די בריוו געווען אַ גרוס. די גרוסן זייַנען ווי אַף אָפּצוקומען, ווי אַ זאַך, וואָס מע מוז, ווייַל אַזוי פירט זיך די וועלט. איר האָט עס פאַרדראָסן.

ערעוו די אָקטיאַבער־יאָמטויווים איז סאָניע שפּעטלעך געקומען אַהיים, זי איז געווען מיד און הונגעריק, זי האָט אַפגיך אָפּגעגעסן און זיך געקליבן לייגן אין בעט אַרייַן. אַ שאָכנטע האָט איר אַרייַנגעטראָגן אַ בריוו.

דער בריוו איז געווען פון כאַימען.

זי האָט זיך ניט געייַלט דעם בריוו עפענען. זי האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו אַפן טיש און אַרופגעלייגט אַף אים ביידע הענט. זי איז אופגערעגט, זי מוז זיך פריִער באַרויִקן. איר פאַרלאַנג באַקומען פון אים אַ בריוו איז באַפריידיקט. זי וויל זיך אָנשטויסן, וואָס אין בריוו איז געשריבן. עפשער ניט מער ווי אַ גרוס, אַזאַ ווי אין די בריוו צו זייַנע עלטערן. דער נייַגער אין איר שטייַגט. זי וויל טייקעף וויסן, וואָס דאָרט איז געשריבן, נאָר עפשער זאָל זי זיך טאָן אַ צולאָכעס און זיך אָפּהאַלטן? זי קאָן זיך ניט באַהערשן. אירע ציטערדיקע פינגער נעמען פאַנאַנדער דעם צונויפגעלייגטן דרייַעק. זי לייענט:

ער וואָלט זיך וועלן באַנוגענען מיט אַ גרוס אין די בריוו צו זייַנע עלטערן, ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן זיך באַהערשן. ווען ער זאָל ניט פאָרן אַף מילכאָמע, פונוואַנען מע קאָן אַמאָל צוריק ניט קומען, וואָלט ער עפשער אַזוי גיך ניט געשריבן. ער ווייסט, אַז זייַן בריוו וועט זיך אָנשטויסן אַף אַ וואַנט. ער שרייַבט, ניט ווייַל ער וויל די וואַנט דורכברעכן. ניין, ער איז באַ זיך ניט גענאַרט, ער פאַרשטייט אַ ביסל סאָניען, ער פאַרשטייט, אַז קעדיי מיט איר זאָל עפּעס געשען, מוז זי שטאַרק פאַרכאַפּט ווערן, פאַרלירן כאָטש אַף איין מינוט דעם קאָפּ. זי מוז דערטרונקען ווערן אין אַ שטאַרקערן פון זיך. ווי ער פאַרשטייט, איז ער ניט דער, וואָס קאָן אַזוי ווירקן, אָבער שרייַבן מוז ער. פאַראַן געפילן, וואָס מע קאָן אויסלעבן מיט דער ביקס. דעם געפיל פון ליבע אָבער ניט.

ער האָט זי ליב, אָבער ניט דערפאַר שרייַבט ער צו איר, ער האָט פּאַשעט ניט צו וועמען וועגן דעם צו שרייַבן. זי איז די אייינציקע. ער מוז שרייַבן, זי דאַרף אים מיטפילן און פאַרשטיין. ער איז פאַרליבט, ער האָט פאַרלאָרן די רו, ער האָט זיך אַליין פאַרלאָרן... ער לעבט מיט איר אויסזען און מיט איר אָנדענק. זאָל זי אים אַנטשולדיקן, מער וועט ער ניט שרייַבן, ער וועט זיך שטאַרען באַהערשן. נו, אָט דאָס, סאָניע, איז אַלץ... אַלץ, וואָס הייסט כאַיִם.

זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן פון אופרעגונג, זי האָט נאָכאַמאָל געוואָלט לייענען און ניט געקאָנט. לאַנג האָט זי נאָכדעם ניט געקאָנט אייַנשלאָפן. איר איז געווען גוט.

דערנאָך איז זי אייַנגעשלאָפן. נאָר אײַנגיכן האָט זי זיך אופגעכאַפּט, ווי עמעצער וואָלט זי געוועקט. „ער האָט פאַרלאָרן די רו, ער האָט זיך אַליין פאַרלאָרן". ער איז אַף מילכאָמע און האָט פאַרלאָרן די רו... זי איז שולדיק! פאַרוואָס האָט זי אים ניט געזאָגט כאָטש איין וואָרט אַף באַרויִקן? פאַרוואָס האָט זי אים ניט געגעבן קיין פּיצעלע האָפענונג אַף אַמאָל, אַף שפּעטער? אַ מענטש אַף מילכאָמע...

עס האָט איר אַף זיך פאַרדראָסן. צי לעבט זי ניט נאָר מיט זיך? צי איז כאַיִמען ניט נייטיק איר וואַרעם וואָרט אַף שלאָגן דעם סוינע? צי איז כאַיִמען ניט נייטיק זייַן רויִקייַט אַף זיך אויסצוהיטן פון אַ קויל?

זי האָט זיך ווידער געלייגט און ווידער געזעצט. זי אַליין האָט פאַרלאָרן די רו. איר איז פאַר די אויגן אופגעקומען דער שלאַקסרעגן פון כאַיִמס בריוו. וואַסער־שלאַנגען שמייַסן אים און ווילן אים צעטרעטן. זי סאָניע, האָט זיך אַף אים אַרופגעוואַלגערט, ווי זייַן פאַרוואונדעטער קאָמאַנדיר. ער טראָגט זי אַף זיך, ווי אַ טויטן קערפּער. ער וויל פילן, צי דער קערפּער לעבט, צי ער אָטעמט. ער וועט פאַלן פון די פיס, און זי האָט מיט קיין איין ווונק ניט אַרויסגעוויזן, אַז זי לעבט, אַז זי אָטעמט, אַז איר האַרץ קלאַפּט. זי דערפילט דעם שלאַקסרעגן איבער זיך, דאָס וואַסער פאַרשווענקט זי, עס דונערט איבער איר.

זי האָט מער ניט געקאָנט אייַנשלאָפן.

אַף מאָרגן האָט זי געקלונגען צו זייַנע עלטערן. זי האָט באַקומען אַ בריוו פון כאַיִמען. ער בעט זיי גריסן. נאָך דער אַרבעט איז זי אַליין געקומען און נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט, אַז דער בריוו איז אַ האַרציקער, ער בעט זיי גריסן. טאַטע־מאַמע האָבן פון נייַגער ניט געקאָנט אייַנזיצן אַף אַן אָרט. פאַרוואָס גיט זי ניט לייענען דעם בריוו? צי דען וועט זי אים אַוועקטראָגן מיט זיך? דער טאַטע האָט ניט געפונען קיין ווערטער, וויאַזוי איר געבן אָנצוהערן. די מאַמע האָט אָבער געפונען אַן אייצע.

— טאָכטערקע, האָסט דעם בריוו פאַרגעסן מיטנעמען?

— ניין, ניט פאַרגעסן.

סאָניע איז געווען זיכער, אַז אַזאַ בריוו איז נאָר פאַר איר. אַזאַ בריוו ווייַזט מען ניט. נאָר באַלד האָט זי אַ צווייט געפיל אַרומגעכאַפּט: ביז איצט האָט מען איר נאָר געשריבן אַ גרוס,

א גרוס אַף אָפּקומען, און איצט שרײַבט מען צו איר.

— אָט איז דער בריוו!

זיי האָבן זיך אַף דעם בריוו ארופגעוואָרפן, ווי א דאַרשטיקער אַף וואסער. דער בריוו אין זייערע הענט איז געשפרונגען, ווי א לעבעדי־קער. זיי האָבן זיך ניט באנוגנט מיט איין מאָל לייענען און געלייענט נאָכאמאָל. בא דער מאַ־מען האָבן געציטערט די ליפּן, עס האָט זיך געדוכט, אז זי אינגאנצן וואַרפט זיך ווי אן אומרו, זי וויל עפּעס זאָגן, נאָר קאָן ניט, זי וויל עפּעס בעטן און ווייסט ניט וויאַזוי. נאָכ־דעם איז זי צוגעגאנגען צו סאַניען און מיט מאַמישער הארציקײַט און ווייכקײַט געזאָגט:

— טאָכטער, האָב אים ליב.

וואָס וועט זאָגן מײַע?

1

סאָף מילכאָמע איז דאָוויד ליפשיץ פּאַר־וואונדעט געוואָרן צום צווייטן מאָל. דרײַ כאַדאָשים איז ער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, ביז דער פוס האָט זיך קימאַט פאַרהיילט, אָבער ניט אַף אַזויפיל, אז ער זאָל אים פרײַ קענען דינען. ווו זײַן מישפּאָכע געפינט זיך, האָט ער נישט געוווּסט, דעריבער האָט ער זיך מיט אַלע קויכעס געריסן צו זײַן היימשטאָט.

פאַר זײַנע פּערציק יאָר לעבן האָט דאָוויד ליפשיץ זיך זייער ווינציק באנוצט מיטן „עפּ־שער". פאַרקערט, ער האָט ליב געהאַט אײַנצו־שטעלן, איינמאָל באשלאָסן — איז פאַרפאַלן. איצט לעבט ער דורכויס מיטן „עפשער". ער פאָרט צו זיך אין שטאָט, און כאָטש קיין גרויסן גלויבן אין דעם, אז ער וועט געפינען זײַן מישפּאָכע, אז ער וועט טרעפן א היים, האָט ער נישט, דאָך האָפט ער: עפשער? ער האָט זיך שוין אפילע עטלעכע מאָל פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער נעמט אראָפּ דעם גרויסן שלאָס פון זײַן טיר.

2

דעם שלאָס פון זײַן טיר האָט דאָוויד ליפשייץ דאַפקע געפונען. דער שלאָס צוזאַמען מיט די קליאַמקעס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרזשאַ־ווערטע, פאַרוואַקסענע מיט בלאָטע. א שלאָס אָן א הויז. די טיר, אַף וועלכער ער איז פרי־ער געהאנגען, איז געווען אָפּן און צעבראָכן. די שטוב, וועלכע ער האָט געדאַרפט אָפּהיטן, איז געווען פּוסט און ליידיק, מיט אויסגעזעצטע שויבן און ארויסגעריסענע ראַמען. דאָוויד האָט אַף דער שטוב א מאַך געטאָן מיט דער האנט. ווו איז די מישפּאָכע?

גאנצע טעג לויפט ער ארום, עטוואָס נאָכ־שלעפּנדיק דעם רעכטן פוס. סאָפקאָלסאָף האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערוויסן, אז פון זײַן מישפּאָכע האָט זיך געראטעוועט א קינד — דאָס מיידעלע. עס געפינט זיך אין א דאָרף.

ווען דאָוויד איז ארײַן אין דאָרף, האָט מען פון אַלע פענצטער און טירן ארויסגעקוקט אַפן סאָלדאַט, וואָס שלעפּט עטוואָס נאָך א פוס. צו וועמען איז ער געקומען? ווער איז ער? קיינער דערקענט אים נישט. אָבער אַלע ווילן וויסן.

דאָוויד גייט איבערן דאָרף און איז זיכער, אז זײַן טאָכטער וועט אים גלייך דערקענען, וועט זיך צו אים וואַרפן, שרײַען „פּאַפּאַ", לאַכן און וויינען.

צי מע געדענקט אים ניט, צי מע באַמערקט אים ניט? אַזויפיל קינדער אַף דער גאַס, און קיינער וואַרפט זיך צו אים ניט. ער איז ארײַן אין הויז, ווו זײַן קינד געפינט זיך. דאָס הויז איז געראַם און ליכטיק, אין ווינקל הענגט אן איקאָנע. אַף דער וואַנט — קאַלינינס בילד. באַם טיש זיצן דרײַען און עסן. א מאַן, א פרוי, א קינד. דאָס קינד — איז זײַנס! איבערן גאַנצן קערפּער זעצט ארויס א היץ, וואָס שוואַכט אים אָפּ.

— פּאַפּאַ, — זאָגט דאָס מיידעלע.

„דערקענט!" — איז זײַן ערשטער געדאַנק. נאָר באַלד האָט א קעלט אים ארומגעכאַפּט. „פּאַפּאַ" — דאָס איז געווען נישט צו אים, צו א פרעמדן.

— וועמען דאַרפט איר? — פרעגט די באַ־לעבאָסטע.

קעדײַ ענטפערן וועמען ער דאַרף, מוז ער זיך פריער צוזעצן און בעטן א ביסל וואַסער.

3

מײַע ליפשיץ איז אלט אכט יאָר. אפֿן ערשטן בליק קען מען איר געוויס מער ניט געבן. נאָר אַז מע קוקט זיך נעענטער צו — דוכט זיך, אַז זי איז עלטער. אַ קינד אַ באַרדאַס. אין די אויגן אַ שטומע אומדערוואַרטקײַט, וואָס איז שטענדיק גרייט צו הערן פֿון עמעצן דאָס, וואָס זי וויל ניט און פֿאַרלאַנגט ניט.

אַ יאָר צײַט האָט די מאַמע זי אויסבאַהאַלטן. אַ יאָר צײַט האָט די מאַמע איר אָנגעזאָגט, אַז מע טאָר ניט וויינען, ווײַל דער דײַטש קען דערהערן און זי געפֿינען. מע טאָר ניט בעטן עסן, ווען ס'איז ניט פֿאַראַן. וועט מען זיי דערזען — וועט דער דײַטש פֿאַרניכטן. וועלן זיי זיך ניט אויסבאַהאַלטן — וועלן זיי אומקומען, זיי זײַנען ייִדן. אַ יאָר צײַט האָט מען גערעדט נאָר וועגן טויט, שטאַרבן, אומגליק. און מײַע האָט זיך אויסגעלערנט ניט רעדן, ניט בעטן, ניט דערווידערן. זי איז איינמאָל אָפּגעלעגן אַף אַ פֿינצטערן בוידעם צוויי אָדער דרײַ מעסלעס איינע אַליין. אין אָוונט פֿלעגט מען איר ברענגען אַ שטיקל ברויט. זי איז געלעגן אַפֿן בוידעם צוגעדעקט מיט אַ מאַנטל און איבערגעדעקט מיט היי, מיט שטרוי און אַלטוואַרג. זי האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן. קעדיי איר אָטעם זאָל מען ניט דערהערן, האָט זי די הענטלעך געהאַלטן אַפֿן מויל און שטיל־שטיל געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

אויך שפּעטער איז זי גרייט געווען פֿאָלגן די מאַמע, אַבי בלײַבן לעבן. נאָר צום סאָף פֿונעם יאָר האָט די מאַמע געזאָגט:

— טאָכטערקע, קליינינקע, מיט מיר וועסטו אומקומען. אָט די מומע — וועט זײַן דײַן מאַמע. עפּשער וועסטו גאַנץ בלײַבן.

ווי קען עס זײַן אַן אַנדער מאַמע? און צי דען איז אַ נײַע מאַמע בעסער? זי האָט אָנגעהויבן וויינען. אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מע טאָר ניט, און דאָס געוויין איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. שוין נאָכדעם, ווי די נײַע מאַמע האָט זי אַוועקגעפֿירט, נאָכדעם, ווי זי איז אין אַ נײַער שטוב אָנגעקומען, האָט דאָס געוויין זי געשטיקט. אַפֿילו נאָך הײַנט דערפֿילט זי אָפּט די ניט־אויסגעוויינטע טרערן.

די נײַע מאַמע האָט זיך צו איר גוט באַצויגן. דער מאַן פֿון דער נײַער מאַמען האָט זי געקעכלט און אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג. אַף קיין בוידעם האָט זי שוין מער ניט געדאַרפֿט ליגן, ניט געדאַרפֿט זיך מער אויסבאַהאַלטן. זי האָט זיך געדאַרפֿט נאָר „אויסבאַהאַלטן" פֿון אירע עלטערן. דאָוויד ליפשיץ איז ניט איר טאַטע, עסטער ליפשיץ איז ניט איר מאַמע. קיין שוועסטער און קיין ברידער האָט זי ניט. איר טאַטע איז אַנטאָן קאָלאָסאָוו, איר מאַמע — וואַריע. זאָל גאָט אויסהיטן, אויב זי וועט עס פֿאַרגעסן. דעמלט וועלן אַלע דרײַ אומקומען. מיט כאַווערטעס איז בעסער וואָס ווינציקער שפּילן און קיין זאַך ניט דערציילן. בעסער איז זיך האַלטן באַזונדער. און דער איקער: טאָמער פֿרעגט עמעצער, טאָמער קומט עמעצער — זאָל זי פֿאַרגעדענקען: איר נאָמען איז מײַע, איר פֿאַמיליע קאָלאָסאָוו, זי איז אַ רוסישע; וואָס איז אַזוינס אַ ייִד — ווייסט זי אַפֿילע ניט.

דער נײַער טאַטע און די נײַע מאַמע האָבן זי געליבט. זי איז אַ קלוגע, זי פֿאַרשטייט אַלץ. נאָר ווען אין שטוב ווערט פֿינצטער, ווען זי ליגט אונטער דער קאָלדרע, לייגט זי אַרויף די הענטלעך אַפֿן מויל און דערזעט די מאַמע עסטער, די שוועסטער. זי ציטערט שטיל מיטן קערפּער. זי פֿאַרשטייט: זי מוז זיך אויסבאַהאַלטן. אויב זי וויל זיך ראַטעווען, מוז זי גוט פֿאַרגעדענקען: זי איז ניט קיין ייִדישע.

עס איז אַוועק אַ יאָר און צוויי.

זי הייסט מײַע, זי האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען. זי איז בײַ זיי די איינציקע, זי איז זייער פֿרייד און טרייסט. זאָל נאָר היטלער מיטן קאָפּ אָנלייגן — וועט זײַן גוט.

עס איז דורך נאָך אַ יאָר. זי שפּילט זיך שוין מיט כאַווערטעס, לערנט אין שול. לייענען קען זי, און ביכלעך האָט זי ליב.

דאָס לעבן איז אַ לעבן.

און גאָר אומגעריכט רײַסט זיך אַמאָל אינעם לעבן אַרײַן אַ געשטאַלט פֿון אַ ייִדישער מאַמען, פֿלוצלינג נעמט קלינגען דער נאָמען — עסטער.

4

ווען דאָוויד ליפשיץ האָט דערקלערט, ווער ער איז און נאָך וואָס ער איז געקומען, איז אין שטוב געוואָרן מאָדנע שטיל. מײַע האָט אים אָנגעקוקט און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. זי איז געבליבן זיצן אַ צוגעשמידטע. בײַ וואַריען האָבן גענומען ציטערן די הענט. ניט אומזיסט, הייסט עס, האָט זי געזען אַ בייזן כאָלעם. און אָט איז עס געשען: מע איז געקומען אָפּנעמען איר פֿרייד, צונעמען איר טרייסט, איר איינציק קינד — מײַען. אויך אַנטאָן האָט זיך דערפֿילט שלעכט, דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין מויל.

— טאָכטערקע, קום צום טאַטן, — זאָגט דאָוויד צו מײַען. מײַע גיט פֿריִער אַ קוק אַף וואַריען און אַנטאָנען, זי בעט בײַ זיי אַ דערלויבעניש.

זי איז ארויס צום טאַטן, זיך אוועקגעשטעלט לעבן אים און גאָרניט געקאָנט זאָגן. דאַוויד האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ און אויך א וואָרט ניט געקענט ארויסרעדן. מײַע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

אין אָוונט האָט מען זיך בארויִקט. מײַע האָט שוין געוווּסט וועגן איר מאַמע עסטער און אירע שוועסטער. אנטאָן און וואַריע האָבן צווישן זיך עטלעכע מאָל געשמועסט. איצט האָבן זיי פאַרפירט א געשפּרעך מיט דאַווידן. אָנגעהויבן האָט אנטאָן:

— כאָוער ליפשיץ, פאַרשטייט זיך... ווי זאָגט מען עס... שווער צו רעדן. מײַע איז אונדז ווי אַן אייגן קינד. איך און מײַן אַלטע האָבן ניט קיין קינדער. מיר בעטן אײַך, לאָזט אונדז איבער מײַען. איר האָט דאָך אַליין ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ.

— איר וועט גוט זײַן בא אונדז, — האָט געזאָגט וואַריע, — פרעגט מײַען, ווי זי לעבט בא אונדז. אויב ניט אף שטענדיק, זאָל זי כאָטש דערווײַל...

— טײַערע מײַנע, — האָט דאַוויד געענטפערט, — איר האָט מײַן קינד געראַטעוועט. ניטאָ קיין ווערטער אף צו באַדאַנקען. אָבער אָפּגעבן מײַען — איז אָפּגעבן דעם קאָפּ...

נאָך א ביסל שווײַגן האָט אנטאָן געזאָגט:

— מיר פאַרשטייען... אַנדערש קען דען זײַן? איך וואָלט דען אַנדערש געטאָן? אָבער, כאָוער ליפשיץ, אונדזער לעבן ליגט אין איר. בלײַבט בא אונדז מיט איר צוזאַמען.

— צוזאַמען, צוזאַמען בלײַבט! — האָט וואַריע אונטערגעכאַפּט. זי האָט אין דעם געזען אַן אויסוועג.

— נו, און דו, טאָכטערקע, וואָס ווילסטו זאָגן — פרעגט דאַוויד.

אין דער רגע האָט וואַריע געמיינט, אַז נאָך ניט אַלץ איז פאַרלוירן, נאָך פאַראַן א האָפענונג.

— טײַערינקע, — האָט זי זיך א רוק געטאָן צו מײַען, — זאָג, זאָג.

אָף מײַעס פּאָנעם קען מען איצט זען, אַז איר איז גאָרניט קיין אַכט יאָר. זי איז עלטער. אין די אויגן באַווײַזט זיך די שטומע אומדערוואַרטקײַט, פאַר וועלכער זי האָט מוירע. בא די מויל־ווינקלען קימאַט קנייטשן, וואָס ווילן בעטן ראַכמים אָדער גערעכטיקײַט.

אָט זיצט פאַר איר א טאַטע, וואָס זי געדענקט אים קוים. אָט זיצן מענטשן, וואָס זײַנען איר געוווען טאַטע און מאַמע, איר איז גוט געוווען בא זיי.

וואָס וועט מײַע ענטפערן?

אַלע וואַרטן. און ווײַל דער ענטפער קומט ניט גלײַך, ווײַל מײַע שווײַגט, וואַרט מען נאָך אומגעדולדיקער. פון איר ווענדט זיך אַלץ. וועלכער טאַטע וועט זײַן איר טאַטע? זי בלײַבט, זי בלײַבט ניט? וואָס וועט זאָגן מײַע?

— פּאַפּאַ, — זאָגט מײַע, און דאַוויד מיט אַנטאָנען קערן אײַנצײַטיק אויס צו איר די פּנימער. ביידע וואַרטן אף זייער גורל — ווער בלײַבט דער טאַטע?

מײַע וויינט און שווײַגט. וויינט און ווישט זיך די טרערן. דערנאָך זאָגט זי זייער שטיל:

— איך ווייס ניט... — און וויינט ווידער.

א מאַטאָנע

א ליכטיקער פרילינגדיקער זונטיק, די טראָטואַרן און די אַספאַלטירטע גאַסן זײַנען טרוקן, בא די רינוועס איז פײַכט, און ערטערווײַז איז דאָס טונקעלע אײַז נאָך נישט אײַנגאַנצן צעגאַנגען. קינדער שפּילן אין די הויפן, טויבן פליִען אונטערן הימל. אף דער סאָוועטישער גאַס, וואָס פירט צו די מאַגאַזינען און צום קאָלווירטישן מאַרק, איז הײַנט באַזונדערס פול מיט מענטשן. ווער עס רעדט הויך, ווער עס לאַכט הויך. איינער אײַלט זיך קויפן מעציִעס, און א צווייטער גייט שוין לאַנגזאַם צוריק מיט פּעקלעך און שאַכטלעך אין די הענט. אָפן פּלאַץ לעבן אײַזנבאַן־וואָקזאַל האָבן מענטשן אַרומגערינגלט א פרוי.

— עמאַ יעפימאָוונאַ, וווּהין גייט איר עס מיטן אייניקל? — פרעגט איינער.

— וווּהין גייט מען מיט אַן אייניקל? קויפן מאַטאָנעס.

— ווידער קויפן מאַטאָנעס דעם אייניקל? — פרעגט א צווייטער. — אָך, איר באַלעוועט אים.

— א גוט אייניקל — מוז מען באַלעווען.

א צופרידענע, מיט א פאַרהויבענעם קאָפּ וואַרט זי אָף נײַע פראַגעס. זי באַמערקט אָבער

ניט, ווי מענטשן קוקן זיך איבער און שמייכלען. שוין ניט דעם ערשטן זונטיק גייט די באָבע קויפן דעם אייניקל א מאטאָנע און אלעמאָל קערט זי זיך צוריק מיט ליידיקן. יעדעס מאָל געפינט זי אן אנדער טערעץ. עמעצער זאָגט איר איצט אָן א בסורע:

— אין מאגאזין זײַנען הײַנט פאראן אזויפיל שיינע ליאלקעס...

— דערפאר אײַלן מיר דאָך, — ענטפערט די באָבע, — מיר זאָלן ניט פארשפעטיקן... — זי זאָגט עס ארויס מיט דער פולער זיכערקײַט, אז קיינער קלײַבט זיך סײַווי ניט פאנאנדער, ווען זי רעדט ערנסט און ווען זי שפאסט. איר גלייבט מען שטענדיק. אָבער די, וואָס שטייען ארום, טראכטן גראָד אנדערש: „גוואלד, עמא יעפימאָוונא, האלטסט זיך פאר א קלוגער, פארוואָס האלטסטו אנדערע פאר נאראָנים... מיר פארשטייען דען ניט דעם אָנשטעל, וואָס דו מאכסט?” זאָגן וועט איר עס קיינער ניט, קיינער וועט איר ניט דערווידערן. פארקערט, אלע שאָקלען צו מיט די קעפּ אַף „יאָ”. אָן אײַנרעדעניש איז טאקע ערגער פון א קרענק.

— נו, — זאָגט צו מיר מײַן פרײַנט, — צו וועמען איך בין געקומען אין געסט, — דו ביסט דאָך א שרײַבער, א פסיכאָלאָג, לייענסט אַף די געזיכטער בא מענטשן זייערע געדאנקען, דערצייל מיר עפּעס וועגן אָט דער עמא יעפימאָוונא. טראכט אויס, אָבער ענלעך זאָל עס זײַן...

— אדעראבע... — ענטפער איך. — הער. איך הייב אָן צו פאנטאזירן... עמא יעפימאָוונא איז שוין ווײַט אין די יאָרן, כאָטש זי פוצט זיך, ווי אין דער יוגנט, און אירע יאָרן לייקנט זי. זי איז א גראָווע, מיט לעבעדיקע קלוגע אויגן, וועלכע גיבן אַף אײַך א קוק פון אויבן אראָפּ, שאצן אָפּ און פארשטייען באלד, ווער איר זײַט און אַף וואָס איר טויגט. זי שאצט א מענטשן, ווי אמאָל איר טאטע, לויט דעם, צי פארמאָגט ער געלט און גוטס, צי קאָן ער אײַנהאלטן א רובל און צי האָט ער ניט קיין שיטערע פינגער. אמאָל, געדענקט עמא יעפימאָוונא, איז געווען גוט מיט דעם, וואָס דאָס גאנצע פארמעגן האָט מען געקענט ארײַנלייגן צו זיך אין א בוזעם־קעשענע, באהאלטן אין א קאָמאָד, פארשליסן אין א קאסע. זי קען ניט פארגעסן יענעם גליקלעכן געפיל, ווען דײַנס איז געווען שטענדיק מיט דיר און פאר דיר. אזוינס האָט געווארעמט, געשאפן שטימונג, געגעבן קויעך. וואָס איז הײַנט? — טראכט עמא יעפימאָוונא. — הײַנט איז גאָר דער איקער געוואָרן מענטשלעכע פייִקײַטן... די מאָדע איז געפאלן אַף ארבעט, אַף מי... אזוינס איז פאר אלעמען אָפן. זי אָבער וויל, אז אירס זאָל זײַן נאָר אירס. און אלץ, וואָס געהערט איר, איז איר טײַערער פון זיך אליין.

אין גאס, צווישן מענטשן איז זי שיין אָנגעטאָן, אויסגעפוצט, ניט אָפּצושטיין פון דער מאָדע. דערפאר בא זיך אין שטוב טראָגט זי א פארלאטעט קליידל, אן אלט קאָפּטל, צעקרימטע שיך. זי וואָלט לאנג געקויפט נײַע זאכן... וואָס וועט זי אָבער טאָן מיט די אלטע? ארויסווארפן?! גוואלד, ווי ווארפט מען ארויס א שוך, כאָטש אן אלטן, א קרומען, א צעריסענעם? ס׳האָט דאָך געקאָסט געלט!

מיט אָט דער עמא יעפימאָוונא האָט גאָט געטאָן א שפיצל. איך זאָג „גאָט”, ווײַל עמא יעפימאָוונא איז א גלייביקע. פארשטייט זיך, אז ניט א גאנצן יאָר גלייבט זי, נאָר ראָשעשאָנע דאווענט זי, יאָמקיפּער פאסט זי, און אַף פייסעך קויפט זי מאצע. איז אָט... דער גאָט פון אירע דרײַ יאָמטויווים האָט זי געשטראָפט. זי האָט צוויי קינדער, וועלכע זי האָט ליב. און דער איקער, זי האָט אייניקלעך, פאר וועלכע זי איז גרייט לויפן עק וועלט, אָפּגעבן פאר זיי דאָס כיִעס. די אייניקלעך זײַנען געראָטענע. אגעוו, אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו איר מישפּאָכע, האלט עמא יעפימאָוונא פאר געראָטן, קלוג, שיין, טאלאנטפול און אפילע געניִאל. אן אויסנאם איז נאָר דער איידעם. זי האלט אים פאר א נאר שוין דערפאר אליין, וואָס ער האָט קיין סייכל ניט געהאט צו בעטן נאדן. און דאַפקע בא אָט דעם איידעם איז פאראן א מיידעלע מיטן נאָמען מינע, וואָס איז דער באָבעס געליבט אייניקל. א גאנצן טאָג האלט די באָבע וועגן איר אין איין רעדן:

— אוי, זעט... מינע שמייכלט, מיר פאר איר.

— אוי, בא מינען איז ארויס א ציינדל. א ווײַסינקס, א מעכײַעדיקס... — אין יענעם טאָג איז די באָבע א גליקלעכע, א שײַנענדיקע. עפּעס מורמלט זי אפילע א לידל פאר זיך אליין: ציינדל, ציינדל, כיינדל...

גאנצע טעג איז די באָבע מיטן אייניקל צוזאמען. מינעס טאטע איז אן אינזשעניער אַף א זאוואָד. די מאמע — א מײַסטער אין אן אטעליע. די באלעבאָסטע אין שטוב איז די באָבע.

ווער האָט אָבער אויסגעטראכט, אז באָבעס און זיידעס דארפן קויפן פאר אייניקלעך מאטאָנעס? אוואדע וויל עמא יעפימאָוונא קויפן מינען א מאטאָנע, וואָס זאָל פארשאפן דעם אייניקל א סאך פרייד. נאָר וואָס איז זי שולדיק, אז אויסגעבן געלט קאָן זי ניט? עס איז פאראן א קויעך שטארקער פאר איר און א סייכל קליגער פאר איר. זיי דערלאָזן ניט. וואָס זאָל זי טאָן? נעמען זיך און איבערמאכן? עס זאָל זײַן ערגעץ אזא ווארשטאט, וואָס מאכט איבער מענטשן, וואָלט זי אהין געלאָפן. צוליב מינען וואָלט זי אלץ געטאָן. אָבער זי אליין זאָל זיך איבערמאכן, מיט די אייגענע הענט...

און דאָס אייניקל מאָנט:

— אלע באָבעס קויפן... און דו ניט. ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז דו ביסט אַ קאַרגע? קויף מיר אַ ליאַלקע מיט אויגן, וואָס עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך...

— איך בין אַ קאַרגע? מאָרגן קויף איך דיר אַ ליאַלקע. זאָלסט מיר נאָר דערמאָנען.

אַ גאַנצע נאַכט שלאָפט ניט די באָבע. זי האָט צוגעזאָגט קויפן — מוז זי האַלטן וואָרט. זי ליגט אין דער גרויסער אַלטער הילצערנער בעט און געפינט זיך קיין אָרט ניט. נאָר אָט דערזעט זי מיט אָפענע אויגן אין דער פינצטער מינען מיט אַ ליאַלקע אין די הענט. די באָבע איז גליקלעך, וואָס דאָס אייניקל האָט אַזויפיל פאַרגעניגן. זי מאַכט צו די אויגן. איצט קאָן זי רויִק אייַנשלאָפן. אָבער ווי נאָר זי מאַכט צו די אויגן, אַזוי ווערט ארום ליכטיק און זי דער־זעט, אַז די שיינע ליאַלקע ליגט אַ בלינדע אפן דיל און וויינט. אירע לעבעדיקע אויגן האַלט מינע אין די הענט און וויינט אויך. די באָבע גיט זיך אַ וואַרף אין בעט, ווי אַ פיש אין דער נעץ, זי וויל שרייַען „גוואַלד"... אַזאַ טייַערע ליאַלקע... און שוין! די אויגן אויסגעדראַפּעט, בלינד געמאַכט. אין וועמען איז דאָס אייניקל געראָטן? פאַרשטייט זיך, אַז געראָטן איז זי אין איידעם. די באָבע זעצט זיך אויף, לאָזט אַראָפּ די פיס אפן דיל... נאָר דאָ כאַפּט זי זיך, אַז דאָס האָט זיך איר ניט מער, ווי געדוכט, זי אָטעמט לייַכטער אָפּ און לייגט זיך צוריק אין בעט. זי ליגט ווידער מיט אָפענע אויגן און זעט, אַז די ליאַלקע איז גאַנץ, קיינער וויינט ניט און מינע טאַנצט פון גליק. צו פאַרשאַפן דעם קינד אַזאַ פרייד איז די באָבע גרייט אויסגעבן געלט, אפילו אַ סאַך געלט. אין דער מינוט איז זי גרייט אָפּצוגעבן איר גאַנץ פאַר־מעגן, אבי דעם אייניקל זאָל גוט זייַן. עמאַ יעפימאָוונאַ וואָלט שוין געקענט אייַנשלאָפן, איז אָבער אָנגעקומען אַ געדאַנק, וואָס לאָזט נישט צומאַכן די אויגן. ווו האָט זי געזען אַזאַ ליאַלקע? זי מעג שווערן, אַז באַ איר אין שטוב איז אַזוינס געווען. זי טראַכט אַזוי לאַנג, ביז זי דערמאָנט זיך. זי ווייסט שוין אַף געוויס.

באַ דער טאָכטער, באַ מינעס מאַמען, איז אַמאָל געווען אַזאַ ליאַלקע, אויב ניט אינגאַנצן אַזאַ... איז ענלעך אַף איר. ווו איז זי אַהינגע־קומען? אוודע האָט עס דער איידעם אַרויסגע־וואָרפן, אַף אים קאָן מען אַלץ גלייבן. מאָרגן, ווי נאָר זי וועט אופשטיין, נעמט זי זוכן. מאָרגן? און טאָמער געפינט זי ניט אַזוי גיך — וואָס וועט זי מינען ענטפערן? דאָס אייניקל וועט מאָנען און וועט נאָך געוויס זאָגן, אַז די באָבע איז אַ קאַרגע. ניין, עמאַ יעפימאָוונאַ איז נישט אַזאַ, וואָס זי לייגט אָפּ אַף שפּעטער... בע־סער וועט זי נאָך הייַנט נעמען זוכן. די אַלטע איז ניט פויל, קריכט אַראָפּ פון געלעגער, טוט זיך שטיל אָן, נעמט אַ ליכט מיט שוועבעלעך און גייט אַרויס אין הויף, גייט אַרייַן אין שטאַל און נעמט זוכן צווישן דעם אַלטוואַרג דער טאָכטערס ליאַלקע, וואָס אַ פעטער האָט מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק איר געקויפט אַ מאַטאַנע. אינדערפרי שטייען אויף די היימי־שע און וווּנדערן זיך. די בעט איז ניט פאַר־בעט און די באָבע איז ניט פאַראַן. ווו איז זי? צי איז מיט איר עפּעס ניט געשען? דערנאָך כאַפּט מען זיך, אַז זי איז אין שטאַל.

— מאַמע, — פרעגט פאַרוווּנדערט די טאָכ־טער, — וואָס טוסטו איצט אין שטאַל?

— אַז מע האָט קינדער לייַדאַקעס — מוז די מאַמע לייַדן. ווו איז דייַן ליאַלקע?

— מאַמע, וואָס איז מיט דיר? וועגן וואָס רעדסטו? — באַ דער טאָכטער זייַנען פון שרעק גרויס געוואָרן די אויגן. — וואָס איז מיט דיר?

— זעסט, דו געדענקסט אפילו ניט. דער פעטער ניסן האָט דיר געשענקט אַזאַ טייַערע ליאַלקע, ווו איז זי?

— דער פעטער ניסן? — אַ ווייַלע טראַכט די טאָכטער: ווער איז עס דער פעטער ניסן? דערנאָך דאַרף זי זיך דערמאָנען, ווען האָט איר דער פעטער געקויפט אַ ליאַלקע, און אַז זי דערמאָנט זיך, כאַפּט זי זיך אָן פאַר די זייַטן פון געלעכטער, דער איידעם לאַכט אויך, דאָס אייניקל מיט זיי. באַ דער באָבען גיסן זיך טרערן פון אגמעסנעפּעש. ליגט די אַלטע עט־לעכע טעג צו בעט. דער איידעם קומט אַרייַן און פּאַפּירט אַ שמועס:

— איר זאָגט צו קויפן מינען אַ מאַטאַנע און קויפט ניט. איר האָט געוויס קיין געלט ניט... שעמט זיך ניט... מיר זייַנען דאָך אייגענע מענטשן. נאָט אייַך געלט און קויפט. אַ קינד, אַז מען זאָגט צו...

דאָס ערשטע, וואָס קומט דער באָבען אַף דער צונג, איז אָפּזידלען דעם איידעם פאַר זייַן אומגעלומפּערטן אייַנפאַל. זי זאָגט אָבער גאָר־ניט, נעמט דאָס געלט און רופט דאָס אייניקל:

— מאָרגן, מינעלע, גייען מיר קויפן אַ ליאַל־קע.

אַף מאָרגן איז די באָבע מיטן אייניקל אַוועק אין מאַגאַזין. צוריק איז זי געקומען אַ בייזע, אַ באַרויגעזע... און ווער איז שולדיק? דער איי־דעם. הערט אָן אייַנפאַל... די באָבע וויל קויפן דעם אייניקל אַ מאַטאַנע, גיט ער געלט. וואָס איז? די באָבע איז אַליין ניט אימשטאַנד צו קויפן? זי וואַרפט דעם איידעם דאָס געלט צו־ריק. זי איז ניט אָרעמער פון אים.

דער איידעם מיט דער טאָכטער זיצן באַם טיש און גרייטן זיך עסן מיטיק. דערהערנדיק די טייַנעס פון דער מאַמען, גיט די טאָכטער אַף איר אַזאַ קוקעלע, אַז מע קאָן פון איר דער־

וואַרטן שאַרפֿע בײַסיקע ווערטער, וואָס וועט דער מאַמען קיין נאַכעס ניט פֿאַרשאַפֿן. אָבער דער איידעם פֿאַרלױפֿט איר דעם וועג:

— שוויגער־לעבן, באַרויִקט זיך... לאָמיר זאָגן, איר זײַט גערעכט... זעצט זיך עסן מיטיק, עס וועט קאַלט ווערן, — דערבײַ שמייכלט ער, ווי מע זאָגט עס, אין די וואָנצעס, כאָטש קיין וואָנצעס טראָגט ער נישט. זײַנע גוטהאַרציקע וואַרעמע אויגן, וואָס קוקן אַרויס מיט צוגעלאָזנקײַט און געטרײַשאַפֿט, זײַנען פֿאַרטראַכט, ווי זיי וואָלטן זען אַזוינס, וואָס איז ווײַטער און העכער פֿון דער שוויגער. א קינד, — טראַכט ער, — דאַרף מען דערציִען. וואָס פֿאַר א דערציִונג קאָן דאָס קינד באַקומען בא דער באָבען? ניין, מינען מוז מען אָפּגעבן אין א קינדערגאָרטן. און וואָס גיכער — איז בעסער...

עמא יעפֿימאָוונא פֿאָלגט און זעצט זיך צום טיש. עמא יעפֿימאָוונא, וואָס איז אַלעמאָל זיכער, אַז אַלץ, וואָס זי זאָגט, רופֿט בא קיינעם קיין צווייפֿל ניט אַרויס און אַז אַף איר איז קיין מיוון ניט פֿאַראַן, — דערפֿילט איצט: דער איידעם פֿאַרשטייט אַלץ, ער איז דאַפֿקע אַף איר א מיוון. ער, לאָזט זיך אויס, האָט אַף איר ראַכמאָנעס, שאַנעוועט זי. דאָס איז פֿאַר איר אַזוי אומדערוואַרט און אַזוי ניט צום האַרצן, אַז זי פֿאַלט אין אירע אייגענע אויגן. אָבער אונטערגעבן זיך — וועט זי ניט. און אָט גייט די באָבע מיטן אייניקל אין מאַגאַזין. ווער עס באַגעגנט, פֿרעגט:

— עמא יעפֿימאָוונא, ווּהין גייט איר עס מיטן אייניקל?

— ווּהין גייט מען עס מיט אַן אייניקל? קויפֿן א מאַטאָנע.

מײַן פֿרײַנט כאַפּט מיך אָן פֿאַר דער האַנט און זאָגט:

— זע נאָר... דו דערציילסט עס דאָך, ווי פֿון א בוך אַרויס. פּונקט ווי אין לעבן איז געשען. אויב דו ביסט אַזא בעריע... זאָג מיר: מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן?

— אַדעראַבע... הײַנט וועט די באָבע קויפֿן דעם אייניקל א ליאַלקע. די בעסטע וועט זי קויפֿן, די טײַערסטע.

— דאָס, ברודער, איז שוין ריינע פֿאַנטאַזיע, — שלאָגט מיר איבער מײַן פֿרײַנט.

— האָב געדולד, — זאָג איך אים, — און קום מיט מיר.

...עמא יעפֿימאָוונא איז הײַנט א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפֿן. אין דער גרויסער הילצערנער בעט איז זי געלעגן מיט די הענט אַפֿן האַרצן און געבעטן דעם גאָט פֿון אירע דרײַ יאָמטויווים, ער זאָל שטאַרקן איר ווילן, זי זאָל ניט כאַראָטע האָבן, זי זאָל אויספֿילן איר צוזאָג. וואָרעם אויב, כאַס־וועכאָלילע, זי קויפֿט ניט קיין מאַטאָנע דעם אייניקל, פֿאַלט אײַנגאַנצן איר כשיוועס, מער וועט מען איר ניט גלייבן און קיינער וועט זי ניט האַלטן פֿאַר קיין קלוגער. דער איידעם נעמט זיך שוין צופֿיל אײַבער. ער האָט עפּעס פֿאַרטראַכט, רעדט אָפּט וועגן א קינדערגאָרטן. זי וועט עס ניט דערלאָזן. אָפּגעבן א קינד אין פֿרעמדע הענט, ווען אַן אייגענע באָבע לעבט... אַף צולאָכעס זיך אַליין וועט זי קויפֿן די בעסטע ליאַלקע, זי וועט גאָרניט זשאַלעווען.

— קוק, זע... — זאָג איך צו מײַן פֿרײַנט.

אַנטקעגן אונדז גייען צוריק פֿון מאַגאַזין די באָבע מיטן אייניקל און טראָגן זאַלבעצווייט א שאַכטל.

— א ליאַלקע, א ליאַלקע!.. — שרײַט מינע און זאָגט אָן די סימכע אַלעמען, וועמען זי באַגעגנט נאָר.

— ווער האָט עס דיר געקויפֿט, מיידעלע?

— ווער קויפֿט פֿאַר אייניקלעך מאַטאָנעס? א באָבע! — ענטפֿערט עמא יעפֿימאָוונא. ס'איז איצט שווער זי צו דערקענען. די פֿאַרבן אין פּאָנעם בײַטן זיך, אָט איז איר הייס און אָט איז איר קאַלט.

— ווי פֿילט איר זיך אין געזונט?

— אויסגעצייכנט.

זי לעבט איצט מיטן אייניקלס פֿרייד. און ווי נאָר דאָס וועט דורכגיין, וועט זי געוויס קראַנק ווערן. אָדער עס קאָן געשען אַנדערש: וויבאַלד זי האָט שוין אַראָפּגענומען איר האַנט פֿון האַרצן און געקויפֿט א מאַטאָנע, וועט זי אויסגעבן אַלץ, וואָס זי פֿאַרמאָגט, און דערנאָך פֿאַלן פֿון א האַרץ־שלאָג.

אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש.

בא עמא יעפֿימאָוונא אין שטוב זײַנען די אַלמערס, דער בופֿעט, דער שפּיגל, דער טעלעוויזאָר אויסגעשטעלט מיט ליאַלקעס, מיט פּײַפּלעך און פּײַקלעך, מיט קעצלעך און הינטלעך, מיט פּילקעס און רייפֿן... מינע מעג אַף אַלץ קוקן, נאָר טאָר זיך צו גאָרנישט צורירן. זי מעג אַלץ באַטראַכטן, נאָר שפּילן — ניט. דאָס אייניקל גייט אַרום בא זיך אין שטוב, ווי אין א מוזיי אָדער ווי אין א זאָאָפּאַרק: קוק מיט די אויגן און ריר ניט מיט די הענט. און די הענט בא מינען כאַלעשן, גייען אויס, לעכצן צו נעמען אין דער האַנט א ליאַלקע, א קעצל, א הינטל, קײַקלען א רייף, וואַרפֿן א פּילקע...

— באָבע, קאַטיע וויל דאָך שלאָפֿן, איך וועל זי אײַנוויגן.

— וועסט צעברעכן.

— ניין, ניין... כאָטש אַף א רעגעלע...

די באָבע גיט איר די ליאַלקע און טרעט ניט אָפּ, שטייט איבער איר.

— פֿאָרזיכטיק, פֿאָרזיכטיק... נעם ניט אין דער האַנט... וועסט קאַליע מאַכן, צעברעכן,

ווי איז מיר, אַזויפֿיל געלט אויסגעגעבן, אַ גאַנץ פֿאַרמעגן... און דו קאָנסט עס פֿאַטערן אין איין מינוט. — מער לאָזט די באָבע ניט שפּילן.

דערפֿאַר, אַז עס קומט אַ גאַסט, רופֿט שוין די באָבע אַליין דאָס אייניקל. זי נעמט אַרויס אַלע שפּילצײַגן, און מינע ווייסט גאָרניט צו וואָס זיך פֿריִער נעמען. די באָבע דערציילט די געסט, וויפֿל יעדער זאַך קאָסט, פֿון וואָס פֿאַר אַ מאַטעריאַל דאָס איז געמאַכט, צי איז עס פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, צי פֿון דעם דעמאָקראַטישן דײַטשלאַנד... די אויגן שײַנען בײַ איר, זי ווערט ייִנגער, זי לעבט איבער די זעלבע האַנאָע מיטן הייליקן ציטער, ווי אַמאָל בײַם ציילן געלט.

— מינע, זע... ריר זיך ניט אָן. מינע, זע... ריר זיך ניט צו...

דאָס אייניקל האָט גאָר קיין האַנאָע ניט פֿונעם שפּילן. די גאַנצע האַנאָע האָט די באָבע.

— שוויגער, — זאָגט דער איידעם, — אַ שפּילצײַג איז אויף שפּילן און אויף צעברעכן, אַזוי וואַקסן אויס קינדער.

— אויף צעברעכן קויף איך ניט, — בייזערט זיך עמאַ יעפֿימאָוונאַ.

— אָבער אויף שפּילן... און ניט אויף ליגן אונטער אַ שלאָס.

— איך האָב געהאָדעוועט קינדער — ווייס איך.

— פֿון דײַן האָדעווען, מאַמע, — מישט זיך אַרײַן די טאָכטער, — זײַנען די נײַע זאַכן געהאַנגען אין אַלמער, קיינמאָל האָבן מיר קיין האַנאָע ניט געהאַט פֿון אַ נײַ קלייד, פֿון אַ נײַעם שוך, דער אַלמער האָט האַנאָע געהאַט.

דער איידעם מישט זיך אַרײַן, אַז קיין קריג זאָל ניט זײַן. אָבער בײַ זיך באַשליסט ער: ער וועט מינען אַליין קויפֿן שפּילצײַג. און אײַנגיכן וועט זי סײַ ווי גיין אין קינדערגאָרטן.

מינע האָט שוין מיט וואָס צו שפּילן — דער טאַטע האָט געקויפֿט. דער באָבען איז עס ניט געפֿעלן. עס האָט זיך באַקומען, אַז דאָס אייניקל גייט גאָר פֿון איר אַוועק. מינע וועט זײַן ניט דער באָבעס, נאָר דעם טאַטנס. צוליב וואָס זשע האָט זי אַזוי פֿיל געלט געפּאַטערט? פֿאַר וועמען?

אַן אויסוועג געפֿינט זי ווידער.

אין אַ שיינעם טאָג טוט זי זיך פֿײַן אָן, נעמט מיט זיך מינען. דאָס אייניקל טראָגט אויף די הענט אַ גרויסע אויסגעפּוצטע ליאַלקע. די באָבע מיטן אייניקל גייען איבערן ייִשעוו שפּאַצירן. ווער עס באַגעגנט זיי, שטעלט זיך אָפּ און פֿרעגט:

— ווער האָט געקויפֿט?

— די באָבע, — ענטפֿערט מינע.

— נו, אַ באָבע, נו, האָט זי ליב דאָס אייניקל... אָך, אַ ליאַלקע!

די באָבע וואַקסט, זי בליט, אַ פֿוד געזונט קומט איר צו. און נאָר אַ מענטש אַ געניטער, וואָס פֿאַרשטייט און איז אַ מייוון, טראַכט: פֿאַר וועמען איז די ליאַלקע? פֿאַרן אייניקל, צי פֿאַר דער באָבען? ווער האָט די האַנאָע — דאָס אייניקל צי די באָבע?

און אַז עמאַ יעפֿימאָוונאַ קומט צוריק אַהיים, פֿאַרשליסט זי די ליאַלקע ווידער אין אַלמער. און פֿאַריינס באַהאַלט זי שוין יענע צאַצקעס, וואָס דער איידעם קויפֿט. וואָרעם זי קאָן זיך דען אויף עמעצן פֿאַרלאָזן? שיטערע פֿינגער!

שלוימע ראָטמאַן

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן
הארציק דעם דיכטער שלוימע רויט־
מאַן צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג
און ווינטשן אים געזונט און פיל שע־
פערישע יאָרן.

דער פּאַרקשעפּטער טראָמפּייט

ווען אויסגעהויכט זײַן זעל האָט דער טראָמפּייטער,
האָט מען דערהערט א קלאנג א האַרציק־שטילן —
ס'האָט דער טראָמפּייט אליין גענומען שפּילן,
שוין מיט זײַן ליבן קלעזמער א צעשיידטער,

פון זײַן דעם שפּילמאַנס אייביקער באַגלייטער
האָט אויך דאָס מעש זײַן האַרץ געגומען פּילן,
צעגליט זיך, מיט קיין יאַם ניט אָפּצוקילן,
קעדיי דעם מײַסטערס קאָל אין זיך פאַרלייטן.

פון דעמלט אָן, ווען הערצער זיך פאַרבענקען,
צעשפּילט זיך דער טראָמפּייט, רופט פאַרגעדענקען,
ווי שטיינדעלעך צעקושן זיך אין קוואַלן,

ווי פרײַהײַטמענער צו דער צוקונפט שאַלן,
און מיט דעם מײַסטערס קאָל די וועלט דערפרייט ער,
און נאָר אזוי באַווײַנט ער זײַן טראָמפּייטער.

נאָכן געוויטער

כ'האָב ליב איַיך,ביימער, נאָך א שווערן שטורעמווינט
אין יענער רעגע, ווען דער מינדסטער בלאַט געפינט
צוריק זײַן אייגענעם מעכײַעדיקן ציטער,
וואָס האָט פון אים זיך ניט פאַרבלאָנדזעט אין געוויטער.
כ'האָב ליב איַיך, ביימער, נאָך א שווערן שטורעמווינט.

אָט ערשט אין לופט האָט ווי געבילט א טשאַטע הינט,
די שטויבן אופגעהויבן בייז און טרוקן,
דאָס זאַמד אזוי רעציכעדיק געיאָגט
צום מענטשעלע פון אויג אָף עס פאַרצוקן.
ס'האָט זיך דער ווינט געזעצט אָף אײַער רוקן,
געקראָכן און געבראָכן און געגאָגט,
געבויגן אײַערע העלדזעלעך מעסוקן
און ווידער אויסגעגלײַכט זיי מיט א שטופּ,
ווי ער, דער שטורעמווינט, וואָלט מוירע האָבן,
אז איר וועט, ביימער, זיך אָט באַלד אין גרונט פאַרגראָבן.

די קרוין פאַרבינדן מיט די וואָרצלען אין איין קנופּ
און אַזוי מעכטיק זיך אַ הייב טאָן פֿונעם גרוב,
אַז מער וועט ער פֿון אײַך קיין בלאַט ניט קענען רײַסן.

ס'האָט זיך דער ווינט ניט אופֿגעהערט צו קײַסן
און האָט פֿון זאַמדן אויסגעבויט אין הייך אַ פּלויט,
ער האָט פּאַפּירעלעך פֿון מיסטן אופֿגעהויבן,
ער האָט דעם אַלטן בלעטערפֿאַל צונויפֿגעקלויבן
און אײַנגעפּלאָכטן אין דעם שטויב־נעפּל, וואָס גרויט,
אַ געל געשפּענסט, וואָס זאָל דערמאָנען אײַער טויט.

נאָר וואָס דער ווירבלווינט האָט מער און מער געהוליעט,
האָט איר וואָס צאַרטער אײַנס צום צווייטן זיך געטוליעט
און אין אַ צאָרע, דוכט זיך, אויסגעשטרעקט אַ האַנט,
און גרינס געגנומען האָט מיט גרינס זיך איבערגיסן,
און בלאַט מיט בלאַט און צווײַג מיט צווײַג יאַדאַכעס שליסן,
און קעגן זאַמד, וואָס האָט מיט מידבער שווער געשפּאַנט,
האָט איר איין גרויסן פֿאַרהאַנג אויסגעהעפֿט, ווי ריזן,
און אויסגעבויט פֿון גרין קרישטאָל אַ קישעף־שלאָס
מיט טורעמלעך, מיט זײַלן, מיט קאַרניזן.

און דאָרטן אונטער ליכטיקע געוועבן
געזעסן איז אַליין דאָס אײביק לעבן —
דאָס לעבן — אָט דער יונגער באַלעבאָס
אויף קאָלע גרינס, אויף רעגנבויגנדיקע האָפּטן,
דער מײלעך איבער פֿראַנק־און־פֿרײַע זאַפּטן —
און האָט ניט אופֿגעהערט צו טרינקען פֿונעם קאָס,
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין דנאָ און פֿון קיין ראַנדן,
וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרשיטן מיט קיין זאַמדן.

און אָט האָט אָפּגעברומט, אוועק איז דער בייזווונדער,
און ווידער וואַקסט איר, ביימער, יעדערער באַזונדער,
און שוין נאָך דעם, ווי ס'האָט מײַן אויג דערשפּירט,
ווי איר האָט צווישן בלעטלעך, אינמיטן
אַ פֿרעמדע שוואַלבן־נעסט געקענט פֿאַרהיטן,
איז פֿיל איך, איר זענט גאַנץ און ניט געריררט,
און ס'האָט קיין אָדערל אין אײַך זיך ניט צעבראָכן,
איר ראַסטעט שוין, איר מאָסטעט אײַערע קנאָכנס,
איר אָטעמט אָפּ, צעעפֿנט ברייט די קרוין
און לאָזט אַרײַן אין זיך דעם שטילן הימל־רוים.

אָ, בוים־געזינד, ווו אַלץ אַפּסנײ באַגינט,
איר כאַפּט דעם אָנבליק פֿון מײַן אייגן הויזגעזינד,
דורך אײַערע נאָך צעפּאַטלטע טשופּרינעס
סע ווינקען שטיל צו מיר אַזויפֿיל גוטע מינעס
פֿון אומגעבראַכטע פֿרײַנט, און ס'דאַכט, אַז איר פֿאַרשפּינט
דאָס אָפּגעריסנס אין מײַן האַרץ, בעשאַס איר גרינט.
כ'האָב ליב אײַך, ביימער, נאָך אַ שווערן שטורעמווינט.

שלוימע רויטמאן

(צו זײַן 60־טן געבוירנטאָג)

צוריק מיט 25 יאָר איז דערשינען שלוימע רויטמאנס לידער־זאמלונג „גוטמאָרגן, זינגער!", דאָס איז געווען א סאכאקל־ווערק פון א מײַסטער, וועלכער האָט דערגרייכט דיכטערישע רײַפקײַט.

שלוימע רויטמאן איז אנערקענט געוואָרן אלס באַדײַטנדיקער דיכטער פאַר דער ערנסטקײַט פון זײַן שרײַבערישער מאניר. ער האָט אויסגענומען ניט מיט קיין אויסערלעכע באָמבאסטישע סופער־רעטאָרישע אויסגעשרייען און מעלאָדעקלאמאטאָרישע אויסרופן, ניט מיט קיין בלענדנדיקע פײערווערקן, נאָר, פאַרקערט, מיטן דראמאטישן און טראגישן אינהאַלט פון זײַן דיכטערישן וואָרט.

עמעס, אין בוך „גוטמאָרגן, זינגער" האָט ערטערווײַז זיך געלאָזט פילן די געוויסע „ליטעראַרישקײַט" פון רויטמאנס ליד, הויפּטזאַכלעך אין די ראָמאנטישע ווערק, ווו עס אנטפּלעקט זיך באזונדערס די פאַרבינדונג פון רויטמאנס פּאָעזיע מיט דער טראַדיציע פון דער דײַטשישער און ענגלישער ראָמאנטישער דיכטונג. פאַר רויטמאנען איז דאָס אָבער, מיין איך, אָרגאניש. רויטמאן איז א קינסטלער מיט א הויכער קולטור. די היפשע ווירקונג פון דער רוסישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור האָט אויסגעזען צו זײַן אָריגינעל, ווײַל רויטמאן איז געקומען מיט זײַן אייגענער שעפערישער סיסטעם, מיט זײַן אייגנאַרטיקן דיכטערישן סטיל. פאַר א דיכטער מיט א שוואכן טאַלאַנט וואָלט די ערודיציע געדראָעט צו פאַרשווענקען זײַן אייגנאַרטיקײַט. פאַר אַזאַ דיכטער, ווי רויטמאן, האָט די ערודיציע בלויז פאַרשטאַרקט זײַנע שעפערישע מעגלעכקײַטן און באַרײַכערט זײַן דיכטונג אינגאַנצן גענומען.

און איצט, אין א פערטל יאָרהונדערט ארום, צו זײַן 60־טן געבוירנטאָג, האָבן מיר באַקומען שלוימע רויטמאנס נײַעם בוך לידער „דער מאַמעס ניגון". מע קאָן זיכער זאָגן, אז אָט די לידער־זאמלונג שטעלט מיט זיך פאָר א נײַע ווענדונג אינעם דיכטערס שעפערישער עוואָלוציע.

די שעפערישע אנטוויקלונג פון א קינסטלער קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן ווי א מין לייטער, וואָס באַשטייט פון טרעפּ, איבער וועלכע דער שרײַבער מאכט זײַנע טריט בעהאדראַגעדיק, אלץ העכער און העכער. אָן עכטער קינסטלער איז אין טאָך שטענדיק אייגער און דער זעלבער. די עוואָליוציע קאָן זײַן און איז מערסטנטייל זיגזאגאַרטיק, מיט שאַרפע זײַטיקע אָפּווענדונגען, צוריקטריט, אידיייִשע און סטיליסטישע ענדערונגען, אָבער אויך מיט נײַע עלעמענטן און נײַע אידייען, וואָס זײַנען אמאָל ניט ענלעך אָף די פריִערדיקע און אמאָל אינגאנצן אנדערש און אפילו ווידערשפּרעכיק צו די טענדענצן פונעם קינסטלערס פריִערדיקער שאַפונג.

דער קינסטלער בלײַבט דער זעלבער אָף אלע עטאַפּן פון זײַן שעפערישער אנטוויקלונג. אָבער אויך ניט דער זעלבער. אָף יעדן נײַעם עטאַפּ טרעט ער ארויס א נײַער און באַנײַטער. און אין דעם באַשטייט דער צויבער און די דויערנדיקע ווירקונג פון זײַן שאַפונג ניט בלויז אָף זײַן דאָר און אין זײַן צײַט, נאָר אויך אָף די קומענדיקע דורעס, אין די ווײַטערדיקע צײַטן. די באַשטענדיקײַט אין דער שאַפונג פונעם קינסטלער איז זײַן פּערזענלעכקײַט, זײַן באַגאַבונג און זײַן סטיל. די פאַראַנדערלעכקײַט איז אין די עפּאָכע און די אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע אָנשויונגען פונעם קינסטלער, זײַן אופאַסונג פון דער עפּאָכע, פון די היסטאָרישע געשעענישן.

שלוימע רויטמאן איז אין זײַן נײַעם בוך לידער „דער מאַמעס ניגון" געבליבן דער זעלבער, וואָס אין דעם לידער־בוך „גוטמאָרגן, זינגער" און אין דער ערשטער זאמלונג „ווײַנגערטנער"; דער זעלבער מײַסטער לויט זײַן באַגאַבונג, לויט די שעפערישע מעטאָדן און סטיל־מיטלען, אָבער אויך א נײַער לויט באַשטימטע אידייִשע טענדענצן און אײַנשטעלונגען.

קימאַט מיט 10 יאָר צוריק האָב איך וועגן רויטמאנס שעפערישן מעטאָד געשריבן:

„...און פונדעסטוועגן איז דער מעטאָד פון רויטמאנס דיכטערישן פאַרקערפּערן די וועלט ניט בלויז די מאַלערישע וואָרט־קונסט, נאָר גיכער די קונסט פון מוזיק און וואָרט־קלאַנג. פאַר רויטמאנען איז די וועלט פון קלאַנגען — די מאַטעריעלע וועלט פון אָביעקטיווקײַטן, פון

רעאַליטעטן. די נאַטור, די דערשײַנונגען אין איר, איר דינאַמישע אַנטוויקלונג מיט אַלע ענדערונגען און פּראָצעסן, איז אַ מין אומופהערלעכע דינאַמישע באַוועגונג פון האַרמאָנישע און דיסהאַרמאָנישע, אָרגאַניזירטע און כאַאָטישע קלאַנגען. און צוזאַמען מיט דער נאַטור — דער מענטש, די מענטשלעכע געזעלשאַפט, די טיפסטע קאָליזיעס, די סאָציאַלע צוזאַמענשטויסן, — דאָס איז אויך אַן אוניווערסאַלע באַוועגונג, אַן אומופהערלעכער שטורעם פון פּאָליפאָנישע געזאַנגען און מאָטיוון"[1].

שלוימע רויטמאַן האָט פאַר די לעצטע צען יאָר אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" צענדליקער לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס, וועלכע זײַנען אַרײַן אינעם נײַעם בוך „דער מאַמעס ניגן". פאַר דער ליטעראַטור איז אינטערעסאַנט צו פעסטשטעלן: מיט וואָס איז דער דיכטער געבליבן טרײַ זײַן פריִערדיקער שאַפונג און וואָס האָט זיך געענדערט אין זײַן דיכטונג פאַר די לעצטע צען יאָר, מיט וואָס איז ער געקומען צו זײַן 60־יאָריקן געבורטסטאָג?

אַן ענטפער אויף אָט די פראַגן קאָן מען געפינען אפילו גופא שוין אינעם נאָמען פונעם בוך. „דער מאַמעס ניגן" באַטײַט, אַז דער דיכטער איז געבליבן, ווי פריִער, דער זינגער און באַזינגער פונעם לעבן, אַז ער איז, ווי פריִער, אין דער וועלט פון געזאַנגען, דער מײַסטער פון קלאַנגען. דער ערשטער אָפּטייל פונעם בוך טראָגט אַ פּראָגראַם־נאָמען „דער גורל פון אַ ניגן". צוויי און צוואַנציק לידער פון אָט דעם אָפּטייל שאַפן די אידייִשע, עסטעטישע, עמאָציאָנעלע און פּסיכאָלאָגישע אײַנשטעלונג פונעם בוך אינגאַנצן גענומען. יעדע ליד פון אָט דעם ציקל איז אַן עסטעטישע דעקלאַראַציע, אַ מאַניפעסט וועגן דעם דיכטערס שעפערישן מעטאָד, וועגן זײַן אויפן פון קינסטלערישן אויפנעמען און פאַרקערפּערן די וועלט. און דער דאָזיקער מעטאָד איז מוזיק, געזאַנג, קלאַנג, ניגן — דאָס איז דאָס געווער פונעם דיכטער. דער דיכטער קעמפט פאַר אַ נײַער וועלט מיט זײַן ניגן. אויב דער ניגן איז פאַרענדיקט, פאַרפולקומט, אויב דאָס געזאַנג איז עכט, איז דאָס אַ וויכטיק, אַ זיכער געווער; אויב דער ניגן, דאָס געזאַנג איז ניט פאַרענדיקט, איז דאָס ניט קיין זיכער געווער, איז דאָס אַ פאַראַט, אַ רענעגאַטיש פאַרברעכן קעגן פאָלק, קעגן דער געזעלשאַפט. וועגן דעם רעדט דער דיכטער אין אַלע ווערק פון דעם ערשטן אָפּטייל. אָט איז אַן אויסצוג פון דער ליד „דער ניט פאַרענדיקטער ניגן", וווּ עס איז שאַרפער ווי ערגעץ אַנדערש אויסגעדריקט אָט דער עסטעטישער פּרינציפּ פונעם דיכטער:

פאַרענדיקט מוז ווערן אַ ניגן,
און ווער ס'האָט אים איבערגעריסן,
פאַרשעלטן אים קינדער אין וויגן,
ער זאָל פון קיין לעבן ניט וויסן.

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 2 1964, ז. 141.

די זינגער — זיי זײַנען סאָלדאַטן,
וואָס שווערן דעם ניגן באַם לעבן,
און ווער ס'האָט די שוועע פאַראַטן,
איז כּיעוו די שווערד אָפּצוגעבן,
און שטרענג איז דער דין און ניט דולדיק,
עס נעמט אין די הענט זי דער שאָכן
און ס'ווערט אויף דעם קאָפּ, וואָס איז שולדיק,
איר שטאָל, ווי זײַן ערע, צעבראָכן.
און דו האָסט געוואַגט צו פאַרשוועכן
דעם אויצער דעם פאָלקישן צאַרטסטן,
טאָ זאָלסטו אַליין איבערברעכן
דײַן שווערד אויף דעם אייגענעם האַרצן.

אידייִש און עסטעטיש האָט אַזוי אַרום רויטמאַנס ליד זיך ניט געענדערט. רויטמאַן איז פאַרבליבן, ווי פריִער, דער דיכטער דער זינגער. „די זינגער — זיי זײַנען סאָלדאַטן" — דאָס איז, ווי פריִער, רויטמאַנס דיכטערישע קרעדאָ, זײַן שעפערישער אני־מאַמין.

און דאָך איז דאָס געזאַנג אַן אַנדערס, מיט נײַע מעלאָדיעס און מוזיקאַלישע ניואַנסן, מיט נײַע אינטאָנאַציעס. און דאָס איז ווידעראַמאָל טאַקע צו זען אינעם נאָמען פונעם נײַעם בוך „דער מאַמעס ניגן". אויב דער נאָמען פון אַ בוך איז זײַן פאַראַנטוואָרטלעכער טאָג, איז דער נאָמען פון אַ דיכטעריש בוך — צוויי מאָל פאַראַנטוואָרטלעך לויט זײַן טאָג.

„...אין נעשאָמע אַ מײַזעלע שקראַבעט — צי טאַטנס, צי זיידנס אַ ניגן" — אַזוי האָט אַמאָל, מיט פופציק יאָר צוריק, זיך געקלאָגט איינער פון די באַדײַטנדיקסטע גרונטלייגער און שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור א. קושניראָוו. די צײַט איז געווען אַ שווערע, נאָך דעם בירגערקריג, נאָך די בלוטיקע ייִדישע פּאָגראָמען פון דער קאָנטררעוואָלוציע, און דער דיכטער פון אָקטיאַבער, וועלכער האָט פריִער הילכיק און פריידיק אויסגעזונגען פאַר דער גאַנצער וועלט דאָס געזאַנג, די מונטערע העלדישע לידער פון דער רעוואָלוציע, דאָס געזאַנג וועגן דער אַלוועלטלעכער, דער אַלמענטשלעכער גערעכטיקײַט פון דער רעוואָליוציע, דער זעלבער דיכטער האָט זיך פאַרבענקט נאָך „טאַטנס, נאָך זיידנס אַ ניגן".

די סאָציאַל־היסטאָרישע פּראָצעסן פון דער עפּאָכע באַקומען אין דער געשיכטע פון יעדער פאָלק און אין יעדער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור זייער אייגנאַרטיקע אָפּשפּיגלונג און פאַרווירקלעכונג. די בלוטיקע קאַטאַסטראָפע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט אַרויסגערופן אין דער ייִדישער ליטעראַטור סײַ אין אויסלאַנד, סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד אַ געהעריקן נאַציאָנאַלן אָפּקלאַנג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער ניגן בײַ אונדז און אין אויסלאַנד איז געווען גאָר אַן אַנדערער, אַ פאַרשיידענער, אויב ניט קיין קעגנגעשטעלטער.

שלוימע רויטמאַן האָט אויסגעזונגען דעם

ניגן פון בראָך און קאַטאַסטראָפע נאָך אינעם בוך „גוטמאָרגן, זינגער!״. אָבער דאָרטן האָט דער ניגן געטראָגן א מער אָדער ווייניקער אוניווערסאַליסטישן כאַראַקטער, אַן אַלגעמיין הומאַניסטישן אויסגעשריי פון ווייטעק און פון צאָרן קעגן בייז און רעציכעס. אין דעם נײַעם ווערק און אין די נײַע לידער פאַר די לעצטע צען יאָר ביכלאַל ווערט דעם דיכטערס געזאַנג, זײַן ניגן מער קאָנקרעט אַלס געזאַנג פון נאַציאָנאַלער פאָלקסטימלעכקײַט. נאַציאָנאַלע פאָלקסטימלעכקײַט — דאָס איז דאָס נײַע אין שלוימע רויטמאַנס שאַפונג, אין זײַן געזאַנג וועגן פאָלק, וועגן זײַן שעפערישער וויכטיקער היסטאָרישער וואָגיקײַט. „דער מאַמעס ניגן״ איז דער ניגן פונעם פאָלק, וועגן דעם שרײַבט רירנדיק דער דיכטער אין „דער מאַמעס וויגליד״:

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
איך קען ווי אין מײַן היים זי ניט פאַרגעסן:
א פאַווע גאָלדיק איז צוקאָפּנס מיר געזעסן,
פאַרפיקט אין מויעך מיר דעם טרוים פון גליק און גינען,
קען אָן איר וויגליד ווו זיך דעמלט אייגענען מײַן זינען?

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פאַרגעסן,
איך בין אין איר, ווי אין מײַן וויגעלע, געזעסן,
איר גרויסער ניגן ווערט דאָרט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט,
דער מאַמעס וויגליד — זי איז דאָך מײַן אָנהייב שוין אָף שטענדיק.

דאָס געזאַנג וועגן פאָלק איז קאָנקרעט; דאָס איז דאָס געזאַנג וועגן „דעם גוטן גלעזער״, דאָס איז „דאָס וואָרט פון א בעקערל״, דאָס איז די ליד „וועגן פליטן־טרײַבער״, דאָס איז „די כאָכמע פונעם שטאָלגיסער״, דאָס איז דאָס געזאַנג פון עלטערן, פון זיידעס און באָבעס. און דאָס דאָזיקע געזאַנג וועגן דעם קאָנקרעטן פאָלקסמענטשן ווערט אַלץ ברייטער און גרויסאַרטיקער, צעגיסט זיך איבער אַלע ברעגן און הערט זיך שוין ווי א פילקוילעסדיקע פאָליפאָנישע פאָלקסליד, וואָס ווייסט ניט פון קיין צוימונגען. און דאָס איז שוין ניט קיין געזאַנג בלויז, נאָר אויך א פאָלקס־טאַנץ, א פאָלקס־יאָמטעוו, א פאָלקס־טריומף, א פאָלקס־כאַסענע, א גראַנדיעזע קאָלעקטיווע מאַסנפרייד, „ווי מע טאַנצט א האָנגע״, וואָס אין רויטמאַנס ליד באַקומט אָט דער פאָלקס־טאַנץ דעם סימבאָלישן באַטײַט פון דער אומשטערבלעכקײַט פונעם פאָלק, פון זײַן אַלמעכטיקײַט, פון זײַן גרענעצלאָזער אייביקער אַלצבאַזיגנדיקער קראַפט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, אין גאָר דעם לעבן אָף דער ערד:

און ס׳גייט זיך די האָנגע, און ס׳ווייט די פאַטשיילע,
א האָנגע איז זייער אַן איידעלע קיילע,
ווי טאַנצן, לעמאָשל, איר וואָלט אָף א שפּיגל
און טראָגט אָפּן קאָפּ א קרישטאָלענעם קריגל,
פונוואַנען מע טאָר ניט קיין טראָפּן פאַרלירן.
מע הייבט אָן אינצווייען, מע ענדיקט אינפירן
און ס׳דאַכט, אָף דער האָנגע מיט הערצער זיי הענגען,
און ליבע, און לעבן, און טרײַהײַט זיי ברענגען
אין אָט אָ־דער בלויער פאַטשיילע פאַרבונדן,
וואָס קען אויך פאַרבינדן און היילן די ווונדן.

די פאָלקסטימלעכקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר רויטמאַנס דיכטונג ביכלאַל, איז פאַר די לעצטע צען יאָר געוואָרן נאָך מער נאַטירלעך און אָרגאַניש פאַר זײַן שאַפונג. די לידער און פּאָעמעס, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש הײמלאַנד״ און זײַנען איצט דערשינען אינעם נײַעם בוך, בילדן גאַנץ אויסדריקלעך און באַשטימט א נײַעם עטאַפּ אין רויטמאַנס ליטעראַרישן וועג. און דאָס פילט זיך ניט בלויז אין דעם מעטאָד פון שאַפן, אינעם אינהאַלט פון דער ליד, אין די סוזשעטן פון די פּאָעמעס און באַלאַדעס, נאָר אויך אין דער לעקסיק, אין דער בילדערישער מעטאַפאָריק.

צו זײַן 60־טן געבוירנטאָג קומט דער דיכטער שלוימע רויטמאַן מיט באַדײַטנדיקע שעפערישע דערגרייכונגען, וועלכע זײַנען דערגרייכונגען פון דער גאַנצער ייִדישער דיכטונג. מיר זײַנען זיכער, אַז דער דיכטער וועט ניט בלײַבן שטיין אָף איין אָרט, וועט זיך ניט באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער האָט שוין אָפּגעטאָן פאַר דער ליטעראַטור, — ער וועט ווײַטער פאָרזעצן זײַן רומפולן און פאַראַנטוואָרטלעכן וועג פון א ייִדישן סאָוועטישן דיכטער און וועט באַרײַכערן אונדזער ליטעראַטור מיט נײַע הויכקינסטלערישע שאַפונגען.

איך פיל דעם פרילינג...

אין לעבן איז דאַ אַזא צייט

פאַרפרוירענע דניעפּרישע כוואַליעס,
אין קעמלען האָרבאַטע גערעאַטן,
וואָס בלאַנקען און בלאַנקען קעסיידער
אין ווײַסן קאַזאַכישן סטעפּ.
ווי ס׳וואָלטן די שטעכיקע זאַמדן
די קעמלען אין וועג מיר פאַרשאָטן,
געלאָזט נאָר די האָרבעס פון אויבן,
פאַרשאָטן די פיס מיט די קעפּ.

א פראָסט האַלט אין נעסטן די פויגלען,
פאַרקוטעט אין ווײַסן די ביימער,
באַקלעפּט מײַנע ברעמען און וויִעס
מיט קאַלטן, מיט זילבערנעם טוי.
נאָר איך האָב אין פראָסטיקן גליווער
דערפילט מיטאַמאָל, ווי עס שוימען
די פריילעכע דניעפּרישע וועלן
אין זומערדיק־וואַרעמען בלוי.

און איך האָב דערהערט, ווי עס רוישן
אַף וואַרעמע יאַמישע ברעגן
די פריילעך־פאַרדײַגעטע פויגל,
אַהיים צו זיך פליִען שוין גרייט.

און איך האָב דערזען, ווי עס בליִען
די קווייטן די שענסטע בײַ וועגן,
די קווייטן די שענסטע, וואָס קיינער
האָט זיי נאָך דערווײַל ניט פאַרזייט.

דערווײַל ניט פאַרזייט, ווײַל א פראָסט האָט
דעם שניי דאָ צעצונדן, ווי פײַער,
נאָר ס׳קלײַבט שוין די זוימען פאַר בייטן
א טרײַע, א וואַרעמע האַנט.
עס איז מיר א שאָד יענע פויגל,
וואָס וואַרעמקײַט ערגעץ אַנטלײַען.
איך וויל, עס זאָל וואַרעמקײַט שטײַען
פאַר יעדן אין אייגענעם לאַנד.

איך גיי, און די דניעפּרישע כוואַליעס,
אין קעמלען האָרבאַטע גערעאַטן...
מיר דאַכט, אַז איך טרײַב עס א סטאַדע
אין ווײַסן, קאַזאַכישן סטעפּ.
און ס׳האָבן די שטעכיקע זאַמדן
די קעמלען אין וועג מיר פאַרשאָטן,
געלאָזט נאָר די האָרבעס פון אויבן,
מע זעט ניט קיין פיס, ניט קיין קעפּ.

די פרײַז

קיין דיכטערן כ׳בין ניט געבאָרן,
א דיכטערן בין איך געוואָרן,
ווען זיבעצן גליקלעכע יאָרן
געקומען צו מיר זײַנען שטיל, —
מיט שטערן אין אָונטן בלויע,
מיט יונגן בענימעסן טרויער,
מיט ליבע־ און סינע־געדויער,
אין קאָלערליי פאַרבן געהילט.

און עפּשער נאָך פריִער אַפילע,
אין שטענדיקע קינדערשע שפּילן,
אין טומלענדיק־ווילדע און שטילע —
צו לידער איך האָב זיך געגרייט.
געגרייט זיך, ווען אויסיעס נאָך קרומע
כ׳פלעג מאָלן — צו איוורע א שטומע,
און דעמלט, ווען דאַנקבאַר דעם זומער
געוועזן כ׳בין פאַר יעטווידער קווייט.

קיין מאַמע בין איך ניט געבאָרן,
א מאַמע כ׳בין שפּעטער געוואָרן,
ווען צוואַנציק צעביטן כ׳האָב יאָרן
אַף ווײַבערשן אייביקן אָל,
צעביטן אַף וויגן א וויגל,
און וויגנדיק זינגען א ניגן,
און פילן, ווי ס׳וואַקסן דיר פליגל
אַזוי ווי דײַן מאַמען אַמאָל.

און עפּשער נאָך פריִער אַפילע,
ווען איך פלעג אין אָונטן קילע
א ליאַלקע אין שמאַטעס פאַרהילן
און זיצן מיט איר אין א סאָד.
קיין דיכטערן כ׳בין ניט געבאָרן,
א מאַמע כ׳בין שפּעטער געוואָרן...
א שאָד — מיט מעזומענע יאָרן
מיר צאָלן פאַר יעטווידן טראָט.

פאַראַן זײַנען ערגעץ נאָך סקווערן?

פאַראַן זײַנען ערגעץ נאָך סקווערן,
ווו ס'זיצן פאַרליבטע אַף בענק,
ווען הויך אזוי וואנדערן שטערן?
ווי ס'וואנדערן שטערן, כ'געדענק.

פאַראַן נאָך א סטעזשקע אין קאָרן,
וואָס לויפט אין די זאנגען ניט דרייסט
און ווערט אינדערווײַטנס פאַרלאָרן?
די סטעזשקע דאַרף זײַן ערגעץ, כ'ווייס.

פאַראַן אין א צוויט אין א ווײַסן
א סאָד אין פאַרטאָגיקן שלאָף,
ווען ס'מאָלט זיך דאָס לעבן א מײַסע?
פאַראַן אזא קישעף, איך האָף.

פאַראַן איז א דאַמפּער א גרינער,
וואָס טראָגט די פאַרטרוימטע אין ווײַט,
ווען ס'קומט ניט דער טויט אפן זינען?
אין לעבן איז דאָ אזא צײַט.

א צײַט ביז דער צײַט, ווען די יאָרן,
ווי שטיינער אין אָפּגרונט, זי שיט...
כ'זע אַלץ יענע סטעזשקע אין קאָרן,
דעם סאָד — אין א גאָלדענעם צוויט.

ביימער שטייען אין א גרינעם שאָטן

ביימער שטייען אין א גרינעם שאָטן,
פונעם אָרט זיך טוען ניט קיין ריס.
מיר פאַרכאַפּט פון אײַלעניש דעם אָטעם,
ס'ברעכן מיר פון אײַלעניש די פיס.

מיינט ניט, אז מעקאַנע כ'בין די ביימער,
כ'בין זיי ניט מעקאַנע אַף קיין האָר.
פונקט פאַרקערט. ס'באַפאַלט מיך גאָר אַן איימע,
ווען איך טראַכט פון בלײַבן אַף איין אָרט.

ביימער דאַרפן בלײַבן בײַ די וועגן,
אין די וועלדער, אין א גרינעם סקוועער.
גוטס כ'דאַרף אײַלן טאָן פון אײַערטוועגן,
ליבע מײַנע, ביז איך פיל די ערד,

ביז עס קען פאַרכאַפּן מיר דעם אָטעם,
ביז כ'קען פילן: ס'הודען מײַנע פיס.
ביימער שטייען אין א גרינעם שאָטן,
טוען פונעם אָרט זיך ניט קיין ריס.

זיך אַלץ מיטן שעד ניט צערעכנט...

זיך אַלץ מיטן שעד ניט צערעכנט,
איך בלײַב אים אַלץ שולדיק א גאַנג.
אין זײַט, ווי מיט נאָדלען, מעג שטעכן —
איך גיי מיר, ניט טראַכטנדיק לאַנג.

אָט קום איך אין סעדל אין גרינעם,
איך זוך דיך אַף יעטווידער באַנק.
וואָס זוך איך אינמיטנדערינען?
דעם רועך כ'בין שולדיק א גאַנג.

דעם זומער אַף האַרבסטיקער לאָנקע
געפינען כ'האָב אָפּט א פאַרלאַנג.
פאַרוואָס זשע אומזיסט אזוי כ'בלאָנקע?
דעם רועך כ'בין שולדיק א גאַנג.

אין שטעכיקע, שטויביקע גראָזן
כ'באַמי זיך געפינען א זאַנג.
אומזיסט כ'האָב אין וועג זיך געלאָזן?
דעם רועך כ'בין שולדיק א גאַנג.

ווען ס'וואָלטן געווען די ניטגוטע,
כ'וואָלט יענעם, וואָס כ'קום אַלץ א גאַנג,
מיט שלעכטן געבעטן, מיט גוטן:
דעם כויוו לאָז מיך צאָלן דיר לאַנג.

שירע גאָרשמאַן

נאָך דער מילכאָמע

ז

י הייסט דווירע. איר טאַטן האָט מען גערופן כאַים. אין פּאַס איז זי פאַרשריבן דאָרע יעפימאָווּנע. טאַקע אַזוי רופן זי די שכיינים. מיט אַלע טײַנעס און בסורעס לויפט מען צו איר, נאָך א גמילעסכעסעד אָוודע און אָוודע צו איר.

כאָטש פּאַדאָלסק איז א שטאָט מיט זאַוואָדן און פאַבריקן, מיט טויזנטער אײַנוווינער, האָט איר מאַן נאַכעם, אָדער ווי מע רופט אים נאָום באָריסאָוויטש, אָן א שיר גוטעברידער, ניט אַזוי דערפאַר, וואָס ער האָט א פּאָר געזונטע יאַדאַים, א פּלייצע, ווי א לאָקשנבורעט, און א האַלדז פון א באָקסיאָר. ניט אַזוי דערפאַר, וואָס ער איז א וואָרטלזאָגער, א פריילעכע נעשאָמע, ווי צוליב דעם, וואָס ער קאָן מאַכן א שנאַפּס ניט ערגער, ווי זײַנע גוטעברידער. און ער באַשטייט זײַן שטעטל אויך ניט שלעכט. זאָל שוין זײַן באַהיט דער, ווער עס וועט, כאָלילע, אָנרירן נאָומס קאָוועד. עס האָט געטראָפן, נאָום איז מיט א צוויי־דרײַ גוטעברידער צוגעגאַנגען אויסטרינקען א גלאָז ביר און איינער האָט גאַנץ גוטמוטיק א זאָג געטאָן:

— אַבראַשאַ, גיי צו דײַן סאַרען, זי האָט פאַר דיר א פּלעשל סליוואָקעס!

— איידער איך וועל גיין, ווו דו שיקסט מיך, וועל איך א גלעט טאָן דײַן קײַ־אַגרעגאַט. שנעק איינער, אַף מילכאָמע ביסטו געווען? — האָט נאָום געלאָסן געזאָגט.

גערעדט און געטאָן. די פרײַנט זײַנע, וואָס זײַנען מיט אים צוגעגאַנגען צום ביר־פּאַוויליאָן, האָבן אים קוים אָפּגעריסן פון יענעם. אָט צוליב דער היציקייט זײַנער האָט דווירע ניט ליב געהאַט צו גיין מיט אים שפּאַצירן אין פּאַרק, ווײַל קוים ווײַזט זיך אים אויס, אַז א פאַרבײַגייער האָט אַף זיי ניט גאָר פרײַנטלעך א קוק געטאָן, דעריאָגט ער יענעם און זאָגט אים א צוויי־דרײַ ווערטער, און עס טרעפט, אַז ער וואָרפט אַראָפּ דאָס רעקל, טוט א זאָג: „דאָרעטשקע, גיי פונדאַנען!”. ווען ער גייט אַרײַן אין צימער, מוסערט ער און באַרוזיקט זי:

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? דו ווייסט דאָך, אַז ס'זײַנען פאַראַן גוטע באַקאַנטע צווישן די, וואָס האָבן פאַרזוכט דײַן מאַנס א גלעט...

יאָ, זי ווייסט עס זייער גוט. אָבער זי ווייסט אויך, אַז ער איז שוין ניט דער, וואָס ער איז געווען. אַזויפיל יאָרן נאָך דער מילכאָמע, און דער שפּליטער ליגט אין זײַן לינקער לונג, כאָטש ער איז שוין צוויי מאָל געלעגן אונטערן מעסער, העלפט ניט און ער טרינקט אַמאָל גוט אויס. ווען זײַן טשופּרינע וואָלט ניט געווען צעפּאַטלט און זײַנע אויגן וואָלטן ניט אויסגעדריקט א ביסעלע שולד איינײַנעם מיט פאַרלאָרנקײַט, וואָלט דווירע קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, אַז זײַן „לאָמפּ” איז פול. ווען ניט דאָס, וואָלט זי געוווען איינע פון די גליקלעכסטע ווײַבער, וואָרעם ווען ער גייט פון קאַבעל־זאַוואָד אַפילע אונטער א גוטן קנאַק, לויפט ער אַרײַן אין די קלייטן, קויפט וואָס מע דאַרף אין שטוב, קומט אָן אָנגעלאָדענער אין די הענט און אונטער די אָרעמס. שלעפּט אין שטוב, ווי א מויז אין דער נאָרע, און כאַפּט אַרײַן א גוטן כיילעק, ווײַל ער איז ניט אויסגערעכנט מיט דער קאָפּעקע. נאָר ניט אַזוי דאָס, ווי דער לעכאַים...

— ניאַמקע, — מוסערט אים דווירע, — דו הייסט דאָך נאַכמען נאָכן זיידן. דײַן זיידע, דײַן עלטערזיידע, דײַן טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָבן געמאַכט קידעש און האַוודאָלע אַף עפּל־קוואַס! גיב א קוק אַף זיך, אַז ווי איז שוין צו דיר און צו מיר!

נאום הערט עס, כאָטש ער איז אײַנגעבויגן. ער פּאָרעט זיך און קאָן ניט אָפּבינדן די שוך־שנירלעך. ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דעם, גלײַכט ער זיך אויס, קוקט אפן ווײַב מיט מוירעדיקער געטרײַקײַט און לאָזט וויסן מיט א טרייסט:

— דאַרעטשקע, הײַנט האָט מען געצאָלט אפן זאַוואָד, האָט מיך פּעדיע אײַנגערעדט. באַ מיר אין דער לינקער הויזן־קעשענע ליגט דאָס גאַנצע געהאַלט.

דווירע ווערט אזש אופגעפלאַמט:

— די צונג קערט זיך באַ דיר מיר צו זאָגן, אז פּעדיע האָט דיר אײַנגערעדט. ער איז א טאַטע פון פיר קינדער, זײַן דוסיע ווערט פאַרשוואַרצט. נעם די מינוט, וויפל ער האָט אָף דיר אויסגעגעבן, און טראָג אוועק דוסיען, זאָג איר, אז דו האָסט אנטליִען באַ פּעדיען אָף א צובײַסעכץ.

נאום שטייט, שאָקלט מיטן קאָפּ, דאָס פּאָנעם ברענט אים פאַר בושע, ער פאַרבינדט ווידער די שיך. דווירע גיט אים א דרײַערל, און ער גייט אהין, ווו זי שיקט אים. ווען ער קומט צוריק, זאָגט ער צו איר שטיל און געלאַסן:

— ביסט א מאַלאַדיעץ, דאַרעטשקע! נעם אראָפּ די ווײַסע קאָלדרע, וואָרעם איך דאַרף זיך צולייגן.

— לייג זיך, לייג זיך, אומגליק מײַנער, — זאָגט זי און זי דעקט אים אײַן די פיס.

ער שלאָפט, און זי גייט אין קיך. זי האָט נאָך אינדערפרי אָנגעשיילט קאַרטאָפליעס, איצט רײַבט זי זיי אפן ריב־אײַזן, דערנאָך באַקט זי לאַטקעס, שיט איבער מיט געפּרעגלטע ציבל־קעס, דעקט אײַן דעם טעלער מיט די לאַטקעס, עס זאָל זיך ניט אָפּקילן, „אז ניאַמקע וועט זיך אופכאַפּן, זאָל ער האָבן וואָס צו נעמען אין מויל“. נאָר די לאַטקעס וואַרטן ניט לאַנג, דער באַליבטער רייעך פון די געפּרעגלטע ציבלקעס האָט נאומען אופגעהויבן און אויסגע־ניכטערט. אָט זיצט ער שוין אין קיך און זאָגט שטיל, האַכנאָעדיק:

— אז מע לייגט זיך ניט קיין געגעסענער, שטייט מען אוף ניט קיין געשלאָפענער. האָסט עפּשער א גלאָז קעפיר צו די לאַטקעס?

— אָף וואָס פאַר א רועך דאַרפסטו א גלאָז קעפיר, דו האָסט דאָך שוין אַרײַנגעגאָסן א גלאָז מיט סאַם!

— ווער עס האָט אין זינען יענעמס אוויירעס, דער איז אליין א קנאַפּער צאַדיק. האָסט א שלעכטן מאַן, דאַרפסטו דאַנקען גאָט!

— וואָס העלפט דײַן גוטער ווײַן, אז דו גיסט אין אים אַרײַן דזשעגעכץ?

מער זאָגט זי גאָרניט, אָבער ווי נאָר זיי גייען אַרײַן אין צימער, מוז ער אויסהערן אַלץ, וואָס זי איז אים שולדיק געבליבן. איצט רעדט זי גלאַט אזוי צו איינעם א מענטשן:

— ווו איז זײַן קאָפּ, ווו איז זײַן לײַב און לעבן?! מע גיסט אין זיך סאַמהאַמאָוועס. אַײַ דער דאָקטער האָט געזאָגט, מע דאַרף פאַרגיסן די לונגען מיט פעטקײַט, אײַ דעם אָסקאַלאָק האָט מען ניט געקאָנט אַרויסנעמען, אײַ מע איז געלעגן צוויי מאָל אונטערן מעסער? איך וווּנדער זיך, ווי איך לעב נאָך אָף דער וועלט!

ער שווײַגט. וואָס זאָל ער זאָגן? נאָר פּלוצעם טוט ער א פרעג:

— וויפל האָבן געלייגט די קעפּ?

זי לאָזט אירס איבערגיין, ניט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט וואָס צו זאָגן, ווי דערפאַר, וואָס די שכיינים זײַנען געקומען פון דער אַרבעט. עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן, אז די שכיינע האָט אָנגעקלאַפּט צו איר אין טיר און אָנגעזאָגט:

— דאַרע יעפימאָוונע, אײַערער זיצט אין קיך. מיר דוכט זיך, אז ס'איז אים ניט גוט.

דווירע זאָגט אין אזוינע פאַלן:

— א דאַנק אײַך, מאַריע פּעטראָוונע. וואָס איז דער וווּנדער? זינט ער האָט דעם אָס־קאַלאָק, איז ער אזוי אָפּגעשוואַכט, אז פון פופציק גראַם איז ער אויס מענטש...

ניט געגוג, וואָס ער איז צוויי מאָל געווען פאַרווונדעט אָף מילכאָמע, ניט גענוג, וואָס דווירע איז געבליבן אליין מיט א טאָכטער און מיט א פּיצל אייניקל, איז זי אליין אויך גוט קראַנק. ס'איז טאַקע א וווּנדער, וואָס זי לעבט נאָך. זי האָט קראַנקע לונגען, מיטן מאָגן וואָלט אויך געקאָנט זײַן בעסער, אָבער ווי זי אליין זאָגט, די קראַנקײַט מוז וויסן, ווער דער באַלעבאָס איז איבער איר. זי לויפט אין פּאָליקליניק, מע מאַכט איר פּנעוומאָטאָראַקס, אָדער ווי זי אליין זאָגט, „איך לויף זיך אונטערבלאָזן, און מיר עסן גלײַך וואָרמעס“. זי האָט גענוג דײַגעס כוץ נאומען, כוץ איר קראַנקײַט, וואָרעם זי איז ניט פון די, וועלכע לעבן נאָר צוליב זיך. אָט איז גראָד אַרײַנגעקומען טאַטיאַנע געראַסימאָוונע פון דער דירע דרײַ און צוואַנציק, וואָס אפן דריטן שטאָק, און כאָטש דווירע שטייט שוין אין גרויען זומער־

מאנטעלע, ווײַל זי דאַרף גראָד באַלד זײַן אין פּאָליקליניק, הערט זי, וואָס טאַטיאַנע געראַ־סימאָוונע בעט:

— קײן דרײַסיק רובל האָב איך גראָד ניט, טאַטיאַנע געראַסימאָוונע, אַ פֿינף־און־צוואַנ־ציקער וועל איך אײַך געבן, ווען איך וועל קומען פֿון פּאָליקליניק.

ריכטיקער וואָלט געווען, ווען דווירע זאָגט: „אַ פֿינף־און־צוואַנציקער וועל איך פֿאַר אײַך לײַען". נאָר וואָס איז די פֿולע פֿון זאָגן, אַז זי ווייסט גוט? די שכנינע וועט אַלצײנס ניט גלײבן, וואָרעם יענע איז זיכער, אַז ייִדן זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט געלט. זי האָט עס אַפֿילו גאַנץ אָפֿן אָנומלטן געזאָגט דווירען, און דווירע האָט ניט געלײקנט. זי האָט עס נאָר דערציילט נאָומען, זיי האָבן גוט געלאַכט, און ער האָט באַמערקט:

— דאַרעטשקע, דו ביסט אַ כאַכאָמע. בײס מע זאָגט: האָסט געכאַפּט אַ פּרעמדע שטוב און אַרײַנגעשטעקט אין קעשענע, דאַרף מען שווײַגן. ווער רעדט נאָך, אַז אַף טאַטיאַנקען איז ביטערער ראַכמאָנעס, אַ קלײניקײַט צו זאָגן: זײַן אַ מאַמע פֿון פֿינף קינדער.

אָט לויפֿט שוין דווירע אין איר גרויען זומער־מאַנטעלע צו דער פּאָליקליניק. מיט די דאָקטוירים איז זי דאָרטן אויסגעבונדן, זי קאָן איבערכאַפּן באַם רענטגענאָלאָג באַם פּטי־זיאַטער ניט נאָר אַ פֿינף־און־צוואַנציקער, נאָר אַפֿילו אַ פֿופֿציקער. זי דאַרף נאָר האַלטן דעם טערמין. עמעס, דאָס איז ניט אַזוי פּאָשעט. זי זאָגט, אַשטײגער, צום רענטגענאָלאָג:

— סערגײ איוואַנאָוויטש, איך דאַרף אַ פֿינף־און־צוואַנציקער ביז דאָנערשטיק. דאָ־נערשטיק צאָלט דער קאַבעל־זאַוואָד, ברענג איך דאָס גלײַך אָפּ.

און דער קאַבעל־זאַוואָד צאָלט גראָד פֿרײַטיק אָדער מאָנטיק, ווײַל שאַבעס און זונטיק אַרבעט מען ניט. לויפֿט זי דאָנערשטיק זיך פֿאַרענטפֿערן:

— סערגײ איוואַנאָוויטש, איזווינײטיע, דער קאַבעלנער האָט פֿאַרהאַלטן די פּאָלושקע. סערגײ איוואַנאָוויטש ווינצלט זיך:

— עס מאַכט ניט אויס, — זאָגט ער, — איך האָב נאָך אַף מיטיק.

דווירע גײט פֿון דער פּאָליקליניק און טראַכט: „אין סאַנאַטאָרי האָט ער אַ גאַנצע סטאַווקע, אין פּאָליקליניק אויך אַ גאַנצע, אין דיספּאַנסער הײלט ער אויך ניט אומזיסט. טרייסט ער מיך, אַז ער האָט אַף מיטיק".

פֿאַרשטײט זיך, אַז פֿאַר זיך וואָלט זי בײַ אים קײנמאָל ניט געליִען. אָבער אַף מאָרגן גײט אַרײַן אַן אַנדער שכנינע, און דווירע מאַכט ווידער אַ האַלוואַעלע, כאָטש אַמאָל זאָגט זי צו אַ שכנינע:

— ווער האָט עס אַזוי נאָכגעגעבן קינדער ווי איצטער? מײַן מאַמע האָט געהאַט זיבן קינדער. אַז זי האָט אַמאָל אַ שמיר געטאָן אַ שטיקל ברויט מיט אַ לעק פּוטער, זײַנען מיר געווען גליקלעך. וואָרעם גאַנץ אָפֿט, אַז מיר פֿלעגן זאָגן: „מאַמע, איך וויל עסן", פֿלעגט זי זאָגן: „נעם ברויט, מײַן קינד, מיט ווײַסט מיט וואָס — מיט צונגו!" און איצט איז גאָר ניט שײַעך „ס'איז ניטאָ". שיכעלעך, און קלײדעלעך, און עפּל, און דאָס טעלערל פֿון הימל!

די לעצטע צײַט קאָן שוין דווירע ניט טאָן אַזויפֿיל טויוועס. ווײַל נאָום ליגט אין שפּי־טאָל. זי איז לעבן אים גאַנצע טעג. די דאָקטוירים זאָגן, אַז ס'איז שלעכט. אַ דריטן מאָל אָפּערירן קאָן מען ניט, זאָגן די דאָקטוירים. מע האָט שוין צוויי מאָל אָפּערירט, אויסגעשניטן דרײַ ריפּן, און דעם שפּליטער פֿון דער לינקער לונג האָט מען ניט אַרויסגענומען. איצט איז נאָומען אַזוי שלעכט, אַז ערגער קאָן שוין גאָר ניט זײַן. דער הוסט לאָזט אים אַף קײן רעגע ניט אָפּ. ער זשיפּעט נאָר דערפֿאַר, וואָס מע מאַכט אים אײַנשפּריצונגען דרײַ מאָל אַ טאָג. ליגן קאָן ער שוין ניט. ער זויגט דעם ציבעק פֿון זויערשטאָף־קישן זיצנדיק. ס'ווערט אים אַ קאַפּל גרינגער, בעט ער:

— דאַרעטשקע, גײ. וואָס קאָן העלפֿן דײַן זיצן? דו ווילסט, עס זאָלן זײַן צוויי לעווײַעס אין אײן טאָג?

אָבער זי זיצט פֿאַרט. פּלוצעם איז אים באַפֿאַלן אַזאַ הוסט, אַז מע האָט אים אַרויס־געטראָגן אין איזאָליאַטאָר, קעדײ די כאָלאָיִם זאָלן ניט זען, ווי ער מאַטערט זיך. באַנאַכט האָט אַ פֿלײץ געטאָן בלוט פֿון זײַן האַלדז און עפּעס האָט אַ בראַזג געטאָן אין דער שיסל, וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט געהאַלטן בײַ זײַן מויל. דער דאָקטער איז צוגעלאָפֿן. ער האָט אָנגעבויגן די שיסל, און ער האָט געזאָגט:

— נאָום באָריסאָוויטש, איר האָט אַרויסגעשפּיגן דעם טויט — אָט איז דער שפּליטער!

דווירען האָט מען קוים אָפּגעמינטערט, מע האָט זי אונטער די הענט אַוועקגעפֿירט אין אופּנאַם־קאַבינעט, און אַ פּאָר שאַ ארום האָט מען זי אַף אַ שפּיטאָל־מאַשין אַוועקגעפֿירט אַהײם. אין צוויי וואָכן אַרום, ווען נאָומען האָט מען אויסגעשריבן פֿון שפּיטאָל, האָט זיך

דווירע שוין געפילט גאַנץ גוט. ס'איז גראָד געקומען צוגאַסט זייער טאָכטער מיטן אייניקל. זיי האָבן אָפּגעלעבט. גאַנצע טעג האָט זיך נאָומס געייסעקט מיטן מיידעלע, שפּאַצירט מיט איר אין פּאַרק, פאַרגעלייענט ביכעלעך, און דווירע האָט ניט איין מאָל געזאָגט צו נאָומען:

— גאָט אַליין האָט אונדז צוגעשיקט דאָס וויטאַמינטשיקל.

אָבער פּלוצעם איז אין איינעם אַ טאָג נאָומען געוואָרן זייער שלעכט, מע האָט אים מיט דער „גיכער הילף" אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און פון דאָרט אין קיניגרײַך פון די שאָטנס.

נאָך נאָומס טויט האָט די טאָכטער זיך איבערגעקליבן קיין פּאָדאָלסק. זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף אַרבעט און גוט פאַרדינט. דווירע האָט געהאַט אַ קליינע אינוואַלידן־פּענסיע און גרויס נאַכעס פונעם אייניקל. דער זאַוואָד, וווּ נאָומס האָט געאַרבעט, האָט דווירען ניט פאַרגעסן, אַלע יאָר זי באַוואָרנט מיט אַ פּוטיאָווקע אין אַ סאַנאַטאָרי. דאָרט האָט זיך געפילט אַף אַזויפיל בעסער, אַז מע האָט זי אַראָפּגענומען פון טובערקוליאָז־דיספּאַנסער־אופזיכט. איצט האָט דווירע מער, ווי פריִער, געדײַגעט פאַר אַנדערע.

ניט איין מאָל האָט די טאָכטער צו איר געזאָגט:

— מאַמע, ס'איז פאַר דײַנע קויכעס צו גראָבן די ערד אין הויף? וואָס גלײַכסטו זיך צו די שכיינים? זיי זײַנען ייִנגער און געזינטער פון דיר. מע וועט מאַכן די קלומבעס און פאַרפלאַנצן די קוויטן אָן דיר!

— דו ביסט טאַקע גערעכט, מײַן טאָכטער, — פלעגט זי זאָגן. אָבער ווי נאָר די טאָכטער איז אַוועק אַף דער אַרבעט, איז דווירע ווידער געווען בײַ די קלומבעס.

דער הויף איז געוואָרן אַן עמעסער בלומען־גאָרטן. שכיינים האָבן דערזען אַזאַ שיינקייט, האָט מען צוגעלייגט אַ האַנט. ווען דער פּאָדאָלסקער שטאָט־ראַט האָט געמאָלדן, אַז עס הייבט זיך אָן אַ דעקאַדע פון פאַרשענערן די שטאָט, פאַרפלאַנצן די הויפן מיט גרינס און בלומען, און קאָמיסיעס האָבן גענומען גיין צו קאָנטראָלירן, ווי דאָס ווערט דורכגעפירט, איז דווירע באַלוינט געוואָרן מיט אַן ערן־גראַמאָטע פון שטאָט־ראַט. עס איז אײַנגעפאַלן דווירען נאָך אַ זאַך. זי האָט מיט אַ פּאָר שכיינעס אויסגעראַמט דעם באַהייצונג־פּאָדוואַל. מע האָט אַנטלייִען טישן און בענקלעך. דווירע האָט געקליבן בײַ די ווײַבער צו אַנדערהאַלבן רובל, און צו די אָקטיאַבער־יאָמטויווים האָט זי אײַנגעאָרדנט, ווי זי האָט עס אָנגערופן, אַן „אַלמאַנע־באַל". דווירע האָט געקוואָלן פון דעם, וואָס די שכיינים האָבן געלעקט די פינגער פון די יידישע מײַכאָלים, וואָס זי האָט צוגעגרייט. מע האָט אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך ווײַן, פאַרטרונקען מיט גלעזער לימאָנאַד, פאַרביסן מיט געהאַקטן הערינג און פאַרזונגען מיט אומעטיקע לידער וועגן די „ביינדעלעך אין די ברודער־קוואָרים", כאָטש עס איז שוין געווען העכער צוויי צענדליק יאָר נאָך דער מילכאָמע.

סאָף זעכציקער יאָרן האָט דער קאַבעל־זאַוואָד געשטעלט אַ גראַניט־מאַצייווע אַף נאָומס קייווער. די אָנפירונג פון זאַוואָד איז אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס. עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָום באַריסאָוויטש איז געווען אַ געטרײַער זון פון דער פּאַרטיי און פון ראַטנלאַנד. ער איז פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט. ער האָט זיך ניט געשאַנעוועט בײַ דער אַרבעט, און אַז נאָך אין יענער מילכאָמע פון פערצנטן יאָר איז ער געווען באַלוינט מיט אַ געאָרגי־קרייץ.

דווירע האָט זיך גענוג אָנגעוויינט יענעם טאָג. כאָטש דעם, האָט זי געהאַט דײַגעס, ווו זי וועט אַהינטאָן אַזויפיל מענטשן אין דעם איינציקן צימער. אָבער בייס זי איז געקומען מיט די מענטשן פון בעסוילעם, האָבן ביידע שכיינעס פון זייערע צימערן באַגעגנט די געסט. עס זײַנען געשטאַנען געגרייטע טישן און פלעשער מאַשקע. אַלע האָבן געהאַט ווו צו זיצן, וואָס צו עסן און צו טרינקען. עס איז גראָד געווען בײַ דווירען די ריכטיקע צײַט ניט צו זשאַלעווען קיין טרערן. זי האָט עס טאַקע געטאָן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. בײַ יעדער גלעזל האָט מען דערמאָנט נאָומס מײַלעס.

פון צאַרעס שטאַרבט מען ניט, פון פרייד לעבט מען ניט, זאָגט אַ ווערטל. עס קאָן אָבער זײַן, אַז דער טובערקוליאָז־דיספּאַנסער האָט זיך צוגעײַלט. דעם דאָקטערס טאָעס דעקט צו די ערד...

אין איינעם אַ טאָג איז דורך דער פּאָדאָלסקער צענטראַלער גאַס געגאַנגען אַ לעווײַע מיט אַן אָרקעסטער. די טרונע איז ניט געשטאַנען אַף קיין מאַשין, מע האָט זי געטראָגן אַף די אַקסלען. עס זײַנען געווען קרענץ פון פּאָדאָלסקער שטאָט־ראַט, פון קאַבעל־זאַוואָד, פון טובדיספּאַנסער. ניט נאָר די שכיינים, מיט וועלכע דווירע האָט געוווינט אין הויף,

נאָר די ווײַבער פון ארומיקע הײַזער האָבן מוירעדיק געווײנט. דאָס איז געווען אזא גרויס־סאַרטיקע לעווייַע, אז צופעליקע פאַרבײַגייער זײַנען צוגעגאַנגען און שטיל געפרעגט בא די באַגלייטער: „ווו האָט ער געארבעט, ווער איז דאָס געשטאָרבן?” און דאָס איז ניט געווען צו באַוווּנדערן. באַוווּנדערן האָט מען באַדאַרפט די, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט דער לעווייַע. זיי האָבן מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט די צופעליקע פאַרבײַגייער: „דאָרע יעפּימאָוונע איז געשטאָרבן, איר האָט זי ניט געקענט? דאָס איז געווען א מענטש! א זעלטענער מענטש. קומט מיט!”

א יאַפּאַנישער שירעם

זעלדע, אָדער ווי מע רופט זי אויף דער ארבעט, זעלמאַ אראָנאָוונא, איז איצט אין די קערנדיקע יאָרן. זי איז א באַהאַוונטער מענטש, זי שטאַמט פון אַן אָרעמער מישפּאָכע. זי איז געווען איינע פון א סאַך קינדער, געבליבן זײַנען אינגאַנצן צוויי — זי און א ברודער. אירע טאַטע־מאַמע זײַנען זוכע געווען צו שטאַרבן מיטן אייגענעם טויט, דער ברודער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע. ער איז קיין איין מאָל ניט געווען פאַרוווּנדעט, ער האָט געהאַט א סאַך באַלוינונגען, זײַן פרוי און צוויי קינדער זײַנען אומגעקומען ערגעץ אונטער מינסק. ער האָט געלעבט אין קורסק און קיין מישפּאָכע האָט ער מער ניט פאַרקניפּט. מיט זעלדען, מיט דער איינציקער שוועסטער זײַנער, איז ער געווען פונדערווײַטן ניט צוליב זײַן שולד. ער האָט איר ניט איין מאָל געשריבן, נאָר זי פלעגט אָפּלייגן דעם ענטפער אויף יאָמטויוויום: דאָס קורצע קאַרטעלע אויף נײַ־יאָר, עטלעכע ווינטשעוואַניעס אויף די אָקטיאַבער־יאָמטויוויום און אויף מײַ. טאַקע דעריבער פלעגט זעליק, זעלדעס ברודער, זעלטן אַרײַנגיין צו איר, אפילו, ווען ער פלעגט זײַן אין מאָסקווע אין א קאָמאַנדירונג. ער פלעגט נאָר אָנקלינגען און, אויב זעלדע איז געווען אין שטוב, איז צווישן זיי פאָרגעקומען א קורצער קילבלעכער שמועס, וועלכן זעליק פלעגט אין הארצן אָנרופן „לונג־ און לעבער־ווורשט”. זעלדע האָט אפילו ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אז זעליק טראַכט וועגן איר מער, ווי זי וועגן אים, און אז ער איז ניט גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס זײַן איינציקע שוועסטער האָט צו אים אזוי ווינציק פּראַגעס, און האָט קיינמאָל ניט קיין צײַט צו קומען קיין קורסק, א קוק צו טאָן וו׳אַזוי ער האָט זײַן אויסקומעניש. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אז זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געפונען איינער דעם אנדערן, ווען ניט...

זעלדע איז געווען זייער א פאַרנומענער מענטש, זי האָט אויך ניט געהערט צו די, וועלכע שלאָפן ניט א פּאָר שאָ און באַטראַכטן צי זײַנען זיי גוט, צי זיי זײַנען שלעכט. ניין, אזא ארבעט האָט זעלדע ניט געהאַט. זי האָט פופצן יאָר געארבעט אין איין פּאָליקליניק און דרײַ מאָל אין וואָך האָט זי געארבעט אין א טעראַפּיע־אָפּטיילונג פון א שפּיטאָל. מע האָט זי אויך אָפּט גערופן אויף א קאָנסולטאַציע, ווײַל זי איז געווען א באַהאַוונטער די׳אַגנאָסטיקער. איר מאַן שאָלעם איז געווען א שפּראַך־קענער, א געזעצטער ערנסטער מענטש. כאָטש ער איז געווען מיט א פּאָר יאָר עלטער פון זעלדען און האָט שוין געעפנט דעם זעקסטן צענדליק, האָט זיך עס אויף אים לאַכלוטן ניט אָנגעזען. זײַן פּלייצע איז געווען גלײַך, זיינע האָר געדיכט און שוואַרץ, זײַנע אויגן האָבן געשטראַלט מיט זיכערקײַט. זעלדע האָט קיין סאַך פרײַנט ניט געהאַט. די נאָענטסטע כאַווערטע אירע איז סאָפיע אבראַמאָוונע זילבערמאַן, זי איז אויך א דאָקטערן, ארבעט העכער צען יאָר מיט זעלדען אין איין פּאָליקליניק.

סאָפיע אבראַמאָוונע איז געווען פון דעם מין דאָקטוירים, וואָס זייער באַרוף שעפּט זיך אויס, ווי נאָר זיי פאַרלאָזן די שוועל פון דער פּאָליקליניק. דאָס איז געווען א וווקסיקע בריונעטקע, פול־קײַלעכדיק געקנאָטן, מיט בלאָ געפאַרבט די אויגן־לעפלעך, מיט שוואַרץ די ווי׳עס און זאַפּטיק־רויט די פולע ליפּן. דערפאַר, וואָס איר באַרוף האָט זי ניט באַלעס־טיקט, האָט זי געהאַט צײַט ארייַנצולויפן נאָך דער ארבעט אין א גאַלאַנטעריי־קלייט, אין א

שוך־געשעפט און אין אנדערע קראָמען, ווו מע האָט זיך געקאָנט באַוואָרענען מיט דעם אַלץ, וואָס מאַכט שאַפן אַ לײַטישן אויסזען. זי האָט ניט זעלטן געקויפט פאַרשיידענע קלייניקײַטן אויך פאַר זעלדען. אָט דאָ ניט לאַנג האָט סאָפיע אַבראַמאָוונע געשענקט זעלדען צו איר געבורטסטאָג אַ יאַפּאַנישן שירעם מיט אַ קורץ הענטל, וועלכן מע האָט געקאָנט אַרײַנלייגן אין רידיקול. ווען די געסט זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט שאַלעם געעפנט דעם שירעם און געזאָגט:

— אַ פּראַקטיקע זאַך, זעלדעלע. און באַמערק נאָר וואָס פאַר אַ שיינער און אַ זוניקער. סאָפיע אַבראַמאָוונע איז דײַנער אַ זעלטענער פרײַנט. מײַנעם אַ געבורטסטאָג קומט זי אָפּ מיט אַ פּאָר רויזן און מיט אַ פּושקע שאָקאָלאַד — אַסאָרטי.

זעלדע האָט אָף דעם גאָרנישט ניט געענטפערט, ווײַל זי האָט שוין ניט איין מאָל געהאַט אַ ווידערגעפיל צוליב דעם, וואָס סאָפיע אַבראַמאָוונע איז אַזוי ניט אופמערקזאַם צו שאַ־לעמען. זי גופא איז געווען אַנציקט פון שאַלעמען, ווי מיט יאָרן צוריק. ער איז געווען פאַר איר דער זעלטענער פּראַקטיקער ניט נאָר געבילדעטער, נאָר אויך ערודירטער איינציקער געשאַצטער מאַן, ווי דאַן, ווען זי האָט אים אויסדערוויילט. איין זאַך פּלעגט זעלדען אַמאָל מאַכן גרימעניש און שולדיק דערין איז געווען נאָר סאָפיע אַבראַמאָוונע. זעלדע האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט יענער:

— סאָניע, איך בעט דיך, וואָס דאַרפסטו דערציילן מײַסעס אין פּאָליקליניק וועגן מײַן פּערזענלעך לעבן!

— זעלדעטשקע, איך דערצייל דען עפּעס שלעכטס?

— קיין שלעכטס קאָנסטו ניט דערציילן, אַפילע ווען דו ווילסט, אָבער איך בעט דיך דו זאָלסט קיין גוטס אויך ניט דערציילן, ווײַל אַנומלטן האָט געזאָגט צו מיר דער רענט־גענאָלאָג, — זעלמאַ אַראָנאָוונאַ, סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ קאָן זיך גאָר ניט גענוג אָנדערציילן וועגן אײַער סאָלאָמאָן יעווסייעוויטשן. זי זאָגט, אַז זי האָט אַזאַ פּראַקטיקן מענטש און אַזאַ איבערגעגעבענעם מאַן קיינמאָל ניט געטראָפן. — פאַרשטייסטו שוין פאַרוואָס איך בעט דיך, אַז אַלע דײַנע מיינונגען וועגן מײַן שאַלעמען און וועגן מיר זאָלן בלײַבן צווישן אונדז!

— איך פאַרשטיי ניט וואָס ביסטו אַזוי אופגעבראַכט.

— איך בין ניט אופגעבראַכט, נאָר איך קאָן דאָס ניט לײַדן! ווען דו וואָלסט ניט געווען מײַן איינציקער פרײַנט, וואָלט איך... וואָרעם ווען מע לויבט עמעצן זייער שטאַרק, קאָן עס אַמאָל אַרויסרופן פאַרקערטע באַטראַכטונגען. נאָר איך מיין, אַז עס איז גענוג...

זעלדע האָט אַזוי געזאָגט, ווײַל זי האָט גאָר קיין געדאַנק ניט צוגעלאָזט, אַז כאָטש איר קאָן נאָך עמעצער האָבן אַ מיינונג וועגן איר שאַלעמען און קאָן וואָגן צו באַהאַנדלען זײַנע זעלטענע מײַלעס. זי האָט מיט אים געלעבט באַ די צוואַנציק יאָר, און זי האָט קיינמאָל פון אים ניט געהאַט קיין אַגמאַס־נעפעש, ס'איז ניט געווען קיין גרעסערע פרייד פאַר איר, ווי זײַן דערפאָלג. זײַנע רעפעראַטן האָט זי אַליין שטענדיק געדרוקט אָף דער שרײַב־מאַשינקע, און ווען זי פּלעגט אים ווײַזן איר אַרבעט, האָט זי מיט אַ ווייך קאָל אַלעמאָל באַמערקט:

— שאַלעמל, לינגוויסטיק איז ניט קיין מעדיצין. אַזאַ וואָרט, אָן אַנדער וואָרט, פון דעם וועט, כאַלילע, קיינער ניט שטאַרבן. פונדעסטוועגן דוכט זיך מיר, אַז אַזוי קלינגט עס בעסער, עס דריקט בוילעטער אויס דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט זאָגן.

— איך וועל אַ קוק טאָן, מײַן טײַערע. איך מיין, אַז דו ביסט גערעכט. — פּלעגט ער זאָגן, כאָטש ער האָט שוין ניט איין מאָל זי איבערצײַגט, אַז זי האָט געשמאַק און זי באַנעמט זייער גוט, וואָס הייסט אַזאַ, אָדער אָן אַנדער וואָרט.

אַנומלטן איז סאָפיע אַבראַמאָוונע אַרײַנגעקומען אין אַ מיטן אינדערוואָכן אָן אַ טעלעפאָן־קלונג, שפּעטלעך אין אָוונט, ווען זעלדע איז גראַד געזעסן און געקלאַפּט אָף דער מאַשינקע. זי האָט גלײַך אָפּגעלייגט די אַרבעט אין אַ זײַט און, ווען ביידע כאַווערטעס זײַנען געזעסן באַ אַ גלאָז טיי, האָט סאָפיע אַבראַמאָוונע באַמערקט:

— עס וווּנדערט מיך, צי דען קאָן סאָלאָמאָן יעווסייעוויטש ניט קריגן קיין מאַשיניסטקע?

— איך קאָן זיך באַגיין אָן דער געניטער מי פון איינזאַמע מאַשיניסטקעס.

— איך מוז דיך אַ קוש טאָן, — האָט סאָפיע אַבראַמאָוונע באַגײַסטערט און אַ קוש געטאָן זעלדען אין די סאַמע ליפּן.

אַזוי האָט זיך זעלדע געלעבט גליקלעך, רויִק מיט איר שאַלעמען, מיט דאַנקבאַרקײַט צו איר נאָענטסטער כאַווערטע סאָפיע אַבראַמאָוונע. נאָר אַלץ גוט קאָן דאָך ניט זײַן. זומער צײַט פּלעגט זי אַמאָל האָבן אַ שווערלעך געמיט. קיינמאָל איז שאַלעמס אורלויב ניט צו־נויפגעפאַלן מיט זעלדעס, אָט דעריבער האָט זי געהאַט אַ שווערלעך געמיט. נאָר אַזוי־וויי

זי האָט געוווּסט, אַז בײַס זײַן אורלויב אַרבעט ער, האָט זי ניט זייער איבערגעטראַכט וועגן דעם. סאָף זומער אין זיבעציקסטן יאָר האָבן זיך זעלדעס מיטאַרבעטערנס שוין צוריקגעקערט פון די קוראָרטן, אײַנגעטונקען און באַהויכט מיט גאָלדיק־דאַרעמדיקן הויך אַף זייערע הענט און העלדזער, אַף די אַנטבלויזטע אַקסלען, און זעלדע איז נאָך אַלץ געזעסן אין מאָסקווע. פון שאָלעמען האָט זי געקראָגן אָפטע, קורצע, הייסע ליבע־בריוולעך. ער האָט געשריבן: „ליבע, צאַרטע, איינציקע מײַנע, איך בין דאָ אין אַ צימער זאַלבעצווייט. מײַן שאָכן האָט אַ שײַכעס צו ביאָלאָגיע. אָבער אַזוי ווי ער שפּאַצירט גאַנצע טעג, קאָן איך מיר רויִק טאָן מײַן זאַך. איך מיין, אַז איך וועל באַווײַזן אָפּטאָן, וואָס איך האָב פאַרטראַכט. גיב צו וויסן, ווען דו פאָרסט אַרויס קיין דרוסקעניקי, טעלעגראַפיר גלײַך, ווען דו וועסט אַהין אָנקומען. ס׳קאָן זײַן, אַז איך וועל אויסמאַרקירן אַ פּאָר טעג און וועל צו דיר צופאָרן. דײַן טאָמיד אין דיר פאַרליבטער שאָלעם”.

אינמיטן אווגוסט האָט זעלדע גענומען אורלויב. און פּלוצעם באַשלאָסן, אַז זי וועט קיין טעלעגראַמע ניט געבן, ווי אַלע יאָר, ווען זי פאָרט אַרויס אָפּרוען. „וואָס דאַרף איך אים אַרויסשלאָגן פון דער אַרבעט?”— האָט זעלדע געטראַכט, און האָט נאָך באַשלאָסן אַרויס־פאָרן מיט אַ פּאָר טעג פריִער, ווײַל זי האָט געהאַט ניט קיין אויסגענוצטע רו־טעג, ווי אַ צוגאָב צו איר אורלויב און זיך באַרעכנט פאַרפאָרן קיין פּאַלאַנגע, וווּ שאָלעם רוט, און פון דאָרטן שוין פאָרן קיין דרוסקעניקי. געקומען קיין פּאַלאַנגע, האָט זי געפונען די סאַנאַ־טאָריע, און זיך געגאַנגען צו דער סאַנאַטאָריע דורכן פּאַרק. די סטעזשקעס זײַנען געווען באַשאָטן מיט געלן זאַמד. די געאָרגינעס האָבן שיין געבליט. עס איז געווען ציכטיק, און זעלדע האָט אָפּגעמערקט, אַז ס׳איז ניט צו געפינען אַף דער ערד קיין איין אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס, קיין איין שוועבעלע. אַ צופרידענע פון דער ציכטיקײַט און פון באַגעגעניש, וואָס וועט זײַן אַזוי אומדערוואַרט פאַר שאָלעמען, איז זי אַ רויִקע, אַ גוט געשטימטע אַרײַנגע־גאַנגען אין וועסטיביול פון דער סאַנאַטאָריע. זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פרוי, וואָס איז געזעסן בײַ אַ טיש, און האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף זען סאָלאָמאָן יעווסייעוויטש שאַפּיראָ.

— זיצט, ביטע, — האָט די פרוי געזאָגט, — איך וועל גיין אַ קוק טאָן, צי זיי זײַנען דאָ אין צימער.

זעלדע האָט קיין שום אַכט ניט געלייגט אַף דעם „זיי”. זי איז געזעסן און האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי שאָלעם וועט באַלד אַרויסלויפן צו איר. ס׳האָבן זיך דערהערט טרִיט. זעלדע האָט באַלד דערקענט, אַז ניט שאָלעם גייט. די פרוי איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט געזאָגט:

— סאָלאָמאָן יעווסייעוויטש מיט זײַן ווײַב איז, מיסטאָמע, ווי אַלע טאָג אַוועק צו די דיונעס. דאָס איז זייער נאָענט, מיט דער סטעזשקע גלײַך. אויב איר דאַרפט אים זייער בייטיק זען, קאָנט איר זיך אַהין דורכגיין.

די מירמל־זײַלן האָבן זיך מאַמעש אַ וואַקל געטאָן, זעלדע האָט זיך קוים געהאַלטן אַף דער שטול. אָבער דאָס האָט געדויערט געציילטע רעגעס. זי האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין רידיקול, צוזאַמענגענומען אַלע אירע קויכעס.

און ווי עס האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, האָט זי גאַנץ רויִק געזאָגט:

— זײַט אַזוי גוט, גיט איבער סאָלאָמאָן יעווסייעוויטשן מיט זײַן פרוי, אַז זייערע אַ נאָענטע באַקאַנטע איז דורכגעפאָרן פּאַלאַנגע און האָט זיי זייער געוואָלט זען.

— עפּשער וועט איר זיי אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער?

— איך אײַל מיך זייער צום צוג. נאָר איך וואָלט אײַך געווען זייער דאַנקבאַר, אויב איר וועט איבערגעבן דאָס שירעמל שאַפּירעס פרוי. — האָט זעלדע געזאָגט, אַרויסגענומען פון רידיקול דאָס קורצע שירעמל און האָט שוין אַפילע ניט געהערט, ווי יענע האָט געזאָגט — דאָס איז זייער גוט, ווײַל עס רעגנט אָפּט.

דורך דער אַלייע איז זעלדע געגאַנגען, ווי עס גייט אַ מעסוקענער כוילע. ווײַלעווײַס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די ערד עפנט זיך, הייבט זיך אויף פון ביידע זײַטן און שלינגט זי אײַן.

אין צוג האָט זעלדע דערפילט, אַז זי איז קראַנק. זי האָט ניט געקאָנט באַהערשן אירע געדאַנקען, זיי האָבן זיך געדרייט און געמישט. אָט האָט זי געטראַכט וועגן דעם, אַז זי איז געווען אַזוי גרינג־גלייביק, כאָטש ס׳זײַנען געווען גענוג סימאָנים, אַז דאָס געשעענע זאָל פאַר איר ניט זײַן אומדערוואַרט. „וויִאַזוי האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס סאָניע לייגט אַלעמאָל אײַן וועלטן אין גרופּקאָם פון פּאָליקליניק, אַז איר אורלויב זאָל אויספאַלן נאָר אין יול, וויִאַזוי איז מיר ניט געווען פאַרדעכטיק, וואָס זי פאָרט אַוועק מיטן זעלביקן צוג, וואָס שאָלעם פאָרט — כאָטש זיי גייען אַרײַן אין באַזונדערע וואַגאָנעס. וויִאַזוי האָב איך

קיינמאָל ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געוווּסט, וויפל געלט ער האָט אַף זײַן שפּאַר־ביכל. ווי האָט ער געקאָנט אַ טאָג פאַר זײַן אָוועקפאָרן זײַן אַזוי צאַרט און אומדערמידלעך אַף אונדזער צוקאָפּנס. וואַזוי האָב איך אַלץ פאַרזען..."

אַזוי האָט זעלדע געטראַכט אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל. זי האָט איבערגעקליבן אַלע יאָמטויווים, אַלע געבורטסטעג. זי האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס סאָניע האָט געשאָנקען ביליקע מאַטאָנעס שאַלעמען און גראָד איר, זעלדען, האָט זי אַלעמאָל געשאָנקען נוציקע שיינע און ניט קיין וואָלוועלע זאַכן. זי האָט אויך ערשט איצט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס סאָניע האָט אַזוי גערימט און געלויבט אין פּאָליקליניק שאַלעמען... און נאָר, ווען זי איז צוגעפאָרן צו מאַסקווער וואָקזאַל, איז איר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, ווי זי וואָלט עס באַטראַכט פון דער זײַט. „נו, וואָס האָט, אייגנטלעך, געטראָפן? באַנאַליטעט! זינט די וועלט שטייט, זײַנען געווען אָפּגענאַרטע און הערנער־טרעגער".

דאָס איז געווען קימאַט אַ ריכטיקער געדאַנק, נאָר אַ מענטש ווייסט וואָס עס איז געווען און ער ווייסט קיינמאָל ניט, וואָס עס וועט זײַן. פאַר דער לעצטער צײַט, ווי פריִער, האָט זעלדע קימאַט ניט געטראַכט וועגן איר ברודער זעליקן, איצט האָט זי געטראַכט, אַז עס איז זייער ניט גוט, וואָס אירע באַקאַנטע דאָקטוירים, די, צו וועמען זי האָט געהאַט צוטרוי, זײַנען אין אורלויב. ס'האָט איר קוים געקלעקט קויעך אָפּצושליסן די טיר פון איר דירע, אויסצובעטן דאָס געלעגער, נעמען וואַלאָקאַרדין און זיך לייגן. ס'האָט איר זייער ווי געטאָן די לינקע האַנט, די לאָפּעטקע. ס'איז איר שווער געווען צו אָטעמען. זי האָט אַרויסגערופן גיכע הילף און דער דאָקטער האָט איר געזאָגט דאָס, וואָס זי אַליין האָט געוווּסט. דער דאָקטער האָט געזאָגט:

— ליגן. נעמען מיטלען צום האַרץ. מאָרגן אַרויסרופן פון פּאָליקליניק אַ דאָקטער. אָן אַ קאַרדיאָגראַמע איז מיר ניט קלאָר, וואָס האָט אײַך אַזוי טראַוומירט, צי איר זײַט שטענדיק אַ האַרץ־קראַנקע?

דער דאָקטער פון גיכע הילף איז אוועק. זעלדע האָט גענומען ניט נאָר וואַלאָקאַרדין, זי האָט גענומען וואַלידאָל אויך. נאָר גרינגער איז איר ניט געוואָרן. דאָס סאַמע פּײַנלעכע איז געווען ניט אַזוי דער ווייטעק אין האַרצן און אין דער גאַנצער לינקער זײַט, ווי די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געדרייט און געבוקסעוועט אַף איין אָרט, ווי די רעדער פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס דרייען זיך און דרייען זיך אין דער בלאָטע און קאָנען זיך פון איר ניט אַרויסדרייען. ווידער געבורטסטעג, ווידער סאָניע, און ווידעראַמאָל שאַלעמס ניט פאַרבײַגייענדיקע פּאַרמאַסקירטע געטרײַקייט.

אין אָוונט פון צווייטן טאָג האָט נאָך זעלדע גאָרנישט ניט געהאַט אין איר מויל. כוץ רעפּועס און וואַסער. זי איז געלעגן אַ באַרוישטע און אַ געדריקטע, און ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס זי האָט שוין צום וויפלטן מאָל געטראַכט אויך דאָס „איך דאַרף זיך נעמען אין די הענט. איך האָב גאָרנישט ניט פאַרלוירן כוץ שאַלעמס פאַלשקייט און זײַן כניפעדיקן אָנשטעל..."

ס'איז שוין געווען דער דאָקטער פון פּאָליקליניק. ער האָט באַשטעטיקט אַז אַלץ, וואָס זעלדע נעמט, איז ריכטיק און אַזוי זאָל זי טאָן. מע האָט שוין אויך געמאַכט אַ קאַרדיאָגראַמע. זעלדע איז געלעגן, ווי אין הינער־פּלעט. דערהערט דאָס טיר־גלעקל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— די טיר איז אָפן, גייט אַרײַן.

ס'איז אַרײַנגעגאַנגען אַ מאַנצבל מיט אַ טשעמאָדאַן אין דער האַנט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַן, איז צוגעגאַנגען צום געלעגער, ווו זעלדע איז געלעגן, זי האָט געזען ווי ער שמייכלט צו איר. זי האָט געפילט, אַז זי זעט עפּעס זייער אַ נאָענטן, אַן אייגענעם מענטשן, זײַן שמייכל האָט איר אַזויפיל געזאָגט, און געקוקט האָט זי אַף אים, ווי אַף אַן אומבאַקאַנטן, אַ ווילד פרעמדן. און נאָר, ווען זי האָט דערהערט:

— זעלדעצקע, טײַערינקע, איך בין דאָך זעליק, דו דערקענסט מיך ניט?

ער האָט געזאָגט נאָך אַ סאַך ווערטער, אָבער זי האָט שוין מער ניט געהערט. ערשט, ווען ער האָט געווישט איר פּאָנעם מיט אַ נאַסן האַנטעך, מיט די הענט געריבן אירע שלייפן, האָט זי געעפנט די אויגן. ער האָט געקושט אירע הענט און האָט געפרעגט:

— זעלדעצקע, וואָס האָט געטראָפן, דו ליגסט שוין לאַנג? כאַלילע דאָס האַרץ?

און ווי דאָס זאָל ניט זײַן אומפאַרשטענדלעך, האָט ניט אַזוי זעליק, איר לײַבלעכער ברודער, געווירקט צום גוטן, ווי זײַן אַרט ריידן, ווי דאָס, וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד זי גערופן „זעלדעצקע", אַקוראַט ווי עס האָבן זי גערופן אירע טאַטע־מאַמע. נאָר כוץ דעם אַלעם האָט זעליק אַזוי געטריי געשיקט אַרומגעפּאָדעט אַרום איר, אַז אַפילו, ווען עס

האָט איר זייער ווייַ געטאָן דאָס האַרץ, האָט זי צו אים געשמייכלט. און ווען ער האָט זי געהאַדעוועט האָט ער קעסיידער דערמאָנט און דערציילט וועגן זייער קינדהייַט. אָדער פּלוצעם גאָר געזאָגט:

— דו ווייסט וואָס, זעלדעצקע, איך וועל הייַנט גאָר אויסקאָכן מילכיקע פֿאַרפֿל, ווי די מאַמע פֿלעגט קאָכן, געדענקסט? געדענקסט, ווי דו פֿלעגסט בעטן „מאַמע, גיס מיר צו נאָך, זעליקן האָסטו געגעבן מערער".

און ניט נאָר דאָס האָט ער דערמאָנט זעלדען. באַ יעדן עסן, און ווען ער פֿלעג סטאַם זיצן באַ איר בעט, האָט ער קעסיידער געפֿרעגט „געדענקסט?" דערמאָן זיך, ווי דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געוואָלט מיטנעמען אין וואַלד שפּאַצירן. דו פֿלעגסט מיך טרייַבן און זאָגן: פֿישער, גיי אהיים!"

צומאָל פֿלעגט זעלדע שמייכלען, אָדער זי פֿלעגט אַ זאָג טאָן:

— אַלצדינג געדענקסטו, און דו האָסט ניט קיין בייז האַרץ אויף מיר?

— הער אויף, זעלדעצקע, אָט גיי איך דיר מאַכן פֿאַרפֿל.

— אין קיך־בופֿעט ווייסטו געפֿינען מעל — האָט זי געזאָגט.

שווייַג און ליג רויק, — האָט זעליק שטרענג געזאָגט און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

זעליק האָט גוט געדענקט, ווי זייַן מאַמע פֿלעגט מאַכן פֿאַרפֿל. ער האָט האַרט פֿאַרקנאָטן אַף אַ ביסל זאַלץ־וואַסער אַ שטיקעלע טייג, אָנגעריבן אַפֿן ריבייַזן, אופֿגעקאָכט, אָפּגעזייַט דאָס וואַסער, אופֿגעזאָדן אַף מילך, און זעלדע האָט מיט גרויס האַנאָע זיך באַלעקנדיק אופֿ־געגעסן קימאַט אַ האַלבן טעלער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זעליק איז זייער אַ צאַרטער „באַרמהאַרציקער קראַנקן־ברודער". ער האָט ניט געפֿרעגט וואָס און ווען. ער האָט נאָר איינמאָל גאַנץ קאַלטבלוטיק אַ פֿרעג געטאָן:

— שאָלעם רוט האיאָר אויך אין פֿאַלאַנגאַ?

און ווען ער האָט דערהערט איר ענטפֿער: „יאָ, ווי אַלע יאָר", האָט ער קימאַט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס האָט געטראָפֿן. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן, און וואָס זעלדע האָט געבעטן. ער איז געגאַנגען אין אַפּטייק, אין קראָם, ער האָט געקאָכט ייַכלעך, געמאַכט קניידעלעך פֿון הינערשן ביילעק, געבראָטן עפּל, געפּאָרן אַפֿן מאַרק נאָך פֿרישן צוואַרעך, האָניק, גרינס און אויבסט. און באַם עסן אַלץ געפֿרעגט — „געדענקסט?"

אַזוי האָט ער זעלדען אַוועקגעפֿירט צו דער היים, צו איר קינדהייַט, צו דעם אַלעם, וואָס איז געווען אַזוי ווייַט פֿון איר און דעריקער, צו זיך, צו זיך אַליין, צו איר לייַבלעכן ברודער, וואָס זי האָט אַזוי פּלוצלינג געוווּנען.

זעלדען איז צוביסלעך געוואָרן לייַכטער, אָבער זי איז נאָך געווען גוט קראַנק. די געשעעניש, וואָס זי האָט געדאַנקלעך איצט אויך אָנגערופֿן „באַנאַליטעט", האָט איר געקאָסט אַ מיקראָ־אינפֿאַרקט. עס האָט זי אויך פֿאַרדראָסן, וואָס זעליק פֿאַטערט זייַן אורלויב באַ איר בעט. זי האָט שוין געוווּסט, אַז ער איז דורכגעפֿאָרן מאָסקווע, ווייַל ער האָט געהאַט אַ פּוטיאָווקע אין אַ קאַווקאַזער סאַנאַטאָריע. אָבער דאָס באַדויערן מיט ווערטער האָט זי ניט געקאָנט, ווייַל זעליק האָט שוין איינמאָל צו איר געזאָגט:

— זעלדעצקע, אויב דו ווילסט מיר פֿאַרשטערן מייַן פֿאַרגעניגן פֿון דייַן קראַנקייַט, באַדויער אַפּטער מייַן פּוטיאָווקע.

אין איינעם אַ טאָג, ווען זעלדע האָט זיך גראָד געפֿילט גאַנץ גוט, האָט עמעצער געעפֿנט די טיר. זעלדע האָט גלייַך דערהערט, ווי נאָר דער שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן, און זי האָט ניט מיט איר קאָל אויסגעשריִען:

— זעליק, ליבינקער, הייס אים גלייַך גיין פֿונדאַנען! — זי האָט עס אויסגעשריִען מיט אַזאַ קאָל, גלייַך ווי זי וואָלט דערזען דעם מאַלעכהאַמאָוועס.

זעליק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און דאָרט דערזען שאָלעמען. ער האָט ריכטיק פֿאַרשטאַנען זעלדעס שווייַגן. ער האָט אַרופֿגעלייגט ביידע הענט אַף שאָלעמס אַקסלען און אים פֿאַמעלעך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער טיר. געקערעוועט, געקערעוועט און פֿאַוואָלינקע אים אַרויסגעשטופּט, אַ קוק געטאָן, ווי יענער שטייט שוין פֿון יענער זייַט טיר מיט דער שטרויענער הוט אין דער לינקער האַנט, מיטן ברוינעם לעדערנעם טשעמאָדאַן אין דער רעכטער האַנט, האָט אים ווידער גוט אָנגעקוקט, שטיל און שטרענג צו אים געזאָגט:

— איך האָף, סאָלאָמאָן יעווסייעוויטש, אַז אין אייַך איז נאָך געבליבן אַף אַזויפֿיל מאַנצבילשע ווירדע, אַז איר זאָלט די דאָזיקע שוועל מער קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן. אייַערע זאַכן וועלן אייַך אַרויסגעשיקט ווערן לויטן אַדרעס, וואָס איר וועט אָנווייַזן — האָט זעליק געזאָגט און פֿאַרמאַכט די טיר.

אַזוי אומדערוואַרט

ווי נאָר די פּלעמעניצע איז געקומען צו ברײַנען, האָט יענע גלײַך פאַרשטאַנען, אַז עס האָט עפּעס געטראָפן. מע האָט שוין אָפּגעגעסן פרישטיק, מיטאָק, עס האַלט שוין, באָרעך־האַשעם, באַ וועטשערע. און ברײַנעס פּלעמעניצע העניע האָט נאָך גאָרנישט ניט דערציילט אַזוינס, וואָס עס זאָל פאַרטײַטשן איר פּלוצעמדיק קומען.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז העניע שווײַגט. פאַרקערט, זי רעדט ניט ווינציק, אָבער אַלץ, וואָס זי דערציילט, ווייסט די מומע פון יענערס בריוו. אָט איז שוין אָוונט, זיי זיצן באַם טיש און ברײַנע הערט ווידער: „אַז די קינדער האָבן אַפּענע מויכעס, אַז די עלטערע וועט נעמען אַ גילדערנע מעדאַל, אַז מע לעבט אָף ווײַטער ניט ערגער". ברײַנע קען שוין מער ניט אויסהאַלטן — זאָג מיר, געניטעשקע, פאַרוואָס האָסטו קיין טעלעגראַמע ניט געקלאַפּט? מײַן ניט, אַז איך בין, כאַלילע, ניט צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען, אָבער ווי דו ווייסט, איז דײַן טאַטע מײַן לײַבלעכער ברודער, און איך הער קיין וואָרט ניט. וואָס מאַכט ער?

— ער איז, קיין אײַנהאָרע געזונט.

— דאָס אינגאַנצן? האָסט זיך עפּשער מיט אים צעקריגט? אָדער דו ביסט זיך באַגאַנגען מיט אים ניט לײַטיש? דאַרפסט אים צוזען, וואָרעם די מאַמע האָט אים אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל. ס'איז אינגאַנצן צוויי יאָר, ווי ער איז אַן אַלמען, די ווונד איז נאָך פריש.

— ווי קאָנט איר גאָר אַזוי טראַכטן? איך וועל זיך באַגיין מיטן טאַטן ניט פײַן? איר האָט אַליין געזען, ווען איר זײַט געווען באַ אונדז, אַז אַפילע אַ טאָכטער באַגייט זיך ניט אַזוי מיט אַ מאַמען, ווי איך מיט מײַן שוויגער. זאָגט איר גאָר דאָס. איר ווייסט דאָך, אַז די שוויגער האָט צו טאָן מיט דער דאַוולעניע און זי איז מער באַ מיר, ווי באַ זיך. הײַנט וואָס דער דאָקטער הייסט, טו איך ביז אַ האָר. בורעק־סאָק, אַ געבאַקענעם עפּל, געריבענע מערן און וואָס ניט? פאַרן טאַטן איז דאָך אָפּגערעדט. וואָס טו איך ניט, ער זאָל ניט פילן, אַז ער איז אַן אַלמען, ער האָט ליב אַ קניידעלע פון געמאָלטן פלייש — מאַך איך. אַ גרי־קענע קאַשע אינדערפרי, איז ניטאָ וואָס צו ריידן, שיפּאָווניק פאַרזיד איך, אַ טעצעלע צוואַ־רעך מיט סמעטענע — אַלע אָפּדערנאַכט. פרוכט אָפּן טיש פון שענסטן און פון בעסטן. מײַן איזיע: שווער און שווער — ער ווייסט אים ניט ווו צו זעצן. די קינדער, מע ליובעט אים: זיידע און זיידע.

— נו, איז דאָך גוט און פײַן — שטעלט אַרײַן ברײַנע.

— אוודע, — זאָגט העניע און נעמט פּלוצעם וויינען. זי ווישט מיטן טיכעלע דאָס פּנים און דערציילט ווײַטער:

— דער שוויגערס כאַטע האָט מען אַראָפּגעטראָגן. מע האָט איר געגעבן אַן איינצימער־דיקע דירע אַביסעלע ווײַטלעך פון אונדז. איזיע האָט זי אַריבערגעפירט מיט האַק־און־פּאַק. פונדעסטוועגן, איז זי באַ אונדז מער, ווי באַ זיך. איך גיי אוועק אָף דער אַרבעט, זאָג איך אַן דעם טאַטן, וואָס ער זאָל עסן, וואָס זי זאָל עסן, און ער טוט צו מיר אַ מאַך — גיי, טאָכטער, ערגער זיך ניט. מיר וועלן הונגעריק ניט זײַן.

— ער איז טאַקע גערעכט, לייע, זײַן מעכוטענעסטע איז ניט קיין ערגערע באַלעבאָסטע פון דיר, — באַמערקט ברײַנע.

— געוויס, — איז אײַנשטימיק העניע, — און זי ווישט שוין ווידער די אויגן.

— איך זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, ווי איך פאַרשטיי, וואָס דו וויינסט.

— ס'איז טאַקע שווער צו פאַרשטיין. ווען עמעצער זאָגט מיר, אַז עס קאָן טרעפן אַזאַ זאַך, וואָלט איך יענעם, איך ווייס ניט וואָס! עס איז שוין צוויי כאַדאָשים! צוויי כאַדאָשים, ווי ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מײַן שוויגער. ווען די מאַמע שטייט אוף פון קייווער, וואָלט זי זיך גלײַך אַליין באַגראָבן. איך האָב אײַך ניט געקאָנט שרײַבן און ניט געקאָנט קלינגען. ס'איז מיר אַ כאַרפּע צו קוקן מענטשן אין די אויגן. — האָט ענדלעך די פּלעמעניצע אַרויסגעלייגט דעם שטיין, וואָס זי האָט געבראַכט. און זי האָט ווידער אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין.

ברײַנע איז געבליבן זיצן גלײַך, ווי אַ דונער וואָלט זי געטראָפן. אַ רעכטע ווײַלע האָט זי קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך בין אַן אַלמאָנע פופצן יאָר. ווען מײַנער, אַלעווהאַשאָלעם, איז אוועק, בין איך אַלט געווען אינגאַנצן נײַן און פערציק יאָר. ביידע ייִנגלעך האָט די מילכאָמע צוגענומען

בא מיר, איך בין געווען א פרײַער פויגל, ווינד איז מיר, און איך בין געבליבן אן אלמאָנע ביז הײַנט. מײַן ברודער איז ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אלט זיבעציק מיט א מיטוואָך. עס איז טאקע א בושה פאר מענטשן. אײַ וואָס ער איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער מע־כוטענעסטע — א פרעמדע יידענע, ווי אלע פרעמדע ווײַבער. הער אוף צו וויינען. איך פאָר מיט דיר קיין ווילנע און איך וועל אים שוין געבן דעם עמעסן האָניק־קײַלעך!

געקומען קיין ווילנע, איז ברײַנע דעם זעלבן טאָג אוועק צום ברודער. ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך זייער דערפרייט. ער האָט אָבער געפרעגט:

— הענקע האָט דיך געבראַכט זאָלסט מאכן א געט?

— מיך ברענגט מען ניט! ערשטנס, האָב איך זיך פארבענקט נאָך דיר, צווייטנס, האָב איך געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן, ווי א ייִד, קיין אײַנהאָרע, פון זיבעציק יאָר מיט א סמיטשעק, וואָס בא זײַן טאַכטער האָט אים געפעלט פויגל־מילך, מאכט זיך אליין צו שאַנד און צו שפּאָט.

— הייב ניט אוף קיין טומל, מײַן שוועסטער. עפּעס האָט דאָך מיר, מיסטאָמע, יאָ געפעלט?

— וואָס האָט דיר געפעלט, אלטער טערעדן?

— ס'האָט מיר ניט אזוי געפעלט, ווי איך האָב געהאַט איבעריקס. בײַס הענקע פלעגט זיך נעמען דרייען ארום מיר, האָט זיך מיר דער ביסן געשטעלט אין האַלדז. צו דער ארבעט דאַרף זי באַווײַזן צו דער צײַט. דער מאַן און די קינדער דאַרפן אויך אלצדינג צו דער צײַט, און דאָ האָט זי נאָך מיך אויך. וואָס קוקסטו אזוי אָף מיר? ס'מאַכט זיך אמאָל, אז מע קומט שילטן און מע דאַרף גאָר בענטשן. — האָט אווראַם געזאָגט, און א רוף געטאָן — לייע, קום אַקאָרשט אהער, זע וואָס פאַרא גאַסט מיר האָבן!

— די מינוט גיי איך, — האָט זיך דערהערט פון קיך.

דערנאָך איז ברײַנע געזעסן באַם טיש מיט לייען און מיט אווראָמען. זי האָט אַפּהענטיק געקײַט א שטיקעלע אייער־קיכל און האָט געוואָרפן א בליק אָף דער נײַער שוועגערן. אז אלע ווינקעלעך אין דירע לויכטן, האָט זי שוין געזען. איצט האָט זי אויך געזען, אז לייע איז גוט צוגעקעמט, ציכטיק אָנגעטאָן און דער ברודער אירער, אווראָם, האָט עפּעס אויך א יאַמטעוודיק אָנבליק.

— וואָס קײַסטו ניט ווילנדיק? עס אָף אלע באַק־ציינער, — האָט ער גאַסטפרײַנטלעך צו ברײַנען געזאָגט און צוגערוקט צו איר א טעלער מיט קאַלבן־פלייש.

ברײַנע האָט געגעסן און פארבראַכט באַם ברודער א גוטע פאָר שאָ. דערנאָך האָט לייע געזאָגט צו איר:

— ברײַנעלע, בלײַבט נעכטיקן. איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווי גוט איר האָט געטאָן, וואָס איר זײַט געקומען צו אונדז. מיר וווינען אין דער נײַער דירע, עפּנט קיין לעבעדיקער מענטש אונדזער טיר ניט.

אָבער ברײַנע איז אוועק נעכטיקן צו דער פּלעמעניצע.

ביז האַלבע נאַכט האָט ברײַנע געשמועסט מיט העניען.

— איך פאַרשטיי, גנעניטשקע, איך פיל דײַן האַרץ. דו זאָגסט, ווען די מאַמע, אָלע־האַשאָלעם, שטייט אוף, וואָלט זי זיך צוריק באַגראָבן? אָבער עס איז מיר א ביטערער ראַכ־מאָנעס אָפן טאַטן. פאַרשטייסט, ער איז גאָרניט אזא שלעכטער טאַטע, ווי דו מיינסט, און ווײַטער זאָלסטו געדענקען, אז טאַכריכים נייט מען אָן קעשענעס... — אזוי האָט ברײַנע געשמועסט און געגלעט דער פּלעמעניצעס האַנט, וואָס איז געלעגן אָף דער קאָלדרע.

מאטל גרוביאן

צו דער צוקונפט

בא דער קאַרטע פון א דאָקטער

דער טויט האָט א פּעקל אַדרעסן
אין די הענט
און גייט ארום איבער די הײַזער,
באַנאַכט און גאַנצפרי,
ווען די לעוואָנע גייט אוף לויטער
און ווען די זון אין די ביימער
ברענט.
ער כאַפּט ארויס זײַן אַלטמאָדישן
קעשענע־זייגער
מיט די קאַליע ווײַזער —
און אײַלט שוין איבערפּעקלען
זײַן גרעסטע אין דער וועלט אַרמיי
טויטע
אַהין, פונוואַנען

קיינער האָט קיינמאָל קיין בריוול
אָנשרײַבן ניט געקענט.
אָ, ווען ער וואָלט מײַן אַדרעס פאַרלוירן,
איך זאָל אָפּן לעבן
ניט האָבן צו טאָן מיט דאָקטוירים!
ווי דערקלײַבט מען זיך צום סייכל
אים אויסדרייען, דעם טויט, אַהינטער
די הענט?
כ׳וואָלט גלײַך אַראָפּגעצויגן
אַלע באַרימטע עסקולאַפּן פון די ווענט,
אפילע דעם ראַמבאַם,
וואָס שטייט אוף דער קאַרטע
און באַהאַלט זײַן שמייכל.

30 סענטיאַבער 1968
לענינגראַד

בעריאָזקעס

ווען מע זאָל פאַרקויפן זיי
אין קראָם, ווי ליכט,
וואָלט איך געבעטן מיר א טוץ
בעריאָזקעלעך פאַרבינדן,
און פאַרטאָג אומגעריכט
זיי כאַנעלען באַם פענצטער
שטילערהייט כ׳וואָלט אָנגעצונדן.

טו א בליק, — כ׳וואָלט
כאַנעלען זאָגן געקענט, —
מיר האָבן דען טונקעלער פון זיי
אין שניי, אין ווײ

געפּלאַמט און געברענט?
עס האָט דאָס פײַער
אונדז ניט צעטראָטן.

כ׳האָב כאַנעלען, ווי א בעריאָזקע,
פאַרפּרעסט אין מײַנע הענט —
אָפּן שניי האָט געציטערט
איר, פון אַלע טליִעס,
זיך גראַטעוועטער שאָטן.

8 יאַנוואַר 1970

א בריוול

צו דער צוקונפט,
ווי איבער א הויכן פּלויט,
איך וואַרף אַריבער א בריוול,
איך האָב עס געטראָגן

אין א פאַרבלוטיקטן שטיוול,
דערפון איז די ערד
געוואָרן דעמלט רויט!

ס׳הארץ און די פּיס
צעשטאָכן ביז ווי
סע האָבן די אויסיעס
פון יענעם פינצטערן בריוול,
נאָר ניט נאָר פון דער ערד —
פון דער לעוואָנע —
איך הער דאָס געשריי:
טוט מיר אויסעט
דעם פאַרבלוטיקטן שטיוול!

27 יאַנוואַר 1970

• • •

לאָמיר נעמען דעם רעגנבויגן
און אים אויסציִען אינדערלענג,
דו פון איין זײַט, איך פון דער צווייטער,
ביז יענעם דאָרטן, ווו ס׳איז נאָך פינצטער
און ענג,
ביז יענעם גאָרטן,
ווו מאָרעשכוירע הענגט —
און ווו מענטשן טרעט מען, ווי א האָגל
קוווייטן.
לאָמיר נעמען לעוואָניקע דעכער
און זיי אָפּשיקן יענע שטיבלעך,
וואָס אין פלאַם פון קריג מע ברענט —
שווער דאָך צו לעבן אָן דעכער,
דאָרט, ווו מיט ראַצכישע הענט
קומען ווײַסע די שווארצע צינדן
און שעכטן!
לאָמיר פון אלע טײַכן מאַכן א שווערד
און מיט איר די פּײַנט פאַריאָגן —
דו פון איין זײַט, איך פון דער צווייטער,
וועלן מיר די ברענענדיקע ערד
פון פלאַם ארויסטראָגן.

28 אַפּרעל 1970

דערווײַל

שוין א ביסל זיך באַרויִקט,
דאכט זיך, כ׳גיי נאָך ניט
צו גרונט? —
ס׳איז איצט דער הימל
אזוי בלוי־אויגיק,
נאָר די ציין פון בייזן הונט
אין מײַן רעכטן פוס געבליבן.
כ׳האָב אין זאַגס
זיך ניט צעשריבן
אין די גראָבע שטאַרקע ביכער,
צו מײַן מעכוטן ניט געטריבן
קיין נאַראָטשנע פערד,
וואָס זשע האווקעט ער, דער הונט,
אף מײַן שטילער, רײנער ליבע? —
לאָזט זיך אויס,
ער האָט א גרונט,
איבערן פאַרקן כ׳האָב ליב קריכן.
און דער באָכער קאָן ניט זען,
ווי צו מיידלעך „בלוט און מילך“
זיך שאַדכענען די אלטע פליכן.

3 מײַ 1970. דובולטי

טערפּקע ווײַן

קיין מאַלעך וועט מײַן קאָפּ
אין שנייִקע וואָלקנס ניט פאַרוויגן,
ווען אפילע יעהודע האַלייוויס
שכינע זאָל צו מיר אַראָפּ.
איך וועל ליגן אפן שליאַך,
ווי א שפּליטער פון צעבראָכענע שפּיגל,
און די לעוואָנע באַנאַכט
וועט טרינקען פון מיר
טערפּקע ווײַן, ווי פון א קריגל.
און נאָכדעם זיך קריגן
און שטאַרק באַדויערן:
ער האָט דאָך געהאַט עמעסע פליגל —
און האָט ניט געקענט
דערפליִען צו די גאַניידן־טויערן.

15 מײַ 1970

פ ר י ל י נ ג

צו מײַן שוך זיך צוגעקלעפּט
האָט די ערד
מיט גרויסע און פּיצינקע מענטשעלעך,
מיט נאָך ניט צערונענעם צאָרן און ווײ,
מיט מוטנע קלײנע פענצטערלעך —
און מיר איז באַשערט
צו זען, ווי נאָכאַמאָל רינט דער שנײ —
און אַזוי ווי אַ העלפאַנד
איז שווער מיר אָפּצוהײבן אַ פוס
פון דער ערד,
וואָס האָט צו מײַן שוך
זיך צוגעקלעפּט —
איך שטײ
און בענטש
די גרויסע און פּיצינקע מענטשעלעך —
די זשעסטן פון לעצטן שנײ,
די פרילינגדיקע ערד
מיט מוטנע קלײנע פענצטערלעך.

15 מײַ 1970

דער „האָטעל"

כ'בין גאַרניט אין זיבעטן הימל
פון לעבן אין אַזאַ האָטעל,
אַן אַלטע מאַצײווע נאָענט דרעמלט
און מיר מיטן אַקסל די זון פאַרשטעלט.
און די לעבנס־באַדינגונגען
ערגער ווי קאָן זײַן געמאָלט? —
מײַנע קרויווים האָבן קוווער־געלט
פאַר אַלץ דאָ באַצאָלט.
און קײן טראָפּן הײס וואַסער
מ'ברענגט,
און אויך עלעקטרע פעלט,
און ס'איז דאָ אַזוי אומהײמלעך און ענג,
וועסט אפילע קײן בענקל
ניט אוועקשטעלן צום זיצן,
קײן שוך ניטאָ ווו אָפּצופּוצן,
פאַרוואָס דאָ געצאָלט קוווער־געלט? —
און מ'רופט עס נאָך די „עמעסע" וועלט!

אַזאַ יעדיִע געבראַכט האָט דער ווינט מיר,
ס'האָט אין פענצטער אַ רעגן געשמיסן;
כ'לײג אָפּ מײַן נעסיִע
אויף אײנעם אַ ווײַט־ווײַטן ווינטער,
ביז די לאַגע וועט דאָרט עפּשער
גרינגער ווערן אַ ביסל.

27 מײַ 1970

דאָס אויג איז נאָס...

וואָס פאַר אַ „ניטגוטער"
אין קאַפּקאַל מיך טרײַבט? —
איך האָב דאָך בעפּײַרעש
אַ ייִדישע טאָכטער, אַן ערלעך
ווײַב.
— שרײַב, שרײַב! —
שרײַט דער „ניטגוטער"; —
ווילסט צוליבן הימל,
דאַרפסט? — צוליבן שטיקעלע ברויט
מיט פּוטער.
שעקער וועקאַזאָו. די געדאַנקען
איך טרײַב,
ווערט דער „ניטגוטער" —
מײַן אײגן ווײַב!..
שרײַב, שרײַב. ס'איז ווינטער —
איך גײ אָן אַ פּוטער,
דאָס אויג איז נאָס,
ציטערט מײַן לײַב,
ציטערט די גאַס —
אַ גאָלדענער מענטש דער „ניטגוטער".

איך שרײַב און איך שרײַב
און פּלוצעם געפין איך,
אַז מיט די ווערטער
מײַן מאַרעשכוירע איך טרײַב;
און ס'דאַכט זיך מיר אויס גאָר,
אַז איך בין אַ גערטנער —
און רויזן אין גאָרטן
איך קלײַב.

און אַ מאַלעך, מיר דאַכט,
איז שוין מײַן „ניטגוטער",
מײַן פרוי, זע איך, לאַכט,
זי וועט האָבן, איך גלײב,
אויף ווינטער אַ פּוטער —
און איך אַ פּאַטעשע נאַכט.

29 מײַ 1970. דובולטי

א ליד וועגן טיי

די זון גאנצפרי פּאַרפּאַרעט טיי
און אפן פלאם אין יאם
דאָס טשײַניקל זידט.
מע זאָגט, אז דאָרט לעבט א ייִד —
און ווער ס'טרינקט בא אים טיי,
אין גלאָז ער שיט אונטער סאם...
איך בין ניט איין מאָל געשוווּמען
אפן יאם.

געטרונקען אויך פארנאכט
מיט זון פּאַרפּאַרעטע טיי —
און ניט געסאמט כ'בין, מיר דאַכט,
און אזוינס ניט געטראַכט,
אז א ייִד זאָל מיר שיטן סאם
אין דער גלאָז צי אין טשײַניקל טיי.
פארקערט, כ'האָב צווישן מאטראָסן
אן אנדער לעגענדע געהערט, אן אנטיקל:
ס'האָט א שיף זיך געטרונקען,
צום גרונט געגאנגען אין וואסער —
און דער שטורעמווינט האָט
געגליט,
צו די רעטונגס־שיפלעך
געדאַרפט מ'האָט פון דער שיף א בריקל —
און דעמלט זיך צוגעבונדן
צו דער שיף האָט דער ייִד...
און איבער אָט דעם בריקל, אַך־און־ווי,
ווײַבער און קינדער
מיט פּאַרפּאַרעטע טשײַניקלעך טיי!
דער וואלפיש האָט צורו זיי געלאָזט,
דער שטורעם האָט זיי ניט געקענט
פארשלינגען,
פון דער ברענענדיקער שיף א מאַטראָס
האָט מיר איינמאָל אָט די ליד
בא א טשײַניקל טיי אויסגעזונגען.

4 יון 1970. דובולטי

א ליד פאר פּאָעטן

צווישן איין ליד און דער צווייטער
ניט אוועקשטעלן קיין בעטל,
ניט אריַינטראָגן קיין בענקל,
זיך ניט אויסצִיען און ניט זיצן;
ענגער קאָן שוין גאָרניט זײַן,
שלאָף, מײַן ווייטעק, אײַן!
כ'וועל אָף דער גרינער ערד
א נאכטלעגער דיר בעטן,
מיט טוי פון גראָזן דיך באשפּריצן,
עפּשער וועסטו מיט מיר מילדער זײַן?..

צווישן איין ליד און דער צווייטער
איז מיר שטענדיק זייער ענג —
כ'דאַרף נאָך זי, די ליד,
די דריטע,
וואָס איז לויטערער און שטרענג.
איך פארגין זיך ניט דעם ציטער —
און איך האָדעווע מײַן ווייטעק,
ווען אין מויל איז זייער ביטער —
אונדזער הײַנעס לערע איך געדענק;
אָן א צעזורע ניטאָ קיין דיכטונג,
זאָל זײַן נאָמען שײַנען ליכטיק,
דעם אָטעם איבערכאפּן ז'וויכטיק,
ווען אין האלדז ווערט ענג...

צווישן איין ליד און דער צווייטער
שטויס איך אָפּ פון ברעג מײַן שיפל,
מיט די ווינטן, מיט די שטורעמס
זאָל עס ראנגלען זיך אין יאם.
דאָרט אין שיפל צאר כ'האָב וויפל,
ווייסטו שוין אליין מיסטאָם?..
דאָך מײַן לעבן איצט איך פורעם,
צווישן סרייפעס און אלע שטורעמס,
ברענג מיר ניט פארוועלקטע קווייטן;
ווײַל מײַן שורע, מײַן צעזורע,
האקט זיך איבער אינמיטן יאם.

7 יון 1970, יורמאלא, דובולטי

לעבן

(עלעגיש)

איך האָב די וועלט
ניט געענדערט —
כ'בין דאָ און וועל
מאָרגן ניט ווערן.
לייען איבער
די עלעגיע
אָף מײַן שטערן,
און געדענק שטענדיק,
אז געבוירן ווערן
געוועהן איז קעדײַ, —
אויך באָדן דאָס קינד
אין א וואנעלע טרערן,
ווען, צערײַסנדיק זיך אָפּ־
צווייען, ס'שרײַט.

איך בין געקומען
אף דער וועלט,
אָסיען, צי מײַ? —
אן אדוואָקאַט פּונעם
אומשטערבלעכן
ווערק — „מענטש" צו ווערן!
וואָסער אדוואָקאַט,
אָן כ׳בין דאָ און וועל
מאָרגן ניט ווערן?
לייען איבער
די עלעגיע
אף מײַן שטערן.

7 יול 1970

באם טײַך

ווי דער נעפּל גאַנוועט
באַנאַכט דעם טײַך ארויס
און די אויגן
בא אונדז פאַרבינדט,
גאַנוועט צו אַלע עפּל־ביימער
און איבער דעכער קריכט,
אזוי ארויסגעגאַנוועט
ס׳האָט איינמאָל מיך
א פאַרנעפּלטע נאַכט!
אינדערפרי צעזייט
דעם נעפּל האָט א באַרגיקער
ווינט,
און די זון זאַלבעצווייט
מיט מיר האָט פון דער וועלט
געלאַכט,
צו בלויע ווײַטן זיך געצויגן.
קינדער האָבן די פּיסעלעך
אין מיר געפּליושקעט,
מיט שטיינדלעך קאַטשקעס
געמאַכט!
און מײַן לעבן
אויסגעזען האָט אזוי גרויס,
אז כ׳האָב פאַרגעסן,
ווי דער נעפּל גאַנוועט
באַנאַכט דעם טײַך ארויס;
כ׳האָב נאָר געפילט,
ווי קינדער האָבן אין מיר
זיך געפּליושקעט,
געהערט, ווי פערד
האָבן בא מײַנע ברעגן
געהירזשעט און געקושט זיך,
געזען נאָכאַמאָל מײַן לעבן,
מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן.
ווי גליקלעך איז דער טײַך,
ווען דער נעפּל גאַנוועט
אים ניט ארויס —
און פאַרבינדט בא קיינעם ניט
די אויגן.

1 אווגוסט 1970. באם יעניסיי

• • •

מײַן פאַרמעגן:
אף די שויבן טראָפּנס רעגן.
אָט דאָס פענצטער,
וואָס מיט רענדלעך
לײַכט.
ערגעץ שוימט נאָך
יענער טײַך
און די נאַכט
א וויסטע!
ווען מײַן פענצטער,
ניט איצט געדאַכט,
מ׳האָט מיט דער ראַם
ארויסגעריסן,
און מיט דעם גלאָז
פאַרזייט
דעם שליאַך,
מיך געטריבן
באָרוועס טאַנצן;
אף די שויבן
טרערן גלאַנצן —
און דאָס האַרץ
איז וואַך,
דען בא דעם ניט
אויסגעזעצט
די שויבן? —
עפּשער ליגט עס
אויך צעטראָטן
אין מײַן היים־שטאָט
אפן שליאַך?..

14 דעקאַבער 1970

הײַנט באַנאַכט

הײַנט באַנאַכט
האָט מען מיך שיסן געפירט,
דאַנקען גאָט, וואָס אין
כאַלעם!
א טאַנקיסט
מיט אַן אויפשריפט
אף זײַן שלעם — „שאַלעם״ —
האָט מיך ביז טרערן
דערפירט,
ניט געלאָזט מיך שיסן,
אפילע אין כאַלעם.
ניט איבערגעפאָרן מײַן
כאַלעם!

28 דעקאַבער 1970

ק י ד ע ש

איך בין ניט אונטערן טראַפּן,
עפּשער ווײַזט זיך עס מיר אויס?
ס'איז א פּאַס דער גאַנצער הימל,
און פון אים דער צאַפּן
פּלוצעם איז ארויס.
טרינקט מען און מעמאַכט א שעהאַקל,
עפּשער ווײַזט זיך עס מיר אויס?
אלץ זיך וויגט און אלץ זיך וואַקלט.
אין איין זשיליעט בין איך ארויס.

טרינק. פאַרטרינק ניט דאָס פּידזשאַקל,
זײַ בא לײַטן ניט צו שפּאָט.
קידעש מאַכסטו. נאָך א שעהאַקל? —
קענסט ניט שטעלן מער קיין טראָט.
וואָס זשע האָסטו זיך פאַרקלערט?
שולדיק, זאָגסטו, איז די ערד...
אלץ זיך וויגט און אלץ זיך וואַקלט,
ווערט איז יענער א פּיטאַקל,
ווער עס שטייט ניט גלײַך אף ד'רערד.

ג ע ל ט

שעלט מיך ניט,
מײַן לעבן, ניט שעלט
מיט געלט!
ס'האָבן זיך מער
קליגערע פון מיר
מיט דעם דערוואָרגן.
בענטש מיך,
אז בא מײַן טיר
זאָל אויספאַלן
א קלאָרער שניי
און ניט ווי קיין
ברענענדיק צענערל
זאָל אין פענצטער
ארײַן דער פרימאָרגן.
דער שניי
זאָל פאַרשיטן די וועלט,
און דער יאַקרעס
אף ריינקײַט
זאָל א ביסעלע כאַטש
קלענער ווערן.

23 מאַרט 1968

שמועל האלקין

מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע

איינער א קלוגער מענטש האָט געזאָגט: „ווילסטו קאָנען דעם דיכטער, באַזוך זײַן געגנט". מײַן געגנט האָט זיך אָבער נאָך די רעוואָליוציע־יאָרן אַזוי געענדערט צום שענערן און צום בעסערן — סײַ לויטן אויסזען און סײַ לויטן טאָך — ביז ניט צו דערקענען. דעריבער, קעדיי צו געבן כאָטש וועלכן־עס־איז באַגריף, אין וואָס פאַר אַן ארומרינגלונג איך בין דערצויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אַזאַ ווי איך בין, מיט מײַנע וועלט־און־וועלטעלעך, מיט גלײַכן וועג און אומוועגן מײַנע, וועל איך אײַנקורצן דערציילן דאָס, וואָס אַן אַנדערער, אויסער מיר, וואָלט דערציילן ניט געקאָנט.

געבוירן בין איך אין ווײַסרוסלאַנד, אין דער שטאָט ראָהאַטשאָוו, דעם 5 דעקאַבער 1897.

איך האָב געהערט זאָגן, אַז דאָס נײַנטע קינד איז א מאַזלדיקס. לאָמיר אָננעמען, אַז ס'איז אַזוי. ביפֿראַט, אַז בא אונדז אין שטוב, — ניט זייער גערואַמער, ניט רײַכער, ניט אייגענער שטוב, — בין איך געווען דער נײַנטער, און מאַזל נומער איינס איז געווען, ווען ס'פֿלעגט אויספֿאַלן א טאָג און אין אונדזער הויכן, שמאָלן אַלמער זײַנען אויף דער פּאָליצע געשטאַנען פאַרטרויט־אָנגעשפּאַרט איינער אין אַנדערן א גענוגנדיקע צאָל קײַלעכדיקע לאַבנס קאָרן־ברויט — פֿון אויבן פאַרברוינטע און פֿון אונטן באַמעליקטע. יענע געשמאַקע זעט ליגט מיר נאָך ביז הײַנט אין טאַם.

ביז הײַנט געדענקט זיך מיר דער מאַמעס שמייכל, ווען זי פֿלעגט נאָכן וואַרמעס אַראָפּציִען פֿונעם אַלטן, גרויסן טיש דעם טישטעך און פאָרזיכטיק אויסטרייסלען פֿון אים אין ברייטן צעבער אַרײַן א הײַפֿעלע מעלשטויב — דאָס אַלץ, וואָס דער גרויסער לאַבן קאָרן־ברויט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

פאַרבײַגייענדיק, לאָמיר דערמאָנען אויך דעם טישטעך. פֿון ריינעם לײַן, אין א סאַך קעסטעלעך געוועבטן טישטעך, וואָס ערשט געבראַכט פֿונעם דאָרף, איז ער נאָך געווען גרוי און קניפּלדיק און גראָב, און פֿון לאַנגע יאָרן ניצן — געוואָרן בלייך און שטאָטיש־אויסגעיידלט.

דאָס הײַפֿעלע מעל, וואָס די מאַמע פֿלעגט פֿון אים אַראָפּטרייסלען אינעם צעבער, האָט באַדאַרפֿט ווי צופּוצן די וויינִיק־נאַרהאַפטע שפּײַז פאַר דער בעהיימע. פאַר אַלע שטעטלדיקע יאָרן מײַנע געדענק איך אָבער נאָר איין קורצע צײַט, ווען בא אונדז איז געווען א בעהיימע — א רויטע, וואָס האָט זיך פאַרגינט גראָד מיך, דעם מאַזלדיקן, אַרופֿנעמען אויף די הערנער און נאָר דערפֿאַר, וואָס איך בין געווען נײַגעריק צו טאָן א פּרוּוו, ווי האַרט איז איר האָרן: צי זײַנען אירע הערנער פּינקטלעך אויסגעקײַלעכט און צי איז אין זיי פֿאַראַן פֿון יענער היימישער וואַרעמקײַט, מיט וועלכער איר דיך אָטעמט.

מיטן קנאַפּן שטעך צווישן אָט די צוויי גרויע הערנער וואָלט איך געקאָנט אויסמעסטן מײַן גאַנצע קינדערשע וואָכעדיקײַט.

און מײַן יאָמטעוו? —

ווען דער טאַטע (א בראַקער אין וואַלד) — א מענטש מיט א סאַך יִדיש וויסן, מיט א קלאָרן ניכטערן קאָפּ און מיט א ברייט טרויערמעריש האַרץ, — ווען ער, דער טאַטע, פֿלעגט, זיצנדיק באַם טיש אויבנאָן, אונדז אַלעמען — פֿינף ברידער און פֿינף שוועסטער, — מיטאַמאָל ווי אופֿרופֿן מיט א שמייכל און פאַרציִען א ניגן מיט וויינִיקע ווערטער, צי גאָר אָן ווערטער, אָדער מיט ווערטער ווײַסרוסישע, ווי לעמאָשל:

בודיעם ליקי דראַטי,
בודיעם לאַפּטי פּלעסטי...
בודיעם דיעטאָק האָדאָוואַטי...

מיר, קינדער פֿון דער זייער ניט רײַכער שטוב, האָבן נאָך דעמאָלט זיכער ניט פאַרשטאַנען, נאָר בעכוש האָבן מיר געפֿילט, אַז אין אָט דער פֿולער צוזיפּגעלעבטקײַט פֿונעם יִדישן ניגן מיט די ווײַסרוסישע ווערטער זאָגן זיך אַרויס די בידנע הערצער פֿון צוויי ווייט ניט־מאַזלדיקע פֿעלקער. וואָס טרויעריקער דער ניגן — אַלץ טיפֿער דער מיין; וואָס טיפֿער דער מיין — אַלץ פרײַערלעכער, יאָמטעוודיקער דאָס געזאַנג. און אין אָט דער באַהעפֿטונג פֿון וואָך און יאָמטעוודיקײַט איז באַשטאַנען מײַן קינדעריש מאַזל נומער צוויי.

העיויס ווי קיין מאַיאָנטקעס, קיין פֿעלדער און וועלדער, וואָס זאָלן איבערגיין פֿון דאָר צו דאָר, האָבן אונדזערע אורזיידעס בעירושע

אונדז ניט איבערגעלאָזט, קיין באַזונדערע מיטלען און מישפּאָכע־הערבן — אויך ניט, האָבן מיר און אונדזער גלײַכן ניט באַזונדערס אכטגעלייגט און ניט זיכער פאַרגעדענקט די העראַלדיק, דאָס מיינט דעם יִיכעס־בריוו אַף א סאַך דורעס צוריק.

וואָס זשע האָבן מיר, קינדער פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאָרט געיאַרשנט פון זיידעס און עלטערזיידעס? — א שיינעם ניגן, א גוטן נאָמען, א טיפזיניק מוסער־האַסקלדיק שפּריכוואָרט, א ווונדערלעכע געשיכטע, וואָס איז אין דער מישפּאָכע איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר, פון מויל צו מויל.

— ווייניקלעך, — וועט עמעצער זאָגן.

— אָן אָרעמאַנסקע יערושע, — וועט א צווייטער א טראַכט טאָן.

— ניין, — ענטפער איך, — א רײַכע, א שיינע יערושע.

ביז הײַנט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט א מײַסע, געהערט פון מײַן טאַטן, וואָס איר טיפער נאָבעלער זין האָט געהאַט א ווירקונג אַף מײַן לעבנס־אַרט ביכלאַל און אַף מײַן שאַפן ביפּראַט.

איינער פון מײַנע זיידעס — א טוישעוו פון א דאָרף אַרום מײַן געבורטשטאָט, אַז ס'איז געקומען די צײַט זיך שיידן מיט דער וועלט, האָט ער, ליגנדיק אין בעט א גרײַז־גרויער, אָנגעטאָן אין א ווײַסן לײַנען־העמד מיט א ברייטן אָפּגעלייגטן קאָלנער, ווי די מאָדע איז דעמלט געווען, זיך אָנגעשפּאַרט אַף אַן עלנבויגן און א צײַט אַרויסגעקוקט אין דרויסן דורכן קליינעם פּירשויביקן פענצטער. די עטלעכע האָרעפּאַשנע דאָרפישע יִידן, וואָס זײַנען געקומען צו אים אָפּשייד נעמען, זײַנען געבליבן שטיין און זיך ניט דערוועגט עפּעס צו זאָגן אָדער פרעגן בא אים: א מענטש פאַרן טויט, אָנשטאָט צו מאַכן א כעזשבן־האַנעפעש, פאַרגינט ער זיך צו קוקן רויִק אין דרויסן, גלײַך ווי ניט ער וואָלט זיך געגרייט אין לעצטן וועג אַרײַן.

— הערט איר, יִידן, — האָט דער אַלטער א זאָג געטאָן שפּעטער, זוכנדיק פאַרן קאָפּ אַן אָרט אַפן קישן, — הערט איר, א שיינע, א גוטע, א נאַכעסדיקע וועלט.

די דערבײַ שטייענדיקע זײַנען געבליבן ווי דערשטוינט.

— סטײַטש, אַז איר זאָלט אַזעלכס זאָגן! אונדזער זינדיקע וועלט איז דאָך נאָר אַן אַרײַנגאַנג אין דער עמעסער וועלט, ווו מאַלאָכים...

— עמעס, — האָט דער אַלטער געענטפערט, פונעם אינערלעכן ווידעראַנאַנד נאָך מער אָפּגעשוואַכט, — עמעס, אָבער דאָ, אַף דער זינדיקער ערד, ווען איך טו עפּעס אויף רעכטס, ווען איך גיב, לאָמיר זאָגן, א נעדאָווע אַן אָרעמאַן, ווערט פון מײַן גוטן ווילן געבוירן א מאַלעך, אָבער דאָרט, ווו מאַלאָכים זײַנען, וועל איך דאָך עס שוין ניט קאָנען אויפטאָן.

וואָס עמעס, איז עמעס — די דערציִונג אונדזערע איז געווען ווײַט ניט קיין בעהאַדראָגעדיקע. צו דרײַצן יאָר — זיך יוגנטלעך פאַרטיפט אין עטיש־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון „ידיעה ובחירה״ — פון געטלעכער פאָרויסבאַשטימטקײַט און דעם מענטשנס פרײַען ווילן; פון צדיק, ורע לו — דאָס הייסט, פאַר וואָס איז דאַפקע דעם גערעכטיקן אַף דער וועלט שלעכט און דעם ניט־גערעכטיקן גוט, און נאָך און נאָך אַזעלכע פאַר א קינד צו הויכע איניאָנים, פאַרנעפּלטע, וואָס האָבן מיט זיך פאַרשטעלט פון מיר אַזאַ פּאָשעטע זאַך, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

נאָר אויב איר ווילט וויסן, איז דער איקער פון אַלע איקאָרים אין אונדזער דערציִונג געווען: „לא המקרא אלא המעשה״: ניט דאָס ווילקענען, נאָר דאָס ווילטאָן. דאָס הייסט, די מידעס, וואָס אַליין דער מענטש איז מעכוייעוו א גאַנץ לעבן זיי צו פאַרשענערן און צו פאַרבעסערן. יעדער מענטש איז אַן אוילעם־קאָטן — א קליין וועלטל, אָבער אַן אָרעוו, וועלכער טראָגט אַכרײַעס פאַר דער גאַנצער גרויסער וועלט. ביידע זייערע גורלאָלעס זײַנען אַזוי אָפּהענגיק איינס פונעם אַנדערן, אַז דײַן מינדסטע געמיינהײַט לאָזט איבער א פלעק אַפן אָנזיכט פון דער וועלט דער גרויסער.

און פון דער אַנדערער זײַט, האָט בא אונדז אין דער מישפּאָכע געהערשט דער קולט פון לערנען, קענען, וויסן. פון דער סאַמע פריִער קינדהײַט האָט מען אין אונדז אײַנגעפלאַנצט, אַז ווען עמעצער האָט דיך אויסגעלערנט ניט מער, אַפילע ווי איין אָס, ביסטו שוין מעכוייעוו אים אַכטן, אים אָפּגעבן קאָוועד.

און ווײַל קיין מעגלעכקײַטן צו צאָלן פאַר מיר סכאַרלימעד איז ניט געווען (פאָרט דער נײַנטער), האָט א סאַך יאָרן נאָכאַנאַנד מיט מיר געלערנט אַן עלטערער ברודער — א גרויסער ווייסער און ליבהאָבער פון דער אַלטערטימלעכער העברעיִשער פּאָעזיע און וועלכער האָט אין דער שטיל, ווייס איך, געשריבן שירים. ער האָט אַליין געלערנט זייער פלײַסיק, געווען א מאַסמיד, און אויך מיר ניט געלאָזט קיין פרײַע מינוט. ווינטער, פינף אַזייגער פאַרטאָג — ער וועקט מיך שוין:

— שטיי אויף, ברודערקע, מע קאָן דאָך אַזוי פאַרשלאָפן די וועלט.

אַזוי א גאַנצן טאָג ביז א שטיק אין דער נאַכט אַרײַן.

— לאָז מיך אַרויסגיין א ווײַלע אין דרויסן, — פלעג איך זיך בא אים בעטן.

— עפּשער קאָנסטו מיר זאָגן, וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?

— כ'ווייס, א ביסעלע מאַכן „הו־האַ״.

— ווייסטו וואָס, זאָג אָפּ אַט דאָ אָפּדערגיך „הו־האַ״, און לאָמיר זיך ווידער זעצן לערנען.

איצט, פאַרשטייט זיך, בין איך אים זייער דאַנקבאַר: וואָס ווייניקער הו־האַ — אַלץ בעסער. אָבער דעמלט, צו דרײַצן יאָר, האָב איך דען געקענט טראַכטן דאַנקבאַר זײַן מײַן פײַ־

ניקער. און אָט דער ברודער מײַנער האָט דאָך מיר אָפּגעגעבן אזויפיל צײַט און געזונט! ער האָט מיך עפשער מער ליב געהאט ווי זיך אליין. אָפט פלעג איך צוליב דעם לאָזן פילן מײַן שליטע איבער אים. און ער האָט דאָך בעעמעס געוואָלט אין מיר וואָס מער פארפלאנצן... אלץ, וואָס ער האָט געוווסט, — א שארף־לאקאָניש וואָרט, א שיינער פּאָעטישער פארגלײַך, א טיפזיניקער מוסערהאסקל, — אלץ ארײַנשטופן אין מיר, זײַן ליבלינג. דאָס פלעגט ער אין א פרילינג־פארנאכט מיר צוליב, און צוליב אייגענער האנאָע אויך, מיך אוועקפירן הינטער דער שטאָט, דאָרט, ווּו דער שאָסיי, וואָס פירט אין דער גרעסערער שטאָט באָברויסק, שנײַדט זיך דורך צווישן צוויי, ווי מיר האָט דעמלט געדאכט, הויכע בערג. אף איינעם — ער, אפן צווייטן — איך. אזוי פלעגן מיר ביידע זיצן און שטילערהייט באוווּנדערן די זון, וואָס באם פארגיין שפּיגלט זיך אינעם פרילינגדיק־צעגאָסענעם דרוטש; דאָס האָט ער, דער ערשטער, אָנגערופן פאר מיר באם נאָמען א סאך שיינקײַטן פון דער נאטור, וואָס געשטאנען זײַנען זיי פאר מײַנע ייִנגלשע אויגן און איך האָב ניט געוווסט, אף וועלכער שפּראך מען ווענדט זיך צו זיי.

קיין לידער האָב איך נאָך דעמלט ניט געשריבן. אָנגעהויבן האָב איך פון א דראמע וועגן די פּלייטים בײַס דער מילכאָמע 1914. איך געדענק, אז מײַן ניט־אויסגעטראכטע העלדן האָט געהייסן „ציליע די בעזשענקע"; אז מײַן עלטערער ברודער, דער רעבע מײַנער, איז אין איר געווען שטארק פארליבט און אז מיר איז זי אויך געווען געפעלן. איצט בין איך זיך מודע, אז דאָס האָט ניט ווייניק געשאדט מײַן ברודערס דערפאַלג, די דאָזיקע „אינטריגע" איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון מײַן ערשטער „דראמע", וועלכע מײַן ברודער און לערער האָט מיט א געקלעמט הארץ געמוזט באגיטיקן.

געטרוימט האָב איך אָבער צו ווערן א מאָלער.

ווען און פונוואנען אָט דער טרוים האָט זיך צו מיר גענומען, וועלכע וואַרצלען האָבן אים גענערט, איז שווער צו זאָגן. נאָר מײַן זיקאָרן האָט פארהיט אזא מין פאל:

געקומען איז צו אונדז צוגאסט פון דער שטאָט באָברויסק מײַן טאטנס ייִנגסטער ברודער — הילעל — א מענטש אויסערלעך זייער א שיינער און דערצו שטארק א געראָטענער, מיט א שארפן דערפינדערישן קאָפּ. דער טאטע האָט זיך פאר אים באקלאָגט (און עפשער זיך אויסבארימט), אז איך, א באַכערל פון גאנצע אכט יאָר, אָנשטאָט צו לערנען, פּאטער איך גאָר צײַט אף „מאָלן מענטשעלעך", אז ס'איז בא מיר א מין כאָלעם — ווּ איך שטיי און גיי מאָל איך. דער פעטער איז געשטאנען און צופרידן געשמייכלט אין דער שווארצער, שיינער באָרד ארײַן.

— אנו קאָרשט, קום אהער, — רופט ער זיך אָפּ צו מיר, — נעם א פּאפּיר מיט א בלײַער און מאָל מיר אויס א פאַשעטן, א געדרוקטן אלעף. זע אָבער, ער זאָל שטיין פעסט, ער זאָל זיך ניט וואקלען.

וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, האָב איך דעמלט ניט אינגאנצן פארשטאנען. אין קאָפּ האָט מיר א שווינדל געטאָן מײַן גאנצע קינדערשע „דערפארונג" — די קרומע שטעטלדיקע שטיבלעך, די זיך וואקלענדיקע פּלויטן. אפילע מײַן אייגענער שאָטן, וואָס איינמאָל, ווען איך האָב אים געפּרוּווט אויסמאָלן מיט א שטעקן אפן זאמד און מיר האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, האָב איך, אָנשטאָט שלאָגן זיך אליין איבער די הענט, געשלאָגן אים, מײַן ניט־אײַנגעגעבענעם אווטאָפּאָרטרעט.

דעם עקזאמען האָב איך אויסגעהאלטן. אלע ארום זײַנען געבליבן צופרידן, וואָס מײַן אויסגעמאָלטער אלעף וואקלט זיך ניט און איך — מיט א סאך צענדליקער יאָרן שפּעטער, שרײַבנדיק די דאָזיקע אווטאָביִאָגראפיע, טראכט, אז דעמלט, פאָלגנדיק יענעם ערשטן אָס, האָב איך שוין פאראטן מײַן מאָלערײַ, און אז פון יענעם אלעף הייבט זיך גאָר אָן מײַן ליטערארישע ביאָגראפיע.

קיין מוזייען און בילדער־גאלערייעס זײַנען אין מײַן געבורטשטאָט, פארשטייט זיך, ניט געווען. די איינציקע מוסטערן פון קונסט זײַנען געווען די שילדן. איינס אזא האָב איך פארגעדענקט ביז הײַנט. אן אָפּגעבליאקעוועטער, ערטערווײַז פארזשאווערטער באוואָנצלטער יונגערמאן שטייט יאַרנלאנג מיט אן אראָפּגענומענער הוט און מיט אן עלעגאנט־פארנייגטן קאָפּ פאר זײַן אויסגעמאָלטער דאמע, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט אין א ברייטער באפעדערטער הוט און אין א גרויסער נאָרקע־שאל, וואָס נעמט ארום אירע פּלייצעס און מיט די נעגלדיקע לאפּקעלעך קלאמערט זיך אין איר צו הויכן בוזעם. איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר פארבײַגייענדיק די דאָזיקע לאָדנס־שילדן, פלעג איך, צו יענער צײַט א הויכער שטאלטנער יונג מיט פעסטע אקסלען און מיט א הויפן פינגער, וואָס כאפּן שטײַף ארום דאָס קײַלעכדיקע הענטל פון א צווייפּונדיק געוויכט אף צו לאָזן עס לײַכט פארבײַפליִען דעם קאָפּ און העכער, — איך, צו זעכצן יאָר, א לערער אין דאָרף און ביז מעשוגאס, ביז דער העכסטער אנטציקונג אין הימל און ערד א פארליבטער, — איך פלעג אמאָל בלײַבן שטיין ווי געפּלעפּט פון אָט דער אָפּגעבליאקעוועטקײַט און פון דער אומפארענדערלעכקײַט, וועלכע האָט פאר מיר ווי סימבאָליזירט די פארגליווערטקײַט און רוטינע פונעם שטעטל.

איך זאָג פונעם שטעטל אינגאנצן גענומען, אויסטיילנדיק דערבײַ יענע אונטערערדיש־יוירנדיקע קראפט פונעם באוווּסטזיניקן טייל באלמעלאָכעס — ייִדישע און ניט־ייִדישע, וועלכע האָבן נאָך פארהיט די טראדיציעס פון 1905 און וואָס האָבן אין זייערע האלב־כאָרעווע

שטיבלעך געהאלטן אין איין פּרוכפּערן זיך און מערן, גלײַך ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז די קומענדיקע רעוואָליוציע וועט פאָדערן פון זיי ברייטע פּלייצעס און טרײַע הערצער אַף זי צו פאַרטיידיקן.

א גרויסע צערודערונג אין שטעטל האָט אַרײַנגעבראַכט די מילכאָמע פון 1914. איר פײַער האָט געברענט ערגעץ העט־ווו, און איר שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אַף מײַן געבורטשטאָט.

א שווערע, א גרויזאַמע קייט פון צענדליקער טויזנטער פויערשע פורן מיט הויכע לײַוונטענע בוידן, אָנגעשטאָפּט דעריקער מיט קינדער, פרויען און אלטע לײַט, האָט זיך געצויגן פאַר־בײַ אונדזער שטוב. באַטאָג און באַנאַכט האָט אָט דער שרעקלעכער שטראָם פון ווײַסע בוידן זיך ניט אָפּגעשטעלט: אַף די צעפאַרענע רעדער און לאַנג ניט געשמירטע אַקסן זיך געוויגט אַלץ פאַרויס און פאַרויס. וווּהין — פרעגט ניט. פונוואַנען? — פון די פּוילישע גרענעץ־גובער־ניעס — פון סאַמע פײַער. אָפּט פלעגט אַזאַ הויכבוידיקע פור פלוצעם אַרויס פון דער ריי, זיך אָפּקערן אין פעלד, אַף איבערצולאָזן דאָרט א פּריש בערגל ערד און איבער דעם — א צייכן פון צוויי איבערגעקרייצטע בעריאָזע־דרענגלעך. די שפּעטער־אָנקומענדיקע פורן פלעגן שוין וויסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן: אַף א ווײַלע איבערײַסן די קייט, אַף ווידער אײַנ־צושליסן אין זיך דעם אַרויסגעפאַלענעם רינג.

אויב אָט דער מענטשלעכער טרויער־צוג האָט ניט געוווּסט וווּהין ער פאָרט, האָב איך אָבער געפילט, אַז ער פאָרט מיר גלײַך אין האַרצן און אין מויעך אַרײַן, ווי שוין די ערשטע פור וואָלט מיטן דישעל מיר געגעבן א זעץ אין דער ברוסט און געעפנט דאָרט דעם טויער און דורכגעלייגט א וועג פאַר גרויסע מענטשלעכע לײַדן, פאַרן אומגליק פון א פאָלק.

און דאָ האָט זיך געענדיקט מײַן ייִנגלשקײַט. איך האָב שוין מער ניט געקאָנט זיך פאַרגינען דעם וועג פון דאָרף אין שטעטל דורכצו־מאַכן, — ווי פריִער זאָרגלאָז לויפנדיק צופאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, זינגענדיק דערבײַ א לויב דעם הימל. ניין, די ערד, וואָס האָט איבער איר רוקן דורכגעלאָזט אַזאַ פאָלקס־אומגליק, האָט בא מיר אין די אויגן באַקומען א נײַעם, גאָר אַן אַנדערן באַטײַט. און דער הימל — אויך.

ווי שוין לאַנג פריִער, נאָר איצטער מיט א סאַך א גרעסערער קראַפט, האָבן אין מיר זיך גענומען ראַנגלען צוויי קויכעס. איין קויעך האָט געשטויסן: אײַל זיך צו דאָס געזעענע און דורכגעלעבטע אויסצומאָלן. ווי דו קענסט, נאָר מאָל. מאָל אויס די ראָד אַזוי, מע זאָל פונעם שטומען פּאַפּיר דערהערן איר סקריפּ. און דער צווייטער קויעך האָט מיר אונטערגעזאָגט: אײַל זיך צו און פאַרשרײַב, זינג אויס דײַן לויב דעם מענטשן, וואָס לײַדט אַזוי שווער צווישן דײַן הימל און דײַן ערד. אַמאָל פלעג איך זיך אונ־טערגעבן איינעם, אַמאָל — א צווייטן קויעך. נאָר וועמען פון זיי אָפּגעבן די בכוירע האָב איך ניט געוווּסט.

„גאַנצע צען יאָר לעבן גיב איך אָפּ פאַר אָנקוקן א לעבעדיקן פּאָעט", — אַזוי האָב איך זיך געזאָגט אין דער יוגנט, און דעמלט בין איך געווען זיכער, אַז איך וואָלט געהאַלטן וואָרט. נאָך ביז הײַנט — נאָך צענדליקער יאָרן זײַן מיט זיי נאָענט באַקאַנט, און מיט אייניקע ברי־דערלעך באַפרײַנדעט — קוק איך נאָך אַלץ אַמאָל מיט פאַרווונדערונג און מיט ייִראַס־האַ־קאָוועד אַף אַן עמעסן פּאָעט. איך קוק אַף אים און טראַכט: ווי?אַזוי? פונוואַנען נעמט זיך עס בא אים?

מיט גאַנצע יאָרצענדליקער, ווי אין דער יוגנט, וואָלט איך עפּשער איצטער זיך ניט געוואָרפן, אָבער ניט, כאָלילע, ווײַל פּאָעטן זײַנען בא מיר געוואָרן ביליקער, נאָר די יאָרן זײַנען געוואָרן טײַערער.

פרעגט זיך אָבער: פאַרוואָס גאַנצע צען יאָר לעבן פאַר אָנקוקן א פּאָעט דעמלט, ווען מײַן טרוים איז געווען צו ווערן א מאָלער? עפּשער דערפאַר, ווײַל גרויסע פּאָעטן האָב איך שוין צו יענער צײַט געלייענט א סאַך. און געהאַט וועגן זיי מײַן אייגענע באַגײַסטערטע פאָר־שטעלונג. איך האָב גוט געקענט די שאַפונגען פון די נעוויִים, פון די וווּנדערלעכע מיטלאַל־טערלעכע ייִדישע פּאָעטן פונעם שפּאַנישן פּע־ריִאָד און אויך פון א סאַך שפּעטערדיקע: איך האָב געוווּסט, כאָטש ניט זייער גוט, פּושקינען און לערמאָנטאָוון, נעקראַסאָוון און קאָלצאָוון און אַנדערע רוסישע פּאָעטן, מיט וועלכע מיך האָט באַקאַנט געמאַכט מײַן פּריוואַטער לע־רער — פונקט אַזאַ אַווטאָדידאַקט, ווי איך, נאָר שוין מיט אַן אַטעסטאַט אין בוזעם־קעשענע פון זײַן קורץ, שוואַרץ „דעמאָקראַטיש" רעקל.

און פון גרויסע מאָלער האָב איך אַפילע ווייניק נעמען געוווּסט.

דער לערער פון רעאַל־שול — א טאַלאַנטפו־לער מאָלער און א גוטהאַרציקער רוסישער מענטש, וועלכער האָט מיך געלערנט מאָלערײַ פון מיצווע־וועגן, צוליב א פּראָטעקציע פון מײַן עלטערער שוועסטער, וועלכע פלעגט אים נייען פײַנע, ברייטע און לופטיקע זומער־העמדלעך, — ער, פאַרשטייט זיך, גייט אין כעזשבן ניט אַרײַן, כאָטש דעמלט האָבן מיך זײַנע אַקוואַ־רעלן, און דערהויפּט פּאַסטעלן, מאַמעש באַ־צויבערט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזאַ מײַסטערשאַפט איז אומדערגרייכבאַר. שפּעטער מיט א צײַט פלעגט ער מיך שוין אַליין אײַנ־לאַדן גיין מיט אים אויסער דער שטאָט „אַף עטיודן". דאָס האָט ער פאַרפלאַנצט אין מיר דעם גלויבן, דאָס האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז מאָלערײַ איז מײַן באַרוף. און באַלד נאָך דער פעוורואַל־רעוואָליוציע האָבן מיך שוין קיין צוימען ניט געקאָנט אײַנהאַלטן.

אויסגעמאָלט עטלעכע שילדן פאַר שוסטער, שנײַדער און א דעקאָראַציע פאַר אונדזער

שטעטלדיקן פאָטאָגראַף, פאַרדינט א פּאָר „קע־
רענקעס" און מיט דעם קאַפּיטאַל זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן.

דער גורל פון מײַן געבורטשטאָט האָט מיך ניט באַאומרויִקט. איך האָב געפילט, איך לאָז זי איבער אין ראַיעלע הענט. גלײַך נאָך דער פעוראַל־רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אונדזער שטאָט האָט עקזיסטירט א גוט־אָרגאַניזירטע באָלשעוויסטישע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרבעטער, וועלכע איך האָב ניט געקענט, און פון סטודענטישער יוגנט, וועלכע איך האָב געקענט נאָר פונדערווײַטנס.

אין שטעטל האָט געראַשט: ס'האָבן זיך גע־עפנט קלובן, פאָלקס־הײַזער; ס'האָבן זיך אָר־גאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין וועלכע די באָלשעוויסטישע גרופּע, איצטער שוין א היפּש־צעוואַקסענע, האָט געהאַט א פעסטע דייע צו זאָגן; שאַרף אָנגעצייכנט האָבן זיך די צווישנבאַציִונגען פון באַזונדערע שיכטן באַ־פעלקערונג, און פאַר מיר פערזענלעך האָבן זיך שוין דעמלט געהאַט אויסגעקלאָרט מײַנע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. א סאַך זאַכן און באַגריפן האָבן פאַר מיר באַקומען זייער קאָנ־קרעטן באַטײַט און נאָמען.

די גראָבע, שוואַרצע קייט פונעם דאַמפּער רוקט זיך איבער לאַנגזאַם און שווער, און דאָס רוישן פונעם וואַסער פאַרטויבט ביסלעכווײַז דעם ראַש פונעם שטעטל. מיטן געדאַנק בין איך שוין געווען נעענטער צו דער גרויסער אומבאַוווּסטער שטאָט קיִעוו, ווו קיינער וואַרט אַף מיר ניט און קיינעם האָב איך ניט, אַכוץ א ווײַטן קאָרעוו, וועמענס אַדרעס איז געלעגן אין מיטלסטן טייל פון מײַן זייער מאָגערן געלט־בײַטעלע.

דערפאַר איז אָבער דאָס האַרץ געווען פול מיט שרעק און האָפענונג.

שעווטשענקאָ טאַראַס — איך בין
אין דער פרעמד דאָ,
און דו ביסט א היגער — באַשיץ
און באַהיט.
געקומען אין קראַך אין א ציצענעם
העמדל
א הויכער, א שלאַנקער, מיט
יינגלשע טריט.

אַף די הויפּט־גאַסן פון דער שטאָט קיִעוו, קימאַט פון אַלע פענצטער, האָט אַף מיר גע־קוקט א פּאָרטרעט פון א מיטליאָריקן פעסטגע־בויטן מענטש אין א פויערשן פעלץ און אין א הויכער, פוטערנער פאַפאַכע: די לאַנגע האַלב־רונדיקע וואָנצעס געבויגן אַראָפּצו, און די אויגן — אי מילדע, אי שרעקלאָזע — האָבן גע־קוקט גלײַך אין האַרצן אַרײַן.

ווער איז ער? פאַרוואָס — אין אַלע שויבן? פאַרוואָס האָב איך זײַן פּאָרטרעט קיינמאָל ניט באַגעגנט אין מײַן געבורט־שטאָט, וועלכע שטייט אַפן ברעג פון דעם זעלבן טײַך דניע־פּער.

מיט א קורצער צײַט שפּעטער האָט מיך איינער פון זײַנע פאַרערער באַקאַנט געמאַכט מיט זײַנע דערשיטערנדיקע לידער און מיט זײַן שווערן לעבנס־גורל. אגעוו, אייניקע לי־דער פון זייער שווערן געמיט האָב איך גע־הערט נאָך אין דער היים. איך האָב אָבער ניט געוווּסט, אַז דער ערשטער, וואָס האָט זיי אויסגעזונגען, דאָס הייסט געשאַפן זיי, איז אָט דער מענטש אין גרויסן ווינטערדיקן פעלץ און א הויכער פאַפאַכע, וואָס איז איינצײַטיק געווען אי א דיכטער אי א מאָלער.

הייסט עס, ס'איז מעגלעך. און ווידער האָט א געדאַנק גענומען בויערן אין מויעך: וויאַזוי מאַכט מען שאָלעם צווישן ביידע קעגנזעצלעכע קויכעס? ריכטיקער: ווו נעמט מען קויכעס זיי ביידן צו פאַרייניקן אָדער בײַקומען זייער ווי־דעראַנאַנד. און איך האָב געמאַכט א פּרווו: זיך לערנענדיק אין מאָלער־שול, געשריבן לי־דער. פאַר מײַנע אויגן איז אָבער געשטאַנען דער מענטש אין דער הויכער פאַפאַכע איבער דעם קײַלעכדיקן שטערן; אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען זײַנע לידער, פול מיט ערנסט, זאָרג און אַכרײַעס פאַר דעם גורל פון זײַן פאָלק און ניט באַפרײַטן היימלאַנד, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווי איך זאָל זיך ניט בעריען, וועט פון מײַן טאַנצן אַף צוויי כאַסע־נעס גאָרניט אַרויס. מיר האָט זיך שטאַרק גע־וואָלט נאָכמאַכן אים, שרײַבן לידער, אינעם נוסעך פונעם פאָלקס־ליד, פאַרשטייט זיך, אין יידיש, און ס'איז מיר ניט געלונגען.

א באַזיגטער אַפן פראָנט פון דיכטונג, האָב איך מיט לײַב־און־לעבן זיך איבערגעגעבן דעם, צוליב וואָס איך בין, אייגנטלעך, אהער געקו־מען. אַף דעם געביט, האָב איך געטראַכט, אויב איך קאָן זיך ניט פאַרמעסטן מיט קיין גרויסע, איז כאָטש דאָ דער טערעץ: איך בין דאָך ניט מער ווי א שילער. די פאָדערונגען זײַנען דער־ווײַל א סאַך קלענערע — מער פּראַקטימדיקע: א דרייסטער שטריך, א פּינקטלעכע צייכענונג, ליכט און שאָטן אַפן אָרט (דאָס זעלבע, וואָס איך פלעג שפּעטער פאָדערן בא מײַנע שי־לער), — און דו, און אַלע אַרום דיר, זײַנען צופרידן. אָבער דאָרט — אינעם „קיניגרײַך פון פּאָעזיע"...

אָט דאָס „קיניגרײַך פון פּאָעזיע" האָט מיך צורו ניט געלאָזט.

פאַרבלײַבן אין קיִעוו און ניט לערנען האָב איך ניט געקענט. איך האָב באַשטימט אוועק־פאָרן. מאַטעריעלע און שטייגער־אָנגעלעגנהײַטן האָבן אונטערגעפירט א גרונט, א באַזע אונטער מײַן באַשלוס און, ניט פאַרענדיקט דעם קורס פון מאָלערײַ־שול, בין איך אָפּגעפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, הײַנט — דניעפּראָפּעט־ראָווסק.

און דאָ פלעג איך שוין ניט דעם שאָטן מײַ־נעם, נאָר טאַקע מאַמעש זיך אַליין פּאַטשן איבער די הענט, איך זאָל ניט מאָלן: אויב

פּאָעזיע, איז פּאָעזיע! מאָלן פלעג איך נאָר פּאָרטרעטלעך פון פארבײַגייער אפן בולוואר. דער טערעץ: פארדינען אף ברויט.

שוין דרײַ טעג ליגט מײַן העפטל לידער בא איינעם א ייִדישן ניט יונגן ליטעראט, און דאָס האַרץ גייט מיר אויס צו וויסן זײַן מיינונג. אפן פערטן טאָג איז געקומען דער „אורטייל״:

— אז איר זײַט א דיכטער, יונגערמאַן, זעט מען פון יעדער ליד, די מאָטיוון זײַנען אָבער ווי פארעלטערט.

— איר זאָגט, פארעלטערטע מאָטיוון? און וואָס הייסט נײַע?

— איר וועט ברעכן דעם קאָפּ, וועט איר וויסן.

— זאָל איך עפשער אינגאנצן ניט שרײַבן? מײַן פאך איז מאָלערײַ.

— וועט איר וועלן, וועט איר שרײַבן, און טאָמער ניט... פונדעסטוועגן, אויב איר וועט האָבן עפּעס נײַס, ברענגט.

אין א פּאָר וואָכן ארום האָב איך אים געבראכט עטלעכע לידער. איינע אן אכטשורעדיקע.

איבערגעלייענט, טוט ער א זאָג צו א ווונדער־שיינעם יונגנמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקל און געבלעטערט א בוך: „מאַרקיש, קומט לאָמיר גיין צו לאָקשינען אין דרוקערײַ. איך בין גרייט אליין דרייען די ראָד, די לידער גיכער אָפּצודרוקן״.

וועגן מײַנע באגעגענישן — דעמלטיקע און שפּעטערדיקע — מיטן גרויסן דיכטער פּערעץ מארקיש האָף איך נאָך אָנשרײַבן א באזונדער קאפּיטל. וואָס מײַן ערשטער קריטיקער האָט אײַנגעפונען אין דער דאָזיקער קליינער ליד, איז מיר שווער געווען צו זאָגן. נאָר איצט, אין פערציק יאָר ארום, דוכט מיר, אז אין יענע אכט שורעס איז שוין געווען אָנגעמערקט איינע פון די גרונט־שטריכן פון מײַן דיכטונג, וועלכע האָט זיך דערנאָך אנטוויקלט, פארטיפערט און אויסגעברייטערט: דער ווייטעקפולער איבערגאנג פון יאָמטעוו צו וואָכעדיקײַט און דער דראנג די וואָכעדיקײַט דערהייבן צו יאָמטעוו.

צוליבן כאראקטער פון א קורצער אווטאָביִאָגראפיע היפּער איך איבער א סאך זייער וויכטיקע סאָציִאַל־פּאָליטישע און געזעלשאפטלעכע פּאסירונגען אין דער אוקראַיִנע און ווײַט אויסער איר, וועלכע האָבן געווירקט אף מײַן גאנצן וועלט־באנעם, אף מײַן אנטוויקלונג און שאפונג.

דאָ, אף דער אוקראַיִנישער ערד, האָב איך מיט אן אָפן האַרץ באגעגנט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס ווען ניט זי, וואָלט איך און מיליאָנען אזעלכע ווי איך ניט געווען דאָס, וואָס מיר זײַנען. קיין איין מענטש, ווער עס זאָל ניט זײַן, איז אָבער ניט בעקויעך ארײַנצופאסן אזא וועלט־היסטאָרישע געשעעניש ניט נאָר אין געציילטע בלעטלעך — דערוף וואָלט געווען קאַרג א מענטשלעך לעבן. דעריבער שטעל איך זיך אָפּ נאָר אף אזוינס, וואָס מערקט אן ערעך אָן מײַן שאפונגס־וועג.

אין יאָר 1922 בין איך געקומען קיין מאָסקווע און מײַן גאנץ אייגנס איז געווען א קליינע זאמלונג לידער, וועלכע האָט גוט אויסגענומען בא די סאָוועטישע שרײַבער — מאָסקווער „טוישווים״ — די, וועלכע זײַנען געקומען אהער מיט צוויי אָדער מיט איין יאָר פריער פאר מיר: דאָוויד האָפשטיין, ארן קושניראָוו, דאָברושין, גאָדינער, גורשטיין, ראָסין און נאָך אייניקע. לויט דער רעקאָמענדאציע און איניציִאטיוו פון דעם דעמלט שוין באוווּסטן דיכטער דאָוויד האָפשטיין איז די דאָזיקע זאמלונג דערשינען. און ווייסט איר ווו? דאפקע אין קיִעוו.

נאָר אויב פאר אים, פאר האָפשטיינען, איז זײַן ערשט בוך „בא וועגן״ (ווי פאר לייב קוויטקאָ זײַן בוך „טריט״ און פאר פּערעץ מארקישן „שוועלן״) געווען די גרויסע זיכערע שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן א נײַעם וועג פאר דער דעמלט נאָך יונגער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע, וואָלט איך מײַן ערשטע זאמלונג „לידער״ פארגליכן מיט א קליין שיפל, אין וועלכן מע האָט מיך אָפּגעפירט פון ברעג אינמיטן יאם און געזאָגט: אָט דאָ שפּרינג ארויס און שווים...

נאָר אָט זײַנען שוין דורך פערציק יאָר, און ביז הײַנט־צו־טאָג שטיי איך נאָך אַלץ פאר יעדער נײַער ליד, ווי פאר א טהאָם: איך וועל אָנקומען אפן צווייטן ברעג, אָדער ניט. און איך בין זיכער, אז אויב איך לעב און בין נאָך בעקויעך צו שרײַבן די דאָזיקע שורעס, איז נאָר אדאנק דער טאָגטעגלעכער פרייד, וואָס מיר פלעגט פארשאפן דאָס דורכגיין בעשאָלעם פון שורע צו שורע, פון ליד צו ליד.

דער גרעסטער אָריגינעלסטער דיכטער הייבט ניט אָן פון זיך אליין. אין דער אָדער יענער מאָס הויערט אף אים די ירושע פון די פריִערדיקע דוירעס שעפער. שוין אָפּגערעדט פון אזא אָנפאנגער, ווי איך בין דעמלט געווען. איצט וואָלט איך אליין גיכער, ווי אן אנדערער, געקאָנט אָנווײַזן אף אייניקע ליטעראַרישע שפּורן בא מיר, וועלכע זײַנען צום גליק געווען פאר מיר מאזלבראָכעדיק.

אזעלכע אופווירקער וואָלט איך אָנגערופן עטלעכע, וועלכע האָבן געלעבט אין פארשיידענע לענדער און פארשיידענע צײַטן: פּושקין און געטע, טיוטשעוו און באראטינסקי; איבן־גאבירואָל פון שפּאניע און די אלטע כינעזישע ליריקער; טאגאָר און יעהודע האלייווי; אָמאר כאיאם און מאיאקאָווסקי.

הײַנט גיי פּרוּוו אָפּשאצן די ווירקונג פון מענטשן פון דײַן דאָר, פון עלטערע שרײַבער, געזעלשאפטלעכע און פּארטיי־טוער, מיט וועלכע דו ביסט יאָרנלאנג געווען באפרײַנדעט. אכטנדיק זיי פערזענלעך, זיך פארטיפנדיק אין זייער שאפן, האָסטו מיט זיי מיטגעלעבט, און דער „מיט זיי״ הייסט דאָך מיט דער גאנצער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

און אז איך האַלט שוין בא אופווירקונגען פון אַט דעם מין, מוז איך ברענגען עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט אַפּן גאַנצן לעבן.

נאָך אין שטעטל זײַענדיק, האָט מיר איינער אַן עלטערער מענטש אַזוי געזאָגט: אַמאָל איז געווען אַ שרײַבער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געשריבן און אַפּילע געדרוקט ביכער, נאָר שטענדיק האָט ער געהערט פון פרײַנט און אומפרײַנט: אַלץ גוט, אַלץ גלאַט, נאָר גאָרניט אייגנס. און ערשט צום סאָף פון זײַן לעבן האָט ער אין איינער אַ דערציילונג אָנגעשריבן: „געגאַנגען דער לאָקאָמאָטיוו און נאָך אים האָבן זיך געצויגן געהאָרכזאַמע וואַגאָנעס".

— זעסטו, — האָבן אים פרײַנט געטרייסט, — אַט דער עפּיטעט „געהאָרכזאַמע וואַגאָנעס" איז דײַנער, דײַן אייגנס, — פּאַרט ניט אומזיסט אָפּגעלעבט אַ לעבן אויף דער וועלט.

פון דעמלט אָן און ביז הײַנט, אַלע מײַנע יאָרן, שרײַבנדיק אַ ליד אָדער עפּעס אַנדערש, אַפּילע איצט, שרײַבנדיק די דאָזיקע שורות, טראַכט איך: ווו איז דאָ מײַנס, אייגנס? ווו זײַנען מײַנע „געהאָרכזאַמע וואַגאָנעס"?

רעדן גענוי וועגן אַלע מײַנע ביכער וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט. איינס אָבער איז קלאָר, אַז ס'זײַנען דאָ ביכער — עטאַפּן: „ווײ און מוט" — איין עטאַפּ; „פאַרן נײַעם פונדאַמענט" — אַ צווייטער; „קאָנטאַקט" — אַ דריטער; „ערדישע וועגן" — אַ פערטער; „דער בוים פון לעבן" — אַ פינפטער. נאָר עטאַפּן בא אַ דיכטער זײַנען דען אַזוי שטרענג אָפּגעגרענעצט? אָפט פלעגט אַ שטאַרקע כוואַליע אַריבערפלייצן פון איין עטאַפּ אין צווייטן. דעריבער זײַנען אין יעדן בוך פאַראַן עלעמענטן פון אַלע עטאַפּן, כאָטש יעדער בוך האָט זײַן אייגענעם גרונט־מאָטיוו.

אויב אין „ווײ און מוט", לעמאָשל, איז דער גרונט־מאָטיוו געווען ווייגעבורט פונעם סאָציאַליסטישן הײַנט, זײַן אַרויסוואַקסן פונעם נעכטן און זײַן אומראַכמאָנעסדיק־מוטיקער נייצאָכן איבער אים, און איך אַליין האָב נאָך אינעם בוך געבלאָנדזשעט צווישן ווײ און מוט, בין איך שוין אין צווייטן בוך מיט לײַב און לעבן געווען באַם נײַעם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט.

אַ סאַך יאָרן האָב איך אָפּגעגעבן דער דראַמאַטורגיע.

אַזוי ווי באַם שרײַבן באַזונדערע לידער, אַזוי אויך אין דער דראַמאַטורגיע, האָב איך שטענדיק געדענקט דרײַ קלאָלים: ערשטנס, וואָס הייסט נײַס? — ברעך דעם קאָפּ, ווערסטו וויסן. צווייטנס, אַז אַ דראַמאַטיש ווערק ווערט געשאַפן ניט נאָר פאַר דער בינע, אַז ס'מוז פאַרמאָגן אייגענע אַריכאָס־יאָמים, דאָס הייסט זײַן אויסגערעכנט אויף אַ גרויסן ליטעראַרישן קיִעם. און דריטנס, אַז אין אַ ווערק, אַפּילע אין אַזעלכס, וואָס טראַקטירט פּראָבלעמען און געשעענישן זייער ווײַטע פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, זאָל זיך פילן שאַרף דער שעפערישער טאָך און וועלט־באַנעם פון אַ סאָוועטישן שרײַבער.

און וואָס שײַעך דעם ריזיק־פאַרצווײַגטן בוים פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, איז קעדיי אים איבערצופלאַנצן אויף דײַן אייגענעם באָדן, מוזטו אַדורכפילן, אַדורכשווידערן זײַן וווּקס, ווי דײַן אייגענעם, פון אַ גרין ריטל ביז זײַן מעכטיקן שטאַם, מיט אַלע נאַקעט־מאַכנדיקע האַרבסטן און אין גרינס אים אָנטוענדיקע פרילינגס, מיט זײַן קרעכצן אין פראָסט און מיט זײַן רויִק־ראַכוועסדיקער זומערדיקער באַבלעטערונג. אַזוי, און נאָר אויף אַזאַ אופן, וועט זײַן ניט אָפּצושיידן דיך פון דײַן הײַנט.

קויכעס און צײַט אַ סאַך האָבן בא מיר אָפּגענומען איבערזעצונגען. פּושקין און שעקספּיר, לאָנגפעלאָ און מאַיאַקאָווסקי, קיפּלינג און יעסענין און נאָך אַ סאַך סאָוועטישע און ניט־סאָוועטישע דיכטער. און פּראָזאַיקער.

אַ סאַך ענערגיע און יאָרן האָב איך פאַרוואַנדט אויף רעדאַגירן ביכער פון די עלטערע און ייִנגערע סאָוועטישע פּאָעטן. צווישן אַלע איז אַמערסטן מיר געווען צום האַרצן די אַרבעט מיט דער שרײַבערישער יוגנט. דאָ, האָט מיר געדאַכט, פיל איך אויס, כוץ אַלעמען, אַ באַזונדער וויכטיקן און געזעלשאַפטלעכן כויוו.

סאָף 1939 בין איך געקומען אַהיים קיין ראַהאַטשאָוו. דעם טאַטנס שטוב איז שוין געשטאַנען אויבנאָן ליידיק. אַפּילע די מאַמע פלעגט זעלטן פאַרנעמען דאָס אָרט, שוין אָפּגערעדט פון אונדז, די קינדער. מיט מײַן קומען פלעגן בא דער מאַמען אין שטוב זיך אויפזאַמלען מישפּאָכע־לײַט — ברידער, שוועסטער, אָרטיקע און צונויפגעפאָרענע פונעם אַרום; שטעטלדיקע לערערס, באַקאַנטע. דער טיש שטייט גרייט, די מאַמע איז ניטאָ, מיטאַמאָל שווימט זי פון ערגעץ אַרויס אָנגעטאָן אין מײַן פּידזשאַק, מיטן נאָרוואָס באַקומענעם אָרדען „ערן־צייכן" אין דער לאַץ.

— לעכאַיִם, כאַווײרים! — זאָגט די מאַמע צו אַלע די, וואָס זײַנען ענגלעך צונויפגערוקט געזעסן באַם טיש. — איר מיינט אַוודע, אַז דאָס האָט מען אים באַלוינט? ניין, זײַט וויסן, דאָס האָט די מעלוכע אונדזערע דעם אָרדען געגעבן מיר, דער מאַמען זײַנער. צען קינדער האָב איך געהאַט, און אַלעמען, כאָטש אין נויט, נאָר אויף די פיס געשטעלט. ער איז דאָך בא מיר שוין, קיין אײַנהאָרע, דער נײַנטער.

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1957, ווען די מעלוכע האָט מיך צום צווייטן מאָל באַלוינט — מיטן אָרדען „רויטע אַרבעטס־פאָן" — האָט זיך מיר, באַדאַנקענדיק דער מעלוכע און דער פּאַרטיי פאַר איר אויפמערקזאַמקײַט, שטאַרק געוואָלט צוגעבן, אַז ס'איז שוין ניטאָ יענע, וועלכע האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו זאָגן, אַז דאָס האָט מען באַלוינט זי, אַז איך בין בא איר דער נײַנטער, דער מאַזלדיקער.

אָפשטעלן זיך אַף פּראָטים פון מײַן שטייגער־לעבן איז ניט דאָ דאָס אָרט. איך האָב, לעמאָשל, פאַרפעלט, ווו איך האָב ווײַטער געלערנט, שטודירט. אויסגעמיטן אפילו וויכטיקע איינצלהײַטן פון אזא לעבנס־פּעריאָד, ווי זעקס יאָר (1924 — 1930) אַרבעט בא קאָרעקטור, ווײַל... דער איקער פאַר א שרײַבער זײַנען די ביכער זײַנע, אָרנטלעך געשריבענע, יאָרנווײַז אויסגעטראָגענע און אויסגעהיטע — זיי זײַנען די סאַמע פאַרטיפטע און אויסגעברייטערטע אווטאָביאָגראַפיע זײַנע, ביפּראַט נאָך פון א ליריקער, וועלכער רעדט וועגן אַלץ און אַלעמען אין דער ערשטער פּערזאָן, ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער וויל זיך אַרויסזאָגן, באַפרײַען זיך פון דעם, וואָס אים קלעמט, אים פּערזענלעך, נאָר אויך, און דעריקער, ווײַל דורך אים רעדט אַרויס זײַן צײַט, די ליידן און פריידן פון זײַן דאָר. זײַן גאַנצע דיכטערישע מי און זײַן גאַנץ לעבן גיט ער אָפּ, קעדיי וואָס אָפטער אָפּצוקעמפן בא דער פאַרגעסנהײַט עפּעס וויכטיקס פאַרן הײַנט און פאַרן שפּעטער. דרינגט אַרײַן אין די ביכער, און איר וועט דאָרטן דערזען די ביאָגראַפיע פונעם דיכטער — מיט געציילטע טעג און כאַדאָשים פרייד און באַפרידיקונג און מיט לאַנגע, לאַנגע יאָרן שווערער האָרעוואַניע.

וואָס שײַעך מיך פּערזענלעך, איז אַף וויפל זעכציק טיילט זיך אַף דרײַ, זײַנען צוויי דריטל פון מײַן לעבן — אין מײַנע ביכער. די „בלויזן" צווישן ליד און ליד, פּאָעמע און פּאָעמע, דראַמע און דראַמע, בעסער געזאָגט, דאָס אווטאָביאָגראַפישע — דער הינטערגרונט, וואָס ליגט אונטער אַלע זיי, — וועגן דעם האָף איך נאָך אָנשרײַבן א באַזונדער בוך. ווײַל עס דאַרף געשען אַן אָפּענער נעס, קעדיי מע זאָל אין געציילטע עטלעכע זײַטלעך קאָנען אַרײַנפּאַסן א גאַנץ לעבן. און וואָס עפּעס נאָר דײַנס? ווי קאָנסטו אַרויסנעמען זיך פונעם גאַנצן אַרום און אויך פון יענע אַרומען, וועלכע האָבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן פאַר דיר זיך געעפנט און שוין פאַרשלאָסן זיך אַהינטער דיר?

נו, און דאָס לעבן פון דײַן נאָענטסטן פרײַנט — דײַן פרוי, וואָס האָט אין מעשעך פון קימאַט פערציק יאָר זיך אַזוי אַרײַנגעוועבט אין אַלע דײַנע ערגערנישן, אין אַלע דײַנע פריידן; די, וואָס איז צוזאַמען מיט דיר געוואַקסן און איז געוואָרן א מאָס פאַר דײַן אייגענעם וווּקס; די, וואָס איר געוויסנהאַפטיקײַט איז דײַן שטאָלץ, און איר באַשיידנקײַט — דער שפּיגל פאַר דײַן געוויסן; דער ערשטער וואַכזאַמער אויער פאַר אַלעם דעם, וואָס דו שאַפסט; איר ביאָגראַפיע — די ביאָגראַפיע פון דײַן צווייטן איך — קענסטו דען אָפּטיילן פון דײַנער? נו, און די קינדער דײַנע — שוין דערוואַקסענע, מיט זייער אייגענעם שאַפונגס־וועג, פון דײַנעם אַן אַנדערשדיקן, נאָר פאָרט א פאָרזעצונג פון דײַנעם — זײַנען דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? און כאַווייריִם, נאָענטע פרײַנט, וועלכע פאַרנעמען דײַן מויעך און דײַן צײַט ניט נאָר מיט זייער לעבן, נאָר אויך נאָך זייער לעבן. זיי זײַנען דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? נו, און פײַנט, וועלכע ווילן, אַז איך און מיליאָנען אַזוינע ווי איך — יונג און אַלט — זאָלן אין איין אויגנבליק פאַרשווונדן ווערן פון דער ערד דורך א פײַער, וואָס איז טויזנט מאָל הייסער, ווי דאָס אינגעווייד פון דער זון, — זיי, אָט די פײַנט, און דײַן סינע צו זיי, זײַנען דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? און דײַנע ברידער און שוועסטער, דורכן פאַשיזם אומגעבראַכטע צווישן מיליאָנען אַנדערע, און דער העלדישער קאַמף פונעם פאָלק קעגן פאַשיזם, איז דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? פערציק יאָר ניצכוינעס בא דיר אין לאַנד איז דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? נו, און דער פרײַנטלעכער זיכערונגס־קרײַז פון אַזויפיל דעמאָקראַטישע לענדער האָבן דען א וויכטיקע שײַכעס צו דײַן ביאָגראַפיע? און די קינסטלעכע לעוואָנעס אין הימל, און דער „פרידן־יִשעוו" אַף דער ערד, ווו ס'איז קאַלט קימאַט ווי אַף דער לעוואָנע, איז דען ניט דײַן ביאָגראַפיע? נו, און דער שאָלעם־בונד פון העכער א מיליאַרד מענטשן אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, איז דען ניט דײַן לײַבלעכע ביאָגראַפיע?

איך וואָלט געזאָגט, א גאַנץ רײַכע ביאָגראַפיע פאַר איין מענטשלעך לעבן.

נו, און אָט דאָס געלע בלעטל, וואָס שיידט זיך אָפּ אַזוי לײַכט פונעם האַרבסטיקן בוים, ווי ס'וואָלט דערפילט די אומפאַרמײַדלעכקײַט פון דעם, — איז דען ניט דײַן ביאָגראַפיע?

דעריבער טו אַלץ, וואָס אין דײַנע קויכעס, און אפילו א ביסעלע מער, קעדיי אויב מע וועט אין דײַן שאַפן ניט דערקענען דאָס, וואָס מענטשן האָבן אָפּגעטאָן פאַר דיר, זאָל מען כאָטש זען דאָס, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן פאַר זיי.

לעבן זאָל עס...

מײַן ברודערל

פאלט ארײַן א שפילעכל
צום ברודער אין די הענט,
ווערט עס אין איין אויגנבליק
פארסארפעט און פארברענט.
נעכטן האָט ער אָפּגעדרייט
באם איייזעלע דעם קאָפּ,

און הײַנט דערציילט ער מײַסעס מיר
און זאָגט פון דעם זיך אָפּ.
די נאָזלעכער, די אויערן,
ער זאָגט, ער האָט געזען,
קיין קאָפּ באם אייזל, — זאָגט ער מיר, —
איז קיינמאָל ניט געווען.

אונדזער גיבער

אונדזער גרויסער
גיבער
קאָן צעברעכן
שטיבער,
קאָן א וואָלף
צערײַסן,

מיט א לייב
פארבײַסן,
איין כיסאָרן
האָט דער יאַט:
ער עסט דערוויַיל נאָך
שאָקאָלאַד.

בערעש

— אוי, בערעש, אוי, בערעש,
דער פרילינג ניט שטייט —
בא מענטשן דער גאָרטן
פארזעצט און פארזייט...

— אָט לויף איך, אָט גיי איך,
אָט בין איך שוין דאָ,
א זאסטופּל דארף איך —
קיין זאסטופּ ניטאָ!

— אוי, בערעש, אוי, בערעש,
דער זומער ניט שטייט —
קום העלפן באגיסן
דעם בוים און די קווייט!

— אָט לויף איך, אָט גיי איך,
אָט בין איך שוין דאָ —
פארפאלן דער עמער,
דער עמער ניטאָ!

— אוי, בערעש, אוי, בערעש,
די גערעטעניש גרויס —
קום גיכער אין גאָרטן
און גראָב זי שוין אויס!

—אָט לויף איך, אָט גיי איך,
אָט בין איך שוין דאָ —
קיין גרעסערער בעריע
פון מיר איז ניטאָ.

כאנוקאס־האבאַיס

איינמאָל האָט דער גרויער האָז
אויסגעבויט א שטוב אין גראָז.
און ווען אלץ געווען איז פארטיק,
האָט ער אופגעראמט גרויסארטיק,
אופגעראמט און אויסגעקערט
און א מעלדונג צוגעקלערט:
פייגל, כײַעס, ליבע פרײַנט,

ס'איז בא מיר א סודע הײַנט, —
קומט מיך מיט מײַן שטוב באגריסן
און פון רײַכן טיש געניסן.
אָנגעגרייט איז, קיין אײַנהאָרע,
זיס געבעקס, א טאָפּ ציקאָריע,
הערינג און געפילטע שלײַען
און א פעסעלע מיט יאַין.

זײַנען געסט שוין אָנגעפּאָרן
אַף פּײַטאָנעס מיט רעסאָרן...
אַלע געסט צופרידן זײַנען
פונעם עסן, פון די ווײַנען —
און דער האָז, ער שײַנט פון פרייד:
— עסט און טרינקט געזונטערהייט!
פּלוצעם רופט זיך אָן דער בער:
—קלעזמער, שפּילט אונדז אויס א שער!

און ער טופּעט שטאַרק און שווער,
ווי עס קאָן דאָס נאָר א בער —
און אין סאַמע מיטן טאַנצן
צעוואַלגערט ווערט די שטוב אינגאַנצן...
לאַנג האָט נאָך דער האָז געטרויערט,
יאָרנווײַז האָט ער באַדויערט —
ניט געוווּסט ער האָט ביז אַהער,
אַז א בער איז פּאַרט א בער.

מײַן זיידנס בוך

צווישן ביידע טאָוולען
אין מײַן זיידנס בוך,
אַפן דרײַ־הונדערט־צוואַנציקסטן
בלעטל,
האָט א ביכער־ווערעמל
זיך אויסגעבויט א שטעטל:

די גאַסן
און געסעלעך
קרום־קײַלעכדיק
געדרייט,
די גאַנעקלעך,
די בוידעמלעך,
אַזוי ווי אויסגענייט.

און דאָרטן,
אין די אַלקערלעך,
געלעבט וואָלט עס
ביז הײַנט,
די בלעטער
די פּאַרשימלטע
געגריזעט
און געקײַט.

און איך וואָלט
פון דעם ווערעמל
אַפילע ניט געהערט,
און וויסן ניט געוווּסט
און קלערן
ניט געקלערט,
אַז ס'איז דאָ אַזא באַשעפעניש,
וואָס ווייסט ניט
פונדערפון,
אַז פאַראַנען
איז א הימל
מיט א זון.

דעם קיניגס צעפּל

אַמאָל, אַמאָל, אין יענע יאָרן,
ווען דער אינדיק מיט דער אינדעטשקע
פלעגן אין קאַרעטעס פאָרן,
ווען געגנדז האָבן געטראָגן אָרדענס,
גאַנערס — עפּאָלעטן,
און גלאַט אַזוי בעהיימעס —
צילינדערס און לאָרנעטן,

האָט געהערשט בעקאָווער־גאָדל,
מיט מאַזל און מיט גליק,
דער הויכגעשעצטער קיניג שעבעקיניג
אײַדל־דאָדל־סמיק.

יעדן איז געווען באַקאַנט
אין דעם מאַנדאַרינען־לאַנד,
אַז טײַערער פונעם קיניגס גילד'נעם געוואַנט
און פון זײַן בריליאַנטענעם קאַפּ אַפילע
איז זײַן גלאַנציקער פּאַריק,
וואָס פלעגט באַשיינען אַלץ און אַלעמען
מיט כעסעד און מיט גליק.

האָט מען גענייגט זיך, געבוקט זיך
פאַרן געטלעכן פּאַריק
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שעבעקיניג
אײַדל־דאָדל־סמיק.

די שײַן פון פּאַריק זאָל, כאָלילע, ניט בלענדן,
האָט מען געקוקט אַפן צעפּל נאָר,
וואָס פלעגט זיך טעלעבענדן
אַפן קיניגלעכן קאַרק.
ניט אָנגערופן, כאָלילע, דעם שעם פון גאָר־
גאָר —
געזאָגט נאָר: ס'צעפּל גייט! ס'צעפּל ניסט!
לעבן זאָל עס הונדערט צוואַנציק יאָר!

בוקט זיך שוין די גאַנצע איידע
פאַרן צעפּל פון פּאַריק
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שעבעקיניג
אײַדל־דאָדל־סמיק.

פּלוצעם פליט א פויגל אָן —
פון ערגעץ ווײַטע לענדער, קענטיק,

שאַרף דער שנאָבל, שאַרף די טלאָען,
קוקט פון אויבן — דאַכט, א וואָרעם...
וואַרפט ער זיך, דער ווילדער מאַזיק:
כאַפּ! און טראָגט אוועק דאָס צעפּל
מיטן געטלעכן פּאַריק.

קאַהאַל טומלט, א יעלאָלע,
וויינט — א שטראָם פון טרערן גיסט זיך, —
און פאַרגעסט דעם קיניג שעבעקיניג,
וואָס וואַלגערט, נעבעך, שוין אין מיסט זיך...

איז פאַרבליבן בלויז די מײַסע:
„אמאָל, אמאָל, אין יענע יאָרן...”
איבערכאַזערן פונדאַסנײַ זי,
וועט איר מיר מיסטאָם ניט גלייבן...
פרעגן: „אין וועלכן יאָר איז דאָס געווען?”
ווי זשע קאָן איך אײַך דערווײַזן,
אז ס'איז טאַקע געשען?
אָן דעם צעפּל, דעם פּאַריק
איז דאָ פאַרבליבן בלויז א „פּשיק”
פונעם הויכגעשעצטן קיניג שעבעקיניג
אײַדל־דאַדל־סמיק.

אָט אזוי, אָט אזוי

אוי, מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
איך וואָלט עס וועלן וויסן,
פאַרוואָס מיר טרינקען ניט קיין טיי
מיט צוקער מיט קיין זיסן?

— בעסער, בעסער שלאָף, מײַן קינד,
וועסט מאָרגן מיר דערמאַנען,
וועגן דעם א מײַסעלע
איז בא אונדז פאַראַנען:

צען פורגאָנען, צען פורגאָנען
האַלטן אין איין פירן
קעפּלעך צוקער, ווי די בערן,
גלײַך צום קייסערס טירן.

צען סאָלדאַטן, צען סאָלדאַטן
מיט באַגנעטן — שטעכערס
האַלטן אין איין בויערן
אינעם צוקער לעכער.

און מע גיסט אַהין אַרײַן
אָקרעפּ פון א שעפּל,
און א ראָטע גרענאַדיאָרן
מישן מיט די לעפּל.

אָט אזוי, אָט אזוי
טרינקען טיי קייסאָרים,
בלײַבט שוין ניט קיין צוקער
פאַר די, וואָס זײַנען אָרעם...

אוי, מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
עס לייגט זיך ניט אין זינען,
פאַרוואָס מיר שלאָפן דאָ אָף שטרוי
און ניט אָף קיין פערינעס?

— בעסער, בעסער שלאָף, מײַן קינד,
וועסט מאָרגן מיר דערמאַנען,
וועגן דעם א מײַסעלע
איז בא אונדז פאַראַנען:

צען פורגאָנען, צען פורגאָנען
האַלטן אין איין פירן
ווײַסע שוואַנען־פעדערן
צו דעם קייסערס טירן.

צען געניטע פליקערנס
פליקן דאָרט קעסיידער,
און מיט פוך זיי שטאָפּן אָן
א באַזונדער כיידער.

און מע לייגט אַהין אַרײַן
דעם קייסער אַקוראַט,
און א ראָטע גרענאַדיאָרן
שרײַען: — שאַט, שאַט, שאַט!

אָט אזוי, אָט אזוי
פּאָפן די קייסאָרים,
בלײַבט א בינטל פוילע שטרוי
פאַר די, וואָס זײַנען אָרעם...

טריבונע פון לעבן

כאַים מאַלטינסקי

אין וועג

1. וועגן מײַן ערשטער נעסיִע קײַן אוזדע

דאָס שטעטל אוזדע געפינט זיך זיבעציק קילאָמעטער דאָרעם־מײַרעוודיקער פון מינסק, עס ליגט אין א זײַט פונעם אײַזנבאַן־וועג. צו דער נאָענטסטער סטאַנציע נעגאָרעלאָיע איז 22 קילאָמעטער. צאָפנדיקער פון נעגאָרעלאָיע געפינט זיך דזערזשינסק, דאָס אַמאָליקע שטעטל קוידאַנאָווע, ווו אוראָם רייזין איז געבוירן געוואָרן. אויך דאָס געבורט־שטעטל פון מענדעלען, קאַפוליע, איז ניט ווײַט פון אוזדע.

פון מײַן ערשטער נעסיִע קײַן אוזדע איז בא מיר אין זיכּאָרן קימאַט גאָרנישט ניט פאַרבליבן. צום ערשטן מאָל בין איך אַהין פאָרפאָרן קימאַט מיט פיר צענדליק יאָר צוריק. דאָס איז געווען סאָף זומער פונעם טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־דרײַסיקסטן יאָר. איך בין דעמלט געפאָרן אין אורלויב מיט מײַן סטערען (באַלד נאָכדעם, ווי מיר האָבן כאַסענע געהאַט) אין געסט צו איר ברודער באַריס יאָסיפאָוויטש צאַדקין — דעם שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פון דער אוזדער מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע.

קײַן אוטאָבוסן זײַנען דעמלט פון מינסק קײַן אוזדע ניט געגאַנגען. זײַנען מיר געפאָרן אַף א לאַסטמאַשין — אַף א „פּאָלוטאָרקע". די שטוב, ווו דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל האָט געוווינט, איז געווען אין סאַמע עק פון שטעטל, בא די קאָלווירטישע פעלדער.

מיר איז איצט אפילע שווער זיך צו דערמאָנען, צי בין איך אין פאַרלויף פון די פּאָר וואָכן געווען גופע אין שטעטל, ווו עס האָט דעמלט געלעבט אַן איידע פון עטלעכע טויזנט ייִדן. א פיר־און־צוואַנציקיאָריקער קוטשעראַווער יונגערמאַנטשיק, א דאַרער, ווי א כאַרט, א ביסל א צעשמײַעטער, בין איך, ווײַזט אויס, דאַן געווען צו פאַרטראַגן מיט זיך און מיט מײַן יונגער פרוי.

אויסער דעם, זײַנען געווען נאָך סיבעס — שטײַגערישע, א פּויעל־יוצע פון מײַן ניט פּראַקטישקײַט און ניט אויסגערעכנטקײַט — אַלקולעם, האָב איך זיך בא מײַנע נײַע קרוייִם אין שטוב געפילט ניט אַמבעסטן, עפּעס ווי אין קלעם, באַזונדערס אין דער אַנוועזנהײַט פון מײַן שוואָגערס ווײַב. דעם שוואָגער באַריס צאַדקינען פלעג איך קימאַט ניט זען. ער איז מעסלעסנוויִז געווען אין די קאָלווירטן פון ראַיאָן. אווגוסט — די רעכטע אימפּעטפּולע צײַט פון שניט, די פּאָליט־אָפּטיילן בא די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס האָבן זיך ניט לאַנג געהאַט אָרגאַניזירט, און אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ.

נאָך איידער מיר זײַנען מיט סטערען אַרויסגעפאָרן קײַן אוזדע, איז, ווי זאַמד צווישן די פינגער, צערונען מײַן ביסל אורלויב־געלט. די בוכהאַלטעריע פון דער רעדאַקציע „יונגער לענינעץ" — דער ייִדישער רעפּובליקאַנישער קינדער־צײַטונג, ווו איך האָב דעמלט געאַרבעט, האָט פאַר מײַן אוועקגיין אין אורלויב אַראָפּגערעכנט בא מיר אַלע מײַנע כויוועס און כויוועלעך, וועגן וועלכע איך האָב שוין באַוויזן צו פאַרגעסן, דערונטער דעם הויפּט־כויוו — פאַרן געלן פעלץ פון א יאַם־הונט, פון א טירליען, וואָס איך האָב נאָך אַנהייב ווינטער גענומען אַף אויסצאָלן. בין איך קײַן אוזדע געקומען צו פאָרן — א בלײַכער קאַרעוו מיט א פּוסטער קעשענע. סטערע האָט זיך באמת צו טאָן אַלץ, איך זאָל בא איר ברודער אין שטוב

זיך פילן גוט, ניט פאַרלירן די ווירדע. אָבער איך האָב אַלצייִנס נערווירט. דאָ איז ניט געווען דער מענטש, אַשטייגער, ווי מײַן לערער פֿון ייִדישער ליטעראַטור פֿונעם וויטעבסקער פּע־דאַגאָגישן טעכניקום ראַזנצווייַג, וואָס זאָל מיך מיט ליבשאַפֿט אָנעמען בײַ דער האַנט, אַ טרייסל טאָן און זאָגן:

— כאַ׳מקע, וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטרויערט? ווו איז דײַן געלעכטער? גיי, שפּאַציר זיך דורך איבערן שטעטל, זע, ווי עס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַמכאָ שער־און־אײַזן, מיט באַכערים און מיידלעך, מיט זשוואַווע נײַגעריקע קינדער, וואָס קוקן מיט אַ פֿאַרטײַעטן קונדעס־שמייכל. הייב אויף די אויגן, וואַרף אַ בליק אויפֿן ריינעם בלויען הימל, וואָס שפּרייט זיך איבערן פֿאַר־נאַכטיקן זומערדיקן שטעטל.

איך שטעל זיך גאָר איצט ניט פֿאָר, וואָס האָב איך געטאָן אין אוזדע די צוויי וואָכן צײַט, וואָס איך בין דאָרט געווען. דערפֿאַר געדענק איך, ווי איך האָב זיך דערפֿילט גוט, פֿרײַ אָפּ־געעטעמט, ווען מיר האָבן זיך ענדלעך אין די ערשטע אָסיען־טעג צוריקגעקערט פֿון אוזדע קיין מינסק.

אַ פֿאַרקאַלייעטער, מיט אָן אַ שיר „שטעכיקע נאָדלעך" אין די גלידער פֿונעם ליגן אַ שאָ דרײַ אײַנגעקאָרטשעט, ווי אַ געבונדן קעלבל, אין קוזאָוו, בין איך ווי מעווולוול אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד, אויסגעגלײַכט די בייי־נער און געקומען צו־זיך. און דערנאָך זײַנען מיר — איך און סטערע — געזעסן אין אונדזער קליין געדונגען צימערל אויף מאָסקאַווסקער גאַס און געשמאַק „געריבן" דאָס אָקאָרשט געקויפֿטע פֿרישע ברויט מיט פֿאַרטויזיקט־קילע, געלבלעך־רײַפֿע עפּל און געלאַכט אָן אַ סאָף. עס איז מיר ווידער, ווי מײַן שטייגער, געוואָרן פֿריילעך און העל אויף דער נשמה. מיר האָבן זיך פּלוצעם אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט זיך איינס צום אַנדערן און הייס געקושט זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ בייז פֿאַרניכטנדיק פֿײַער האָט פֿון אַלע זײַטן אַרומגעכאַפּט מײַן יונגע פֿרייד. דאָס איז געשען אין יוני כודיעש פֿון 1941 יאָר. אין דער מינסקער געטאָ־גרוב זײַנען געבליבן ליגן מײַן סטערע, מײַן מאַמע עסטער־בראָכע און איר איינציקער אייניק, מײַן זעקסי־אָריקער זון נאַפּ־טאָליע...

2. קאַלזמאַן איך לעב אויף דער וועלט

מײַנע יונגע יאָרן האָבן זיך שוואַליאָם דורכ־געטראָגן איבערן גרויסן הויכן לעבנס־בריק, זײַנען שוין העט־העט אַהינטער טויזנט פֿאַר־סאַרפּעטע פֿאַרטונקלטע האָריזאָנטן. איך בין שוין איצט — איך קען עס זאָגן בעקאָל־ראָם — אַן אַלטער עלנטער ייִד. איך האָב ניט לאַנג פֿאַרלוירן מײַן טרײַע לעבנס־באַגלייטערן העני־ניע שוועדיק, די לײַבלעכע שוועסטער פֿונעם ייִדישן פּאָעט הענעך שוועדיק. איך האָב מיט איר אָפּגעלעבט זעקס און צוואַנציק יאָר, און עס גייען מיר מאַמעש אויס די קויכעס פֿון נאַגנדיקער בענקשאַפֿט, ווען איך דערמאָן זיך, וו׳אַזוי זי, מײַן גינציקער פֿרײַנט, פֿלעגט רירנ־דיק, מיט אַזויפֿיל נעשאָמע־זיסקײַט זינגען פֿאַר מיר און פֿאַר די קינדער די שטעלן פֿון דער באַליבטער ייִדיש־ווײַסרוסישער ליד „יאָרן, יאָרן, קומט צו אונדז צוריק". ניט מײַנע יאָרן און ניט מײַן טײַערע העניע וועלן זיך שוין צו מיר צוריק ניט קערן...

פֿאַר די לעצטע צוועלף־פֿופֿצן יאָר פֿלעגט זי מיך אין מײַן יעדער שפּעטערישער נעסיִע אויס־ריכטן אין וועג, זאָרגזאַם, ווי אַ מאַמע, באַגלייטן צו די באַנען, אווטאָבוסן, אַעראָפּלאַנען, ניט פֿאַרגעסן אײַנצופּאַקן די מינדסטע קלייניקײַט, וועגן אַלצדינג טאָמיד אין זינען געהאַט. זי האָט אָן שום גוזמע געקענט אַלע מײַנע רעגילעסן, מאָדנעקײַטן און מעשוגאַעסן און דערמיט שטאַרק געהאָלפֿן מיר אין מײַן מי מי גויווער צו זײַן מײַן אומרו און שטענדיקע אומזיכערקײַט.

און איצט, אין אַפּרעל פֿונעם 1972־טן יאָר, האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן אָרדנטלע־כער רײַזע אַליין זיך אויסגעריכט אין וועג אַרײַן, אַליין מיט טריבער אומהיימלעכקײַט און האַרץ־טיאַקקעניש אַרײַנגעזעצט זיך, בימכילע, אין אווטאָבוס, וואָס וועט מיך אין אַ פּאָר שאָ אַרום ברענגען קיין אוזדע, ווו איך בין געווען און ניט געווען מיט אַכט און דרײַסיק יאָר צוריק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און וואָס טראָגט מיך אַזוי מײַן אומגעשטיל־טער אימפּעט איבער די שטעטלעך פֿון מײַן היים, ווײַסרוסלאַנד? איך וועל אײַך ענטפֿערן אויף דערויף קורץ און בינדיק — אָן די דאָזיקע נעסיִעס בין איך אויס מענטש. איך מוז שטענ־דיק אומופֿהערלעך קוקן דורך אַ שפּאָגל־נײַעם פֿענצטער, זען פֿרישע בילדער, פּייזאַזשן, מענטשן, דעריקער מענטשן און, פּונקט ווי אַ קאַטשקע אין דער סאַזשלקע, מעכײַעדיק זיך טוקן און טוקן אין לעבן, אין שפּרודלדיקן צאַ־פּלדיקן לעבן, קאַלזמאַן איך לעב אויף דער וועלט, אַפֿילע דאַן, ווען עס איז מיר גוט בי־טער און אָנגעזאָליעט אויפֿן האַרצן.

3. אַ קורסקער סאָלאָווײ

באַם אַרײַנפֿאָר אין שטעטל וואַרפֿן זיך אין די אויגן אַ סאַך נײַיִנקע אײַנשטאָקיקע מויער־לעך, ווי צאַצקעלעך, וואָס דערמאָנען אַ מאַקעט

פון א מיקראָ־ראַיאָן אין אונדזער רעפּובליקאַ־
נישער הויפּטשטאָט. און דאָך, ווי נאָר דו
קריכסט ארויס פון אווטאָבוס, וואָס האָט פּינקט־
לעך לויטן גראַפיק פאַרענדיקט זײַן רייס
מינסק — אוזדע און זיך אָפּגעשטעלט אפן
שטעטלדיקן פּלאַץ, בא דער אווטאָבוס־סטאַנ־
ציע, דערפילסטו טייקעף — ביסט ארײַנגעפאַלן
גאָר אין אן אנדער סוויווע, גאָר אין אן אנדער
וועלט. איך האָב בלויז א פרעג געטאָן בא אן
אָרטיקער ווײַסרוסישער פרוי, וואָס האָט מיט
טשיקאַוועס מיך באטראַכט: „די פּראַלעטאַרסקע
גאַס איז ניט ווײַט פונדאַנען?" — ווי זי האָט
מיט נײַגער זיך אָנגערופן:

— פּראַלעטאַרסקע? וועמען דאַרפט איר אף
פּראַלעטאַרסקער?

— א באַקאַנטן, — האָב איך פון יויצע־וועגן
א בורטשע געטאָן זיך אונטער דער נאָז.

— ווער? — האָט זי שוין אָן צערעמאָניעס
געווענדעט זיך צו מיר מיט אזא טאָן, אַז ניט
אנדערש ווי איך מוז עס איר געבן צו וויסן.

— העלער, — האָב איך שוין, קימאַט ווי מיט
רוגזע, געזאָגט.

— האָט איר מיר גלײַך באַדאַרפט זאָגן, אַז
איר זוכט העלערן, — און זי נעמט פון מײַן
האַנט (איך בין דאָך א מענטש מיט א קוליע
אונטער דער פּאַכווע) מײַן טשעמאָדאַן און דעם
געפּלאָכטענעם קאָשעק. — דאָ ניט ווײַט, קומט,
וועל איך אײַך באַווײַזן.

אין דער זעלבער רעגע דערהער איך הינ־
טער זיך א קאָל פון א צווייטער פרוי, וואָס
האָט מאַשמאָעס אויך באַמערקט מיך באַם
אראָפּשטײַגן פון אווטאָבוס און שוין געווען אין
קורס פון מײַן געשפּרעך מיט דער פרוי, וואָס
האַלט אין דער האַנט מײַנע זאַכן:

— העלערן האָב איך ערשט געזען אין כאַז־
מאַג, ער קויפט אָן עלעקטראָ־בריטווע. אין א
נאָווינע האָבן זיך אין אוזדע פּאַיאַווען די כאַר־
קאָווער בריטוועס.

די פרוי מיט מײַן טשעמאָדאַן בלײַבט שטיין
און זאָגט צו מיר:

— אויב העלער איז אין כאַזמאַג, איז זײַן
שטוב אצינד פאַרשפּאַרט, ווײַל זײַן ווײַב אידע
איז נאָך אף דער ארבעט. זי ארבעט אף לע־
נינסקע, אינעם פיליאַל פון דער מינסקער שוך־
פאַבריק „לוטש", נאָך דער מיליציע, דאָ דער־
בײַ.

— העלער מוז שוין זײַן אין דער היים, —
איז זיך מעיאַשעוו די פרוי, וועלכע האָט אים
געזען אין כאַזמאַג, — ווײַל איך האָב שוין באַ־
וויזן ארײַן אין שפּײַז־קראָם נעמען ברויט, —
אין איר געשטריקט קוישל זע איך א פינף־
זעקס לעבלעך, מינאַסטאַם אף צו קאָרמענען
דעם כאַזער. דערווײַל האָט זיך ארום אונדז
גענומען זאמלען א רעדל: א פרישע נאָז... אין
ברילן, מיט א קוליע...

— ווער קען עס זײַן?

— צו וועמען?

— וועמעס טשעמאָדאַן טראַגסטו עס, האַנע?

— אָט, זייערן, זיי זוכן העלערן...

— א קאָרעוו?

— א ברודער?

— העלער האָט דאָך אין קורסק א ברו־
דער...

און איך זע שוין, ווי איינער א יונגער פּויער
צעשמייכלט זיך, א ווונק געבנדיק לייצאָנעס־
דיק אין מײַן זײַט:

— א קורסקער סאָלאָוויי!

בין איך שוין געצווונגען געווען אופצוקלערן
איינעם און א צווייטן און אויך דעם מיליציאָ־
נער, וואָס איז צוגעקומען צום רעדל, ווער און
וואָס איך בין.

און ביז איך מיט דער פרוי, וועלכע האָט
געטראָגן מײַן טשעמאָדאַן, זײַנען צו הע־
לערס שטוב, האָבן שוין א היפּש ביסל טוישווים
געוווּסט, אַז איך בין א מינסקער שרײַבער, גע־
קומען צו פאָרן קיין אוזדע מיט א קאָמאַנדירונג
פון שרײַבער־פאַריין און וועל זיך געפינען אף
קוואַרטיר בא העלערן.

איך באַדאַנק די פרוי פאַר דער טירכע, און
ס'לויפט מיר דורך א געדאַנק: ברודערקע, ס'איז
דיר ניט מינסק און ניט מאָסקווע... קומסטו אין
א גרויסער שטאָט, אין א קראַך, ווערסטו אנט־
רונען צווישן האַמוין, ווי א שפּילקע אין א
וואָגן היי. קיינער זעט דיך ניט, קיינער פרעגט
בא דיר גאָרניט. און דאָ, אין שטעטל, ווערסטו
אליין גרויס, ווי א וואָגן היי, און יעטווידער
איז זייער נײַגעריק א טאַפּ צו טאָן אין דײַן
וואָגן... גוט נאָך, וואָס איך האָב ניט קיין גע־
ווינהײַט, ווי אנדערע שרײַבער, צו טראָגן א
פאָטאָ־אַפּאַראַטל אף דער ברוסט. איך האָב אף
קיינעם קיין פאַריבל ניט: ביטע, טאַפּט זיך אײַך
געזונטערהייט, אויב אײַך איז עס ליב, איז מיר
ניכע.

4. אזוי איז געקומען די קאַץ איבערן וואַסער

כ'האָב אײַך שוין פאַרדולט דעם קאָפּ מיט
העלערן, נאָר איך אליין האָב אים נאָך אין די
אויגן ניט געזען, טשיקאַווע, האַ? ווען איך האָב
זיך געגרייט צו מײַן רײַזע, האָב איך אין
מינסק בא מײַנע פרײַנט, די ווײַסרוסישע שרײַ־
בער אליעס איוואַנאָוויטש יאַקימאָוויטשן און
אליעס אָסיפּאָוויטש פּאַלטשעווסקין, וואָס זײַנען
אוזדער פון געבוירן אָן, גענוי זיך פאַנאַנדער־

געפּרעגט און דערוווּסט זיך, אַז קיין לײַטישן האָטעל, ווי אין פיל אַנדערע ראַיאָנען פון דער רעפּובליק, האָט נאָך אונדזע בא הײַנטיקן טאָג ניט. פון אַ באַזונדערן צימער — איז אָפּגערעדט. ס׳איז אַפילע ניט אַלעמאָל גרינג צו קריגן אַ בעטל אַף איבערצונעכטיקן. דאָס דערקלערט זיך טיילווײַז דערמיט, וואָס אונדזע איז שוין געווען אי „נאַ קאָניע״, אי „פּאַד קאָניאָם״: געווען אַ ראַיאָנער צענטער און אין סאָף פון די זעכציקער יאָרן געוואָרן פּלוצעם אויס — אײַנגעגלידערט אין פּוכאָוויטשער ראַיאָן. אַ היפּשע צײַט איז אונדזע געווען אַ דאָרף־יישעוו און אין קיין האָטעל זיך ניט שטאַרק גענייטיקט. אָבער שוין עטלעכע יאָר, ווי אונדזע איז ווידער געוואָרן ראַיצענטער, — בויט זיך דאָרט איצט אַ נײַע אַכסאַניע אַף 64 ערטער.

האָט מיר מײַנער אַ מינסקער יעדידי געהאָלפּן זיך צונויפּריידן מיט אַן אונדזער טוישעוו, וועלכער איז שוין לאַנג איבערגעפאָרן קיין מינסק, נאָר וואָס האָט קרויווים אין אונדזע. אָט יענער ייִד האָט מיר נאַרײַעט פאַרפאָרן צו העלערן, וואָס וווינט אַף פּראָלעטאַרסקע און פאַרמאָגט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַ געראַמע דירע. אָט אַזוי איז געקומען די קאַץ איבערן וואַסער.

מיר האָבן איינער פאַרן אַנדערן זיך פאָרגעשטעלט:

— כאַיִם מאַלטינסקי, פּערסאָנעלער פּענסיאָנער, אַ שרײַבער.

— איטשע העלער, פּענסיאָנער, ניט קיין פּערסאָנעלער און ניט קיין שרײַבער.

— — — — — — — — — — — — — —

אײַ דאָס, וואָס העלערן קען גאַנץ אונדזע, קינד־און־קייט, איז טאַקע געזאַגט געוואָרן אַף אַלע מײַנע פּרײַנט שרײַבער, נאָר זאָל עס אײַך ניט וווּנדערן: די באַפעלקערונג פון אונדזע, וואָס איז לעגאַבע די פאַרמילכאָמע־יאָרן באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן, איז אויך הײַנט געגליכן צו איין שטאָטישן הויף, ווו יעדער שאָכן קען דעם אַנדערן, ווי אַן אָפּגעשונדענעם — אַ שטעטל מיט די ביינער, מיט אַלע פּישטשעווקעס...

5. איטשע העלער און זײַן ווײַב אידע

אַ געפּאַקטער, ניט קיין הויכער, גייט ער אַרום איבער דער שטוב אינעם מאַנטל און אין אַ ווינטערדיק היטל, אַרופגערוקט שטײַף, ווי אַ רייף אַפן שטערן. דאָס איז אַ סגולע, — זאָגט ער, — צו זײַן היפּערטאָניע און דיִאַבעט. דער מאַנטל איז אַף אים ענג, און עס לאָזט זיך מערקן דער היפּשער אַרויסשטאַרטשענדיקער בויך. אַף אײַך גיבן שאַרף אַ קוק, ווי דורך שפּעלטלעך, צוויי בלוילעכע קלייניקע אויגן, ווי „בעזאָפּאַסנע גאָל־מעסערלעך״. דער ערשטער אײַנדרוק איז, אַז דאָס איז אַ מענטש אַ פלעגמאַטישער, ניט קיין רירעוודיקער, אַ בריִע, וואָס קאָן ניט איבער זײַן פוילקײַט זיך צווינגען מאַכן אַן איבעריקע באַוועגונג. ווען זײַן ווײַב אידע קומט אַ מידע און אויסגעבלייכטע פון דער אַרבעט, הער איך שוין פון פירהויז איר שטענדיק לידעלע: „די פּולע האַוודאָלע איז נאָך אַלץ אַפן בענקל?״. דאָס גיט זי איר מאַן ווייך אָנצוהערן, אַז אונטער דער האַנטפאַס איז די שיסל ביז די ראַנדן פול מיט שמוציקן וואַסער און, ווי געוויינלעך, פאַרגעסט ער זי אויסצוגיסן.

באַמערקט אָבער העלער פאַרבײַ פענצטער דורכגיין אַ נייטיקן אים מענטשן (אינדערפרי, ווי נאָר איטשע שטייט אויף, רוקט ער צום אַלעם ערשטן פאַנאַנדער די פאָרהענגלעך אַף אַלע פענצטער צו דער גאַס), גיט עס אים אַ טראָג, ווי אַ ווינט, צו דער טיר, און אָט הער איך שוין, ווי האַסטיק ער טוט אַן עפן די הויף־פאָרטקע, און איך זע, ווי שנעל ער דעריאָגט דעם מאַנצבל אָדער די פרוי, מיט וועלכער ער באַדאַרף צוליב עפּעס זײַנעם אַן איניען דורכשמועסן זיך. און דעריבער, ווי איך פאַרשטיי, גייט ער עס אָפּט אַרום איבער דער שטוב אין מאַנטל און אין היטל, ער זאָל קענען, ווען דאָס איז נייטיק, גלײַך אַרויס אין גאַס.

לאַנג זיצן אין שטוב קאָן ער ניט, עס ציט אים קעסיידער אַף דער גאַס, צום מערקל, צום שטעטלשן געטומל, לעכאָלהאַפּאָכעס אַהין, וווּהין צוויי שטייען. איך האָב אײַנגיכן זיך אָנגעשטויסן, וואָס איז דער „סאָד״ פון העלערס אומרו, פון זײַן אַרומגיין איבער דער שטוב, דאָס זיצן, ווי אַף שפּילקעס. דער סאָד, לאָזט זיך אויס, איז דער ביטערער טראָפּן.

די פענצטער צו דער גאַס דינען העלערן פאַר אַ באַאָבאַכטונגס־פּונקט: אַנטקעגן זײַן שטוב איז דער פּלויט, וואָס צוימט אַרום דעם גרויסן קלויסטער־הויף. שאַבעס און זונטיק שטעלן זיך אָפּ בא דעם דאָזיקן פּלויט דאָרפישע פורלעך — אַ פויער מיט אַ קעלבל, מיט הינדעלעך צי מיט אַ „פויגלדיקן האָן״, מיט אַ פּאָר גוטע טרוקענע קעזן. דורך העלערס פענצטער זעט זיך איבערן קלויסטערישן הויף דאָס קאָלווירטישע מערקל אַפן פּלאַץ, וואָס געפינט זיך שוין אַף דער שכײניִשער גאַס. איטשע האָט שוין אַזוי אָנגעטרענירט זײַן ריִע, אַז ער באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַ מין סכוירע דער אָדער יענער פויער צי פּויערטע שטעלט זיך בא די האַנדלס־טישלעך.

אויסער דעם, איז די פּראָלעטאַרסקע־גאַס

איינע פון די צענטראַלע אוזדער גאַסן, און העלער זעט, אַזוי ווי אַף דער דלאָניע, ווער און מיט וואָס עס גייט פאַרבײַ זײַנע פענצטער. ער האָט די פולע מעגלעכקײַט אַלע ווײַלע „אַרויסשפרינגען" פון שטוב צו כאַפּן אַ שמועס מיט וועמען נאָר דאָס האַרץ גלוסט.

אין פאַרלויף פון די דרײַ וואָכן, וועלכע איך האָב זיך געפונען בײַ העלערן אַף קוואַרטיר, האָב איך זיך צו אים צוגעוווינט, און מיר איז מיט אים געווען, מוז איך אײַך זאָגן, ניט לאַנגווײַליק. עמעס, איך פלעג קימאַט אַלע טאָג אַוועקגיין שמועסן מיט די אוזדער ייִדן. איך האָב געהאַט באַשלאָסן באַקענען זיך מיט די פּאָר צענדליק ייִדישע און געמישטע מישפּאָכעס, וואָס לעבן אַצינד אין אוזדע. עס איז אַפּילע געווען ניט זייער איידל פון מײַן זײַט — איך פלעג זיך אַליין אָנבעטן צו זיי אין געסט.

יאָ, מיט העלערן איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו ריידן — אַ יעדייע־סייפער, געדענקט פּסוקים, פאַרטײַטשט זיי ריכטיק, און זאָגט ער אַרויס אַן אייגענעם געדאַנק, איז ער אָפּגעטאָקט, ווי אין פינטל אַרײַן. פון אַלע זײַנע פּסוקים האָט זיך מיר איבערהויפּט פאַרקריצט דער טרויעריקער פּאָסעק, וועלכן ער מורמלט נאָכאַנאַנד מיט אַ ניגן: „אַל טאַשליכיינו לעיס זיקנאָ, קיכלויס קויכיינו אַל טאַאַזווייינו"... קיין קינדער זײַנען בײַ די העלערס ניט פאַראַן.

פונוואַנען העלער איז אַזוי באַהאַוונט אין די שוואַרצע פינטעלעך, איז פאַר מיר געבליבן ניט קלאָר, ווײַל, ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זײַנע רייד, האָט ער קנאַפּ זיך געלערנט.

— קיין שום סמיכעס, — האָט ער צו מיר געטײַנעט, — האָב איך ניט. פון מײַנע יונגע יאָרן אָן בין איך אַן אַפּיקוירעס און אַ ווידווישעניעץ. נאָר אין די געציילטע זמאַנים, וואָס איך האָב יאָ געלערנט אין כיידער, האָב איך די טוירע גוט אײַנגעזאַפּט אין זיקאָרן, מאַשמאָעס, געהאַט אַ שאַרף קעפּל.

איך קוק אַף איסאַק איזראַילעוויטשן און טראַכט זיך מײַנע געדאַנקען: אָט, דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַ לײַדאַק, אַ באַטלען, און אָט קלער איך שוין אַנדערש: פאַרוואָס קומט עס אים, איך זאָל אים אַזוי באַטיטלען? ער האָט אין זײַן לעבן אַזויפיל צאָרעס געהאַט. אַן עלטערער מענטש, האָט אַ ווויל האַרץ. זײַן טעווע איז — אַרײַנצוגיין אין יענעמס אַ נויט.

ער האָט ליב צו טראַכטן וועגן מענטשן, ער קען געדולדיק אויסהערן יעדן איינעם, און דעריבער איז ער אַזוי נאָענט מיט אַלע אוזדער טוישווים, מיט פיל פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. ער רעדט אויסגעצייכנט אַף ווײַסרוסיש — מיט שפּריכווערטער, מיט קאַפּוליער אָנצוהערעניש, און, ווי איך האָב עס אַליין באַמערקט, — מיט יעדערן, מיט קליין און גרויס

האָט ער וואָס צו ריידן. ער ווייסט טאָמיד, וואָס עס טוט זיך באַם מיטשמועסער אַף דער אַרבעט, אין דער מישפּאָכע, ווער צו וועמען עס איז געקומען צוגאַסט, וועמעס אַ זון צי אַ טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט, ווער עס איז קראַנק געוואָרן, ער ווייסט געניוי, וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע דעם אָדער יענעם שטייט פאָר צו מאַכן אין מינסק. דאָסראָוו, ווען ער רעדט מיט עמעצן פון די שטעטלדיקע, שמייכלט ער. זײַנע בלויע אויגן קוקן ניט פאַרשפּיצט־שאַרף, ווי דאַן, ווען ער ווערט מיטאַמאָל אויפגעטראָגן (העלער האָט ליב פון צײַט צו צײַט צו דערמאָנען וועגן זיך: איך בין אַ „שפּילטשעווער"), נאָר זיי קוקן, די אויגן, מיט מיטגעפיל, גוטברודעריש, און אָן אַ כאָכמע גייט עס בײַ אים ניט. אָבער ער כאָכמעט זיך ניט בייז, נאָר גוטמוטיק־לייצאָניש, פריילעך. די פּויערים און פּויערטעס באַגריסן זיך מיט אים פּאַניבראַטסקי. נאָך פונדערווײַטן שרײַט מען צו אים:

— דזען דאָברי, איסאַק איזרײַעלעוויטש!

— זדראַוו, איזרײַליטש!

— יאַק מייעסיאַ? (ווי פילסטו זיך, ווי גייט עס דיר, איזרײַליטש?).

און פאַראַן פּויערים, וואָס פאַרגעסן ניט די צײַט, ווען העלער איז געווען אַ פאַרגרייטער. די דאָזיקע האָבן ליב אַ שפּאַס צו טאָן: „העלער, וועלן מיר פאַר דיר אָסיען־צײַט פאַרגרייטן 200 קילאָגראַם פעדערן פון שפּערלעך און ווינטער גוט אײַנטאָפּטשען אין זעק עטלעכע טויזנט טאָן שניי און די זעק אַרופוואַלגערן אַפן אויוון טריקענען".

איטשע זאָגט צו מיר:

— ווען איך זאָל זיך שטעלן אינדערפרי בײַ דער קאַליטקע, לעבן מײַן פריזבע, וואָלט איך טייקעף אָנגענומען פולע קעשענעס מיט גוטמאָרגנס. ווען מע קען, — לאַכט ער, — אויסבײַטן די גוטמאָרגנס אַף קלינגערס, וואָלט איך גרינג, ווי אַ פעדער, צו מײַן פּענסיע געהאַט נאָך אַ פּענסיע.

איטשע העלער איז אַליין אַ שאַצקער — אַ שטעטעלע צווישן אוזדע און פּוכאָוויטש, — נאָר קיינעם פאַלט גאָרניט אײַן צו רעכענען העלערן פאַר אַן אָנגעפאָרענעם. פאַר די זיבן און צוואַנציק יאָר נאָך דער מילכאָמע געדענקט שוין גאָר קיינער ניט, אַז ער איז פון שאַצק.

אין די מילכאָמע־יאָרן האָבן די דײַטשן אין שאַצק געהאַרגעט זײַן ווײַב מיט די קינדער. צוריקגעקערט זיך פון קריג, האָט שוין העלער אין שאַצק פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט פאַרבלײַבן און איז אַריבערגעפאָרן לעבן אין אוזדע. דאָ איז ער זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער פאַרטיזאַנקע אידע קאַנטאַראָוויטש, וועלוול־סראָלס דעם שמידס טאָכטער. אידעס עלטערן זײַנען

אומגעקומען אין אוזדע. לעבט זי מיט העלערן
אין איר יערושע־שטיבל. קיין קינדער, ווי איך
האָב שוין דערמאָנט, האָבן זיי ניט. זיי האָבן
די גאנצע צײַט געלעבט ניט פארעגיסטרירט.
סאָפּקאָלסאָף, דאָ ניט לאנג מיט א פּאָר יאָר
צוריק זײַנען זיי אוועק אין זאגס און זיך פאר־
שריבן. נאָר קיין גרויס נאכעס איז אלצייִנס ניט
פאראַן, מע עלטערט זיך, קען מען זאָגן, ניט
אין פריידן, און אלץ צוליב דעם, וואָס איטשען
ציט, ווי א מאגניט, צום ביטערן קאָפּ... אײַ,
דער טראָפּן — ער איז ארײַנגעדרונגען אין
זײַן נעשאָמע, ווי א מעכאשעף. דאָס איז עס
זײַן „סאָטן”, וואָס לאָזט אים ניט אָפּ און יאָגט
אים און טראָגט אים...

און אז מע איז אלט א זיבן און זעכציק יאָר,
איז אזא מין „סאָטן־מעקאטרעג” א גוטע אָנ־
שיקעניש, ביפראט נאָך, אז מע האָט מאכלעס
אַף מאכלעס.

— אויסער מײַן דיִאבעטל און מײַן היפּער־
טאָניע, — קליגט זיך איטשע, — האָב איך נאָך
א קרענק, וואָס מע רופט זי — „מיר — ייִדן”...
פון דער דיִעטע ווער איך שוין אינגאנצן צע־
מישט: קעז — יע, סמעטענע — ניט, פּוטער
מעג איך אופּעסן א לעק, א בולבע א טאָג,
פּעטע קאָלבאס טאָר איך אין מויל ניט נעמען.
א זיסע גלאָז טיי מיט א שטיקל געבעקס —
מײַן אידע באקט אַן אנטיק — כײַעס ניט זיכער;
איז וואָס זשע נעמט מען אין מויל ארײַן? א
קאלב מאכט זיך איין מאָל אין א שמיטע, און
אז מע נעמט שוין אין שוטפעס א קאלב, ענ־
דיקט זיך עס מיט א מאכלויקעס און קריגע־
רײַ — מײַן פעל, מײַן „סיטשוק”, כאָטש גיב
אים אָפּ פארן אָפּשינדן דאָס קעלבל דעם גאנצן
פריידעק, דעם קאָפּ מיט די פיס צוזאמען.

איטשע העלער האָט אָפּגעלעבט א לעבן ניט
פון איין גוס — א געלאטעט לעבן. צען מעלאָ־
כעס און וויניק בראָכעס! אַן א גרונט־ספּעציִא־
ליטעט. דער זיידע און דער טאטע — באלמע־
לאָכעס, קירזשנער. אין די ייִנגל־יאָרן האָט
איטשע געהאָלפן דעם טאטן, און שוין אלס
באָכערל געארבעט אין דעם שאצקער קירזש־
נער־ארטעל. האָט אָבער געטראָפן, אז מע האָט
אים אינעם דרײַסיקסטן יאָר ארויסגערוקט, ווי
א יונגן ארבעטער, פאר א פאָרזיצער פון אר־
טעל. ער האָט נאָך ניט באוויזן צו דעראָבערן
דערפארונג, פאראנטוועטקײַט — און שוין
א „שטיקל נאטשאלניק”. האָט ער זיך מיט דער
ארבעט ניט ספּראוועט, שיקט מען אים אין אַן
אנדער ארטעל. און פון דעם אנדערן — נאָך
אַף אַן אנדער אָרט. א קורצע צײַט געווען די־
רעקטאָר, אָדער פארוואלטער פון א קליינעם
סמאָלעקור־זאוואָד. אַף קיין איין אָרט האָט ער
זיך לאנג ניט געהאלטן, מע פלעגט אים ראק
„איבערווארפן” פון איין ארבעט אַף דער אנ־
דערער. מיט יאָרן איז צו דער „אריבערוואר־
פעניש” צוגעקומען, זאָל ער מיר מויכל זײַן,
איטשע, דער ביטערער טראָפּן. אזוי איז געווען
פאר דער מילכאָמע, און דאָס זעלבע — נאָך
דער מילכאָמע, ווען ער איז שוין געווען א
מענטש פון א בעקאָוועדיקן עלטער. מיט עט־
לעכע יאָר פארן אוועקגיין אַף פּענסיע איז
העלער געוואָרן אין אוזדע דער פארוואלטער
פון א פארגרייטונגס־קיִאָסק. ער האָט באדארפט
אײַנקויפן בא די פויערים פאר דער מעלוכע
אייער, פעלעכלעך, וואָל, עפּל, בארן, געטריקנ־
טע פּרוכטן, הייל־גראָזן, פעדערן. קעדיי צו
דער צײַט און ווי געהעריק אויספילן די מעלו־
כע־פּלענער, האָט מען באדארפט גוט א האָ־
רעווע טאָן, ארויספאָרן אין די דערפער און אָפן
אָרט פאָרסירן די פארגרייטונגס־ארבעט. איז
אים געקומען צוהילף אידע. צוזאמען „אײַנגע־
שפּאנט זיך” אין קיִאָסק, איז שוין איטשען
געווען לײַכטער, אָבער פאר איין געהאלט —
לויטן לוין־טאריף האָט אין קיִאָסק געמעגט אר־
בעטן בלויז איין מענטש. דערפאר טאקע
פעלט איצט אידען ארבעטס־סטאזש צו איר
פּענסיע, עטלעכע יאָר גלײַך נאָך דער מילכאָ־
מע, נאָך די שווערע פארטיזאנישע יאָרן, האָט
זי געקרענקט, ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט צו
ארבעטן. זי איז שוין אלט אכט און פופציק
יאָר. דאָס אכטע יאָר, ווי זי ארבעט אין דעם
אוזדער פיליִאל פון דער מינסקער שוך־פאבריק
„לוטש”, אין איין צעך צוזאמען מיט באשען
הימלשטיין ארבעט זי באם קאָנווייער פון
פרויִשע זומער־שיכלעך. אידע איז מיט איר
ארבעט צופרידן, זי פארדינט גוט, זי פילט
זיך גוט אינעם ארבעטער־קאָלעקטיוו, וואָס בא־
שטייט אמייניסטן פון יונגע מיידלעך און ווײַב־
לעך, אָנגעפאָרענע פון די ארומיקע דערפער. זי
טרייסט זיך דערמיט, וואָס איר ארבעטס־סטאזש
ווערט אלץ גרעסער. אבי עס זאָלן זי, ווי זי
זאָגט, ניט אונטערפירן די קויכעס.

אין די אָוונטן, ווען אידע איז אין דער היים,
כאפּן זיך צו איר ארײַן כאווערטעס, אירע
שכיינעטעס, געוועזענע פארטיזאנקעס, קעדיי
זיך דורכצושמועסן, אראָפּריידן פונעם הארצן,
טיילן זיך מיט די פארדראָסן אַף מענער, מיט
אַן אוזדער נײַס פון עפּעס א פאמיליע־לעבן,
וואָס בא דעם טוט זיך, וואָס בא יענער טוט זיך.
עס איז ניטאָ דער אָוונט, ווען אידע איז נאָר
אין שטוב, עס זאָל צו איר ניט ארײַנקומען
זיצן א ביסל גאלינע פּעטראָוונע (אלע רופן זי
דאָ — מאָראָזיכע), זי לעבט די דריטע שטוב
פון די העלערס. א פּענסיִאָנערקע און איינציי־
טיק שוין א סאך יאָרן א שוימערטע אין אַן
אוזדער ארטעל, זי שטאמט אליין פונעם דער־
בײַיִקן דאָרף טשורילאָוואָ. זי האָט מיר דער־
ציילט, אז זי האָט אין די קינדער־יאָרן גע־

לערנט צוזאַמען אין איין שול מיטן באַוווּסטן ווײַסרוסישן שרײַבער אַליעס יאַקימאָוויטש.

איך הער מיט איין אויער, וויאַזוי די מאַראַזיכע קלאָגט זיך פאַר אידען:

— מע פאַרגינט מיר ניט, וואָס איך האָרעווע, שלאָף קיין נעכט ניט, וואָס איך באַקום פּענסיע און וואָס איך האַלט קוואַרטיראַנטקעס מיידלעך. זייער באָבעס דײַגע. מײַן פאַרהאָרעוועט געלט, און אַז איך קויף עפּעס אַ קאָפּטל, אַ פּאָר שיכלעך — אַ מאַטאָנע פאַר מײַנע אייניקלעך — זאָגן די בייזע צינגער, אַז דאָס האָב איך געיאַרשנט ראָכלס גאָלד (גאָלינע פּעטראָוונע לעבט אין דער שטוב, וועלכע עס האָט ביז דער מילכאָמע געהערט צו דער אוזדער אײַנוווינערן ראָכל גאָלדין).

אידע ענטפערט איר אָף דערוף:

— פונוואַנען איז בא ראָכל גאָלדין געווען גאָלד, אַז זי האָט אַ גאַנץ לעבן ניט אַרויסגעלאָזט די נאָדל פון דער האַנט, געהאָרעוועט מיטן זיבעטן שווייס? לאָז זיך פון זיי אויס, פון דײַנע ניט־פאַרגינער.

— איך מיין אויך אַזוי, — באַשטעטיקט איר שכיינע, — פאַר מײַן האָרעוואַניע קען איך קויפן וואָס איך וויל און פאַר וועמען איך וויל.

עס טרעפט, אַז עס קומט אַ שאָכן צי אַ שכיינע אַנטלײַען עטלעכע רובל. אידע און איטשע זאָגן קיינמאָל ניט אָפּ אין אַזאַ געפעליקײַט.

זונטיק אינדערפרי, איך בין נאָך ניט געווען אַוועקגעגאַנגען, איז אַרײַנגעקומען די טימאָפייעכע פון דער שכיינישער שטוב אַנטלײַען אָף אַ טאָג 25 רובל. די שפּאָרקאַסע, זאָגט זי, איז הײַנט פאַרמאַכט, און זי קען איצט גראַדע קויפן אַ „פּאָר שיינע כאַזיירימלעך". טימאָפייעכע איז דאָ אַ באָטועך. אידע האָט אָן שום רייד אַרויסגענומען פון דער אָפענער גלעזערנער שאַפע, ווו עס איז צעשטעלט דאָס יאָמטעוודיקע געשיר, פון אונטער אַ קאָלירט טעלערל אַ פינף־און־צוואַנציקער און דערלאַנגט טימאָפייעכען. אַז טימאָפייעכע איז אַרויס, זאָגט מיר איטשע העלער זײַן האַשאָרע וועגן זייער שכיינע: קעזעוו־וועשעקער, זי האָט געלט אין שטוב. נאָר בא אַ פויער איז אַ סגולע צו קויפן כאַזיירימלעך אָף געליִען געלט, וועלן זיך די כאַזיירימלעך גוט האָדעווען, גוט פרעסן.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז אידע אַרײַנגעקומען אין שטוב אַ צערודערטע. זי האָט אין ברויט־קראָם זיך אויסגעקליבן אַ לעבל ברויט, איז אָף איר אָנגעפאַלן ריהאָרס זון דער שיקער: „וואָס קלײַבסטו דאָ? — האָט ער זיך צעשריגן. — נעם און גיי. — אַ גאַנצע באַלעבאָסטע!.." — האָב איך אים דערלאַנגט איבערן שנוק: „שיקער איינער, — זאָג איך, — דו נעמסט זיך פאַר דײַנע כאַזיירים אַ פולן זאַק מיט ברויט, איז דיר אַלצייינס, און איך דאַרף אַ לעבל ברויט אָף אַ וואָך, קען איך זיך פאַרגינען אויסקלײַבן, וואָס מיר געפעלט. דאָס איז איינס אַוועק, און, צווייטנס, זײַ וויסן, אַז ווען דו ביסט נאָך אָף דער ליכטיקער וועלט ניט געווען, האָבן שוין מײַן זיידע און מײַן טאַטע געקאָוועט לעמעכעס און אונטערגעשמידט פערד פאַר די לאָשער פויערים, און מיר זײַנען דאָ אָף דער דאָזיקער ערד מיט דיר גלייכע באַלעבאַטים".

איטשע הערט און שמייכלט אונטער:

— אַ טראַסצע אָף אים! און צו מיר איז ער, כאָטש נעם און לייג אים צו צו אַ מאַקע. ער האָט מיך דאָ מיט אַ כוידעש צוריק, אַ מיידעלע איז בא אים געבוירן געוואָרן, פאַרשלעפּט צו זיך אין שטוב, און איך האָב געמוזט מיט אים מאַכן אַ לעכאַיִם. ער האָט מיך געקושט און געהאַלדזט. אַ שיקער, וואָס ווערסטו נעמען בא אים?

— אָן אויסוווּרף איז ער, ניט קיין שיקער, — איז נאָך אַלץ אופגעקאָכט אידע.

אין פאַרלויף פון דער צײַט, וואָס איך בין געווען בא העלערן אָף קוואַרטיר, האָט ער זיך אַלץ געקליבן אָנשרײַבן אַ בריוו צו זײַן ברודער קיין קורסק און אַלץ אָפּגעלייגט אָף אַן אַנדער טאָג.

און אַז איטשע קומט אַרײַן פון גאַס, נאָך דעם, ווי ער איז אָף אַ פּאָר גוטע שאָ „אַרויסגעשפּרונגען אָף איין ווײַלעטשקע" פון שטוב, דערזע איך באַלד, אַז זײַנע בלוילעכע אויגן, די „געפּאַרלאָזע גאָל־מעסערלעך", פּינקלען, בליצן, די באַקן זײַנען פאַרוויטלט, פאַרשטיי איך שוין: עס האָט אים צוגעשפּילט דאָס מאַזל — געמאַכט מיט עמעצן אַ רעכטע קויסע. דעריקער באַמערק איך עס לויט דעם, ווי העלער נעמט לעבעדיק־פריילעך דיריזשירן מיט די הענט און עס רײַסן זיך אַרויס פון זײַן מויל רייד, אָן אַ שיר רייד. פאַר פײַער און וואַסער.

— איך האָב, — זאָגט ער, — פײַנט אַ קאַרגן מענטשן, איך קאָן מיט אַזעלכע ניט אויסקומען. אָן איי אָף אָן איי ווערסטו מיט אַזאַ מענטשן ניט אויסטוישן. אים וועט זיך אַלץ אויסווײַזן, אַז דײַן איי איז אַ גרעסערס. הערט, רעב כאַיִם, — ווענדט ער זיך פלוצלינג צו מיר, — סטײַטש, שרײַבער טרינקען דען ניט? טאָ וויאַזוי שרײַבן זיי? אָט האָט בא מיר געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער איינע אַן אוזדער מיידל, האָט זי זיך פאַר מיר באַרימט, אַז איר פעטער איז אין מינסק אַ שרײַבער און נעמט אַ גוטע „טשאַרקע", נאָר דאָס שאַדט אים, זאָגט זי, אַ האָר ניט צו זײַן שרײַבן.

ענטפער איך אָף דעם איטשען:

— און איך, אַז איך זאָל אויסטרינקען אַ פינגערהוט בראָנפן, נעמען זיך קוליען בא מיר די

אויס׳עס אפן פאפיר. און אויסער דעם, האָב איך פון בראנפן טאָמיד א שרעקלעך ברענעניש אפן הארצן.

זאָגט מיר אף דעם העלער גאנץ פאָשעט:

— איז דאָך גוט, אז עס ברענט דאָס הארץ, ווערט ליכטיק אין בויך. א ביסל בראנפן איז א טרופע צו אלע צאָרעס, — רעזומירט ער און זעצט זיך אוועק באם טיש ארײַנקוקן אינעם פרישן נומער פון דער „סאָוועטסקאיא בעלאָרוסיִא". אָנטוענדיק די ברילן, באמערקט ער: — נאָך א ביסל בראנפן האָב איך ליב א געשמאקע בלאט.

בא איטשען איז שוין פעסט אײַנגעפירט זײַן טאָג־רעזשים — ער לאָזט ניט דורך ראדיִאָ קיין איין לעצטע נײַס, באזונדערס די סוואָדקע וועגן וועטער. און אין די אָוונטן, ווען דאָס ווײַב איז אף דער ארבעט, האָט זיך העלער ליב באקוועם אײַנצומאָסטען אפן שטול און זיצן באם טעלעוויזאָר, כאפנדיק פון צײַט צו צײַט א גוטן דרעמל. דערבײַ זאָגט מיר העלער, אז באטאָג לייגט ער זיך קיינמאָל ניט צו, פון באטאָגיקן שלאָפן וואקסט דאָס פעטס אונטערן הארצן. נאָר דאָס, וואָס ער כראָפעט אונטער שאָענווײַז זיצנדיק, צעשפרייט ברייט די פיס אין די שיך אונטערן טיש, דאָס רעכנט זיך ניט.

— פון דער טעלעוויזאָר־פראָגראם, — טיילט זיך מיט מיר איטשע, — האָב איך באזונדערס ליב, ווי די באָכערים און מיידלעך פון גאָר דער וועלט שפרינגען אף די גליטשערס און מאכן „קאָזלקעס" אינדערלופטן. נאָר אז א יונגע גימנאסטקע פאלט אפן אײַז, רײַסט זיך בא מיר אָפ דאָס הארץ. א ביטערער ראכמאָנעס אף די יונגע געטאָקטע פיס. עס געפעלט מיר אויך די פראָגראם „אן אײַנלאדונג צום טאנץ". — עמעס, ס׳איז שווער צו פארשטיין, צי מיינט ער עס ערנסט, צי דאָס שפאסט ער אזוי.

6. יויסעף קאנטאראָוויטש

א הייפעך פון איטשע העלערן איז זײַן שוואָגער — אידעס א לײַבלעכער ברודער — יויסעף קאנטאראָוויטש. צווישן זיי איז אזא אונטערשייד, ווי, לעמאָשל, פון מענאכעם־מענדלען און טעוויע דעם מילכיקן. און יויסעף איז לויט מײַן פאָרשטעלונג ענלעך אף טעוויען. אפילע אויסערלעך איז ער ענלעך אף די טעוויע־פאָרטרעטן, וועלכע עס האָבן געשאפן ייִדישע קינסטלער: אָנגעטאָן איז ער אין קארטונענעם היטל מיט א קליינעם דאשעקל, אין א געוויינלעך גרוי רעקל — אזעלכע פלעגן אמאָל טראָגן די יִשוווניקעס; בא אים זײַנען אָבער ברייטלעכע געזעצטע פלייצעס, ער איז ניט קיין הויכער, א רויִקער, באדאכטער; א בלייכלעך פאָנעם מיט א פאָר נאָך יונגע לעבעדיקע שווארצאפלען, פון וועלכע עס שײַנט ארויס א קלוגע אָרנטלעכקײַט, אקשאָנעסדיקײַט, דערהויבנקײַט. דעריקער אָבער, וואָס עס לאָזט זיך מער פון אלץ פארגעדענקען, דאָס זײַנען יויסעפס זגראבנע, ניט גרויסע הענט — די דלאָניעס מיט די קורצע, עטוואָס דיקלעכע פינגער.

קאנטאראָוויטשעס מאזלבראָכע איז טאקע אין זײַנע פראצעוויטע געניטע הענט, סײַ צו אײַזן און סײַ צו האָלץ טויגן זיי זיך אויס. ער איז א גוטער שמיד און א גוטער סטאָליער. מײַסעדיק־שיין, זויבער און ליכטיק זעען אויס די צוויי און צוואנציק בינען־הײַזלעך, וועלכע ער האָט אויסגעבויט מיט זײַנע אייגענע הענט און אוועקגעשטעלט בא זיך אין גאָרטן.

יויסעפס שטוב איז די צווייטע ייִדישע שטוב נאָך העלערס, וועלכע איך האָב באזוכט גלײַך נאָך מײַן קומען קיין אוזדע. פון יעדן ווינקעלע האָט אף מיר א ווייע געטאָן מיט ווירדע און אכרײַעס פאר דער אייגענער מי און האָרעוואניע, פארן פעסטן אײַנגעפונדעוועטן מישפאָכע־לעבן. פערציק יאָר איז אוועק, זינט יויסעף און כאנע האָבן כאסענע געהאט און לעבן צווישן זיך מיט קעסיידערדיקן אָפשײַ איינער צום צווייטן, מיט טיפער אכדעס, אף א סאך מישפאָכעס אין אוזדע געזאָגט געוואָרן.

אין די גרויזאמע מילכאָמע־יאָרן, אף דער אָקופירטער סאָוועטישער ערד, אין די יאָרן פון גאזלאָנישער העפקיירעס, ווען דערהארגענען א מענטשן און ביפראט א ייִדן איז געווען פונקט אזוי גרינג, ווי ניט ווילנדיק צעקוועטשן מיטן שוך א מורעשקע אין גראָז, אָט אין אזעלכע טעג, ווען מע האָט יויסעפן און כאנען ארויסגעפירט פון געטאָ אף ארבעט, האָבן די פאשיסטן פארטיליקט זייערע צוויי קליינע קינדער. יויסעף און כאנע האָבן מיט א קורצער צײַט שפעטער זיך געראטעוועט: זיי זײַנען אנטלאָפן אין וואלד צו די פארטיזאנער — דאָס פאָרפאָלק האָט געפונען א מאָקעם־מיקלעט אין דעם פארטיזאנישן אָטריאד, וועלכער איז טעטיק געווען אין די וועלדער צווישן לאָשע און אוזדע, ניט ווײַט פונעם דערפל פאוולאָוושטשינא, ווּ יויסעפס זיידע און אויך זײַן טאטע זײַנען געווען דאָרפס־שמידן. יויסעפן איז דאָ פון קינדווײַז אָן געווען ליב יעדער סטעזשקעלע, יעדער וואלד־לאָנקע. ער וואָלט מיט פארמאכטע אויגן דאָ ניט פארבלאָנדזשעט. ווער פון די מיטליאָריקע פויערים — פארטיזאנער האָבן ניט געדענקט די גאָלדענע הענט פון יויסעפס זיידע שמועל דעם קאָוועל? ניט ווייניק פארטיזאנער — פויערים פון אוזדער ראיאָן — האָבן אין מעשעך פון יאָרן זיך גע־

כאוורט מיטן קאָלווירטישן שמיד פונעם אונ־
דער קאָלווירט „אינטערנאַציאָנאַל״ ייִסראָעל־
וועלוול קאַנטאָראָוויטש — יויסעפּס פּאַטער. אײ־
נעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד האָט יויסעף בוכ־
שטעבלעך טאָג און נאַכט געהאָלפן צו באַוואָ־
פענען דעם אָטריאַד. פון פאַרזשאַווערטע אַלטע
געווער־טיילן האָט ער אויסגעשמידט ביקסן,
געקאָוועט די פערד פאַר די רײַטער־אויסשפּי־
רער. דערבײַ איז ער ניט איין מאָל צוזאַמען
מיט די יונגע פּאַרטיזאַנער געגאַנגען אין אויס־
שפּיר, געלויערט נאָכן סוינע און אָנגעקוואָלן
פון נאַכעס, ווען מיט זײַן אויסגעקאָוועטן גע־
ווער פלעגט א פּאַרטיזאַנישער סנײַפּער טרעפן
א פאַשיסט אין האַרצן אַרײַן.

יויסעפּס ווײַב כאַנע און זײַן שוועסטער
אידע — זיי זײַנען געווען אין איין פּאַרטיזאַ־
נישן אָטריאַד — האָבן געלאַטעט העמדער, אײ־
בערגעצייט מאַלבושים פאַר די קעמפער, גע־
קאָכט, געבאַקט — ערלעך פאַרדינט דאָס מילי־
טערישע ברויט אין אָטריאַד. נאָך דעם, ווי די
סאָוועטישע טיילן האָבן באַפרײַט מינסק, האָט
נאָך יויסעף א האַלב יאָר געדינט אין מינסקער
מיליציע, געווען אינעם רײַטער־אָטריאַד, וואָס
האָט באַוואַכט די באַפרײַטע הויפּטשטאָט.

יויסעף קאַנטאָראָוויטש איז פון די קליינע
מײַסטערס עפּעס דערציילן וועגן זיך.

— ווי געוויינלעך, — זאָגט ער, — בין איך
געגאַנגען אין כיידער, נאָר גלײַך נאָך באַר־
מיצווע געשטעלט זיך באַם האַרן צוהעלפן דעם
טאַטן. א גרויס געזינד געווען, אַכט קינדער.
נאָך גאָר א יונגער בין איך אָנגעקומען אַר־
בעטן אַלס שמיד אין אונדזער וואַלד־ווירטשאַפט.
צוואַנציק יאָר אָרודעוועט מיט דער קאָוואַלסקע
אָפּצווענגע און מיטן האַמער. אין די מילכאָמע־
יאָרן אויך ניט אַרויסגעלאָזט דעם האַמער פון
דער האַנט און אײנצײַטיק געהאַלטן די געלאָ־
דענע ביקס לעבן זיך.

נאָכן קריג איז יויסעף אָנגעקומען אַרבעטן
אין אונדזער באַנדער־אַרטעל, געוואָרן א מײַס־
טער פון א צעך.

— נאָך אַרבעטנדיק אין אַרטעל, — זאָגט
יויסעף, — האָב איך זיך באַפרײַנדעט מיט די
בינען. צוערשט אײַנגעשטעלט בא זיך אין
גאָרטן צוויי קלעצלעך (א קלעצל הייסט בא
יויסעפן א בינשטאָק), פון צוויי איז אײַנגיכן
געוואָרן פיר, און פינף. און ווען איך בין אַוועק
אַף פּענסיע, האָב איך זיך מיט דער גאַנצער
נעשאָמע אָפּגעגעבן דער בינענציכטלערײַ. מײַן
כאַנע העלפט מיר שטאַרק, מיר פּאַסן צוזאַמען
אויף אונדזערע בינען־מישפּאָכעס, אַף דער על־
טער זײַנען מיר מיט כאַנען געוואָרן בינען־
פּאַסטעכער.

איך מיין, אַז ניט צופעליק איז צו קאַנטאָ־
ראָוויטשן געקומען דער אינטערעס צו בינענ־
ציכטלערײַ; געבוירן אין דאָרף, די עלטערן, דער
זיידע מיט דער באָבען — דאָרפס־מענטשן,
ייִשוּווניקעס, האָט אויך יויסעפן אַף דער עלטער
גענומען ציִען נעענטער צו זײַן שוירעש, צו
דער נאַטור, צום וואַלד, צו די גרינע פעלדער.

אין די זומער־כאָדאָשים פירט ער דעם
גרעסטן טייל פון זײַנע בינען־שטיבעלעך
אַרויס אַף די קאָלווירטישע פליינען.

דאָס פאַריקע יאָר האָט דער אונדזער קאָלווירט
„אינטערנאַציאָנאַל״ פאַרזייט 20 העקטאַר מיט
ווײַסן קלעווער. אָט אַף דער דאָזיקער קלע־
ווער־לאָנקע האָט קאַנטאָראָוויטש אַרויסגעפירט
אַף „דאַטשע״ זײַנע בינען. אוןביידע צדאָדים
זײַנען געבליבן צופרידן — סײַ דער קאָלווירט,
סײַ דער בינענציכטלער. די הונדערטער טויזנ־
טער בינען זויגן פונעם ווײַסן קלעווער דעם
נעקטאַר, טראָגן אַריבער פון בלימל צו בלימל
די קוויטן־זערע, מיט דער הילף פון די בינען
באַשטויבט איין בלימל דאָס אַנדערע. איז עס
פאַרן ווײַסן קלעווער א סגולע צום וואַקסן.
דער קאָלווירט האָט אַראָפּגענומען א גוטע
גערעטעניש פון פּעטן, דופּטיקן פּיטער פאַרן
קאָלווירטישן פּי, און קאַנטאָראָוויטשן האָבן די
בינען אַרײַנגעבראַכט א היפּשע צאָל קילאָגראַ־
מען הויכסאָרטיקן האָניק.

— שוין דאָס זעקסטע יאָר, — טיילט זיך מיט
מיר קאַנטאָראָוויטש, — ווי איך האָב א גוטן
שוטעף א בינענציכטלער, דאָס איז דער אַר־
בעטער פונעם סאָווירט „אוזדינסק״ וויקטאָר
סטעפּאַנאָוויטש קאָסטיאַניוק. זומער פירן מיר
צוזאַמען אַרויס אַף די קאָלווירטישע פעלדער
אונדזערע בינשטאָקן, בויען אויס אינמיטן פעלד
א בײַדל, ווו מיר ווױנען צוזאַמען און היטן
אָפּ די רו פון די בינען־מישפּאָכעס.

— קיין איין לעבעדיקע באַשעפעניש אַף דער
ערד, — פאַרזיכערט מיך יויסעף, — האָט ניט
אַזוי ליב די רויִקײַט, ווי די בין. א בין טראָגט
ניט איבער קיין שום קלאַפּערײַ, גרילצערײַ, —
נאָר בא א פולשטענדיקער רויִקײַט אַרום־און־
אַרום קענען די בינען אומדערמידלעך זיך מיִען
פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג.

יויסעף באַווײַזט מיר, וויפל ביכער און
זשורנאַלן וועגן בינענציכטלערײַ ער פאַרמאָגט.
ער פירט מיך אַרויס אין גאָרטן צו די בינ־
שטאָק־שטיבעלעך און גיט מיר געניי צו פאַר־
שטיין די טוירע פון בינענציכטלערײַ, וויפל
פאַרשיידענערליי בינען עס זײַנען דאָ אַף דער
וועלט.

— אָט אין אָ־די־אָ שטיבעלעך לעבן בא מיר
קאַווקאַזער בינען, און אין אָט־די־אָ — היימי־
שע, ווײַסרוסישע. די קאַווקאַזער בינען האָבן
לענגערע כאָבעטלעך און קאָנען געשיקטער
אַרויסקריגן דעם נעקטאַר פון דעם ווײַסן קלע־
ווער. דעריבער פיר איך זומער אַרויס אין

פעלד די קאווקאזער בינען, און די ווײַסרוסישע לאָז איך איבער פאשען אין גאָרטן. זיי קריגן דאָ אויך כאַיונע אַף די פרוכטביימער, בא די בלומען, בא די נאָענטע הרעטשקע־פעלדער.

מיר איז טשיקאווע יעדער וואָרט יוסעפס. איך בין זיך מודיע, צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס אזוי באאריכעסדיק צו באקענען זיך מיט בינען.

— בא בינען, זאָלט איר וויסן, — דערציילט יוסעף, — איז יעדער בינשטאָק אַן אייגענע סוווערענע מעלוכע מיט זייער שטרענגע פאַראַנדקעס און פירונגען. יעדער בינשטאָק האָט זײַן ספעציפישן רייעך, זײַן „דוך", און די בין, וואָס פליט מיטן נעקטאר צוריק פון פעלד, דערשפירט דעם דאָזיקן „דוך" נאָך פונדערווײַטן. א בין זאָל זיך, לעמאָשל, פאַרבלאָנדזשען אין א שכיינישן בינשטאָק טרעפט זיך זייער זעלטן, איר זעט דאָך, איין בינשטאָק שטייט גאָר נאָענט צום אנדערן. נאָר פליט שוין יאָ אַרײַן א בין אין א פרעמדן בינשטאָק, איז אויב זי ברענגט מיט זיך נעקטאר — א יעש, נעמט מען זי אויף אין דער נײַער מישפּאָכע, נאָר טאָמער, כאָלילע־וועכאָס, פליט זי אַרײַן מיט ליידיקן, מיט „פוסטע לאַפקעס", הארגעט מען זי אוועק.

יוסעף דערלאַנגט מיר א לאַנג גומע־טרײַבל. איין עק פונעם טרײַבל שטעלט ער צו צום שפעלטעלע, צום „לופטיקל", פונעם בינשטאָק און דעם אנדערן עק פון טרײַבל לייג איך צו צו מײַן אויער. עס דערטראָגט זיך צו מיר, ווי ערגעץ פון ווײַט, ווײַט א הודעניש, א זשומעניש, א ווימלעניש, וואָס הערשט דאָרט אינווייניק אין בינשטאָק, דאָרט טוט זיך, דאָרט קאָכט און הויערט א לעבן פון אַן ערעווראַוו באַשעפענישן.

ווען איך זאָל האָבן קויכעס צו שטיין אַף מײַן קוליע צווישן די בינען־שטיבלעך און יוסעפן זאָל האָבן צײַט, וואָלט איך נאָך לאַנגע שאָען געקענט הערן וועגן דעם ביז גאָר טשיקאַווען בינען־לעבן. איך הייב אָן צו פאַרשטיין, אז די בין איז א מערקווירדיקע האַרעפּאַשניצע און גלײַכצײַטיק זייער קאַפריז און איידל־געפאַצקעט. מע דאַרף אַרום די בינען אַרומהאָווען, זאָרגן זיך, ווי וועגן אייפעלעך, מע דאַרף זיי קענען האָווירן, עס זאָל זיי גאָרנישט ניט פעלן, ניט קיין זיסקײַט, ניט קיין וואַרעמקײַט, ניט קיין פרישע לופט, באַזונדערס אינעם אָנהייב וועסנע־פעריאָד. ס'איז א מאַראָקע און א גרויסע האָרעוואַניע צו כאָווען א בינען־מישפּאָכע.

— די אונטערשטע שורע, — מאַך איך אויך בעקיצער און טו א פרעג בא יוסעפן, ווי א ייִד פון א גאַנץ יאָר, ווי מע טוט, אשטייגער, בא מיר א פרעג: „וואָס האָט איר פון דעם?", פון די בינען, הייסט עס.

— איך דערלייג צו זיי דער באָבעס יערושע, — לאַכט יוסעף.

— ניין, — פרעג איך אים איבער, — פונדעסטוועגן, אָן געלעכטער.

— רייכיס, זײַנען די בינען מײַנע געטרײַע מעדיקער. מײַנע קראַנקע פאַרוווּנדעטע פיס פון די פאַרטיזאַנישע יאָרן הייל איך מיט זייערע ביסן. דער בינען־גיפט איז א רעפוע־שליימע. נו, און מיקויעך זיבעצן און דרײַצן? זיי טראָגן מיר אַרײַן רעווער, דורכשניטלעך נאָך א פענסיע א כוידעש. עס קומט צוניץ. מע דאַרף דאָך טאָמיד אין שטוב א פרישן רובל. אָט מאַך איך האַיאָר א גרויסן רעמאָנט אין שטוב. עס איז אַף דער עלטער נימעס געוואָרן צו הייצן מיט בריקעט די הרובעס, זעקס כאַדאָרים — דרײַ הרובעס, אין די גרויסע פרעסט דאַרף מען אַלע דרײַ הרובעס הייצן צו צוויי מאָל א טאָג. הײַנט איז שוין דערעסן די מוירע פאַרן טשאַד, האָב איך באַשלאָסן אוועקצושטעלן אַן אייגענעם קעסל. צוזאַמען מיטן רעמאָנט וועט עס מיך אָפּקאָסטן ניט ווייניקער פון א פינף הונדערט רובל. און די קינדער דאַרף מען דאָך אויך העלפן. אַף די אַרויסגאַנג־טעג קומען זיי צו פאָרן אַהיים. א בילעט אַהער — א בילעט אַהין, און מע דאַרף דאָך זיי עפעס מיטגעבן מיט זיך. ניט לאַנג געגעבן זיי א היפשן קיילעק אַף אויסצובויען אין שטאָט א קאָאָפעראַטיווע דירע.

נאָך דער מילכאָמע איז בא יוסעפן און כאַנען געבוירן א זון און א טאָכטער. דער זון וואָלאָדיע האָט פאַרענדיקט דעם מינסקער ראַדיאָ־טעכנישן אינסטיטוט און איז א ספעציאַליסט בא טעלעוויזאָרס. די טאָכטער, איז א לערערן פון דײַטש אין קאַפוליע און לערנט זיך הינטער־אויגיק אינעם רעפובליקאַנישן אינסטיטוט פאַר אויסלענדישע שפראַכן. זי טרוימט נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט צו בלײַבן ארבעטן אין מינסק און דאָרט אײַנאָרדענען איר פערזענלעך לעבן.

— ס'איז בא הײַנטיקע צײַטן ניט פון די לײַכטע זאַכן, — פאַרסאַכאַקלט יוסעף, — קאָלזמאַן מע לעבט, דאַרף מען ניט אויפהערן צו שטרעבן. אויך אַף דער עלטער דאַרף מען האָבן צו עפעס אַן אינטערעס, א זאַבאַווע. פוסטעפאַסעווען איז א געפערלעכע קרענק אי יונגערהייט, אי אַלטערהייט. דער „פוילער" איז אַף דער עלטער א סאַך א שווערערע מאַכלע, ווי היפערטאָניע און דיאַבעט צוזאַמענגענומען, און דערצו איז מען נאָך „געכאַפט" אינעם בײַטערן טראָפן, איר שטויסט זיך מינאַסטאַם אָן, וועמען איך מיין... דאָס קימערט מיך, אידע איז דאָך מײַנע א שוועסטער.

איך דריק יוסעפס זגראַבנע דלאָניע, געזעגן

זיך מיט זײַן פרוי כאַנען. זיי בעטן מיך, איך זאָל צו זיי אַרײַנגיין. אין מעשעך פון מײַן זײַן אין אוזדע בין איך נאָך אייניקע מאָל געווען בא זיי, און ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך אַלע טאָג געקומען אין דער דאָזיקער שטוב.

7. דינע גראַזאַווסקע

אידע העלערס נאָענטע כאַווערטע איז דינע גראַזאַווסקע — דינע און איר מאַן כאַיִם גראַזאַווסקע זײַנען אויך געווען פּאַרטיזאַנער. נאָך דער אַרבעט, אין די פרײַע אָוונטן, קומט איין כאַווערטע צו דער אַנדערער דורכשמועסן זיך, און עס קלײַבט זיך טאָמיד אָן עפּעס אַזעלעכס, וואָס מע מוז עס אַראָפּריידן פונעם האַרצן. אָפטער קומט אידע צו דינקען. אַזוי רופט אידע איר כאַווערטע.

דינע גראַזאַווסקע, וועלכע מע רופט אַף דער אַרבעט זינאַיִדאַ איליניטשנאַ (אין די וועלדער, נאָך בייס דער מילכאָמע, האָבן די פּאַרטיזאַנער, ווי פון זיך אַליין, איבערגעאַנדערשט איר נאָמען און פּאָטערנאָמען), איז מיט אַ פינף־זעקס יאָר עלטער פאַר אידען. דינע געהערט, ווײַזט אויס, צו דעם סאָרט מענטשן, וואָס ניט נאָר זיי קלײַבן זיך גוט פאַנאַנדער אין דעם רוסישן פּאָסעק „פּאָטשאָם פונט ליכאַ”, ווײַל וועמען פון אונדז איז עס ניט אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן פּוראָניעסן און מאַטערנישן אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן, נאָר זי פאַרמאָגט נאָך די מײַלע, וואָס ניט יעדער פון אונדז פאַרמאָגט זי. נעמלעך — אין אַן אייס־צאָרע ניט פאַרלירן זיך. אין גרויליקע רעגעס פון טויט־געפאַר ניט בלינד און פאַרדולט ווערן, נאָר פאַרקערט, אַלץ, ביז דער מינדסטער קלייניקײַט דײַטלעך זען אַרום זיך און בליץ־שנעל געפינען דעם איינציק־מעגלעכן אויסוועג, פּראָסט גערעדט — ראַטעווען זיך. דאָס איז שוין אַזאַ מײַלע, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר אַן אויסגעפּרוווטן סאָלדאַט, וואָס איז שוין אין אַ סאַך שלאַכטן געקנאָטן געוואָרן, געפּרוווט געוואָרן מיט פײַער און ניט איין מאָל זיך צעבוצקעט מיטן טויט... דינע גראַזאַווסקע איז נאָך הײַנט בא אירע דרײַ און זעכציק יאָר אַן איישעס־כאַיִל, אַ מענטש מיט אַ מוטיקער שטאַרקער נאַטור, און דעריבער ציט זיך אַזוי אידע צו דער באַשיידענער קלוגער פרוי.

איך האָב אַ פּאָר מאָל געבעטן די גראַזאַווסקע מיר דערציילן, וויִאַזוי זי מיטן מאַן און זייער טעכטערל האָבן זיך געראַטעוועט און געקומען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

— איר פּאָרט דאָך נאָך ניט אַוועק, — האָט זי מיט אַ שמייכל עס אָפּגעלייגט אַף שפּעטער, — דער וואַלד ברענט ניט...

— דער וואַלד ברענט טאַקע ניט, — האָב איך איבערגעכאַזערט אירע ווערטער, — נאָר מיר שטייט נאָך פאָר מיט אַ סאַך אוזדער צו טרעפן זיך, און איך האָב מוירע...

— אַז מע האָט מוירע, — שלאָגט מיך איבער דינע, — פלעגט מײַן מאַמע זאָגן, לייענט מען קרישמע, — שמייכלט זי ווידער און גייט טייקעף איבער אַף אַן ערנסטן טאָן, — הײַנט האָב איך עפּעס דערצו קיין שטימונג ניט. ניט טאָמיד ווילט זיך אויפרודערן די אַלטע וווּנדן...

איך בין געצוווּנגען געווען אָנצוקומען צו אידעס אַ פּראָטעקציע.

— די צײַט מײַנע, — זאָג איך צו איר, — לויפט, און מײַן פּלאַן דראָעט אַ געפאַר ניט צו פאַרווירקלעכט ווערן.

— יאָ, — פּילט מיר אידע מיט, — אומעטום איז דער פּלאַן, ווי בא אונדז אינעם אוזדער פיליִאַל פון דער שוך־פאַבריק „לוטש”. איין לידעלע: „דערלאַנג דעם פּלאַן”.

מיט אידע העלערס הילף האָב איך סאָף־קאָלסאָף געפּועלט בא דינען, זי זאָל זיך לאָזן דינען. זי האָט אָנגעהויבן איר געשיכטע אַזוי:

— איר האָט בא מיר שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט, וויִאַזוי מיר האָבן זיך געראַטעוועט. נאָר איך וועל אײַך צום אַלעם ערשטן דערציילן וועגן די, וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט. אַ מענטש אַליין, ער זאָל אַפילע זײַן פון אײַזן, ראַטעוועט זיך טאָמיד מיט עמעצנס הילף. ס'איז שוין געגאַנגען דער פערטער כוידעש, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, און איבערצולעבן דעמלט אַפילע נאָר איין טאָג איז געווען אַזוי שווער, ווי איבערצושפּרינגען אַ טהאָם. אוזדע איז אַלע יאָרן געווען אַ שטעטל מיט אַ סאַך ייִדן, און אָפּצאַמען דאָ פאַר די ייִדן אַ געטאָ האָבן די פאַשיסטן ניט באַדאַרפט. פון וועמען אָפּצאַמען? דאָס שטעטל איז אָן און פאַר זיך געוואָרן אַ געטאָ. דער גרויסער אוזדער פּאָגראָם, ווען די דײַטשן האָבן צוזאַמען מיט זייערע טרײַע מעשאָרסים, די פּאָליצײַען, אַרומגערינגלט דאָס שטעטל און גענומען קאַטעווען און הארגענען, איז פאָרגעקומען דעם 17 אָקטיאַבער, סימכאַס־טוירע איז דאָס געווען. נאָך איצט קלינגט אין מײַנע אויערן דער געשריי פון מײַן אַלטינקער מומע: „האַרציקע מײַנע, ליבינקע מײַנע, ס'איז טישעבאָוו, טישעבאָוו! ניט סימכאַסטוירע...” און כ'באַדאַרף אײַך זאָגן, ווי דער עמעס איז, אַז גלײַך פון די ערשטע מינוטן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעהאָלע און אַ שיסערײַ, זײַנען די שטעטלשע ייִדן ניט געלאָפן, ווי אַ סטאַדע שאָף, אַהין, וווּ מע האָט זיי געיאָגט, פאַרקערט, אוואַדע אַ דרײַ, אויב ניט אַ פיר הונדערט ייִדן — יונג און אַלט, מאַנצבלען, פרויען און קינדער — האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן

פון שטעטל. מע האָט קיין אכט ניט געלייגט אַף די פֿײַפֿנדיקע קוילן, מע איז געלאָפן, קעדיי ארויסצוראַטעווען זיך פון די ראָצכישע הענט. נאָר, פרעג איך אײַך, ווו האָט מען זיך געקאָנט פּאַרטײַען, באַגראָבן זיך? ווי ווײַט האָט מען געקאָנט לויפן, אַז רונד־ארום האָט געסקריפּעט מיט די ציין דער אומדערבאַרעמדיקער סוינע? מע האָט אין א קורצער צײַט ארום געכאַפּט די מענטשן, ווי די הינער, אין די וועלדלעך ארום אוזדע און איינציקווײַז און מישפּאָכעסווײַז, גופע אפן אָרט, אָן קיינע שײִעס, צעשאָסן. ווייניק וועמען איז געראָטן זיך ראַטעווען, אוועקגיין אומבאַמערקט ווײַט אין די טיפע וועלדער. די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג האָט זיך אין ווײַסרוסלאַנד ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, און אין יענער צײַט, אין אָסיען פונעם 1941 יאָר, איז נאָך געווען גאָר ניט אזוי לײַכט אָנצוטרעפן אַף א זיכערער סטעזשקע, וואָס זאָל אָן א טאָעס און אָן פּראָוואָקאַציעס ברענגען צו פירן אין א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. איז אָט, ליבער כאַווער, ווען דער פּאָגראָם האָט זיך צעבושעוועט, בין איך מיט מײַן נײַניאָריקער פּאַניען, זי איז שוין איצט א דאָקטער און האָט, געזונט זאָלן זיי זײַן, צוויי קינדער, ארומגעלאָפן ארום דער שטוב און ארום דעם הויף, איר הענטל פון מײַן האַנט ניט ארויסגעלאָזט און ניט מיט מײַנע קויכעס געשרײִען: „אוורעמעלע, אוורעמעלע, אָט בין איך, אָט זײַנען מיר מיט פּאַניעטשקען, באַווײַז זיך". מײַן זעקסיאָריק ייִנגעלע איז אָקאָרשט פאַר דער שיסערײַ געווען אין שטוב, איך האָב אים געהאַט אָנגעגאָסן אין א טשאַשקעלע א ביסל מילך, נאָר ער איז בא מיר פון אונטער די הענט נעלעם געוואָרן, כאָטש טו זיך אָן א מײַסע. איך בין שוין הייזעריק פון שרײַען, און ווו כאָיִם, מײַן מאַן, איז אהינגעקומען, האָב איך אויך קיין אנונג ניט. גוואַלדעווע איך אַלץ: „אוורעמעלע, אוורעמעלע, באַווײַז זיך!". נאָר אַז די שיסערײַ און טראַסקערײַ האָט זיך שוין דערנענטערט צו אונדזער געסל, האָט מיך א בלינדער קויעך צוזאַמען מיט מײַן טאָכטערקע ארײַנגעטראָגן אין אונדזער שטאַל. מיר האָבן זיך פאַרגראָבן אינעם היי. עס האָט אונדז ביידן ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. מיר האָבן זיך מיט קיין אייווער ניט גערירט. און נאָך האַלבער נאַכט ארויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש, אַפילע די טיר פון שטוב ניט געעפנט און זיך געלאָזט גיין שטיל, אַף די ציפּקעס, צום וואַלד. א פינף־זעקס קילאָמעטער פון אוזדע איז אין וואַלד געשטאַנען א סמאָליאַרניע. אין אָט דער סמאָליאַרניע האָט געאַרבעט אונדזער א באַקאַנטער פויער, אַליעס קריסקאָ. ער פלעגט ווען־ניט־ווען אַרײַנקומען צו אונדז. אין די זומער־כאַדאָשים, בייסן סאַמע רעכטן סעזאָן פון טרײַבן די סמאָלע, האָט ער מיט זײַן ווײַב טאַטיאַנאַ באָריסאָוונאַ און מיט זייערע צוויי קלענערע קינדער, מײַען און דעם יאָריקן אייפּל קאָליען, געלעבט גופע אין וואַלד, אין א פּיצל שטיבל, לעבן דער סמאָליאַרניע. די עלטערע קינדער — די פופצניאָריקע איִרינאַ און די דרײַצניאָריקע נינאַ — פלעגן אַליין בלײַבן באַלעבאַטעווען אין כאַטע, א קילאָמעטער פון אוזדע, אינעם דערפל בערוויטשי. קריסקאָ און זײַן ווײַב האָבן אונדז אַרײַנגעלאָזט אין שטיבל, אָנגעקאָרמעט און באַהאַלטן אַפן בוידעמל. דאָרטן זײַנען מיר אָפּגעווען א טעג צען. נאָר ארום דער סמאָליאַרניע האָט טאָג און נאַכט געשליאָנדרעוועט פּאָליציי, די פאַרקויפטע הינט זײַנען געקראָכן פון דער הויט צו נויסעכיין זײַן בא די דײַטשן. יעדער ווײַלע האָט מען אונדז געקענט פּאַקן. מע וואָלט אַליעסיען און טאַטיאַנען צוליב אונדז אויך ניט געשוינט.

האָב איך שפּעט אין אָוונט געזאָגט טאַטיאַנאַ באָריסאָוונען:

— ליבע מײַנע, טײַערע מײַנע, איך וועל מיט מײַן טאָכטער באַנאַכט דערקלײַבן זיך צו אָסטראָוואָק, עפּשער לעבט מײַן כאָיִם, עפּשער באַהאַלט ער זיך דאָרט אויס. (אָסטראָוואָק איז א דאָרף א קילאָמעטער אכט־נײַן פון אוזדע; פון דער סמאָליאַרניע איז עס געווען א קילאָמעטער דרײַ־פיר. דאָרט האָט מײַן מאַן ביז סאַמע אָנהייב מילכאָמע געאַרבעט אין סעלפּאָ. אין די אַרבעטס־טעג פלעגט ער, ווי געוויינלעך, בלײַבן נעכטיקן אין דאָרף). טאַטיאַנאַ באָריסאָוונאַ האָט געשוויגן, נאָר אין אירע אויגן האָב איך איבערגעלייענט: „ניט גוט, גראָזאָווסקע, אָבער וואָס קען איך איצט טאָן? זאָג אַליין?.." עס איז שוין געווען שטאָקפינצטער, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. דעם וועג צו אָסטראָוואָק האָב איך געוווּסט. איך בין דאָך א באַלעגאָלעס א טאָכטער, און ניט איין מאָל האָט מיך מײַן טאַטע מיטגענומען אַף זײַן פור אין א יאַזדע. עס איז געווען א קאַלטע אָסיען־נאַכט, דער רעגן האָט ניט אופגעהערט צו גיסן. מיר זײַנען געגאַנגען באָרוועס. ווען עס האָט שוין א האַרעלע גענומען שאַרײִען אַף טאָג, האָבן מיר, אַף דורך און דורך אויסגעווייקטע, פּיטש־נאַסע פונעם רעגן, אָנגעקלאַפּט פּאוואָלינקע אין א פענצטער צו יאַשע קיסעל, מיט וועמען מײַן כאָיִם האָט געאַרבעט צוזאַמען אין סעלפּאָ. יאַשע קיסעל און זײַן ווײַב נאַסטיאַ האָבן אונדז אַרײַנגעלאָזט אין שטוב, געהאָלפן אויסטריקענען די קליידער און באַהאַלטן אונדז אין שטאַל, געמאַכט דאָרט פאַר אונדז א שטיקל מאַלינע אינעם היי. פון גיין א גאַנצע נאַכט באָרוועס איבער דער זאָלקער אָסיענדיקער נעץ האָב איך זיך שטאַרק צוגעקילט. איך האָב

גענומען האָבן גרויסע היץ. מײַן טאָכטער האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען צו מיר: „אוי, דריק מיך ניט אַזוי, מאַמע, דו וועסט מיך דערדושען". אין אַ טאָג אַרום האָב איך גענומען שרעקלעך הוסטן. דאָס איז פֿאַר מיר געווען אַ פּײַן, איך פֿלעג שטיקן אין זיך דעם הוסט, קעדיי מע זאָל ניט דערהערן, אַז אַ מענטש איז אין שטאַל.

נאַסטיאַ, קיסיעלס ווײַב, און וואָלאָדיאַ, זייער זון, פֿלעגן אונדז טראָגן עסן — הייסן קרופּניק און זודיקע טיי. איך פֿלעג טרינקען פֿון טשוהונטשיק דעם אָקרעפּ, אָפּגיסן זיך מיט שווייס און ווידער טרינקען. נאַסטיאַ האָט מיר געבראַכט צו טראָגן אַ האַנטעך אַרומצווישן זיך דעם שווייס. אַז עס איז מיר אַ ביסל לײַכטער געוואָרן, האָב איך געבעטן נאַסטיען, זי זאָל זיך דורך זיכערע מענטשן דערוויסן אין אוזדע, צי מײַן מאַן איז לעבן געבליבן.

„דאָס האַרץ זאָגט מיר, נאַסטיאַ, אַז ער לעבט, — און צוגעלייגט איר האַנט צו מײַן ברוסט, — דו הערסט, ווי עס טיאַכקעט דאָרט אינווייניק? אָט אַזוי, פֿיל איך, דונערט איצט כאַיִמס האַרץ. ער מוז זיך ערגעץ דאָ אויסבאַהאַלטן, אין אָסטראָוואָק, אָדער אין אַ דערבײַיקן דאָרף".

אין אייניקע טעג אַרום איז נאַסטיאַ באַגינען אַרײַן אין שטאַל מיט אַ גוטער בסורע: „איך האָב באַגעגנט אַ פּויערטע, וואָס ווייסט פֿון איר מאַן, אַ וועכטער פֿון דער אוזדער פֿאַזשאַרנע, אַז דײַן כאַיִם לעבט און קומט באַנאַכט אין דאָרף נאָך שפּײַז". נאַסטיאַ האָט מיך געטרייסט און צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, קעדיי געבן צו וויסן כאַיִמען, ווו מיר געפֿינען זיך.

נאָך דעם זעלבן טאָג, שפּעט באַנאַכט, איז צו אונדז געקומען כאַיִם. ס'איז געווען אַ פּריהלושעטע טריבע פֿרייד מיט מוירע און גרויל. אַ פֿרייד, וואָס האָט מיר גלײַכצײַטיק געמאַכט אַ גרויסן ריס אין האַרצן. באַ מיר האָט זיך נאָך געהאַט געצאַפּלט אַ פּיצל האָפֿענונג, אַז עפּשער האָט כאַיִם אין דער מעהומע דערזען אווּרעמעלען און אים געראַטעוועט פֿונעם פֿײַער, און באַהאַלט זיך אויס צוזאַמען מיט אים, אַזוי ווי איך מיט פֿאַניען. נאָר ווען איך האָב אין שטאַל באַ דער ליכט פֿון אַ שוועבעלע, וואָס נאַסטיאַ האָט אָנגעצונדן, דערזען כאַיִמס פֿינצטער פּאָנעם, האָב איך באַלד פֿאַרשטאַנען — אומזיסט איז געווען מײַן האָפֿענונג...

באַ יאַשע קיסעלן זײַנען מיר אָפּגעווען ביזן אָקטיאַבער־יאָמטעוו. נאָר אינדערפֿרי, — איך געדענק שוין ניט, ווען דאָס איז געווען, דעם זיבעטן צי דעם אַכטן נאָיאַבער, מיר זײַנען שוין צוגעוווינט געווען צו דעם, אַז קיין פֿרעמדע מענטשן פֿלעגן אין שטאַל ניט אַרײַנקומען, — איז פּלוצעם אַרײַן אין שטאַל אַ פּויער.

ער האָט אַראָפּגענומען פֿון דער וואַנט יאַשעס נעץ אַף צו כאַפּן פֿיש. אין אָט דער רגע, ווען דער פּויער איז אַרײַן, האָב איך געהאַלטן אין אַרומשערן די האָר באַ פֿאַניעטשקען. אירע קאָלטענעס איז שווער געווען צו פֿאַנאַנדערקעמען, האָב איך באַשטימט איר אונטערשערן די האָר. דער פּויער האָט אונדז קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַזוי ווי ער וואָלט אונדז גאָר ניט געזען. נאָר מיר האָבן זיך אײַנגיכן דערוווּסט פֿון יאַשען און נאַסטיען, אַז ער צעפּויקט איבערן דאָרף, אַז באַ קיסיעלן אין שטאַל באַהאַלט זיך אויס גראַזאָווסקי מיט זײַן גאַנצער מישפּאָכע...

מיר האָבן קוים דערלעבט צו דערוואַרטן זיך, עס זאָל ווערן נאַכט. נאַסטיאַ האָט אונדז מיטגעגעבן אַ פֿלעשל מילך, אַ לעבל ברויט, און מיר זײַנען אינדרײַען אוועק קיין בערוויטשי צו קריסקאָן. צוזאַמען מיט אַליעסיען, זײַן ווײַב טאַטיאַנאַ באַריסאָוונאַ האָבן מיר געמאַכט באַ זיי אין שטאַל אַ מאַלינע, פֿאַרשטעלט זי מיט אַ וואַנט פֿון היי. די עלטערע מיידלעך קריסקאָס, אירא און נינאַ, האָבן אונדז געטראָגן עסן. באַ קריסקאָן אין שטאַל זײַנען מיר אָפּגעווען ביז מאַרץ 1942, קימאַט פֿינף כאָדאָשים. די מאַלינע איז געווען די הייך און די ברייט, ווי אַ טיש, און אונטער דעם־אָ „טיש" האָבן מיר אײַנדרײַען געזיפּעט... פֿון צײַט צו צײַט איז אַליעס באַנאַכט אַרײַנגעקומען צו אונדז אין שטאַל. מיר פֿלעגן אַרויסקריכן פֿון דער באַהעלטעניש, און אַליעס פֿלעגט אונדז דערציילן, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט. אַ האָפֿענונגספֿונק האָט טאָמיד געטליִעט אין זײַנע גוטע אויגן: „בודזיעם ספּאַדזיעוואָטסיאַ" (לאָמיר האָפֿן), — פֿלעגט ער שטענדיק איבערכאַזערן, — די פּאַרטיזאַנער טוען ווונדער, מע רײַסט אוף דעם סוינעס עשעלאָנען, מע באַפֿאַלט די דײַטשישע גאַרניזאָנען.

אינמיטן מאַרץ, ווען עס האָבן געלאָזט די פֿרעסט און עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט ווע־סנע, — די שכײַנישע קינדער האָבן גענומען שטיפֿן, אַרומלויפֿן אַרום די שטיבער און שטאַלן, שפּילן אין באַהעלטערלעך, — האָט געדראָעט אַ געפֿאַר, אַז די קונדייסים זאָלן זיך ניט אָנשטויסן אַף אונדזער מאַלינע. האָבן מיר זיך מעיאַשעוו געווען מיט אַליעסן און טאַטיאַנען און זײַנען געקומען צום באַשלוס — מע דאַרף וואָס שנעלער אַריבער אין אַ מער זיכערער אָרט. קריסקאָ האָט אַזאַ אָרט צוגעזוכט — אין וואַלד לעבן אַ בלאָטע, ווו עס פֿלעגט זעלטן זיך באַווײַזן אַ לעבעדיקער נעפֿעש. אין מעשעך פֿון אייניקע טעג האָבן מיר דאָרטן אויסגעגראָבן אַן ערד־שטיבל. מיר פֿלעגן אין אַ בלעכענער שיסל אָפּטראָגן די אויסגעגראָבענע ערד וואָס ווײַטער פֿון אונדזער נײַעם

מאַקעם־מיקלעט. דאָס איז שוין געווען אונדזער אייגענע מאַלינע, אונטערן אָפֿענעם הימל. מיר האָבן באַדעקט די זעמליאַנקע מיט זשערדינקעס און צווײַגלעך, די גרוב איז געווען ניט קיין טיפֿע, ווײַל טיפֿער איז אוממעגלעך געווען צו גראָבן, ס׳האָט זיך טייקעף באַוויזן ווילגאַטש, פּאַשעט וואַסער. ס׳איז דאָך געווען בישכיינעס מיט דער וואַלד־בלאָטע, זייער א שליימיק אָרט, א טאָרפּיאַניק. זומער איז דאָס מיסטאָם געווען א שטייענדיקע זומפּיקע וואַסער — א קוראָרט פֿאַר זשאַבעס. מיר האָבן אין אונדזער מאַלינע זיצן ניט געקאָנט, בלויז ליגן. ווען דער שניי איז אין וואַלד אײַנגעגאַנגען אַראָפּ, האָבן מיר די שטעקנס און זשערדינעס באַדעקט מיט אויסגעשניטענע שטיקער ערד, וועלכע זײַנען געווען באַוואַקסן מיט פֿאַרטריקנט פֿאַראַיאָריק גראָז, די ערד־שטיקער האָבן אויסגעזען, ווי לעקעכער. אַז מע זאָל דאָס ניט באַמערקן, האָבן מיר דאָס גראָז פֿאַרשאָטן מיט כוואָיע־נאָדעלעך, בלעטער. קימאַט א נאַכט איבער א נאַכט פֿלעגן מיר מיט כאַימען אויסהאַקן א כוואָיע־ביימל און עס אַרײַנשטעקן צווישן די זשערדינקעס פֿון אונדזער מאַלינע, עס זאָל זיך וואַרפֿן אין די אויגן די פֿרישע גרינקײַט, קיינעם זאָל גאָר ניט אײַנפֿאַלן — טאָמער פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער א ניטגוטער, — אַז עס עטעמען דאָ לעבעדיקע מענטשן. מײַן כאַימען פֿלעגט נאָך קלעקן מוט אַף צו כאָכמענען זיך: „איצט זײַנען מיר פּעוונע, סײַדן א בער וועט זיך אופֿהייבן פֿון דער ספּיאַטשקע און זיך לאָזן איבערן וואַלד און נעמען שפּאַנען איבער אונדזערע זשערדינקעס, דעמלט האָבן מיר דעם לעקיש פֿאַר א גאַסט״... איך פֿלעג זיך בייזערן פֿאַר זײַן כאָכמענען זיך.

יעדן אָוונט פֿלעגט טאַטיאַנאַ קריסקאָ אָנטאָן א פּאָסטעלקע, נעמען מיט זיך א סערפּ, קלוימערשט זי לאָזט זיך גיין צו דער בלאָטע אָנשנײַדן א ביסל פֿאַראַיאָריק גראָז פֿאַר דער כודאָבע. אין די ברייטע פֿאַרטעך־קעשענעס פֿלעגט זי אונדז ברענגען צו טראָגן א פֿלעשל מילך, ברויט און בולבעס. באַ קאַרגע צוויי כאָדאָשים זײַנען מיר אָפּגעווען אין דער זעמליאַנקע לעבן דער בלאָטע, און דעם 12 מײַ פֿונעם 1942 יאָר איז געשען, ווי מע זאָגט, דער „נעס מין האַשאָמאַיִם״ — אַליעס קריסקאָ האָט אונדז באַנאַכט געבראַכט צו פֿירן אין דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד „באַיעוויק״. פֿון יענעם טאָג אָן זײַנען מיר שוין געווען קעמפֿער, גלײַכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע מענטשן, מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען ווײַסרוסישער פּאַרטיזאַן, ניט פֿאַרלוירן אונדזער ווירדע אין די אויגן פֿון אָטריאַד, באַגלײַך מיט אַלע אָטריאַד־קעמפֿער, ניט שאַנעווענדיק דאָס אייגענע לעבן, גענומען אָנטייל אין די שלאַכט־אָפּעראַציעס, געטאָן אַלץ, די היטלעראָווצעס זאָלן קיין רעגע מענוכע ניט האָבן, זיי זאָלן טרעטן איבער אונדזער ערד, ווי אַף הייסע גליִענדיקע קוילן.

ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפֿרײַט אונדזער שטעטל, האָט מײַן מאַן צוזאַמען מיט נאָך א סאַך אַנדער פּאַרטיזאַנער אַרײַנגעגאָסן זיך אין די רעגולערע טיילן און פֿאָרגעזעצט דעם אָנגריף אַף מײַרעוו. מײַן כאַיִם איז דערגאַנגען ביז בערלין (איך האָב בייסמײַסע א טראַכט געטאָן — א היפּשע צאָל כאַיִמס האָבן די זכיִע געהאַט נויקעם זײַן זיך אין די היטלער־באַנדיטן, אָנטיילגענומען אין כאָרעוו מאַכן זייער בערן־הייל — בערלין). מײַן מאַן איז א קאָמוניסט. און אויך באַ הײַנטיקן טאָג אַרבעט ער אַפֿן זעלבן אָרט — א האַנדלס־טוער אין אוזדע. און איך בין א פּאַשעטע אַרבעטערן אין א האַנדלס־אַנשטאַלט. מיט אונדזערע רעטער — מיט די פֿאַמיליעס קריסקאָ און קיסיעל — זײַנען מיר ביז הײַנטיקן טאָג די בעסטע פֿרײַנט.

אַליעס קריסקאָ און טאַטיאַנאַ באָריסאָוונאַ רופֿן מיר מיט גרויס אָפּשײַ — ניט אַנדערש ווי באַטקאָ און מאַטקי (פֿאָטער און מוטער). אויך אונדזערע קינדער — פֿאַניע און וואַליע (וועלכע איז געבוירן נאָך דער מילכאָמע. זי איז אַלט פֿינף און צוואַנציק יאָר און איז א לערערן פֿון ענגליש אין א מינסקער מיטלשול) — און אויך אונדזערע אייניקלעך רופֿן זיי באַטקאָ און מאַטקי. מיר גייען איינע צו די אַנדערע צוגאַסט, אַף כאַסענעס, אימענינעס און אַף אַלע יאָמטויווים. אַף די סימכעס רופֿט מען אונדז אויס די ערשטע צום „קאַראַווײַ״, דעם היימישן טאָרט און לעקעך. מײַן נאָמען, כאַיִמס נאָמען, די נעמען פֿון אונדזערע טעכטער, איידעמס און אייניקלעך ווערן אויסגערופֿן באַגלײַך מיט די נעמען פֿון די באַלעבאַטים און מיט די נעמען פֿון זייערע קינדער און אייניקלעך, פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען איין גרויסע מישפּאָכע. און ווען עס ווערט עמעצער באַ אונדז צי באַ זיי ניט געזונט אָדער עס טרעפֿט א צאָרע, קומט איינער דעם אַנדערן צוהילף. מע קומט געווירע ווערן ניט מיט פּוסטע הענט. און דאָס ווערט געטאָן פֿונעם גאַנצן האַרצן, ווי פֿאַר לײַבלעך־אייגענע, פֿאַר גאָר נאָענטע און ליבע. און דער סאַמע איקער איז דאָס, איך וויל, איר זאָלט מיך פֿאַרשטיין, אַז סײַ קריסקאָ מיט זײַן טאַטיאַנאַ באָריסאָוונען, סײַ קיסיעל מיט זײַן ווייב נאַסטיען זײַנען פּונקט אַזוי ווי מיר פּאַשעטע האַרציקע מענטשן און אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט איז אויך א פּאַשעטע און א האַרציקע.

איך ווייס קלאָר, אַז אַלעס קריסקאָן פֿאַלט קיינמאָל ניט אײַן אונטערצושטרײַכן אָדער זיך איבערנעמען דערמיט, וואָס ער האָט אונדז געראַטעוועט פֿון טויט און אַליין דערבײַ ריזיקירט מיטן לעבן. אַליעס מאַכט פֿון דעם קיין באַזונ־

דער וועזן ניט. און אז עמעצער פארפירט שוין יאָ א שמועס מיט אים וועגן דעם דאָזיקן איניען, ענטפערט ער גאַנץ רויִק, ווי וועגן א געוויינלעכער, פארשטענדלעכער זאַך:

— מיר זײַנען דאָך מענטשן. בייס א סרייפע קווענקלט מען זיך דען, צי ראטעווען א מענטשן פון פײַער, צי ניט? מע לויפט ראטעווען...

■

דינע גראַזאָווסקע זיצט מיט מיר צוזאמען באַם טיש אין העלערס זאלע. זי האָט עטוואָס לויזער געמאכט דאָס ווארעמע טיכל אפן קאָפּ, עס הענגען אראָפּ פרײַ די עקן ארום איר האלדז. זי שפירט אופמערקזאם נאָך, ווי איך פארשרײַב אין העפטל מיט מײַנע לאָפּעטעס און קאָטשערעס אירע רייד. איך ווייס ניט, צי קלײַבט זי פאנאנדער מײַן האנטשריפט, צי ניט, נאָר מיר געפעלט דאפקע, ווי דינע גראַזאָווסקע זיצט אָנגעלייגט מיט ביידע הענט אפן טיש, דערציילט אויס איר לעבן און קוקט אופמערקזאם ארײַן אין מײַן העפטל. עפּעס ווער איך אליין רויִקער פון דעם — א מענטש זעט מיט די אייגענע אויגן, אז איך פארשרײַב בלויז דאָס, וואָס איך הער. איך קום אלץ מער און מער צו דער איבערצײַגונג, אז די גרעסטע צאָל מענטשן זײַנען גאַנץ באַשיידן און עס איז זיי גאָרניט אזוי צום הארצן, ווען מע מאכט וועגן זיי אַן איבעריקן טומל.

און ווען מיר האָבן לעסאָף פארענדיקט אונדזער טירכע, האָט אידע העלער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן אנטקעגן אונדז אפן דיוואַן, געזאָגט צו מיר:

— מיט מאזל! איר קאָנט שוין שטעלן א „גאלעטשקע” אנטקעגן דינעס נאָמען.

איך האָב א שמייכל געטאָן און זיך פארענטפערט פאר אידען און אויך פאר דינע גראַזאָווסקען:

— איך האָב פאָרט געשטעלט פאר זיך אזא ציל צו באקענען די לייענער מיט די אונדזער טוישווים.

און דינע האָט צוגעגעבן:

— מיר האָבן גאָרנישט קעגן, שרײַבט אײַך געזונטערהייט, זאָל אײַך ווויל באַקומען.

8. רײַע און יאנקל פּאָלויקע

אין וואָס פאר א שטוב איך זאָל אין אודזע ניט ארײַנקומען, טרעף איך אָן אַף געוועזענע פּארטיזאנער, פראָנטאָוויקעס אָדער אינוואלידן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. רײַע פּאָלויקע, וואָס איז נאָך קיין פופציק יאָר ניט אלט, איז שוין א קראנקער צעבראָכענער מענטש, א מילכאָמע־אינוואליד. א זיבעצניאָריקע קאָמסאָמאָלקע איז רײַע פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. אין מעשעך פון די מילכאָמע־יאָרן געווען א פארבינדלערן, א טעלעפאָניסטקע. אינעם זעקס־און־פערציקסטן יאָר האָט זי זיך דעמאָביליזירט און זיך צוריקגעקערט אין איר היים־שטעטל אודזע. אין די בלאָטיקע ליים־שטיבלעך און טראנשייען האָט זי אָפּגעשפּאָרט א שווערע אסטמע, וואָס פּײַניקט זי אדהײַנט.

קיינעם פון אירע אייגענע האָט זי אין שטעטל ניט געטראָפן — זי האָט זיך בלויז דערוווּסט, אז די דײַטשן האָבן אינעם ערשטן פּאָגראָם דערהארגעט איר טאַטן דעם שוסטער, איר מאַמע, די ברידער און שוועסטער. געבליבן איינע אליין, ווי א שטיין, האָט איר קיין קויעך ניט געקלעקט פארלאָזן דאָס שטעטל, דעם גרויסן אונדזער קיוועער, ווו עס ליגט באַגראָבן איר מישפּאָכע. לעבן דארף מען דאָך, א ברירע האָט מען, מע איז דאָך ניט מער ווי א לעבעדיקער מענטש. האָט זי, ווי א שוואַלב אין וועסנע־צײַט, גענומען אומדערמידלעך קלעפּן א נעסט, און ניט אליין, זי האָט זיך געפונען א זיווג — אויך אַן אונדזער טוישעוו, א פארטיזאן, יאנקל פּאָלויקע. פון רײַעס טריבע שווארצע אויגן, פארצויגענע מיט א נעפּל־רויכל, שײַנט נאָך הײַנט ארויס א כיינעוודיקע יונגקײַט, די טמימעסדיקײַט פון א שטעטלדיק ייִדיש מיידל. באַזונדערס שטרײַכן עס אונטער די געטאָקטע ברעמען, דער שטילער שמייכל, וואָס גייט זיך פאנאנדער פון די מויל־ווינקלען, ווי א קוועלכל פון אונטער א שטיין אין שאָטנדיקן וואלד.

און ווען רײַע איז צוגעגאנגען צום אלטן קאָמאָד און האָט פון א שופלאָד ארויסבאקומען איר מעדאל „פאר סטאלינגראד” מיט דער גרינער סטענגע, וואָס איז דורכגעווירעט מיט די צוויי דינע בלוט־רויטע פּאסיקלעך, און איז עפּעס מאָדנע שווײַגנדיק געבליבן שטיין פארקלעמטערהייט אינמיטן צימער מיט איר רעליקוויע אין דער האנט, ווייס איך ניט, וויִאזוי עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו דערשטיקן אין זיך די טרערן, וואָס האָבן פּלוצעם א שפּאַר געטאָן צום האלדז. עס זײַנען פאר מיר אופגעשווומען די גרויזאמע שלאכטן בא דער וואָלגע, און איך האָב דערשפּירט מײַן דעמלטיקן אומרו, די כאלאָשעסדיקע מלאָסנעקײַט פון דער געפאר — אלץ צו פארלירן, די לײַבלעכע ערד אונטער די פיס. כ׳האָב דערזען פאר מײַנע אויגן, וויִאזוי אין די סטאלינגראדער באלקעס, אין די זאמדיקע טראנשייען און טאנקען־ריוון זיצן די מיידלעך־טעלעפאָניסטקעס, אין שינעלן און אין פּילאָטקעס, אויסגעבלייכטע, אויסגעצערטע, בא זייערע טעלעפאָן־אפּאראטן. אין די ניט־פארגעסלעכע אווגוסט־טעג פונעם 1942־טן

יאָר האָט פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט געוויכערט דער טויט־האָגל איבער די טראַנשייען, עס האָבן ניט אופגעהערט צו פײַפן די סנאַריאַדן־שפּליטערס, קוילן, און פון דער הייך האָבן אָן א סאָף, מיט גרילצנדיקן וואָיען זיך געשאָטן באָמבעס. נאָר די מיידלעך־סאָלדאַטן זײַנען, ווי אײַנגעוואַקסן אין דער ערד, געזעסן בא די טעלעפאָנען, געטוליעט זיך צו זיי און ניט אופגעהערט אַרײַנצוטעמען מיט זייערע יונגע מיידלשע קעלכלעך לעבן אין די טעלעפאָן־טרײַבלעך, גלײַך ווי זיי וואָלטן מיט זייערע אויסגעשרייען „אַלאָ־אַלאָ" געמינטערט די אַנשוויגן געוואָרענע טעלעפאָנען אף די באַאָבאַכטונגס־פּונקטן. זיי האָבן זיך געווענדט צו זייערע ווײַטע כאַווײרים מיט די צערטלעכסטע ווערטער, מיט די נעמען פון די שענסטע, דופּטיקסטע קווייטן: „אַלאָ, אַלאָ, „פּאָדסניעזשניק", „פּיאַלקע", „טיולפּאַן" — איר הערט מיך? דאָס רעדט צו אײַך אײַער שכיינע „לאַנדיש". אַלאָ, אַלאָ, איך רעד עס, „לאַנדיש", ענטפערט, ליבינקע, „פּאָדסניעזשניק", „פּיאַלקע", ענטפערט!" נאָר איבער די באַלקעס און טראַנשייען שיטן זיך קוויטשענדיקע דײַטשישע באָמבעס, זײַלן שטויב, זאַמד און שטיינער.

עס קאָן גאָר זײַן, אַז שפּאַנענדיק אין די דאָזיקע טעג מיט א שליכעס פון מײַן פּאָלקשטאַב צו איינעם פון די שיסער־באַטאַליאָנען, האָב איך, מעגלעך, זיך צונויפגעשטויסן מיט די בליקן פון רײַע פּאָליקע, וואָס איז דעמלט געזעסן בא איינעם פון די טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, אין א ווינקל פון א טראַנשיי...

איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי איך האָב זיך א צי געטאָן צו רײַען, גענומען פון איר האַנט די מעדאַל און, ווי צום ערשטן מאָל, אופמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין איר. צוערשט האָב איך באַטראַכט די זײַט, אף וועלכער עס איז אויסגעקריצט: „זאַ אָבאָראָנו סטאַלינגראַדאַ" און אונטער די ווערטער זײַנען אָנגעצייכנט די סילועטן פון די סאָוועטישע סאָלדאַטן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן פאָרויס. דערנאָך איבערגעלייגט אף דער אַנדערער זײַט די דרײַ אויסגעקריצטע ווערטער: „זאַ סאָוועטסקויו ראָדינו".

יאָ, בא סטאַלינגראַד איז עס פּינקטלעך אַזוי געווען — דער גורל פון אונדזער סאָוועטישן היימלאַנד און פון אַלע פעלקער האָט זיך געלייזט באַם באַשיצן די שיינע רוסישע שטאָט אפן באַרג לעבן דער וואָלגע. בלויז איין אויסוועג איז געווען — מיט דער ברוסט זיך שטעלן אַנטקעגן סוינע, און מיטן נאַקן צום ברייטן רוסישן טײַך, לעבן סאַמע וואַסער אַרײַנוואַקסן מיט די פיס אין דער ערד און ניט מאַכן קיין טראָט אף צוריק.

— איך האָב אויך אַזאַ מעדאַל, — האָב איך שטיל א זאָג געטאָן צו רײַען, — איך היט זי, ווי אַן אייפּל.

רײַע האָט באַהאַלטן אין שופלאָד איר באַלוינונג און מיר דערציילט, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט גלײַך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע.

— נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט די אונדזער ייִדישע מיטלשול, — האָט זי אָנגעהויבן, — בין איך אַוועקגעפאָרן אין דעם באַפרײַטן מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד, קיין דאָלגינאָוואָ. איך האָב זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט אַרבעטן אַלס טעלעפאָניסטקע. עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און אפן צווייטן־דריטן טאָג האָט מען שוין אין דאָלגינאָוואָ געפילט, אַז דער סוינע איז שוין גאָר נאָענט. דערקלײַבן זיך צופוס קיין אוזדע איז שוין אומעגלעך געווען. מײַנע באַקענטע האָבן מיר ניט געייצעט עס צו טאָן. עס האָט זיך שוין געהערט די קאַנאָנאַדע.

די סאָוועטישע אַנשטאַלטן פון דאָלגינאָוואָ האָבן זיך אין אײַלעניש עוואַקויִרט, דערונטער אויך די פּאָטשט, וווּ איך האָב געאַרבעט. צוזאַמען מיט נאָך אָנגעשטעלטע האָב איך פאַרנומען אַן אָרט אין קוזאָוו פון אונדזערער א לאַסטמאַשין. איך האָב אָבער באַלד דערפילט אף זיך די בייזע בליקן פון דעם שאָפערס א קרויווע — אַן עלטערער שוועסטער צי עפּשער גאָר א מומע — דער טײַוול ווייסט זי. זי איז אַרײַנגעקראָכן אין קוזאָוו מיט פּעק און טשעמאָדאַנעס מײַסע באַלעבאָסטע.

— וואָס שטייסטו ניט אײַן אף אַן אָרט? — איז זי אף מיר אָנגעפאַלן, — גיי, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

איך האָב זיך געפּרוּווט ווערן:

— די מאַשין איז פאַר די אָנגעשטעלטע פון פּאָטשט, און איך אַרבעט דאָ.

— ווי לאַנג אַרבעטסטו דאָ? פאַראַן בילכערע פון דיר, — האָט די פרוי זיך אַלץ ניט באַרויִקט.

אײַנגיכן האָט די מאַשין זיך גערירט פון אָרט, און אף מײַן מאַזל האָב איך זיך א וואַקל געטאָן און אומגערן אָנגעטראָטן אף א פוס פון דער מאַכשייפע. יענע האָט זיך צעגוואַלדעוועט און גרייט געווען מיך דוירעס זײַן.

...די מאַשין איז דורכגעפאָרן מינסק, די שטאָט האָט געברענט, די צענטראַלע גאַסן זײַנען געווען אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען, באַלקנס האָבן געטרעשטשעט, אָן א שיר צעפּיצלט, צעדרויבלט גלאָז האָט באַדעקט די טראָטואַרן. א גליִענדיקער ווינט מיט א שלאַל פײַער־פונקען האָט געווייעט אין פּאָנעם אַרײַן. אפן מיטן גאַס האָבן זיך געוואַלגערט פאַרקוילטע, אף שפּענדלעך צעהאַקטע לאַסטמאַשינעס, באַזונדערע אויטאָמאָביל־רעדער, אײַזערנע אַקסן,

צונויפגעדרייטע, ווי שטריק־קנופן. אַף שריט
און טריט זײַנען געלעגן דערהאַרגעטע מענטשן,
די גאַסן זײַנען באַדעקט געווען מיט באַמבע־
גריבער, ענלעכע אַף גרויסע „לייקעס". אַפן
מאַליעוואַר שליאַך האָט דער שאָפער געמוזט
אָפּשטעלן די מאַשין: די פאַשיסטישע אַע־
ראָפּלאַנען האָבן אָן אופהער פּיקירט. אַלע
מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אין די מאַשינעס,
פלעגן זיך צעלויפן, ווו די אויגן האָבן גע־
טראָגן, קעדיי צו באַהאַלטן זיך אַפן פעלד,
פאַרשטעקן זיך הינטער א בערגל, אין א גריבל,
פאַרטײַען זיך צווישן הויכן גערדיכטן קאָרן. איך
פלעג פון דער מאַשין ניט אַראָפּשפּרינגען. איך
האָב פעסטער זיך צוגעטוליעט צו איינעם פון
די באַרט־ווינקלען, אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין
די אַקסלען און פאַרהאַלטן דעם אָטעם. די
מוירע, אַז איך קאָן בלײַבן אינמיטן פעלד, איז
בא מיר געווען גרעסער, ווי די שרעק פאַר די
שפּריצנדיקע קוילן פון אַעראָפּלאַן. איך האָב
דאַן מיט אַלע מײַנע כושים דערשפּירט, אַז די
לאַסטמאַשין פון דער דאַלגינאָוואַר פּאָטשט איז
פאַר מיר די איינציקע שוץ, בלײַבן אויסער
דער מאַשין — הייסט בלײַבן שוצלאָז, אַרײַנ־
פאַלן צום געפערלעכן סוינע אין די הענט
אַרײַן. אינגיכן האָבן מיר זיך איבערגעזעצט
פון דער מאַשין אין א צוג. אין הינטערלאַנד
בין איך לאַנג ניט געווען. גאָר אינגיכן בין
איך אַלס פאַרבינדלערן־טעלעפאָניסטקע פרײַ־
וויליק אוועק אַפן פראָנט.

■

און ווער איז יאַנקל פּאַלויקע — רײַעס מאַן,
מיט וועלכן זי לעבט שוין דאָס זעקס־און־
צוואַנציקסטע יאָר? אין קיין זאַבאַבאָנעס,
ווייסט איר דאָך, גלייב איך ניט. פאַר אָן
אַפּיקוירעס האָט מיך נאָך אין די דרײַסיקער
יאָרן געמאַכט דער זשורנאַל „אַפּיקוירעס".
אָבער אַז איך טו א קוק אַף יאַנקל פּאַלויקען,
קען איך זיך ניט אָפּהאַלטן פון דעם, איך זאָל
ניט איבערכאַזערן אַפן קאָל: „קיין בייז אויג
זאָל אים ניט שאַטן!". זײַנע געזונטע באַקן —
צוויי ראָזע פּעפּינקעס, ערשט פונעם עפּלבוים.
יאַנקל פּאַלויקע איז גלײַך, ווי א סטרונעלע,
רירעוודיק, ווי קוועקזילבער. מיט א פּאָר טעג
צוריק האָב איך אים געטראָפן לעבן דער אווו־
טאָבוס־סטאַנציע אין זײַן היטעלע, וואָס ער
טראָגט א ביסל אַף א זײַט; מיט די מיליטערי־
שע צייכנס אַף דער ברוסט האָט ער אויסגעזען,
ווי א „דאָפּריזיוווניק". אין זײַנע טאָמיד שמייכ־
לענדיקע אויגן קאָן מען אויסלייענען: „נו, איז
וואָס, אַז איך בין שוין אַלט צוויי און זיבעציק
און בין שוין מער פון א צענדליק יאָר א פּענ־
סיאָנער?!"

די פּאָר שאָ, וואָס איך בין געווען בא דעם
פּאַרפּאַלק אין שטוב, האָב איך באַמערקט, אַז
יאַנקל פּאַלויקע רוט ניט, ער מוז נאָכאַנאַנד
עפּעס טאָן, ער פּאַרלויפט רײַען אין יעדער
קלייניקײַט דעם וועג, ער לאָזט זי קיין טאָבו־
רעטקע ניט איבערשטעלן. מיר דוכט, אַז ער
ווייסט גאָרניט, וואָס הייסט צוזעצן זיך אַף א
רעגע, — עמעסער קוועקזילבער. ער באַווײַזט
אָפּצוטאָן א גרויסן טייל פון דער שטוב־אַר־
בעט, רײַען זאָל ניט זײַן צו שווער, און זוכט
זיך אויס טאָמיד א שטיקל שטעלע צו דער
פּענסיע. אָט האָט ער אינעם פּאַריקן הייך־סע־
זאָן געקאָטשעגאַרעוועט אין דער געבײַדע פון
ראַיקאָם פון פּאַרטיי און רעכנט אויך האַיאַר
דאָרט אַרבעטן. אין ראַיקאָם איז מען צופרידן
פון זײַן אַרבעט. ער איז מיט אַלע „פּאָסטראָמ־
קעס" אײַנגעשפּאַנט אין לעבן און וויל זיך ניט
אויסשפּאַנען. דאָס פּאַרקאָכט זײַן אין האָרע־
וואַניע איז אים איבערגעגאַנגען בעירעשע
פונעם זיידן און אויך פונעם טאַטן, די אוזדער
באַלעגאָלעס.

דערלאַנגענדיק מיר א גלאָז טיי, דערציילט
יאַנקל:

— א מישפּאָכע איז בא אונדז, ניט צו פאַר־
זינדיקן, געווען א גרויסע. דער טאַטע האָט גע־
פירט פּאַסאַזשירן פון אוזדע קיין סלוצק. אינעם
נײַנצענטן יאָר זײַנען אים באַפאַלן באַנדיטן און
דערהאַרגעט. נאָכן טאַטנס טויט האָט דער סעל־
סאָוועט געטיילט ערד, האָט מען אונדזער מיש־
פּאָכע אויסגעטיילט זעקס דעסיאַטין אינעם
דאָרף קריווולי, לעבן אוזדע. און ווען עס האָבן
זיך גענומען שאַפן קאָלווירטן, זײַנען מיר אַלע,
ווי איינער, אַרײַנגעטראָטן אינעם קאָלווירט
„באַלשעוויק". אינעם 1931 יאָר האָט מען מיך
אַרויסגערוקט אַף אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט,
געמאַכט פאַר א פאַרגרייטער אין ראַיפּאָטרעב־
סאָיוז. מײַן מאַמע און מײַן עלטערער ברודער
זײַנען ביז דער סאַמע מילכאָמע געווען אין
קאָלווירט. היטלער האָט אין אוזדע געהאַרגעט
מײַן מאַמען, מײַן ברודערס מישפּאָכע און מײַן
מישפּאָכע, מײַן ווײַב פּראַדל און מײַנע קינדער
ברײַנע, הירשל און וועלוול. אין אַפּרעל פון
1942 יאָר האָבן מײַנע גוטעפרײַנט, די ווײַס־
רוסישע פּויערים פון קריווולי, געהאָלפן מיר
צו אַנטלויפן פון געטאָ און מיך געבראַכט צו
פירן אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. איך בין באַ־
לוינט מיט א „רויטן שטערן" און מיט א פּאַר־
טיזאַנישער מעדאַל פון דער ערשטער שטופּע.
ווען עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע מיטן
דײַטש, האָב איך אַלס סאָוועטישער סאָלדאַט
אויך אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אַפן ווײַטן
מיזרעך. געווען פּאַרוווּנדעט און געלעגן אין
א שפּיטאָל אין מוקדען.

און וועמען האָבן אויסגעכאָוועט אין זייער

נײַער נעסט רײַע און יאַנקל? — צוויי געראָטענע זין. דער עלטערער — ראָמע — איז א שאַפער פונעם אוזדער אווטאָבוס־פּאַרק. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון ביימעלע. ראָמעס עלטערזיידע, דער זיידע און דער טאַטע זײַנען געווען באַלעגאָלעס, און אויך ראָמע פּאַלויקע פירט א פּאַסאַזשיר־אווטאָבוס פון אוזדע ביז מינסק. ראָמע האָט א יונג נײַנצניאָריק ווײַסרוסיש ווײַבל סוועטלאַנא, זי לערנט זיך אין אוזדע אף בוכהאַלטעריע־קורסן. ראָמע און סוועטלאַנא האָבן שוין א זעקסכאָדאָשימדיק מיידעלע.

און דער צווייטער זון פּאַלויקעס — ליאָניע — האָט מיט א פּאָר כאָדאָשים צוריק פאַרענדיקט דינען אין דער סאָוועטישער אַרמיי, זיך אומגעקערט אהיים, נאָר אין שטוב מער ווי א וואָך ניט אײַנגעזעסן — איז אוועקגעפאָרן קיין מינסק און זיך אײַנגעאָרדנט אפּן באַוווסטן מינסקער זייגער־זאַוואָד.

רײַע באַווײַזט מיר די פאָטאָגראַפיעס פון אירע זין, פון דער יונגער שנור מיטן אייפל אף דער האַנט. דערבײַ וויל רײַע אַרײַנטראָגן א קלאָרקײַט וועגן דעם נאָמען פונעם עלטערן זון — ראָמע. ווי קומט צו זיי ראָמע? ער איז דאָך געבוירן געוואָרן באַלד נאָך דער מילכאָמע.

— נאָכן גרויסן כורבן האָט זיך אונדז געוואָלט, אז אין זונס נאָמען זאָל קלינגען סײַ מײַן מאַמעס נאָמען, סײַ דער נאָמען פון יאַנקלס פאָטער. מײַן מאַמע האָט געהייסן ריווקע און יאַנקלס טאַטע — רוווּן. זײַנען מיר געקומען צום באַשלוס און א נאָמען געגעבן דעם באָכער — ראָמע.

— פאַר גאָט און פאַר לײַט, — כאַפּט זיך בא מיר אַרויס.

— ניט אזוי פאַר גאָט, ווי פאַר לײַט, — זאָגט יאַנקל, און א קונדעס־שמייכל צעפינקלט זיך אף זיין לוסטיקן פּאָנעם.

פאַרן געזעגענען זיך האָב איך לעבן אלמער אף דער וואַנט באַמערקט הענגען צוויי יעגער־ביקסן.

— ווער איז עס בא אײַך דער יעגער? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— ראָמע, — האָט זיך אָנגערופן יאַנקל, — ראָמע מיט זײַנע כאַווײרים. ער כאַווערט זיך מיט זיי פון קליינוויז אָן — וואַסיל זשוריד, ליאָניא קאַזיטש, טימאָך דעמידאָוויטש. אין די פרײַע טעג גייען זיי צוזאַמען אין וואַלד אף יאַגד. צוערשט איז מען געגאַנגען אָן הינט, האָבן זיי די גאַנצע צײַט, — שמייכלט ער, — געטראָפן דעם האָז אין עק... נאָר איצט האָבן זיי בעשוטפעס געקויפט אָן אָווטשאַרקע, וועט עפשער זײַן מאַזלדיקער.

אין רײַעס טריבע אויגן, די פאַרצויגענע מיט א נעפּל־רויכל, גיט א שײַן איר כיינעוודיקע יונגקײַט און טמימעסדיקקײַט פון א שטעטלדיק ייִדיש מיידל:

— קיין גרעסערן פאַרלוסט זאָלן מיר ניט האָבן, זאָל דאָס בא אונדז זײַן די לעצטע דײַגע...

איך ווינטש יאַנקלען און רײַען נאַכעס פון זייערע זין און רײַען ווינטש איך באַזונדערס — פּאַטער ווערן פון איר אַסטמע.

(סאָף קומט)

פון אַלטן העפט

* * *

כ׳בין מיט מײַן העפט אדורך א העלפט
אײראָפּע,
פארהיטן אים איז מיר געווען באשערט.
איך בין מיט אים געלעגן אין אָקאָפּעס,
געשלאָפן אָף דער אויסגעברענטער ערד.
און וויפל פרײַנט, כאוויירים כ׳האָב פארלאָרן
(זיי גייען ניט ארויס בא מיר פון קאָפּ —
ניט אלץ האָט זיך פארקריצט אין מײַן זיקאָרן,
נאָר דאָס, וואָס איז פארשריבן, שטעלט זיך אָפּ.
מיר זײַנען שטענדיק דאן געווען צוזאמען —
די אָנדערהאלבן טויזנט טעג און נעכט.
מײַן אלטער גוטער העפט, כ׳בין דיר מעקאַנע,
וואָס אלץ פארהיטן איז געווען דיר באשערט.

* * *

דער דײַטש האָט זיך שטארק פארטיידיקט, נאָר האלטן זיך ניט געקענט.
פון פינף אזייגער פארטאָג איז דער יִשעוו אין אונדזערע הענט.
אָקאָפּעס און שטעכיקע דראָטן, פונדאַנען ניט ווײַט
א לאַנגע טראַנשיי, ווי א מעסער, דעם יִשעוו צעשנײַדט.
דער טײַך איז מיט פלאַמען פארצויגן, אין רויכן דערשטיקט,
אין טיף פון די כוואַליעס עס טרינקט זיך די הילצערנע בריק.
און, ווי א געניטער סאָלדאַט, נאָך אן אנטשיידענער שלאכט
א דעמב ניט קיין יונגער, א הויכער, ווידער שטייט אָף דער וואַך.
ער זעט, ווי אלץ ווײַטער אָף מײַרעוו דער פײַנט לויפט אוועק.
ווי דאָרט, אָף דער צווייטער זײַט טײַך, פארבינדט זיך א נײַער געשלעג.

* * *

מיר גייען שוין די צווייטע נאכט
און ציילן, וויפל ווערסט איז נאָך געבליבן.
א שטויב האָט פארדעקט דעם שליאך,
מײַן שינעל, מײַנע שטיוול.
ווידער א דאָרף און א וואלד.
און דאָס פעלד האָט א וועג צעשפּאָלטן,

אָף פופצן מינוט א פריוואל
האָט דער מאַיאָר געמאָלדן.
ער נעמט אָף די קני דעם פּלאַנשעט
און א ציגאַר ער פארויכערט.
אָף מײַרעוו, אין לעצטן געשלעג,
מײַן באטאַליאָן גייט אויכעט.

■ ■ ■

אל די שפּורן פון געשעענעם

א מאַטאָנע־אויפשריפט אף א בוך

נאָיאבער 1918. אף פּושקין־גאַס אין באַברויסק, אין א שטיבל אף הינערשע פּיסלעך, וווינט דער אלטער שנײַדער כאַים נײַמאַן מיט זײַנע זיבן קינדער — בערקע, סאָרקע, ראָכל, פאַניע, נעסיע, ראָזע, אירמע. אין איינעם אַן אָוונט איז דאָס שטיבל געווען פול מיט רוישיקער יאָמטעוודיקער פרייד. ערשט נעכטן האָט די רויטע ארמיי פאַריאָגט פון שטאָט די דײַטשישע אָקופּאַנטן, איז א הי־פּשע גרופּע (איצט שוין געוועזענע) פּאָדפּאָלשטשיקעס, וועלכע האָט אין די פינצטערע אָקופּאַציע־כאַדאָשים געפירט, צוזאַמען מיטן שנײַדערס זון בערקע, אַן אַקטיווע אונטערערדישע ארבעט, אוועק צום אלטן כאַים אהיים אָפּגעבן אים א גרוס פון זײַן זון און פאַרייַנוועגס אויספּילן בערקעס באַקאָשע: טאַקע בא זײַן טאַטן אין שטוב צוגרייטן זיך צו דער מאָרגעדיקער דעמאָנסטראַציע — אויסנייען פאָנען, שרײַבן לאָזונגען, מאָלן פּלאַקאַטן, צוגרייטן באַגריסונגען דער רויטער ארמיי פאַר באַפרײַען די שטאָט.

כאַים נײַמאָן שטראַלט פון גליק. מיט א הילכיקן קלונג לייגט ער אוועק אפן שנײַדערשן טיש זײַן שער־און־אײַזן און לויפט אופנעמען די טײַערע געסט. ער זעצט זיי אויס ארום זײַן טיש און אף דער אלטער קאַנאַפּע, ציט פאַר זיי ארײַן פאָדעם אין די נאָדלען, שנײַדט צו סכוירע פאַר די פאָנען, און ווען זיי הייבן אָן נייען, שרײַבן, מאָלן, דערציילט ער זיי אייניקע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון דער באָברויסקער אונטערערדישער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, ווען אין שטאָט האָבן געווילדעוועט די פּוילישע לעגיאָנערן.

— אָט דאָס שטיבל, ווו איר זיצט איצט, איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די פּאָדפּאָלשטשיקעס אלס קאָנספּיראַטיווע דירע. די פענצטער גייען ארויס סײַ צו דער גאַס, סײַ צום הויף. טרעפט עפּעס, איז לײַכטער צו אַנטלויפן. פאַראַן דאָ א גרויסער קעלער, ווו מע קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין א נויט־פאַל און אומבאַמערקט אַנטרונען ווערן.

מײַן בערקע, — דערציילט ווײַטער דער אלטער שנײַדער, — האָט זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ, און דער לערער העלער האָט פאָרגעלייגט זײַן דירע. די דרוקערײַ איז געעפנט געוואָרן צו דער צײַט, און ליטעראַטור האָט זיך געדרוקט רעגולער. די ארבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אזוי קונציק, אז קיינער האָט גאָרנישט ניט באַמערקט, די אָכראַנקע — אוואַדע ניט. און אז עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווו צו האַלטן די פלוגבלעטלעך, בראָשורן און פּלאַקאַטן, וועלכע די דרוקערײַ גיט ארויס, האָט מען אויך געפונען א גוטע אייצע: מע האָט אָפּגעדונגען אף נעווסקי פּראָספּעקט (געוועזן דעמלט אזא גאַס אין באָברויסק) א לאָקאַל פאַר א ביכער־קראָם, וווּהין עס פלעגן קומען די פאָרשטייער פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס „קויפן” ליטעראַטור. באַם ארויסגעבן די ביכער פלעגט די „פאַרקויפערן” טאַניע אגאָל (שפּעטער געוואָרן בערקעס פרוי) ארײַנלייגן אין זיי די ליטעראַטור פון דער אומלעגאַלער דרוקערײַ.

בערקע האָט צוגעצויגן צו דער אונטערערדישער ארבעט צוויי שוועסטער זײַנע — סאָרקען און פאַניען. זיי זײַנען נאָך געווען קינדער (סאָרקען 18, פאַניען — 15). אָבער די אָנגע־

טרויטע שליכעסן פלעגן זיי אויספילן פיל בע־סער איידער דערוואַקסענע מענטשן.

איינמאָל האָט מען בערקען אַרעסטירט. דאָס איז געשען בײַס זײַנער אַן אָפטער רײַזע איבער די דערפער, ווו ער פלעגט פירן פּאָליטישע אַגיטאַציע צווישן די פּויערים. אַרעסטירט האָבן אים די פּוילישע לעגיאָנערן. זיי האָבן אים אַרײַנגעשלײַדערט אין אַ קאַזעמאַט פון דער באַברויסקער פעסטונג. אָפן פאַרהער אין דער אָכראַנקע האָט מען באַ אים געפרעגט:

— דו ביסט אַ באָלשעוויק, דו הינטיש בלוט?! ווו האָסטו גענומען די פלוגבלעטלעך, וועלכע מע האָט באַ דיר געפונען? זאָג, ווו באַהאַלטן זיך אויס די באָלשעוויקעס?

בערקע האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, ער האָט די פלוגבלעטלעך קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, מע האָט אים אַרע־סטירט אַלפּי־טאָעס. אַלע נאַכט פלעגט דער קאָ־מענדאַנט באַפוילן אַרויספירן אים צו דער פע־סטונג־וואַנט און צווינגען אים גראָבן פאַר זיך אַ גרוב.

— איך, — זעצט פאָר כאַים ניימאַן, — האָב וועגן דעם אַרעסט זיך דערוווּסט ערשט אין אַ וואָך אַרום. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט גע־ריכט זיך, אַז איך וועל עפּעס פּויעלן באַ די פּוילישע לעגיאָנערן, גיכער וועל איך באַ זיי פאַרזוכן דעם טעם פון זייערע בלײַענע נאַהײַ־קעס. נאָר דאָך בין איך אַוועק צו זיי בעטן פאַר מײַן זון. אין דער קאָמענדאַטור האָט קיינער ניט געוואָלט אַפילע אַ קוק טאָן אויף מיר. געראַ־טעוועט האָט מיך אַן אומגעריכטער צופאַל. אַז איך בין, אַ הונגעריקער, אַ דאָרשטיקער, אָפּ־געזעסן אין דער קאָמענדאַטור אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט (אַרויסגיין האָט מען מיך שוין ניט געלאָזט), איז צו מיר צוגעגאַנגען דער קאָנוואָי און אָן אַ וואָרט אַרײַנגעשטויסן מיך צום קאָמענדאַנט אין קאַבינעט.

דער קאָמענדאַנט, אַן אַלטער פּליכעוואַטער פּאַרעץ, האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר דורך זײַנע פּענסנע, דערנאָך אַרײַנגעבליקט אין די פּאַפּירן און אַ בריל געטאָן:

— דו ביסט אַ שנײַדער? מאָרגן פאַר איך אויף אַ באַל. אויב דו וועסט מיר איבער נאַכט אויפ־נייען אַ פּאָר ברידזשי־הויזן, וועסטו צוזאַמען מיט דײַן זון אַוועקגיין פונדאַנען אַהיים.

אָט אַזוי איז מײַן בערקע געראַטעוועט גע־וואָרן פון אַ זיכערן טויט.

...דער אַלטער כאַים פרעגט באַ זײַנע געסט:

— פאַרוואָס זעט מען ניט צווישן אײַך מײַן בכאָר בערקען? הײַנט איז דאָך אויך זײַן יאָמ־טעוו.

דערויף ענטפערט מען אים מיט גרויס האַר־ציקײַט:

— נאָרוואָס איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פונעם געוועזענעם אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פּלאַן, וויאַזוי צוגרייטן די מאָרגעדיקע דעמאָנ־סטראַציע לעקאָוועד דער רויטער אַרמיי. אויף דער זעלבער זיצונג איז בערקע אויסגעוויילט גע־וואָרן אײנעם נײַ־געשאַפענעם רעווקאָם, איז ער דעריבער זייער שטאַרק פאַרנומען.

באָריס ניימאַן

עס זײַנען ניט אַריבער קיין צוויי כאַדאָשים, ווי דער יונגער, שטאַלטנער בערקע ניימאַן איז געזעסן רײַטנדיק אויף אַ פערד און געטראָגן זיך גאַלאָפּ איבער די באַברויסקער גאַסן. בער־קע איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער טשעקאַ פונעם באַברויסקער אויעזד. אויף אָט דער אַרבעט האָבן מיטן פולן גלאַנץ זיך אַרויסגעוויזן זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקייטן. גאַנצע מעסלעסן איז ער מיט אַ גרופּע מילי־טערלײַט אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט, גע־נישטערט איבער די וועלדער און פעלדער פון באַברויסקער אומגעגנט, אויסגערייכערט פון אומעטום די קאָנטררעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן דערווײַל געהיט זיך צו אַנטפלעקן זייער עמעסן פאַרצעף, קעדיי שטיל טאָן זייער אונ־טערגראָבערישע אַרבעט. באַ בערקען אין שטוב איז דאָס פאָטשט־קעסטל געוווען פול מיט אַנאָ־נימע בריוו פון די באַנדיטן, זיי האָבן אים גע־דראָעט מיט טויט, אויב ער וועט ניט אויפהערן צו פאַרפאָלגן זיי. איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט האָבן זיי אַפילע זיך דערוועגט צו אויס־שיסן אין אים. נאָר בערקע איז ניט פון די שרעקעוודיקע. די באַנדיטן האָט ער צורו ניט געלאָזט.

די פוילישע שליאַכטע איז אָבער ניט געזעסן מיט פארלייגטע הענט. זי האָט געגרייט א פּאַ־רעטערישן אָנפאל אף דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק. אונדזער לאנד האָט דעמלט פאר־מאָגט פראָנטן מער ווי גענוג, אָבער דער צענ־טראלער פראָנט איז געווען דער מײַרעוודיקער, ווו עס איז געשטאנען גרייט די ארמיי פונעם שליאכטישן פוילן. קיין באוואָפענונג האָט די פוילישע פּאנעס ניט אויסגעפעלט — עס האָט זיי דערמיט בעשעפע באזאָרגט די אנטאנטע. אין באָברויסק, ווי קימאט אין גאנץ ווײַסרוס־לאנד, האָט זיך צעהוליעט מיט שווערד און אײַזן די פוילישע שליאכטע. די רויטע ארמיי איז אָפּגעטראָטן פון באָברויסק. מיט איר צו־זאמען זײַנען אוועק אויך בערקע און זײַנע שוועסטער סאָרקע און ראָכל.

דער בירגערקריג האָט זיך געענדיקט מיט א רומפולן זיג פון דער רויטער ארמיי, פונעם סאָוועטישן פאָלק. בערקען האָט מען דעמאָבי־ליזירט און געשיקט קיין מאָסקווע זיך לערנען. דאָס לאנד אָבער האָט נאָך פון פולער רו ניט געוווּסט, סאָנים, אייגענע און פרעמדע, זײַנען נאָך געווען גענוג, און מע האָט געמוזט זײַן וואכזאם. בערקע האָט זיך געלערנט אינעם מאָסקווער אינסטיטוט פון דער פאָלקסווירט־שאפט, נאָר גלײַכצײַטיק אָפּגעארבעט פינף יאָר אלס אָנפירער פון אן אָפּטייל פון געפּעו (אזוי האָט דעמלט געהייסן די טשעקא). ווען ער האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט, האָט מען אים געשיקט אף ארבעט אין דער צענטראלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פּארטיי (צקק) און אין דער ארבעטער־פּויערשער אינספּעקציע (רקאי). אזוי, ארבעטנדיק אקטיוו אף פאראנט־וואָרטלעכע פּאָסטנס, איז ער סאָפּקאָלסאָף גע־וואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע.

אָט דאָס איז אינקורצן די געשיכטע פון א באָברויסקער ייִדיש ייִנגל, א זון פון אן אָרע־מען שנײַדער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין די סאָוועטישע באדינגונגען, איז געוואָרן א זעלבשטענדיקער מענטש אין דער צײַט, ווען עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפּובליקן.

אין די צוואנציקער יאָרן האָט בערקע נײַמאָן געשענקט זײַן שוועסטער א בוך מיט אזא אויפ־שריפט: „...דעריקער איז — ארבעטן, ארבעטן, ארבעטן און ארבעטן. אין גאנג פון דער וואָ־כעדיקער מי ניט פארלירן די רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוו, שטענדיק געדענקען דעם אייגע־נעם ייִכעס: אן ארבעטערן, א טאָכטער פון אן ארבעטער". אָט די ווערטער האָבן בערקעס ייִנ־גערע ברידער און שוועסטער גוט פארגעדענקט. סאָרקע און ראָכל זײַנען אין 1919, אפן פראָנט, ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאר־טיי. פאניע, א שווארצארבעטערן, פון די ער־שטע קאָמסאָמאָלקעס, האָט שפּעטער געארבעט אין שטאָטקאָם פון קאָמיוג, געדינט אין טשאָן. נאָכן בירגערקריג האָבן ראָכל און פאניע גע־ענדיקט די קאָמוניסטישע אקאדעמיע אפן נאָ־מען פון נ. ק. קרופּסקאיא, און שוין העכער דרײַסיק יאָר, ווי זיי ארבעטן אין פארשיידענע פּעדאגאָגישע אנשטאלטן פון מאָסקווע. דאָס זעלבע, אָדער קימאט דאָס זעלבע, קאָן מען דערציילן וועגן די איבעריקע מיטגלידער פון דעם אלטן כאַים נײַמאָנס געזינד און אויך פו־נעם געזינד פון זײַן בכאָר בערקע. דער אלטער שנײַדער האָט ניט וואָס צו שעמען זיך מיט אים.

ב. מאסלאָוו
באָברויסק

ציליע איסײַעווס לעבנס=געשיכטע

א וויכטיקע דעראָבערונג פונעם סאָציאלי־סטישן רעאליזם איז דער נײַער העלד, וואָס האָט זיך באוויזן אין דער ליטעראטור, דאָס געשטאלט פונעם מענטשן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין די רעוואָלוציע־יאָרן. די איבערשמעלצונג פון מענטשלעכע כאראקטערן אונטער דער ווירקונג פון דער רעוואָלוציע איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. די שרײַבער האָבן געזוכט דעם נײַעם העלד, די נײַע בא־ציִונגען צווישן מענטשן. אזוי זײַנען אויפגעקומען די פּאָזיטיווע פּערסאָנאזשן אין די בעסטע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. סײַ די שרײַבער, סײַ זייערע העלדן זײַנען אליין געווען אקטיווע אָנטיילנעמער פון די באשרײַ־בענע געשעענישן, און עס איז שווער געווען

אָפצוטײלן דעם היסטאָרישן עמעס פונעם ליי־טעראַרישן מאַטעריאַל.

מיך האָט פאַרינטערעסירט, ווער עס זײַנען די פראָטאָטיפן פון ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס באַרימטן ראָמאַן „וויאַזוי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל".

אָט וואָס עס שרײַבט וועגן דעם דער שרײַבער: „אין 1919 זײַנען מיר געווען 5 קאָמיוגיסטן. די גרופע האָט געשאַפן דער פאַרטיי־קאָמיטעט און דער רעווקאָם פון שעפעטאָווקע. אָנגעפירט האָבן די כאַווײרים ליניק און איסײַעווע. איך האָב זיי באַשריבן אין מײַן ראָמאַן „וויאַזוי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל". דעם פאָרזיצער פון רעווקאָם האָב איך אָנגערופן דאָליניק, דעם סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט איגנאַטיעווע...

העלדיש האָבן געקעמפט די ערשטע שעפעטאָווקער קאָמיוגיסטן קעגן די פוילישע פאַנעס, פעטליוראָוצעס און באַנדיטן פון אַלע מינים".

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט ציליע איסײַעווע, דעם פראָטאָטיפ פון איגנאַטיעווען. אינעם ראָמאַן ווערט געזאָגט וועגן איר, אַז זי איז געווען איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער סאָוועטנ־

ציליע איסײַעווע

מאַכט אין שעפעטאָווקע. ווער פון די לייענער געדענקט ניט די ערנסטע, צוריקגעהאַלטענע, פאַרטרוילעכע פרוי, וואָס ווייסט ניט פון קיין רו, — דעם סעקרעטאַר פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט און אויך דעם אָרגאַניזאַטאָר פונעם קאָמיוגישן קעמערל אין שעפעטאָווקע. זי קוקט זיך צו צו דער יוגנט און קלײַבט אָפ די בעסטע אין ראַיקאָם פון קאָמיוג. ניט לײַכט איז געווען אָט דער יונגער פרוי, וועלכער די סאָוועטנ־מאַכט האָט אָנגעטרויט אַזאַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

איצט האָב איך זיך מיט איר באַגעגנט און געפרוּווט דערוויסן זיך פראַטים פון איר לעבן. זי איז זייער באַשיידן און זי האַלט, אַז זי האָט איבעריקס ניט וועגן וואָס צו דערציילן. קיין אויסערגעוויינלעכס האָט זי ניט אופגעטאָן.

אָט וואָס זי שרײַבט אין אַ בריוו צו מיר:

„כאַשעווער כאַווער קראַטשקעק! איך פאַרשטיי, ווי עס איז וויכטיק, אַז די יוגנט זאָל וויסן וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט אומיטלבאַר פון לעבעדיקע אָנטײלנעמער. עס איז אָבער זייער שווער די מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק אָנטייל צו נעמען אין די געשעענישן, זיי זאָלן שרײַבן וועגן זיך. וואָס איז שײַעך באַשיידנקײַט, איז גענוג זיך צו דערמאָנען, ווי קורץ, ווי געפרעסט עס האָט אָנגעשריבן זײַן ביאָגראַפיע נ. אָסטראָווסקי".

אָט וואָס עס האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן פעסטשטעלן וועגן איר.

פון דער פריִער קינדהײַט איז איר אויסגעקומען צו אַרבעטן. פון צען יאָר אָן איז זי שוין געווען אַ שנײַדערן, אַ וועש־נייטערן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער איינציקער וועג צו באַפרײַונג ליגט דורך רעוואָליוציע. זי באַטייליקט זיך אין שטרײַקן.

אין 1917 איז זי אַלט געווען 22 יאָר. אין שעפעטאָווקע איז דאַן לעגאַליזירט געוואָרן דער קלוב פון די פאַראייניקטע פראָפפאַריינען. איסײַעווע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער קלוב־פאַרוואַלטונג. אין קלוב איז געטאָן געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט. שאַרפע דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט מיט די ציוניסטן. אין דעם דאָזיקן קלוב האָט זי זיך באַקענט מיטן יינגל אָסטראָווסקי. ער איז אַלט געווען אינגאַנצן דרײַצן יאָר, נאָר זי האָט אים פאַרטרויט פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

אין 1918 איז אין קיִעוו פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די פאַראייניקטע פראָפפאַריינען. פונעם שעפעטאָווקער פראָפפאַריין האָט מען אַף דעם צוזאַמענפאָר קאָמאַנדירט די כאַווערטע איסײַעווע. שעפעטאָווקע איז אין יענער צײַט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און זי איז ניט איין מאָל געזעסן אין טפיסע. ווען אין שטאָט איז אַרײַן די רויטע אַרמיי, האָט מען געעפנט די טויערן פון דער טורמע און אַרויסגעלאָזט די אַרעסטירטע. ציליע איסײַעווע איז אַרויסגעטראָטן אַף מיטינגען, גערופן די באַפעלקערונג ניט צוהערן זיך צו דער אַגיטאַציע פון די סאָנים און אונטערהאַלטן די סאָוועטנ־מאַכט. זי איז געווען שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון רעווקאָם.

ווען די טײלן פון דער רויטער ארמײ זײַנען דורכגעגאנגען דורך שעפּעטאָווקע, האָט מען געדאַרפט זאמלען געלט, פּוראַזש, שפּײַז־פּראָדוקטן. דער רעווקאָם האָט ארופגעלײגט א קאָנטריבוציע אף דעם פארמעגלעכן טײל פון דער באַפעלקערונג, אף ספּעקוליאַנטן און הענדלער.

שעפּעטאָווקע איז שטענדיק געווען אן ארענע פון קאמפן. קאָנטררעוואָליוציאָנערן, באַנדיטן, ווײַספּאָליאַקן האָבן אף קײן רעגע ניט געלאָזט פרײַ אָפּעטעמען אירע אײַנוווינער. אײן מאָל האָט מען דרינגענדיק געדאַרפט אָרגאַניזירן די עוואַקואַציע פון די אײַנוווינער. מיט דער הילף פון די ארבעטער האָט מען אין דער סאמע הונגער־צײַט אָנגעלאָדן א וואַגאָן עסנווארג און אוועקגעפירט קײן מאָסקווע, פאר די קינדער.

נ. אָסטראָווסקי איז די גאנצע צײַט געווען לעבן איסײַעווען. דאָס האָט זי אים געגעבן א רעקאָמענדאַציע אין דער רויטער ארמײ.

נאָך דער באַפרײַונג פון אוקראַינע איז ציליע איסאַקאָווגע געווען אף פאראנטוואָרטלעכער פארטײישער ארבעט. אין 1921 איז זי אָנגעקומען אין קיִעווער מעדיציניש אינסטיטוט. אָנהײבנדיק פונעם 1926 — געארבעט אלס דאָקטער אין פארשײדענע שטעט. באַקומען דעם טיטל פאַרדינסטפולער דאָקטער פון דער רעפּובליק. באַלוינט מיט מעדאַלן און גראַמאָטעס. אויסגעווײלט געוואָרן אלס רעקטאָר פון א געזונט־אוניווערסיטעט. אין 1960, שוין א 65־יאָריקע, איז זי אוועק אף פּענסיע.

אין 1964 יאָר איז ציליע איסאַקאָוונע איסײַעווע געקומען צו פאָרן קײן שעפּעטאָווקע. א סאך אײַנוווינער האָבן זי געדענקט פון אמאָל. די יוגנט האָט זיך דערוווּסט וועגן איר פון די עלטערע, און מע האָט זי זײער ווארעם באַגעגנט. זי איז ארויסגעטראָטן פאר די פּיאָנערן און קאָמיוגיסטן. אירע ארויסטרעטונגען און איר פאָטאָ־פּאָרטרעט זײַנען געווען געדרוקט אין דער שעפּעטאָווקער שטאָטישער צײַטונג.

אזא איז די קורצע לעבנס־געשיכטע פון א פּאָשעטער פרוי, וועלכע איז געווען א פּראָטאָטיפּ פאר אײנעם פון די העלדן פון ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס ראָמאַן „וויאַזוי האָט זיך פאַרהארטעוועט שטאָל".

י. קראַטשעק
כמעלניצקי

דער דרײַלינג

דרײַ זײַנען זײ געווען — דרײַ קאָמוניסטן, דרײַ מיליטערישע אויסשפּירער: דאַוויד איליטש קײמאַך, ניקאָלײַ פּעטראָוויטש פּיאָדאָראָוו און כאַריטאָן אַלעקסאַנדראָוויטש כאַטאַגאָוו. קײמאַך און פּיאָדאָראָוו זײַנען געפאלן אין די שלאַכטן קעגן די פאַשיסטן, כאַטאַגאָוו לעבט און איז געזונט, ער וווינט אין אָרדזשאָניקידזע.

פאָרגעקומען איז דאָס מיט דרײַסיק יאָר צוריק, אין רעכטן ברען פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. די הויפּט־אַקס, ארום וועלכער די געשעענישן האָט זיך געוויקלט, איז געווען דער העלדישער מינסק. אָבער ארומגעכאַפּט איז געווען גאָר א גרויסע טעריטאָריע: מינסק — באַראַנאָוויטש — אָסיפּאָוויטש, באָברויסק — זשלאָבין — קאַלינקאָוויטש — סלוצק.

דאָס איז געווען אײנע פון די סאמע אינטערעסאַנטע אָפּעראַציעס אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער מיליטערישער אויסשפּירונג, אין איר האָבן אנטײלגענומען הונדערטער אויסשפּירער און פּאַרטיזאַנער. אָנגעפירט מיט דער אָפּעראַציע האָבן לויט דער רײ:

„דימע" (דאַוויד קײמאַך) — אן אָדעסער ארבעטער, שפּעטער אן אינזשעניער, מיטגליד פון דער פּארטײ פון 1929;

„קאָלאָקאָל" (ניקאָלײַ פּיאָדאָראָוו) — א זון פון א פויער פון טיכווינער ראַיאָן, לענינגראַדער געגנט, א קאַדראָווער אָפיצער פון דער רויטער ארמײ. אין דער פּארטײ פון 1942;

„יוסוף" (כאַריטאָן כאַטאַגאָוו) — א געבוירענער פון צאָפן־אָסעטיע. געענדיקט א לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. אין דער פּארטײ ארײַנגעטראָטן אין 1929.

דער אָטריאַד, וועגן וועלכן עס ווערט דאָ דערציילט, האָט אָפּערירט באַם סוינע אין הינטערלאַנד. זײַן טעטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן אין מאָסקווע, אין „צענטער". די ערשטע גרופּע אויסשפּירער פונעם אָטריאַד איז געשאַפן געוואָרן פרילינג 1942 אונטער דער קאָמאַנדע פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד וו. וו. שטשערבינא. ווען שטשערבינא איז אומגעקומען, האָט די קאָמאַנדשאַפט איבערגענומען זײַן שטעלפאַר־

טרעטער ד. קײמאַך, אָדער, װי מיר רופן אים דאָ, „דימע".

„דימע" ראַפּאָרטירט

סעפּטעמבער 1942. „דימע" מיט זײַן אָטריאַד לאָזט זיך אַראָפּ אױף אַ פּאַראַשוט אין אַ געדיכטן װאַלד פון װײַסרוסלאַנד. זײַן אױפ־גאַבע איז — פירן אַן אױסשפּירונג בײַ די היט־לעריסטן אין הינטערלאַנד. דער אָטריאַד האָט דעמלט געהאַט אין זײַן באַשטאַנד סאַכאַקל פינף יאַטן, אײניקען האָט ער שױן געציילט פינף הונדערט. „דימע", אַ פריילעכער יונג, שטאַרק װי אַ גיבער, האָט באַלד נאָכן באַפרײַען זיך פונעם פּאַראַשוט זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַר־בעט, ניט װיסנדיק פון קײן רו ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט.

...שױן קימאַט אַ װאָך צײַט קאָן איך זיך ניט אָפּרײַסן פון די צונױפגענומענע אין גאַנצע בענדער ראַדיאָגראַמעס, װעלכע „דימע" האָט געשיקט דעם „צענטער". איך װעל דאָ ברענ־גען בלױז אײניקע פון זײ:

25 סעפּטעמבער 1942. עס איז טראַ־גיש אומגעקומען אױף די מאַגניט־מינעס דער עלטערער לײטענאַנט װ. שטשערבינאַ. אַ שװע־רער פאַרלוסט! איך בין זיך מישטאַדל, מע זאָל אים באַערן מיטן טיטל העלד פון סאָװעטנפאַר־באַנד. די אַרבעט װערט פאַרגעזעצט. איך בעט צושיקן שלאַכט־מאַטעריאַלן, מינעס, געװער.

13 אָקטיאַבער. אױפן מינסקער אַעראָד־ראָם געפינען זיך דעם סױנס 40 טראַנספּאָרט־און אױסשפּיר־אַעראָפּלאַנען.

24 דעקאַבער. איר פרעגט, צי זײַנען ריכטיק די ידיעות, אַז 40 טױזנט פאַשיסטישע סאָלדאַטן זײַנען אַריבערגעװאָרפן געװאָרן דורך מינסק אױפן סלוצקער שאָסײ. איך ראַפּאָרטיר: געציילט האָבן מיר, װען דאָס מיליטער איז גע־גאַנגען דורך דער שטאָט. די צאָל װערט באַ־שטעטיקט דורך די ידיעות, װעלכע מיר האָבן באַקומען אינעם שטאַב פונעם רײַכסקאָמי־סאַריאַט.

24 יאַנואַר 1943. ניט װײַט פונעם דאָרף לאַטיטאָ, זאַסלאַװער ראַיאָן, האָבן מיר פאַרכאַפּט אַ צװײמאָטאָריקן אַעראָפּלאַן, װאָס האָט געהערט דעם קאָמאַנדיר פון דער עסעס און פּאָליצײ פון צענטראַל־רוסלאַנד (דער שטאַב געפינט זיך אין מאָהילעװ).

31 יאַנואַר. דער „צענטער" באַגריסט „דימען" מיטן באַלױנען אים מיט דעם לעניִן־אָרדען.

11 מאַרט. אונדזערע אױסשפּירער האָבן אױסגעפירט דעם טױט־אורטייל איבער דעם אָנפירער פון דער „װײַסרוסישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטײ".

23 מײַ. מיר האָבן ידיעות, אַז דער היט־לעריסטישער פראָנט־שטאַב איז אַריבערגעפירט געװאָרן פון סמאָלענסק קײן מינסק (ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער באַמבע־באַהעלטע־ניש פונעם אָפּערע־טעאַטער און מאַסקירט זיך אונטערן שילד פון אַ לאַזאַרעט).

25 יוני. אױף קלײן־סלעפּניאַנקע האָט זיך באַזעצט דער שטאַב פון אַן אַװיאַ־פאַרײניקונג, װאָס געפינט זיך אין רעשוס פון היטלערס הױפּט־קװאַרטיר.

30 יוני. איך גיב איבער די רעשימע פון די אַגענטן, װעלכע דער סױנע האָט אַריבערגע־װאָרפן אױף יענער זײַט פראָנט־ליניע צום סאָף 1942.

29 יולי. דער „צענטער" באַגריסט „דימען" מיטן צװײגענען אים דעם ראַנג „קאַפּיטאַן".

סאָף יולי 1943 האָט דער „צענטער" באַפױלן „דימען", ער זאָל אַרױספליִען מיט אַ ראַפּאָרט קײן מאָסקװע, צײַטװײַליק איבערגעבן די קאָ־מאַנדשאַפט זײַן שטעלפאַרטרעטער, דעם מאַיאָר ב. פּיאַדאַראָװ, װאָס איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק צוגעשיקט געװאָרן אין אָטריאַד. קײן מאָסקװע איז אָבער „דימע" ניט געקומען. באַם פליִען איבער דער פראָנט־ליניע איז זײַן אַעראָפּלאַן אַראָפּגעקלאַפּט געװאָרן. אָט אַזױ האָט זיך איבערגעריסן דאָס לעבן פון אײנעם פון אונדזערע מוטיקע מיליטערישע אױסשפּירער.

די שלאַכט פירט „קאַלאַקאָל"

ניקאָלײַ פּעטראָװיטש פּיאַדאַראָװ און זײַנע דרײַ געהילפן — דער מיליטערישער איבער־זעצער ט. װ. זװערקאָװ, די ראַדיסטקע ב. װ. נאָסקאָװא און דער אױסשפּירער ס. אי. כרע־נאָװ האָבן אין אײנער אַ יוני־נאַכט פון 1943 זיך אַראָפּגעלאָזט אױף פּאַראַשוטן אין אַ װײַסרוסישן װאַלד, װאָס האָט זיך געפונען באַם סױנע אין הינטערלאַנד. פונװײַטן האָבן געפלאַקערט פינף שײַטערס. דאָס האָט אױף אים געװאַרט ד. קײ־מאַך — „דימע".

נאָך פּיאַדאַראָװס קומען האָט דער מינסקער אײַזנבאַן־קנופּ פאַקטיש זיך געפונען קײַלעכדי־קע מעסלעסן אונטער דער אױפזיכט פון די מי־ליטערישע אױסשפּירער. דער מאַיאָר פּיאַדאָ־ראָװ מיט זײַנע שלאַכט־כאַװײרים האָבן אין אײנער אַ פינצטערער נאַכט, קימאַט אומבאַ־מערקט פאַר זײַטיקע, ליקװידירט די היטלע־ריסטן, װעלכע האָבן באַלעבאַטעװעט אין סאָ־װירט „לאַגאַזאַ". יעדן טאָג פלעגט די ראַציע

מיטן פּאַראָל „שויאַ" איבערגעגעבן פון די מינ־סקער וועלדער אין „צענטער" אויסערסט וויכ־טיקע ידיעות.

די קאָמאַנדשאַפט האָט באַאויפטראַגט „קאַלאַ־קאָלן" צו ליקווידירן דעם היטלעריסטישן שטאַטהאַלטער פון ווײַסרוסלאַנד — דעם גאַו־לייטער ווילהעלם קובע. דאָס איז געווען „קאַ־לאַקאָלס" צענטראַלע אויפגאַבע. אָט וואָס עס דערציילט אין זײַנע זיכרונות וועגן דער גלענצנדיקער אָפּעראַציע איינער פון די אָנטייל־נעמער ט. וו. זוורקאָוו.

„דער אָנפירער פון אונדזער גרופּע אין מינסק איז געווען „טשאַרנאַיאַ" — מאַריאַ באָריסאָוונאַ אָסיפּאָווא. בײַם איינער פון די באַגעגענישן מיט „טשאַרנאַיאַ" האָט פיאַדאַראָוו באַאויפטראַגט איר צו אײַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט די שוועס־טער יעלענע מאַזאַניק און וואַלענטינע שוצ־קאַיאַ. יעלענע האָט געאַרבעט אַלס דינסטמיידל אין קובעס דירע. פיל פון אונדזערע אויסשפּי־רער האָבן זיך געווענדט צו איר מיט באַקאַ־שעס. אָבער זי האָט אַלעמען אָפּגעזאָגט — זי האָט מוירע פאַר דער געסטאַפּאָ. „איבערברעכן" יעלענען האָט זיך אײַנגעגעבן בלויז מאַריע אָסיפּאָווען. יעלענע האָט צוגעזאָגט שיקן איר שוועסטער אַף דער באַגעגעניש מיטן קאָמאַנ־דיר פון דער רויטער אַרמיי. דער קאָמאַנדיר איז געווען נ. פּ. פיאַדאַראָוו.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען בערערך אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1943 באַם וואַלד־ראַנד ניט ווײַט פון לאַגאַזאַ... געקומען זײַנען דער מאַיאָר נ. פּ. פיאַדאַראָוו און זײַנע באַגלייטער. פון מינסק זײַנען געקומען מ. אָסי־פּאָווא, וו. שוצקאַיאַ. מע האָט געדאַרפט פאַר־נאַנדעראַרבעטן דעם פּלאַן פון דער אָפּעראַציע.

דאָס איז געווען זייער ניט קיין לײַכט שטיקל אַרבעט. אָבער אַלץ איז געגאַנגען קעשורע. די מאַגניט־מינע מיט אַ כעמישן זייגער־מעכאַניזם האָט מען געקראָגן און געבראַכט צו מאַריאַ אָסיפּאָווא. זי האָט די מינע איבערגעגעבן אין די הענט פון יעלענאַ מאַזאַניק. און — דער לאַנג דערוואַרטער אויפרײַס איז געשען...

אין „צענטער" איז אוועקגעפלויגן אַ בליץ־ראַדיאָ פון „קאַלאַקאָלן". אין עטלעכע טעג אַרום איז פון מאָסקווע געקומען אַן עראָפּלאַן און אָפּגעפירט אין דער הויפּטשטאָט די אָנטיילנע־מער פון דער אָפּעראַציע צוזאַמען מיט נ. פּ. פיאַדאַראָוון. פון דאָרט האָט דער אָטריאַד דער־האַלטן אַ ראַדיאָגראַמע, אַז די גרופּע איז בע־שאָלעם געקומען אַפן אָרט. ס'איז אויך מיט־געטיילט געוואָרן, אַז אַלס קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד איז באַשטימט כאַריטאָן אַלעקסאַנדראַ־וויטש כאַטאַגאָוו, וואָס הייסט לויטן קאָד „יו־סוף"...

די לייענער ווילן געוויס וויסן, וואָס עס איז דערנאָך געשען מיטן מאַיאָר פיאַדאַראָוו.

אין מאָסקווע איז געשאַפן געוואָרן אַן אויס־שפּיר־גרופּע, וועלכע מע האָט אין דעקאַבער 1943 אַריבערגעוואָרפן אין ראַיאָן פון דער שטאָט קאָוועל. „קאַלאַקאָל" האָט באַקומען אַ נײַעם באַפעל. ווי עס איז צו זען פון די דאָקו־מענטן פון דער אויסשפּיר־גרופּע, האָט מען אוועקגעשטעלט פאַר איר ווײַט ניט קיין גע־ווינלעכע אויפגאַבן, נאָר „קאַלאַקאָל" האָט זיך מיט זיי ספּראַוועט. ער האָט אויפגעדעקט די סוי־דעס פון דער היטלעריסטישער זעניט־שוץ אין קאָוועל; בײַם דעם פּרילינג־געוויסער האָט ער פאָרסירט דעם טײַך בוג, צוזאַמען מיט זײַן אָט־ריאַד זיך אַרויסגעריסן פון דער אַרומרינגלונג אינעם ראַיאָן דאָרעמדיקער פון כאָלם; איבער־געכאַפּט די געהיימע פאַראָרדענונג פון דער היטלעריסטישער קאָמאַנדשאַפט וועגן אַריבער־וואָרפן דאָס מיליטער אַף די ליניעס לובלין — לוואָוו, קראָקע — לוואָוו...

17 אַפּרעל 1944. נאָך אַ שווערער שלאַכט זײַנען די היטלעריסטן אָפּגעטראָטן פונעם פּוילישן דאָרף וואָיסקאָוויצע. „קאַלאַ־קאָלס" שלאַכטלײַט האָבן זיך נאָרוואָס אײַנגע־אָרדנט אין וואַלד אַף אָפּרו. פּלוצעם איז פונעם שכייניש דאָרף געקומען צו לויפן אַ פּוילישער פּויער:

— ראַטעוועט! דער גערמאַן מאַכט אונדז דעם טויט, ער באַראַבעוועט אונדז, נעמט צו די מענטשן, פערד, בעהיימעס!

די היטלעריסטן האָבן באַקומען אין האַלדז און נאַקן, דאָס פּוילישע דאָרף איז געראַטעוועט געוואָרן. נאָר אין אָט דער שלאַכט איז דער מאַיאָר פיאַדאַראָוו אומגעקומען.

ניקאָלײַ פּעטראָוויטש פיאַדאַראָוו איז נאָכן טויט באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די רעגירונג פון דער פּוי־לישער פאָלקסרעפּובליק האָט אים באַלוינט מיטן העכסטן קריגס־אָרדען — מיטן קרייץ „ווירטוטי מיליטאַרי".

דער קאָמאַנדיר „יוסוף"

כאַריטאָן אַלעקסאַנדראָוויטש כאַטאַגאָוו, וואָס איז באַקאַנט צווישן די מיליטערישע אויסשפּי־רער אונטערן נאָמען „יוסוף", איז אַ מענטש מיט אַ וווּנדערלעכער ביאָגראַפיע.

אָנהייבנדיק פון אָקטיאַבער 1943 ביז מאַרט 1944 איז „יוסופן" מיט זײַנע שלאַכטלײַט אויס־געקומען אויסצופירן פיל שווערע שלאַכט־אויפ־גאַבן: קלאָר מאַכן די דיסלאָקאַציע פון פאַשי־סטישע גרופּירונגען, צעקלאַפּן עטלעכע וויכטי־קע היטלעריסטישע גאַרניזאָנען, פירן אַ

10*

„רעלסן-מילכאָמע"... עס איז אויסגעקומען צו פירן איינצייַטיק אַן אויסשפּיר און אַן אָפּענע שלאַכט, אויסראָטן דעם סויניס אַגענטור און אַרײַנשמוגלען זיך אין די גרויסע היטלערישע שטאַבן, — קורץ, אויספילן אופגאַבן פון א בע-פייַרעש לעגענדאַרן כאַראַקטער.

— ניט לאַנג צוריק בין איך געווען אין מינסק, — דערציילט כ. כאַטאַגאַוו. — איך האָב דאָרט געטראָפן א סאַך מענטשן פון אונדזער אָטריאַד. זאַלאַטוכין אַרבעט אַלס מאַשיניסט, פּוטשקאָווסקי אַלס יוריסט, די סאַניטאַרקע סטעפאַנאָוויטש איז איצט א דאָקטער. איך האָב געטראָפן זיך מיט סאָפיע לעשטשינסקאַיאַ, מיט סטאַניסלאַוו מאָסעוויטשן. מיר האָבן דערמאָנט די געפאַלענע כאַווײרים און וויכטיקסטע אָפּעראַציעס...

— און וואָס דאַרף מען, לויט אײַער מיינונג, האַלטן אַלס דאָס וויכטיקסטע אין די אופטרייסלענדיקע אופטוען פון די אויסשפּירער? — פרעג איך בא כאַריטאָן אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— דעם גרויסן גלייבן אין אונדזער פאָלק, אין דער סאָוועטנמאַכט...

וויפל יאָרן עס זײַנען שוין אַוועק, און מיר טראַכטן אַלץ וועגן „דימען", וועגן „קאַלאַקאָלן", וועגן אונדזערע אומגעקומענע און לעבעדיקע העלדן. וועגן יענע אַלע, וועלכע האָבן מאַקריוו געווען דאָס לעבן לעשעם דעם זיג. מיר געדענקען און וועלן זיי שטענדיק געדענקען. שטענדיק!

נ. נאָומאָוו
מאָסקווע
יידיש — מ. איטקאָוויטש

געשטאָרבן יאַנקעוו לוואָווסקי

נאָך א לענגערער קרענק איז געשטאָרבן יאַנקעוו לוואָווסקי.

י. לוואָווסקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1885 אין וואָלאָטשיסק, וואָלינער גוב., געווען א היימישער לערער אין בערדיטשעוו און אין קיִעוו. שפּעטער האָט ער אין קיִעוו געאַרבעט אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט (יִעקאָ). אין די יאָרן פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע איז י. לוואָווסקי א באַפולמעכטיקטער פון דער מאָסקווער געזעלשאַפט צו העלפן יידן, געליטענע פון דער מילכאָמע.

אין 1918 טרעט יאַנקעוו לוואָווסקי אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און געפינט זיך אין מעשעך פון 28 יאָר אויף פּאַרטיי-אַרבעט. געווען פּאַרוואַלטער פּרנעם נאַציאָנאַלן אָפּטייל פון ניי-זשעגאָראָדער גובקאָם פון רקפּ(ב) און עטלעכע יאָר געאַרבעט אין צענטראַל-ביוראָ פון די יידישע סעקציעס באַם צק פון רקפּ(ב).

די לעצטע צייַט האָט י. לוואָווסקי זיך אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט. זײַנע אַרטיקלען און זיכרוינעס וועגן דעם ניסטער זײַנען א וואָגיקער מאַטעריאַל פאַר דער פאָרשונג.

י. לוואָווסקי האָט צוזאַמען מיט י. ענטינען צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע „די אַרבעטער-פרוי".

ערע זײַן אָנדענק.

מאקס פאַליאַנאַווסקי.
לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע

לעוו קאסיל

מיט לעוו אבראמאָוויטש קאסילן האָב איך זיך באקאנט אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן, און מיר זײַנען באפרײַנדעט געוואָרן אפן גאנצן לעבן. פארבונדן האָט אונדז געמיינזאמע זשורנאליסטישע און שרײַבערישע טעטיקייט. עס זײַנען געווען פאלן, ווען מיר זײַנען פארכאפט געווען מיט איינער און דער זעלבער טעמע. מיר האָבן אינאיינעם אָנגעשריבן די דערציילונג „די גאס פונעם יינגערן זון" — וועגן דעם העלדנמוטיקן יונגן אויסשפירער וואָלאָדיע דובינינען און דעם בוך „אזוי איז דאָס געווען".

איצט, ווען קאסיל איז מער ניטאָ צווישן אונדז, האלט איך פאר מײַן כויוו אופשטעלן אין זיקאָרן אלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר, צונויפזאמלען די פארנאָטירונגען, וואָס כ'האָב געמאכט וועגן דעם שרײַבער אין פארשיידענע צײַטן, און זיך באמיִען אָנשרײַבן וועגן אים א בוך.

עס וועלן מיר שטארק צוניץ קומען די פאָטאָגראפיעס. לעוו קאסילן האָב איך פאָטאָגראפירט, אָן א גוזמע, הונדערטער מאָל, אין פארשיידענע צײַטן און אין פארשיידענע אומשטענדן — אין מאָסקווע און לענינגראד, קערטש און פעאָדאָסיע, ארטעק און פערעדעלקינאָ, פאָטאָגראפירט אים איינעם אליין, מיט שרײַבער, לערער, אקטיאָרן, מיט זײַנע יונגע לייענער, אין דער היים מיט זײַנע אייגענע.

אָט זײַנען דרײַ נאָוועלן פון דעם קינפטיקן בוך וועגן לעוו קאסילן.

„שוואמבראניע" אפן מאָסקווע־טײַך...

לעוו קאסיל האָט געטרוימט צו האָבן אן אייגענעם קאטיער, וואָס זאָל, ווי זײַן בוך, הייסן „שוואמבראניע". יאָרנלאנג האָט געלעבט אין אים דער גײַסט פונעם שוואמבראניער אדמיראל ארדעגיארא קייס — דעם באליבטן העלד פון זײַן קינדהײַט.

פארווירקלעכן דעם דאָזיקן טרוים האָט קאסילן געהאָלפן מײַנער א לאנגאָניקער פרײַנט וואלעריאן מושקאָוו — א געוועזענער מאטראָס אף דער באלטיק, אן אָנטיילנעמער פונעם באוואָפנטן אָקטיאבער־אופשטאנד.

ס'האָט פאסירט אזוי, אז אין די דרײַסיקער יאָרן איז מושקאָוו באשטימט געוואָרן אלס דובל־קאפיטאן אף א פראכט־שיף, וואָס האָט באדארפט גיין אין א רייס פון סעוואסטאָפּאָל אפן ווײַטן מיזרעך.

— הער זיך אײַן, — האָט ער איינמאָל א זאָג געטאָן צו מיר, — עפשער וואָלסטו זיך געלאָזט מיט אונדז אין וועג ארײַן? האָסט דאָך געדינט אמאָל אין פלאָט. איך וועל דיך פארעכענען אלס א מאטראָס פון צווייטן קלאס, און גלײַכצײַטיק וועסטו זײַן דער קאָרעספּאָנדענט פון דײַן צײַטונג.

אין יענער צײַט בין איך געווען א מיטארבעטער פון דער צײַטונג „איזוועסטיִא". די רעדאקציע האָט געגעבן איר האסקאָמע, און אינגיכן האָב איך זיך געלאָזט אין וועג. דער מארשרוט איז געווען: טערקײַ, עגיפּטן, ציילאָן, סינגאפור, פיליפינען און קאָרייע.

אומגעקערט האָב איך זיך אין א האלב יאָר ארום. לעוו קאסיל האָט מיך פאנאנדערגעפרעגט וועגן דער נעסיִע, באזונדערס וועגן טערקײַ, ווו ער איז אמאָל מיטגעפאָרן מיט אונדזערער א פוטבאָל־קאָמאנדע אלס קאָרעספּאָנדענט פון א צײַטונג. בײַס איינעם אזא שמועס האָט קאסיל מיר פארטרויט זײַן פארבאָרגענעם טרוים. איך האָב א קלער געטאָן, אז מײַן פרײַנט וואלעריאן מושקאָוו, וועלכער האָט צו יענער צײַט שוין געארבעט אלס דירעקטאָר פון דעם טאגאנראָגער שיפבוי־זאוואָד, וואָלט עפשער געקאָנט מיטהעלפן אין דעם. מושקאָוו איז גראדע געווען אין מאָסקווע, בין איך אוועק צו אים.

— קאסיל טרוימט וועגן אן אייגענער „שוואמבראניע", — האָב איך צו אים גע־

זאָגט, — נאָר קיין איין זאָוואָד נעמט ניט אָן קיין פּריוואַטע באַשטעלונגען...

— א באַשטעלונג פון א שרײַבער, — האָט וואַלעריאַן געענטפערט, — איז ניט שטענדיק קיין פּריוואַטער איניען. עס קאָן שיין זײַן, אַז גראָדע שווימענדיק אַפן קאַטיער זאָלן בא קאַסילן אופקומען נײַע טעמעס. אָט ווייסן מיר דאָך, אַז די פאַרצייכענונג „אַפן וואַסער" האָט מאָפּאַסאַן אָנגעשריבן, שווימענדיק איבער די טײַכן פון פראַנקרײַך... מיט איין וואָרט, ברענג אים אַראָפּ אַהער, קאַסילן, מיר וועלן זיך דערעדן מיט אים.

קאַסיל איז געווען אַפן זיבעטן הימל. דעם זעלבן אָפדערנאַכט זײַנען מיר זאַלבעצווייט אַוועק צו מושקאָוון אין האָטעל. וואַלעריאַן האָט באַטראַכט די צייכענונג, וואָס לעוו אַבראַמאָוויטש האָט געבראַכט, מע האָט לאַנג געשמועסט, און ס'איז געבליבן, אַז ס'וועט זײַן א „שוואַמבראַניע"...

איך געדענק, ווי קאַסיל איז דערנאָך עטלעכע מאָל געפאָרן קיין טאַגאַנראָג א קוק טאָן, ווי עס גייט די בויונג פון זײַן אַדמיראַלישן „סופּערדרעדנאָוט".

ווען וואַלעריאַן מושקאָוו איז א צווייט מאָל געקומען מיט איניאָנים קיין מאָסקווע, האָט ער געבראַכט פאַר קאַסילן א וווּנדערלעכע, פיליגראַן־אויסגעמײַסטרעוועטע מאָדעל פון דעם קינפטיקן קאַטיער. דאָס האָבן די אַרבעטער פונעם זאָוואָד, קאַסילס לייענער, געשיקט א מאַטאָנע דעם שרײַבער. די שיינקײַט און פּינקטלעכקײַט פון דער מאָדעל האָבן אַרויסגערופן אַנציקונג. אַלץ איז דאָ געווען, ווי אַף אַן עמעסן קאַטיער: א קאַבינע פאַרן קאַפּיטאַן מיט פאַרשיידענע נאַוויגאַציע־מאַכשירים. אין דער מאַשין־אָפּטיילונג — א מיניאַטיור מאָטאָרל. אינעווייניק — ווייכע דיוואַנען און שטולן. אַף די פענצטער — פאָרהענגלעך, אַף די טירן — מעטאַלענע הענטלעך. פון איין מאַסטבוים צום צווייטן ציִען זיך ראַדיאָ־אַנטענעס. אַף דער פּאַלובע שטייען טומבעס מיט אָנגעוויקלטע שטריק און צוויי רעטונגס־קרײַזן, אַף וועלכע ס'איז אָנגעשריבן „שוואַמבראַניע". און דער הערב איז דער זעלבער, וואָס אַף „שוואַמבראַניע" אין קאַסילס בוך. און א רויטער פלאַג, און א פּראָזשעקטאָר, און א סירענע.

אין א שטיקל צײַט אַרום איז דער קאַטיער געווען גרייט, און לעוו אַבראַמאָוויטש האָט אים פון טאַגאַנראָג געבראַכט קיין מאָסקווע. זײַן לאַנגיאָריקער טרוים איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

— די ביבליאָטעק אַף „שוואַמבראַניע" פאַרמאָגט שוין איר אייגענע „לאָציע", — האָט זיך שפּעטער געפרייט לעוו אַבראַמאָוויטש. — ס'איז פּאָשעט א פאַרגעניגן, ווען עס באַגעגנט דיך א סאָלידע שיף און באַגריסט דיך, ווי זײַנס א גלײַכן, מיט א געשאַל פון דער סירענע, און דער מאַטראָס אַפן טורעם פונעם שליוז ווינטשט דיר מיט זײַנע סיגנאַל־פלאַגן א גליקלעכע רײַזע... אַפן מאַסטבוים פלאַטערן פאַרשיידנקאָליריקע פאָנעלעך. די זון שפּיגלט זיך אין די לאַקירטע ווענטלעך און לאָזט איבער אַף זיי א רויטן אָפּגלאַנץ. דער ווינט דונערט אין די אויערן, און דאָס וואַסער הינטער דיר זעט אויס, ווי א באַרג, וואָס באַוועגט זיך. קאָן דען זײַן עפּעס שענערס פון דעם?

א סאַך מאָסקווער שרײַבער און קאַסילס יונגע לייענער זײַנען געווען צוגאַסט בא אים אַף „שוואַמבראַניע". ווערא אינבער האָט דעם קאַטיער געווידמעט עטלעכע שורעס:

Я знаю, что порою трудно,
Но надо плыть. Плыви, плыви
вперед,
«Швамбрания», пленительное
судно,
Прообраз поэтических широт.

(איך ווייס, ווי שווער ס'איז אָפט, נאָר שווימען דאַרף מען, שווים פאָרויס, „שוואַמבראַניע", דו ביסט א צויבער־שיף, אַן אָנזאָג פון דיכטערישע ראַכוועסן).

לעוו קאַסיל און זײַן קאַטיער „שוואַמבראַניע"
אַף דעם מאָסקווע־טײַך

אַף זײַן „שוואַמבראַניע" איז לעוו קאַסיל געשוווּמען איבערן מאָסקווע־טײַך, געווען צוגאַסט בא די פּיאָנערן פון דמיטראָוו און יאַכראָמאַ. ער האָט ליב געהאַט זײַן „קרייסער־לימוזין" — דעם טרוים פון זײַן קינדהײַט. א מענטש מיט א ראָמאַנטישער נעשאָמע, האָט ער געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פון שטיין באַם רודער און האַסטיק זיך טראָגן איבערן טײַך אינאיינעם מיט זײַנע פרײַנט.

און דאָך האָט ער סאָפּקאָלסאָף זײַן

„שוואמבראַניע" געשענקט די כעוורע פון איי־
נער א מאָסקווער האַנטווערקער־שול.

...אינגיכן וועט אַף דער וואָלגע — אפן טײַך, וואָס קאַסיל האָט אזוי ליב געהאַט, קור־סירן א פּאַסאַזשיר־שיף, וואָס וועט טראָגן זײַן נאָמען. און זײַנע יונגע לייענער וועלן דער־קענען פאַר א מײַל די סירענע פון דער שיף און וועלן זאָגן: „אָט גייט צו אונדז לעוו קאַ־סיל!"

איך דאַרף נאָך צוגעבן עטלעכע געציילטע ווערטער, צו דער געשיכטע פון „שוואמבראַ־ניע". קאַסיל האָט ניט פאַרגעסן, אַז כ'האָב געהאַט א שטיקל שײַכעס צו דעם דאָזיקן אײַ־ניען, און ער האָט מיר געשענקט א פּראַכטפול־לע אויסגאַבע פונעם בוך „שוואמבראַניע" מיט אַזא אווטאָגראַף: „מאַקס פּאָליאַנאָווסקין, דעם הויפּט־אַרביטער פונעם פּלאַט און דעם שיף־מײַסטער פון „שוואמבראַניע" — פונעם געוו. אַדמיראַל לעוו קאַסיל. 14/10 1936".

דער ערשטער פאַרלעגער פון לעוו קאַסילס בוך „וואָראַטאַר רעספּובליקי"[1]

אין אָנהייב 1937 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין מאָסקווע לעבט א „פּריוואַטער פאַרלע־גער", וואָס לאָזט אַרויס אוניקאַלע ביכער און טיילט זיי פאַנאַנדער אָן א גראָשן געלט. איינס פון זײַנע ביכער, געווידמעט פּושקינס הונ־דערטסטן יאָרטאָג, האָט מען מיר באַוויזן אין דעם מוזיי, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם גרויסן דיכטער. דאָס איז געווען א ביכעלע, וואָס האָט געהאַט פיר סאַנטימעטער אין דער לענג און דרײַ סאַנטימעטער אין דער ברייט, אין א שיינעם אײַנבונד. אַף די דרײַ הונדערט זײַטעלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט הונדערט פיר און דרײַסיק לידער און א סאַך געמעלן. דאָס גאַנצע ביכעלע וואָלט פרײַ אַרײַן אין א זשילעט־קעשענע.

דעם דאָזיקן פיצינקן באַנד האָט „אַרויס־געלאָזט" דער דרײַצניאָריקער טאָליע קאָוו־ריזשקין, א שילער פון דער מאָסקווער 109־טער שול, א זון פון א זאַוואָד־מעכאַניקער.

און מאָלט אײַך אויס, אַז אָן שריפט־קאַ־סעס, אָן לינאָטיפּן, אָן דרוק־מאַשינעס און אײַנבונד־ווערקשטעלן איז דער בוך געווען גע־מאַכט לויט אַלע קלאָלים פון דער פאַרלעגע־רישער קונסט. אַלץ האָט געפרייט דאָס אויג: דער דײַטלעכער שריפט, די פּינקטלעכע און שיינע געמעלן, דער פײַנער אײַנבונד.

טאָליעס „פאַרלעגערישע טעטיקייט" האָט מיך פאַראינטערעסירט, און כ'בין געקומען צו אים צוגאַסט. כ'האָב דערזען בא אים א ביי־כעלע, וואָס האָט געהאַט אַנדערהאַלבן סאַנטי־מעטער די לענג און איין סאַנטימעטער די ברייט. דאָס איז געווען פּושקינס „מײַסעלע וועגן דעם גאָלדענעם האָנעלע".

אַף דעם אַרבעט־טיש באַם „פאַרלעגער", אַף וועלכן ס'זײַנען געווען אָנגעשטעלט פּלע־שעלעך מיט פאַרשיידנקאָליריקן טוש, אַקוואַ־רעל־פאַרבן, פענעס, פענדזלעך, זײַנען געלעגן נאָך ניט אײַנגעבונדן די זײַטלעך פון אַן אַנדער בוך.

— וואָס גרייט איר איצט אַרויסצולאָזן, טאָליע? — האָב איך אים געפרעגט.

— דאָס איז לעוו קאַסילס נײַ ווערק „וואָראַטאַר רעספּובליקי", — האָט טאָליע גע־זאָגט, — די דערציילונג ווערט איצט געדרוקט אין פאַרזעצונגען אין דער „פּיאָנערסקאַיאַ פּראַוודאַ". דאָס וועט זײַן א רײַך־אילוסטריר־טע אויסגאַבע. א שאָד נאָר, וואָס נאָך די ליי־מודים פאַרבלײַבט מיר ווייניק פרײַ צײַט...

קאַסיל איז איבעראַשט געוואָרן, דערזעענ־דיק שפּעטער דאָס ביכעלע, וואָס דאָס ייִנגל האָט געמאַכט. די פײַנע הילע, די פּילצאַליקע פאַרביקע געמעלן, דער דײַטלעכער שריפט און די גרייס — 9×7 סאַנטימעטער, — אַלץ האָט איידעס געזאָגט וועגן עכטער מײַסטערשאַפט פונעם יונגן „פאַרלעגער".

לעוו אַבראַמאָוויטש איז געווען אַנציקט פון דעם ייִנגלס ראַפינירטן געשמאַק, פון זײַנע האַמצאָעס און אויסערגעוויינלעכן געדולד. קאַ־סיל האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן דאָס אויג פון דעם מיקראָ־בוך, געלויבט טאָליען פאַר זײַן מײַסטערשאַפט, פאַר דעם, וואָס ער טוט די זאַך מיט אַזויפיל ליבע, און אויך פאַר דעם, וואָס ער האָט „אַריבערגעיאָגט" דעם מאָסקווער און דעם סאַראַטאָווער פאַרלאַגן, וועלכע קלײַבן זיך אַרויסגעבן דעם דאָזיקן בוך זײַנעם.

בייס קאַסיל האָט באַטראַכט טאָליעס פּראָ־דוקציע און פאַרפירט א שמועס וועגן זײַנע פּלענער אַף ווײַטער, האָב איך דערווײַל גע־מאַכט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. באַם געזעגענען זיך האָט טאָליע געשענקט דעם שרײַבער דאָס ביכעלע, וואָס ער האָט געמאַכט. עס האָט גע־האַט צוויי הונדערט אַכט און דרײַסיק זײַטלעך. לעוו קאַסיל האָט צוגעשיקט דעם „פאַרלעגער" עטלעכע זײַנע אַנדערע ביכער מיט אווטאָ־גראַפן.

...עס איז אַדורך מער פון דרײַסיק יאָר. איינמאָל — ס'איז געווען אין דעם לעצטן פרי־לינג פון זײַן לעבן — האָט קאַסיל מיר געזאָגט:

— איר ווייסט, ווער ס'איז געווען בא מיר? איר וועט קיינמאָל ניט טרעפן: טאָליע קאָוו־ריזשקין! איר געדענקט? יאָ, טאַקע דער זעל־בער, דער ערשטער אַרויסגעבער פון מײַן „וואָראַטאַר רעספּובליקי"...

אין דעם מאָמענט האָט מען קאַסילן א רוף געטאָן, און ער האָט ניט באַוויזן מיר דערציילן ביזן סאָף וועגן דער דאָזיקער באַ־געגעניש. נאָר ס'איז באַוווּסט, אַז זיי האָבן דעמלט געשמועסט וועגן א נײַער אופלאַגע פון

[1] דער טויער־וועכטער פון דער רעפּובליק".

לעוו קאַסיל און טאַליע קאָווריזשקין. 1938.

דעם דערמאָנטן בוך אין איינעם פון די מאָסקווער פארלאַגן. קאַסיל האָט אויסגעדריקט זײַן ווונטש, אז דאָס בוך זאָל קינסטלעריש אויספורעמען און איליוסטרירן אנאַטאָלי קאָווריזשקין.

כ׳האָב זיך דערמאָנט וועגן זייער ערשטער באגעגעניש, אָפּגעזוכט אן אַלטן, עטוואָס שוין אָפּגעבליאקעוועטן נעגאַטיוו, וואָס כ׳האָב דעמלט געמאַכט, און באשטימט אָנשרײַבן די דאָזיקע פּאָטאָ־נאָוועלע.

מיר הערן ווידער מאיאַקאָווסקיס שטים

וולאַדימיר מאיאַקאָווסקי האָט טאָמיד געוואָלט, אז זײַן שאַפונג זאָל דערגיין צו די ברייטע מאַסן. מיגאַסטאַם דערפאר האָט ער אין זײַנעם אן ארטיקל געשריבן: „איך פאָדער נאָך שטאַרקער פון די פידלער דאָס רעכט אַף א גראַמאָפאָן־פּלאַט״. אָבער פאַר אלע יאָרן פון זײַן שאַפונג איז ניט ארויסגעלאָזט געוואָרן קיין איין פּלאַט מיט מאיאַקאָווסקיס ווונדערלעכער דעקלאַמאַציע. עס האָבן זיך בלויז פארהיט עטלעכע וואַקסענע וואַליקעס, אַף וועלכע ס׳איז פארשריבן זײַן קאָל. די פארנאָטירונגען האָט געמאַכט אין לענינגראַד דער פּראָפעסאָר ס. אי. בערנשטיין. דער געלערנטער האָט דעמלט געגרייט אן ארבעט וועגן דער טעאָריע פון דעקלאַמאַציע. צוליב דעם דאָזיקן צוועק האָט ער פארשריבן אַף וואַקסענע וואַליקעס די פאָרלעזונגען פון א ריי דיכטער, דערין פון בריוסאָוו, אסייעוו, בלאָק און יעסענינען. די פארנאָטירונגען פון מאיאַקאָווסקיס שטים זײַנען געמאַכט געוואָרן אין 1920 און אין 1926.

אין סאַמע סאָף פון 1940 איז מיר געלונגען זיך דערעדן מיט דער סטודיע פון קלאַנגען־פארנאָטירונגען בײַם אַלפארבאַנדישן ראַדיאָ־קאָמיטעט, מע זאָל אריבערשרײַבן מאיאַקאָווסקיס שטים פון די וואַקסענע וואַליקעס אַף קינאָ־טאַשמעס און גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

ווען לעוו קאַסיל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט עס אים שטאַרק דערפרייט, און ער האָט זיך אינטערעסירט, וועלכע ווערק וועלן פארשריבן ווערן.

— עפשער איז מעגלעך, אז איך זאָל אויך בײַזײַן, בײַם מע וועט איבערשרײַבן די וואַליקעס? שוין צען יאָר האָב איך ניט געהערט זײַן שטים...

איך האָב דערציילט קאַסילן, אז די אָנפירער פון דער סטודיע האָבן מיך געבעטן אײַנלאַדן מאיאַקאָווסקיס אייגענע און זײַנע סאַמע נאָענטע פרײַנט. אינאיינעם מיט לעוו אבראַמאָוויטשן האָבן מיר צונויפגעשטעלט א רעשימע פון די, וועמען מע וואָלט באדאַרפט אײַנלאַדן.

אלע זײַנען געקומען צו דער באַשטימטער

צײַט — מאַיאַקאָווסקיס מאַמע אַלעקסאַנדראַ אַלעקסייעוונאַ, זײַנע שוועסטער אָלגע און ליודמילע, דער דיכטער ניקאָלײַ אַסייעוו, לעוו קאַסיל און איך.

כ'האָב געזאָגט לעוו אַבראַמאָוויטשן, אַז די רעדאַקציע פון „פּראַוודאַ" האָט געבעטן, מיר זאָלן נאָך הײַנט באַנאַכט אָנשרײַבן אַ גענויעם רעפּאָרטאַזש, וויאַזוי ס'איז דורכגעגאַנגען דאָס איבערשרײַבן דעם דיכטערס שטים, און אַז איך האָב אין אונדזער ביידנס נאָמען געגעבן די האַסקאָמע.

איך האָב אָף קיין האָר ניט געצווייפלט, אַז קאַסיל וועט זיך ניט אָפּזאָגן אָנצושרײַבן וועגן אַ מענטשן, וועלכן ער האָט אַזוי הויך געשעצט און ליב געהאַט.

...מ'האָט לאַנג געזוכט אַ פּאַסיקן פּאַנאָגראַף, קעדיי ניט צעשעדיקן די אוניקאַלע וואַליקעס. ענדלעך האָט מען אַזאַ אַפּאַראַט געפונען. דאָס איז געווען דער פּאַנאָגראַף, וועלכן טאָמאַס עדיסאָן האָט אין יאָר 1907 געשענקט לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָיען צו זײַן אַכציקסטן געבורטסטאָג.

בישכיינעס מיט דער הײַנטצײַטיקער מעכטיקער קלאַנגען־אַפּאַראַטור, מיט וועלכער עס איז געווען אויסגעשטאַט די סטודיע, האָט דער מיניאַטיור־פּאַנאָגראַף אויסגעזען עפּעס אומבאַהאָלפן. דערפאַר אָבער האָט ער לײַכט רעפּראָדוצירט פון די וואַקסענע וואַליקעס מאַיאַקאָווסקיס שטים. די נאָדל פונעם פּאַנאָגראַף האָט עלאַסטיש זיך געגליטשט איבער די דאָזיקע וואַליקעס, ניט געמאַכט אָף זיי אַפילע קיין איין קריץ.

און אָט דערנענטערט זיך די רעגע, אָף וועלכער מיר האָבן אַלע געוואַרט אין מעשעך פון די צען יאָר נאָך מאַיאַקאָווסקיס טויט.

די אינזשעניערן פאַרנעמען זייער פּלאַץ. אין דער סטודיע ווערט אַזוי שטיל, אַז מע הערט, ווי עס קלאַפּט דאָס אייגענע האַרץ.

— מיר וועלן באַלד לאָזן דעם וואַליק מיט מאַיאַקאָווסקיס „ניעאָביטשײַנאָיע פּריקליוטשעניע",[1] — האָט מיט ציטער אין קאָל געזאָגט איינער פון די אינזשעניערן.

אין די דינאַמיקעס איז ווי דורכגעלאָפן אַן אָפּגעהאַקטער שאָרך, און מיר האָבן דערהערט:

В сто сорок солнц закат пылал,
В июль катилось лето,
Была жара,
Жара плыла —
На даче было это.

(ווי הונדערט פערציק זונען, די שקיִע האָט געפלאַקערט, אין יול אַרײַן האָט זיך געקויקלט דער זומער, — געשטאַנען איז אַ היץ, געשוועבט עס האָט די היץ, — אָף אַ דאַטשע איז דאָס אַלץ געשען).

יאָ, דאָס איז געווען מאַיאַקאָווסקיס לעבעדיקע שטים מיט זײַנע ווּנדערלעכע ניואַנסן, מיט דעם אַריבערגאַנג פון פּאַטאָס צו איראָניע, מיט זײַן פּראָסטקייט און טיפער אויפריכטיקייט.

— דאָס איז אַ נעס! — האָט אויסגערופן ניקאָלײַ אַסייעוו.

קאַסיל איז געזעסן פאַרטיפט אין זײַנע מאַכשאָוועס. קאָן זײַן, אַז ער האָט אין אָט די רעגעס דערזען דעם גרויסן דיכטער אינעם געראַמען זאַל פונעם פּאָליטעכנישן מוזיי, „ווּ די ווענט אַפילע געדענקען מאַיאַקאָווסקיס דונערדיקן באַס". אַזוי האָט לעוו אַבראַמאָוויטש מיט יאָרן שפּעטער פאַרנאָטירט אין זײַן טאָגבוך. ער פּלעגט ניט זעלטן זאָגן, אַז יעדעס מאָל, ווען ער טרעט אַרויס אין אָט דעם זאַל, האָט ער דאָס געפיל, אַז מאַיאַקאָווסקי איז דאָ אויך גאָר נאָענט...

...די וואַליקעס דרייען זיך ווײַטער, און עס ווערט אַלץ מער און מער פאַרשווּנדן דער זײַטיקער גערויש, די ווערטער ווערן אויסגעלײַטערט און קלינגען אַלץ בוילעטער. מיר זיצן, ווי פאַרקישעפטע. פּלוצעם עפנט זיך די טיר, עמעצער רוקט אַרײַן דעם קאָפּ און באַווײַזט מיט זשעסטן, איך זאָל אַרויסגיין אין קאָרידאָר.

— גייט צו צום טעלעפאָן, מע קלינגט פון דער „פּראַוודאַ".

איך דערהער אין טרײַבל אַן אופגערעגט קאָל פונעם געהילפס־פאַרוואַלטער פונעם אינפאָרמאַציע־אָפּטייל מאַרטין מערזשאַנאָוו:

— כאַווײרים! ס'איז שוין באַלד דרײַ באַנאַכט. די צײַט איז שוין פון לאַנג אויסגעוויאָרסטעוועט. ס'איז געבליבן אַ ליידיק אָרט פאַר אײַער פאַרצייכענונג. ווּ איז דער מאַטעריאַל? דיקטירט אים גלײַך אָפּ דער סטענאָגראַפיסטקע...

מיר טײַנען צו אים, אַז די אַרבעט אין דער סטודיע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך האַלבער נאַכט, אַז מיר האָבן ביז איצט בלויז געקוקט און געהערט, און אַז מיר האָבן נאָך גאָרנישט ניט אָנגעשריבן.

— איך שיק נאָך אײַך טייקעף אַרויס אַ מאַשין און טוט, וואָס איר ווילט, שרײַבט אַפילע, פאָרנדיק אין דער מאַשין, — האָט זיך מערזשאַנאָוו געהיצט. — צו האַלב פיר דאַרף דער מאַטעריאַל שוין זײַן אין דער דרוקערײַ...

...די מאַשין יאָגט איבער די באַנאַכטיקאײַנגעשטילטע מאָסקווער גאַסן.

— וויאַזוי וועלן מיר אָנהייבן די פאַרצייכענונג? — פרעג איך בײַ קאַסילן.

— פּאָשעט: „הײַנט באַנאַכט האָט מאַיאַקאָווסקי ווידער אָנגעהויבן ריידן".

— און וויאַזוי וועלן מיר זי אָנרופן?

— איך מיין: „מאַיאַקאָווסקיס שטים".

ביזוואַנען מיר זײַנען געקומען אין רעדאַקציע, האָבן מיר די פאַרצייכענונג שוין געהאַט אַ גרייטע אין קאָפּ. עס האָבן געוואַרט אָף אונדז צוויי מאַשיניסטקעס. יעדערער פון אונדז האָט אָפּגעדיקטעוועט זײַן טייל פון דער פאַרצייכענונג.

— איך וועל שוין איבערלייענען אין די גראַנקעס, — האָט אַ זאָג געטאָן מערזשאַ־

[1] „אַן אומגעוויינלעכע פּאַסירונג".

נאָוו, — און איר פֿאַרט אהיים. די מאַשין וואַרט אף אײַך.

...ווען איך הער איצט אף א גראַמאָפאָן־פּלאַט די שטים פֿונעם זעקס־און־צוואַנציקיאָ־ריקן מאַיאַקאָווסקין, קומט אוף פֿאַר מײַנע אויגן יענע אומפֿאַרגעסלעכע נאַכט אף דער קראָפּאָטקין־גאַס, מאַיאַקאָווסקיס מאַמע, ווי זי איז איבעראַשט און ווי זי שלינגט מאַמעש יעדעס וואָרט פֿון איר זון, זײַנע שוועסטער און איינער פֿון זײַנע טאַלאַנטפֿולע שילער און פֿרײַנט — מײַן אלטער געטרײַער כאַווער לעוו קאַסיל.

ארקאַדי רײַקין און זײַן זון

איך דערמאָן זיך זײַן ערשטן אופֿטריט אין דער הויפּטשטאָט. דאָס איז געווען אין דעם מאָסקווער פּרעסע־הויז אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן. ארקאַדי רײַקין האָט באַדאַרפֿט ארויסטרעטן פֿאַר די פּרעסע־טוער. דעם מאָס־קווער מאַסן־צושויער איז ער צו יענער צײַט נאָך ניט געווען באַוווּסט, אָבער דער אָפּקלאַנג פֿון זײַן אויסערגעוויינלעכן דערפֿאָלג איז פֿון לענינגראַד דערגאַנגען שוין אהער. מע האָט גענומען ריידן, אז ס'האָט זיך באַוויזן א נײַער העלער שטערן אף דער עסטראַדע, אז דער יונגער אקטיאָר ארקאַדי רײַקין איז לאַכלוטן ניט ענלעך אף די ביז איצט באַוווּסטע מײַס־טערס פֿון דעם דאָזיקן זשאַנער. מיר האָבן, נאַ־טירלעך, מיט אינטערעס געוואַרט אף דער באַגעגעניש מיט אים.

און אָט איז רײַקין אף דער בינע. ער האַלט זיך באַשיידן, אפֿילע שעמעוודיק א ביסל, ווי מיר האָט זיך געדוכט. אָבער דער ליבלעכער שמייכל אף זײַן געזיכט האָט אים טייקעף דערנענטערט און געמאַכט היימיש מיט די צושויער. ער דערציילט עפּעס גאָר וויצעקס, נאָר אזוי, אז מע קײַכט פֿון געלעכטער. ער באַווײַזט עטלעכע מיניאַטיור־אינטערמעדיעס מיט זײַנע באַרימטע מאַסקעס, און מיר דער־שפּירן גלײַך, אז מיר האָבן פֿאַר זיך א ביז גאָר אָריגינעלן, טאַלאַנטפֿולן, זייער פֿריילעכן און צילגעווענדטן אקטיאָר.

אין אָט דעם אָפּדערנאַכט האָט ארקאַדי רײַקין דעראָבערט טויזנטער נײַע פֿאַרערער. אָפֿן צווייטן טאָג האָט וועגן אים גערעדט גאַנץ מאָסקווע.

אונדזער פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט איז פֿאָרגעקומען ערשט אין א יאָר צוואַנציק ארום, אף דער דאַטשע בא לעוו קאַסילן.

אין 1957 האָט ארקאַדי איסאַקאָוויטש באַ־קומען דעם טיטל פֿאָלקס־ארטיסט פֿון דער רוסלענדישער סאָוועטן־רעפּובליק. די דאָזיקע בסורע האָט מיר אָנגעזאָגט לעוו קאַסיל:

— ארקאַדי איז געוואָרן א פֿאָלקס־ארטיסט! גראַטולירט אים...

ס'איז געווען זומער־צײַט. מיר האָבן גע־לעבט אין פּערעדעלקינאָ. איך האָב זיך גע־לאָזט זוכן רײַקינען. אָפּגעזוכט אים אין א זײַ־טיק פֿאַרוואָרפֿן זומער־בײַדל. נאָך פֿונדער־ווײַטנס האָב איך אויסגערופֿן:

— איך באַגריס דעם אלפֿאָלקישן רײַקינען!

ער האָט א שמייכל געטאָן, אָפּגעדאַנקט און ווידער זיך פֿאַרטיפֿט אינעם לייענען. כ'האָב אים, זעט אויס, אָפּגעריסן פֿון א וויכטיקער ארבעט.

— איר שטודירט געוויס א נײַעם טעקסט? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— ניין, גראַדע אן אלטן, מע דאַרף אים אָבער איבערלייענען אף א נײַעם אופֿן — אף אונגאַריש. אינגיכן פֿאָרן מיר אף גאַסטראָלן קיין אונגאַרן...

ארקאַדי רײַקין „אין דרײַ געשטאַלטן“.

...איינמאָל, ס'איז געווען ערעוו דעם 1967, איז ארקאַדי איסאַקאָוויטש אראָפּגעקומען קיין פּערעדעלקינאָ און זיך באַזעצט מיט זײַן זון קאָטי אינעם שרײַבער־הויז. דער אקטיאָר האָט

זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון א גאַסטראָלרײַזע פון טשעכאָסלאָוואקיע.

ווען כ׳האָב אים א פרעג געטאָן, וויאַזוי עס זײַנען דאָרט דורכגעגאַן זײַנע גאַסטראָלן, האָט ער שטיל געענטפערט:

— אויב איר ווילט, — קומט מיט מיר, וועל איך אײַך עפּעס באַווײַזן.

מיר האָבן געלעבט בישכיינעס, און איך בין ארײַנגעגאַן צו אים. אפן שרײַבטיש זײַנען געלעגן א סאַך טשעכישע און סלאָוואקישע צײַטונגען און זשורנאַלן. ארקאַדי איסאַקאָוויטש האָט גענומען פון טיש איינעם א זשורנאַל און אים מיר באַוויזן. ס׳זײַנען דאָרט געווען אָפּגעדרוקט זיבן פאָטאָגראַפיעס מיט אן אונטערשריפט: „זיבן פון טויזנט געשטאַלטן“.

— אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך מאַכן ניט גאָר קיין געוויינלעכע פאָטאָגראַפיע, — האָב איך זיך געווענדט צו ארקאַדי איסאַקאָוויטשן. — איך וועל פּרוּוון פאָטאָגראַפירן אײַך אפן פּאָן פון די דאָזיקע זשורנאַלהילעס.

רײַקין האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע. די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם 1 יאַנוואַר 1964, האָב איך א נאָמען געגעבן „דרײַ געשטאַלטן אין איין פּערזאָן“.

אין א פּאָר טעג ארום זע איך, ווי ארקאַדי איסאַקאָוויטש פּאַרפּאַקעוועט שוין זײַן טשעמאָדאַן און קלײַבט זיך ערגעץ אוועקפאָרן. איך פרעג אים א פאַרכידעשטער, פאַרוואָס פאָרט ער עס אזוי גיך אוועק.

— איך האָב מיט גוואַלד, קאָן מען זאָגן, אָפּגעריסן עטלעכע מעסלעס נאָך דער שווערער נעסיִע, קעדיי א ביסל אן עטעם טאָן מיט דער פרישער לופט פון הינטער מאָסקווע. און איצט — ווידער צו דער ארבעט. אינגיכן פאָרן מיר מיט גאַסטראָלן קיין ענגלאַנד. דאַרף מען ניט סטאַם מעכאַניש איבערזעצן דעם טעקסט אין ענגליש, נאָר אזוי, אז יעדער וואָרט זאָל, אזוי צו זאָגן, ארויסקלײַקלען זיך פון דער צונג און זאָל אַבסאָליוט זײַן קלאָר דעם ענגלישן צושויער.

מע קען זיך פאָרשטעלן, וויפל מי דאָס פאָדערט, און ווי ארבעטזאַם עס דאַרף זײַן דער אַקטיאָר פאַר יעדער נײַער רײַזע קיין אויסלאַנד.

אין צענטער פון רײַקינס רעפּערטואַר שטייט קעסיידער דער מענטש. די סאַטירישע פײַלן פונעם אַקטיאָר זײַנען געווענדט קעגן אַלץ, וואָס שטערט דעם מענטשן בויען א בעסער לעבן. דערפאַר, געוויס, זײַנען די צושויער אים אזוי דאַנקבאַר.

ווען מע האָט דאָ ניט לאַנג געפרעגט ארקאַדי רײַקינען, ווער איז, לויט זײַן מיינונג, דער סוינע נומער איינס פון דער געזעלשאַפט, האָט ער דערויף געענטפערט:

— עס זײַנען פאַראַן מענטשן — זיי זײַנען ניט אזוי קליין אין דער צאָל, — וואָס צו אַלץ באַציִען זיי זיך גלײַכגילטיק, — צו אַלץ, אַחוץ צו זיך זעלבסט. גלײַכגילטיקײַט איז, לויט מײַן

דער זיבניאַריקער קאָטי רײַקין באַווײַזט מימישע סצענקעס, וועלכע עס קאָמענטירט קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי.

מיינונג, א שרעקלעכע קרענק, מיט וועלכער מע דאַרף אַקשאָנעסדיק קעמפן. אין אונדזערע ספּעקטאַקלען רופן מיר דעם צושויער, ער זאָל זיך באַציִען צו די מענטשן, וואָס רינגלען אים ארום, און צו דער ארבעט, וואָס ער טוט, פּונקט אזוי, ווי ער באַציט זיך צו זײַן אייגן געזונט...

אין לעוו קאַסילס טאָגבוך איז פאַראַן אַזאַ פאַרנאָטירונג: „מיר האָבן געקוקט אין טעלעוויזאָר א פילם מיט טשאַרלי טשאַפּלינס אָנטייל. ארקאַדי (רײַקין) איז ווי צוגעזאָטן געוואָרן צום עקראַן. ער האָט געשמאַק געלאַכט, געהאַט גרויס פאַרגעניגן. איך האָב בעשאַסמײַסע א קלער געטאָן: ווי גוט עס איז, וואָס אָט דער הויכטאַלאַנטירטער מענטש, בעלי־סאָפּעק איינער פון די בעסטע אַקטיאָרן פון אונדזער צײַט, האָט ניט אָנגעווירן די פײַיִקײַט אזוי הייס און אזוי אופריכטיק זיך פרייען מיטן טאַלאַנט פון א צווייטן מענטשן!

...ס׳פרייט מיך בעעמעס, וואָס צווישן אַלע אונדזערע פרײַנט איז רײַקין איינער פון די סאַמע נאָענטע און טײַערע. מיילע, זאָל מען איראָניזירן פון דעם, וואָס איך רעד וועגן אים שטענדיק אזוי דערהויבן. ער איז דאָס ווערט. ער פאַרמאָגט אי טאַלאַנט, אי קולטור, אי אָנשטענדיקײַט, אי פאַרשטאַנד, אי באַשיידנקײַט“.

ק. רײַקין אין דער ראָל פון בענעדיקטן אין דעם קינאָ־פילם „א גרויסער טומל פון גאָלע־גאָרניט”.

דער עפּיזאָד, וועגן וועלכן איך וויל איצט דערציילן, איז, לויט מײַן מיינונג, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ארקאַדי רײַקינען אַלס מענטש.

די ידיעה וועגן דעם טראַגישן אומקום פון די דרײַ סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן האָט אַלעמען דערשיטערט. אין יענעם אָוונט האָט רײַקין, ווי שטענדיק, פּינקטלעך צו דער צײַט זיך באַוויזן אָף דער בינע, אָבער באַם פאַרמאַכטן פאָרהאַנג. ער האָט זיך געווענדט צו דעם פולגעפּאַקטן צושויער־זאַל:

— הײַנט בין איך ניט אימשטאַנד אײַך צו פאַרווײַלן, כאַווײרים. גרויס איז דער אומגליק און אונדזער טרויער... ביטע, קומט מיט די זעלבע בילעטן דעם דרײַסיקסטן, ס'איז מײַן אָפּרו־טאָג, נאָר כ'וועל מיט פאַרגעניגן שפּילן פאַר אײַך. און איצט, פרײַנט מײַנע, לאָמיר זיך פאַנאַנדערגיין...

דער עולם האָט שטיל זיך אופגעהויבן פון די ערטער און זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

...אין ארקאַדי רײַקינס געזינד זײַנען אַלע שוישפּילער. זײַן פרוי רופי מאַרקאָוונע איז אַן אַקטריסע פון דעם לענינגראַדער טעאַטער פון עסטראַדע און מיניאַטיור. זייער טאָכטער קאַטיע האָט פאַרענדיקט די טעאַטראַלע שול אָף שטשוקינס נאָמען און איז אָנגעקומען אין וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער, ווו זי שפּילט ביז הײַנט־צו־טאָג. א שוישפּילער איז אויך דער מיזיניק קאָטי.

אַלעמאָל פאַרן אָנהייב פונעם נײַעם לערנּיאָר פלעגט דער שרײַבער קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי אײַנאָרדענען באַ זיך אָף דער דאַטשע אין פּערעדעלקינאָ א פריילעכן שײַטער פאַר די שילער. אַזוי איז אויך געווען אין דעם יאָר 1957. יענעם זומער האָט ארקאַדי איסאַקאָוויטש מיט זײַן הויזגעזינד פאַרבראַכט אין פּערעדעלקינאָ.

אָף דעם עסטראַדע־פּלאַץ זײַנען ארויסגעטראָטן אַרטיסטן און שרײַבער, די קינדער האָבן באַוויזן זייער קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט.

אינעם קאָנצערט האָט זיך אויך באַטייליקט ארקאַדי רײַקין, ער האָט באַוויזן עטלעכע מימישע סצענקעס. גלײַך נאָך דעם האָט א וואָרט גענומען קאָרניי טשוקאָווסקי און געזאָגט:

— כעוורע, באַלד וועט באַווײַזן עטלעכע מימישע סצענקעס א צווייטער רײַקין, קאָטי הייסט ער, ער איז אַלט זיבן יאָר, דאָס איז דער זון פונעם אַקטיאָר ארקאַדי רײַקין. די סצענקעס, וועלכע ער וועט אײַך באַווײַזן, האָט ער אַליין צוגעטראַכט. מיטן רעפּערטואַר פון זײַן טאַטן באַנוצט ער זיך ניט. זיי זײַנען טאַקע שטאַרק באַפרײַנדעט — דער זון מיטן טאַטן, נאָר די סצענקעס טראַכטן זיי צו יעדערער באַזונדער.

שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס ייִנגעלע פאַרמאָגט טאַקע היפּשע שוישפּילערישע פײַיִקײַטן. אַלע האָבן געפּאַסקנט, אַז זײַן באַרוף איז — די בינע. נאָר קאָטיע גופא האָט מיט אַקשאָנעס געטײַנעט: „קיין אַרטיסט וויל איך ניט זײַן! בעסער זײַן א מאָלער”.

ער האָטווירקלעך גוט געמאָלט. קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי האָט אַפילע אײַנגעאָרדנט אין זײַן קינדער־ביבליאָטעק אין פּערעדעלקינאָ אַן אויסשטעלונג פון קאָטיס געמעלן. קאָטי האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט ביאָלאָגיע און זאָאָלאָגיע.

— א טשיקאַווע יאַטל! — האָט איינמאָל זיך אָנגערופן ארקאַדי איסאַקאָוויטש וועגן זײַן זון. — ער וועט מינאַסטאַם זײַן אָדער א ביאָלאָג, אָדער א מאָלער...

עס זײַנען דורכגעפלויגן פופצן יאָר זינט קאָטיס דעביוט אָף דער דאַטשע אין פּערעדעלקינאָ. דאָ ניט לאַנג האָבן די מאָסקווער צושויער געזען דעם ייִנגערן רײַקינען אָף דער סצענע פונעם דראַמאַטישן טעאַטער „סאָווורעמעניק” אין דער הויפּט־ראָל פון דער פּיעסע „וואַלענטין און וואַלענטינאַ”.

אין מײַן פאָטאָ־אַרכיוו האָבן זיך פאַרהיט די פאָטאָגראַפיעס, וואָס כ'האָב געמאַכט מיט פופצן יאָר צוריק בײַס דעם קינדער־יאָמטעוו אין פּערעדעלקינאָ. אָף איינער פון זיי זעט איר, ווי קאָרניי איוואַנאָוויטש טשוקאָווסקי שטעלט פאָר פאַר די קינדער דעם זיבניאָריקן קאָטי רײַקין.

מענדל גאָלדמאַן

אין צוזאמענהאנג מיט מענדל גאָלדמאנס (טאשקענט) 75־טן געבורטסטאָג פארעפנטלעכן מיר זײַנע א ליד און אויך א פובליציסטישן אָפרוף אף א קאָמענטאר פון רעדאק־ציע פון „סאָוועטיש היימלאנד".

מיר באגריסן הארציק דעם יובילאר און ווינטשן אים שעפערישע דערפאָלגן.

צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם סטאַלינגראַדער זיג

צעשטראַלט עס האָט די זון זיך,
ווי גאָר ניט אין פעווראל־טעג,
און ווארעם איז די לופט,
ווי קיינמאָל ניט אין שוואט.
פון שווארצן יאם ביז באלטיק
א יאָמטעוו־שטים עס טראָגט זיך:
— באפרײַט איז סטאלינגראד!

די יאָמטעוו־שטים זיך קײַקלט
אריבער קאָנטינענטן:
— די לעצטע רינג צעריסן
אין סטאלינגראדער קייט!
באפרײַט די שטאָט געשענדטע,
און זאָלן אלע וויסן —
ס'איז יאָמטעוו אין מײַן היימלאנד,
מײַן היימלאנד הילכט פון פרייד...

עס רופט דער דאָן זיך איבער
מיט וואָלגע־טײַך דעם ברייטן,
פון ברעסטער העלדן־פעסטונג
דערגייט אהער די שטים:
— אויך דאָ עס וועלן פלאצן
דעם סוינעס שווערע קייטן,
קיין שאָטן וועט ניט בלײַבן
אף גאָרער ערד פון אים.

ס'וועט פרײַ ווערן דער דניעפער,
די סענע און די ווײַסל,
דאָס פאָלק, וואָס איז פארמאטערט,
באפרײַט וועט זײַן פון אָל.
און ווי א וווּנדער־מײַסע
אף ערד און יאם עס פלאטערט
דער קאמף פאר ליכט און פרײַהײַט,
אנטקעגן פויסט פון שטאָל.

צעשטראלט עס האָט די זון זיך,
ווי גאָר ניט אין פעווראל־טעג,
און ווארעם איז די לופט,
ווי קיינמאָל ניט אין שוואט.
פון שווארצן יאם ביז באלטיק
א יאָמטעוו־שטים עס טראָגט זיך:
— באפרײַט איז סטאלינגראד!

■

מיט די אויגן פון א ביאליסטאָקער

אין נומער 7 פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארן פאריקן יאָר, אין דער נאָטיץ „ווען וועט נעמען צו דעם א סאָף", האָב איך גע־לייענט וועגן דעם, וויאזוי די שרײַבער „פון יענער זײַט" מ. צאנין און א. צייטלין האָבן באשמוצט דעם אָנדענק פון פערעץ מארקישן.

האָבנדיק אין זינען די הײַנטיקע זיטן אין דער „בירגערלעכער" יידישער פרעסע, האָב איך זיך געטראכט, אז עפשער דארף מען גאָר צו מאָרדכע צאנינען, דעם הונדערטפראָצענטיקן בורזשואזן זשורנאליסט, קיין איבעריקע טא־רומעס ניט האָבן. אזא איינער איז צוליב א

סענסאציע, ביפראט נאָך מיט אן אנטיסאָוועטישן רייעך־ניכויאך, קאפאבל צו פארבײַטן דעם אייגענעם זיקאָרן. ס'האָט מיך אויך באזונדערס ניט איבעראשט, וואָס ארן צייטלין, דער „דיכטער־פילאָסאָף", מיטן יערייִשאָמאַיִם־פּאָנעם, האָט גענומען פּאָסמאקעווען אָט די מעגושעמדיקע, מיט ווײַסע שטעך פארסטריגעוועטע, סענסאציע. קלוימערשט, דער דאָזיקער ליטעראַרישער פײַנשמעקער פארשטייט ניט, אז בעשום־אויפן האָט פערעץ מארקיש ניט געקענט אפילע ארויסברענגען אף זײַנע ליפּן אזעלכע אומווירדיקע ווערטער, ווי די, וועלכע ס'שרײַבט אים צו מ. צאנין.

כ'האָב געהאט דעם קאָוועד דרײַ מאָל זיך טרעפן מיטן גרויסן סאָוועטישן ייִדישן דיכטער מארקיש, און יעדעס מאָל האָב איך באוווּנדערט זײַן טיף מענטשלעכן און כאווערישן צוגאנג צו פען־קאָלעגן, האגאם אידעאָלאָגיש פון אים ווײַטע, —

אין יאָר 1922, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין פוילן און איז אופגעטראָטן אין ביאַליסטאָקער טעאטער „פּאָלאס", פּארקישעפנדיק מאמעש דעם איבערפולטן זאל מיט זײַנע בליציקע געדאנקען און מעטאפאָרן;

אין יאָר 1926, בײַס זײַן צווייטן באזוך אין ביאַליסטאָק, ווו מ'האָט אים אופגענומען מיט א באזונדערער הארציקײַט, ווײַל ער איז געווען שוין פּאָפּולער און ברייט באליבט.

אגעוו, האָבן דאן אין טעאטער, ווו מארקיש איז אופגעטראָטן, ארומגעשליאָנדערט לײַט פון דער טרויעריק־בארימטער דעפענזיווע, און מיר האָבן באצײַטנס אים ארויסגעפירט דורך א הינטערטיר, און אין א האלבער שאָ שפּעטער איז ער שוין געזעסן צווישן פרײַנט אין דער דירע פון א לינקן ארבעטער...

און דאָס לעצטע מאָל — אין 1943, אין טאשקענט, אין לאָקאל פונעם אוזבעקישן שרײַבער־פארבאנד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון אן אָפיצער פון שווארציאמישן פלאָט. האגאם זײַן באזוך אין טאשקענט האָט געטראָגן א פּריוואטן כאראקטער און איז געווען זייער א קורצער, — האָט ער, פונדעסטוועגן, געפונען צײַט צו פארינטערעסירן זיך מיט דער גרופּע ייִדישע פּליטים־שרײַבער פון פוילן (י. אשנדאָרף, נ. באָמזע, ש. בערלינסקי, י. זאָנשײַן און דער שרײַבער פון די שורעס), ארויסגעפּויעלט פאר זיי פארגרעסערטע געלט־אונטערשטיצונגען אין ליטפאָנד, באקומען פאר צוויי, באזונדערס נויטבאדערפטיקע, אָרדערס אף מאלבושים, געהאט א שעפערישן צונויפטרעף מיט דער שרײַבער־גרופּע, אופמערקזאם ארויסגעהערט אונדזערע לידער, דערציילונגען און געטיילט זיך מיט זײַנע שעפערישע פּלענער.

און אָט דער זעלבער פערעץ מארקיש האָט עס געזאָלט ריידן „זייער ניט סובטילע רייד" אפן אָוונט אין ביאַליסטאָק, ער האָט געזאָלט באווארפן מיט בלאָטע די ייִדישע פּליטים־שרײַבער פון פוילן און פארמישפּעטן זיי צו שעפערישן אומקום, אייצענענדיק אוועקווארפן צו אלדע רוכעס די פען און נעמען זיך פאר שוסטערײַ און שנײַדערײַ, מאכמעס „דער גרויסער באפרײַערישער ראטנפארבאנד דארף האָבן גוטע און אָרנטלעכע שנײַדער און שוסטער"...

אדהאיעם איז מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן דער באזוך אין ביאַליסטאָק פון די שרײַבער־בריגאדעס פון מינסק און קיִעוו (אין באשטאנד פון די חח' פעפער, סיטאָ, גאָנטאר, אָרלאנד, אקסעלראָד און קאמענעצקי) אין די סענטיאַבער־טעג 1939 און זייער אויסערגעוויינלעך פרײַנטלעכע און כאווערישע באציִונג צו די ייִדישע פּליטים־שרײַבער, אנטלאָפענע פונעם ווארשעווער גענעם.

די געמיינזאמע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען פון די מינסקער, קיִעווער און ווארשעווער שרײַבער פלעגן פארוואנדלט ווערן אין הארציקע באגעגענישן צווישן פען־כאווירים, פאר וועלכע ס'זײַנען אָפּגעשאפן געוואָרן די קינסטלעכע מעכיצעס, וואָס האָבן זיי יאָרנלאנג פאנאנדערגעטיילט. פריידיק האָבן געקלונגען אנטימילכאָמע־לידער געווידמעט די באפרײַטע געביטן פון מײַרעוו־אוקראַיִנע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד.

אף איינעם אזא ליטעראַרישן אָוונט האָט דער שרײַבער פון די שורעס געלייענט א פראגמענט פון זײַנער א גרעסערער ליד וועגן די סענטיאַבער־ טעג, אָנגעשריבן אף דער הייסער מינוט.

...געבראכט אונדז באניִונג, געשענקט אונדז באפרײַונג
פון פּאָרעץ און טאקיף, פון פּאן און קולאק, —
עס שמעקט אין דער הארבסטיקער לופט מיט באניִונג,
מיט פרילינגשן אומרו, מיט פיבערשן טאקט.

ווי האסטיק עס בײַטן זיך שאָען און רעגעס,
שוין מער ניט צעטרענצלט, אָן ציל און אָן זין, —
ווען ס'קרייצן זיך, רייצן דיך וועגן און שטעגן,
וואָס פירן צום רויטן, פארטרויטן אהין...

איך ציטיר דאָ דעם פראגמענט דערפאר, ווײַל ער שפּיגלט בוילעט אָפּ דעם געמיטצושטאנד פון יענע אָנגעגליטע טעג — דעם געמיט־צושטאנד, וואָס איז שפּעטער אויך פארפיקסירט געוואָרן אין די לידער־ביכער פון די ווארשעווער ייִדישע שרײַבער־פּליטים. די ביכער זײַנען אין א צײַט ארום דערשינען אין מאָסקווע.

אף די דערמאָנטע ליטעראַרישע אָוונטן האָט געהערשט א געמיטלעכע שעפערישע שטימונג, וואָס וואָלט זיכער געווען אן אנדערע נאָך אזא ארויסטרעטונג פון פערעץ מארקישן, ווי עס שילדערט זי צאנין.

וועגן א פאל, וואָס כאראקטעריזירט די באציִונג פון די סאָוועטישע שעליכים צו די פּליטים־שרײַבער, דערציילט, אגעוו, א. גאָנטאר אין נום. 9 פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארן יאָר 1970, אין זײַנע זיכרוינעס וועגן איציק פעפערן.

געשען איז עס טאקע אין ביאליסטאָק, אין יענע סענטיאבער־טעג. אין וועסטיביול פון האָטעל איז צו פעפערן צוגעגאנגען א שטארק אויסגעצערטער, שלעכט געקליידטער מאן. פעפער האָט צוערשט אים ניט דערקענט און אין א ווײַלע ארום געכאפּט אים קושן און האלדזן. געווען איז עס דער פּאָעט מוישע בראָדערזאָן. פעפער האָט קוידעמקאָל אײַנגעלאדן בראָדערזאָנען אָפּצועסן מיט אים אין רעסטאָראַן, און נאָכדעם אים אײַנגעאָרדנט בא זיך אין האָטעל. צומאָרגנס איז פעפער אוועק מיט אים אין א קאָמיסיע־קראָם און אים אָנגעטאָן אין נײַע מאַלבושים. דער טאָמיד שארפזיניקער בראָדערזאָן האָט ווי אופגעלעבט, באקומען לאָשן און אָנגעהויבן זיך וויצלען אף זײַן שטייגער.

די סאָוועטישע שרײַבער־בריגאדעס האָבן די צײַט פון זייער ווײַלן אין ביאליסטאָק אויסגענוצט אף גענויער צו באקענען זיך מיט די באדערפענישן פון די פּליטים־שרײַבער. מע האָט אָפּגענומען בא זיי קסאוויאדן פארן „עמעס״־פארלאג.

כ׳דערצייל עס אלץ, קעדיי צו באווײַזן, ווי אומגעלומפּערט עס זעען אויס אף אָט דעם פּאָן די צוטראכטענישן און די גוזמעס פון צאנינען, וואָס זייער זין און צוועק איז — מיט קאָלערליי מיטלען צו פארקריפּלען און פארשווכן דעם היסטאָרישן עמעס פון יענע בעעמעס היסטאָרישע טעג און גלײַכצײַטיק באשמוצן און פארשווארצן דעם ליכטיקן אָנדענק פון פּערעץ מארקישן, אגעוו — דעם שעפער פון דער ווונדערבארער קינסטלערישער עפּאָפּייע „טראָט פון דוירעס״, ווו עס ווערט אזוי עמעסדיק געשילדערט יענער טראגישער פּליטים־פּעריִאָד, דאָס לעבן פונעם אזוי געפּרוווטן פוילישן ייִדנטום, וואָס שוין דאָס גופע שטימט לאכלוטן ניט מיט מארקישעס קלוימערשטער ארויסטרעטונג אפן דערמאָנטן שרײַבער־אָוונט.

עס איז בעלי־סאָפעק, אז די ווערטער, וועלכע צאנין האָט ארײַנגעלייגט מארקישן אין מויל, זײַנען — ווייך גערעדט — אויסגעזויגן פון די פינגער. גיכער פון אלץ דארף מען זיך מעשײַער זײַן, אז מארקיש האָט באריִרט אפן אָוונט די פּראָבלעם פון פּראָדוקטיוויזאציע פון די צענדליקער טויזנטער געראטעוועטע ייִדישע פּליטים, און פאר קיין פאל האָט ער ניט געקענט רופן די ייִדישע שרײַבער, זײַנע פּען־קאָלעגן, וועלכע ער האָט אזוי געשעצט, זיי זאָלן פארבײַטן די פּען אף א שוסטערישע נאָל און א שנײַדערישער שער.

א הויכע באַלוינונג

אין די טעג פונעם אלפאָלקישן יאָמטעוו — דעם פופציקיאָריקן יובילײַ פון סאָוועטנפארבאנד — זײַנען אלע פארבאנדישע און אווטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן, די נאציִאָנאלע קרײַזן און אווטאָנאָמע געגנטן באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „פעלקער־פרײַנטשאפט״.

מיר ברענגען דאָ דעם אוקאַז פון פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר וועגן באַלוינען די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט.

אוקאַז פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר וועגן באַלוינען די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט מיטן אָרדען „פעלקער־פרײַנטשאפט״

פאר די גרויסע פארדינסטן פון די ארבעטנדיקע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אינעם פארפעסטיקן די ברידערלעכע פרײַנטשאפט פון די סאָוועטישע פעלקער, פאר די דערגרייכונגען אין דער בויונג פון דער ווירטשאפט און קולטור און קעדיי צו באצייכענען דעם 50־יאָריקן יובילײַ פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציִאליסטישע רעפּובליקן באַלוינען די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט מיטן אָרדען „פעלקער־פרײַנטשאפט״.

פאָרזיצער פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
נ. פּאָדגאָרני

סעקרעטאר פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
מ. געאָרגאדזע

מאָסקווע, קרעמל, 29 דעקאבער 1972.

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ארן ראַסקין

א נייטיק בוך

י. סערעבריאַני האָט אין זײַן בוך „מיטצײַטלער און קלאַסיקער"[1] אײַנגעשלאָסן א ריי זײַנע ארבעטן, וואָס זײַנען געווידמעט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און דער קלאַסישער ירושה. פאר י. סערעבריאַנין איז כאראקטעריסטיש די נייטיקייט צו ריידן מיט דעם לייענער אף א צוגענגלעכער שפראַך, דערטראָגן צו אים אף א צוטריטלעכן אויפן (ניט אריינפאלנדיק דערבײַ אין פאריינפאכונג) די עסטעטישע ווערט פון די אָדער יענע ליטעראַרישע דענקמעלער. אין די ארבעטן לאָזט זיך בוילעט מערקן די באַהאווונטקײַט פונעם קריטיקער אין פראַגן פון ליטעראַטור־געשיכטע, באַזונדערס אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

דאָס בוך ווערט געעפנט מיט א ברייטערער ארבעט „די פאָרמירונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור", וועלכע איז לעכאַטכילע געווען געשריבן אין רוסיש און איז דעריבער אויסגערעכנט אף א לייענער, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. דעם קריטיקער האָט זיך אײַנגעגעבן אין א זייער געפרעסטער פאָרם אופצודעקן די וויכטיקסטע פראָצעסן אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין איר „שטורעם־און דראַנג־פעריאָד", אין די 20־ער יאָרן פון אונדזער י. ה. עס ווערט איבערצײַגעוודיק באַוויזן ווי אָרגאַניש די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז געווען פאַרבונדן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דער ייִדישער ביזאָקטיאַבערישער ליטעראַטור, אין די טיפסטע טיפענישן פון וועלכער ס'זײַנען אופגעקומען און רײַף געוואָרן די אידייִשקינסטלערישע פאָרהאַנאָכעס פאר אירע גרויסע נאָוואַטאָרישע אופטוען.

„די פראָגרעסיווע, רעאַליסטישע און רעוואָליוציאָנערע טראַדיציעס פון די ייִדישע קלאַסיקער, — שרײַבט י. סערעבריאַני, — פון די רעוואָליוציאָנערע דיכטער — עמיגראַנטן, פון די שרײַבער־דעמאָקראַטן א. רייזען, ד. פינסקי, י. מ. ווײַסנבערג און אנדערע, ווי אויך די טראַדיציעס פונעם דראַמאַטורג, דיכטער און גרינדער פונעם ייִדישן טעאַטער אווראָם גאָלדפאדען, וועמעס לידער און פיעסן זײַנען געווען זייער פּאָפּולער באַם פאָלק און זײַנען דערפאָלגרײַך אויסגענוצט געוואָרן מיצאַד אונדזערע סאָוועטישע ייִדישע טעאַטערן, — אלע די דאָזיקע טראַדיציעס שליסן זיך בעליסאָפעק אָן צו דער סאָציאַליסטישער ליניע, צו דער „גאָלדענער קייט" פון אונדזער יונגער, אין שטרײַטן און שווערע ניסיוינעס געבאָרענער, סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור" (ז. 16).

גענוי ווערט אין דער ארבעט דערציילט וועגן די גרויסע שוועריקײַטן, וואָס זײַנען אויסגעפאלן אף דעם גוירל פון די רישוינים פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו קעמפן ניט נאָר אפן שלאַכט־פעלד קעגן דעם סוינע אין פעריאָד פון בירגערקריג, נאָר אויך „מיט זיך אליין", מיט דער אייגענער אידייִשער און פאָליטישער ניט־רײַפקײַט. באַרעכטיקט איז די באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט פונעם קריטיקער צו דעם אַזויגערופענעם „קיִעווער פעריאָד" פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט, ווי באַוווּסט, ארויסגערופן פיל וויקוכים אין אונדזער פאָרשונג. י. סערעבריאַני שטעלט פעסט, אז די בעסטע פאָרשטייער פון דער „קיִעווער גרופע" — אָ. שוואַרצמאַן, ד. האָפשטיין, פּ. מארקיש, ל. קוויטקאָ, ד. בערגעל־

1 И. Серебряный. Современники и классики. Москва, 1971.

סאָן, דער ניסטער — האָבן דורכגעלייגט א נײַעם וועג אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, ניט געקוקט אף באשטימטע אידייִשע שטרויכלונגען בא יעדן פון זיי אין די ערשטע יאָרן פון זייער שאפן. דער קריטיקער באטאָנט די גרויסע האשפּאָע, וואָס די „קיִעווער" האָבן געהאט אף דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד. באמערקנסווערט איז אין דעם פראט די דורך אים ציטירטע ווייניק באקאנטע ארויסזאָגונג פונעם דיכטער סערגיי יעסענין וועגן דעם איניען. דער קריטיקער שרײַבט, אז ניט קיין קליינע באדײַטונג האָט אין דער הינזיכט געהאט דאָס צײַטווײַליקע געפינען זיך פון א ריי „קיִעווער" אין אויסלאנד — א טאט־זאך, וואָס האָט זײַנערצײַט ארויסגערופן גוואלדיקע פאָרווורפן און אן איבערגעטריבענע טאדלונג מיצאד דער ראפּישער קריטיק. י. סערעבריאני באווײַזט, אז זײַענדיק אין אויסלאנד האָבן אזוינע דיכטער, ווי מארקיש, האָפשטיין, קוויטקאָ בײַגעשטײַערט צו דעם געוויסן אידייִשן פאָרשריט, וואָס די ייִדישע ליטעראטור האָט דורכגעמאכט אין אויסלאנד.

אין דער ארבעט ווערט געגעבן א ברייט בילד פון דער פארצווײַגטער נעץ פון ייִדישע ליטערארישע גרופּעס, וועלכע זײַנען אופגעקומען אין פארשיידענע שטעט פון ראטנפארבאנד, און פון די פעריִאָדישע אויסגאבן, וואָס זײַנען דערשינען אין יענע יאָרן. עס ווערט דערציילט, עמעס שוין צופיל לאקאָניש און בעמיילע ווו־ניט־ווו עטוואָס פארייִנפאכט, וועגן די כלוקעדייעס, וועלכע האָבן געהערשט צווישן די פארשיידענע ליטערארישע גרופּירונגען.

אינטערעסאנט זײַנען די באאָבאכטונגען פונעם קריטיקער איבער די קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון דער סאָוועטישער ייִדישער, פון איין זײַט, און רוסישער, אוקראַיִנישער און ווײַסרוסישער ליטעראטורן, פון דער צווייטער זײַט. דער דאָזיקער פראגע איז געווידמעט אויך א ספּעציִעלער ארטיקל „מאיאקאָווסקי און די ייִדישע דיכטונג".

ריכטיק איז י. סערעבריאניס רעזיומע, אז אין סאָף פון די צוואנציקער יאָרן באפרײַט זיך די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור פון פארשיידענע סימוואָלישע, ארכאַיִשע קאטעגאָריעס און פעסטיקט זיך אײַן אף אינטערנאציִאָנאלע, סאָציִאליסטיש־רעאליסטישע פּאָזיציעס.

אין בוך זײַנען ארײַן א ריי ארבעטן, וועלכע באהאנדלען די שאפונג פון באזונדערע שרײַבער און דיכטער. די דאָזיקע ארבעטן זײַנען ניט גלײַכווערטיק, אייניקע זײַנען מער געלונגען, אנדערע — ווייניקער. לויט דעם כאראקטער געפינען זיי זיך קימאט אלע אפן ראנד צווישן דער קריטישער שטודיע און דעם ליטערארישן פּאָרטרעט — א זשאנער, וועלכן דער קריטיקער האָט באזונדערס ליב. אלס ליטערארישע פּאָרטרעטן זײַנען די ארבעטן באהויכט מיט א געוויסער לירישער ווארעמקײַט, דערבײַ אָבער פעלט אייניקע פון זיי די נייטיקע פאר קריטישע שטודיעס וויסנשאפטלעכע גרינטלעכקײַט.

צו איינער פון די אמערסטן געלונגענע ארבעטן געהערט דער ליטעראריש־קריטישער עסיי וועגן שמועל האלקינען „דער גוטער נאָמען". דאָ ווערט נאָכגעפאָלגט דער אידייִש־קינסטלערישער וווקס פונעם דיכטער, אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטן בוך „לידער" (1922) און ענדיקנדיק מיט די לידער, וואָס זײַנען געוועז געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. י. סערעבריאני טאדלט מיט רעכט די דאָגמאטישע קריטיק, וועלכע האָט דעם יונגן האלקינען פאָרגעוואָרפן קאָלערליי זינד און האָט אין זײַן פריִער ליריק „פארזען די גרעסטע מערהײַט לידער, וועלכע זײַנען גאנץ ווײַט פון סקעפּטיציזם, ייִעש און פרײַ פון וועלכע ניט איז ספּייקעס און וואקלונגען לעגאבע דער ליכטיקער צוקונפט פון אונדזער לאנד און פון אלע ברידערלעכע פעלקער, וואָס וווינען אין דעם. אין די דאָזיקע לידער הערשן מונטערע און מוטיקע מאָטיוון, ליכטיקע און פריידיקע פארבן. די לידער באזינגען דאָס שעפערישע, פרידלעכע לעבן, די סאָציִאליסטישע בוויונג, די ליבע, די נאטור" (ז. 76).

אינטערעסאנט זײַנען י. סערעבריאניס באאָבאכטונגען איבער דעם אידייִש־קינסטלערישן מעהוס פון האלקינס נאָכמילכאָמע־לידער, באזונדערס פון די לידער, וואָס זײַנען געוועז געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. ער אקצענטירט די אייגנטימלעכע פאר זיי רײַכע בילדערישקײַט, פילאָסאָפישע באדאכטקײַט, זייער אָנגעזאפּטקײַט מיט „ריינע מענטשלעכע איבערלעבונגען און ראפינירטע לײַדנשאפטן". ציטירנדיק איינע פון האלקינס לעצטע לידער „איך בין מיט גלוסטונגען, גלײַך ווי א מילגרוים פול", באמערקט י. סערעבריאני:

„אזוי האָט געקענט זאָגן בלויז האלקין! פאר אים איז כאראקטעריסטיש די דאָזיקע „קייטלדיקע רעאקציע", די אידיי וויקלט זיך פאנאנדער און קאָנקרעטיזירט זיך אין אלץ א ברייטערן קרײַז עמאָציִאָנעלאָנגעלאָדענע געדאנקען, מאָטיוון און בילדער. דער פינאל קומט ווי א בליציקער „אופרײַס", וואָס באלײַכט און פארסאכאקלט די גאנצע פאנאָראמע אין דעם ליד" (ז. 86).

ווערטפול איז דער אנאליז פון האלקינס דראמאטורגיע, וועגן וועלכער עס איז גאָר קנאפ געשריבן געוואָרן אין אונדזער ליטעראטור.

געגוי ווערט כאראקטעריזירט דער שעפערישער וועג פונעם דיכטער איזי כאריק אין דער ארבעט „דער כראָניקער פון זײַן עפּאָכע".

אינעם קורצן עסיי וועגן ל. קוויטקאָ איז מיט רעכט אויסגעטיילט דאָס כאראקטעריסטישע פאר זײַן דיכטונג — ערדישקײַט, אומויסשעפּלעכע לעבנס־לוסט, פארליבטקײַט אין דער נאטור פונעם לאנד. פיל ווארעמע שורעס זײַנען געווידמעט קוויטקאָס דיכטונג פאר קינדער.

אויך אין דער כאראקטעריסטיק פון כאיִם מאלטינסקיס שאפונג ווערט באטאָנט דאָס ווירקלעך אייגנטימלעכע פאר אָט דעם דיכטער — די אָפּטימיסטישע לעבנס־אופאסונג, וועלכע ס'האָבן ניט געקענט אײַנברעכן אלע שווערע ניסיוינעס, וואָס עס איז אויסגעקומען איבערצולעבן מאלטינסקין דעם שלאכטמאן. דער קריטיקער ווײַזט עס קאָנקרעט אף דעם אנאליז פון דעם דיכטערס נאָכמילכאָמע־לידער. „יעדעס מאלטינסקיס געדיכט, וואָס איז אָנגעשריבן אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן, — שרײַבט י. סערעבריאני, — איז טיף באזיניקט און פארבונדן מיט שטארקע פערזענלעכע איבערלעבונגען. אין זײַנע לידער קען מען טרעפן ניט נאָר מונטערע מאָטיוון, נאָר אויך טיפן מענטשלעכן טרויער, טיפע ליידן. נאָר א ווונ־

דערלעכע זאך! אפילע די „מינאָר"־לידער פונעם דיכטער פארטיפערן בלויז באם לייענער די אָפטימיסטישע וועלט־אופאסונג, דעם ליכטיקן גלייבן אין אונדזערווירקלעכקײַט, אין אונדזער צוקונפט" (דאָרט. ז. 204).

אלס מוסטער פון א גרינטלעכן אידייִש־קינסטלערישן אנאליז פון א באזונדער ליטעראריש ווערק דארף באצייכנט ווערן די ארבעט „א ווערטפולער דענקמאָל", געווידמעט מ. קולבאקס פאָעמע „דיסנער טשײַלד האראָלד".

צו די בעסטע ארבעטן וועגן אונדזערע מיטצײַטלער־פראָזאִיקער געהערט דער ליטעראַרישער פאָרטרעט פון נויעך לוריע. דאָ ווערט נאָכגעפאָלגט דער לעבן־ און שאפונגס־וועג פונעם שרײַבער, פון זײַנע ערשטע טריט ביז די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, געגנוי ווערט כאראקטעריזירט דער קאמף, וועלכן דעם שרײַבער איז אויסגעקומען צו פירן מיט דער לאסט פון אָפגעלעבטער טראדיציע אין זײַן אייגענער שאפונג. שטאפל נאָך שטאפל שפירט נאָך דער פאָרשער די אידייִש־קינסטלערישע עוואָליוציע, וואָס נויעך לוריע האָט דורכגעמאכט. סערעבריאנין איז געלונגען אופצודעקן די קינסטלערישע אייגנארטיקײַט פון דעם עכט אָריגינעלן שרײַבער, „דעם זינגער פונעם געזונטן און שיינעם אף דער ערד!". באזונדערס אינטערעסאנט איז דער אנאליז פון דעם ראָמאן „אין וואלד", וואָס ווערט פונעם קריטיקער מיט רעכט געשטעלט אין איין ריי מיט די גוט באקאנטע אווטאָביִאָגראפישע ראָמאנען — „געשיכטעס פון דער קינדהײַט" — אין דער ליטעראטור פון די ברידערלעכע פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד.

די אנדערע ארבעטן וועגן אונדזערע פראָזאִיקער (צום בײַשפיל, וועגן נ. זאבארען, י. ראבינען) זײַנען באזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס אין זיי ווערן צוערשט קריטיש באהאנדלט ווערק, וועלכע האָבן גאָר ניט לאנג דערזען די ליכטיקע שײַן.

סערעבריאניס ארבעטן וועגן אונדזערע גרויסע קלאסיקער צייכענען זיך אויס מיט וויסנשאפטלעך־פאָרשערישער סקרופולעזקײַט און פאָלעמישער פארשארפטקײַט. מענדעלען איז געווידמעט די פאָרשונג „דאָס וויכטיקסטע אין מענדעלעס שאפן", אין וועלכער ס'ווערט מיט רעכט דורכגעפירט א געוויסע איבערשאצונג פון אייניקע אָנגענומענע אין דער מענדעלע־פאָרשונג דאָגמעס. סערעבריאני באטאָנט די אייגנארטיקײַט פון מענדעלעס „אופקלערונג", אקצענטירט די דעמאָקראטישקײַט פון זײַן שאפן שוין באם סאמע אָנהייב, ווען ער איז ארויסגעטראָטן אלס שרײַבער־מאסקיל.

„פון זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראטור, — שרײַבט י. סערעבריאני, — ווײַזט מענדעלע ארויס א מער טיפע, אין פארגלײַך מיט אנדערע מאסקילים, רעאלע באנעמונג פון פראָצעסן און דערשײַנונגען, א גרעסערע פארינטערעסירטקײַט אין באנײַען די סאָציִאלע לעבנס־פאָרמען און אין דער זעלבער צײַט א טרײַקײַט די טראדיציעס, וועלכע ווערן פון אים דאָך קריטיש אופגעפאסט... מענדעלעס „אופקלערונג" איז פול מיט אייגנארטיקײַט. האגאם אויך זי דינט דער אומענדערונג און סעקולאריזירונג פונעם ייִדישן לעבן, דער באנײַונג פון א ריי טראדיציִאָנעלע מיטלאלטערלעכע אינסטיטוציעס (דעם כיידער, די טאלמעטוירעס אדג.), איז דאָך מענדעלע אוועק פיל ווײַטער אין פארגלײַך מיט די אנדערע מאסקילים. ער שטעלט פאר זיך א ריי קאָנסטרוקטיווע צילן, פאר וועלכע ער קעמפט מוטיק מיט וואָרט און טאט. טאקע דערפאר קומט ער אינגיכן אין א צוזאמענשטויס מיט די מאסקילים, מיט די אידייען פון דער האסקאָלע. מענדעלע האָט דאָך געשילדערט אין זײַנע ווערק אויך „פאלשע מאסקילים", האָט פון זיי אראָפגעריסן די מאסקעס און געוויזן, אז פון זייער סוויווע קומען ארויס די שטאנדהאפטס, די גלאסנעס און די פאָרשטייער פון די נאָך מער ניידערטרעכטיקע נײַע „באלטויוועס" (ז. 242).

דער פאָרשער וואַרפט אָפ די ווײַט פארשפרייטע אין דער פריִערדיקער ליטעראטור וועגן מענדעלען טענדענץ צוצושרײַבן אים רעליגיִעזקײַט, פעסימיסטישע און רעאקציִאָנערע מאָטיוון, אידילישע ראָמאנטיזירונג פון דער פארגאנגענהײַט אין אזוינע ווערק, ווי דער לעצטער ווארִיאנט פון דער „קליאטשע", „דאָס ווינטשפינגעו־ל", „שלוימע רעב כאִימס". י. סערעבריאני באווײַזט קאָנקרעט, אז אין די דאָזיקע ווערק לאָזט זיך ערטערווײַז מערקן דאפקע א פארשטארקונג פון מענדעלעס איראָניע אין באצוג צו די הערשנדיקע געזעלשאפטלעכע באציִונגען, אן אָנוווקס פון סאָציִאלן פראָטעסט. צום בײַשפיל, אינעם לעצטן ווארִיאנט פון דער „קליאטשע" איז פיל שארפער די קריטיק פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, פון דער בורזשואזער „ציוויליזאציע", עס ווערט בוילעטער באוויזן די צעשטערערישע ווירקונג פון דער קאפיטאליסטישער טעכניק, פון דער אימפעריִאליסטישער קאָלאָניִאלער רויבערײַ, סארקאסטישער ווערט אנטבלויזט דער טאָך פון דער בורזשואזער „פרײַהײַט פון פרעסע".

דער פאָרשער באטאָנט, אז אין זײַנע לעצטע קינסטלערישע ווערק בלײַבט מענדעלע ניט נאָר טרײַ זײַנע דעמאָקראטישע אידעאלן, נאָר אין א ריי פאלן ווערן זיי בא אים אפילע פארטיפערט. אין „שלוימע רעב כאִימס" איז בוילעטער ווי אין די פריִערדיקע ווערק אויסגעדריקט מענדעלעס סימפאטיע צום ארבעטנדיקן פאָלק, צו זײַן מענטשלעכער ווירדע. דאָ ווערט פיל אָרט אָפגעגעבן דער לאגע פון דעם באלמעלאָכע, פון די קינדער פון דער אָרעמקײַט. „שרײַבנדיק זײַן אווטאָביִאָגראפיש ווערק, אין וועלכן עס איז דאָ, נאטירלעך, א סאך בענקשאפט און ראָמאנטיק, — באמערקט י. סערעבריאני, — איראָניזירט אָבער מענדעלע אָפט איבער די אמאָליקע זאבאָבאָנעס און פאָרורטיילן, איבער דעם כיידער און די מעלאמדים, לאכט אויס די כסידישע פריידיקער און באלעניסים, די קלייקוידעש פון אלע ראנגען... ווי אין זײַנע פריִיִקע ווערק, געברויכט מענדעלע אין לעצטן ווארִיאנט פונעם „ווינטשפינגערל" און אין זײַן אווטאָביִאָגראפיע „שלוימע רעב כאִימס" פארשיידענע פובליציסטישע און לירישע אָפווײַכונגען, און דאָ זעען מיר דײַטלעך, אז מענדעלע איז אין טאָך געבליבן טרײַ זײַנע פאָרגעשריטענע אידעאלן און טרוימען ביזן סאָף פון זײַן לעבן" (ז. 252).

יאָרנלאנג האָט זיך י. סערעבריאני באשעפטיקט מיט דעם שאפן פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אלייכעם. אינעם רעצענזירטן בוך זײַנען ארײַן דרײַ ארבעטן וועגן אים: „שאָלעם־אלייכעם — דער דעביוטאנט", „שאָלעם־אלייכעמס ארבעט איבער

דעם ראָמאן „מענאכעם־מענדל“ און „שאָלעם־אלייכעם און די פראָבלעמען פון קינסטלערישער איבערזעצונג“. יעדע פון די ארבעטן שטעלט מיט זיך פאָר א באשטימטן בײַטראָג אין דער ליטעראטור וועגן אונדזער גרויסן קלאסיקער. אין דער ארבעט „שאָלעם־אלייכעם — דער דעביוטאנט“ ווענדט זיך דער פאָרשער צום סאמע אָנהייב פון שאָלעם־אלייכעמס שאפן, וועלכע איז ווייניקער אויסגעפאָרשט. אפן סמאך פון א רײַ מאטעריאלן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די צײַטונגען פון יענער צײַט, באווײַזט י. סערעבריאני, אז שאָלעם־אלייכעמען איז דאן אויסגעקומען צו פירן א קאמף אָף צוויי פראָנטן: קעגן דער בורזשואזער ליטעראטור אין העברעיִש און קעגן דער בולוואר־ליטעראטור אין ייִדיש. „איצט איז שוין ניט געשטאנען די פראגע וועגן שאפן א ליטעראטור אין ייִדיש, עס האָט זיך אין טאָך געהאנדלט וועגן שאפן אן ערנסטע הויך־קינסטלערישע ליטעראטור, וועלכע איז אויסגערעכנט אָף די ברייטע לייענער־מאסן און שפיגלט אָפּ זייערע לעבנס־אינטערעסן“ (ז. 266). אין דער ארבעט ווערן געבראכט א רײַ מאטעריאלן, וועלכע בארײַכערן אונדזער וויסן וועגן דעם טאָך און דער באדײַטונג פון שאָלעם־אלייכעמס שטרײַט מיט שאָמערן, וועגן די שוועריקײַטן, וועלכע ס׳איז אויסגעקומען גויוער צו זײַן אין דעם דאָזיקן קאמף, וועגן דער גוואלדיקער העץ־קאמפאניע, וואָס האָט זיך אין דעם צוזאמענהאנג צעפלאקערט ארום דעם יונגן שרײַבער.

בוילעט האָט זיך ארויסגעוויזן די כאראקטעריסטישע פאר י. סערעבריאנין פאָרשערישע סקרופולעזקײַט באם אנאליזירן ליטערארישע דערשײַנונגען אין איינער פון זײַנע בעסטע פאָרשונגען — „שאָלעם־אלייכעמס ארבעט איבער דעם ראָמאן „מענאכעם־מענדל“. סערעבריאני האָט אונדז מאמעש ארײַנגעפירט אין דער שעפערישער לאבאראטאָריע פונעם גרויסן מײַסטער און באוויזן, פארגלײַכנדיק וואָרט מיט וואָרט, שורע מיט שורע, וויִאזוי שאָלעם־אלייכעם האָט פון פילצאָליקע זײַנע „פעליעטאָנען“, וואָס זײַנען געווען צעזייט אין פארשיידענע צײַטונגען, אויסגעפורעמט דעם מאָנומענטאלן ראָמאן, שטאפל נאָך שטאפל אויסגעבילדעט יענע וווּנדערבארע קינסטלערישע שליימעס, מיט וועלכער ס׳צייכנט זיך אויס דאָס דאָזיקע שאָלעם־אלייכעמישע מײַסטער־ווערק.

עס איז גוט באקאנט שאָלעם־אלייכעמס גרויסער אינטערעס צו די איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק אין אנדערע שפראכן און באזונדערס אין רוסיש, זײַן טרוים „ארויסצושווימען אינעם אָקעאן פון דער רוסישער ליטעראטור“. אין דער ארבעט „שאָלעם־אלייכעם און פראָבלעמען פון קינסטלערישער איבערזעצונג“ ברענגט י. סערעבריאני א רײַ ווייניק באקאנטע מאטעריאלן, באזונדערס שאָלעם־אלייכעמס בריוו, פון וועלכע ס׳לאָזט זיך קלאָר ארויסזען, ווי גרויס איז געווען בא אונדזער קלאסיקער דאָס געפיל פון אכרײַעס לעגאבע דעם אייגענעם שאפן און דער ייִדישער ליטעראטור ביכלאל, בייס עס פלעגט אים אויסקומען דעביוטירן פארן רוסישן פובליקום.

אינטערעסאנט זײַנען די מאטעריאלן, וועלכע באווײַזן, ווי ערנסט און פאראנטוואָרטלעך שאָלעם־אלייכעם האָט זיך באצויגן צו זײַנע אייגענע איבערזעצונגען פון די רוסישע קלאסיקער. זייער באלערעוודיק איז אין דעם פראט דער בריוו־אויסטויש מיט ל. נ. טאָלסטאָי, וואָס ווערט געבראכט אין דער ארבעט. דער פאָרשער רעזיומירט מיט רעכט, אז „די געדאנקען, וועלכע שאָלעם־אלייכעם זאָגט דאָ ארויס וועגן די פרינציפן פון איבערזעצונג און די בײַשפילן פון מײַסטערישער איבערזעצונג, וואָס ווערן דאָ געבראכט, געפינען זיך אָף דעם ניוואָ פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע פאָדערונגען צו דער קונסט פון איבערזעצונג און זײַנען באלערעוודיק פאר די הײַנטצײַטיקע איבערזעצער פון זײַנע ווערק“ (ז. 285).

י. סערעבריאניס „מיטצײַטלער און קלאסיקער“ איז א נייטיקער בוך, וואָס וועט העלפן דעם ייִדישן און ניט־ייִדישן מאסן־לייענער זיך ברייטער צו באקאנען מיט די ווערק פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור און פון דער ייִדישער ליטעראטור פון דער פארגאנגענהײַט.

כראָניק

ביכער פון ייִדישע שרײַבער אין דער איבערזעצונג אָף רוסיש

אין קיִעווער פארלאג „ראדיאנסקי פיסמעניק“ איז דערשינען אין א מאסן־טיראזש הערשל פאָליאנקערס ראָמאן „סאנטאָס און זײַנע יאָרשים“.

צו יעכיִעל שרײַבמאנס 60־טן געבורטסטאָג האָט דער קעשענעווער פארלאג „קארטיא מאָלדאָוועניאסקע“ ארויסגעגעבן זײַן זאמלונג „ראשקעווער דערציילונגען“. אין דער זאמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן „שאָלעם כאנאכעס“, „דער פעטער פײַוול“, „פאָרט א יאָסעם“, „מײַן ערשטע ליבע“, „בעניע“ און אנדערע.

די ווערק פוןביידע שרײַבער זײַנען געווען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד“.

■ ■ ■

שוואַרץ און ווײַס

(וועגן מ. גאָרשמאַנס ליטאָגראַפיעס „טעוויע דער מילכיקער")

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אינטערפּרעטאַטאָרס פון שאָלעם־אַלייכעמס אומשטערבלעכע געשטאַלטן אין דער גראַפיק איז אָן שום ספק דער קינסטלער מענדל גאָרשמאַן. צו שאָלעם־אַלייכעמען האָט זיך גאָרשמאַן געווענדט אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זײַן שאַפן. אַמאָל זײַנען עס געווען באַזונדערע גראַפישע בויגנס, וועלכע טראָגן אף זיך די אָפּווירקונג פון דעם שרײַבערס פּאָעטישער דערהויבנקײַט. אַמאָל זײַנען עס געווען פּאָשעטע איליוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. אַלס שפּעפערישער סאַכאַקל פון דער לאַנגיאָריקער אַרבעט איבער דער שאָלעם־אַלייכעם־טעמאַטיק איז געקומען דער ציקל ליטאָגראַפיעס „טעוויע דער מילכיקער". דאָס איז, נאַטירלעך, ניט קיין באַשטעלונג צו וועלכער־ניט־איז אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. די דאָזיקע סעריע איז אַנטשטאַנען ווי אַ זעלבשטענדיק ווערק, וואָס איז געווען אײַנגעספּירירט פון דעם קינסטלערס ליבע צו די אים האַרציק־נאָענטע העלדן פון „טעוויע דער מילכיקער".

גאָרשמאַן האָט פאַרטראַכט 40 ליטאָגראַפיעס, נאָר באַוויזן האָט ער אָנצייכענען בלויז 16. דער ציקל איז פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט... די דאָזיקע אייגנאַרטיקע סימפאָניע איז געוואָרן דאָס שוואַנען־געזאַנג פון גאָרשמאַנס גראַפיק.

אין צענטער פונעם קינסטלערס אויפמערקזאַמקײַט געפינט זיך די קאָלאָריטפולע פיגור פון טעוויע דעם מילכיקער, וועלכן ער באַמיט זיך צו באַווײַזן אין זײַן גאַנצער פילאַרטיקײַט. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דער קינסטלער האַלט זיך אין דער קאָמפּאָזיציע פון זײַנע גראַפישע בויגנס בײַ דעם זעלבן פּרינציפּ, בײַ וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן שאָלעם־אַלייכעם, וואָס האָט, ווי באַוווּסט, ברייט אויסגענוצט דעם דיאַלאָג בײַם אויפדעקן דאָס טעוויע־געשטאַלט: טעוויע און שאָלעם־אַלייכעם, טעוויע און האָדל, טעוויע און גאָלדע, טעוויע און מענאַכעם־מענדל, טעוויע און פּעפּערל אַאַוו. — דאָס זײַנען אַלץ גראַפישע דיאַלאָגן, וואָס שילדערן טעוויען אין פאַרשיידענע געמיט־צושטאַנדן. אָט איז ער באַטריבט, פאַרדײַגעט, געבויגן צו דער ערד אונטערן עול פון נויט און דאַגות. אָט איז ער פול מיט לעבנס־פרייד און שיט הויפנווײַז פּסוקים, וועלכע ער טײַטשט אויס אַזוי, ווי אים גלוסט זיך. און אָט דערשײַנט ער פאַר אונדז ווי אַ פאַרברענטער ליבהאָבער פון וויכוחים, פון הייסע דיסקוסיעס מיקוויעך הויכע מאַטעריעס. מיר זעען אויך טעוויען, וועלכער פּײַניקט זיך פון די טיפסטע ליידן, ווי ער וואָלט געטראָגן אין זײַן פאַרוווּנדעט האַרץ דעם דוירעסדיקן ווייטעק פון זײַן פאָלק. נאָר טעוויע, ווי באַוווּסט, איז קוידעמקאָל אַן אָפּטימיסט, פאַר וועלכן די פרייד פון עצם זײַן איז די גרעסטע רײַכקײַט אף דער ערד, און אַזאַ זעען מיר אים אף דער ליטאָגראַפיע, וווּ גאָרשמאַן באַווײַזט אים מיט דער קו אף אַ שטריק. דאָ נוצט דער מאָלער מײַסטעריש אויס די היפּערבאָלע, וועלכע גיט אים אַ מעגלעכקײַט דערהייבן זיך צו גרויסער קינסטלערישער פאַראַלגעמיינערונג. טעוויעס פיגור איז געגעבן אין דער גאַנצער גרייס — אַ ייִד אַ גוואַר, מיט ברייטע אַטלעטישע אַקסל, ווי אַ גיבער פון די אוראַלטע לעגענדעס. ער שטייט פעסט אף דער ערד, דער האָרעפּאַשניק טעוויע, אַ פאַרליבטער אין לעבן. זײַן געזיכט איז באַהעלט מיט אַ גליקלעכן שמייכל, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען זײַנע. אין אוניסאָן צו דער לויטערער שטימונג, וואָס הערשט אף דעם בילד, איז זײַן גראַפישע לייזונג. דער בויגן איז ווי באַגאָסן מיט זונענשײַן, עס דאָמינירן אין אים די אַקאָרדן פון ווײַס, דער קינסטלער לאָזט אַפילע בעקיוון איבער קימאַט גאָר אָן טושירונג גאַנצע שטיקער ווײַס פּאַפּיר. די דאָזיקע ליטאָגראַפיע האָט גלײַכצײַטיק אי אַ פאַראַלגעמיינערנדיקן, אי אַ מער קאָנקרעטן זין, אַ נאָענטן צום טעקסט. זי סימבאָליזירט דעם אָנהייב פון אַ נײַער ערע אין טעוויעס לעבן, אף וויפל ס'איז אים אומדערוואַרט אַרײַנגעפאַלן „דאָס גרויסע געווינס".

ווי אַ קאָנטראַסט צו דעם דאָזיקן בויגן איז די ליטאָגראַפיע, אף וועלכער טעוויע דערשײַנט פאַר אונדז אַלס אַ ביטערער קאַפּצן, אַ מעטופּל מיט קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע. טעוויע איז געוויזן אין דער אַרומרינגלונג פון זײַנע טעכטער. די פאַמיליע איז פאַרזונקען אין דער שטוביקער כאַשכעס, אַזוי אַז מע זעט קימאַט ניט דעם פאָטערס געזיכט. ליכטבליקן כאַפּן אַרויס פון דער פינצטערניש די אויסגעצויגענע הענט פון די טעכטער און צעפלאָסענע קאָנטורן פון זייערע געזיכטער. עס דאַכט זיך, אַז דו זעסט בלויז הונגעריקע מײַלער און דאַרע הענט, וואָס ציִען זיך גיריק נאָך אַ שטיקל ברויט.

מײַסטעריש איז די שפּיל פון ליכט און שאָטן אויך אף דער ליטאָגראַפיע, וווּ גאָרשמאַן שילדערט טעוויען אף דעם מאָלצײַט בײַ די גווירים, וואָס האָבן אים באַגליקט מיט דעם „גרויסן געווינס". אפן דאָזיקן בויגן דאָמינירט אַ גרוי־שוואַרצע טאָנאַלקײַט, עס לאָזן זיך קוים־קוים מערקן די געזיכטער אָדער די פיגור־קאָנטורן; טיפע שאָטנס מישן זיך איבער מיט ליכט־שטרײַפן. דאָס ליכט־ און שאָטן־שפּיל סימבאָליזירט דאָ די עפּעמערישקײַט פון די דעראָבערטע רײַכטימער. ניט אומזיסט ווײַזט דער קינסטלער אף אַ צווייטער ליטאָגראַפיע די צוויי פאַרבלאָנד־

זשעטע פּריען, מיט וועלכע טעוויע טרעפט זיך אין וואַלד, אַלס מעטושטעשע געשפּענסטער, וואָס זײַנען ווי געקומען אים צו כאַלעם. אויך דער מאַלצײַט, וואָס איז לעקאָוועד אים אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין גווירישן הויז, דערמאָנט בלויז אַ כאַלעם. די וואָר האָט טאַקע גאָר גיך צעווייעט דעם דאָזיקן כאַלעם, נאָך וועלכן ס'האָט זיך געיאָגט דער קאַפּצן טעוויע. ער איז זיך צעפלאָסן, ווי דער „פּאַראַאַריקער שניי", מיט וועלכן ס'האָט געהאַנדלט שאָלעם-אַלייכעמס מענאַכעם-מענדל. די צײַט-ראַמען ווערן אין די ליטאָגראַפיעס ווי אויסגעברייטערט. זיי שילדערן קאָנקרעטע געשעענישן, איליוסטרירנדיק דעם טעקסט, און זײַנען אין דער זעלבער צײַט קינסטלערישע פּאַראַלגעמיינערונגען, וועלכע צווינגען אונדז צו דערטראַכטן דאָס, וואָס איז פאַרבליבן הינטערן קאַדער.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּראַט דער בויגן, אַף וועלכן ס'ווערט געשילדערט שאָלעם-אַלייכעם מיט זײַן העלד. גאַרשמאַן צווינגט אונדז ניט נאָר זען זײַן העלד, נאָר אויך הערן די הייסע ווײקוכים, זײַנע טײַנעס צו גאָט. דאָס געשטאַלט פונעם שרײַבער איז געצייכנט מיט קנאַפּע שטריכן, נאָר דאָס איז גענוג, מיר זאָלן דערפילן יענע גרויסע מענטשלעכע וואַרעמקײַט, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען דאָס ווערק.

גאַרשמאַנען געלינגט מײַסטערהאַפט אַרײַנפלעכטן אין דער דאָזיקער ליטאָגראַפיע דעם שאָלעם-אַלייכעמישן טעקסט — דאָס אַלץ העלפט דעם קינסטלער אָפּצודעקן דעם טאַמציס פון טעוויעס אָפּגערעגטן מאָנאָלאָג וועגן דער גרויסער אומגערעכטיקײַט, וואָס הערשט אין דער וועלט, ווו איינער באַדט זיך אין גאָלד און דער אַנדערער ווערט פאַרשוואַרצט אַלע זײַנע יאָרן און טעג, ווי ער, טעוויע.

דעם צוזאַמענשטויס פון די דאָזיקע צוויי וועלטן — אָרעם און רײַך — האָט גאַרשמאַן מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער ראַפינירטקײַט איבערגעגעבן אין דער ליטאָגראַפיע, ווו ס'ווערט געשילדערט טעוויע באַם פּאָדריאַדטשיק פּעדאָצערן אין שטוב. באַ דעם ערשטן אָנבליק דאַכט זיך, אַז טעוויע איז פאַרשטויסן אין ווינקל דורך דער רײַכקײַט און פּראַכט, וועלכע רינגלען אים דאָ אַרום, דורך די צוויי פּעדאָצערס (דער קינסטלער האָט אים טרעפלעך געוויזן אין שפּיגל אין אַנפאַס און אין פּראָפיל), וועלכע גרײַפן אים אָן. נאָר ווען מע קוקט זיך טיפער אײַן, זעט מען בוילעט, ווער פון זיי איז ווירקלעך גרויס, און ווער — נעבעכדיק און לעכערלעך. דער זיצנדיקער טעוויע שײַנט צו זײַן אַ ריז אין פאַרגלײַך מיט דעם קליינעם, זשוואַוון נעפּעשל, וואָס שטייט עפּעס אַזוי מאָדנע אויסגעבויגן לעבן אים. די שילדערונג פון פּעדאָצערס געזיכט, וואָס איז געגעבן אין צוויי פּראָיעקציעס, גיט אונדז די מעגלעכקײַט מאַמעש פיזיש צו דערשפּירן דאָס פריקרע „דריבנע געלעכטערל" פון דעם דאָזיקן אָפּגעקומענעם אוישער, דעם פּאַרוועניו, וועמען ס'שטייט ניט אָן די קרויוועשאַפט מיט טעוויען, ווײַל ער קען זיך פאַרזונעלעך מיט דעם גובערנאַטאָר און אין זײַן דירע-מעלוכע קען אַמאָל אַרײַנקומען אַ בראָדסקי אָדער אַליין ראָטשילד ביכווידי אַוועצמוי. אין דעם דאָזיקן בויגן האָבן זיך אין אַ גלײַכער מאָס אַנטפּלעקט סײַ דער סאַטירישער טאַלאַנט פונעם גראַפיקער גאַרשמאַן, סײַ זײַן מײַסטערשאַפט אַלס פּסיכאָלאָג. אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערטראָגן דעם צושויער די גאַנצע טיפקײַט פון טעוויעס ליידן, אין וועלכע דער ווייטעק פונעם פּאָטער מישט זיך איבער מיט דער פּײַן פון דער גאַנצער מענטשהײַט.

פונקט ווי אין דער דאָזיקער ליטאָגראַפיע, אַזוי אויך אין די בויגנס, אַף וועלכע ס'ווערט געשילדערט די געזעגענונג פון טעוויען מיט האָדלען און טעוויע באַם טויטן בעט פון גאָלדען, געלינגט דעם קינסטלער איבערצוגעבן די טיפסטע איבערלעבונגען, דערבײַ ווערט פאַרהיט די מאַקסימאַלסטע אויסערלעכע אײַנגעהאַלטנקײַט („טעוויע איז ניט קיין יידענע!"). מיט קאַרגע מיטלען — מיט ווײַס און שוואַרצס, ליכט און שאָטן — דערגרייכט גאַרשמאַן גרויסן טראַגיזם.

עס קאָן קיין צווייפל ניט זײַן, אַז ווען דעם קינסטלער וואָלט זיך אײַנגעגעבן אויספילן אַלע 40 פאַרטראַכטע בויגנס, וואָלטן די ליכטיקע געשטאַלטן באַ אים גענומען די אויבערהאַנט, זיי זײַנען אים נעענטער צום האַרצן.

אין דעם ציקל ליטאָגראַפיעס „טעוויע דער מילכיקער" האָט גאַרשמאַן פאַררייניקט אין דער גראַפישער קונסט ניט נאָר שאָלעם-אַלייכעמס אָפּטימיסטישע וועלט-אויפפאַסונג, נאָר אויך זײַן אייגענע לעבנס-עמפּינדונג.

פרידע ראַסקין

קינסטלער
מענדל גאַרשמאַן

רעפּראָדוקציעס פון דער סעריע
אוטאָליטאָגראַפיעס צו שאָלעם־
אליכעמס „טעוויע דער
מילכיקער".





אונדזערע מיטיילונגען

ביבלישע און אפּאָקריטישע סוזשעטן אין דער רוסישער דראמאטורגיע

אין אָקטיאבער 1972 האָט די סאָוועטישע טעאטראלע געזעלשאפטלעכקײַט אָפּגעמערקט דעם 300־יאָריקן יובילײ פונעם רוסישן טעאטער. דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר האָט צו דער דאָזיקער דאטע, צווישן אנדערס, ארויסגעגעבן דאָס בוך „די פריִקע רוסישע דראמאטורגיע", ווּ עס זײַנען ארײַן די ערשטע רוסישע פיעסן. די רוסישע דראמאטורגיע האָט אין אירע אָנפאנג־עטאפּן אויסגענוצט אייניקע ביבלישע און אפּאָקריטישע סוזשעטן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער דראמאטישן אראָמאט.

די ערשטע טעאטראלע שטעלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין רוסלאנד אין XV—XVII יה. דאָס איז געווען א מין קירכלעכער ריטואל, ווי די מיסטעריע «Пещное действо», וועלכע איז איבערגענומען געוואָרן פון די גריכן. אָפּריכטן דעם ריטואל פלעגט מען ערעוו ווײַנאכט אין מאָסקווע, נאָווגאָראָד און וואָלאָגדע. דאָס איז געווען אן אינסצענירונג פון דער געשעעניש, וועלכע ווערט באשריבן אינעם בוך „דאניִעל", — ווי דרײַ ייִדישע באָכערים ווארפט מען ארײַן אין קאלך־אויוון דערפאר, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ צו בוקן זיך צום גאָלדענעם געץ, נאָר א מאלעך ראטעוועט זיי. אלס סצענארי פונעם ריטואל האָט געדינט דער טשין (דה. די אָרדענונג) פון «Пещное действо», ווּ עס זײַנען אָנגעוויזן דער צערעמאָניִאל, די אקסעסוארן און די טעקסטן פון די דיִאלאָגן.

דער אָנהייב פון דער רוסישער דראמאטורגיע איז פארבונדן מיטן אָרגאניזירן אין 1672 דעם טעאטער באַם הויף פונעם רוסישן קייסער אלעקסיי מיכײַלאָוויטש. צו דעם דאָזיקן איניען האָט מען צוגעצויגן דעם פאסטאָר פון דער ליוטעראנישער קירך פון דער מאָסקווער דײַטשישער סלאָבאָדע אי. ג. גרעגאָרי. צוזאמען מיט אייניקע געהילפן האָט ער אָנגעשריבן אין דײַטש עטלעכע פיעסן, וועלכע זײַנען דערנאָך איבערגעזעצט און געשפילט געוואָרן אין רוסיש. צו די דאָזיקע פיעסן געהערן „אכאשווייערעש" (לויט „מעגילאס עסטער"), „יעהודיס" (לויטן אפּאָקריט מיטן זעלבן נאָמען), „די קליינע קאלטע (דה. פארוויילנדיקע) קאָמעדיע וועגן יויסעף־האצאדיק", און די „קלאָג־קאָמעדיע (דה. דראמע) וועגן אָדאָם־האָרישן און כאווע". די טעקסטן זייערע האָבן זיך פארהיט אין פארשיידענע רעשימעס. אויסער דעם, זײַנען געשפילט געוואָרן די פיעסן („קאָמעדיעס") „וועגן טעוויען", „וועגן דאָווידן און גאָליִאס האפּלישטי". זייערע טעקסטן זײַנען צו אונדז ניט דערגאנגען.

צו דעם זעלבן פעריִאָד געהערט די פיעסע: „וועגן דעם קייסער נעוווּכאדנעצאר, וועגן דעם גאָלדענעם גוילעם און וועגן די דרײַ יונגען, וועלכע זײַנען אין קאלך־אויוון ניט פארברענט געוואָרן", אָנגעשריבן דורכן בארימטן פּאָליטישן טוער, פּאָעט און פריידיקער סימעאָן פּאָלאָצקי (ס. יע. פּעטראָווסקי — סיטניִאנאָוויטש); דער טעקסט איז פיל מאָל פארעפנטלעכט געוואָרן.

די ליטעראטור־קענער האָבן אָפּגעמערקט די פארבינדונג פון די איבערגערעכנטע פיעסן מיט די פּילצאָליקע ווערק אַף די זעלבע סוזשעטן, פארפאסט דורך די דראמאטורגן פון פוילן און מײַרעוו־דײַטשלאנד אין XVI—XVII יה. באזונדערס אָפט פלעגט מען אויסנוצן דעם סוזשעט פון עסטער־האמאלקע, אויך די דערציילונגען וועגן יעהודיס, אָדאָם־האָרישן און כאווע, יויסעף־האצאדיק. די דאָזיקע פיעסן האָבן געשפילט באזונדערס די וואנדערנדיקע קאָמעדיִאנטן אין דײַטשלאנד.

מע דארף אָפּמערקן, אז צו די דערמאָנטע צײַטן געהערט אויך דער אופקום פון די ייִדישע פיעסן אַף די זעלבע טעמעס („אכאשווייערעש־שפּיל", „מעכיראס־יויסעף", „גאָליִאס־שפּיל" אא.), וועלכע פלעגן אופגעפירט ווערן אין די יאָמטויווים פורים, כאנעקע און אַף כאסענעס.

נאָכן טויט פונעם קייסער אלעקסיי מיכײַלאָוויטש האָט דער הויף־טעאטער זיך פארמאכט. ערשט אין די צײַטן פון פּיאָטער I זײַנען באַנײַט געוואָרן די טעאטראלע פאָרשטעלונגען. ווען פּיאָטער I איז אין 1710 מיט טריִומף ארײַנגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָבן די צוהערער פון דער סלאוויש־גריכיש־לאטײַנישער אקאדעמיע אופגעפירט א פיעסע מיטן נאָמען „גאָט שטילט אײַן די שטאָלצע"

(«Божие уничижителей гордых... уничижение»).

אין דער פיעסע זײַנען ארײַן לעבעדיקע בילדער און געשטאלטן פון אייניקע ביבלישע עפּיזאָדן (דער

קאמף פון שימשענען מיטן לייב, פון דאָוויד־האמע־לעך — מיט די בונטארעס און פארעטער), וועלכע רופן זיך אָלעגאָריש איבער מיט די געשעענישן פון יענער צײַט (דער זיג פון רוסלאַנד איבער שוועדן, מאַזעפּעס פאַראַט, דער איניען פונעם פּרינץ אַלעק־סיי אאַ.). די אַנגעוויזענע אַנאַלאָגיע איז אָפּגעמערקט אינעם ברייטן נאָמען פון דער פּראָגראַם פון דער דאָ־זיקער פאָרשטעלונג, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן אין זעלבן יאָר.

אַזאַ כאַראַקטער האָט געהאַט אויך אַ צווייטע פּיע־סע פון די צײַטן פון פּיאָטער I — „וועגן עסטער־האמאַלקע". אין איר ווערט ווי געמאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן די פאַמיליען־באַציִונגען בײַ פּיאָטער I און בײַ אַכאַשווייִרעשן. די דאָזיקע פּיעסע, ווי צוויי אַנדערע פּיעסעס פון יענער צײַט אויף ביבל־טעמעס (די „דראַ־מע וועגן כעזקיִאָהו דעם מעלעך פון יעהודע" און „די געשיכטע וועגן דאָוויד־האַמעלעך און שלוימע־האַמעלעך"), האָט די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פאַרעפנ־טלעכט לויט פאַרצײַטיקע מאַנוסקריפּטן אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

ווען עס האָט געקיניגט אַנאַ יאָהאַנאָװנע, זײַנען אינעם ווינטער־פּאַלאַץ געשטעלט געוואָרן איטאַליע־נישע מוזיקאַלע פּיעסן. עס איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן דער טעקסט (ריכטיקער, די ליברעטאָ) פון איי־נער פון די דאָזיקע פּיעסן — „שימשן", אין אַ רוסי־שער איבערזעצונג פון וו. ק. טרעדיאַקאָווסקי (ס.־פּעטערבורג, 1735). עס זײַנען אויך אַרויסגעגעבן איבערזעצונגען פון די פּיעסן, וועלכע עס האָט אָנ־געשריבן דער באַוווסטער איטאַליענישער ליברע־טיסט פון יענער צײַט פּ.־א.־ד. מעטאַסטאַזיאָ „דער דערקענטער יויסעף" (ס.־פּעטערבורג, 1783, איבער־זעצער איז, אַפּאָנעם, געווען טרעדיאַקאָווסקי) און „אַכאַשווייִרעש" (אין דער איבערזעצונג פון פּ. מעד־וועדיעוון, ס.־פּעטערבורג, 1738). לאַמיר, אַגעוו, אָפּ־מערקן, אַז לויט די אַנגאַבן פונעם סאָוועטישן מו־זיק־קענער ב. מ. יאַרוסטאָווסקי, איז די ליברעטאָ „אַכאַשווייִרעש", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פאַר דעם איטאַליענישן קאָמפּאָזיטאָר ל. ווינטשי, שפּע־טער געלייגט געוואָרן אין גרונט פון 106 אָפּערעס פון פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן.

מעטאַסטאַזיאָ איז אויך דער אוטאָר פון דער ליב־רעטאָ צו דער אָפּערע „דער קייסער דער פאַסטעך", וועלכע איז געשטעלט געוואָרן (אין אַ רוסישער איבערזעצונג) אינעם אימפּעראַטאָרישן טעאַטער, אינעם טאָג, ווען אויף יעקאַטערינע II איז אָנגעטאָן געוואָרן די קרוין (ס.־פּעטערבורג, 1766).

סאָף XVIII, אָנהייב XIX יה., ווען די פּילצאַליקע ביבלישע גרויזלשאַפטן האָבן געפירט אַ העפטיקע פאַרלעגערישע טעטיקײַט, האָבן אין דער ליטעראַטור און אויף דער טעאַטער־בינע זיך באַוויזן אַ ריי פּיעסן מיט ביבלישע סוזשעטן.

פון די אויסלענדישע אוטאָרן זײַנען אין יענעם פּעריאָד איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין רוסלאַנד דעריקער די פּיעסן פון די באַוווסטע פראַנצויזישע דראַמאַטורגן פון יענער צײַט: ס. פּ. זשאַנליס „האַגאַר אין דער מידבאַר" (מ., 1779), „יויסעף־האַצאַדיק, וועמען די ברידער האָבן דער־קענט" (מ., 1799 און 1810) און זש.־ב. ראַסין — „עסטער־האַמאַלקע", — פינף איבערזעצונגען פאַר די יאָרן 1783 — 1900 (דערונטער די איבערזעצונג פונעם דיכטער פּ. קאַטענין, ס.־פּעטערבורג, 1816), אויך די פּיעסן „אַטאַליע" (עתליה) אָדער „גאָפּאָ־ליע" — פינף איבערזעצונגען פאַר די יאָרן 1784 — 1891. לאַמיר דערעכאַגעוו אָפּמערקן, אַז אויף ראַסינס קאָמעדיע „עסטער־האַמאַלקע" (אין וו. וו. קאַפּניסטס איבערזעצונג) האָט דער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר אי. א. קאָזלאָווסקי אָנגעשריבן אַן אָפּערע, און לויט ג. ר. דערזשאַווינס ליברעטאָ איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ צווייטע אָפּערע פון אַן אומבאַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר.

פּאָרטרעט פון יאָהאַן־גאָטפריד גרעגאָרי, אוטאָר פון דער ערשטער פּיעסע אין רוסישן טעאַטער. דעם פּאָרטרעט האָט אויסגעגראַווירט אויף קופער דער קינסטלער סימאָן גרים. אַאוגסבורג, 1667.

עס זײַנען אויך פּובליקירט געוואָרן די ווערטער פון פּ. אי. הײַדנס אָראַטאָריע „וועלט־באַשאַפונג" (אין דער איבערזעצונג פונעם באַוווסטן היסטאָרי־קער נ. מ. קאַראַמזין, מ., 1801 — ס.־פּעטערבורג, 1811), פון גענדעלס אָראַטאָריע „שאָול" (אין דער איבערזעצונג פון וו. אַנאַסטאַסיעוויטש, ס.־פּעטער־בורג, 1811), „מאָשיעך" (אין דער איבערזעצונג פון א. ק. אַווראַמאָוואַ, מ., 1902), „שימשן" (אין דער איבערזעצונג פון ס. אי. טאַנייעוו און א. ק. אַוואַר־מאָוואַ, מ., 1910, אויך פון יאַ. ראַדיאַנאָוו, מ., 1939), כוץ דעם, באַזונדערע אַריעס און כאָרן פון די אָראַ־טאָריעס: „בעלשאַצאַר", „ייִסראָעל אין מיצראַיִם", „דוווירע", „יעהוישוע בין נון", „יויסעף־האַצאַדיק", „יעהודע מאַקאַבי", „עסטער־האַמאַלקע" (די מער־הײַט אין נ. מ. ספּאַסקיס איבערזעצונג, ס.־פּעטער־בורג, 1886 — 1888, אייניקע אין דער איבערזעצונג פון א. גלאָבאַ אאַ.).

פון די פּיעסן פון די רוסישע אוטאָרן פון יענעם

פּעריִאָד וועלן מיר דערמאָנען די טראַגעדיע „ייִפּטאָך“, „מאַקאַבייער“, „דווירע“.

די טראַגעדיע „ייִפּטאָך“ האָט אָנגעשריבן א. ד. בײַבאַקאָוו (דער הירעראָמאָנאך אַפּאָלאָס), א מיטגליד פון דער רוסלענדישער אַקאַדעמיע, א לערער פון פּאָעזיע און ריטאָריק אין דער מאָסקווער גײַסטיקער אַקאַדעמיע. די טראַגעדיע איז דערשינען אין מאָסקווע צוויי מאָל — אין 1778 און אין 1782.

די טראַגעדיע „די מאַקאַבייער“ (ס.־פּעטערבורג, 1815) האָט געשאַפן דער ליטעראַטאָר און צענזאָר פּ. א. קאָרסאַקאָוו. די ערשטע פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן אין פּעטערבורגער קליינעם טעאַטער אין 1813. דער אוטאָר האָט אָנגעוויזן, אַז אַלס הויפּט־קוואַלן פאַר זײַן פּיעסע האָבן אים געדינט דאָס בוך „מאַקאַבייער“ און די ווערק פון יוסעף פלאַוויוס, אויך פון סטאַקהאָוז, סאָרען, לאַמאָט און לאַגאַרפּ.

די טראַגעדיע „דווירע, אָדער דער טריומף פון דער עמונע“ האָט אָנגעשריבן דער באַוווּסטער טעאַטראַלער טוער א. שאַכאָווסקי. די פּיעסע איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן מיט דערפאָלג אויף דער סצענע פון פּעטערבורגער אַלעקסאַנדרינער טעאַטער אין 1810. אין אַ ארײַנפיר צו דער געדרוקטער אויסגאַבע (ס.־פּעטערבורג, 1811) האָט דער אוטאָר אָנגעוויזן, אַז אין זײַן ווערק האָט אָנטייל גענומען ל. נ. נאָוואַכאָוויטש (יעהודע־לייב בען נויעך, דער באַוווּסטער אוטאָר פונעם „ווײ־געשריי פון דער טאָכטער פון יעהודע“, אין רוסיש און העברעיִש). א. שאַכאָווסקי שרײַבט: „דער ה׳ נאָוואַכאָוויטש האָט מיר געהאָלפן ניט בלויז מיט זײַנע ידיעות אין העברעיִש, ער האָט אַפילו... אָנגעשריבן אייניקע בילדער... א סאַך געדאַנקען און אַפאָריזמען צו דער ראָל פונעם קויהען־גאָדל האָט ער גענומען פון דער טוירע. די פּאָליטישע רעדע פון דווירע האַנעווויִע אין געריכט געהערט אינגאַנצן אים“.

שאַכאָווסקי איז אויך דער אוטאָר פון דער ליברעטאָ צו דער אָפּערע „דווירע־האַנעווויִע“, וואָס די מוזיק צו איר האָט אָנגעשריבן דער קאָמפּאָזיטאָר אי. א. קאָזלאָווסקי.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען נאָך א דראַמע אין לידער — „כעווער“ (ס.־פּעטערבורג, 1837), געבויט לויט די מאָטיוון פונעם בוך „עסטער“. דער אוטאָר פונעם בוך, דער פּאָעט וו. אי. סאָקאָלאָווסקי, איז א געוויסע צײַט געזעסן אין שליסלבורגער פעסטונג און האָט דאָרט שטודירט העברעיִש. ווען ער איז אַרויס אויף דער פרײַ, האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע ווערק אויף ביבלישע סוזשעטן.

אין דער צווייטער העלפט פון XIX יה. און ביז דער רעוואָליוציע באַווײַזן זיך זעלטן אין דער פרעסע ווערק, וועלכע זײַנען געשריבן אונטערן אײַנפלוס פונעם טאַנאַך. די ווערק פון יענעם פּעריִאָד זײַנען פון א קנאַפּער קינסטלערישער קוואַליטעט און זייערע אוטאָרן זײַנען ווייניק באַקאַנטע דראַמאַטורגן. אָט איז א קורצע רעשימע פון אַזעלכע ווערק: „שאָול־האַמעלעך“, אוטאָרן — א. אַבראַמאָווא (ס.־פּעטערבורג, 1911), אויך מ. דאָנכין (פּעטראָקאָוו, 1902); „קוירעכס אופשטאַנד“ פון ב. העלמאַן (אָדעס, 1908), „דער פאָלקס־פירער“ און „ייִרמעיאָהו האַנאָווי“ פון מ. דאָנכין (פּעטראָקאָוו, 1903, 1906), „דאָוויד, דער מעלעך פון יעהודע“ — פון א. נ. קרעמליאָוו (ס.־פּעטערבורג, 1908), „דער כאָכעם שלוימע“ פון י. היימאַן (ריגע, 1881); „עסטער און מאָרדכע“ — פון ש. זעליקסאָן (אָדעס, 1904), „האָמאָן“ פון וו. א. מיכײַלאָווסקי (ס.־פּעטערבורג, 1889), „יעהודיס“ — פון יע. נ. שאַכאָווא (מ., 1877) און פון א בוך אונטערן זעלבן נאָמען פון ד. ס. דמיטריעוו (מ., 1889).

פון די איבערגעזעצטע פּיעסן פון דעם זעלבן פּעריִאָד וועלן מיר אָנווײַזן אויף דער באַוווּסטער טראַגעדיע פון פ. געבעל „יעהודיס“, פאָרעפנטלעכט אין צוויי איבערזעצונגען — פון וו. האָפמאַן (אין 1908) און פון פ. קאָמיסאַרזשעווסקי (אָדעס, 1909), און אויף דער פּיעסע פון פּ. הייזע „שולאַמיס“ אין דער איבערזעצונג פון נ. מינסקער („וואָסכאָד“, 1890, נום. 1 — 6).

א גרויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די אָפּערעס פון יענער צײַט. קוידעמקאָל דאַרף מען אָנווײַזן אויף די „גײַסטיקע אָפּערעס“ און אָראַטאָריעס פון א. ג. רובינשטיין: „דער פאַרלאָרענער גאַניידן“, „דער באָוול־טורעם (דויר־האַפּלאָגע)“, „די מאַקאַבייער“, „מוישע“, „שולאַמיס“ און „האָגאָר“. די ליברעטאָס צו דער מערהײַט פון די דאָזיקע אָפּערעס האָבן אָנגעשריבן אויף דײַטש די באַוווּסטע אין יענער צײַט שרײַבער פון ייִדישער אָפּשטאַמונג ס. ג. מאָזענטאַל און יו. ראָדענבערג (לעווי), כּמעט אַלע זײַנען זיי אַרויסגעגעבן אין רוסיש.

פון די אַנדערע אָפּערעס וועלן מיר אָנווײַזן אויף „מעגילאַס־רוס“ פונעם קאָמפּאָזיטאָר מ. אי. איפּאָליטאָוו־איוואַנאָוו, לויט דער ליברעטאָ פון א. ק. טאָלסטאָי און א. נ. אָסטראָווסקי; „אויפן ריכטער־שטול זיצט שלוימע־האַמעלעך“ — א. נ. טיטאָוו, לויט קלורשינס ליברעטאָ; „יעהודיס“ פון א. נ. סעראָוו, לויט זײַן אייגענער ליברעטאָ מיטן אָנטייל פון א. נ. מײַקאָוו, „דער מאָלצײַט בא בעלשאַצאַר“ (דער לעצטער טאָג פון בעלסאַרוסור) — מוזיק און ליברעטאָ פון א. נ. קאָרעשטשענקאָ.

באַזונדערס דאַרף מען אָפּמערקן די מוזיקאַלע פּיעסן לויט דער ליברעטאָ פונעם באַוווּסטן פאַבריקאַנט און מעצענאַט ס. אי. מאַמאָנטאָוו: „יוסעף־האַצאַדיק“ און „שאָול“. די פּיעסן זײַנען געשטעלט געוואָרן פיל מאָל אין 1878 — 1893 דורכן קונסטקרײַזל אין הויז פון די מאַמאָנטאָווס אין אַבראַמצעוואָ, אויך אין מאַמאָנטאָווס פּריוואַטן אָפּערעטעאַטער אין מאָסקווע. די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס צו „יוסעף־האַצאַדיק“ האָט געמאַכט דער קינסטלער וו. ד. פּאָלענאָוו, און צו „שאָול“ — מ. א. ווערובעל.

אין דעם דערמאָנטן פּעריִאָד זײַנען אין רוסלאַנד געשטעלט געוואָרן אָפּערעס פון אויסלענדישע קאָמפּאָזיטאָרן און עס האָבן זיך געדרוקט די איבערזעצונגען פון זייערע ליברעטאָס: „יוסעף אין מיצראַיִם“ פון וו. נ. מעיול (מעגיול), „נעוווּכאַדנעצאַר“ פון ד. ווערדי; „שימשן און דלילע“ פון ק. סען־סאַנס און „די מאַלקע שוואָ“ פון גאָלדמאַרק (לויט דער ליברעטאָ פון ס. ג. מאָזענטאַל).

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוויי פּיעסן, וועלכע פאַרדינען אונדזער אויפמערקזאַמקײַט: די טראַגעדיע „טאָמאָר“ פונעם טאַלאַנטפולן דיכטער אַנדריי גלאָ־

פראָנטיספיס צו איינעם פון די אקטן פון דער טראגעדיע „טאָמאָר" פון א. גלאַבא. א גראווויר אף האָלץ אין סטיל פון דער אלט־רוסישער מאָלעריַי. אווטאָר פון דער גראווויר — וו. פאוואָרסקי, 1923.

בא, מיט איליוסטראציעס פונעם באוווסטן גראפי־קער וו. פאוואָרסקי (מ., 1923); די טראגיקאָמעדיע „דאָוויד־האַמעלעך" פון אי. מאַטילעוו (בערלין, 1922). דער אווטאָר האָט אָנגעוויזן, אז די פיעסע איז צום ערשטן מאָל באוויזן געוואָרן אף דער רוסישער בינע אין פרילינג 1920 (עס איז אָבער ניט אָנגעוויזן, ווו זי איז געשטעלט געוואָרן).

עס זײַנען אויך געשטעלט געוואָרן צוויי אָפּערעס: „דאָס געוויין פון דער מוטער ראַכל" — ג. נ. דוד־קעוויטש, לויט דער ליברעטאָ פון נ. א. קראשעני־ניקאָוו (אין 1924, אין מאָסקווע) און „יעהודיס" פון אָ. ס. טשישקאָ, לויט זײַן אייגענער ליברעטאָ (אין 1923, אין נאָוואָראָסיִיסק).

דראמאטורגישע ווערק אף ביבלישע און אפּאָק־ריטישע סוזשעטן, ווי די ווערק אין אנדערע מינים קינסטלערישער ליטעראטור און אין דער מאָלעריַי האָבן שטענדיק אריַינגעטראָגן א היפּשן ביַיטראָג אין די קעגנזײַטיקע קולטור־פארהעלטענישן צווישן די פעלקער.

ייִסראָעל קאָוועלמאַן

כראָניק

די צאָל ייִדן אין פארשײדענע לענדער

אונגארן

אין אן ארטיקל, וואָס עס האָט פארעפנטלעכט די בודאפּעשטער צײַטונג „מאדיאר הירעק", ווערן געבראכט פראָטים וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין אונגארן.

פון די 825 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן דאָ געלעבט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, זײַנען פארבליבן בערעך 100 טויזנט, פון וועלכע עס ווױנען איצט 80 טויזנט אין בודאפּעשט און 20 טויזנט אין דער פּראָווינץ.

די מערהײַט אונגארישע ייִדן זײַנען אומגעקומען אין די פאַ־שיסטישע טויטלאגערן. 70 טויזנט ייִדן זײַנען געראטעוועט געוואָרן אין 1945 מיצאד די אָנגרײַפנדיקע טײלן פון דער רויטער ארמיי.

עטיאָפּיע (אביסיניע)

אין אסמאכא — איינער פון די גרעסטע שטעט פונעם לאנד — לעבן 120 ייִדישע מישפּאָכעס. אין אָט דער שטאָט געפינען זיך אויך עטלעכע פאמיליעס פון פאלאשן, וועלכע האלטן זיך פאר ייִדן.

א קליינער ייִדישער יישעוו גע־פינט זיך אויך אין אדיס־אבעבא — דער הויפּטשטאָט פון עטיאָפּיע.

■ ■ ■

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

די ייִדישע מאַקאַרטיסטן זײַנען אף דער וואַך

דער יִסראָעלדיקער איוריט-דיכטער אווראָם שליאָנסקי — אגעוו, איינער פון די פּראָדוקטיווע איבערזעצער פון דער רוסישער ליטעראַטור אף העברעיִש — האָט, קומענדיק צוגאַסט קיין פּאַריז, באַזוכט די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע, און דער געזאַנדטער פון פּסער פּ. אַבראַסימאָוו האָט אין אַ פרײַנטלעכן שמועס מיט אים באַמערקט, אַז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט, דער דיכטער זאָל אין די ראַמען פון קולטור-אויסטויש צוגרייטן אַ זאַמלונג פון זײַנע לידער, קעדיי זיי זאָלן אַרויסגעלאָזט ווערן אין מאָסקווע אין דער רוסישער איבערזעצונג.

דאָס איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן דער אַנטיסאָוועטישער ייִדישער פּרעסע. פון אַלע זײַטן האָבן גענומען אַרויסקריכן אופגעבראַכטע אף שליאָנסקין מאַקאַרטיסטן. אין דער טעל-אוויווער „לעצטע נײַס" איז איינער אַ „שרגא בן ארי", וועלכער רופט זיך „נײַער אוילע פון רוסלאַנד", אַרויס מיט אַ וואָרענונג „אין נאָמען פון די סאָוועטישע ייִדן": „דער דיכטער שליאָנסקי דאַרף וויסן, אַז נאָר ער וועט זיך קוויקן מיט זײַנע לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג. קיין איין סאָוועטישער ייִד וועט געוויס דאָס בוך ניט נעמען אין האַנט נאָכדעם, ווי ער וועט זיך דערוויסן, אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַבראַסימאָוון".

און העכערנדיק שוין דאָס קאָל, ביז צו קוים-פאַרבאַהאַלטענע דראָונגען, ענדיקט דער מאַקאַרטיסט גאַר איידל: „מיר וואָלטן זייער געוואָלט, אַז דער „שידעך" זאָל נישט צו שטאַנד קומען".

מיר וועלן דאָ ניט גיין ענטפערן אף אָט דער נאָטיץ אין די „לעצטע נײַס". אונדזער לייענער ווייסט גוט, אַז קוקן אף אַן „אוילע פון רוסלאַנד", ווי אף אַן אויסדריקער פון די מיינונגען און געשמאַקן פון די סאָוועטישע ייִדן, איז פּונקט דאָס זעלבע, ווי אופהייבן פון דער ערד אַן אַראָפּגעפאַלענעם פאַרדאַרטן בלאַט און זאָגן, אַז דאָס איז דער בוים אַליין.

בעסער וועלן מיר מאַסקים זײַן מיט דער פּאַריזשער צײַטונג „נײַע פּרעסע", וועלכע שרײַבט מיקויעך ענלעכע אָנפאַלן אף אווראָם שליאָנסקין אינעם „ייִדישן פּאַריזש": „אין איינעם פון די אַרטיקלען קעגן שליאָנסקין פאַרענדיקט דער מעכאַבער זײַנע טײַנעס צום יִסראָעל-דיכטער מיטן זאַץ: „וויי-וויי, ווי מיר האָבן גאָרנישט געלערנט!". דער דאָזיקער זאַץ, דאַכט זיך, פּאַסט זיך גיכער פאַר אָט די אַלע פאַרשפּעטיקטע ריטער פון דער קאַלטער מילכאָמע, וועלכע האָבן גאָרנישט געלערנט פון די נײַע ווינטן פון דער וועלט און פירן זיך ווײַטער אַזוי, ווי זיי וואָלטן געלעבט אין די צײַטן פון פּאַרעסטאָלן און דאַלעסן; זיי פּרווון אופהאַלטן די דעמלטיקע אַטמאָספער, לעהייפּעך צו די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון יִסראָעל און פון די ייִדן אומעטום".

די זאָגער און די קלאָגער

ניט לאַנג צוריק איז אין פּאַריז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון 18 ייִדישע קעהילעס פון אייראָפּע. וועגן דעם טאָך פון אָט דעם צונויפקום וועלן מיר ניט ריידן, ס'האָט וועגן דעם טרעפלעך אָנגעשריבן אין דער צײַטונג „אונדזער וואָרט" דער רעאַקציאָנערער זשורנאַליסט לענעמאַן, באַ וועמען ס'האָט אַרויסגערופן אַגמעסנעפעש „דער עצעם אינהאַלט פון די באַראַטונגען און זייערע אויספירן, אָדער, בעסער געזאָגט, די אומעגלעכקײַט צו קומען צו אויספירן"...

שוין איינמאָל אַ קאָנפערענץ.

מירן זיך באַנוגענען מיט אָט דער אָפּשאַצונג לענעמאַנס, און פון אונדזער זײַט בלויז אָפּמערקן פאָלגנדעס.

אף דער קאָנפערענץ פון ייִדישע קעהילעס פון אייראָפּע איז ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן קיין איין-איינציק ייִדיש וואָרט. מע האָט גערעדט אף פראַנצויזיש, ענגליש, דײַטש. די אײַנריכטונג פון סינכראָנישער איבערזעצונג האָט פונקציאָנירט אויך אין די זעלבע דרײַ שפּראַכן, ניט אין ייִדיש, וועלכן, ווי מע דאַרף מיינען, די צונויפגעזאַמלטע אייראָפּעיִשע ייִדישע מאַנהיגים האָבן ניט פאַרשטאַנען, אָדער זיי האָבן זיך געסטאַרעט ניט צו פאַרשטיין.

צו דער קאָנפערענץ איז צוגעגרייט געוואָרן אַ סטענד פון ביכער אף ייִדישע טעמעס. ביכער — אויסשליסלעך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך.

ס'איז וויכטיק אָפּצומערקן, אַז זעלטן-ווער פון די אַראַטאָרן אף דער קאָנפערענץ האָט ניט אָנגעהויבן זײַן רעדע מיט אָנקלאָגן זיך אף דער שווערער לאַגע פון ייִדיש... אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

פֿאַרשיידנס

דאָניצעטיס אַן אומבאַוווּסטע אָפּערע

פּיאָטער דער ערשטער, ווי באַוווּסט, האָט א געוויסע צײַט זיך געפונען אין נידערלאַנדן. אָט דער היסטאָרישער פאַקט איז אויסגענוצט געוואָרן אין די ליברעטאָס פון 17 אָפּערעס. דער נידערלענדער מוזיקאַנט יאַן סכאַאַפּ האָט אין רעזולטאַט פון לאַנגע זוכענישן אין די אַרכיוון פון ריקאָרדיס מוזיק־פאַרלאַג אין מילאַן געפונען נאָך איין דאָניצעטיס אָפּערע וועגן פּיאָטער דעם ערשטן, וואָס איז פריִער געווען אומבאַוווּסט. עס איז אים נייטיק געווען עטלעכע כאַדאָשים אײַנגעאַקשנטע מי, קעדיי צו דעשיפרירן די קימאַט סטענאָגראַפישע באַצייכענונג פון די נאָטן. די דאָזיקע דאָניצעטיס אָפּערע „דער זאַנדאַמער בורגאָמיסטער" וועט געשטעלט ווערן אַף דער בינע פונעם זאַנדאַמער טעאַטער אין מײַ 1973 יאָר. די ראָל פון פּיאָטער דעם ערשטן וועט אויספילן דער האָלענדישער אַרטיסט פּייטער וואַן דען בערג.

(טאַסס)

רײַזעס איבער אונדזער פּלאַנעט

דער פאַרלאַג „מיסל" („געדאַנק") איז צוגעטראָטן צום אַרויסלאָזן א נײַעם פּאָפּולערן געאָגראַפישן יאָרבוך „די ערד און די מענטשן". ס'איז אַרויס פון דרוק דער ערשטער נומער פון אָט דעם שיין אילוסטרירטן זאַמלבוך. דער יאָרבוך אַנטהאַלט זעקס אָפּטיילן: „די ערד אַלס פּלאַנעטע", „דער מענטש און די נאַטור", „דאָס סאָוועטישע לאַנד", „לענדער און פעלקער", „די שטאַפּלען פון דערקענטעניש", „קאַנטקענטעניש און טוריזם". די פאַרצייכענונגען און דערציילונגען פון יעדן אָפּטייל באַקענען די לייענער אין אַן אינטערעסאַנטער און צוגענגלעכער פאָרם מיט די וויכטיקסטע נאַטור־ און עקאָנאָמישע דערשײַנונגען, וואָס קומען פאָר אַף אונדזער פּלאַנעטע, מיט די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק אין געביט פון באַהערשן די רײַכטימער פון דער ערד און פונעם וועלט־אָקעאַן, זיי פיקסירן אונדזער אויפמערקזאַמקײַט אַף די פּראָבלעמען פון אָפּהיטן די נאַטור.

די לייענער וועלן דורכמאַכן רײַזעס איבער פיל לענדער און קאָנטינענטן, באַקענען זיך מיט די זיטן און מידעס פון פאַרשיידענע פעלקער, זיי וועלן זיך נעענטער באַקענען מיט די קאָסמישע פּראָבלעמען און אויך מיט די לעצטע אויספאָרשונגען פון די נאַטור־אוצרעס, וואָס די ערד פאַרמאָגט. געוויס זײַנען אינטערעסאַנט די פאַרצייכענונגען, אין וועלכע ס'ווערט אַנאַליזירט דער סטאַטיסטישער דיסקאָנט פון דער באַפעלקערונג אַף אונדזער פּלאַנעטע. אינעם יאָרבוך באַטייליקן זיך געלערנטע, שרײַבער, זשורנאַליסטן, ספּעציאַליסטן־געאָגראַפן.

עס ווערן געגרייט צום דרוק די אָרדנטלעכע זאַמלונגען „די ערד און די מענטשן".

ל. איוואַנאָוו („איזוועסטיאַ")

ביכער פונעם אַלטערטימלעכן רוסלאַנד

סענסאַציאָנעלע געפינסן, ווײַזט זיך אַרויס, קאָנען זײַן א רעזולטאַט ניט בלויז פון דער אַרבעט פון אַרכעאָלאָגישע עקספּעדיציעס. די עקספּעדיציע פון אַרכעאָגראַפן (זאַמלער פון אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן און ביכער) פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, מיט וועלכער עס פירט אָן דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אי. וו. פּאָזדייעוואַ, האָט פאַר די יאָרן 1966 — 1972 צונויפגעזאַמלט העכער טויזנט מאַנוסקריפּטן און ביכער פון XV — XIX יאָרהונדערט.

די אַרבעטס־מעטאָדן פון אַרכעאָגראַפן שיידן זיך שטאַרק אונטער פון די אַרבעטס־מעטאָדן פון אַרכעאָלאָגן. אויב די אַרכעאָלאָגן זוכן אין דער ערד, זײַנען די אַרכעאָגראַפן באַשעפטיקט מיט זוכן אַף די בוידעמער און קאַמערס. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט מען די זעלטנסטע אויסגאַבע — דעם מאָסקווער „פּסאַלטיר" פון 1624 יאָר — געפונען אין דעם בײַוואָלגער דאָרף ספּאַס אין א פּאַרוואָרפענער אויפּעס־שטאַל. דאָס איז דער צווייטער באַ אונדז אין לאַנד עקזעמפּליאַר, ביז דעם האָט מען געוווּסט בלויז וועגן איין עקזעמפּליאַר אין דער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען אין לענינגראַד.

די אוניווערסיטעט־עקספּעדיציע איז אויסגעווען אין די דערפער און קליינע שטעט פון בריאַנסקער, האָמליער, יאַראָסלאַווער, גאָרקער און אַנדערע געגנטן און געפירט לאַנגע שמועסן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג וועגן די ערטער, ווו עס קאָנען, מעגלעך, זיך געפינען אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן און ביכער.

צווישן די געפונענע ביכער איז פאַראַן א קעשענע־ווערטערבוך, וואָס איז אַלט 300 יאָר. א צווייטער ווערטערבוך איז ייִנגער מיט א יאָרהונדערט, נאָר אים וועסטו אין קעשענע ניט אַרײַנלייגן. דער ווערטערבוך איז איינער פון די מאַנוסקריפּטן, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין א מין אַלמאַנאַך, וואָס האַלט טויזנט זײַטן און איז אײַנגעבונדן אין א מאַסיוון בלאָק.

דער אינהאַלט פון די אַלטערטימלעכע ביכער איז זייער א פאַרשיידנאַרטיקער. נאַטירלעך, אַז צווישן די סאַמע עלטסטע ביכער איז דער גרעסטער טייל פון רעליגיעזן אינהאַלט. אַף איינעם פון די ביכער איז פאַראַן אַן אויפשריפט פונעם אייגנטימער, אַז ער האָט דעם בוך געקראָגן אין נאָיאַבער 1528 יאָר — נאָך באַם קיניגן פון וואַסילי דעם דריטן, דעם פאָטער פון איוואַן גראָזני. אוניקאַל איז אויך דער „טשאַסאָווניק" פון 1650 יאָר — ביז ניט לאַנג צוריק האָט זיך גערעכנט אַלס איינציקער דער עקזעמפּליאַר, וואָס געפינט זיך אין דער באָדלייאַנער ביבליאָטעק פון אָקספאָרד.

די אַלטערטימלעכע ביכער, וועלכע די עקספּעדיציע פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט האָט צונויפגעזאַמלט, פאַרברייטערן אַף א סאַך אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן דער רוסישער קולטור. ביכער, ווײַזט זיך אַרויס, האָבן געהערט ניט בלויז צו רײַכע לײַט. די אויפשריפטן אַף אייניקע ביכער זאָגן איידעס, אַז אויך פויערים האָבן אײַנגעקויפט פאַר דער גאַנצער געמיינדע די אָדער אַנדערע אויסגאַבע. אויך די פאַרשפּרייטונג פונעם בוך איז געגאַנגען מער אינטענסיווער, ווי מ'האָט ביז איצט געמיינט. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז סמאָטריצקיס „גראַמאַטיק", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין מאָסקווע (XVIII יאָרהונדערט), אין געציילטע כאַדאָשים אַרום שוין געווען אין אַרכאַנגעלסק.

לויט דער נאָטיץ פון יו. אַסטראַיאַ אין „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ".

א בוך פון א שרײַבער א ראַדישטשעווע

ס׳איז געפונען געוואָרן נאָך איין עקזעמפּליאַר פון א בוך, וואָס געהערט צו די זעלטנסטע רוסישע אויסגאַבעס, — „די רײַזע פון א קריטיקער", אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אין 1818 יאָר. אָט דער בוך מיט אַן אונטערקעפּל „בריוו פון א רײַזנדער, וואָס באַשרײַבט פאַר זײַן פרײַנט פאַרשיידענע נידערטרעכטיקײַטן, פון וועלכע ער איז אַליין געווען אַן איידעס" איז ביז דער לעצטער צײַט ניט געווען באַוווּסט אַפילו ספּעציאַליסטן. ביז די 50־ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט איז דער בוך ניט געווען דערלערנט און ניט פאַרעגיסטרירט אין קיין איין ספּראַוואָטשניק.

„די רײַזע פון א קריטיקער" איז אַן אַנאָנימע אויסגאַבע. דער ליטעראַטור־פאָרשער ג. מאַקאָגאָנענקאָ האָט ניט לאַנג צוריק פעסטגעשטעלט, אַז דעם בוך האָט אָנגעשריבן נ. א. ראַדישטשעווס א נאָכפאָלגער סאַוועלי פּערעלצט — א רוסישער אויפקלערער פון אָנהייב XIX יאָרהונדערט.

אַזאַ גורל פונעם בוך דערקלערט זיך מיט זײַן שאַרפער קעגנערשאַפט דעם לײַב־אייגנטום.

(טאַסס)

אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק

צוויי פּילזאָגנדיקע ציפערן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם גרויסן אויפטו פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער קולטור, זײַנען געבראַכט געוואָרן סאָף פאָריקן יאָר אויף דער צוויי־הונדערטסטער זיצונג פון דער ביכער־סעקציע באַם מאָסקווער הויז פון די געלערנטע פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס זײַנען די צײַגערס פונעם אַלגעמיינעם סכום ביכער, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אונדזער לאַנד פונעם 1918 ביזן 1972 יאָר, און זייער אַלגעמיינער טיראַזש: 2,5 מיליאָן ביכער־נעמען און 40 מיליאַרד עקזעמפּליאַרן.

קעדיי צו באַגרײַפן די באַדײַטונג פון אָט דעם פאַקט, דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז פאַר 350 יאָר פאַררעוואָליוציאָנערער פאַרלעגערישער טעטיקײַט אין רוסלאַנד איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אינגאַנצן 550 טויזנט ביכער־נעמען מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש ניט מער פון 1,5 מיליאַרד עקזעמפּליאַרן.

מ. קלעווענסקי („איזוועסטיא")

א טעלעוויזיע־מאַראַפאָן

א שווערן אויספּרווו פאַר די פאַרערער פונעם באַוווּסטן ענגלישן שרײַבער דזשאָן האָלסוואָרסי האָט צוגעגרייט די ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־קאָמפּאַניע „בי־בי־סי". אין איינעם פון די לאָנדאָנער קינאָ־טעאַטערן האָט מען באַוויזן דעם גאַנצן טעלעפילם לויט האָלסוואָרסיס ראָמאַן „די סאַגע וועגן די פאָרסײַטס".

די דעמאָנסטראַציע פון 26 סעריעס פונעם פילם האָט געדויערט 24 שאָ. פאַר דער צײַט פונעם „טעלעמאַראַפאָן" זײַנען געמאַכט געוואָרן בלויז זעקס קורצע איבעררײַסן. כאָטש אַלע בילעטן אויף אָט דעם גיגאַנטישן סעאַנס זײַנען פאַרקויפט געוואָרן, זײַנען בלויז 40 צושויער געווען בעקויעך אויסזיצן אינעם זאַל פונעם קינאָ־טעאַטער ביזן סאָף.

פײַערדיקע בלעטער

אַזוי הייסט די נײַע זאַמלונג, וואָס ס׳האָט אַרויסגעגעבן דער כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג. אינעם בוך זײַנען צונויפגעזאַמלט די לידער, וועלכע עס האָבן געשאַפן די סאָלדאַטן, קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן פון דער פאָלקס־רעוואָלוציאָנערער אַרמיי און די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן הינטער וואָלאָטשײַעווקע און ספּאַסק און באַפרײַט טשיטאַ, כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק.

צווישן די אַוטאָרן געפינט זיך דער פאָרזיצער פונעם „טײַגע־אויספּירקאָם" פון אַמורער געגנט ס. שילאָוו, דער פּאַרטיזאַן פּ. פּאַרפּיאָנאָוו, וואָס האָט אָנגעשריבן די באַרימטע ליד «По долинам и по взгорьям» („איבער בערג און איבער טאָלן").

דאָס „דיכטער־הויז"

פון דער סטאַנציע אַשוקינסקאַיאַ, וועלכע געפינט זיך אויף דער יאַראָסלאַווער ריכטונג, פירט דער וועג פאַזע דעם טײַכל טאַליצע, צום באַרימטן ליטעראַרישן מוזיי „מוראַנאָוואָ".

דער באַוווּסטער דיכטער פון דער פּושקינישער צײַט יע. באַראַטינסקי פלעגט אָפט זיך דאָ פאַרנעמען מיט ווירטשאַפטלעכע איניאָנים. לויט זײַן פּלאַן איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס מוראַנאָווער הויז, וואָס האָט זיך פאַרהיט ביז הײַנט־צו־טאָג.

באַראַטינסקי האָט ליב געהאַט אָט די ערטער. אין דער ליד „ס׳איז פאַראַן א באַליבט לאַנד, ס׳איז פאַראַן א ווינקל אויף דער ערד...", וואָס איז אָנגעשריבן וועגן מוראַנאָוואָ, האָט ער אויסגערופן:
„דאָרט וואָלט איך יונג געבליבן אויך אין דער טיפער עלטער!"

אין יאָרן אַרום האָט אין דעם פאָלוואַרק געוווינט דער זון פון אַן אַנדער רוסישן דיכטער — פיאָדאָר איוואַנאָוויטש טיוטשעוו. דער פאָטער איז אָפט געווען באַם זון צוגאַסט. נאָכן טויט פונעם דיכטער האָט דער זון איבערגעפירט זײַנע זאַכן קיין מוראַנאָוואָ.

הײַנט־צו־טאָג געפינט זיך דאָ דער ליטעראַרישער מוזיי אויף פיאָדאָר טיוטשעווס נאָמען, אָדער, ווי מע רופט אים, דאָס „דיכטער־הויז". אין דער עקספּאָזיציע פונעם מוזיי — באַראַטינסקיס און טיוטשעווס פּערזענלעכע זאַכן, פּאָרטרעטן פון די דיכטער, ביכער, בילדער פון XVIII און XIX יאָרהונדערט.

אַרום הויז איז אויסגעשטאַט א זאַנע פאַר אָפּרו.

אַ. ניקאָלסקאַיאַ („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

שפּריכווערטער וועגן פרײַנטשאַפט

וולאַדימיר איליטש לענין האָט זיך אַזוי אָפּגערופן וועגן פאָלקס־ווערטלעך: „עס טרעפן באַפליגלטע ווערטער, וועלכע דריקן אויס ווונדערלעך שאַרף דעם טאַך פון גאַנץ קאָמפּליצירטע דערשיינונגען".

די שפּריכווערטער פון פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע מיר ברענגען ווײַטער, שפּיגלען אָפּ דעם אייביקן טרוים פונעם מענטשן וועגן פרײַנטשאַפט.

א פרײַנט איז דײַן שפּיגל (אַדיגייִש).

א פרײַנט קוקט דיר אין פּנים, א סוינע — אַף די פיס (אַזערבײַדזשאַניש).

פרײַנט גאַנווענען די צײַט. א כעזשבן צווישן זיך איז ניט קיין שטערונג פאַר פרײַנטשאַפט (ענגליש).

ווער עס זוכט פרײַנט אָן כעסרוינעס, פאַרבלײַבט אײַנגאַנצן אָן פרײַנט. בעסער זײַן עלנט, איידער האָבן א שלעכטן פרײַנט (אַראַביש).

אַן אַלטער פרײַנט וועט ניט ווערן קיין פײַנט, און קיין אַלטער פײַנט — א פרײַנט. איין פאַלשער פרײַנט איז געפערלעכער פון טויזנטער פײַנט (אַרמעניש).

פרײַנטשאַפט טריומפירט אָן א געזעץ און אָן א שווערד (אַשוריש).

ווילסטו אַרײַנפאַלן אין א צאָרע, — פאַרפיר א פרײַנטשאַפט מיט א נאַר (אַפגאַניש).

א פרײַנט וועט דעם עמעס זאָגן אין די אויגן, א פײַנט וועט בורטשען הינטערן רוקן (באַשקיריש).

פרײַנט דערקענען זיך אין אַן אייס־צאָרע, ניט אַף א כאַסענע (בולגאַריש).

א פרײַנטלעך פאַרפאַלק קאָן דאָס וואַסער אויספּאָמפּען פון שטילן אָקעאַן (וויעטנאַמיש).

פרײַנטשאַפט לאָזט זיך דערקענען אין וועג (גאַגאַוזיש[1]).

א פרײַנט איז בעסער אַן אַלטער, א פעלץ — א נײַער (דאַרגיניש).

געבן, נעמען, טיילן זיך מיט א סאָד, פאַנאַנדערפרעגן, מעכאַבעד זײַן, נעמען קיבעד — אָט דאָס זײַנען די זעקס סימאָנים פון פרײַנטשאַפט (אַן אַלט־אינדישער אַפאָריזם).

באַקום דיר נײַע פרײַנט, נאָר פאַרגעס ניט די אַלטע. כאַווערשאַפט איז שטאַרקער פון ברודערשאַפט (יידיש).

פרײַנט, מיט וועלכע מע קען זיך טיילן מיט א סאָד, זײַנען פאַראַן א סאַך, נאָר היטן דעם סאָד קאָן בלויז איינער (קאַזאַכיש).

א ברודער איז דיר יענער, וואָס וועט דיר העלפן אין א שווערער צײַט. א פרײַנט וועט א יאַגעדע פון דער ערד טיילן אַף דער העלפט (קאַרעליש).

א שלעכט וואָרט מאַכט פון א פרײַנט אַן אומפרײַנט. אָפּשאַצן א פרײַנט קאָן מען אין אַן אייס־צאָרע, אָפּשאַצן עלטערן — ווען מע האָט אַליין קינדער (קירגיזיש).

אַף א סימכע זײַנען פרײַנט פאַראַן א סאַך, בייס אַן אומגליק — ווייניק (קורדיש).

וועסטו פאַרגעסן א נאָענטן פרײַנט, וועט דיך א ווײַטער פרײַנט פאַרלאָזן. אין א טאַבון האָבן די פערד אַפילע פאַר די וועלף ניט מוירע (מאַרייִש).

פרײַנטשאַפט מיט א גוטן מענטשן איז א לעוואָנע־שײַן, מיט א שלעכטן מענטשן — שלאַנגען־סאַם. כאָטש דו האָסט אַליין סייכל, האַלט זיך אָן אייצע מיט א פרײַנט (מאָנגאָליש).

א שלעכטע שלאַנג איז בעסער פון א שלעכטן פרײַנט. הונדערט פרײַנט איז ווייניק, איין פײַנט — א סאַך (פּערסיש).

ווען דאָס פאָלק איז אייניק, קאָן מען עס ניט בײַקומען. אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלעמען. פויגלען זײַנען שטאַרק מיט זייערע פליגלען, מענטשן — מיט זייער פרײַנטשאַפט. א מענטש אָן פרײַנטשאַפט איז א בוים אָן א וואָרצל. פרײַנטשאַפט און ברודערשאַפט זײַנען טײַערער פון אַלע אוצרעס (רוסיש).

א פרײַנט איז דער שפּיגל פונעם פרײַנט (טאַדזשיקיש).

א כניפעסדיקער פרײַנט איז א פאַלשער פרײַנט (טאַמיליש[2]).

אויב דו קענסט זיך מיטן פרײַנט ניט צעשיידן, זאָג אים ניט קיין באַליידיקונגס־ווערטער, וועלכע ער וועט ניט קענען פאַרגעסן (טאַטעריש).

די פרײַנטשאַפט פון מענטשן קאָן א באַרג מיט אוצרעס שאַפן (טוּוויש).

דער פרײַנט פון דײַן נעשאָמע וועט פאַר דיר ניט קאַרגן זײַן נעשאָמע; דער פרײַנט פון דײַן קעשענע וועט זיך מיטן שטיקל ברויט ניט טיילן (אוזבעקיש).

וואָס פאַר א פרײַנטשאַפט דו וועסט פאַרפירן, פון אַזאַ לעבן וועסטו וויסן. א טרײַער פרײַנט איז דער גרעסטער אוצער (אוקראַיִניש).

בעסער גוטע פרײַנט, איידער שלעכטע קרוווים (פיניש).

די פרײַנט פון אונדזערע פרײַנט — זײַנען אונדזערע פרײַנט. זוך דעם פרײַנט, געפינסטו אים — היט אָפּ (פראַנצויזיש).

געזאַמלט — י. גינעוווסקי

---

[1] גאַגאַוזן — א פאָלק, וואָס וווינט אין מאָלדאַווישער סס"ר, אין איזמאַילער און זאַפּאַראָזשער געגנטן פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטן־רעפּובליק, רומעניע (אין דאָברודזשיע) און בולגאַריע.

[2] טאַמילן — א פאָלק, וואָס בילדעט די גרונט־באַפעלקערונג פונעם שטאַט מאַדראַס אין דאָרעם־אינדיע, אויך א טייל פון דער צייַלאָן־באַפעלקערונג. א היפּשער טייל טאַמילן וווינט אויך אין דאָרעם־מיזרעך־אַזיע און אינדאָנעזיע.

כראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

אן ערן־גראמאָטע דעם ביראָבידזשאנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער

די ביוראָ פון כאבאראָווסקער קאנטישן קאָמיטעט פון קפסס, דער אויספירקאָם פונעם קאנטישן סאָוועט פון דעפוטאטן פון די ארבעטנדיקע און דער פרעזידיום פונעם קאנטישן פראָפאריינען־ראט האָבן לעקאָוועד דעם 50־טן יאָרטאָג זינט דער אויסבילדונג פון פסס באלוינט א גרויסע גרופּע אונטערנעמונגען און אָרגאניזאציעס מיט ערן־גראמאָטעס. צווישן די באלוינטע געפינט זיך דער קאָלעקטיוו פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער.

אַף א פײַערלעכער פארזאמלונג, געווידמעט דער באלוינונג, האָט דער רעזשיסער פונעם פאָלקס־טעאטער ב. שילמאן געזאָגט:

— מיר וועלן ניט שוינען קיין באמיִונגען, קעדיי אויך אַף ווײַטער דערפרייען אונדזערע צושויער מיט נײַע אינטערעסאנטע שטעלונגען, וועלכע וועלן דערציִען די סאָוועטישע מענטשן אין גײַסט פון פאטריאָטיזם און פעלקער־פרײַנטשאפט.

„בריגאנטינע"

אזוי הייסט דער יוגנטלעכער קלוב באם ביראָבידזשאנער קולטור־פאלאץ, אין וועלכן עס האָבן ניט לאנג צוריק זיך פארזאמלט יונגע ארבעטער, סטודענטן, שילער פון די עלטערע קלאסן אַף אָן אָוונט אונטערן דעוויז „מײַן ביראָבידזשאן".

„ביראָבידזשאן נעכטן און הײַנט" — אזא איז געווען די טעמע פון די ארויסטרעטונגען פונעם דירעקטאָר פון קולטור־פאלאץ מארינע קופצאָווא און פונעם העלד פון סאָציִאליסטישער מי כײַע קאראסיק.

אין דעם צווייטן טייל פון דעם אָוונט האָט דער ביראָבידזשאנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער באוויזן סצענעס פון זײַן נײַעם ספעקטאקל „פונעם הימל פאלט גאָרניט אראָפ".

באשטעלונגען אַף ייִדישע ביכער

אפן אדרעס פונעם ביראָבידזשאנער „ביכער־הויז" קומען אָפט אָן בריוו פון לייענער, וועלכע בעטן, מע זאָל זיי ארויסשיקן ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. בלויז פאַר די לעצטע עטלעכע כאדאָשים האָט דאָס „ביכער־הויז" באפרידיקט העכער הונדערט אזעלכע באשטעלונגען.

לעצטנס זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן פאָלגנדע ביכער פאר די לייענער פון טשעליאבינסק, קיִעוו, לענינגראד, כארקאָוו: טעוויע גענס „אונדזערע צײַטן", א גרעסערע בראָשור „די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט", די נײַע זאמלונג „אַף די ברעגן פון בירע און בידזשאן", וועלכע איז דערשינען אין רוסיש אינעם כאבאראָווסקער קאנטישן פארלאג.

טעאטער און עסטראדע

ווידער אין וועג

אין א שמועס מיטן קינסטלערישן אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל, דעם פארדינסטפולן ארטיסט פון רספסר בינייאָמין שווארצער האָבן מיר אים פארגעבן צוויי פראגן: ווו האָט דער אנסאמבל דורכגעמאכט זײַנע לעצטע גאסטראָלן אין 1972 און מיט וועלכע צושויער וועט ער זיך באגעגענען אין יאנואר 1973?

— די לעצטע טעאטער־גאסטראָלן פונעם יאָר 1972, — האָט געענטפערט בינייאָמין שווארצער, — האָבן מיר געהאט אין צוויי שטעט ניט ווײַט פון מאָסקווע — אין בריאנסק און קלינצי. דאָס זײַנען טיף־רוסישע שטעט מיט ניט קיין גאָר גרויסער ייִדישער באפעלקערונג. נאָר טעאטער האָט מען בא אונדז ליב אומעטום. מע האָט אויך דאָ אונדז גאנץ ווארעם אופגענומען. געפירט האָבן מיר אין אָט די שטעט דרײַ פאָרשטעלונגען פון אונדזער פראָגראם: „טעוויע דער מילכיקער", „איבערן אָקעאן" און „די קישעפמאכערן", וועלכע מיר האָבן באוויזן אין דער געבײַדע פונעם בריאנסקער געגנטלעכן טעאטער און אין שטאָטישן קולטור־פאלאץ פון קלינצי.

אומעטום האָבן מיר זיך באגעגנט מיט א יאָמטעוודיק געשטימטן אוילעם. די גאסן און פלעצער זײַנען אין די טעג געווען פארפוצט מיט לאָזונגען און טראנספאראנטן לעקאָוועד דעם 50־טן יאָרטאָג פונעם סאָוועטנפארבאנד. באגריסנדיק די צושויער מיטן אָנקומענדיקן נײַ־יאָר, האָבן מיר זיי אויך דערציילט וועגן די נײַע ספעקטאקלען, וועלכע מיר וועלן באווײַזן אין 1973.

— אונדזערע ערשטע דערפאָלגן, — זעצט פאָר ב. שווארצער, — האָבן מיר שוין געהאט גלײַך מיטן אָנקום פונעם נײַעם יאָר, ארויסטרעטנדיק פאר די מאָסקווער צושויער אין די ערשטע טעג פון יאנואר מיט דער פרעמיערע „דרײַ פינטעלעך" לויט שאָלעם־אלייכעמען. זאָל דאָס זײַן א גוטער אָנהייב! און איצט גרייטן מיר זיך ווידער אין וועג ארײַן.

פונעם 12 יאנואר זעצן מיר פאָר די ווינטער־גאסטראָלן. דאָס וועט זײַן א רײַזע איבער די שטעט פון ווײַסרוסלאנד (אָרשע, באָברויסק, באָריסאָוו, פינסק, מאָזיר, קאלינקאָוויטשי), ווו מיר וועלן, אויסער די פריִערדיקע ספעקטאקלען, באווײַזן אונדזער נײַע פאָרשטעלונג „דרײַ פינטעלעך".

קאָנצערטן, געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון פססר

דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער צוזאמען מיט זײַנע כאָרעאָגראפישע און וואָקאלע אנסאמבלען האָבן לעקאָוועד דעם פופציקסטן יאָרטאָג פון סאָוועטנפארבאנד באוויזן א גרויסן קאָנצערט פון סאָוועטישע ייִדישע לידער, מוזיק און טענץ.

דער זאל פונעם רעפובליקאנישן קולטור־פאלאץ פון די פראָפאריינען, ווו דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען, איז געווען פול געפאקט.

אין דעם ערשטן טייל פונעם אָוונט האָט דער פאָלקס־טעאטער באוויזן שאָלעם־אלייכעמס איינאקטער „מענטשן", א פיעסע מיט א טיפן סאָציִאלן אינהאלט, וועלכע די צושויער האָבן זייער גוט אופגענומען. ס'איז קעדײַ צו באמערקן, אז אינעם נײַעם ספעקטאקל האָבן זיך באטייליקט ניט נאָר וועטעראנען פונעם פאָלקס־טעאטער, אזעלכע, ווי מאָטל קאנאָוויטש, ארן צוויזאָן, גאָרעליק אא., נאָר אויך נײַע, פרישע קויכעס — די טאלאנטפולע שוישפילער כאִים קאָגאן, צאָדיק פראנק, מעניע גאָרנשטיין, ליזע ווײַנשטיין אא.

א שטארקן אײַנדרוק האָט געמאכט אויך דער צווייטער טייל פונעם קאָנצערט. דאָ זײַנען ארויסגעטראָטן דער אָרקעסטער פון פאָלקס־אינסטרומענטן, אָנגעפירט פון א. כוילין (ייִדישע פאָלקס־ניגונים און ווערק פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן, — סאָליסטן גילמאן, גאָלדפײַן, קאץ, פישער), דער עסטראדע־אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פונעם טאלאנטפולן מוזיקער און זינגער יאקאָוו מאגיד, אין וועלכן עס באטייליקן זיך די וואָקאליסטן א. קויראס, אירען קראוזע און די אויספילערן פון ייִדישע פאָלקסלידער יעלענע סאדאָווניקאָווא.

מיט אן אינטערעסאנטער פראָגראם איז אויך ארויסגעטראָטן דער כאָרעאָגראפישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון א. עפשטיין.

יאנקל וויניצקי

ווייניק באַוווסטע פאָטאָגראַפיעס פון שמועל האַלקין

ש. האַלקין אין 1946

פון לינקס אויף רעכטס: ש. האַלקין, מ. גרוביאַן, ש. דריז, א. גאָנטאַר (1958)



מיטן קאָמפּאָזיטאָר
לייב יאַמפּאָלסקי (1957)

מיטן מאָלער
טאַנכום קאַפּלאַן (1939)

מיט זײַן לעבנס־פֿרײַנט
מאַרי האַלקינע (1960)

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

עס איז געוואָרן 100 יאָר, זינט אינעם גוט כרושטשעוואָ, אָריאָלער גוב., איז געבוירן געוואָרן (4 פעוורואַל 1873) דער רוסישער סאָוועטישער שרײַבער מיכאַיל מיכײַלאָוויטש פּרישווין.



אין די יונגע יאָרן האָט מ. פּרישווין פיל געוואַנדערט איבער די צאָפנדיקע ראַיאָנען פון רוסלאַנד און האָט אפן סמאך פון די וועג־אײַנדרוקן אָנגעשריבן דאָס בוך „אינעם קאַנט פון ניט איבערגעשראָקענע פייגל" (1907). נאָך זײַנע רײַזעס איבער קרים און קאַזאַכסטאַן זײַנען אַרויס די ביכער „אָדאָם און כאַווע" (1909), „דער שוואַרצער אַראַבער" (1910) אאַ. אין די 20־ער יאָרן האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן זײַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „די קאַשטשייקייט", איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן. דער ראָמאַן פירט אַרײַן דעם לייענער אינעם שרײַבערס לאַבאָראַטאָריע און באַווײַזט, ווי עס האָט זיך אויסגעפורעמט דעם קינסטלערס באַוווּסטזײַן.

מ. פּרישווין האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל מיניאַטורן וועגן דעם לעבן פון דער נאַטור. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער אַרויסגעגעבן זײַנע „דערציילונגען וועגן די לענינגראַדער קינדער" (1943), „אַ מײַסע וועגן אונדזער צײַט" (1945, דער פולער טעקסט דערשינען אין 1957). אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט פּרישווין, ווי שטענדיק, געשענקט פיל קוויכעס זײַנע טאָגביכער (נאָך זײַן טויט זײַנען זיי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם בוך „די אויגן פון דער ערד", 1957).

די פּינקטלעכקייט פונעם קינסטלערס באַאָבאַכטונגען, זײַנע אָנגעשטרענגטע פילאָסאָפישע זוכונגען, זײַן הויכע זיטלעכקייט און די באַהעפטקייט מיט דער פאָלקסשפּראַך — דאָס אַלץ גיט צו אַ באַזונדערן כיין די ווערק זײַנע. „פּרישווינס ווערטער, — האָט געשריבן ק. פּאַוסטאָווסקי, — בליִען און שעמערירן, זיי זײַנען פול מיט פרישקייט און שײַן".

מיכאַיל מיכײַלאָוויטש פּרישווין איז געשטאָרבן דעם 16 יאַנוואַר 1954 אין מאָסקווע.

דעם 17 פעוורואַל 1878, מיט 95 יאָר צוריק, איז אין ביאַליסטאָק געבוירן געוואָרן דער שרײַבער און דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו (יויסעף פּערלמאַן).

צו 14 יאָר (אין 1892) האָט דימאָוו דעביוטירט מיט הומאָרעסקעס אין רוסישע צײַטונגען. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער פעליעטאָניסט אין אַזעלכע צײַטונגען, ווי „סאַטיריקאָן", „אוטראָ" (פרימאָרגן) און אַנד. אין עלטער פון 30 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אין ייִדיש.

אין 1907 האָט אָ. דימאָוו אָנגעשריבן אַ דראַמע וועגן פּאָגראָמען אַף ייִדן אונטערן נאָמען „שמאַ־ייִסראָעל". זי איז געגאַנגען אַף דער רוסישער און ייִדישער בינע. זײַן צווייטע דראַמע — „דער אייביקער וואַנדערער" (וועגן דער רעכטלאָזער לאַגע פון די ייִדן אינעם צאַרישן רוסלאַנד) — איז אין 1922 אַרויס אין אַ בוכפאָרם אין ייִדיש.

אין 1912 האָט אָ. דימאָוו אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן אין דער ייִדישער פּרעסע מיט דערציילונגען, פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, נאָר מערסטנטייל האָט ער געשריבן פאַרן טעאַטער. מיר וועלן דאָ אָנרופן אייניקע פּיעסן דימאָווס, וועלכע זײַנען געשפּילט געוואָרן אַף דער ייִדישער בינע פון אַמעריקע: „דער געדונגענער כאָסן", „דער קאַטאָרזשניק", „די מילכאָמע" (וועגן דער ערשטער וועלט־מילכאָמע), „די וועלט אין פלאַמען" (וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין רוסלאַנד), „די דערוואַכונג פון אַ פאָלק" און אַנד. פיל פון דימאָווס פּיעסן זײַנען דערשינען אין אַ בוכפאָרם, צווישן זיי: די קאָמעדיעס „בראָנקס עקספּרעס", „ברויט", די מעלאָדראַמעס „דער זינגער פון זײַן טרויער", „דעם רעבנס כאַסענע" אאַ.

אין אַ בוכפאָרם זײַנען אויך אַרויס דימאָווס דערציילונגען „מיידלעך־מוטערס" און „שטאָט־מעשוגאָיִם", זײַנע זיכרוינעס אין צוויי בענדער „וואָס איך געדענק".

אָסיפּ דימאָוו איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 3 פעוורואַל 1959.

מיט 100 יאָר צוריק, אין 1873, איז אין דאָרף לעבן דעם שטעטל לאַגאָוויץ (וואָלין) געבוירן געוואָרן דער געלערנטער און ליטעראַטור־פאָרשער ייִסראָעל צינבערג.

הויכבילדונג האָט י. צינבערג באַקומען אין קאַרלסרוער (דײַטשלאַנד) פּאָליטעכניקום. פון 1898 האָט ער געוווינט אין פּעטערבורג, ווו ער איז אין משך פון צענדליקער יאָרן געווען דער אָנפירער פון דער כימישער לאַבאָראַטאָריע באַם פּוטילאָווער שטאָלגוס־זאַוואָד (הײַנט קיראָוו־זאַוואָד). אין 1900 האָט י. צינבערג דעביוטירט אין דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג מיט דער מאָנאָגראַפיע וועגן איינעם פון די אָנגעזעענסטע האַסקאָלע־טוער אין רוסלאַנד ייִצכאָק־בער לעווינזאָן.

צינבערג האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ווערטפולע ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. ער איז דער אויטאָר פון די קולטור־היסטאָרישע עסייען „די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור", „די פּאָרגייער פון דער ייִדישער זשורנאַליסטיק אין רוסלאַנד", „דער „קול מבשר" און זײַן צײַט" אאַ. ער האָט פאַרנומען אַ בעקאָוועדיק אָרט צווישן די אויטאָרן און רעדאַקטאָרן פון דער 16־בענדיקער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע".



יִסראָעל צינבערג האָט אין דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדיע געפירט די אָפּטיילן „ייִדישע קולטור אינעם אייראָפּעיִשן פּעריאָד" און „די נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור", ער האָט אין איר אויך פאַרעפנטלעכט א היפשע צאָל וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען.

דאָס לעבנסווערק פון יִסראָעל צינבערג איז זײַן 9־בענדיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט „די געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן".

יִסראָעל צינבערג איז טראַגיש אומגעקומען אין 1939.

דעם 7 פעברואַר ווערט 90 יאָר, זינט אין אַנטאָפּאָל, גראָדנער גוב., איז געבוירן געוואָרן דער ייִדיש־העברעיִשער שרײַבער מוישע סטאַווסקי.

פאַרלאָזט צו 16 יאָר דאָס שטעטל, האָט מ. סטאַווסקי געלעבט טיילווײַז אין וואַרשע, טיילווײַז אין קרעמענטשוק, וווּהין עס זײַנען אַריבערגעפאָרן זײַנע עלטערן. אין וואַרשע האָט ער אין סאָף פון 1906 דעביוטירט אין דער צײַטונג „וועג" מיט א נאָוועלע „א זומער־פרײַטיק אין א קליין שטעטל", דערנאָך געדרוקט דערציילונגען און סקיצן אין פאַרשיידענע צײַטונגען און זאַמלביכער, אויך רעדאַגירט אייניקע זאַמלביכער („לעבנס־קלאַנגען", „זומער", „טישריי", „פרילינג־שטראָמען"). אין סאָף 1911 האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַלעסטינע.

מוישע סטאַווסקיס דערציילונג „לאָוואָן האַאַראַמי" איז פּאָפּולער אין דער קינדער־ליטעראַטור. אין 1919 האָט דער קיִעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" אַרויסגעגעבן זי אין א בוכפאָרם.

ביז סטאַווסקיס אָפּפאָרן קיין פּאַלעסטינע, אין 1909, איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון ב. שימין אַרויס א זאַמלונג פון זײַנע ווערק אינעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן — „אידיליען און בילדער" („שטומע פרײַנט", „ווען טאָג פאַרגייט", „אַראַבער דערציילן"). אין פּאַלעסטינע האָט מ. סטאַווסקי פאַרעפנטלעכט א גרויסע צאָל גרעסערע דערציילונגען — „צו קיוועריִסראָעל", „דער יאָסעם", „טשודע־גאַנעוו", „די מאַמע" אא.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מ. סטאַווסקי דורכגעמאַכט א לענגערע רײַזע איבער אייראָפּע און אַרויסגעגעבן אין קלעצקין־פאַרלאַג פינף בענדער פון זײַנע געזאַמלטע ווערק (דרײַ אין ייִדיש, צוויי — אין פּויליש). אין פּאַלעסטינע האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אין העברעיִש, בלײַבנדיק אָבער געטרײַ צו ייִדיש.

א שטאַרקן אײַנדרוק מאַכט מ. סטאַווסקיס סעריע אַראַבישע דערציילונגען און לעגענדעס (אַרום 1000 מײַסעלעך), וועלכע זײַנען דערשינען אין איליוסטרירטע העפטן אין פאַרלאַג „דביר".

מוישע סטאַווסקי איז געשטאָרבן דעם 6 יון 1964 אין טעל־אָוויוו.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

א זאַמלונג פון ייִדישע זינגלידער

אין לאָס־אַנדזשעלעס איז דערשינען א נײַע זאַמלונג „געזאַנגען" פונעם קאָמפּאָזיטאָר יוסף שראַגין — מוזיק צו די טעקסטן פון 60 לידער — פאַר עסטראַדע־זינגער און פאַר כאָראַלע קאָמפּאָזיציעס.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף פונעם ייִדישן מוזיק־פאַרבאַנד.

רעפּעראַטן אף ייִדישער טעמאַטיק

אין פּראָגער ייִדישן מעלוכישן מוזיי איז געלייענט געוואָרן א ציקל רעפּעראַטן אף ייִדישער טעמאַטיק. די רעפּעראַטן זײַנען איליוסטרירט געוואָרן מיט אויסצוגן פון ייִדישע מאַנוסקריפּטן און פון באַזונדערע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין די פאַרלאַגן פון מאָראַוויע.

צום פינפטן יאָרצײַט פון אוריִעל ווײַנרײַך

צום פינפטן יאָרצײַט פונעם באַקאַנטן ייִדישן שפּראַך־פאָרשער, אווטאָר פון ביכער צו דערלערנען ייִדיש, אוריִעל ווײַנרײַך איז אינעם פאַקולטעט־זאַל פונעם קאָלומביער אוניווערסיטעט פאָרגעקומען אן אָנדענק־אָוונט, אף וועלכן עס איז אַרויסגעטראָטן דער פּרעזידענט פונעם אוניווערסיטעט דר. וויליאַם מעגיל און אוריִעל ווײַנרײַכס שילער.

א בראָשור וועגן ייִדישער אָרטאָגראַפיע

אין ניו־יאָרק איז דערשינען א בראָשור וועגן ייִדישער אָרטאָגראַפיע. אין איר גייען אַרײַן 10 לעקציעס וועגן די פּרינציפּן און הויפּט־קלאָלים פונעם ייִדישן אויסלייג. די אויסגאַבע האָט צונויפגעשטעלט פּראָפעסאָר מאָרדכע שעכטער.

געשיכטע פון די יוגאָסלאַווישע ייִדן

אין טעל־אָוויוו איז דערשינען א בוך פון יאַקיר עווענטאָוו (בא דער מיטאַרבעט און רעדאַקציע פון דר. צווי ראָטעם), וואָס שילדערט די געשיכטע פון די יוגאָסלאַווישע ייִדן פון די עלטסטע צײַטן ביזן סאָף פון XIX יאָרהונדערט.

אַזוי ווי די ייִדן פון יוגאָסלאַוויע איז שווער צו לייענען העברעיִש, האָט די פעדעראַציע פון די ייִדישע געמיינדעס אין בעלגראַד באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך אין די סערביש־כאָרוואַטישע שפּראַכן. איצט איז דאָרט דערשינען דער ערשטער טייל פונעם בוך, וואָס איז באַגלייט מיט 22 איליוסטראַציעס.

ייִדן אין פראַנקרײַך אין דער צײַט פון דרייפוס־פּראָצעס

אינעם „קאַלמען לעווי־פאַרלאַג" איז דערשינען א בוך פון מישעל מאָריס „ייִדן אין פראַנקרײַך אין דער צײַט פון דרייפוס־פּראָצעס". אווטאָר פונעם בוך איז דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין טאָראָנטער אוניווערסיטעט (קאַנאַדע).

■ ■ ■

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Слова и словосочетания:

1) **הייסט עס**; 2) **הי־געבוירענער**; 3) **עלטער** מ; 4) **דאָרעם** מ; 5) **דאָר** מ (**דוירעס**); 6) **טכום־האמוישעוו** מ; 7) **קירזשנער** מ ־; 8) **קלעקן**; 9) **געזינד** ז, **געזינדל** ז; 10) **בכאָר** מ (**בכוירים**); 11) **ווי־ניט־איז**; 12) **טאלמעד־טוירע** וו ־ס; 13) **לערן־ייִנגל** ז ־עך; 14) **אויס־ברעכן** (**האָט אויסגעבראָכן**); 15) **פלאקערן**; 16) **אין מעשעך** (**פון**); 17) **בײַטן זיך** (**האָט זיך געביטן**); 18) **מאכט** וו; 19) **א שטיק צײַט**; 20) **באלעבאטעווען**; 21) **אומקומען** (**איז אומגע־קומען**); 22) **פרײַוויליק**; 23) **ארײַנטרעטן** (**בין ארײַנגעטראָטן**); 24) **ריי** וו ־ען; 25) **געגנט־לעכער**; 26) **אופציִען** (**האָב אופגעצויגן**); 27) **באזעצן זיך**.

Их перевод:

1) Значит, таким образом; 2) местный уроженец (**הי'** — здесь, в этом городе, селе и т. п.); 3) возраст (но: וו **עלטער** — старость, **עלטער** (сравнит. степень) — старше); 4) юг (**דאָרעם־בוג** — Южный Буг); 5) поколение; 6) черта оседлости (вне которой при царизме евреи не имели права проживать); 7) шапочник; 8) хватать (**האָט קוים געקלעקט** — едва хватало); 9) семья, семейка; 10) первенец; 11) кое-как; 12) талмуд-тора (полурелигиозная, полусветская начальная школа для детей еврейской бедноты, содержавшаяся на средства филантропических обществ); 13) ремесленный ученик; 14) вспыхнуть; 15) пламенеть; 16) в течение; 17) сменяться; 18) власть; 19) долгое время (*дословно*: кусок времени); 20) хозяйничать (**באלעבאָס** — хозяин, **באלעבאטים** — хозяева); 21) погибнуть; 22) добровольно; 23) вступить; 24) ряд; 25) областной (**געגנט** — область); 26) воспитать; 27) поселиться, осесть.

Упражнения.

1) Следующий разговор переведите письменно на еврейский язык: — Сколько вам лет? — Мне минуло недавно двадцать девять лет. — Какое у вас образование? — Я окончил десятилетку (среднюю школу). — Служили ли вы в Советской Армии? — По окончании школы я один год поработал слесарем на заводе, а потом меня призвали в армию. — Получили ли вы в армии какую-либо военную специальность? — В армии я стал танкистом. — Расскажите о своей жизни после военной службы. — Из армии я вернулся в свой родной город, в Винницу, на свой завод и получил там работу водителя грузовой машины. — Женаты ли вы? — У меня жена и двое детей. — Работает ли жена? — Да, она работает на макаронной фабрике. — На кого вы оставляете в рабочие дни детишек? — Сынишка, пяти лет, ходит в детсад, а за двухлетней дочкой присматривает теща моя; она вдова и живет вместе с нами; она также ведет наше хозяйство.

Слова и словосочетания:

1) Сколько вам лет?; 2) мне минуло; 3) недавно; 4) десятилетка; 5) служить; 6) по окончании; 7) поработать; 8) слесарь; 9) призвать в армию; 10) какой-либо; 11) специальность; 12) военная служба; 13) вернуться; 14) водитель грузовой машины; 15) женатый; 16) макаронная фабрика; 17) оставлять; 18) рабочий день; 19) пяти лет; 20) детсад; 21) присматривать за *кем-либо*; 22) теща; 23) вдова.

Их перевод:

1) וויפל זײַט איר אלט?; 2) איך בין (אלט) געוואָרן; 3) דאָ ניט לאנג; 4) א צעניאָריקע שול; 5) דינען; 6) אז (איך) האָב געענדיקט; 7) אָפּארבעטן; 8) שלאָסער מ ־ס; 9) רופן צום פּריזיוו; 10) וואָסערער־ניט־איז; 11) מיליטער־דינסט וו; 12) פּאך מ; 13) אומקערן זיך; 14) פירער פון א לאסטמאשין; 15) באוויַיבטער; 16) מאקאראָנען־פאבריק וו ־ן; 17) (איבער)־לאָזן; 18) ארבעטסטאָג מ (ארבעטסטעג); 19) פינף יאָר אלט; 20) קינדער־גאָרטן מ (קינ־דער־גערטנער); 21) אכטונג געבן אף עמעצן; 22) שוויגער וו ־ס; 23) אלמאָנע וו ־ס.

2) Переведите на русский язык следующие предложения:

1. דער זיידע וויל איצט לייענען די צײַטונג. 2. ער דארף אָפּפירן דאָס אייניקל אין שול אריַין. 3. ער קאָן נאָך פארשפּעטיקן. 4. ער מוז באלד גיין. 5. ער קען גוט שפּילן אין שאָך. 6. ער קען איַיך זייער גוט.

Грамматическое замечание.

Обратите внимание на слова, подчеркнутые в первых пяти предложениях. Это так называемые модальные глаголы. Смысл они получают лишь в сочетании с инфинитивом другого, знаменательного глагола. Их поэтому называют иногда глаголами неполного высказывания. От других глаголов эти модальные глаголы отличаются тем, что в третьем лице единственного числа они не получают никакого личного окончания. Ср.:

ער לייענט־ ט — ער וויל לייענען.

А не:

ער וויל־ט לייענען.

Точно так же:

ער דארף, ער קאָן, ער מוז, ער קען.

В предложении 6 глагол קען — не модальный («знать»), однако под влиянием того же глагола с модальным значением он также лишен в третьем лице единственного числа окончания ־ט (см. предложение 5).

3) Проспрягайте в формах настоящего времени указанные модальные глаголы:

וועלן, דארפן, מוזן, קאָנען. קענען.

4) Обратите внимание на различие в способах образования названий лиц женского пола:

а) שילער — שילערן; איַינוווינער — ?; לערער — ?; צושניַידער — ?

б) באלעבאָס — באלעבאָסטע; כאוועך — ?; אקשן — ?

в) צווייטקלאסניק — צווייטקלאסניצע; קאָלווירטניק — ?; פּוסטעפּאסניק — ?

г) פּיאָנער — פּיאָנערקע; שטיפער — ?; בלאָנדין — ?; דעלעגאט — ?

д) אלמען — אלמאָנע; זאָקן — זקיינע; שאָכן — ?

5) Обратите внимание и на случай, когда соответствующие названия лиц мужского и женского пола имеют различные корни:

זון — טאָכטער; פּאָטער — ?; ברודער — ?; זיידע — ?; איידעם (зять) — ?; שווער — ? (тесть, свекор)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

■ ■ ■



נאַרעלע

ווערטער פון אווראַם גאַנטאַר מוזיק פון לייב בירנאָוו



ווער קוקט אין פענצטער דאָס צו מיר?
יאָ, ס׳איז זי, כ׳מעג שווערן.
נארעלע, עס דאכט זיך דיר,
ס׳קוקט אריַין א שטערן.

ווער זשע זינגט עס בא דער טיר?
יאָ, כ׳געדענק דעם ניגן.
נארעלע, ס׳איז ניט פאר דיר,
א מאמע זינגט באם וויגל.

ווער זשע קלאפּט צו מיר אין שויב?
יאָ, ס׳איז אירע פינגער.
נארעלע, ס׳איז א טויב,
צי א ווינט א פלינקער.

ווער זשע רופט מיך אזוי צארט?
יאָ. ס׳איז זי אצינדער.
נארעלע, דאָס בענקט דיַין הארץ —
ווילסט דעם מאכן לינדער.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 18/I 1973 г. Формат $70 \times 108^{1}/_{16}$. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1976.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Государственного Комитета Совета Министров СССР
по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

А. Вергелис. Письма из Европы (октябрь—ноябрь 1972).

Х. Меламуд. Горе и радость (роман. Продолжение).

Рассказы И. Рабина, Ш. Горшман.

Стихи А. Гонтаря, Ш. Ройтмана, Д. Хайкиной, П. Плоткина, М. Гольдмана.

Наши публикации. Стихи М. Грубиана, О. Дриза; С. Галкин. Моя автобиография.

Трибуна жизни. Х. Мальтинский. В пути.

По следам событий. Очерки Б. Маслова, И. Крочека, Н. Наумова.

М. Поляновский. Встречи с интересными людьми.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. О книге И. Серебряного «Современники и классики».

Комментарии редакции. Наши сообщения. Хроника. Разное. Это интересно. Из нашего фотоархива. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.